ברוך יודא קליין

# דער הייליגער
# חתם סופר

**ציצים ופרחים, ביאָגראַפישע שטריכן, פראַגמענטן אַלגעמיין נישט גענוג באַקאַנטע היסטאָרישע ידיעות, געדאַנקען און באַמערקונגען, וועגן דעם רבן של ישראל, רבינו משה סופר, דער הייליגער חתם סופר זצ"ל**



א

"איני חס וחלילה כחולק על מרן רשכבה"ג החת"ס ז"ל, כי אינני בקי בשיחת חולין דיליה". (דער הייליגער צאַנזער רב אין שו"ת דברי חיים או"ח סי' ח).

"שאין בידינו הפעוטים להכריח בדבר שגדולי קמאי הניחו בספק, ובפרט גאון אחרון שבבתראי, הוא ניהו החתם סופר ז"ל". (שו"ת דברי חיים חלק שני סי"ח).

"ובאמת אינני כדאי לחלוק על החתם סופר מארי' דכולא תלמודא ולמד תורה לשמה ואיש אלקים" (הגה"ק מסאָכטשוב, שו"ת אבני נזר אהע"ז סי' קנ"ג אות ט"ו).

"הרי לנו דבר נפלא מגאון עולם, אביר הרועים, רבינו שבגולה אשר הוא עמוד הוראה שכל בית ישראל נשען עליו; ומי יבוא אחריו" (הגאון רבי אליהו דוד רבינאָוויץ תאומים, האדר"ת, מתוך מכתבו בקובץ שיבת ציון).

"וכן העלה הפרי מגדים והפרי חדש ואחריהם גאון עולם משוש דור בעל חתם סופר". (האמרי בינה בירחון אור תורה שנה ב' חו' ד' סי' ב).

"וכן היה בדורינו האחרון, האיש האלקי, מאור הגולה בעל החתם סופר זצ"ל, אשר מלך על כל העולם כולו בכבודו ובכל מקום אשר דבריו הגיעו סרו למשמעתו וינהו אחריו כל בית ישראל בראותם צדקתו ויושרו הכל לשם שמים". (ס' תיקון משה, הגאון רבי משה פאַלאַק, אב"ד באָניהאַד).

"הוראתו אליבא דאמת, דמשה אמת ותורתו אמת". (שו"ת חבצלת השרון, חלק אהע"ז בהשמטות, הגאון רבי מנחם מאַניש באַב"ד אב"ד טאַרנאָפּאָל).

"הלא גדול האחרונים מרן בעל חתם סופר בתשובותיו גילה תעלומות". (לבושי מרדכי, שו"ת אהע"ז סימן כב).

"תנא האלקי בעל חתם סופר זצ"ל". (הג"ר דוד יהודה לייב זילבערשטיין זצ"ל אב"ד ווייצען, בספרו שבילי דוד או"ח ריש ח"ג עמ' י"ח).

"נראה דט' מינוט ודאי סגי, הואיל ונפק מפומיה דגאון החת"ס ז"ל" (חזון איש, "קונטרס השיעורים" עמ' 120).

"בודאי שאין דרך החתם סופר לכתוב בחידושיו דברי נבואות, אלא שלמד מדברי חכמינו זכרונם לברכה דברים ברורים. ואף שרוח הקודש הופיעה בבית מדרשו, מכל מקום לא כתב בחידושיו מה שלא נתברר לו משו"ס ופוסקים". (מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע "דברי יואל, מכתבים" חלק א', מכתב עה).

הגאון רבי עזריאל יודא לעבאָוויטש, דער ווינער רב זצ"ל, האָט דערציילט, אַז הגאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל האָט אים אַמאָל געזאָגט: "דער חתם סופר איז געווען דער גרעסטער אין די לעצטע פינף הונדערט יאָר".

ווען דער ווינער רב האָט אים געפרעגט: איז דען "דער גאון", דער ווילנער גאון, נישט געווען אַזוי גרויס אין תורה?

האָט אים רבי אהרן קאָטלער געענטפערט: "אין תורה איז שווער צו מעסטן. דער חתם סופר איז אָבער געווען אומגעהויער גרויס הן אין תורה, הן אַלס מרביץ תורה פאַר הונדערטער תלמידים, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן צו זיין די גרעסטע גדולי ישראל, הן אַלס רב פון אַ גרויסע שטאָט, סיי אַלס משיב פון טויזענטער תשובות צו ארבע כנפות הארץ, און סיי אַלס דער מנהיג פון אָרטאָדאָקסישן אידענטום. אַזאַ ריז וואָס זאָל פערזאָניפיצירן אָט די אַלע אייגענשאַפטן האָט נישט עקזיסטירט אין די לעצטע פינף הונדערט יאָר".

## "ויש זוכה לכולן"

דאָס זעלבע שרייבט הג"ר יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין זיין מבוא "קרית ספר", זיין הקדמה צו חתם סופר בראשית (ז' ב').

רבי יוסף נפתלי ברענגט דעם מדרש אין ויקרא רבה ט"ו ב' "יש זוכה למקרא, ויש למשנה, ויש לתלמוד, ויש להגדה, ויש זוכה לכולן". שרייבט ר' יוסף נפתלי:

"יש זוכה לכולן, הוא רבינו הגדול בעל חתם סופר זצ"ל שזכה ונתקבלו תשובותיו בכל קצוי ארץ, וכן חידושים על הש"ס. מאמריו על התורה, ודרשותיו. כשנתבונן ברבינו המחבר – איש העמסוני בהנהלת קהילה גדולה וישיבה של כמה מאות בחורים, האיר פני תבל בתשובותיו לשואלים דבר ה', כתב חי' על מסכתות דף על דף, וכמה מאות קונטרסים בסוגיות שונות, ובשאר מקצועות שבתורה, הכל בכתב ידו – איך הספיקה לו העת להכין דרשות נפלאות כאלו ולהעלותן על פנקסו... ונוסף עליהם עוד אלפי מאמרים עה"ת ועל מאחז"ל שכתב בכתב ידו. אלא ודאי משמיא קזכו לי' להיות כמעין המתגבר גם בפרד"ס, ונתקיימו בו דברי חז"ל: 'ויש זוכה לכולן'".

## דער "חותם התורה"

הג"מ חיים האַמבורגער ברענגט אין זיין ספר "שלשה עולמות" עמ' קמ"ז (ירושלים תרצ"ט) וואָס ס'האָט אים געזאָגט דער לובלינער רב, דער בעל תורת חסד:

"פעם אמר לי הגאון בעל תורת חסד מלובלין זצ"ל: 'עם החתם סופר נחתמה התורה, – לפיכך שמו חתם סופר'".

## תורה שלמדתי באף

מיר ווילן נאָך צוריקקומען צו די אויסדרוקן און הגדרות פון אַנדערע גאונים וצדיקים וועגן הייליגן חתם סופר. מיר ווילן בעיקר פאַרצייכענען אַ שלל מיט אינטערעסאַנטע ידיעות, פראַגמענטן ביאָגראַפישע שטריכן און באַמערקונגען, וועגן דעם חתם סופר. וועלן מיר אָנפאַנגען מיט אַן אינטערעסאַנטע נישט-גענוג-באַקאַנטע אָבסערוואַציע:

מען מיינט אַז דער חתם סופר, דער גרויסער מנהיג פון אָרטאָדאָקסישן אידענטום, איז דאָס גאַנצע לעבן געזעסן על מי מנוחות, אַ לעבן פון שלוה און רואיגקייט. דער אמת איז אָבער פונקט פאַרקערט. דאָס גאַנצע לעבן, פון די יונגע יאָרן כמעט עד זקנה ושיבה, האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות און רדיפות, דחקות און עניות. דאָס האָט אים אָבער נישט צוריקגעהאַלטן פון זיין תורה ועבודה און נישט געשטערט זיין מנוחת הנפש. דערפאַר טאַקע איז דער אַספּעקט נישט גענוג באַקאַנט.

בלויז עטליכע ביישפילן:

זינט דעם עלטער פון אַרום צען יאָר איז ער כידוע אַוועק פון זיין טאַטעס הויז און איז ערצויגן געוואָרן אין שטוב פון זיין גרויסן רבי'ן רבי נתן אַדלער.

זיין רבי דער נשר הגדול רבי נתן אַדלער אַליין איז געווען אַ נרדף אין זיין שטאָט פראַנקפורט. ער איז אַזש געלייגט געוואָרן אין חרם דורך די רבנים און מנהיגי הקהילה צוליב זיין אייגנאַרטיגן דרך וואָס איז געווען מיוסד על פי דרך הקבלה.

ווען רבי נתן אַדלער איז מיט ניין יאָר שפּעטער, ווען דער חתם סופר איז אַלט געווען 19 יאָר, געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן פראַנקפורט און פאָרן קיין באָסקאָוויטש, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, איז דער חתם סופר אים נאָכגעלאָפן, אים נאָכגעיאָגט און געפאָרן מיט אים קיין באָסקאָוויטש.

## פראַנקפורט ד'מיין

אויך אין באָסקאָוויטש האָט רבי נתן אַדלער געהאַט אויסצושטיין צרות און רדיפות, צוליב די זעלבע סיבות פון פירן זיך על פי קבלה, ווי מיר ווילן שפּעטער זען. נאָך צוויי יאָר איז ער געצוואונגען געוואָרן אויפצוגעבן דאָס רבנות אין באָסקאָוויטש און צו פאַרלאָזן די שטאָט. דער חתם סופר האָט זיך נישט גערירט פון זיין גרויסן רבי'ן און האָט במשך פון אַנדערהאַלבן יאָר זיך אויפגעהאַלטן מיט אים אין ווין. ווען רבי נתן אַדלער איז נאָך אַנדערהאַלבן יאָר צוריק קיין פראַנקפורט האָט ער געבעטן דעם חתם סופר ער זאָל נישט צוריקגיין קיין פראַנקפורט. ער איז טאַקע דאָס גאַנצע לעבן מער נישט צוריק צו זיין באַליבטע היים שטאָט פראַנקפורט.



**די "אידן גאַס" אין פראַנקפורט אין יאָר תרכ"ה**

כלל ישראל האָט פונקט געהאַט דורכגעמאַכט אַ טראַאומאַטישע תקופה. די תקופה פון דער כת ש"ץ וואָס האָט מיטגעריסן, ווי אין אַ מאַסן-פּסיכאָזע, אַ באַדייטענדן טייל פון אידישן פאָלק, און אין אָנהויב אויך רבנים און גדולי ישראל. די כת ש"ץ באַוועגונג איז דערנאָך נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך די פראַנקיסטן, וועלכע האָבן געהאַט פילע טויזנטער נאָכפאָלגער אין די אידישע קהילות אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע.

געווען דאַן בלויז 14 יאָר נאָכדעם וואָס די פראַנקיסטן האָבן זיך רח"ל גע'שמד'ט. איז דעריבער נישט קיין וואונדער פאַרוואָס אידן און גדולי ישראל זענען געווען אויסערגעוועגליך סענסיטיוו און עמפּינדליך צו "כיתות", ווי מ'האָט זיי גערופן, פון בעלי מקובלים, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן זיך געפירט על פי קבלה, – אפילו ווען יענע זענען פאַקטיש געווען צדיקים און אמת'ע עובדי השם, – ווי די חסידים אין מזרח אייראָפּע אָדער רבי נתן אַדלער אין דייטשלאַנד.

אין שנת תקל"ב איז אין פּוילן געדרוקט געוואָרן דער קונטרס "זמיר עריצים וחרבות צורים", וואָס איז געווען דער קונטרס החרם קעגן חסידים.

דער העסליכער קונטרס האָט געפירט צו מחלוקת'ן און שפּאַלטן צווישן די "אשכנזי'שע" קהילות און די חברי "הכת" (חסידים) אין ליטע און אין פּוילן. דער קונטרס איז אויך אָנגעקומען קיין פראַנקפורט און האָט אָנגעהיצט די געמיטער קעגן רבי נתן אַדלער, וועלכער האָט געהאַט אַ פּריוואַטן מנין. רבי נתן האָט גע'דאוונט על פי נוסח ספרד און האָט זיך געפירט על פי אר"י.

דער חתם סופר איז געפאָרן קיין פּרוסניטץ, אין מעהרן, (אין דער הייַנטיגער טשעכיי) וואו ער האָט געלערנט מיט בחורים. צוליב זיין גרויס עניות איז אים שווער געגאַנגען אַ שידוך. זיין רבי דער בעל הפלאה האָט געהאַט באַקומען פאַר אים געלט פון אַ פאַרמעגליכן קרוב משפחה וועלכער האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז דער הפלאה קען דאָס געבן דעם בחור משה סופר אויף חתונה צו האָבן נאָר בתנאי אויב ער קומט וואוינען קיין פראַנקפורט. דער חתם סופר האָט זיך אָבער געהאַט פאַרגענומען מער נישט צוריק צו פאָרן קיין פראַנקפורט. האָט ער געמוזט חתונה האָבן בזיווג ראשון מיט אַן אלמנה, די טאָכטער פון רבי משה יערוויץ, דער רב פון דער שטאָט פּרוסניטץ, וועלכער האָט שוין נישט געלעבט. איר ברודער, אַ פאַרמעגליכער איד, האָט זיך אונטערגענומען זיי אויסצוהאַלטן כדי דער חתם סופר זאָל קענען בלייבן זיצן און לערנען.

## "כי הקהילה הזאת (פראַנקפורט) אחת היא לאומתה, אין בכל העולם דוגמתה" (דער חתם סופר)

פראַנקפורט איז געווען פון די עלטסטע און שענסטע אידישע שטעט אין אייראָפּע. צווישן פילע אַנדערע האָבן דאָרט משמש געווען ברבנות דער של"ה הקדוש, זיין זון רבי שבתי שעפטל הורוויץ, דער מהר"ם שיף, רבי נפתלי כ"ץ דער בעל סמיכת חכמים, דער פני יהושע, רבי אברהם אַביש מליסא און דער בעל ההפלאה.

די רבנים פון פראַנקפורט האָבן אויסגערופן אַ חרם קעגן רבי נתן אַדלער, וועלכער איז געוואָרן אויסגעשטעלט צו שרעקליכע רדיפות.

דער חתם סופר וואָס האָט געוואוסט אַז זיין רבי רבי נתן אַדלער איז אַ מלאך אלוקים, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז געגאַנגען מיט זיין רבי'ן באש ובמים און כי הוא זה זיך נישט וויסענדיג געמאַכט פון דער גאַנצער מחלוקה.

קיין פראַנקפורט איז ער אָבער מער קיינמאָל נישט צוריק.

פונדעסטוועגן, און טראָץ די רדיפות בשעתו פון זיין רבי'ן, האָט דער חתם סופר כל ימיו זיך אונטערגעשריבן "משה"ק סופר מפפד"מ". (משה הקטן סופר מפראַנקפורט דמיין).

ווען רבי נתן אַדלער איז אין שנת תקמ"ז צוריקגעפאָרן קיין פראַנקפורט שרייבט אים דער חתם סופר: "אודה לה' אלוקי על כל הטוב אשר גמלנו בחזרת ספרי קדש בכבוד גדול למקום משכן כבודו, ובשנית, כי שמעתי ועלץ לבי בקרבי, אף עצמותיו יחליץ יחליפו כח, כי הושיעו ה' להיות יתד במקום נאמן עיר מולדתינו בק"ק פראַנקפורט דמיין, מקום אשר נטה שם אהלה של תורה מתחילה. הנה האמת כי הקהילה הקדושה הזאת ישמור האל, אחת היא לאומתה, אין בכל העולם דוגמתה". (שו"ת חת"ס חלק שביעי סי' ט').

אַן אַספּעקט פונעם גדלות און פון דער ברייטקייט פון הייליגן חתם סופר איז אויך צו זען פון דעם פאַקט וואָס דער חתם סופר האָט איגנאָרירט און זיך דערהויבן העכער די אַלע חילוקי דעות וואָס האָבן דאַן געברענט אין דער אידישער גאַס. דער חתם סופר האָט געוואוסט אַז די גדולי הדור מיינען עס זיכער לשם שמים. ער אַליין האָט דערפאַר נישט געהאַט קיין טינא בלב קעגן קיין איינעם פון די גדולי הדור וואָס האָבן מחרים געווען זיין גרויסן רבי'ן. פאַרקערט: דער חתם סופר איז ווייטער געווען אַ תלמיד פון ביידע צדדים. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי נתן אַדלער און גלייכצייטיג אויך פון הייליגן בעל הפלאה.

ווער ס'האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דעם קאַמף און מיט דעם חרם קעגן רבי נתן אַדלער איז געווען דער ראש בית דין און ראש ישיבה פון פראַנקפורט, הגאון רבי נתן מאַז. מיט עטליכע יאָר פריער איז רבי נתן מאַז, אַ תלמיד פון פני יהושע און פון שב יעקב, געווען פון די צענטראַלע לוחמים אין דעם פּאָלעמיק אַרום

דער קליוועער גט, וואָס דער רב פון פראַנקפורט, רבי אַביש מליסא, האָט גע'פסל'ט דעם גט און די אַנדערע גדולי הדור, בראש מיט'ן נודע ביהודה, האָבן עס מתיר געווען אַלס אַ כשר'ער גט.

נאָך דער הסתלקות פון רבי אַביש איז רבי נתן מאַז אויפגענומען געוואָרן אַלס צייטווייליגער רב פון פראַנקפורט. אַזוי ווי פראַנקפורט האָט געהאַט אַ תקנה אַז נאָר אַ פרעמדער, נישט אַ יליד פראַנקפורט, קען ווערן דאָרט רב האָט רבי נתן מאַז געדינט אַלס צייטווייליגער רב ביז אַ פערמאַנענטער רב פון דרויסן וועט אויפגענומען ווערן.

בעת דעם פולמוס פונעם גט מקליווא האָט פראַנקפורט אויך אַנגענומען אַ רעגולאַציע אין אירע שטאַטוטן אַז איינער וואָס איז געווען קעגן דעם פראַנקפורטער צד אין דעם פּאָלעמיק פונעם קליוועער גט קענען נישט ער, און נישט זיינע קינדער אָדער אייניקלעך, אויפגענומען ווערן אַלס רב אין פראַנקפורט. האָט עס געדויערט פינף יאָר ביז רבי פנחס הלוי הורוויץ, דער בעל הפלאה, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב. ווען דער הפלאה איז געוואָרן רב איז רבי נתן מאַז באַשטימט געוואָרן אַלס לעבנסלענגליכער דיין און ראש ישיבה. אין פילע ענינים איז רבי נתן מאַז אָבער געווען דער פאַקטישער מנהיג פון דער שטאָט.

טראָץ דעם וואָס רבי נתן מאַז האָט אַנגעפירט מיט'ן חרם קעגן רבי נתן אַדלער האָט דער חתם סופר נישט געהאַט קיין טינא בלב און איז אפילו געגאַנגען מקבל זיין תורה פון אים. ער האָט אים באַטראַכט אַלס איינער פון זיינע רבי'ס. דער חתם סופר ברענגט פון רבי נתן מאַז'ס ספר בנין שלמה אין שו"ת חו"מ סי' קצ"ב, אין אבהע"ז סי' קנ"ג, און אויף נאָך ערטער.

ווען רבי נתן אַדלער איז געלעגן על ערש דוי, צוויי וואָכן פאַר זיין הסתלקות, האָט די קהילה אין פראַנקפורט מתיר געווען דעם חרם קעגן אים. אָט איז דער לשון פונעם "התרת החרם", אין אַ דויטשמערישן אידיש געמישט מיט לשון הקודש, אין דעם פנקס פון דער פראַנקפורטער קהילה:

כהיום יום ב', י"א אלול תק"ס לפ"ק איזט פולגנדער כרוז אויש גירופן ווארדן:

עש איזט בשם האלופים פ"ו וגובים בצירוף הגאון האב"ד נר"ו בפאהלין ווארדן אויז צו רופן דעמי בחודש אלול תקלט"ת לפ"ק לר' נתן אדלר כ"ץ פר באָטן ווארדן לעשות מנין להתפלל בביתו בעונש חרם אונד אויך כנ"ל אין געשריבן ווארדן, ואם אמנם דש ר' נתן הנ"ל דערנאָך מנין להתפלל בביתו געהאַלטן האט, אין להרהר עליו ובוודאי טעמו בפיו ונימוקו עמו, ושלא להיות ח"ו נלכד בעונש הנ"ל. בכל זאת, לצאת מכל הרהור עונש חרם הנ"ל, איזט מאַן הירמיט מודיע ומפרסם ברבים דש כל הנעשה ונכתב בפנקס הקהל בשנת תקלט"ת בטל ומבוטל, ולהבא מותר זאָל זיין".

אין דרשות חתם סופר, ח"ב, דף שע"ב/שע"ג איז דער חתם סופר פון די מרחקים מספיד זיין גרויסן רבי'ן. "לי ראוי לבכות ולמעבד הספידא. אני ראיתיו יושב ודורש כמשה מפי הגבורה, אני רצתי אחריו מאה פרסאות ועזבתי בית אימי חדר הורתי כידוע ומפורסם לכל, והתעניתי בכל אשר התענה אבי". דאָ גיסט דער חתם סופר אויס זיין ווייטאָג און צער כלפי די ראשי הקהילה וועמען ער באַשולדיגט אין פאַרקירצן רבי נתן אַדלער'ס יאָרן:

"בושה וכלימה רבה לאנשי מקומו אנשי דורו שהרגו לצדיק גדול כזה... מבויש המקום ההוא שהרגו.... ובני הדור לא שמעו בקולו ועי"ז לא זכו עוד שיגור במדורתם כדכתיב אל אישה בנידת טומאתה לא תקרב שהוא מרמז שלא לגור באהלי רשע... ולא הגיע ליתר משישים שנה, אוי לנו, כמה שנים היה יכול לחיות עוד.... וידנו שפכו את הדם הזה".

די היסטאָריע צייגט אַז בלויז איין דור נאָכ'ן חתם סופר האָט פראַנקפורט מער נישט געהאַט דעם פּראָבלעם פון אַ "כת" בעלי מקובלים. זי האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן פּראָבלעם. מיט אַ דור שפעטער איז כמעט נישט געבליבן קיין איין שומר שבת אין פראַנקפורט.

ווען רבי שמשון רפאל הירש איז מיט אַ דור נאָכ'ן חתם סופר געלאַדענט געוואָרן קיין פראַנקפורט צו ווערן רב פון דער אָרטאָדאָקסישער קהילה "עדת ישורון" וועלכע האָט זיך אָפּגעטיילט פון די רעפאָרמער, איז די קהילה באַשטאַנען פון בלויז 11 משפחות שומרי תורה ומצוות. דער ראש הקהל פון ר' שמשון רפאל הירש'ס קהילה האָט דערציילט אַז ווען ער איז געוואָרן בר מצוה איז ער געווען דער איינציגער יונגעל אין זיין יאָרגאַנג וואָס האָט געלייגט תפילין (רח"ל).

אינטערעסאַנט וואָס ס'ווערט געברענגט פון איינעם פון די תלמידים פון חתם סופר, הגה"צ רבי יוסף חיים פּאַלאַק, וועלכער האָט צען יאָר געלערנט ביים חתם סופר אין פרעשבורג און האָט מחבר געווען אַ חיבור אויפ'ן ספר העיקרים. דערציילט ער אַז אַמאָל איז ער אַריין צום חתם סופר און געזען ווי ער פלאַמט אש להבה. ווען ער האָט זיך געוואונדערט האָט אים דער חתם סופר געזאָגט אַז זיין רבי, רבי נתן אַדלער, האָט אים אַמאָל געזאָגט אַז די אַלע שפל'דיגע תקיפים, די נגידים וואָס האָבן אים גע'רודפ'ט, וועלן ווערן יורדים ל"ע, און וועלן קומען צו אים, צום חתם סופר, ער זאָל זיי העלפן מיט פרנסה. די אַלע רודפים, האָט דער חתם סופר געזאָגט, אַלע זענען שוין געקומען צו אים, בעטן ער זאָל זיי באַזאָרגן מיט פרנסה, חוץ איינער וואָס האָט נאָך נישט געהאַט געקומען. האָט ער זיך געוואונדערט ווי דאָס קען זיין אַז זיין רבי'נ'ס ווערטער זענען נישט מקויים געוואָרן. היינט, האָט דער חתם סופר געזאָגט, איז דער לעצטער פון די רודפים געקומען אים בעטן ער זאָל אים העלפן מיט פרנסה. היינט האָט ער געזען אַז פון זיין רבי'נס ווערטער איז דבר לא נפל ארצה.

הגאון רבי חנוך העניך פּאַדוואַ דערציילט אין "הליכות חנוך" וואָס ער האָט געהערט פון הגה"צ רבי יוסף צבי דושינסקי גאב"ד ירושלים, וואָס דער חתם סופר פלעגט זאָגן. ווען ער האָט געוואוינט אין פראַנקפורט, האָט דער חתם סופר געזאָגט, און מען האָט געזען צוויי אידן רעדן אויף דער גאַס אויב מען האָט זיך איינגעהערט וואָס זיי רעדן איז דאָס תמיד געווען אין דברי תורה.

ווען דער חתם סופר איז שפעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פרעשבורג, בשעתו די הויפט-שטאָט פון אונגאַרן, איז פרעשבורג נאָך נישט געווען קיין ספּעציעלער מקום תורה. דער חתם סופר האָט מייסד געווען שיעורי תורה פאַר בעלי בתים כערכם, שיעורים אין גמרא בעיון, אין עין יעקב, אין הלכה, אין מוסר, אין צוגאָב צו דעם תל תלפיות זיין גרויסע ישיבה אין פרעשבורג שממנה יתד וממנה פינה פאַר תורה און אידישקייט אויף דער גאַנצער וועלט. די פעסטונג פון תורה אין אשכנז, אין דייטשלאַנד, האָט דער חתם סופר איבערגעפלאַנצט קיין אונגאַרן.

ווען אידן פון דער שארית הפליטה זענען נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה אָנגעקומען קיין ארץ ישראל און האָבן געפרעגט פון האדמו"ר הקדוש רבי אהרן מבעלזא זצ"ל וואו זיי זאָלן זיך באַזעצן האָט דער בעלזער רב זי"ע זיי געענטפערט: גייט וואוינען צווישן אונגאַרישע אידן, צווישן אונגאַרישע אידן הערשט יראת שמים.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער
# חתם סופר

**ציצים ופרחים, ביאָגראַפישע שטריכן, פראַגמענטן אַלגעמיין נישט געניג באַקאַנטע היסטאָרישע ידיעות, געדאַנקען און באַמערקונגען, וועגן דעם רבן של ישראל, רבינו משה סופר, דער הייליגער חתם סופר זצ"ל**



[פאַרזעצונג פון פריער]

ערב שבת קודש, ז' תשרי שנת תקכ"ג, קורץ פאַר שקיעת החמה, האָט אויפגעשיינט דאָס גרויסע ליכט. דאָס געבורט פון דעם הייליגן חתם סופר צו זיין פאָטער ר' שמואל זכרונו לברכה און זיין מוטער מרת רייזל עליה השלום.

אין פראַנקפורט פלעגט מען מקבל שבת זיין היבש בעפאָר די שקיעה. האָט מרת רייזל געשיקט בעטן פון רבי אברהם אביש, דער רב פון דער שטאָט, צו וואַרטן מיט קבלת שבת כדי מען זאָל נישט מוזן מחלל שבת זיין מיט'ן געבוירן דאָס קינד. לויט ווי עס שרייבט דער בערעגסאַזער רב רבי שלמה סופר, זון פון כתב סופר און אייניקל פון חתם סופר, אין "חוט המשולש", האָט דער פראַנקפורטער רב רבי אברהם אַביש טאַקע געהייסן וואַרטן: "והגאון החסיד האב"ד שעה לבקשתה, באמרו ברוח קדשו כי ראוי להמתין כי הבן היולד להאשה הזאת יאיר עיני חכמים בתורתו ויושיע את ישראל בתפלתו". לויט ווי ס'ווערט געברענגט אין דער הקדמה פון "דרשות חתם סופר" האָט הגה"ח ר' אביש געזאָגט: "די וועלט וואַרטעט אויף אים".

דעם חתם סופר'ס פאָטער מוהר"ר שמואל בן ר' משה סופר איז געווען אַ תלמיד חכם מופלג, אַ צדיק תמים בדרכיו וחסיד בכל מעשיו, אַ בר אוריין ובר אבהן, מגזע היחס. מצד אביו האָט ער געשטאַמט פון רבי שמעון מפראַנקפורט, דער בעל "ילקוט שמעוני", וועלכער האָט געצויגן זיין יחוס פון רש"י הקדוש, ביז צום תנא אלוקי רבי יוחנן הסנדלר, וועלכער איז געווען מזרע דוד המלך ע"ה.

די מוטער פון רבי שמואל איז געווען אַ טאָכטער פון דעם גרויסן גאון ומקובל אלוקי מוהר"ר שמואל שאָטין כ"ץ בעל ספר "כוס הישועות", באַקאַנט אַלס דער מהרש"ך, רב פון דאַרמשטאַט און דערנאָך רב ואב"ד פון בית המדרש הגדול אין פראַנקפורט דמיין.

דעם חתם סופר'ס מוטער רייזל איז געווען באַרימט מיט איר צדקות און פרישות און מיט אירע צדקות וחסד. ווי ס'איז דער לשון פון חוט המשולש: "צדקת מפורסמת ועוסקת בכל יום תמיד בגמ"ח ולקבץ על יד ממון ולחלקן לת"ח ולעניים ואביונים ונודעה לרבים בשם הכבוד ריזל צדקת".

לויט ווי זיינע קינדער און תלמידים האָבן מעיד געווען האָט זיך דער חתם סופר אויף איר אויסגעדריקט: "ס'איז ניכט דאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס מ'רעדט ניכט אַדורך מיט מיין מאַמען".

אָדער ווי דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש: ואמר אח"כ אל בנו, דודי זצ"ל: "לא עשה ה' אלקים דבר גדול בעולם שלא גילה לאמי בחלום". כן הגיד לי מחו' חתן דודי הרב הגאון וצדיק מה"ו יודא גרינוואַלד נ"י אבדק"ק סאַטמאַר ששמע כן מפי דודי הגאון קדוש ה' מה"ו שמעון סופר זצ"ל אבדק"ק קראָקא. ואני הכותב שמעתי כזאת משני תלמידי חכמים מובהקים מתלמידי זקיני זצ"ל שאמרו ששמעו כן מפי רבם הקדוש בעת שבאה השמועה שנפטרה אמו זצ"ל.

## דער אָריגינעלער משפחה נאָמען "צערב"

רבי שמואל, דעם חתם סופר'ס טאַטע, איז געווען אַ זון פון רבי משה סופר, נאָך וועמען דער חתם סופר האָט געהייסן.

דער אָריגינעלער פאַמיליע נאָמען איז געווען צערב. רבי משה סופר, דעם חתם סופר'ס זיידע, אַן איידעם פון מהרש"ך, איז געווען אַ זון פון רבי שמעון סופר, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי משה סופר, וועלכער האָט זיך נאָך אונטערגעשריבן משה צערבער, אָדער משה צערבער/שרייבער, און צומאָל משה צערבער/סופר.

דער ערשטער רבי משה סופר (צערבער) האָט געדינט אַלס שרייבער און ספרא דדינא פון דער פראַנקפורטער קהילה. ער פלעגט שרייבן די גיטין און אַלע אַנדערע דאָקומענטן פון דער קהילה. די פּאָזיציע און דער פאַך איז איבערגעגאַנגען בירושה צו זיין זון רבי שמעון און צו זיין אייניקל, דער צווייטער רבי משה סופר, זיידע פון חתם סופר.

דער באַדייט פונעם נאָמען "צערב" אָדער "צערבז" איז: דינער. ווי serve אָדער server אויף ענגליש. וואָס האָט געמיינט אַז ער דינט אינעם אַמט פון שרייבער.

דעם חתם סופר'ס טאַטע רבי שמואל האָט שוין נישט געדינט אין דעם אַמט. ס'זענען אָבער פאַראַן ערטער וואו ער ווערט אָנגערופן "רבי שמואל צערב סופר".

## רבי משה בן רבי משה שמעון סופר

אַ דבר פלא: דער דערמאַנטער רבי משה סופר (צערבער), דעם חתם סופר'ס עלטער עלטער זיידע, וועמען מיר האָבן פריער באַצייכנט אַלס דער ערשטער רבי משה סופר, איז געווען אַ זון פון רבי משה שמעון סופר.

וואָס ס'שטעקט הונטער דעם און דער הסבר פאַרוואָס דער טאַטע און דער זון האָבן געהאַט דעם זעלבן נאָמען משה, – כאָטש דער טאַטע האָט געהאַט צוויי נעמען, משה שמעון, – איז נישט באַקאַנט. ס'איז אָבער אַ פאַקט. דאָס זעען מיר א: פון דעם פנקס הזכרת נשמות פון פראַנקפורט, ב: פון דעם פנקס פון דער פראַנקפורטער קהילה, און ג: פון דעם נוסח פון דער מציבה.

אין דעם אָקספאָרד ביבליאָטעק געפינט זיך דער אָריגינעלער פנקס הזכרת נשמות פון דער שטאָט פראַנקפורט. נומער 75 אין דעם פנקס איז דעם חתם סופר'ס עלטער עלטער זיידע אויף וועמען עס שטייט:

"האלוף הסופר מהיר גם נאמן כהר"ר משה ב"ר משה שמעון, בעבור שהיה סופר ונאמן הקהלה זה כמה שנים וציווה קודם מותו שלא יכתבו שום שבח על המצבה, ולבקשתו נתנו יורשיו וכו'. נפטר ליל ו' ט כסליו תמ"ח ונקרא האלוף והנעלה כה"ר משה סופר.

אין דעם אַלגעמיינעם פנקס פון פראַנקפורט געפינט זיך די חתימה מיט דער התחייבות פון ר' משה סופר ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס שרייבער פון דער קהילה:

"יום א' ר"ח אדר תכ"ב לפ"ק... עשיתי שבועה לבני החברות קדישא יצ"ו שלא לגלות שום דבר לשום אדם בעולם ולהתנהג בעניני הסופרות ובעניני – כשאר נאמנים פה ורנקורט.

נאם משה ב"ר משה שמעון זצלה"ה צערבס.

און אָט איז דער נוסח המציבה ווי דאָס ווערט געברענגט אין ספר אבני זכרון, נומער 1213:

"על אלה אני בוכי' ועיני יורד(ה) מים על פטירת אדוני אבי ה"ה כהר"ר משה בר משה שמעון סופר ונאמן פה נ' ליל ונ' יום ו' ט כסליו תמח לפ"ק.

## זיין פעטער דער באר היטב, – אָדער גענויער: זיינע פעטערס די "באר היטבס"

כדאי צו פאַרצייכענען דאָ אַן אינטערעסאַנטע ידיעה. מעניין לעניין אָבער באותו עניין:

אויף יעדן בלאַט גמרא איז געדרוקט אַ חיבור, וואָס עס האָט מחבר געווען נישט איינס און נישט צוויי נאָר דריי מחברים. אויף אויף יעדן בלאַט אין שולחן ערוך איז פאַראַן אַ חיבור וואָס

עס האָבן מחבר געווען מער ווי איין און מער ווי צוויי און מער ווי דריי מחברים. דאָך איז דאָס איין פירוש, איין חיבור וואָס טראָגט איין נאָמען.

אויף יעדן בלאַט גמרא איז פאַראַן דער חיבור "מסורת הש"ס". ווער איז עס געווען דער מחבר פונעם "מסורת הש"ס"?

דער מסורת הש"ס האָט געהאַט דריי מחברים, וואָס איטליכער איז געווען מיט עטליכע דורות אָפּגערוקט פונעם פריערדיגן.

דער ערשטער מחבר פון מסורת הש"ס איז געווען הגאון רבי יהושע בועז, וועלכער האָט געדרוקט דעם חיבור גענוי מיט 500 יאָר צוריק, אין שנת רפ"ג. ער האָט געלעבט אין דער תקופה פון די ערשטע אחרונים, אין די צייטן פון בית יוסף און פונעם רמ"א. ער איז אויך דער בעל מחבר פונעם ספר שלטי גבורים אויפ'ן רי"ף. איינס פון זיינע באַרימסטע פסקים איז דער היתר אויף פאה נכרית, וואָס ער איז מתיר אין שלטי גבורים אויפ'ן רי"ף אין מסכת שבת דף כ"ט. אויף אָט דעם פסק האָבן זיך סומך געווען דער רמ"א, דער מגן אברהם און די אַנדערע מתירים פון פאה נכרית. דער בית יוסף האָט נישט געזען דעם שלטי גבורים.

דעם חיבור מסורת הש"ס – אין וועלכן ער צייכנט צו אויפ'ן יעדן עמוד גמרא וואו נאָך די גמרא געפינט זיך אין ש"ס – האָט ער לכתחילה אָנגערופן "מסורת התלמוד". שפּעטער האָט די צענזור באַשלאָסן אַז דער נאָמען "תלמוד" איז לא יזכר ולא יפקד. איז דער נאָמען געטוישט געוואָרן צו "מסורת הש"ס", און ביי דעם נאָמען איז עס געבליבן.

מיט 189 יאָר שפּעטער אין שנת תע"ד האָט הגאון רבי יוסף שמואל פון קראָקא, אויך באַקאַנט אַלס רבי שמואל רבי חיים ישעי'ס, מוסיף געווען אַרום דריי מאָל אַזויפיל מראה מקומות וואָס ער האָט צוגעלייגט צום מסורת הש"ס. און מיט אַרום נייניג יאָר שפּעטער, אין שנת תקס"ד, האָט הגאון רבי ישעיה פיק בערלין צוגעלייגט נאָך פילע הוספות וואָס ער האָט צוגעלייגט אין האַלב-איינגערינגלטע הגהות. היינט צוטאָג האָט עוז והדר מוסיף געווען נאָך הגהות און מראה מקומות.




ערשטער דרוק פונעם פירוש "באר היטב" אויפ'ן שולחן ערוך חשן משפט, געדרוקט אין אמסטערדאם שנת תק"ט – **"ליקוטי וחברו התורני המפורסם מהו"רר משה פרנקפורט דיין דק"ק אמשטרדם וגו'... בן התורני במופלג מהור"ר שמעון פרנקפורט זצל"ה בעל המחבר ספר החיים וספרתנו"**

אַז מ'קוקט אַריין אין באר היטב אויפ'ן שולחן ערוך זעט מען אָפּט אַ מאָדנע זאַך. ער שרייבט "הבאר היטב אשר לפני", וואָס מיינט דער באר היטב וואָס איז געווען פאַר מיר. שוין אין ערשטן סימן אין אורח חיים, סימן א' סעיף קטן יג, שרייבט ער: "וכן העתיק הבאר היטב אשר לפני ע"ש, ולא ידעתי למה".

זעט דעם שער בלאַט פון שולחן ערוך אורח חיים, – אָדער פון משנה ברורה, – און פון שולחן ערוך אבן העזר. זעט ווי דער מחבר פון באר היטב וואָס מיר האָבן אויף אורח חיים און אויף אבן העזר איז געווען "הרב המובהק מ"ה יהודא אשכנזי, זצ"ל, דיין טיקטין". ער איז אָבער נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער.

דער ערשטער איז געווען רבי ישעי' ב"ר אברהם הלוי, אַן אייניקל פון טורי זהב און פון ב"ח, וועלכער האָט מחבר געווען אַ ספר באר היטב מיט גאָר קורצע הלכות אויף שולחן ערוך אורח חיים. דער באר היטב איז געדרוקט געוואָרן אין שנת תס"ח.

מיט הונדערט יאָר שפּעטער האָט רבי יהודה ב"ר שמעון אשכנזי וועלכער איז געווען דיין אין טיקטין – און שפּעטער סופר אין פראַנקפורט – געדרוקט אַ מער אויסגעברייטערטן "באר היטב" אויף אורח חיים און אבן העזר. ער האָט געהאַט דעם ערשטן באר היטב פאַר די אויגן און ווי געזאָגט דערמאָנט ער אים אָפּט. דער פתחי תשובה אויף יורה דעה, און אַנדערע, באַצייכענען אים אַלס "באר היטב למהרי"ט ז"ל", צוליב דעם וואָס ער איז געווען דיין אין טיקטין.

אַ דריטער בעל מחבר פון אַ ספר באר היטב, – אויף שולחן ערוך חושן משפט, – איז געווען הג"ר משה פראַנקפורט, דיין אין אַמסטערדאַם, און שפּעטער אין פראַנקפורט. ער האָט געהאַט אַ דרוקעריי אין אַמסטערדאַם און האָט געדרוקט פאַרשידענע ספרים. ער האָט אויך מחבר געווען די ספרים "זה ינחמנו" אויף מכילתא, "נפש יהודה" אויף מנורת המאור, "טוב לכת" און נאָך ספרים. ער איז עס אויך דער וואָס האָט איבערגעזעצט דעם מנורת המאור אויף אידיש.

דעם פערטן באר היטב, – אויף שולחן ערוך יורה דעה און חושן משפט – האָט מחבר געווען הג"ר זכריה מענדל מקראָקא, אב"ד בעלזא.

דעם פינפטן באר היטב – אויף יורה דעה – האָט מחבר געווען הג"ר יהודה משה ראב"ד זאָלקווא. דער באר היטב איז געדרוקט געוואָרן בלויז איינמאָל, אין שנת תק"ב.

אין אונזערע שולחן ערוך'ס זענען אויף אורח חיים און אבן העזר געדרוקט דער באר היטב פון דעם "צווייטן באר היטב", פון רבי יהודה ב"ר שמעון אשכנזי, דיין טיקטין, און אויף יורה דעה און חושן משפט דער פערטער באר היטב, דער באר היטב פון רבי זכריה מענדל אבדק"ק בעלזא.

דער חיד"א אין "שם הגדולים" מערכת ספרים, ערך באר היטב, איז מסביר דעם אונטערשייד אין די מהלכים און מהות צווישן די פאַרשידענע באר היטב'ס.

כלפי מה הדברים אמורים? ווייל אין דער וועלט איז נישט גענוג באַקאַנט דער פאַקט אַז דער חתם סופר איז געווען אַ פלימעניק פון באר היטב, ס'הייסט פון "אונזער באר היטב" אויף אורח חיים (און אבן העזר), רבי יהודה ב"ר שמעון אשכנזי, וועלכער איז געווען אַ פעטער פון חתם סופר'ס פאָטער רבי שמואל סופר.

דער באר היטב, רבי יהודה ב"ר שמעון, איז געווען אַ ברודער פון דעם חתם סופר'ס זיידע, רבי משה סופר, דעם חתם סופר'ס טאַטע'ס טאַטע, נאָך וועמען דער חתם סופר האָט געהייסן.

אויב דאָס איז נישט גענוג איז דער חתם

סופר געווען אַ פּלימעניק אויך פון אַ צווייטן פון די באר היטב'ס, רבי שמעון פראַנקפורט. דער "דריטער באר היטב" איז אויך געווען דעם חתם סופר'ס אַן עלטער פעטער. ער איז געווען אַ שוואָגער פון מהרשש"ך. די רביצין פון רבי משה פראַנקפורט איז געווען אַ שוועסטער מיט די רביצין פון מהרשש"ך, די מוטער פון רבי שמואל סופר דעם חתם סופר'ס פאָטער.

אינטערעסאַנט איז וואָס ס'שרייבט דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש. דער חתם סופר האָט געהייסן משה, זאָגט דער חוט המשולש, נישט בלויז נאָך זיין זיידן רבי משה סופר נאָר אויך נאָך אָט דעם עלטער פעטער רבי משה פראַנקפורט: "ויקרא שמו משה, על שם אבי אביו, ועל שם דודו זקינו הגאון הישיש מה"ו משה פראַנקפורט זצ"ל דיין דק"ק אַמסטערדאַם, שהי' גיסו של מהרשש"ך זצ"ל, ובעל המחבר ספר זה ינחמנו על המכילתא, וספר באר היטב על שו"ע חו"מ".

דעם חתם סופר'ס קירבת משפחה גייט צוריק נישט בלויז צום צווייטן און צום דריטן באר היטב, נאָר אויך צום צווייטן אויבן דערמאַנטן בעל מסורת הש"ס.

דעם חתם סופר'ס טאַטע רבי שמואל איז געווען אַ פּלימעניק פון רבי אריה לייב פון קראָקע, דער זון פון רבי שמואל רבי חיים ישעי'ס דער צווייטער בעל מסורת הש"ס. רבי אריה לייב איז געווען אַן איידעם ביים מהרשש"ך. דעם חתם סופר'ס באַבע, די טאָכטער פון מהרשש"ך, איז געווען אַ שוועסטער מיט די שנור פון רבי שמואל רבי חיים ישעי'ס.

באַקאַנט די מעשה וואָס דער כתב סופר און אַנדערע האָבן דערציילט וויאַזוי הגאון הקדוש רבי שמואל רבי חיים ישעי'ס איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פראַנקפורט נאָכדעם וואָס דער זון פון של"ה הקדוש, וועלכער איז געווען רב אין פראַנקפורט, האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה אַז זיין נאָכפאָלגער אַלס פראַנקפורטער רב זאָל זיין ווער עס וועט קענען פאַרענטפערן דריי קשיות וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. די ראשי קהילה האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער אייראָפּע און נישט געפינען ווער ס'זאָל זיי פאַרענטפערן די קשיות. ביז זיי זענען געקומען קיין קראָקע און האָבן זיך באַטייליגט אין אַ סעודת ברית פון אַ נגיד, וואו אַ יונגל, אַ ברודער פון דעם רך הנימול, האָט געזאָגט דברי תורה, און בתוך הדברים האָט ער געפרעגט די דריי קשיות, און זיי פאַרענטפערט אויף אַ הפלא'דיג טרעפליכן אופן. ווען זיי האָבן אים געפרעגט ווער ס'האָט אים אויסגעלערנט דעם פשט'ל האָט ער געזאָגט אַז זיין מלמד, רבי שמואל רבי חיים ישעי'ס פון קראָקע, וועלכער איז טאַקע שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון פראַנקפורט.

כדאי משלים צו זיין דעם פראַגמענט מיט די ווערטער פון חיד"א אין שם הגדולים:

"מוהר"ר יוסף שמואל מקראָקא אבדק"ק פפד"מ, הוא הגאון אשר הפליא לעשות בהגהותיו לתלמוד ורש"י ותוס' וראש, והרבה לזכות הרבים להציב ציונים ומורה מקום בש"ס והרמב"ם בכל התלמוד, עשר ידות ממה שהיה מקודם. ושמעתי ששנה משנתו כל הש"ס מ"ב פעמים, וחקר וחיקק וזיקק הש"ס, וקיים ודברת "בם", ויקדש "בם". וציווה לבנו – חתן הרב כוס ישועות, המהרשש"ך – להדפיס התלמיד עפ"י הגהותיו. ושמעתי נפלאות על הרב הנזכר שלמד כ"ה שנים תורה מעומד, ולמד תורה לשמה, והיו דבריו נשמעים בשמים כאחד מהראשונים, זכותו יגן עלינו".

## איז דער חתם סופר געווען אַ בכור?

דער מהריא"ץ מאַרגאַרעטין, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר, דערציילט (תשובות או"ח סי' נ"ב) אַז דער חתם סופר איז געווען אַ בכור און האָט געפאַסט תענית בכורים יעדן ערב פסח, חוץ אויף די עלטערע יאָרן, אויב ער האָט געהאַט אַ ברית מילה וואו ער איז געווען דער מוהל, האָט ער עפּעס טועם געווען ביי דער סעודה.

הגאון רבי יצחק ווייס, דער ווערבויער רב, אין "אלף כתב", איז אָבער מפקפק דערין. דער ווערבויער רב זאָגט אַז ער האָט אַליין געהערט פון רבי דוד לאָקנבאַך, מחבר ספר "ניר לדוד", וועלכער האָט געהערט פון חתם סופר, ווי ער האָט געזאָגט "אַז אויב ער וואָלט געווען אַ בכור וואָלט ער זיך נישט מתיר געווען צו עסן ערב פסח, אפילו נישט ביי אַ סעודת סיום מסכת".

דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש דערציילט אָבער אַז רבי שמואל און זיין פרוי די צדיקת ריזל האָבן צען יאָר נאָך זייער חתונה נישט געהאַט קיין קינדער און האָבן שוין געגומען אין באַטראַכט די מעגליכקייט פון גט'ן, "ויהי ביום צום תענית אסתר בא לביתה איש קדוש אחד מבני משפחתה הרב החסיד מו"ה זעליגמאַן זצ"ל, אשר כל ימיו היה יושב מעוטף בטלית ותפילין ונפשו חשקה בתורה כבן עזאי, והוא גילה רז כי תדעו נאמנה שתפקדו בזרע של קיימא... ומשם יצאה אורה לכל בית ישראל ונולד קדוש זקיני החתם סופר זצ"ל".

רבי יוסף נפתלי שטערן נעמט אויף אָן די גירסא פון בערעגסאַזער רב.

## די צוויי ברידער פון חתם סופר

דער חתם סופר האָט געהאַט צוויי יונגערע ברודער, רבי שמעון און רבי יוזפא, וועלכע האָבן געוואוינט מיט דער מאַמע'ן אין פראַנקפורט. רבי שמעון, וועלכער איז געבוירן אין שנת תקכ"ז אָדער תקכ"ח, האָט חתונה געהאַט ערשט אין תקע"ד, אין עלטער פון בערך 46 יאָר, און דער יונגסטער ברודער רבי יוזפא, וועלכער איז געבוירן אין שנת תקכ"ט, האָט חתונה געהאַט אין תק"פ, אין עלטער פון בערך 50. זיי האָבן קיין איינער נישט איבערגעלאָזט קיין זרע של קיימא. אויף זייערע ביידעס מצבות ווערט אַרויסגעהויבן זייער געוואַלדיג איבערגעגעבן כיבוד אם.

ווען רבי יוזפא איז אַוועק האָט דער חתם סופר געגעבן חליצה פאַר זיין אלמנה, וועלכע איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן קיין פראַנקפורט. דער חתם סופר האָט איר מכיר טובה געווען פאַר'ן מונע זיין אים פון ביטול תורה דרבים.

דער חתם סופר האָט אויך געהאַט אַ שוועסטער, הינדעלע שטרויס. איר מאַן איז געווען רבי גבריאל שטרויס כ"ץ. אין שו"ת חתם סופר, אה"ע ח"ב סימן קט"ו שרייבט דער חתם סופר: "נהייתי טרוד במצות נישואין בן אחותי התורני המופלא כה' שמואל כ"ץ נ"י, תק"פ". און אין ספר הזכרון עמ' ו' שרייבט דער חתם סופר: "ביום ש"ק פ' ויצא... עשיתי סעודת בר מצוה לבן אחותי שמואל כ"ץ יחי' וגם בפפ"ד עשו בני משפחתינו יום שמחה ביום ההוא".

ווען דער חתם סופר איז געווען אַ פּיצל קינד איז שוין געווען קענטיג אַז ער איז אַ הייליג קינד. זיינע עלטערן האָבן אים טאַקע געהיטן כבבת עינם.

ווען זי האָט אים יעדן טאָג געפירט אין חדר אַריין פלעגט זיין מוטער אויף דער גאַס פאַרדעקן און באַשיצן זיינע אויגן מיט איר שאַל. ווי עס שרייבט דער חוט המשולש: "בעת הוליכו אמו לבית הספר בכל פעם תלט פניו באדרתה לעצום עיניו מראות ברע על דבר טמא". אין ספר אלה תולדות און אין דער הקדמה פון ספר חתן סופר ווערט געברענגט אַז נעבן דעם חדר איז געשטאַנען אַ צלם. האָט זי אים דערפאַר פאַרדעקט די אויגן.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

ג

# דער הייליגער חתם סופר



**די קינדערישע יאָרן – עפר מן האדמה, "ערד" פון דער "ערד" – נישט פאַראיבער קיין טאָג זינט דער עלטער פון צען יאָר וואָס ער האָט נישט מחדש געווען קיין חידושי תורה – זיינע רבי'ס רבי זלמן חסיד, רבי מענדעל ליליג, רבי דוד טעבלי און זיין זון רבי מיכאל שייער, רבי נתן מאַז, און רבי יעקב שמש – זיין רבי מובהק, דער "חסיד שבכהונה", רבי נתן אַדלער, און זיין רבי, דער "רבם של כל בני הגולה", דער בעל הפלאה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "לספר בשבח הצדיקים הוא מצוה גדולה" (שו"ת חתם סופר ח"ו סי' נ"ט)

אַלס פיר יעריג קינד, לערנענדיג אין חדר דעם פסוק אין בראשית "וייצר ה' אלקים את האדם עפר מן האדמה" האָט דער מלמד געטייטשט "עפר: ערד", "מן האדמה: פון דער ערד". האָט דאָס יונגל משה סופר געפרעגט פונעם מלמד: "אויב סיי עפר און סיי האדמה מיינעןביידע ערד וואָס דערציילט אונז דאָ דער פסוק? אוודאי נעמט מען ערד פון דער ערד". (רש"י אויפ'ן פלאַץ פאַרענטפערט דאָס). ווען דער מלמד האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן האָט דאָס קינד נאָכאַמאָל געפרעגט די קשיא. אָבער אַנשטאַט אים צו ענטפערן האָט דער מלמד זיך געבייזערט און אים אָנגעשריגן ער זאָל נישט מוטשען.

יענעם אָוונט ווען ער איז אַהיים פון חדר האָט דער חתם סופר זיך באַקלאָגט צו זיין טאַטן: אַנשטאַט דעם וואָס ער זאָל אים ענטפערן האָט דער מלמד אים גאָר אָנגעשריגן.

רבי שמואל, דעם חתם סופר'ס פאָטער, איז אַריבער צו רבי נתן אַדלער אים דערציילן די מעשה און פרעגן וואָס צו טון. האָט רבי נתן אַדלער אים גע'עצה'ט: אויב האָט איר זוכה געווען צו אַ קינד אַזאַ יניק וחכים פאַרוואָס זאָלט איר מיט אים אַליין נישט מקיים זיין דעם ולמדתם את בניכם?

דער טאַטע האָט אים אַרויסגענומען פון דעם מלמד, האָט אויפגעגעבן זיינע באַשעפטיקונגען, און אַ גאַנצן טאָג אַליין געלערנט מיט אים.

ער האָט מקיים געווען וואָס די גמרא זאָגט "ספי ליה כתורא", געשטאָפּט און געפיטערט אים תורה, – געלערנט מיט אים גאַנצע מסכתות הש"ס, איינשליסנדיג מסכתות אין קדשים.

אין עלטער פון זעקס יאָר האָט ער געהאַט דורכגעלערנט און גוט געקענט הלכות ברכות. האָט ער דאַן באַשלאָסן אַז אַ "צוקערל" (אַ קענדי) איז אַ ספק ברכה. הגם אַזויווי אַנדערע קינדער האָט ער ליב געהאַט צוקערלעך האָט ער מער נישט גענומען קיין צוקערל אין מויל. – שפּעטער אַלס ערוואַקסענער האָט ער מכריע געווען "דצוקר אין בו ספק וברכתו שהכל". זע שו"ת חת"ס ח"ז, סו"ס ל"ו.

יעדע נאַכט פאַר'ן לייגן זיך שלאָפן האָט זיין טאַטע אים געפרעגט אַ קשיא אויף דער גמרא אָדער אַ שווערן מדרש אויף דער פרשת השבוע, וואָס ער האָט געמוזט פאַרענטפערן. שרייבט זיין זון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב, דער בעל "מכתב סופר":

"שמעתי מפיו הקדוש, כי כן הדריכו אביו מיום עמדו על דעתו: לא העלהו על משכבו בלילות, כי אם מתוך דברי תורה אשר העיר לו אביו, פעם קושיא והערה בעניני דעסוק בה, ופעם מדרש תמוה בפרשת השבוע, כאשר יוכל שאת אז. והיה כהעיר השחר ויעמוד על משמרתו וישאלהו אביו: הגד נא לי בני פתרון הקושיא, או המדרש, אשר העירותי לך, הידעת ומצאת? והיה אם מצא את פתרונו השיבו על כנו ושמח בתורתו, ואם קרה שפעם לא מצא פתרון הדבר וייסרהו בשבט פיו: יגעתי ולא מצאתי אל תאמין. גם שבטו לא חשך מאתו, וכאשר יענה אותו – כן ירבה וכן יפרוץ אהבתו בלבו. אל ה' נשא כפיו: "נא ה' גל עיני ואביטה נפלאות מתורתיך".

אין עלטער פון זיבן יאָר האָט ער געמאַכט אַ סיום ברבים אויף מסכת ביצה, געזאָגט אַ הדרן און מחדש געווען חידושים נפלאים. זיין תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט שרייבט אין "ליקוטי חבר בן חיים": והנער הלך וגדל, עד אשר בהיותו בן שבע שנים כבר חידש חידושי שמעתתא. ומפי תלמידיו שמעתי, כי פעם אחת אמר חידוש אחד במסכת ביצה, והתחילו התלמידים לפלפל על החידוש, והשיב להם דילדותא היא: "בהיותי בן שבע שנים חדשתי זה הענין".

אין תורת משה על התורה פרשת כי תשא,

אויפ'ן פסוק ואעשה אותך לגוי גדול, שרייבט דער חתם סופר: "וכד הוינא טליא כבר שבע שנין אמרתי לישב...".

רבי שמעון סופר האָט נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן: זינט די צען יאָר, – האָט דער חתם סופר געזאָגט, – איז ער נישט געגאַנגען קיין ד' אמות אָן תורה, און נישט פאַראיבער קיין טאָג אין וואָס ער האָט נישט מחדש געווען חידושי תורה.

אינטערעסאַנט וואָס דער חתם סופר שרייבט אין זיינע חידושים אויף מסכת שבת דף קמ: "מנהג לחדש חידושים יותר מדי וכל אחד בונה במה לעצמו זה בכה וזה בכה, אפשר לחפש לן זכות שגזרו כן גאוני קדמונינו ז"ל שראו שהשכחה גוברת בעו"ה בעולם ואי אפשר לן לאוקמי גירסא, אמנם על ידי החידושים בכל דף ועמוד על ידי זה זוכר הכל, ומילתא דתמיהי מדכר דכירי, והנסיון מעיד לנו על זה, ויודע אני בעצמי".

אין ספר "אבני בית היוצר" פון הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל הי"ד, דער ווערבויער רב, איז געדרוקט די תולדות החתם סופר וואָס דעם חתם סופר'ס זון, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, דער קראָקעווער רב, האָט געשריבן.

אין בית המדרש פון רבי נתן אַדלער, שרייבט רבי שמעון סופר, איז געווען איינגעפירט אַז יעדן שבת פלעגט אַן אַנדערער פון די חריפות'דיגע לומדים צווישן רבי נתן אַדלער'ס תלמידים זאָגן אַ פשט'ל. "ויהי אבינו זצ"ל אז כבן עשר שנים", שרייבט רבי שמעון סופר, "וימצא כן ידו להכניס גם הוא לתוך חברת תלמידי הגאון מהר"נ אַדלער זצ"ל. והגאון ז"ל שמח לקראת מבוקשו כי אהבו מאוד"

"ויהי בשבת קודש ויבואו חכמי פראַנקפורט דמיין ובראשם הגאון ה"ה מוה"נ אַדלער זצ"ל, ואחריו עדרו תלמידיו מופלגי בחוריו, והנה דרש דרש את אשר מצא כתוב בספר מהרשש"ך זצ"ל, ויערוך מלחמה את דברי זקנו, ויפלפל ברוחב בינתו לסתור את דבריו. ויגער בו אביו, ויהס את קולו קול הדורש. ולא נתנו לגמור את דבריו אשר הכין לו. אך להגאון מוהר"נ אַדלער זצ"ל היו נראין דברי תורת משה מדברי אביו, ולא יכול להתאפק כי אהבת האמת בערה בו, והוכיח את אבי הנער לאמור, כי לא כן יעשה להכלים את בנו, שיפה כחו וכנים דבריו, ישגה מאוד אחריתו".

"ויהי כשמוע משה את דברי רבו הגאון ז"ל, ויצר לו בלבו, פן יהיה לו לחטא ח"ו אשר על ידו נתבייש אביו לעיני העדה, ויחזק לבו בה' ויתן תודה לאביו לאמור, הלא כנים דברי אבי אשר דיבר אתי קשות, אם גם נראים הדברים אשר אמרתי, עם כל זה קטונתי עוד מלהשיג על דברי אדוני אבי זקני, ולא יאות לנער כמוני, והנה אך משגה הוא אתי, ואתו הסליחה. ויתמהו מאוד חכמיו, שומעי דברי העלם הזה, משתאים על חכמתו ורוחב לבו"

"ותרב אהבת רבו הגאון מהר"נ אַדלער כץ ז"ל על העלם כ"ו ראהו שהוא כלי מחזיק ברכה, ברכת ה', ויתאו מאוד להניקו משדי תורתו, ויאספהו אל ביתו חדר הורתו, הושיבו בחיקו, לא זז ידו מתוך ידו, נתן עליו מהודו ויביאהו אל חדריו, גלה לו תעלומי החכמה, וסוד ה' לא הסתיר מנגד עיניו, כי ידע את קדושתו ותומת לבו כי רבה היא".

רבי נתן אַדלער האָט נישט ערלויבט דעם חתם סופר צוריקצוגיין צו זיין טאַטנ'ס שטוב. ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. דער חתם סופר איז געוואָרן זיין תלמיד מובהק, און פון אים מקבל געווען תורת הנגלה והנסתר.

## זיינע רבי'ס רבי זלמן חסיד, רבי מענדל ליליג, רבי דוד טעבלי און זיין זון רבי מיכאל שייער, רבי נתן מאַז, און רבי יעקב משמש

סוף ימיו האָט דער חתם סופר זיך אויסגעדריקט וועגן זיינע הויפּט רבי'ס: "ווער געקענט האָט דעם כהן (רבי נתן אַדלער) און דעם לוי (דער בעל הפלאה), דאָס גדלות און דאָס עניוות, אונד זעהט אָן דיע היינטיגע וועלט, ווייס איך ניכט וויע מאַן לעבן קאָן". (רבי יוסף נפתלי שטערן אין נאָמען פון זיין זיידן רבי זעקל פּאָלאַק).

איידער מיר רעדן מער בפרטיות פון זיין רבו מובהק רבי נתן אַדלער, און פון זיין רבי'ן דער בעל הפלאה, איז כדאי צו וויסן אַז דער חתם סופר האָט אויך געלערנט און מקבל געווען תורה פון אַנדערע רביים.

אין פראַנקפורט האָבן דאַן געוואוינט גדולים מופלגים, גאונים וצדיקים, דיינים פון דער שטאָט, אָדער רבנים אין בתי מדרשים און קלויזן, וועלכע האָבן אויך געלערנט מיט תלמידים. דער חתם סופר האָט פון זיי אַלע מקבל געווען תורה.

צווישן די גדולי הדור אין פראַנקפורט האָט זיך געפונען רבי זלמן חסיד, וועלכער האָט דאָרט מרביץ תורה געווען נאָענט צו פערציג יאָר, ביז צו זיין הסתלקות ו' מרחשון תקנ"א.

דער חתם סופר דערמאַנט אים אין שו"ת חת"ס או"ח סי' קצ"ז: "ולכן ראיתי רבותי הגאון הפלאה ז"ל, ומורי החסיד שבכהונה מו"ה נתן אַדלער ז"ל, והגאון מו"ה זלמן חסיד ז"ל, שלא המשיכו עדה" וכו'.


מצבה פון רבי דוד טעבלי זצ"ל אין לאָנדאָן

אין זיינע זכרונות וועגן חתם סופר שרייבט רבי יהודה לייב לאַנדסבערג: ורבינו (החתם סופר) הפליג מאוד בשבחו של רבו הנזכר (רבי זלמן חסיד), מגדולתו, קדושתו, ופרישותו, ואמר עליו כי ידע בבירור שהיה לו גילוי אליהו ז"ל". דאָס זעלבע שרייבט אויך ר' אהרן וואַלדן אין זיין "שם הגדולים החדש" אין נאָמען פון רבי שמעון סופר.

אין חידושי חתם סופר אויף מסכת גיטין דערמאַנט דער חתם סופר זיין רבי'ן הגה"ק רבי יעקב שמש זצ"ל: "אדמו"ר רבי יעקב שמש, רב בקלויז ביהמ"ד בפרנקפורט".

נאָך איינער פון זיינע רבי'ס איז געווען: הגה"ק רבי מענדעלע ליליג זצ"ל. ער איז געווען רב און דיין אין אַ בית המדרש אין פראַנקפורט דמיין. דער חתם סופר דערמאַנט אים מערערע מאָל אין זיינע ספרים.

אין "דרושים ואגדות" עמ' רמ"ה ד"ה אחז"ל ברענגט דער חתם סופר אַן אינטערעסאַנטן חידוש פון אים:

"קבלתי מרבי הרב מהו' מענדלי ליליג זצ"ל, שהיה רב בבית המדרש דקהילה קדושה

פרנקפורט-דמיין, שקיבל מהגאון בעל שב יעקב זצ"ל, שכל העוסק בתורה בפורים בין מגילת דלילה למגילה דיומא, מובטח לו שהוא בן עולם הבא. כך קבלתי סתם, וטעמא לא ידענא".

(באַקאַנט די מעשה מיט'ן אבני נזר'ס פאָטער, הגאון רבי זאב נחום מביאַלא, בעל אגודת אזוב, וועלכער האָט געלערנט בהתמדה פורים בייטאָג, ווען פאַר אַנדערע קומט נישט אויס צו לערנען בהתמדה, האָט אים זיין רבי, הרה"ק מקאָצק, געזאָגט, אַז בשכר פון לערנען פורים בייטאָג וועט ביי אים געבוירן ווערן אַ זון וואָס וועט באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה. ס'איז ביי אים טאַקע געבוירן זיין זון דער אבני נזר).

דער חתם סופר ברענגט אויך זיין רבי'ן רבי מענדל ליליג אין שו"ת חלק או"ח סי' קנו, וואו ער באַצייכנט אים אַלס "אלוף נעורי".

אין שו"ת או"ח סימן ר"ה שרייבט דער חתם סופר: "ואחד מרבותי הרב המופלג מו"ה מענדל ליליג זצ"ל דיין ורב בבהמ"ד בפפד"מ רגיל על לשונו לפרש על דרך הלצה מלך זקן וכסיל, הידוע בזקנותו, יושב לו על כסא של ג' רגלים, א' חזנים שיוליכו כל תפלות ישראל אל מחוץ למחנה כקדשים פסולים רח"ל. ב' השוחטים שיאכילו כל הקהלה נבלות וטרפות. ג' סופרי סת"ם, שיופסלו כל תפילין ומזוזות על עדם, ודי לו למלך זקן בזה, עכ"ד". (דאָס זעלבע שרייבט דער תולדות יעקב יוסף אין פ' נשא, ד"ה העולה, בשם חכם אחד).

## נאָך צוויי פון זיינע רבי'ס זענען געווען רבי דוד טעבלי און זיין זון רבי מיכאל שייער

אין עלטער פון דרייצן יאָר, נאָך דער בר מצוה, האָט דער חתם סופר מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה און איז געפאָרן לערנען קיין מיינץ, (מאַגענצע) וואו רבי טעבלי שייער איז געווען רב און זיין זון רבי מיכל שייער האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה.

הגם דער ראש ישיבה איז געווען רבי מיכל שייער האָט דער חתם סופר אויך מקבל געווען פון זיין טאַטן, דער רב פון מיינץ, רבי דוד טעבלי. דער חתם סופר דערמאַנט דאָס עטליכע מאָל אין זיינע ספרים. (זע חידושי חת"ס מס' ביצה דף ג').

אין זיין הספד אויף רבי מיכל שייער, אין דרשות חת"ס דרוש לז' טבת תק"ע, זאָגט דער חתם סופר: "הגאון אלוף נעורי מה"ו מיכל שייאר זצ"ל המפורסם בחריפותו עוקר הרים וטוחנן הי' זקן ומופלא בחכמה והרבה בישיבה, ובשנת תקל"ו ותקל"ז עמדתי לפניו בהיותו ראש ישיבה בק"ק מענץ, לא עוד זאת אהני ליה קומרא דאביו הגאון המפורסם בעולם מה"ו טעבלי שייאר זצ"ל".

אין מיינץ האָט ער אין עלטער פון 14 יאָר געקראָגן אַ תעודת "משוחרר", אַ טיטול וואָס איז דעמאָלט געווען איינגעפירט צווישן אשכנזי'שע אידן, וואָס פלעגט געגעבן ווערן פאַר תלמידים מופלגים בתורה, און האָט באַדייט אַז זיי זענען באַפרייט פון משמש זיין זייער רבי'ן, כמבואר ביו"ד סי' רמ"ב.

ביי רבי מיכל שייער אין מיינץ האָט ער זיך אויך ערוואָרבן ידיעות אין חכמת התכונה און אַנדערע חכמות.

איינער פון די עשירים פון מיינץ האָט אים צוגעשטעלט אַן אכסני' ביי זיך אין שטוב וואו ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ בית מלא ספרים וואו דער חתם סופר איז דאָרט געזעסן און געלערנט.

די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך דאַן געפונען אין מענץ און די סאָלדאַטן זענען געווען איינקוואַרטירט אין די הייזער פון דער ציווילער באַפעלקערונג אין דער שטאָט. איין סאָלדאַט האָט זיך איינקוואַרטירט אין זעלבן הויז פון דעם נגיד וואו דער חתם סופר איז איינגעשטאַנען. ער האָט פאַרלאַנגט דער חתם סופר זאָל מיט אים לערנען פאַרשידענע חכמות און ידיעות און בשכר זה האָט ער באַדינט דעם חתם סופר מיט רייניגן זיין צימער און וואַשן זיינע וועש.

מיט יאָרן שפּעטער, אין שנת תקס"ט, בעת דער נאַפּאָלעאָנער מלחמה, ווען דער חתם סופר איז געווען רב אין פּרעשבורג, איז דער חתם סופר אַמאָל געשטעלט געוואָרן צום פראַנצויזישן מיליטערישן געריכט נאָכדעם וואָס דער זיגל פון פּרעשבורגער בית דין איז געפונען געוואָרן צווישן דאָס געווער מיט וואָס אידישע סוחרים האָבן געהאַנדלט, ווייזט אויס אומלעגאַל. די אויסזיכטן ריינגעוואַשן צו ווערן פאַר אַזאַ מיליטערישן טריבונאַל זענען געווען כמעט נול.

דער סדר איז געווען אַז די ריכטער, די אָפיצירן פון מיליטערישן טריבונאַל, זענען געזעסן אין אַ האַלבן רינג מיט אויסגעצויגענע בליאַסקעדיגע שווערדן כדי אָנצואוואַרפן אַ פחד, און דער באַשולדיגטער איז געשטעלט געוואָרן אינדערמיט. ווען דער חתם סופר איז געברענגט געוואָרן פאַר'ן טריבונאַל איז אויף אים געפאַלן אַ ציטער און אַ שרעק, וארכובותיו דא לדא נקשן.

זעענדיג דעם חתם סופר האָט דער מיליטע־רישער פעלדמאַרשאַל וואָס האָט אָנגעפירט מיט'ן טריבונאַל גלייך אַוועקגעלייגט זיין געווער און האָט אָפּגעשטעלט דעם פּראָצעס. ער האָט באַרואיגט דעם חתם סופר ער זאָל זיך נישט שרעקן. ער האָט אים אַרויסגערופן אין אַ זייטיגן צימער און אים געפרעגט צי ער דערקענט אים. ווען דער חתם סופר האָט געענטפערט אַז ניין האָט ער אים געזאָגט אַז ער איז דער סאָלדאַט וואָס איז מיט אים איינגעשטאַנען אין איין הויז אין מיינץ. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער האָט אים גלייך באַפרייט.

דער חתם סופר האָט אויף דעם געטייטשט זיין באַקאַנטן טייטש וואָס ווערט געברענגט אין תורת משה אין פרשת כי תשא אויף "וראית את אחורי ופני לא יראו". אַז פון פאָראויס פאַרשטייט מען נישט די דרכי השם. נאָר לאחר המעשה, אין רעטראָספּעקט, אַ סאַך מאָל מיט יאָרן שפּעטער, פאַרשטייט מען די סיבות וואָס האָבן געפירט צו שפּעטערדיגע ישועות.

אין דרשות חת"ס, (לב, א,) זאָגט דער חתם סופר: "ומכל מקום מצוה על כל אדם באחרית ימיו לבחון כל אשר עשה ה' עמו מראשית צמיחתו עד אחריתו, ואיך נתגלגלו סבה ועניניםֿ, ולספר לבניו אחריו, גם הם יבחנו ויכירו מעשה ה' הגדול אשר יעשה עמהם".

## רבי נתן אַדלער און דער בעל הפלאה

רוב תורתו האָט דער חתם סופר אָבער מקבל געווען פון זיינע הויפּט רבי'ס: רבי פנחס הלוי הורוויץ דער בעל הפלאה, וועמען דער חתם סופר באַצייכנט אַלס "רבם של כל בני הגולה", און זיין רבו מובהק רבי נתן אַדלער, וועמען ער רופט אָן "חסיד שבכהונה".

"וכבר גיליתי דעתי לכל העומדים לפני, כי כך קיבלתי מרבותי זצ"ל, והם מורי הגאון החסיד שבכהונה מו"ה נתן אַדלער זצ"ל, והגאון רבם של כל בני הגולה ה"הפלאה" ז"ל, אשר מימיהם שתיתי ת"ל וממקורם חצבתי" (שו"ת חת"ס או"ח סי ט"ו).

אין דער הקדמה צו שאלות ותשובות חתם סופר חלק יורה דעה, וואָס איז געווען דאָס ערשטע ספר פון חתם סופר געדרוקט צו ווערן, שרייבט זיין זון רבי שמעון סופר אַן הקדמה "פתוחי חותם" אין וועלכן ער שרייבט אויך די תולדות פון חתם סופר. שרייבט ער: "מעודו למד ושימש תלמידי חכמים גדולי עולם, מאורי ישראל, ה"ה הגאון בעמ"ח ספר 'הפלאה', והנשר הגדול חסיד שבכהונה מו"ה זצ"ל רבי נתן אַדלער; לא הניח דבר קטן ודבר גדול מדבריהם הקדושים; ועליהם לתרופה – שיחת חולין של תלמידי חכמים האלו. לכל הדברים האלו הטה אזנו וחקק על לוח לבו, ועל פי הדברים האלו גדל והצליח ועשה פרי הלולים קודש לה'".

כאָטש רבי נתן אַדלער איז געווען זיין רבי מובהק פון וועמען ער האָט מקבל געווען רוב תורתו וחכמתו, און אין וועמענ'ס שטוב ער איז ערצויגן געוואָרן זינט די צען יאָר, האָט ער במשך פון אַרום צוויי יאָר אויך געלערנט ביים בעל הפלאה און האָט אויך אים באַטראַכט אַלס





מצבות פון הגה"ק רבי נתן אדלער זצ"ל און פונעם בעל הפלאה הגה"ק רבי פנחס הלוי הורוויץ זצ"ל אין פראַנקפורט

זיין רבו מובהק.

הגאון הקדוש רבי פנחס הלוי הורוויץ זצ"ל, דער בעל הפלאה, ברודער פון הגאון הקדוש דער רבי ר' שמעלקע ניקלסבורגער זצ"ל, ביידע תלמידים פון הייליגן מעזריטשער מגיד, איז געווען רב אין פראַנקפורט, און הגאון הקדוש רבי נתן אַדלער איז געווען אַ ראש ישיבה. דער חתם סופר דערמאַנט דעם בעל הפלאה אין זיינע ספרים כסדר בסילודים, ער ברענגט כסדר זיינע חידושים און ווי דערמאַנט פריער שרייבט ער אָפּט "כך קיבלתי מרבותי זצ"ל" אויף רבי נתן אַדלער און אויפ'ן בעל הפלאה.

ווען הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות האָט געדרוקט דעם ספר "פנים יפות" פון בעל הפלאה שרייבט דער חתם סופר אין זיין הסכמה:

"הספר הזה עולה על גפי קרת ספר הפלאות, כאשר אזני שמעה ומילין תבחן, וכדורי אש מפיו בקדוש יתהלכון, נפקא זקוקין דנורא, מפומיה לאודניה, וידעתי גם ידעתי ישמח ישראל בעושיו ומחברו, ויתקדש שם שמים על ידו, אשרי המחכים ויגיעו, לראות באספקלריא המאירה פני תבל, אל פני חכמי ישראל יזהירו, דברים אשר לא שמעתם אוזן מעולם, בגלוי ובסתר טמיר ונעלם".

כידוע פלעגט דער חתם סופר יעדן שבת מעיין זיין אין ספר "פנים יפות", ווי אויך פאַר יעדע דרשה. אין זיינע ספרים רופט ער אים "פה קדוש", אָדער "אחד קדוש מדבר".

אין דרשות חתם סופר חלק ב' שרייבט ער: "ושמעתי ממורי הגאון הפלאה זצ"ל בשמחת פורים, והנה אע"ג דלחוכא ולשמחת פורים אמרה, נראה לי הואיל ואיפק מפומיה דגברי קדישא לא יגע לריק ח"ו".

דער בעל "ליקוטי חבר בן חיים" דערציילט אין נאָמען פון זיין רבי'ן דער חתם סופר, אַז ער געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן ווי דער בעל הפלאה און רבי נתן אַדלער האָבן נאָך געדאַווענט אין זעלבן גרויסן בית המדרש אין פראַנקפורט און פאַר'ן דוכנ'ען איז רבי נתן אַדלער, וועלכער איז געווען אַ כהן, צוגעגאַנגען צום פּלאַץ פון בעל הפלאה, וועלכער איז געווען אַ לוי, וואו ס'איז געווען גרייט אַ גאָלדן שיסל און אַ גאָלדענער עמער מיט וואַסער און דער בעל הפלאה "יצק מים על כפי הכהן".

זיי האָבן ביידע אויך געהאַט באַזונדערע פריוואַטע בתי מדרשים. שפּעטער איז נתפרדה החבילה צוליב דער מחלוקה פון דער פראַנקפורטער קהילה קעגן רבי נתן אַדלער. לאחר פטירתו האָט אָבער דער הפלאה געהאַלטן אַ רירענדן הספד אויף רבי נתן אַדלער.

אין זייערע באַזונדערע בתי מדרשים האָבן ביידע, רבי נתן אַדלער און דער בעל הפלאה, געדאַווענט אין אַ סידור האריז"ל, ווי דער חתם סופר איז מעיד אין זיין באַקאַנטער תשובה צום ישמח משה, שו"ת חת"ס חלק או"ח תשובה קצ"ז.

מער וועגן רבי נתן אַדלער אין קומענדיגע אַרטיקל אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

"עס איזט קיין מלאך זאָ ווייט געקומען. עס האָט קיין מלאך דאַצו זוכה געווען וואָס מיין רבי", דער חתם סופר וועגן זיין רבי'ן דער נשר הגדול רבי נתן אַדלער – ביאָגראַפישע שטריכן פון זיין גרויסן רבי'ן, ר' נתן אַדלער – דעם חתם סופר'ס תקופות אין באָסקאָוויץ און פרוסניץ – "כד הוינא טליא"ביים פוסק הדור דער נודע ביהודה – די עבודת הקודש נאָך דער חתונה אין פרוסניץ – די "קללת צדיק" פון בעל מחצית השקל

[פאָרזעצונג פון פריער]

רבי שמעון סופר, דער קראָקעווער רב, האָט אַלס יונג קינד זיך גענומען פאַרשרייבן וואָס ער האָט אַלץ געהערט פון זיין טאַטן דער חתם סופר. דערציילט רבי שמעון סופר'ס זון רבי שלמה אלכסנדר סופר:

אַמאָל האָט דער חתם סופר באַמערקט די נאָטיצן און געזען ווי רבי שמעון סופר באַצייכנט זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער אַלס אַ "מלאך ה' צב'". האָט דער חתם סופר אים צוגערופן און אים געזאָגט: "וואָס האָסטו דאָ געשריבן אויף מיין רבי'ן, מלאך ה' צב'? עס איזט קיין מלאך זאָ ווייט געקומען. עס האָט קיין מלאך דאַצו זוכה געווען וואָס מיין רבי – ותחסרהו מעט מאלוקים".

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט דער חתם סופר אים געזאָגט: "איך בין נישט קיין מגזם, אָבער דאָס קען איך דיר זאָגן: נישטאָ קיין מלאך וואָס איז אַזוי בקי בשבילי דרקיע ווי ס'איז געווען מורי ורבי רבי נתן אַדלער".

דער דברי חיים, דער הייליגער צאַנזער רב, האָט אַמאָל געזאָגט פאַר רבי שמעון סופר: נישט קיין חידוש וואָס זיין פאָטער דער חתם סופר איז אויסגעוואַקסן דער גדול וקדוש ישראל וואָס לו דומיה תהילה נאָכדעם וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ רבי'ן ווי רבי נתן אַדלער, וואָרום ער, דער צאַנזער רב, האָט געהערט פון זיין רבי'ן הרה"ק רבי נפתלי ראָפשיצער זצ"ל, וועלכער האָט געהערט פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך מליזענסק, אַז שוין יאָרן וואָס ס'איז נישט אַראָפּגעקומען אַזאַ הויכע נשמה אויף דער וועלט ווי רבי נתן אַדלער, חוץ דער הייליגער רבי ישראל בעל שם".

## רבי נתן אַדלער

רבי נתן אַדלער איז געבוירן עשרה בטבת שנת תקי"ב צו אַ משפחה מיוחסת פון דורי דורות רבנים און מורי הוראה אין פראַנקפורט ד'מיין און אין אַנדערע שטעט אין דייטשלאַנד, אָפּשטאַמיגע פון בעל ילקוט שמעוני, וועלכער איז געווען פון די ערשטע גדולים אין פראַנקפורט.

ער איז געווען אַ קדוש מרחם. זיין אָפּגעהיטנקייט און קדושה איז געווען קענטיג פון קינדווייז אָן. צווישן אַנדערן פלעגט ער קיינמאָל נישט אַרויסקוקן פון פענסטער. דערצו איז ער געווען אַ וואונדער קינד מיט זעלטענע געניאַלע כשרונות. אין עלטער פון בר מצוה איז ער געווען אַ תלמיד פון פני יהושע, רב אין פראַנקפורט, און שפּעטער פון רבי דוד טעבלי הכהן שיף. זיין רבי אין קבלה איז געווען הגאון רבי אַביש פראַנקפורטער.

מיט זיין געוואַלדיגע התמדה איז ער ווירקליך געווען אַ משים לילות כימים. אַלס רעזולטאַט פון לערנען פון קינדווייז אָן כמעט אַ גאַנצע נאַכט פלעגט ער צומאָל אָנגעקומען אין בית המדרש שפּעט צום דאַווענען. דער חיד"א, וועלכער האָט אין זיינע רייזעס איבער דער וועלט פאַר אַ צייט זיך אויפגעהאַלטן אין פראַנקפורט, נוצט אויף אים, מיט זיין מליצה'דיגער שפּראַך, דעם פסוק: "עתה ידעתי כי איש קדוש הוא עובר 'עלינו' תמיד", פאַר'ן אָנקומען צום דאַווענען נאָך עלינו.

רבי נתן אַדלער איז געווען באַשאָנקען מיט אַן אומפאַרגלייכליך זעלטן פענאָמענאַלן זכרון. ער פלעגט ווירקליך גאָרנישט פאַרגעסן. וואָס ער האָט נאָר אַמאָל געלערנט האָט ער געדענקט געַנוי מיט'ן לשון. אַדאַנק זיינע כשרונות און אויך אַדאַנק זיין גרויס קדושה.

דערפאַר טאַקע האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעשריבן קיין חידושי תורה. דער היתר אָפּצושרייבן תורה שבעל פה, האָט ער געזאָגט, איז נאָר צוליב עת לעשות לה'. צוליב דער התגברות פון שכחה האָט מען מתיר געווען אַראָפּצושרייבן תורה שבעל פה. אַזוי ווי ער פאַרגעסט אָבער נישט טאָר ער נישט אָפּשרייבן קיין דברי תורה. דאָס איז אייגנטליך אַליין אַ חידוש, – אַז דער היתר אָפּצושרייבן חידושי תורה ווענדט זיך אין די כשרונות פון יעדן יחיד באַזונדער, און ס'איז נישט כיון שהותרה, הותרה לכל.

וואָס ער פלעגט יאָ טון איז געווען

פאַרצייכענען זיך סימנים, אָנשרייבן פינטלעך און נקודות, אותיות אָדער געציילטע ווערטער, אין די זייטיגע גיליונות פון ספרים, וואָס האָבן באַדייטעט רמזים אויף קשיות און חידושים. אין שנת תרכ"ב האָט אַ חשוב'ער רב אַרויסגעגעבן אַ ספר מיט'ן נאָמען "משנת דרבי נתן" מיט השערות איבער רבי נתן אַדלער'ס רמזים אין די גליונות פון געוויסע משניות.

אין דעם באַוואָוער קובץ "כרם שלמה" (קונטרס ק"י) זענען מיט יאָרן צוריק געווען געדרוקט פאָטאָסטאַטן פון רבי נתן אַדלער'ס הגהות אויף מסכת ברכות.

דער סלאָבאָדקער ראש ישיבה הגאון רבי דוב לאַנדאָ שליט"א פון בני ברק האָט דעם אָריגינעלן שו"ת "שב יעקב" וואָס האָט באַלאַנגט צו רבי נתן אַדלער, מיט צייכענונגען און הגהות אין די גליונות.

זיין גאַנצע התנהגות איז געווען על פי תורת הח"ן ועל פי קבלה. ער האָט נישט בלויז געדאַוונט על פי נוסח האר"י נאָר האָט אויך געדאַוונט אין דער ספרדי'שער הברה. פאַר אַ צייט האָט ער געצאָלט פאַר אַ תימנ'ער שד"ר, ר' חיים מודעי, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי אים, און אים אויסגעלערנט די ספרדי'שע הברה.

ער איז געווען אַן ענוותן ושפל ברך וואָס האָט אפילו נישט ערלויבט זיינע תלמידים זאָלן אים רופן "רבי". מען האָט אים נאָר געמעגט רופן רבי נתן. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן. כדי קיינער זאָל נישט נכשל ווערן אין גזל האָט ער מפקיר געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן.

ער האָט איינגעפירט צו דוכנ'ען אינדערוואָכן. אַלס כהן מיוחס האָט ער יעדן טאָג עולה געווען לדוכן. שבת ביי קריאת התורה פלעגט ער עולה זיין צוויי מאָל: איינמאָל כהן און אַ צווייט מאָל מפטיר.

אויך שרייבט דער חתם סופר אין שו"ת או"ח סי' ס"ח: "והאמת, כי מורי הגאון זצ"ל הנהיג בבית הכנסת שלו שלא לומר ההפטרה עמו, כי הוא היה עולה למפטיר לעולם, ולא זכיתי לשאול את פיו הקדוש בכל מה שכתבתי".

אין אַ רירענדן מכתב קודש געדרוקט אין חוט המשולש און אין ילקוט אליעזר אויף תהלים שרייבט דער חתם סופר וועגן רבי נתן אַדלער'ס קבלת יסורים באהבה:

"והנה ביצקי מים על ידו בתחילת בואו לבאָסקאָוויץ ולא היה לו כי אם בן קטן ובת אחת כמו י"ב שנה, אהובה לו במעשיה, כאמה כן בתה, אי אפשר לספר שבחה, ובעוה"ר מתה שם, ולא דמע עינו, היה מצדיק הדין בשמחה גדולה ונפלאה אשר לא ראיתי ממנו דוגמתו בתפילת שמחת תורה. אך ביום השבת פרשת וירא והוא היה רגיל לעלות לכהן ולמפטיר בכל שבת, וגם באותה השבת שבתוך השבעה לא מנע מהנ"ל, אז באמרו ההפטרה זלג דמע אחת מעיניו וקבלו בידו ומיד חזר ונהפך לאחר ושוב לא נראה בו שום רמז עצבות ולא היה לו ולד אחר לעולם, גם כן לדעתי חדל ממנה אורח, ולא רצה להטריח כלפי מעלה לשנות הטבע, כי חוש קל יותר ח"ו יגרום מיתה לאשתו חלילה".

פון דעם בריוו זעען מיר סיי די הויכע מדריגות פון רבי נתן אַדלער אין מצדיק זיין את הדין און מקבל זיין יסורים באהבה, און סיי אַז ער וואָלט געקענט משנה זיין די טבע און פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה. דאָך האָט ער דאָס נישט געטאָן. נישט געוואָלט מטריח זיין כלפי שמיא.

מבהיל את הרעיון איז וואָס דער חתם סופר שרייבט ווייטער אין דעם זעלבן בריוו. כידוע איז דער חתם סופר געווען פאַרהייראַט צו זיין ערשטע רעביצין במשך פון 25 יאָר, ביז צו איר פטירה, און נישט זוכה געווען צו קיין קינדער מיט איר. שרייבט ער אין דעם בריוו: "ומפני זה גם אנכי לא בקשתי ממנו זצ"ל לעולם לבקש ברכה על אשתי הראשונה". דאָס הייסט אַז כאָטש ער האָט געהאַט די מעגליכקייט געהאָלפן צו ווערן און אויסבעטן פאַר זיך אַ ישועה האָט ער צוליב דער זעלבער סיבה זיך קיינמאָל נישט מזכיר געווען פאַר זיין גרויסן רבי'ן דער תנא אלוקי רבי נתן אַדלער.

אַז רבי נתן אַדלער איז געווען אַ פועל ישועות ומפליא פלאות וואָס צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, אַז ער האָט אַליין געזען וויאַזוי ער איז בכח מכניע צו זיין די טבע צוליב רצון יראיו יעשה, דערציילט דער חתם סופר אויף עטליכע ערטער.

אין זיין בריוו צום ישמח משה, שו"ת או"ח סי' קצ"ז, שרייבט דער חתם סופר: "שמות הקודש המה פעולות אמיתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק זצ"ל".

אין זיין הספד אויף רבי נתן אַדלער דערציילט דער חתם סופר: "משמועה רעה לא ירא, נכון לבו בטוח בה', כאשר ראיתי בהיות אש ה' ברחוב היהודים בק"ק פראַנקפורט דמיין, שנת תקל"ד, ונשרפו הבתים מצדדי ביתו ומצד שכנגד ביתו, והוא לא קם ולא זע מבית מדרשו, מעוטף בטלית ובתפילין, והתפלל תפילתו ולא בלבלה דעתו, ולא נגעה יד ה' בביתו ולא קרב האש לגבולו".

אויך נאָך אַזאַ פאַל: "זה כמו שש שנים בבוא עיר פראַנקפורט במצור ושות שתו השערה, לא נע ממדרשו ולא ירא לנפשו, אעפ"י שנשרפה רובם של רחוב היהודים, לא ירא לנפשו מאומה".

## פאַסטן אַ 'דרייערל' און מחיית עמלק

ביי די פופצן יאָר איז דער חתם סופר צוריקגעפאָרן פון מיינץ קיין פראַנקפורט, וואו ער איז צוריק אַריין אין דער ישיבה פון רבי נתן אַדלער.

אין עלטער פון 15 יאָר האָט ער מסיים געווען ש"ס. האָט ער געפרעגט פון רבי נתן אַדלער צי ער זאָל מאַכן אַ סעודה, אַ יומא טבא לרבנן, לכבוד דעם סיום. האָט אים רבי נתן אַדלער גע'עצה'ט ער זאָל לכבוד דעם סיום פאַסטן אַ דרייערל, – דאָס הייסט פאַסטן דריי טעג און דריי נעכט רצופים.

בטבעו איז דער חתם סופר פיזיש געווען גאָר שטאַרק. נאָכ'ן פאַסטן דריי טעג איז ער דעם דריטן טאָג אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איז ער מיט אַ גרופּע חברים אַרויס אויסער דער שטאָט שעפּן פרישע לופט. לויט ווי הגאון ר' יצחק שלמה אונגאַר זצ"ל גאב"ד "חוג חתם סופר" אין בני ברק, דערציילט אין "רשומים בשמך", – און כמעט דאָס זעלבע דערציילן דער "חוט המשולש" און דער "ליקוטי חבר בן חיים" – האָבן דער חתם סופר און זיינע חברים זיך געשטעלט דאַווענען מנחה אין וואַלד. פּלוצים איז אָנגעקומען אַ גוי וועלכער האָט זיי געוואָלט שלאָגן. די חברים זענען אַלע אַנטלאָפן. דער חתם סופר האָט אָבער געהאַלטן אינמיטן די שמונה עשרה איז ער געבליבן שטיין אויף זיין אָרט און ווייטער געדאַוונט. ווען ער האָט אויסגעטרעטן איז דער גוי צוגעקומען נאָענט צו אים און אים געוואָלט שלאָגן. דער חתם סופר האָט אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט, היו ידיו של משה עושות מלחמה און דער גוי איז אויפ'ן אָרט אַוועקגעפאַלן אַ פּגר.

אין ספר "שיח שרפי קודש" (ח"ג אות רפ"א און אין דער הוצאה חדשה ב"ב ח"ד עמוד קנ"ד) ווערט געברענגט אין נאָמען פון הגאון רבי יוסף ענגיל, בעל "אתוון דאורייתא", אַז דער ערל איז געווען מזרע עמלק און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער האָט ער אים געפרעגט וואָס פאַראַ גרויסע מצוה ער





**דאָס ביהמ"ד אין באָסקאָוויץ, מעהרן**





**דער בית עלמין און "טהרה שטיבל" אין באָסקאָוויץ, מעהרן**

האָט היינט געטאָן ווייל ער זעט אַז ס'שיינט אים דאָס געזיכט, ס'איז קרן אור פניו.

## באָסקאָוויץ

צוליב די רדיפות קעגן אים האָט רבי נתן אַדלער אין שנת תקמ"ג פאַרלאָזט פראַנקפורט און אָנגענומען דאָס רבנות פון דער שטאָט באָסקאָוויטץ, אין מעהרן (מוראַוויא, Moravia), אין דער היינטיגער טשעכיי.

ביים געזעגענען זיך פון זיינע תלמידים אין פראַנקפורט האָט רבי נתן געבעטן פון יעדן פון זיינע תלמידים זיי זאָלן אים זאָגן עפּעס וואָס זיי באַגערן. ווען ס'איז געקומען די ריי אויף דעם חתם סופר האָט ער געזאָגט: "איך וויל זען דעם רבי'ן אין באָסקאָוויץ". רבי נתן אַדלער האָט זיך פון זיי געזעגנט און זיי אַלע געבענטשט.

דער חתם סופר האָט זיך דערנאָך געכאַפּט אַז ער האָט נישט געזאָגט "בלי נדר", איז ער נאָכגעלאָפן זיין רבי'ן וועלכער האָט זיך שוין געפונען מיילן אַוועק אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויץ. ווען ער האָט אים דעריאָגט לויפנדיג צופיס אין דער צייט וואָס רבי נתן איז געפאָרן מיט אַ וואָגן האָט רבי נתן אַדלער געזאָגט אַז ס'איז אַנדערש אוממעגליך נאָר אַז ער האָט געהאַט קפיצת הדרך. רבי נתן אַדלער האָט אים אַרויפגענומען אויפ'ן וואָגן און אים מיטגענומען מיט זיך.

איידער זיי זענען אָנגעקומען קיין באָסקאָוויץ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין פּראַג וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטליכע טעג. דער נודע ביהודה, דער רב פון פּראַג און דער פוסק הדור, האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד. שבת האָט ער רבי נתן אַדלער'ן מכבד געווען צו האַלטן אַ דרשה אין שול.

דער חתם סופר, וועלכער איז געווען אַ בחור פון ניינצן יאָר, האָט דאַן נושא ונותן געווען בהלכה מיט'ן נודע ביהודה. צווישן אַנדערן האָט ער פאַרענטפערט אַ קשיא וואָס דער נודע ביהודה האָט געהאַט געלאָזט בצריך עיון. שרייבט דער חתם סופר אין שו"ת יורה דעה סימן שלח:

"ונהירנא, כד הוינא טליא, יוצק מים על ידי מורי חסיד שבכהונה הגאון מה"ו נתן אַדלער זצ"ל, שנת תקמ"ג, בעברנו דרך פּראַג, ראה פני הגאון נודע ביהודה זצ"ל, והיה פלפולם... ואני הייתי מוציא ומביא הדברים. ואז חזר בו הגאון נודע ביהודה והוסיף על הגליון: כך אמר יחזקאל וכו' ".

אין חידושי חתם סופר אויף פסחים (דף מ"ז) ברענגט דער חתם סופר אַ קשיא וואָס דער נודע ביהודה האָט אים געפרעגט "וילדות היתה פי והעזתי פני בהגאון" מיט'ן ענטפערן אַ תירוץ, און דער נודע ביהודה האָט מקבל געווען דעם תירוץ.

אין באָסקאָוויץ האָט רבי נתן אַדלער מיט אים געלערנט די טיפסטע סודות און יסודות אין חכמת הקבלה. כאָטש אויך פריער, אין פראַנקפורט, האָט ער מיט אים געלערנט קבלה

און האָט פאַר אים מגלה געווען סתרי תורה.

מיט יאָרן שפּעטער האָט דער חתם סופר געזאָגט פאַר זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל, אַז ער האָט געקענט אַ בחור וואָס ביי די פופצן יאָר איז ער שוין געווען פיל מער בקי אין חכמת הקבלה איידער אַסאַך גרויסע מקובלים. רבי עקיבא איגר האָט דערנאָך געזאָגט אַז דער בחור איז געווען נישט קיין צווייטער ווי דער חתם סופר אַליין.

אין באָסקאָוויץ האָט אים רבי נתן אַדלער אויך אויסגעלערנט די סודות פון שרייבן קמיעות, וואָס דער חתם סופר פלעגט זיך דערמיט באַנוצן לעת הצורך.

אין באָסקאָוויץ האָט דער חתם סופר, – וועמען מען האָט דאָרט גערופן "דער פראַנקפורטער בחור" – געלערנט שולחן ערוך אורח חיים מיט דעם בעל "מחצית השקל", וועלכער האָט געוואוינט אין באָסקאָוויץ און האָט דאָרט געהאַט אַ ישיבה.

דער בעל מחצית השקל איז אין באָסקאָוויץ געווען פון די נאָענטסטע ידידים פון רבי נתן אַדלער. אָבער אַזוי ווי צדיקים אין להם מנוחה זענען די אַלגעמיינע איינוואוינער פון דער שטאָט, ובפרט אינשי דלא מעלי, געוואָרן פיינטליך צו אים און האָבן אים גע'רודפ'ט. הויפּטזעכליך צוליב די זעלבע סיבות ווי די איינוואוינער פון פראַנקפורט בעפאָר. נעמליך: זיינע אייגנאַרטיגע מנהגים וואָס זענען געווען מיוסד על פי קבלה, ווי אויך צוליב געוויסע תקנות אין דער שחיטה וואָס ער האָט געוואָלט איינפירן. די קצבים האָבן אים צום סוף מיט פאַרשידענע מלשינות ממש פאַרטריבן פון דער שטאָט. אין תקמ"ה האָט רבי נתן אַדלער באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין פראַנקפורט.

רבי נתן און זיין תלמיד דער חתם סופר האָבן אַרום אַ יאָר צייט זיך אויפגעהאַלטן אין ווינע. דער חתם סופר דערמאָנט דאָס אין די חידושים אויף שו"ע או"ח סי' תע"ג וואו ער שרייבט: "כשהיינו מסובים על שולחן מרנא חסיד שבכהונה כבוד מהו' נתן אַדלער בשנת תקמ"ה בוויען לא נמצא חסא לטי"ך מבלי תולעים וציווה למלול תמכא ואכלנום". זע אויך שו"ת או"ח סי' קל"ב.

## פּרוסניץ

אין שנת תקמ"ו איז רבי נתן אַדלער צוריקגעפאָרן פון ווינע קיין פראַנקפורט. דעם חתם סופר האָט ער אָבער אָנגעזאָגט, ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין ערשטן אַרטיקל, ער זאָל מער קיינמאָל נישט צוריקפאָרן קיין פראַנקפורט. ער האָט אים געהייסן זיך באַזעצן אין פּרוסניץ, אויך אין מעהרין. די סיבה און אַ הסבר פאַרוואָס ער האָט אים געהייסן מער קיינמאָל נישט צוריקפאָרן קיין פראַנקפורט געפינען מיר נישט אין ערגעץ.

איז עס געווען צוליב דעם וואָס פראַנקפורט האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ פאַרדאָרבענע מאָדערניזירטע שטאָט אונטער דער השפעה פון די ערשטע משכילים? איז דאָך די שטאָט פּרוסניץ וואו דער חתם סופר איז פון דאָרט געגאַנגען געווען אַ שטאָט וואָס איז נאָך געווען פול מיט כת ש"ץ'ניקעס, אפילו נאָך אַזויפיל יאָרן נאָך ש"ץ'ס פאַרשוואונדן פון דער מאַפּע. איז עס געווען דערפאַר ווייל רבי נתן אַדלער האָט פאָראויסגעזען דעם בעפאָרשטייענדיגן רוחניות'דיגן חורבן וואָס לויערט אויף פראַנקפורט, און אויף דייטשלאַנד בכלל? האָט דאָך מעהרן געליטן דעם זעלבן שיקזאַל ווי דייטשלאַנד. נישט געבליבן דאָרט קיין שריד ופליט, קיין זכר פון אידישקייט.

מסתמא האָט ער מרגיש געווען און פאָראויסגעזען אַז פּרוסניץ איז די שטאָט וואו ער דאַרף אָנהייבן זיין וועג וואָס וועט אים עווענטועל פירן קיין דרעזניץ, מאַטערסדאָרף און פרעשבורג, ראַטעווען דעם אונגאַרישן אידנטום, און גרויסע חלקים פון דער אידישער וועלט, פון רעפאָרם און פון דער השכלה, אַ זאַך וואָס וואָלט נישט מעגליך געווען פון פראַנקפורט און פון דייטשלאַנד.

אָפּגעזען פון די סברות און שפּעקולאַציעס האָט רבי נתן אַדלער אַלענפאַלס געהייסן זיין גרויסן תלמיד דער חתם סופר ער זאָל פאָרן קיין פּרוסניץ, אין מעהרן.

פּרוסניץ האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין רב. ווען דער חתם סופר איז אַהין אָנגעקומען האָט ער צונויפגענומען בחורים און פאַר זיי מרביץ תורה געווען. ער האָט אויך פאָרגעלערנט שיעורים פאַר בעלי בתים.

ווי געזאָגט האָבן אין פּרוסניץ זיך נאָך געפינען אָפּטריניגע אָפּענע און באַהאַלטענע אָנהענגער פון דער כת ש"ץ. איינער פון די הויפּט אַפּאָסטאָלן פון דער כת ש"ץ מיט יאָרן פריער האָט געהייסן לייבל פּרוסניץ, אַ נוכל און מאחז עינים, וועלכער האָט אַזוי געהייסן טאַקע ווייל ער איז געקומען פון דער שטאָט פּרוסניץ, וואָס איז צוזאַמען מיט דעם טרויעריג באַרימטן ש"ץ'ניק נחמיה חיוון אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע צו פאַנגען נשמות און אַריינכאַפּן זיי אין נעץ פון דער כפירה'דיגער אמונה אַז נאָך שבתי צבי'ס "התגלות" (אפילו נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געהאַט געטויפט צום איסלאַם) זענען עס שוין די טעג פון אתחלתא דגאולה, וואָס איז קענטיג אין דער אויפוואַכונג פון תשובה צווישן די מאמינים אין שבתי צבי שר"י.

דער חתם סופר האָט שטענדיג געהאַט ליגן איינעם פון די ספרים פון עמדין, געוועגליך אַן עמדין סידור, ביי זיך אויפ'ן טיש, בעיקר אויף צו זען די רעאַקציע פון די איינוואוינער פון פּרוסניץ, און שפּעטער אויך פון די איינוואוינער פון די אַנדערע שטעט וואו ער האָט זיך געפונען. לויט ווי דער חוט המשולש דערציילט האָט דער חתם סופר אַמאָל באַמערקט ווי איינער פון די בעלי בתים וואָס זענען געקומען צו זיין שיעור האָט ביים זען דעם עמדין סידור אויפ'ן חתם סופר'ס טיש געגעבן עס אַ רוק אין דער זייט מיט אַ מינע פון אומצופרידנהייט. ווען דער חתם סופר האָט דאָס באַמערקט, זעענדיג ווי פאַר דעם מענטש פאַרדריסט דאָס ספר פון רבי יעקב עמדין, דער גרויסער לוחם קעגן שבתאות, האָט ער אים אָנגעשריגן, און אים געזאָגט אַז אַלס אַן אָנהענגער פון ש"ץ האָט ער נישט וואָס צו קומען צו זיין שיעור.

כ"ק מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט געזאָגט אַז דער חתם סופר האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמיד פון די ספרים פון יעב"ץ. אין זיינע תשובות פאַררופט זיך דער חתם סופר אָפט אויף די פּסקים פון יעב"ץ. אויך אין זיינע חידושים על הש"ס בויעט ער אויף זיינע חידושים.

רבי וואָלף באָסקאָוויץ זצ"ל, דער זון פון מחצית השקל, איז אַ קורצע צייט דערנאָך אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּרוסניץ. זיין פאָטער דער מחצית השקל האָט אים אָנגעזאָגט אַז קומענדיג קיין פּרוסניץ זאָל ער נישט טון קיין זאַך אָן דעם וואָס ער זאָל זיך דורכרעדן מיט דעם "פראַנקפורטער בחור" משה סופר. וכך הוה. רבי וואָלף באָסקאָוויץ האָט אויך געגרינדעט אַ ישיבה און די בחורים וואָס האָבן געלערנט אין זיין ישיבה זענען אויך געגאַנגען הערן די שיעורים פון דעם "פראַנקפורטער בחור".

איידער רבי וואָלף באָסקאָוויץ איז געוואָרן רב אין פּרוסניץ איז דאָרט געווען רב הגאון רבי משה יערוויץ זצ"ל. (אין נודע ביהודה איז פאַראַן אַ תשובה צו אים). זיין זון רבי הירש יערוויץ, האָט אָנגעטראָגן פאַר'ן "פראַנקפורטער בחור" זיין שוועסטער, די טאָכטער פון רבי משה



**דאָס ביהמ"ד אין פרוסניץ**

יערוויץ, האשה חשובה האלמנה מרת שרה ע"ה. רבי הירש יערוויץ איז געווען אַ איד אַ נגיד. האָט ער פאַרשפּראָכן אויסצוהאַלטן דאָס פּאַרפּאָלק כדי דער חתם סופר זאָל קענען בלייבן זיצן על התורה ועל העבודה, ווי ס'איז געווען זיין באַגער.

הגאון הגדול רבי נתן געשטעטנער זצ"ל, אייניקל פון חתם סופר און בקי נפלא אין תולדות פון צדיקים בכלל און פון הייליגן חתם סופר, און פון זיינע אַנדערע גרויסע זיידעס, בפרט, ברענגט אין "אוצרות להורות נתן" דף רכד:

"זקני מרן החתם סופר זי"ע בזיווג-ראשון התחתן עם אשה אלמנה בהיותו בחור מבוגר, הסיבה לדבר היתה, כי החת"ס היה עני מרוד ולרש אין כל, ובעקבות זאת היה קשה לו להינשא ולפרנס אשה וילדים".

די אלמנה איז געווען 25 יאָר עלטער פון חתם סופר. זיינע ביידע רבי'ס, רבי נתן אַדלער און דער בעל הפלאה, האָבן קודם מסכים געווען צום שידוך. שפּעטער, ווען זיי זענען געוואויר געוואָרן אַז זי איז 25 יאָר עלטער פון אים און שוין נישט קיין בת בנים, זענען זיי ביידע געווען דערקעגן. צוליב דעם, און אויך צוליב אַ נייעם געזעץ אין מעהרן אַז איינער וואָס איז נישט קיין בירגער טאָר נישט בלייבן אַן איינוואוינער אין מעהרן, האָט דער בעל הפלאה מורא געהאַט אַז דער חתם סופר וועט נישט קענען בלייבן דאָרט וואוינען און זיין שוואָגער וועט אים נישט קענען אויסהאַלטן ער זאָל בלייבן זיצן און לערנען, האָט דער בעל הפלאה געשיקט דעם חתם סופר אַ בריוו ער זאָל נישט חתונה האָבן מיט איר.

דער בריוו איז אָבער אָנגעקומען צום חתם סופר תיכף נאָך דער חופה. דער חתם סופר האָט אין דעם פאַקט וואָס דער בריוו וואָס איז געשריבן געוואָרן וואָכן אָדער חדשים פריער האָט אים געגרייכט ערשט נאָך דער חופה געזען דערין אַן אות מן השמים אַז דער זיווג איז געווען פאַר אים באַשערט.

אַז מען וויל קען מען דאָס אויסטייטשן מיט אונזער איינפאַכן בליק, מיט דער פּערספּעקטיוו פון אַ היסטאָרישן רעטראָספּעקט. דעם חתם סופר'ס זיווג שני, די רבנית שרה, די טאָכטער פון הגה"ק רבי עקיבא איגר זצ"ל, איז געבוירן אין דעם יאָר וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין זיווג ראשון, די רבנית שרה די טאָכטער פון הגאון רבי משה יערוויץ. אַזוי ווי ער האָט געמוזט וואַרטן נאָך 25 יאָר חתונה צו האָבן מיט די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר מיט וועמען ער האָט געהאַט זיינע קינדער די גדולי מאורי ומנהיגי ישראל, דער כתב סופר, רבי שמעון סופר, און די אַנדערע צדיקים וצדקניות וואָס זיי און זייערע דורות האָבן באַלאַכטן די אידישע וועלט, האָט ער דערוויילט געמוזט חתונה האָבן מיט זיין זיווג ראשון ביז ער וועט חתונה האָבן מיט זיין זיווג שני.

נאָך דער חתונה האָבן זיי קודם געוואוינט אין סעמניץ, אין אונגאַרן. אַדאַנק דאָס עסקנות פון די איינוואוינער פון פּרוסניץ האָט דער חתם סופר געקראָגן בירגער-רעכטן און האָט זיך דאָרט צוריק באַזעצט.

זיין שוואָגער ר' הערש יערוויץ האָט אים טאַקע אויסגעהאַלטן במשך פון זיבן יאָר. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער חתם סופר דערציילט פאַר זיינע קינדער דעם סדר פון זיין עבודת הקודש אין פּרוסניץ.

מוצאי שבת קודש האָט ער זיך געזעצט לערנען 24 שעות רצופות אָן מפסיק צו זיין צו עסן אָדער שלאָפן. זונטאָג נאַכט, דאָס הייסט אור ליום ב', האָט ער נאָך מעריב זיך געלייגט שלאָפן אויף פיר שעה ביז 11:00 אַזייגער. דעמאָלט איז ער אויפגעשטאַנען, האָט געגעסן אַביסל מזונות און געטרינקען אַ קאַווע. דערנאָך האָט ער ממשיך געווען צו לערנען 48 שעה רצופות אָן דעם וואָס ער זאָל שלאָפן, ביז אור ליום ד'. ער האָט נאָר מפסיק געווען מיט טועם זיין נאָכאַמאָל מזונות מיט קאַווע, מאָנטאָג נאַכט, דאָס הייסט אור ליום ג', אָבער נישט מיט שלאָפן. יעדע 48 שעה איז ער געשלאָפן נאָר איינמאָל, במשך פון 4 שעה.

כאָטש דער רמב"ם שרייבט אין הלכות דעות (פ"ד ה"ד): "היום והלילה כ"ד שעות, די לו לאדם לישן שליש שהוא שמונה שעות". דער חתם סופר האָט אָבער געהאַלטן אַז דאָס ווענדט זיך לויט יעדנ'ס כוחות און לויט יעדנ'ס מדריגות.

דער תפארת ישראל אין משניות אבות (פ"ו) שרייבט "אמרו בשם הרמב"ם שהוא ישן ח' שעות בכל לילה וסימנך "ישנתי אז ינוח לי" (איוב ג' י"ג). דאָס וואָרט "אז" באַטרעפט 8. אַזויפיל איז נויטיג צו שלאָפן. ישנתי אז.

האָט דער חתם סופר אָבער געזאָגט אויף זיך ישנתי אז, אים איז גענוג צו שלאָפן 8 שעה, און צו זיין וואַך, אויפצוזיין, במשך פון "לי", וואָס באַטרעפט 40. דאָס הייסט 8 שעה אין יעדע 48 שעה.

אגב: דער מגן אברהם אין סימן רל"ח רעדט אויך וועגן דעם זמן שינה און ברענגט צו דעם סימן פון ישנתי אַז אַז דאָס מיינט 8 שעה אין אַ

מעת לעת און גיט צו: "ונראה לי דהכל לפי מה שהוא אדם".

איז וויכטיג צו וויסן: אַזעלכע איבערמענטש־ליכע התנהגות זענען פאַר אַזעלכע גדולי ישראל, וואָס זענען בבחינת ראשונים כמלאכים, מלאכי אלוקים. דער הייליגער צאַנזער רב איז געשלאָפן 2 שעה אַ נאַכט. ווען מען האָט אים געפרעגט וויאַזוי דאָס איז מעגליך האָט ער געזאָגט: אַנדערע לערנען אַ שווערן סימן אין חושן משפט מיט די נושאי כלים במשך פון זעקס שעה. איך לערן עס אין צוויי שעה. דאָס זעלבע איז מיט שלאָפן. פאַר אַנדערע פאָדערט זיך 6 שעה. מיר איז גענוג צוויי שעה. דאָס זעלבע האָבן אַלע געזען ביי מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זצ"ל, וועלכער איז קיינמאָל נישט געשלאָפן מער ווי צוויי שעה אין אַ מעת לעת.

געווען אָבער גדולים וואָס זענען געשלאָפן מער. די קינדער פון גר"א שרייבן אין דער הקדמה צום שולחן ערוך אַז דער גאון איז נישט געשלאָפן מער ווי צוויי שעה אַ מעת לעת. האָט דער חזון איש אויף דעם געזאָגט אַז ס'איז מעגליך אַז אביי ורבא זענען יאָ געשלאָפן מער.

דער חוזה פון לובלין האָט מזהיר געווען זיינע תלמידים זיך נישט מסגף צו זיין מיט ווייניג שלאָפן.

דער הייליגער קאָמאַרנער אין "נוצר חסד" אויף דער משנה הנעור בלילה הרי זה מתחייב בנפשו (אבות פ"ג מ"ד) איז מאריך דערין וואָס אויף עבודת השם איז דוקא אַ חיוב צו זיין אויסגערוט, צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט אַ קלאָרן מח. דער קאָמאַרנער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: בעסער צו שלאָפן ביינאַכט אַביסל מער און זיין אַ מענטש איבער'ן טאָג ווי איידער צו שלאָפן צו ווייניג ביינאַכט און זיין אַ "חיה רעה" איבער'ן טאָג.

ווי געזאָגט איז דאָס אָבער אַלץ געזאָגט געוואָרן ביי אַלגעמיינע מענטשן. מאידך גיסא געפינען מיר אָבער און זעען כסדר ביי צדיקים ווי זיי האָבן זיך אויסגעאַרבעט, געדינט דעם אויבערשטן און זוכה געווען לכתרה של תורה דווקא "במיעוט שינה".

ביי די צוויי ברידער, דער רבי ר' שמעלקע ניקלשבורגער און זיין ברודער דער בעל הפלאה געפינען מיר אויסטערלישע מדרגות אין זייער מיעוט שינה.

דער חתם סופר האָט אויף די עלטערע יאָרן אויך געזאָגט צו זיינע קינדער אַז כל ימיו איז ער קיינמאָל נישט געשלאָפן ביינאַכט ביי חצות. אין די יונגע יאָרן איז ער געשלאָפן פיר שעה די ערשטע העלפט נאַכט און אויפגעשטאַנען פאַר חצות און אויף די עלטערע יאָרן איז ער אויפגעווען ביז נאָך חצות און דערנאָך געשלאָפן פיר שעה.

זיבן יאָר איז דער חתם סופר אַזוי געזעסן על התורה ועל העבודה אין פרוסניץ און זיין שוואָגער דער נגיד האָט אים אויסגעהאַלטן. מן השמים האָט מען אָבער אַזוי געפירט אַז דער חתם סופר זאָל נישט קענען בלייבן כמעט בהתבודדות אין פרוסניץ.

זיין שוואָגער ר' הירש יערוויץ איז פלוצים געוואָרן ל"ע אַ יורד. פון אָנפאַנג האָבן ער און דעם חתם סופר'ס רעביצין פרובירט עס אויסצובאַהאַלטן פון אים. איין פרייטאָג צונאַכטס איז אָבער דער חתם סופר אַהיימגעקומען פון שול און האָט געזען ווי זיין רביצין האָט נישט אָן דעם מיט גאָלד-באַצירטן שטערן טיכל. ווען ער האָט איר געפרעגט פאַרוואָס דאָס איז האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און אים דערציילט דעם אמת: זי האָט דאָס געמוזט פאַר'משכונ'ען אויף צו קענען קויפן וויין אויף קידוש און די אַנדערע מאכלים לכבוד שבת.

מיט אַ צייט פריער, נאָך זייענדיג אין באָסקאָוויץ, איז אַ איד אַ נגיד פון ניקלשבורג געקומען צום בעל מחצית השקל און אים געזאָגט אַז ער זוכט אַ חשוב'ן געראָטענעם בחור, אַ מופלג בתורה ויראת שמים, פאַר אַן איידעם וואָס ער פאַרשפּרעכט אים אַ שיינעם נדן און אַז דערצו וואַרט אים אַ רבנות שטעלע אין אַ חשוב'ער שטאָט. דער מחצית השקל האָט אים פאָרגעשלאָגן דעם פראַנקפורטער בחור משה סופר.

דער מחצית השקל האָט געשיקט דעם בחור אויף שבת קיין ניקלשבורג צו יענעם גביר. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער בחור משה סופר איז זייער געפאַלן נישט בלויז פאַר דעם גביר נאָר אויך פאַר אַלע בעלי בתים פון דער שטאָט. שבת נאָכמיטאָג פאַר מנחה איז דער גביר געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר מיט דעם בחור און פאַר אים מציע געווען דעם שידוך. ער האָט אים אויך געזאָגט אַז ער דאַרף זיך גאַרנישט זאָרגן פאַר זיין עתיד ווייל עס וואַרט אויף אים אַ חשוב'ע רבנות פאָסטן.

ווען דער חתם סופר האָט דאָס געהערט האָט ער גלייך פאַרקירצט דעם שמועס זיך אַרויסגעדרייט פון דעם איד און אים מער נישט געוואָלט טרעפן.

צוריקקומענדיג קיין באָסקאָוויץ האָט דער מחצית השקל געפרעגט פון חתם סופר: "נו, מאי הוה עלה?", האָט דער חתם סופר געענטפערט אַז דער שמועס האָט זיך געענדיגט ווען יענער האָט אים געזאָגט אַז פאַר זיין עתיד דאַרף ער נישט זאָרגן ווייל ס'וואַרט אויף אים אַ רבנות שטעלע. דער חתם סופר האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות פאָסטן. ער האָט דאָס באַצייכנט אַלס אשתמש בתגא.

דער מחצית השקל האָט אויך קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין רבנות פאָסטן. ווען ער האָט דאָס אָבער געהערט פון חתם סופר האָט ער אים געזאָגט: "אויף מיר האָט זיך השי"ת געזעצט, און איך האָב מיך אויסגעריסן. איר מוזט אָבער איין רב ווערדן".

ווען דער חתם סופר האָט מיט יאָרן שפּעטער דאָס דערציילט פאַר זיינע תלמידים אין פרעשבורג האָט ער אויסגעפירט מיט די ווערטער: "זעט ווי גרויס ס'איז אַ קללת צדיק. מיט אַ צייט שפּעטער בין איך טאַקע געצוואונגען געוואָרן אָנצונעמען אויף מיר דעם עול הרבנות".

יעצט, ווען דער חתם סופר האָט אויסגעפונען דעם מצב הפרנסה פון זיין שוואָגער, אַז ער איז מער נישט ביכולת זיי אויסצוהאַלטן, האָט דער חתם סופר, כדי זיך נישט משתמש צו זיין בכתרה של תורה, צוערשט געוואָלט זיך אויסלערנען אַ פאַך פון וואָס ער זאָל ציען זיין חיונה. ער האָט דערפאַר געוואָלט זיך אויסלערנען שניידעריי. אַזוויוי ער איז שוין געווען מער ווי דרייסיג יאָר אַלט איז ער אָבער שוין נישט געווען ביכולת זיך דאָס אויסצולערנען.

ממש דעמאָלט האָט ער באַקומען אַ כתב רבנות פון דער שטאָט דרעזניץ. האָט ער געזען דערין אַן אות מן השמים אַז זיין גורל איז יאָ צו נעמען אויף זיך דעם עול הרבנות.

ווען ער האָט אָנגענומען דאָס רבנות און זיך געצויגן קיין דרעזניץ האָט דאָס רעדל ביי זיין שוואָגער ר' הירש יערוויץ זיך געדרייט צוריק צום גוטן און ער איז ווידעראַמאָל נתעשר געוואָרן. דאָס האָט געצייגט אַז זיין צייטווייליגע ירידה איז נאָר געווען לצורך עליה פון חתם סופר און פון כלל ישראל.

**דרעזניץ, מאַטערסדאָרף און פרעשבורג**
**אין קומענדיגן אַרטיקל**

ברוך יודא קליין

ה

# דער הייליגער חתם סופר



**זיין ערשטע רבנות אין דרעזניץ – אַן אַריינפיר צו זיינע תשובות – פאַרוואָס ער האָט קיינמאָל נישט געמוזט צוריקציען פון זיינע הוראות – זיין פאָרצוג נישט צו פירן קיין וויכוחים מיט די וואָס ווילן אָפּפרעגן זיינע תשובות – דער מהלך פון די תשובות און דער קונסטליכער סטיל פון זיין סגנון אין שרייבן – וויאַזוי גדולי ישראל האָבן זיך מיגע געווען אויף יעדן וואָרט פון תשובות חתם סופר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

ג' אלול תקנ"ג האָבן די ראשי הקהילה פון דרעזניץ אונטערגעשריבן אַ קאָנסעס, אַ כתב רבנות, אין וועלכן זיי נעמען אויף דעם חתם סופר אַלס רב.

דרעזניץ איז אַ שטאָט אין מעהרין, אין דער היינטיגער טשעכיי. לויט'ן לאַנדס-געזעץ האָט יעדער רב געמוזט קריגן סמיכה און די גוטהייסונג פונעם הויפּט-רב פון מעהרין. דער הויפּט-רב איז דאַן געווען דער גרויסער גאון וצדיק רבי מרדכי באַנעט, רב פון ניקלסבורג.

אין דעם כתב הורמנא פון ניקלסבורגער רב איז רוח הקודש נזרקה בו. צווישן אַנדערן שרייבט רבי מרדכי באַנעט אויפ'ן חתם סופר: "הוא ישפוט תבל בצדק וידריכם בדרך ישרה". – אַ זאַך וואָס איז מקויים געוואָרן, און ווערט נאָך אַלץ מקויים, אויף דעם רבן של ישראל דער הייליגער חתם סופר.

די ערשטע דרשה וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן אין דרעזניץ האָט שטאַרק באַאיינדרוקט די איינוואוינער פון דער שטאָט. זיי האָבן כאיש אחד זיך אונטערגעוואָרפן אונטער זיין אויטאָריטעט.

דער כתב סופר שרייבט אַז זיין פאָטער דער חתם סופר האָט אים אַמאָל מגלה געווען דריי זאַכן:

א: מיום עמדו על דעתו האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין מחשבה זרה ביים דאַווענען.

ב: ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פניות, מחשבות פון כבוד אָדער גאוה ביים פאָרלערנען, ביי אַ דרשה, אָדער ביים מחדש זיין חידושי תורה, חוץ איינמאָל: בעת זיין ערשטע דרשה אין דרעזניץ, ווען ער האָט געוואָלט צייגן זיין כח אין לערנען – אָבער אויך דאָס, האָט ער צוגעלייגט, איז נאָר געווען לשם שמים, ס'זאָלן זיין דבריו נשמעים בעת זיין ערשטע רבנות פּאָסטן. ג: אויב זיין שטוב איז געפירט געוואָרן עטוואָס בכבוד'יג, איז דאָס חלילה נישט געווען מיט דער מינדעסטער כוונה פון גרויסהאַלטערישקייט, נאָר אויסשליסליך לשמה.

אין דרעזניץ האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה וואוהין עס האָבן געשטראָמט בחורים פון נאָענט און פון ווייט. די תלמידים זענען צו אים געוואָרן שטאַרק מקושר און אַ סאַך זענען מיט אים מיטגעגאַנגען קיין מאַטערסדאָרף ווען ער איז שפּעטער געוואָרן דאָרט רב.

ער האָט אַמאָל געזאָגט פאַר'ן כתב סופר: "גלויב מיר: כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ שפע און אַזויפיל מנוחת הנפש ווי אין דרעזניץ".

## שירת משה

אין דרעזניץ האָט ער אויך געשריבן רוב פון די שירים וואָס ער האָט פאַרפאַסט צווישן יום כיפור און סוכות.

רבי שלמה אלכסנדרי סופר, זון פון רבי שמעון סופר, שרייבט אין דער הקדמה צו "שירת משה": "ונאמן עלי אבא מארי (הגאון רבי שמעון סופר) זצללה"ה שהעיד בגדלו אשר אזנו שמעה ממר אביו (מרן החתם סופר) זצוק"ל, כד נפקין זקוקין דנורא מפומיה על שאלתו מדוע לא יוסיף לשיר שירים בפרעשבורג כאשר שר לפנים בהיות איתן מושבו בק"ק דרעזניץ, אשר בימי עלומיו במשחר טל ילדותו עת החלה רוח צפונית לנשב בו ולנפוח בחבו זיקי אש האהבה לה' ולתורתו בארבעת הימים שבין יום הכיפורים לסוכות, דרכה נפשו הטהורה עוז, רוב שרעפיו בקרבו התפתחו ממסגרותיהם, אז שר משה זמרת יה בחיל ורעדה וחרדת קודש פנימה מבלי דעת נפשו... וז"ל הטהור: "ווען איך יונגער וואָר האָבע איך דען פיר טאָג צווישן יום כפור און סוכות פאַר דביקות נישט געוואוסט וואָס איך טאָן זאָל, לכן האָב שירים געזונגען".

## שאלות ותשובות חתם סופר

זיינע ערשטע תשובות האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין דרעזניץ. (זע יו"ד סי' מ"ו; אה"ע ח"ב סי' קס"ד; חו"מ, סי' נ"ט, ס, ס"א, קנ"ט; ח"ו, סי' ק"ג; ח"ז, סי' מ"ב; קובץ תשובות ירושלים תשל"ג סי' ל"א).

דער בערעגסאַזער רב רבי שלמה סופר שרייבט אין אַ בריוו (געדרוקט אין חידושי חת"ס אויף מסכת פסחים, ירושלים תרנ"ד), אַז דער מהר"ם שיק האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט רבי שמואל שמעלקא קליין, רבי שמעלקא סעלישער, און רבי שמעלקא סעלישער האָט משבח געווען דעם חתם סופר'ס גדלות בתורה, בחכמה ובצדקות. האָט דער מהר"ם שיק אים געזאָגט, אַז די גרעסטע פלא פאַר אים איז וואָס מען דערקענט נישט קיין חילוק צווישן די תשובות וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן אין די יונגע יאָרן אין דרעזניץ און צווישן די וואָס ער האָט געשריבן אויף די עלטערע יאָרן אין פרעשבורג, "כי תורת אמת היתה בפיהו, בילדותו כמו בזקנותו".

אַזוויוי אונזער סעריע אַרטיקלען איז געווידמעט נישט אויסשליסליך צו דער ביאָגראַפיע און תולדות פון הייליגן חתם סופר, נאָר איז אויך אַ שטיקל אַריינבליק אין זיינע הנהגות און מחשבות, השקפות, און אויפפאַסונגען; אַ בליק אין זיינע תשובות; בליצן פון זיינע תורות און רעיונות; איז אַזוויוי מיר האָבן דערמאַנט זיינע ערשטע תשובות וועלן מיר מאַכן אַ שטיקל הפסקה אין דער כראָנאָלאָגיע פון דער ביאָגראַפיע און וועלן רעדן אַביסל וועגן די תשובות פון הייליגן חתם סופר.

1,377 תשובות זענען פאַרבליבן פון הייליגן חתם סופר, אויף ארבע חלקי שולחן ערוך, ווי עס שרייבן זיינע קינדער. אַזויפיל זענען געדרוקט אין שו"ת חת"ס. מיט די יאָרן זענען געפונען געוואָרן מער. היינט זענען פאַראַן אַרום 1500. ווי אויך טויזנטער בלעטער חידושי תורה, איבער כל מקצועות התורה. בחייו האָט ער גאָרנישט געלאָזט דרוקן. אין אַ שפּעטערדיגן אַרטיקל וועלן מיר שרייבן פאַרוואָס.

די ערשטע תשובות וואָס זיינע קינדער האָבן געדרוקט זענען געווען שאלות ותשובות חלק יורה דעה. געדרוקט אַנדערהאַלבן יאָר לאחר פטירתו. בערך אין חודש סיון פון תר"א.

הגה"ק בעל ישמח משה זצ"ל, וועלכער האָט דאַן געליטן פון אַ געוואַלדיגער חולשה, – ס'איז געווען ווינציגער ווי צוויי חדשים פאַר זיין הסתלקות, כ"ח תמוז תר"א, – האָט באַקומען די תשובות ווען זיי זענען אַרויס פון דרוק. האָט ער טראָץ זיין גרויס חולשה כסדר מעיין געווען אין די תשובות. לויט ווי ר' יוסף נפתלי שטערן שרייבט אין דער הקדמה צו חת"ס דברים, ד"ה לגמר, האָט דער ישמח משה געזאָגט צו זיינע שטוב מענטשן: "די וועלט ווייסט גאָרנישט ווי מען פרייט זיך במתיבתא דרקיעא מיט די תשובות פון אַ איד וואָס האָט אַזויפיל נחת רוח געטאָן דעם רבונו של עולם מיט זיין לערנען און מיט זיינע תשובות".

אין "תולדות קול אריה", (עמ' כד), ווערט דערציילט, אַז ווען דער קול אריה האָט געוואוינט אין אוהעל איז דער דברי חיים געווען ביי אים ווען די שו"ת חתם סופר חלק יורה דעה זענען אַרויס פון דרוק. איז דער צאַנזער רב אויפגעווען צוויי גאַנצע נעכט און דורכגעלערנט אַלע תשובות. "והי' ניעור עליו שתי לילות עד הבוקר בעיון גדול מרישא לסיפא, ואח"כ הי' פיו מלא תהלות ותשבחות על הספר, וצוה לאנשים שלו הפקידים על ביתו ליקח ג"כ ספר אחד בכסף מלא ולהובילו עמו לביתו, ומי ראה אלו יוצאים ולא יצא עמהם. ולא נשאר להמוכר אף ספר אחד כי קפצו עליו זבינא, ועי"ז נתפשטו ספרי החת"ס גם אצל חסידיו".

## פוסק הדורות

רבנים, מורי הוראה און גדולי ישראל פון דער גאָרער וועלט, נישט בלויז פון אייראָפּע, נאָר אויך פון ארץ ישראל, פון צפון אַפריקע און פון אַזיע, האָבן זיך געוואָנדן צום חתם סופר מיט זייערע שאלות.

בדרך כלל האָט ער איבערגעלייענט די טעגליכע שאלות וואָס ער האָט ערהאַלטן ביים אַהיימקומען פון שיעור אויף מיטאָג. זיין לאַנג-יעריגער תלמיד רבי חזקיה פייבל פּלויט, דער בעל "ליקוטי חבר בן חיים", פּאַרפאַסער פון איינעם פון די וויכטיגסטע ביאָגראַפיעס פון חתם סופר, שרייבט: "ובבואו לביתו החליף בכל יום הכתונת, מחמת רוב הזיעה שהזיע בלימוד השיעור, והביט בעינא פקיחא על השאלות שנשאלו מאתו כיום. ובין כך הביאו לפניו סעודת הצהרים לחדרו המיוחד לו, כי משבת לשבת לא אכל עם בני ביתו. ובאמצע אכילתו לא פסק מלעיין להשיב שואלו דבר.... ובכל יום ויום אחר שינת הצהרים ערך להשואלים דבר נחוץ תשובתו".

אַן אַנדערער תלמיד, רבי יעקב הלוי, בעל מחבר ספר "המור דרור", שרייבט, אַז אפילו אינמיטן פאָרלערנען דעם שיעור פלעגט מען אים אָפּט ברענגען פיר אָדער פינף בריוו מיט שאלות פון איבער דער גאַנצער וועלט, און ער האָט יעדעס איינע דורכגעלייענט. איינמאָל האָט ער געזאָגט פאַר זיינע תלמידים, אַז באַלד ביים דורכקוקן די שאלות ווייסט ער שוין די ענדגילטיגע תשובה, הגם די גענויע פרטים און דעם משא ומתן בהלכה פאַרענדיגט ער ביים שרייבן שפּעטער די תשובות.

בדרך כלל האָט ער אָפּגעשריבן די תשובות דעם זעלבן טאָג וואָס ער האָט באַקומען די שאלות.

דער כתב סופר דערציילט אַז אַמאָל האָט ער געפרעגט פון טאַטן וויאַזוי ער וואַגט צו ענטפערן, אפילו אויף די האַרבסטע שאלות פון ארבע כנפות הארץ, גלייך דעם זעלבן טאָג פון באַקומען די שאלה, אָן מורא האָבן פון אַ טעות אַמאָל חלילה. האָט דער חתם סופר אים געענטפערט ווי פאָלגענד:

"ידעתי בני ידעתי אַז דאָס איז גאָרנישט אַזאַ קלייניגקייט, ושמעתתא בעי צלותא. זאָלסט אָבער וויסן מיין זון אַז אין יעדן דור איז דער רבונו של עולם מעמיד אַן איש על העדה אשר יצא לפניהם להאיר להם הדרך, מברר צו זיין ספיקות אין הלכה. אַזוויוי רובם ככולם פון שאלות איבער די גאַנצע וועלט קומען צו מיר צייגט דאָס אַז מן השמים איז מען מסכים צו מיינע פסקים. ברוך השם אַז כ'האָב געלערנט וויפיל מען דאַרף, און מיין כוונה איז אינגאַנצן בלתי לשם לבדו. בין איך נישט חושד אַז דער רבונו של עולם וועט מיך ח"ו מכשיל זיין. אין הימל איז מען זיכער מסכים צו מיינע הוראות. אפילו אויב מיינע ראיות זענען אַמאָל מעגליך נישט אויסגעהאַלטן איז אָבער דער דין און דער פסק הלכה אמת".

רבי אהרן דוד דייטש, דער בעל "גורן דוד", מגדולי תלמידי החתם סופר, שרייבט אין שו"ת "גורן דוד" (חלק שני סי' נו) אַז מהאי טעמא האָט דער חתם סופר קיינמאָל נישט צוריקגעצויגן פון אַ פסק (חוץ צוויי מאָל, ווי מיר וועלן שוין זען) אפילו אויב מען האָט אים אויפגעוויזן אַנדערש פון ש"ס ופוסקים. וואָס אויב ער וואָלט געהאַט פאַר זיך די מקורות בשעת'ן שרייבן די תשובה וואָלט ער טאַקע אַנדערש גע'פסק'עט, פונדעסטוועגן, וויבאַלד מען האָט דאָס מן השמים פון אים פאַרהוילן בשעת'ן שרייבן די תשובה, איז דאָס די אמת'ע הלכה. וואָס עס בלייבט איבער צו טון, האָט ער געזאָגט, איז צו פאַרענטפערן די ראשונים.

ענליכס שרייבט דער בעל גורן דוד אין אַ בריוו וואָס איז נאָך דערוייל בכתב יד. דער חתם סופר האָט אים אַליין געזאָגט, שרייבט ער, אַז אויב נאָכ'ן אָפּשרייבן אַ תשובה געפינט ער אַ גמרא מפורשת פאַרקערט וועט ער זוכן צו פאַרענטפערן די גמרא. ער וועט אָבער נישט



כתי"ק פון הייליגן חתם סופר זי"ע

משנה זיין פון זיין פסק. וואָרום וויבאַלד מען האָט מן השמים מעלים געווען פון אים די גמרא בשעת'ן שרייבן די תשובה וואָס ער האָט געשריבן אינגאַנצן לשמה מוז זיין אַז מן השמים האָט מען געוואָלט ער זאָל פסק'ען אַזוויי ער האָט גע'פסק'עט.

## דער בריוו צו זיין תלמיד דער פּעזינגער רב

אין אַ בריוו צו זיין תלמיד רבי ישראל דוד מרגליות-יפה, פּעזינגער רב, שרייבט דער חתם סופר, אַז שוין 40 יאָר וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות אין פסק און האָט קיינמאָל נישט געמוזט צוריקציען. חוץ צוויי מאָל וואָס ער האָט יאָ צוריקגעצויגן – און צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דוקא דאָס צוריקציען איז געווען אַ טעות, און זיין אָריגינעלער פסק איז געווען ריכטיג. שרייבט דער חתם סופר:

"וזה לי ארבעים שנה תהילה לאל יתברך לא אירע לי אלא ב' פעמים. פעם אחת החזירני הגאון מהרא"ז מרגליות זצ"ל במה שרציתי להוציא מתוס' סוף פרק במה מדליקין, שיש לכתוב בגט "מדינתא" כמו"ש בקונשטאַנטינא, והחזירני הגאון הנ"ל והודיתי לו, ועתה כי זכיתי ללמוד פרק לולב הגזול שבתי ועיינתי וראיתי כי שלא כדין הודיתי, ודברי הראשונים אמיתיים. ושוב פעם אחת בענין לכתוב על הנהר "דמתקרי", או "דמתקריא" היה לי עם הגאון רבי שמואל לנדוי זצ"ל וחזרתי בי. אמנם הגאון מהר"ז מרגליות זצ"ל בספרו טיב גיטין... והעלה שלא כדין הודיתי, אלא הלכה כדברי הראשונים, זולת זה לא ידעתי תלי"ת, ע"כ גדר בעדי שלא להשיב" (לקוטי תשובות סי' סח).

## מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע אין אַ שמועס וועגן דעם בריוו צום פּעזינגער רב

דער ערלויער רב הגה"צ רבי יוחנן סופר זצ"ל האָט דערציילט, אַז בעת אַ באַזוך ביי כ"ק מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע אין תשכ"א האָבן זיי געשמועסט וועגן דעם בריוו פון חתם סופר צו זיין תלמיד דער פּעזינגער רב, און וועגן דעם פלא'דיגן אויסדרוק פון חתם סופר אַז ער האָט קיינמאָל נישט צוריקגעצויגן פון קיין פסק. אין דעם שמועס זענען אויפגעברענגט געוואָרן עטליכע ערטער וואו עס זענען פאַראַן סתירות אין די פסקים פון חתם סופר. ווי למשל די סתירה אין זיינע פסקים בנוגע ירושה לגבי רבנות. צי רבנות פּאָסטנס גייען בירושה אָדער נישט. אין שו"ת או"ח סי' י"ב פסק'עט ער אַז ס'איז נישטאָ קיין ירושה ברבנות און אין אַ תשובה דערנאָך, תשובה י"ג, ווייזט אויס ווי ער האָט חוזר געווען און זאָגט אַז רבנות גייט יאָ בירושה.

איז אין דעם שמועס דערמאַנט געוואָרן אַז ווייזט אויס אַז מן השמים האָט מען אַזוי געוואָלט, אַז אויף איין מקום זאָל דער חתם סופר פסק'ען אַז עס גייט בירושה און אויף אַן אַנדער אָרט זאָל ער פסק'ען אַז נישט. און אלו ואלו דברי אלוקים חיים.

## נישט געפירט קיין ויכוחים מיט די שואלים און נישט געפּרואווט אויפווייזן אַז ער איז גערעכט

אין דעם זעלבן בריוו צום פּעזינגער רב אַנטפּלעקט דער חתם סופר אַ געוואַלדיגן יסוד אין זיין געהויבענעם מהלך המחשבה און אין זיין צוגאַנג אין די תשובות. ער פלעגט אין די תשובות ענטפערן זיין פסק הלכה און האָט אָנגעוויזן די מקורות צו זיין הוראה. אויב דער שואל האָט אָבער נאָכ'ן באַקומען זיין תשובה צוריקגעשריבן, ווענלדיג אָפּווענדן זיין תשובה, פרעגן קשיות דערויף אָדער ברענגען ראיות דערקעגן, איז ער נישט אַריינגעגאַנגען אין קיין וויכוחים און הוכחות, נאָר האָט אים מער נישט געענטפערט. אָט איז לשון קדשו אין דעם בריוו פון חתם סופר צום פּעזינגער רב:

"לא השבתי על עניין אחד שתי פעמים. וטעמי ונמוקי, כי כל עניין שו"ת הוא עלי למשא, ושלא ברצוני לישא ולקבל אחריות דאחרינא, אלא שאיני יוצא יד"ח להשיב לשואל ריקם. ולזה הי' די בהשיבי לשואל אסור או מותר, פטור או חייב, ותו לא. אך היות רוב השואלים הם ת"ח, ודברי שו"ע גם הם ראו טרם שאלו, וכל רצונם לשאול אולי ימצאו לחדש דבר שלא כדברי הפוסקים ההמה, או לחלוק עליהם, או לומר שיש לסמוך על דיעה הלז וכדומה. על כן צריך אני להודיע מאיזה טעם אני פוסק, שלא כמו שראה השואל, כדי דאם יבדוק אחרי וימצא טעות, שאחזור ואומר דברים שאמרתי לפניכם טעות היתה בידי, כי כל אדם עלול לטעות, וע"כ מחויב אני להודיע טעמי ונמוקי. ועתה בבא שנית תשובתו להשיג עלי, אם אני עומד על עמדי ורואה שאין ממש בראיות, והרי ראיתי שזה בדק ולא מצא אלא חבילות תשובות שאין בהן ממש, ומה לי להשיב לו להצדיקני? מה לי ולזאת? ממ"נ, אם יעשה כדברי הרי טוב, ואם לא יעשה טוב יותר, שאין לי אחריות, וידי חובתי יצאתי, שכבר השבתי לו, ואיני מחויב לכונן אבנים".

## זיין מהלך און צוגאַנג ביים שרייבן די תשובות

ווי ס'שרייבן זיינע תלמידים זענען די יסודות פון חתם סופר'ס תשובות באַזירט אויף זיינע שיעורים און אויף זיין דרך-הלימוד ביים לערנען די סוגיות הש"ס. יעדע סוגיא איז דורכגעלערנט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיגער עמקות, דורך צונעמען די שיטות פון די ראשונים בעיון רב וביגיעה, צו דערגיין און דערגרונטעווען זיך גלייך אין די הלכה'דיגע יסודות וואָס קומען אַרויס פון יעדער סוגיא, לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא.

מיר וועלן ציטירן בלויז איינעם פון זיינע תלמידים. רבי חיים צבי מאַנהיימער, אַ תלמיד מובהק פון חתם סופר, שרייבט אין שו"ת עין הבדולח (סי' ד'): ידועה דרכו של רבינו, שלא האריך בפלפול כשהשיב תשובה, רק בקיצור על פי שרשים אשר העמיד בעת למדו ענין זה, בהוציאו מקורן של דברים מדברי הראשונים, או מה שהוציא מדרך פלפול אמיתי, ומצוה לפרסם הדבר לבל יפערו פיהם לבלי חוק, לתלות בוקי סריקי בדברי רבינו או שגיאה וכו', ולמען דעת כל באַי שער ספרו של רבינו לדקדק היטב בדבריו, כי דבריו קצרין והמה קילורין לעינים, וכל דבריו ורמיזותיו המה גופי תורה".

אָפּט געפינט מען טאַקע אַז די זעלבע יסודות, סברות און הנחות וואָס ער לייגט אַראָפּ אין

זיינע תשובות ווערן מער און ברייטער מבואר אין זיינע חידושים אויף די מסכתות און סוגיות הש"ס. אַ מערקווירדיג אינטערעסאַנטן ביישפּיל אין איינעם פון די קומענדיגע אַרטיקלען אי"ה בנוגע אַ וויכוח צווישן פוסקי זמנינו אינם דעת פון חתם סופר לגבי תפילה בציבור.

## דער סגנון פון זיינע תשובות און זיין הערליך רייכער סטיל אין שרייבן

הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, מסתמא דער פּראָדוקטיווסטער שרייבער צווישן אַלע אחרונים פון די לעצטערע הונדערטער יאָרן, האָבנדיג מחבר געווען הונדערטער ספרים, וואָס טייל פון זיי דרוקט מען נאָך היינט פון כתב יד, שרייבט אין אַ בריוו צום חתם סופר, אַז באמת וואָלט דער חתם סופר געדאַרפט הייסן "קלוגער", צוליב זיין געוואַלדיגער חכמה, און ער, ר' שלמה קלוגער, וואָלט געדאַרפט הייסן "סופר", צוליב זיין שעפערישן שרייבן.

דער אמת איז אָבער אַז דער נאָמען סופר/ שרייבער איז דעם חתם סופר גאָר פּאַסיג. זיין שרייבערישער טאַלאַנט איז געווען פון סאַמע העכסטן קאַליבער און פון דער גרעסטער מדריגה.

יעדעס וואָרט איז קונסטליך געשניצט, יעדער זאַץ איז אָנגעלאָדן מיט די רייכסטע מליצות, לשונות פון פסוקים און מאמרי חז"ל, און יעדע פראַזע איז פאָרמולירט מיט גרויס חכמה צו זיין אַ מועט המחזיק את המרובה.

חוץ מזה וואָס ס'איז נישט פאַראַן קיין איבעריג וואָרט, יעדעס וואָרט איז געשריבן בקפידה, בתכלית הדיוק, זעט מען אויך אַז אין יעדן וואָרט שטעקן טיפערע רמזים אויף וואָס מען קומט דערויף אַרויף נאָר ביים שטאַרק מדייק זיין אין זיי, אָדער ביים איבערלייענען זיי מערערע מאָל.

אין איינעם פון די תשובות (שו"ת החדשות סי' כ) שרייבט ער: ומה שתפסני מאגרות הרשות שלי שכתבתי "ואהיה יותר זריז להשיבו יותר זריז להשיבו יותר מן קדמת דנא", הרי הייתי נזהר ביותר וכתבתי ב' פעמים "יותר", כי אלו לא כתבתי "יותר" השני, היה אפשר לפרשו שאהיה יותר זריז להשיבו מן הדברים שבינינו מן קדמת דנא, וכונתי לא כן היה, אלא הדברים הבאים להבא, אהיה נזהר להשיבו יותר מזה שהייתי נזהר לשעבר, על כן חזרתי וסמכתי תיבת "יותר", ל"מן קדמת".

אין אַ בריוו צו אַ געוויסן רב וואָס האָט מעביר



הגה"צ רבי שימע'לע זשעליכאָווער זצ"ל הי"ד



דער טשעבינער רב זצ"ל

געווען אַ שוחט, וואָס דער חתם סופר האָט מסכים געווען דערצו אָבער מיט גרויסע רעזערוואַציעס, שרייבט ער אים מיט שאַרפע ווערטער: "על כן כתבתי 'יפה עשה במה שהעבירו', וכל זה מובן לכל מבין ויודע, ואלו היה מעלתו מקבץ קבוץ זקנים ונבונים והיה מעיין במכתבי, היה מבין היכן דעתי נוטה".

דער הייליגער צאַנזער רב, דער דברי חיים זצ"ל, האָט געזאָגט אַז דער חתם סופר האָט מקיים געווען דעם "השמר לך פן" (זע "רחובות קריה", די הקדמה פון רבי יוסף נפתלי שטערן אויף חתם סופר בראשית, אות ט' ).

נאָר אַזוי איז באמת צו פאַרשטיין וואָס ווערט געברענט אין חוט המשולש (דף קב:) און אין "אלה תולדות" אין נאָמען פון רבי יצחק לאַנדסבערג, אַז דער חתם סופר האָט קיינמאָל נישט קאָרעגירט, נישט געמעקט, פאַראַכטן, אַראָפּגענומען אָדער צוגעלייגט פון וואָס ער האָט געשריבן. אַ זאַך וואָס איז כמעט אוממעגליך ביי אַ גוטן שרייבער.

נישט אומזיסט האָבן די גרעסטע גדולי הדורות זיך מייגע געווען לירד לסוף דעתו פון חתם סופר. אין דער הקדמה צו די דרשות חתם סופר (און אויך אין די הקדמה צו שו"ת מכתב סופר ח"א עמ' כ') ווערט געברענגט אין נאָמען פון גרויסן גאון דער לובלינער רב, בעל תורת חסד: "להבין תשובת חתם סופר על בוריה, צריכים, לדעתי, לשנותם ד' פעמים".

דער טשעבינער רב זצ"ל האָט כידוע געהאַלטן אין איין לערנען די תשובות חתם סופר. ברענגען זיי (אין "שר התורה" עמ' 295) אַז מען האָט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער לערנט אַזויפיל מאָל איבער די תשובות חתם סופר טראָץ זיין גאוני'שן זכרון. האָט דער טשעבינער רב געענטפערט: "האמן לי, יש תשובות ב"חתם סופר" שאחרי שנים רבות לאחר שלמדתי אותן עשרות פעמים, רק אז אני מבחין בעמקות שלא עמדתי עליה בפעמים הקודמות שלמדתי אותן".

הגה"צ רבי שימע'לע זשעליכאָווער זצ"ל הי"ד האָט געזאָגט: "ידוע מאוד גודל הקדושה שנתגלה ע"י הגאון רבי משה סופר החתם סופר זצ"ל, אבל הגילוי אלקות שהיתה ע"י הנשמה הגדולה הזאת, היה דוקא ע"י התשובות להלכה, ולא על ידי אופן אחר. אַזויפיל גילוי אלקית ווי דער דאָזיגער ר' משה סופר זי"ע האָט מגלה געווען איז אָן אַ שיעור, אָבער דוקא דורך זיינע תשובות להלכה אין תשובות חתם סופר". ("נהרי אש" פון זיין תלמיד ר' ירחמיאל ישראל יצחק דאָמב ז"ל, אין "ליקוטי דיבורים" אות קע"ג).

נאָך אויף דער טעמע, ווי אויך אינטערעסאַנטע און מערקווירדיגע תשובות פון חת"ס, אין שפּעטערדיגע אַרטיקלען. ערשט ווען מיר אי"ה אָבער ממשיך זיין מיט זיין רבנות אין מאַטערסדאָרף און אין פּרעשבורג.

(המשך קומט אי"ה)

ברוך יודא קליין

ו



# דער הייליגער חתם סופר

**דאָס רבנות אין מאַטערסדאָרף – די "שבע קהילות" אין "בורגענלאַנד" – דער יורש פון נודע ביהודה אַלס מנהיג ופוסק הדור – זיין קאַמף אויפצוהיטן די מנהגי אשכנז פון פראַנקפורט און פון רהיין – ממשיך די מנהגים און תקנות פון קהילות שו"ם – כ' אדר, דער פראַנקפורטער פורים, "פורים ווינץ" – דער קונטרס און די תשובה דערוועגן געשריבן אין מאַטערסדאָרף – רבי עקיבא מפראַנקפורט, "אשר ממנו התחילו הקופות"**

פינף יאָר איז דער חתם סופר געווען רב אין דרעזניץ, מערן, וואו ער האָט מעמיד געווען הונדערטער תלמידים און געשריבן די ערשטע תשובות להלכה. אַזויווי די צאָל תלמידים אין זיין ישיבה איז כסדר געוואַקסן איז די קהילה אין דרעזניץ מער נישט געווען ביכולת אָנצוהאַלטן איר התחייבות פון אויסהאַלטן די ישיבה און שפּייזן די תלמידים.

אין שנת תקנ"ח האָט דער חתם סופר דערפאַר אָנגענומען דאָס רבנות פון דער עיר ואם בישראל מאַטערסדאָרף, אין בורגענלאַנד, אונגאַרן.

## די "שבע קהילות" אין בורגענלאַנד

מאַטערסדאָרף איז איינע פון די זיבן שטעט וואָס מען האָט זיי גערופן די "שבע קהילות" פון דער בורגענלאַנד געגנט אין אונגאַרן.

וואָס און וואו איז דאָס בורגענלאַנד און וואָס זענען דאָס די "שבע קהילות"?

בורגענלאַנד איז אַ ראַיאָן וואָס ליגט ביי דער גרעניץ פון עסטרייך און אונגאַרן. במשך פון הונדערטער יאָרן, איינגעשלאָסן אין די צייטן פון חתם סופר, האָט עס באַלאַנגט צו אונגאַרן. היינט באַלאַנגט עס צו עסטרייך.

די היינטיגע עסטרייך באַשטייט פון ניין פּראָווינצן, ניין שטאַטן. בורגענלאַנד איז דער מזרח׳דיגסטער פּראָווינץ. ביז צו דער ערשטער וועלט מלחמה, איז בורגענלאַנד געווען אַ טייל פון אונגאַרן, דער צפון מערב׳דיגסטער טייל פון אונגאַרן. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן די זיגרייכע מדינות צוגעטיילט בורגענלאַנד צו עסטרייך אַלס אַ טייל פון די "וואַרסיי" אָפּמאַכן. אַזוי איז זי געבליבן איינע פון די ניין "סטעיטס", אָדער שטאַטן, פון עסטרייך.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין די יאָרן פון מיטל-אַלטער און אויך אַביסל שפּעטער, האָבן לענדער און זייערע גרעניצן עקזיסטירט הויפּטזעכליך אויף פּאַפּיר. די ריכטיגע און פּאַקטישע מושלים זענען געווען נישט די קעניגן פון לאַנד נאָר די אָרטיגע גראַפן און פריצים וועלכע זענען געווען דיווירקליכע אייגנטימער פון די באָדענס און שטחים פון לאַנד.

אין שנת ה' אלפים ת"ל האָבן די מושלים פון שאָפּראָן אין אונגאַרן און פון וויען אין עסטרייך דורכגעפירט אַ גירוש אויף זייערע אידישע איינוואוינער. די הערשער און אייגנטימער פון בורגענלאַנד זענען דאַן געווען די אונגאַרישע "עסטערהאַזי" גראַפן פאַמיליע. אַדאַנק דעם היסטאָרישן שתדלן הגאון רבי שמשון ווערטהיימער האָבן די "עסטערהאַזי" גראַפן אַנערקענט די פעאיגקייטן און דעם פּאָטענציעלן כח פון אידישע מוחות און אידישע טאַלאַנטן זיי צו העלפן אויפבויען און אַנטוויקלען זייער עקאָנאָמיע. האָבן זיי גענומען די פאַרטריבענע אידן פון שאָפּראָן און פון וויען אונטער זייער שוץ און זיי ערלויבט זיך צו באַזעצן אין בורגענלאַנד אָנצופירן מיט דער דאָרטיגער ווירטשאַפט.

די אידן פון בורגענלאַנד זענען געווען די ערשטע און די איינציגסטע אין אייראָפּע צו געניסן פון פולער רעליגיעזער אויטאָנאָמיע. זיי זענען במשך פון הונדערטער יאָרן געווען ערלויבט צו פירן אַ זעלבסטשטענדיגן קהילה לעבן אָן דעם וואָס די רעגירונג זאָל כי הוא זה אַריינרעדן אינעם אָרגאַניזירטן תורה׳דיג לעבן פון די אידישע קהילות.

די שטעט האָבן פאַרמאָגט שפּרודלדיגע קהילות מיט רבנים, דיינים, שוחטים, ישיבות און חדרים.

די אידישע קהילות האָבן זיך געפונען אין זיבן שטעט, באַקאַנט אין דייטש אַלס די "זיבענגעמיינדעס", וואָס אידן האָבן גערופן די "שבע קהילות".

די זיבן קהילות זענען געווען: אייזענשטאַט, לאָקענבאַך, מאַטערסדאָרף, פראַוינקירכן, צעהלים (דער אידישער נאָמען פאַר דער שטאָט דויטשענקרויץ), קויבערסדאָרף, און קיטצע.

די הויפּטשטאָט פון בורגענלאַנד איז געווען אייזענשטאַט. אין שנת תע"ז האָט אייזענשטאַט אויפגענומען אַלס רב איינעם פון די גדולי האחרונים, דער מהר"ם א"ש, דער בעל פנים מאירות, באַקאַנט אויפ'ן נאָמען פון דער שטאָט, רבי מאיר אייזענשטאַט. (נישט צו פאַרטוישן מיט'ן שפּעטערדיגן תלמיד פון חתם סופר דער מהר"ם א"ש, אויך פון

אייזענשטאַט, דער בעל מחבר פון ספר "אמרי א"ש").

יעדער רב פון די שבע קהילות האָט געהאַט אַן אייגענע ישיבה. אין דער ישיבה פון רבי מאיר אייזענשטאַט, דער בעל פנים מאירות, האָט צווישן אַנדערע געלערנט זיין גרויסער תלמיד הגאון רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל.

דער רבי ר' בונם פון פשיסכע, איידער ער איז געוואָרן אַ חסיד, איז פון פוילן געקומען לערנען קיין בורגענלאַנד. ער האָט געלערנט אין מאַטערסדאָרף ביים דאָרטיגן רב רבי ירמי' ראָזענבוים, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון מהר"ם א"ש.

הגאון רבי עקיבא איגר איז געבוירן אין אייזענשטאַט. אויך רבי ישעי' פיק בערלין, און אַנדערע גדולים.

די שבע קהילות, די "זיבענגעמיינדעס" פון בורגענלאַנד, זענען נישט צו פאַרטוישן מיט "זיבענבערגן", אויך אַ דייטשער נאָמען פאַר זיבן שטעט, וועלכע זענען באַקאַנט אַלס טראַנסילוואַניע אין רומעניש. זיבענבערגן געפינט זיך פונקט ביים אַנדערן און פאַרקערטן עק פון אונגאַרן, ביי מזרח. זיבענבערגן/טראַנסילוואַניע איז נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה געוואָרן אַ טייל פון אונגאַרן'ס מזרח'דיגן שכן, רומעניע, אין דער צייט וואָס בורגענלאַנד, אָדער "זיבענגעמיינדעס", איז געוואָרן אַ טייל פון אונגאַרן'ס מערב'דיגן שכן, עסטרייך.

די "שבע קהילות" פון בורגענלאַנד זענען שפעטער געווען די ערשטע צו זיין אויסגעשטעלט צו די רדיפות, נגישות און גירושים פון די דייטשע נאַציס ימח שמם. אין שנת תרח"צ האָט דייטשלאַנד דורכגעפירט דעם "אַנשלוס", ווען זי האָט אָקופירט עסטרייך, און "אָנגעשלאָסן" די דעמאָלטדיג פאַשיסטישע עסטרייך אינם דייטשן רייך.

די אידן פון די שבע קהילות אין בורגענלאַנד האָבן פאַרלוירן זייערע רעכטן. זייערע פאַרמעגנס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן, זייערע פרנסות זענען באַגרעניצט געוואָרן, און זיי זענען אויף פאַרשידענע וועגן "ערמוטיגט" געוואָרן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

פון די אַרום אַכט טויזנט אידן וואָס האָבן פאַר די קריג געוואוינט אין די שבע קהילות האָבן אַרום די העלפט באַוויזן צו עמיגרירן קיין אויסלאַנד. די איבעריגע האָבן זיך באַזעצט אין דער הויפט-שטאָט וויען, פון וואו זיי זענען שפעטער געפירט געוואָרן קיין אוישוויץ און אומגעקומען עקדה"ש.

צוויי פון די רבנים פון די שבע קהילות האָבן אין שנת תרח"צ באַוויזן זיך צו ראַטעווען קיין אַמעריקע, וואו זיי זענען געווען פון די גדולי ישראל פון דער שארית הפליטה: הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואַלד זצ"ל, יונגסטער זון פון בעל ערוגת הבושם, דער צעהלימער רב, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע און געגרינדעט אין וויליאַמסבורג די צעהלימער קהילה און ישיבה און מייסד געווען ערליך מהודר'דיגע כשרות; און הגה"צ רבי שמואל עהרענפעלד זצ"ל, ממלא מקום אבותיו ואבות אבותיו ביז צום חתם סופר מיט דאָס רבנות אין מאַטערסדאָרף, וועלכער האָט זיך באַזעצט און געגרינדעט די מאַטערסדאָרפער ישיבה "חתן סופר", קודם אויף דער איסט סייד און דערנאָך אין באָראָ פאַרק.

לויט דעם וואָרט פון חתם סופר אין תורת משה היינטיגע וואָך כי תשא אויף "וראית את אחורי ופני לא יראו", אַז אין רעטראָספעקט איז לייכטער צו זען די טובות פון דער הנהגת השם, שטעלט זיך אויך אַרויס אַז דאָס וואָס די אידן פון די שבע קהילות זענען ערשט פאַרטריבן געוואָרן דורך די נאַציס פאַר'ן גרויזאַמען היטלער חורבן איז געווען אַ הצלה פאַר די עטליכע טויזנט אידן וואָס האָבן זיך געקענט ראַטעווען, אַ זאַך וואָס איז נישט מעגליך געווען שפעטער פאַר די אידן אין מזרח אייראָפע. עס האָט אויך ערמעגליכט פאַר אונז, דער ערשטער דור נאָך-דער-מלחמה-געבוירענע צו קענען צוויי פון די גאונים וצדיקים וואָס האָבן נאָך משמש געווען ברבנות אינדערהיים אין די שבע קהילות, דער צעהלימער רב און דער מאַטערסדאָרפער רב, זכר צדיקים לברכה.

## מאַטערסדאָרף

באַלד נאָכ'ן באַקומען דעם קאָנסוס פון מאַטערסדאָרף, נאָך זייענדיג אין דרעזניץ, האָט אויך פרוסניץ, די שטאָט וואו ער האָט געוואוינט אַלס בחור און זיבן יאָר נאָך דער חתונה, אים געשיקט אַ קאָנסוס, אָנבאָטנדיג אים דאָס רבנות דאָרט.

פאַראַן אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט צוריקגעשריבן צו די ראשי הקהילה אין פרוסניץ אין וועלכן ער שרייבט אַז טראָץ דעם וואָס ער וואָלט געהאַט גרויס חשק אָנצונעמען דאָס רבנות אין אַ שטאָט וואו ער האָט יאָרן לאַנג געוואוינט און זיך גוט געפינען איז אָבער: "הכי נכבד כבוד השי"ת, להיות כי כבר השבתי לקהילה קדושה מאַטערסדאָרף בהן שלי שאבוא לשם, ולא אהתל בהם ח"ו ולא אחזור אחר תירוצים ואמתלאות כנהוג, ועתה אם אחזור בי הלא יאמרו בחפזם כל האדם כוזב, וזה איש משה אשר שמנו המשרה על שכמו בדאי הוא, וכדי בזיון וקצף וחילול ה' ח"ו, ובמקום שיש חילול ה' אין חולקים כבוד לרב. האמנם ידעתי כבוד קהילתכם כי רב, ויקר תפארת גדולתכם כי עצום, וראוי לרב ומנהיג במט"ד לעקור סיכי' ומשכי' לרהוט וליזל תלתא פרסא בחלא להטות שכמו לסבול משא דבר ה' בפרוסניטץ עיר ואם בישראל, אמנם היכא דאיכא חילול ה' שאני".

## ביי רבי משולם איגרא אין פרעשבורג

דעם וועג פון דרעזניץ קיין מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר געמאַכט דורך פרעשבורג, וואו ער האָט באַזוכט דעם מרא דאתרא, הגאון רבי משולם איגרא, באַקאַנט אַלס רבי משולם טיסמעניצער, וועלכער איז געווען פרעשבורגער רב.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט האָט רבי משולם טיסמעניצער אים אַרויסבאַגלייט און אים אָפגעגעבן גרויס כבוד. ווען די אַרומיגע האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם גרויסן כבוד וואָס ער טיילט צו פאַר רבי משה סופר האָט רבי משולם זיי געזאָגט: "וויסן זאָלט איר אַז מיט זיין תורה וועט ער נאָך באַלייכטן די גאַנצע וועלט, און טאַקע פון דאָ פון פרעשבורג".

דעם באַזוך, און דאָס גדלות פון רבי משולם איגרא, דערמאַנט דער חתם סופר אינעם הספד אויף אים וואָס ער האָט געהאַלטן נאָך זיין הסתלקות, וואו ער זאָגט, (דרשות חתם סופר דף ע"ד-ע"ו): "אני זכיתי לקבל פניו וראיתי שתי זרועותיו כשני ספרי תורה".

דער חתם סופר דערמאַנט אויך דעם באַזוך אין תשובות חת"ס חלק אה"ע (חלק שני סי' י"א): "ובהדי שותא אספרה כמו בשנת תקנ"ח במסעי מק"ק דרעזניץ על כסא הרבנות דק"ק מאַטערסדאָרף קבלתי פני הגאון מה"ו משולם טיסמניץ זצ"ל פה ק"ק, ובאותו פרק הביא לפניו ספרא דדיינא השראה לשליח גט שנשלח מכאן למקום אחר ודקדק הגאון על קוצו של יו"ד, ואמרתי לו וכו'... והשיב לי זה הי' בדורות הראשונים שהיו השליחים בחזקת צדיקים ומהימן... אבל בזמנינו אלו בעו"ה אין חזקת שליחים כשרים ועיקר הקיום היא ההרשאה, אלו דבריו זצ"ל, ומזקינים אתבונן אם כך בשנת תקנ"ח מה נאמר בשנת תקצ"ט אשר בעו"ה ירד הדת אלפים מעלות אחורנית שיש לדקדק יותר ויותר".

אַ קורצע צייט נאָכ'ן אָנקומען קיין




**מאפע פון אונגארן**
אויף לינקס, צפון-מערב, זענען די שבע קהילות

מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר געגרינדעט זיין ישיבה וואָס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און וואו עס האָבן געלערנט 300 בחורים.

## דער יורש פון נודע ביהודה אַלס פוסק הדור

אין דור פון רבי מאיר אייזנשטאַט דער בעל פנים מאירות זענען אַ גרויסער טייל פון די שאלות בהלכה פון דייטשלאַנד, בעהמען און מערן, און טיילן פון פוילן, געשיקט געוואָרן צו אים קיין אייזנשטאַט. מיט אַ דור שפּעטער, נאָך דער הסתלקות פון פנים מאירות, זענען אַלע שאלות, אויך די פון אייזנשטאַט און פון די שבע קהילות, געשיקט געוואָרן קיין פּראָג צום נודע ביהודה, וועלכער איז געוואָרן דער פוסק הדור.

אַצינד, ווען דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף אין תקנ"ח, איז געווען פינף יאָר נאָך דער הסתלקות פון נודע ביהודה. דאָ אין מאַטערסדאָרף איז דער חתם סופר אַלץ מער נתפרסם געוואָרן אַלס פוסק און גדול און ביז עטליכע יאָר איז ער געוואָרן דעם נודע ביהודה'ס יורש אַלס פוסק הדור און מנהיג הדור.

דער חידוש איז געווען נישט בלויז זיין רעלאַטיוו יונגער עלטער, ווינציגער ווי 40 יאָר אַלט, נאָר אויך דער אונטערשייד צווישן דעם מהלך אין פסק הלכה צווישן דעם נודע ביהודה און דעם חתם סופר.

הגם דער נודע ביהודה איז געווען רב אין פּראָג, וואָס איז אין בעהמען, (צוזאַמען מיט מערן איז דאָס די היינטיגע טשעכיי) איז דער נודע ביהודה געבוירן און אויפגעוואַקסן אין פוילן און איז במשך פון יאָרן געווען צווישן די לומדים פון בראָדער קלויז.

דער חתם סופר דאַקעגן וועלכער איז געבוירן אין פראַנקפורט, אין דייטשלאַנד, האָט כל ימיו זיך נישט געריהרט פון די מנהגים פון זיינע אבותיו ורבותיו אין פראַנקפורט און פון דער מסורה פון די חכמי אשכנז.

די מסורה פון פראַנקפורט און אשכנז גייט צוריק פילע הונדערטער יאָרן צו די קהילות וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט אַרום דעם טייך רהיין אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך מיט אַרום טויזנט יאָר צוריק. אַסאַך פון די מנהגים און תקנות זענען געשאַפן געוואָרן אין די קהילות שו"ם, – די ראשי תיבות פון שפירא, וואָרמיזא, מאַגענצא.

געווען צייטן וואָס די קעניגרייך פון יענעם ראַיאָן האָט זיך גערופן "פראַנקיע". דער חתם סופר רופט זיי דערפאַר צומאָל אין זיינע תשובות "מנהגי פראַנקיא".

ס'איז בלויז נאַטירליך אַז ווען אידן האָבן מיט אַרום פינף הונדערט יאָר צוריק זיך געצויגן און באַזעצט מער אין מזרח, אין פוילן, און אין ליטע, זאָלן געוויסע מנהגים געענדערט ווערן און דער ציבור אין מזרח אייראָפּע זאָל אָננעמען די פסקים פון זייערע אָרטיגע פוסקים ווען זיי האָבן געהאַט חילוקי דעות מיט די פוסקים פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, די חכמי אשכנז פון מערב אייראָפּע.

דער חתם סופר האָט מהאי טעמא מחולק געווען אין געוויסע פסקים און אין געוויסע תשובות, (טייל באַקאַנטע), מיט'ן נודע ביהודה. איז די פלא דער פאַקט וואָס ווען ער איז געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף האָט ער זיך פאַקטיש באַזעצט אין אַ געגנט וואָס כמעט אַלע אַנדערע רבנים אין די שכנות'דיגע שטעט, די רבנים אין די שבע קהילות אין בורגענלאַנד, זענען געווען תלמידים פון נודע ביהודה. דערצו זענען זיי אַלע געווען עלטער פון אים, טייל שוין זקנים.

רבי דוד דייטש, אַ תלמיד מובהק פון נודע ביהודה, איז געווען רב אין פרוינקירכן. ר' רפאל מיכל סג"ל אַ תלמיד פון נודע ביהודה, איז געווען רב אין אייזנשטאַט און אַ צווייטער תלמיד פון נודע ביהודה, ר' רפאל העלין, איז געווען דאָרט דיין. די אַנדערע תלמידים פון נודע ביהודה וואָס זענען געווען רבנים אין די שבע קהילות: רבי שלמה זלמן ליפשיץ, רב אין לאַקענבאַך; רבי לוי פּאָלאַק, רב אין צעהלים; רבי אברהם דוד רובינשטיין, רב אין קויבערסדאָרף. רבי דוד כ"ץ, אויך אַ תלמיד פון נודע ביהודה, איז געווען דיין און דערנאָך רב אין ברעטא, אַ שטעטל האַרט צפון מזרח פון די שבע קהילות.

רבי אלעזר פלעקלס, דער גרויסער תלמיד פון נודע ביהודה, האָט זיך בכן ריכטיג אויסגעדריקט ווען ער שרייבט אויף זיין רבי'ן: "הרביץ תורה לישראל שישים שנה, העמיד כמה אלפים תלמידים בעולם, מהם כמה מאות מורי הוראות בישראל ויושבי כסאות למשפט, השיב לכל שואל מקצה הארץ עד קצה הארץ... זקן שבדור". (עולת החודש השלישי, י"ז, דף פה ע"א).

אָנפאַנג האָט דער חתם סופר געפירט אַ משא ומתן און וויכוחים בהלכה מיט טייל פון אָט די רבנים, תלמידים פון נודע ביהודה. נאָך עטליכע יאָר האָבן זיי אָבער אַלע אָקצעפּטירט זיינע פסקים און אים אַנערקענט אַלס פוסק הדור. שפּעטער געפינען מיר ווי אָט די רבנים פון די שכנות'דיגע שטעט מיט וועמען ער האָט פריער זיך מתווכח געווען בהלכה שיקן צו אים שאלות און פרעגן אים זיין חוות דעת.

ווי מיר האָבן געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט דער חתם סופר זיך קיינמאָל נישט מתווכח געווען איבער זיינע אייגענע תשובות און האָט נישט פּאָלעמיזירט צו באַרעכטיגן זיינע אייגענע פסקים. דאָ האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין באַשיצן די מסורה פון זיינע אבותיו ורבותיו און פּרעזערווירן די מנהגי אשכנז און פראַנקפורט. כאָטש ס'זענען שוין דורך אַסאַך יאָרן זינט ער האָט אויף אייביג פאַרלאָזט פראַנקפורט האָט ער נישט געוואָלט משנה זיין קיין קוצו של יו"ד פון דער פראַנקפורטער מסורה פון זיינע זיידעס און זיינע רבי'ס. ווי מיר האָבן שוין געשריבן האָט ער כל ימיו זיך אונטערגעשריבן משה"ק סופר מפפד"מ.

רבי אברהם דוד רובינשטיין, אַ תלמיד פון נודע ביהודה און אַליין אַ פוילישער רב, וועלכער איז ווי געזאָגט געוואָרן רב אין קויבערסדאָרף, פון די שבע קהילות, בלויז 15 קילאָמעטער פון מאַטערסדאָרף, האָט זיך אַסאַך געשריבן און מתווכח געווען מיט'ן חתם סופר. ער איז געווען פיל עלטער פון חתם סופר. ווי ס'איז משמע איז ער שוין געווען אַ זקן מופלג. דאָך זעען מיר אַז אין שנת תק"ס, אַנדערהאַלבן יאָר נאָכדעם וואָס דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף, האָט ער זיך געוואָנדן צום חתם סופר ער זאָל מכריע זיין אין אַ



**פורים וינץ, פורים פראנקפורט כ' אדר אין ספר "יוסף אומץ"**

קאָמפּליצירטע שאלה פון קידושין וואָס האָט זיך געמאַכט אין זיין קהילה. זע שו"ת חת"ס אבן העזר א' סי' קיב. אין שו"ת חתם סופר זענען פּאַקטיש פאַראַן 15 תשובות אַדרעסירט צו אים. מיט אַ יאָר שפּעטער ווענדט ער זיך מיט אַ שאלה צום חתם סופר וויאַזוי צו שרייבן אין גיטין דעם נאָמען פון זיין שטאָט, קוברסדאָרף אָדער קובלסדאָרף, צי אפשר גאָר אַנדערע אופנים.

דעם חתם סופר'ס פולמוס די ערשטע יאָרן מיט די פּוילישע תלמידים פון נודע ביהודה קומט בעיקר צום אויסדרוק אין דער פאָלגנדער תשובה וואָס ער שרייבט טאַקע צו רבי אברהם דוד רובינשטיין. שרייבט דער חתם סופר:

"מה שכתב על ערי פראַנקיא שעושים שלא כדין תורה, חלילה לומר על עם ה' כזאת דבר זה, כי זה פוגע בכבוד מורי ורבותי וחבירי ואבותי הקדושים, נוחי נפש ואשר המה חיים עודנו, ה' עליהם יחיו... ידם רב להם וגדולים וטובים הם וקדושי עליון... ויהי יודע כי ערי פראַנקיא הם כל קהילות אשכנז מתחת פרווהא (פרוּוריה) דפיורדא, כי שם (פיורדא) עדיין נוהגים מנהג פולין ברוב דבריהם ולא יכולתי להעיד על מנהגם בזה. אבל משם ולהלן מגלילותווערצבארג (וירצבורג) ולהלן, משך נהר מאינס (מיין) ורייַנוס (רײַן) עד הים הגדול ובכלל הם ערי פראַנקיא, ובכללם פראַנקפורט, מגנצא, ווירמשא, מעץ, מנהיים וכדומה. ורוב מנהגם על פי רב עמרם גאון אשר עמדתי על קברו במגנצא, ור' יואל ור' אפרים בבונא (בון), ובעלי התוספות ורש"י ומהר"ם מראטענבורג והראש והטור, ומה אאריך בזה? אך יעיין בספר נוהג כצאן יוסף ובספר יוסף אומץ, שמעתי שהוא ביד אב"ד דק"ק לקנבאך שם ימצא מנהגיהם משונים הרבה מהסכמות רמ"א, כי דבריו נאמרו על מנהגי פולניא, והם לא שינו מנהגם הקדום בשביל זה". (שו"ת חתם סופר החדשות סי' י).

"נוהג כצאן יוסף" און "יוסף אומץ" וואָס דער חתם סופר דערמאַנט זענען די צוויי ספרים וואו עס זענען פאַרשריבן די מנהגי אשכנז בכלל און די מנהגי פראַנקפורט בפרט. דער מחבר פון "יוסף אומץ" איז געווען רבי יוסף יוזפא האן נוירלינגען, וועלכער איז געווען דער ראש הדיינים מיט אַרום 350 יאָר צוריק אין פראַנקפורט. זיין אור אייניקל, רבי יוסף יוזפא קושמאַן, (געהייסן נאָך אים) איז געווען דער מחבר פון דעם ספר "יוסף אומץ", אויך וועגן די מנהגי אשכנז און פראַנקפורט. דעם חתם סופר'ס זיידע דער מהרשש"ך איז געווען איינער פון די צוויי וואָס געבן די הסכמה אויף דעם ספר נוהג כצאן יוסף.

## פורים פראַנקפורט
## "פורים וינץ"

אַ דבר בעתו: אַלס אַ יליד פראַנקפורט האָט דער חתם סופר אין זיין פערזענליך לעבן איינגעהאַלטן יעדן איינעם פון די מנהגי פראַנקפורט.

ט"ו אדר ראשון תקס"ה, זייענדיג רב אין מאַטערסדאָרף, האָט דער חתם סופר אָנגעשריבן אַ גאַנץ קונטרס אין וועלכן ער איז מברר אַ היתר פאַר אַ קהילה קובע צו זיין אַן אייגענעם יום טוב, אַן אייגענעם לאָקאַלן פורים שני, אין אָנדענק פון אַ נס הצלה וואָס האָט פאַסירט מיט דער קהילה. דער יום טוב האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דער לאָקאַלער קהילה, מאַטערסדאָרף, נאָר מיט דער ווייטער פראַנקפורט וואָס מיט פינף טעג שפּעטער, כ' אדר, איז אויסגעפאַלן איר "פורים ווינץ".

"פורים ווינץ", אויך באַקאַנט אַלס "פורים ווינצענץ", איז אַן אייגענער פורים וואָס די אידן אין פראַנקפורט האָבן יעדן כ' אדר געפייערט במשך פון דורות זינט שנת שע"ו.

אין שנת שע"ד האָט דער הויפּט פון דעם פאַראיין פון גוי'אישע בעקער אין פראַנקפורט מיט'ן נאָמען ווינסענט פעטמילך Vincent Fettmilch, וועלכער האָט זיך גערופן דער "נייער המן", דורכגעפירט אַ פּאָגראָם איבער דער אידן גאַס אין פראַנקפורט, באַרויבט, אונטערגעצינדן און פאַרברענט אידישע הייזער, און פאַרטריבן די אידן פון דער שטאָט. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דער דייטשער קייזער מעטיאָוס אינטערוועני רט. ווינסענט פעטמילך, וועמען דער קייזער האָט באַטראַכט אַלס אַן אויפשטענדלער, איז כ' אדר שנת שע"ו געהאָנגען געוואָרן אויף דער גאַס אין פראַנקפורט און די אידן זענען ערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן און צוריק זיך באַזעצן אין פראַנקפורט. זינט דאַן האָט די קהילה קובע געווען אַ פורים-פראַנקפורט וואָס איז גערופן געוואָרן "פורים ווינץ". די אידן האָבן אפילו געשריבן אַ ספּעציעלן "מגילת וינץ".

אין שאלות ותשובות חתם סופר או"ח סימן קצ"א איז פאַראַן אַ תשובה וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן אין מאַטערסדאָרף וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: "אי יכולין ציבור או יחיד לקבוע עליהם יו"ט לעצמם על נס שנעשה להם. הנה הדבר טבע מתשובת מהר"ם אלשקר סי' מ"ט והעלה שחייבים לקיים עליהם, ואפילו מי שעוקר דירתו חייב לקיים היום ההוא".

דער חתם סופר ברענגט דעם פרי חדש וואָס האַלט אַנדערש, איז זיך מפלפל אין זיינע ווערטער, און פירט אויס "מיהו נ"ל בלא"ה דלא אמרו שלא להוסיף אלא דומיא דהנך שפשטו בכל ישראל, אבל עיר א' ומדינה א' בפ"ע אינו דומה להנך ומותר בלי פקפוק וכו'".

מיר וועלן ציטירן דעם סאַמע אויספיר פון דער תשובה:

"והנה מבואר בספר יוסף אומץ מהנס שנעשה בק"ק פראַנקפורט דמיין ביום כ' אדר הראשון, וקבעו בו יום שמחה לדורותם, וכן ראיתי ממ"ו הגאון מו"ה נתן אדליר זצ"ל מילדי ק"ק ההיא, וכן אנו נוהגים אחריו, הגם שאנו ברחוק מקום. ומיהו ביום שלפניו לא נהג להתענות כשלא היה דעתו לחזור וטעמא בעי מ"ש, וגם נפל באפו אפילו ביומו, ונראה לי משום שלא ישנה מפני המחלוקת.

{פאָרזעצונג אויף זייט 27}

## היטן שבת | ב. שוואַרץ

{פאָרזעצונג פון זייט 15}

די צייט וואָס ס'איז נאָך מותר צו טון אַ מלאכה, איז מען דורך דעם גורם אַז ביי יציאת השבת, ווען ס'איז נאָך אסור צו טון אַ מלאכה, טוט מען שוין מלאכות, דאָס ווערט גורם מיט'ן אסר'ן וואָס ס'איז מותר, ווייל דורך דעם איז מען מתיר וואָס ס'איז אסור.

פון יענעם יום הקדוש במשך די פּאָר יאָר ביז צום מייסד זיין "התאחדות הרבנים", איז דער פּאַיער רב זצ"ל געווען דער שליח פון רבי'ן מסדר צו זיין די זמנים פאַר'ן רבי'נס קהילה, און ער האָט געמאַכט דעם לוח לויט'ן רבי'נס הוראה, און זמן הדלקת הנרות ערב שבת איז געווען עטליכע מינוט פאַר די שקיעה.

פון שנת תשי"ד און ווייטער, נאָכדעם וואָס דער רבי האָט מצליח געווען איינצופירן אַ גרויסע תקנה ביי אַן אסיפה פון כמעט אַלע ערליכע רבנים דאָהי, מ'זאָל באַשטימען די זמנים לויט שיטת ר"ת, האָט מען שוין אויך מקדים געווען דעם זמן הדלקת הנרות אין לוח, צו צינדן ערב שבת פופצן מינוט פאַר די שקיעה.

מערקווירדיג וואָס ווערט אָנגעוויזן אין ספר מושיען של ישראל, אַז אויף תש"ח האָבן די עסקנים פון ישיבת "יטב לב" אין ירושלים געדרוקט אַ לוח צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַמעריקאַנער אידן, כדי משפיע צו זיין אויף זיי צו געבן געלט אויסצוהאַלטן די ישיבה אין ירושלים, אָבער זיי האָבן נאָר געדרוקט די זמנים פון ליכט צינדן ערב שבת, נישט די זמנים פון מוצאי שבת. ווי ס'קוקט אויס האָט דער רבי נישט מסכים געווען אַז זיי זאָלן דרוקן די זמנים לויט ווי מ'האָט זיך געפירט אין אַמעריקע, און ווידער דעם זמן צאת הכוכבים לויט שיטת רבינו תם איז זיי שווער געווען צו דרוקן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט לויט'ן דעמאָלטדיגן מצב אין אַמעריקע אַז דאָס וועט נישט גוט אויסנעמען, האָבן זיי ליבערשט אַרויסגעלאָזט דעם גאַנצן זמן מוצאי שבת און זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין פּראָבלעמען...

## אַ ברכה דורך היטן שבת

הרה"ג רבי **שלום איליאָוויטש** שליט"א פון אַנטווערפּן האָט דערציילט איבער אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ קרוב וואָס איז לײדער פריער נישט געווען קיין שומר שבת, און יענער האָט אים איינמאָל אָנגערופן פרעגן ווער ס'איז היינט דער פּשעוואָרסקער רבי, ווייל ער האָט געהערט אַז אַן אייניקל פון רבי איציקל איז רבי. ער האָט געוואוסט פון רבי יאַנקעלע, אָבער ער האָט נישט געוואוסט גענוי וואָס ס'איז ווייטער, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווייל ער וויל שיקן געלט פאַר "רבי איציקל'ס ישיבה".

האָט יענער צוגעגעבן – זאָגט ר' שלום – כ'זאָל איבערגעבן פאַר'ן היינטיגן פּשעוואָרסקער רבי'ן, אַז ער האָט אַמאָל געבעטן פון רבי איציקל אַ ברכה צו ווערן אַ שומר שבת, האָט אים רבי איציקל געענטפערט: "מיך פרעגסטו? **בעט דעם שבת זאָל דיר העלפן!**"...

האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן זיין געשעפט שבת, און זינט דעמאָלט האָט ער פאַרדינט אַסאַך מער ווי פריער. 25 יאָר שפּעטער האָט ער זיך דערמאַנט פון דעם, האָט ער מיך אויפגעזוכט און ער האָט מיך געהייסן עס איבערגעבן פאַר'ן פּשעוואָרסקער רבי'ן שליט"א.

*

**ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם ברית עולם, ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם.**

## דער הייליגער חתם סופר | ברוך יודא קליין

{פאָרזעצונג פון זייט 19}

ומ"מ אני נוהג להחמיר לסיים ספר באותו היום כדי שיהי' הסעודה בהיתר בלי פקפוק ויאכלו ענוים וישבעו. כתבתי פה ק"ק מאַטערסדאָרף ביום ה' ט"ו לאדר הראשון תקס"ה לפ"ק, משה"ק סופר מפפד"מ".

### צדקה לעילוי נשמת רבי עקיבא מפראַנקפורט "אשר ממנו התחילו הקופות"

דער חתם סופר האָט אויך אָנגעהאַלטן דעם מנהג פון געבן צדקה לעילוי נשמת "רבי עקיבא מפראַנקפורט" יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך גענויטיגט אין אַ ישועה.

צופיל פרטים וועגן רבי עקיבא מפראַנקפורט זענען נישט פאַראַן. וואָס איז יאָ באַקאַנט איז: ער איז געבוירן אַרום שנת ר"פ אין דייטשלאַנד. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין פראַנקפורט וואו ער איז געוואָרן אַן איידעם. קודם איז ער געווען אַ שוחט ובודק און דערנאָך אַ דרשן ומגיד משרים. חוץ זיין געוואַלדיגן כח מעורר צו זיין צו תשובה האָט ער אויך געגרינדעט מוסדות צדקה וחסד אין פראַנקפורט. לויט ווי עס שרייבט זיין בן דור דער היסטאָריקער און תלמיד פון מהר"ל מפּראַג הגאון רבי דוד גאַנז איז רבי עקיבא מפראַנקפורט געווען דער וואָס האָט ערפינדן די צדקה פּושקעס. ווי דער צמח דוד שרייבט: "רבי עקיבא מפראַנקפורט דורש טוב לעמו בק"ק הנ"ל... וממנו התחילו הקופות".

ער איז אויך געווען אַ מרביץ תורה אין פראַנקפורט. צווישן זיינע תלמידים האָבן זיך געפונען הגאון האלקי רבי אליהו לוּאַנץ, ראב"ד פולדא, מיץ, פריעדבערג און ווירמייזע, באַקאַנט אַלס "רבי אליהו בעל שם מווירמייזא", און דער פריער דערמאַנטער רבי יוסף יוזפא האן נוירלינגען, בעל מחבר ספר "יוסף אומץ" פון פראַנקפורט.

נאָך זיין הסתלקות י"ד אייר, פסח שני שנת שנ"ז, האָבן אים מספיד געווען גדולי ישראל איבער דער גאַנצער וועלט. פאַראַן אַ קונטרס פון דעם מהר"ל מפּראַג'ס הספד אויף אים.

ער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס "רבי עקיבא בעל הנס". צוליב וואָס פאַראַ מעשה איז נישט באַקאַנט. רבי מאָטל סלאָנימער זצ"ל וואָס צוליב דער תערובת ביים ציון בשעתו איז געווען אַ גרויסער קעגנער צו דעם וואָס מאַסן פלעגן פאָרן י"ד אייר קיין טבריה צום ציון הקדוש פון רבי מאיר בעל הנס, פלעגט צו זאָגן אַז ס'האָט נישט קיין שום מקור אַז רבי מאיר בעל הנס' יאָרצייט איז י"ד אייר, און אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ טעות וואָס איז נשתרבב געוואָרן צוליב דער יאָרצייט פון רבי עקיבא פראַנקפורטער, וועלכער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס רבי עקיבא בעל הנס, וואָס געפאַלט אויס י"ד אייר.

די צדקה לעילוי נשמת רבי עקיבא מפראַנקפורט איז אויפגעהיטן געוואָרן דורך דעם חתם סופר לאַנג נאָכדעם וואָס ער האָט פאַרלאָזט פראַנקפורט, ווי אויך דורך זיינע קינדער און אייניקלעך. ווי עס שרייבט זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש: "הג"מ עקיבא מפראַנקפורט ז"ל אשר ממנו התחילו הקופות אשר ציוה להתנדב לנשמתו בכל עת צער וצרה ר"ל ויושעו עי"ז, כאשר עודנה מתנדבים גם משפחתינו הי"ו עפ"י שניהג זקיני בעל חתם סופר זצ"ל".

ביי גרויסע טיילן פון כלל ישראל איז למעשה נתפרסם געוואָרן די סגולה וואָס יסודתה בקודש פון הייליגן חתם סופר מעירו פראַנקפורט אַלס אַ סגולה בדוקה ומנוסה, ובפרט אויף צו געפינען אַן אבידה, צו געבן צדקה לעילוי נשמת רבי עקיבא בן יעקב מפראַנקפורט זצ"ל.

ברוך יודא קליין

ז

# דער הייליגער חתם סופר



**14 יאָר אין דרעזניץ און מאַטערסדאָרף – דער קאָנסוס פון נוישטאַט – די מחלוקה און די שריפה אין מאַטערסדאָרף – די כתב רבנות'ן פון דיאָרמאָט און פון נייטרא – פון מאַטערסדאָרף קיין פרעשבורג – דער דראָאונגס בריוו מצד די מאָדערניזירטע אין פרעשבורג – הגה"ק רבי מרדכי ברוידא פון שוסבערג מיט וועמען דער חתם סופר פלעגט זיך מתייעץ זיין וועלכער האָט בדרך פלא זיך יעצט אַנטפלעקט פאַר אים**

[פאָרזעצונג פון פריער]

14 יאָר איז דער חתם סופר געווען רב אין דרעזניץ און אין מאַטערסדאָרף. 5 יאָר אין דרעזניץ און 9 יאָר אין מאַטערסדאָרף. אין די פערצן יאָר האָט ער זיך קיינמאָל נישט געלייגט אין קיין בעט. (זע ר' יוסף נפתלי שטערן'ס הקדמה צו דרשות חת"ס, וואָס ער האָט געהערט פון זיין שווער רבי שלמה אלכסנדרי סופר, זון פון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב). אויך האָט ער במשך פון די 14 יאָר תמיד געלערנט נאָר שטייענדיג. ווי ער האָט שפּעטער מגלה געווען פאַר זיינע קינדער האָט ער אין מאַטערסדאָרף אויך אַסאַך עוסק געווען בסתר אין חכמת הקבלה.

אין מאַטערסדאָרף איז ער נתפרסם געוואָרן אַלס דער גרויסער פוסק און תופס ישיבה. שוין אין דרעזניץ און דערנאָך אין מאַטערסדאָרף האָט ער מעמיד געווען תלמידים וואָס זענען אויסגעוואַקסן צו זיין פון די חשוב'סטע רבנים אין אונגאַרן. דער מהר"ם א"ש, דער שפּעטערדיגער אונגווואַרער רב, פון די גרעסטע תלמידים פון חתם סופר, האָט ביי אים געלערנט אין דרעזניץ און אין מאַטערסדאָרף. (אויף די עלטערע יאָרן האָט דער חתם סופר מער נישט געשריבן אויפ'ן מהר"ם א"ש "תלמידי", זאָגנדיג מרוב ענוותנותו אַז ער "שטייגט אים שוין איבער").

זייענדיג רב אין מאַטערסדאָרף האָבן אַנדערע קהילות אין אונגאַרן זיך געוואָנדן צו אים און אים אָנגעבאָטן רבנות שטעלעס אין זייערע שטעט. דער חתם סופר האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די אַלע הצעות, זאָגנדיג אַז די וואָס גייען פון איין רבנות שטעלע צו דער צווייטער ווען ס'פעלט זיי גאָרנישט אין דער שטאָט וואו זיי געפינען זיך זענען אין דער בחינה פון "וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב".

נאָך פיר יאָר אין מאַטערסדאָרף האָבן אָבער די אומשטענדן אים געצוואונגען צו אַקצעפּטירן אַ קאָנסוס וואָס די שטאָט נוישטאַט, עיר חדש, אין אונגאַרן האָט אים אָנגעבאָטן. צוויי סיבות האָבן אים געפירט דערצו:

ערשטנס: דער עקאָנאָמישער מצב אין מאַטערסדאָרף האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט און די בעלי בתים האָבן נישט געקענט פאָרזעצן מיט אויסהאַלטן די ישיבה, וואָס האָט געציילט עטליכע הונדערט בחורים. צווייטנס: אין מאַטערסדאָרף האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן צוויי משפחות איבער אַ ביר ברענעריי, אַ פאַבריק וואָס האָט געקאָכט און פּראָדוצירט ביר, אַ קריגעריי וואָס האָט אַריינגעצויגן און צעשפּליטערט אַ גרויסן טייל פון די איינוואוינער פון דער שטאָט.

ווען דער חתם סופר האָט געזען אַז ער איז נישט ביכולת צו שליכטן דעם קאָנפליקט און צו מאַכן אַ סוף צו דער מחלוקה האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען די הצעה פון אַ רבנות אין אַן אַנדערע שטאָט.

כל ימיו איז דער חתם סופר אַנטלאָפן פון יעדן צל ספק פון מחלוקת צווישן ערליכע אידן. ער איז גרייט געווען אַסאַך מקריב צו זיין למען השלום. באַקאַנט זיין טייטש אויף דעם פסוק השם גבוליך שלום. דער שכל פון יעדן מענטש האָט אַ גרעניץ. פאַראַן אָבער ענינים און נסיונות וואו ער גייט אַרויס פון זיין גרעניץ און פאַרלירט דעם שכל. ביי איינעם איז עס קנאה, ביי אַ צווייטן איז עס שנאה, ביי אַנדערע איז עס כבוד, געלט-גייציגקייט, וכדומה. מה שאין כן ביי אַ צדיק. ער פאַרלירט זיך נישט און האַלט זיך אין זיינע גבולים. ווען עס קומט אָבער צו שלום גייט אויך אַ צדיק אַרויס פון זיין גבול און איז גרייט צו טון קעגן שכל למען השלום. אָט איז זיין לשון אין חתם סופר עה"ת פרשת ויגש (עמ' ריח):

"וי"ל דהנה השם גבולך שלום היינו תכלית השלום, כי לכל אדם יש גבול ומעמד לחכמה שלו, יש שמדת הקנאה גבולה, כשמגיע לקנא את חבירו פסקה החכמה שלו ועושה דברים שהשכל מנגדם מפני המשטמה והקנאה, ויש עושים גבולה האכזריות, ויש אהבת ממון או כבוד וכה"ג, אמנם הצדיק אין די בכל הני מילי להעבירו גבול חכמתו, כי היא עולה על כולנה. אמנם שם גבולה שלום, כשרואה שאם יעשה כפי חכמתו יגיע מזה מחלוקת ומריבה, אזי אומר עד פה תבוא גבול חכמתי, ומוטב שאהי' שוטה כל ימי ולא אחזיק במחלוקת אפי' שעה א'. ואמר קרא כי לזה האיש



## אידן אין מאַטערסדאָרף
## פּאָרנט פונעם אָרטיגן ביהמ"ד

אשר שם השלום גבולו לזה ישביעהו ה' חלב חיטים, כי אע"ג דמזוני לאו בזכותא תלי' אלא במזלא ולא תשתנה המזל אלא ע"י זכות גדול מ"מ זה הוא זכות גדול במה ששם גבולו שלום וישביעהו ה' חלב חטים".

רעדנדיג וועגן דער אַבסורדאַלער לעכערליכקייט פון קהל'ישע מחלוקת'ן פלעגט דער חתם סופר דערציילן פאַר זיינע תלמידים וועגן אַ שטאָט אין מעהרין וואו ס'איז געווען אַ "מחלוקת הפוסקים" וויאַזוי צו ענדיגן די ברכה פון שים שלום אין די עשרת ימי תשובה. טייל האָבן געהאַלטן אַז מ'מוז ענדיגן מיט די ווערטער "עושה השלום", בעת אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז מ'טאָר נישט משנה זיין פון אַ גאַנץ יאָר און מ'מוז ענדיגן "המברך את עמו ישראל בשלום".

די חילוקי דעות האָבן געפירט צו אַ שאַרפע מחלוקת און די שטאָט איז געוואָרן צעטיילט אין צוויי לאַגערן, צעשפּליטערט אין צוויי פּאַרטייען. איין צד, האָט דער חתם סופר געזאָגט, האָט געקראָגן דעם צונאָמען "עושה'אנער", און דער קעגנערישער צד האָט געקראָגן דעם נאָמען "מברך'אנער". די איינוואוינער פון דער שטאָט, האָט דער חתם סופר אויסגעפירט, האָבן נישטאַמאָל געשפּירט די לעכערליכע איראָניע פון אַ נאַרישע מחלוקה דוקא איבער דער ברכה פון "שים שלום".

דערפאַר האָט ער נאָך פיר יאָר אין מאַטערסדאָרף, אין תקס"ב, אַקצעפּטירט דעם קאָנסוס פון דער שטאָט ניישטאַט / עיר חדש.

שבת קודש פרשת צו, ט"ז אדר ב', האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַ געזעגענונגס דרשה, אַ דרשת-פרידה פון דער שטאָט מאַטערסדאָרף פאַר זיין געפּלאַנטן אַוועקציען זיך און איבערנעמען דאָס רבנות אין ניישטאַט די קומענדיגע וואָך.

דעם פאָלגענדן דינסטאָג האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ שריפה אין דער שטאָט וואָס האָט פאַרציכטעט רוב הייזער אין דעם אידישן קוואַרטל. רבי משה שרייבער, באַקאַנט אַלס רבי משה זיבענבערגן, דער זון פון כתב סופר, וועלכער האָט אין שנת תרכ"א געדרוקט די ערשטע ביאָגראַפיע פון חתם סופר, שרייבט אַז די שריפה האָט אויסגעבראָכן אין דער געביידע (וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ גוי), וואו עס האָט זיך געפונען די ביר ברענעריי, די brewery, איבער וואָס עס האָט זיך געפירט די מחלוקה אין דער שטאָט.

אין שו"ת חתם סופר (יו"ד סימן רלט) דערציילט דער חתם סופר איבער דער שריפה: "פה ק"ק מאַטערסדאָרף כמעט רגע אירע דבר, ביום י"ח אדר שני העבר שנת תקס"ב לפ"ק, יצא אש ומצא קוצים בבית אינו יהודי, ונאכל גדיש וקמה בבתי ישראל, רובא דמנכר ברחוב היהודים בעו"ה, ונשתלחו לכאן נדבות הרבה מקהלות קדושות הקרובות והרחוקות נדיבי עם אלקי אברהם לסיועת הנזיקין וכו' ".

זעענדיג דעם מצב פון דער קהילה אין מאַטערסדאָרף וואו רוב אידן זענען ל"ע געבליבן אָן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ האָט דער חתם סופר באַשלאָסן נישט צו לאָזן די שטאָט כצאן בלי רועה נאָר צו בלייבן אין מאַטערסדאָרף העלפן, פּאַקטיש אָנפירן, מיט'ן ווידעראויפבוי פון די אידישע הייזער און שטעלן די אידישע איינוואוינער צוריק אויף די פיס.

ער האָט געשיקט אַ מכתב פיוס צו די ראשי הקהל פון ניישטאַט דערציילנדיג דעם מצב אין מאַטערסדאָרף און אויסדריקנדיג האָפענונג אַז זיי וועלן אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַרוואָס ער קען נישט איבערלאָזן די שטאָט און מוז בלייבן אין מאַטערסדאָרף.

דער חתם סופר האָט זיך געוואָנדן צו נדיבי עם די בכל אתר ואתר, געשאַפט פאָנדן און געהאַט דעם אויפזיכט איבער דעם ווידעראויפבוי פון אידישע הייזער. ער איז פאַרבליבן נאָך פינף יאָר אַלס רב אין מאַטערסדאָרף ביז די שטאָט און די קהילה איז צוריק אויפגעראָכטן געוואָרן על תילה.

נאָך דער שריפה האָט דער חתם סופר זעלבסט געלעבט אין גרויס דחקות און האָט זיך אפילו נישט געקענט ערלויבן צו קויפן שרייב פּאַפּיר.

די שטאָט דיאָרמאָט אין אונגאַרן האָט אים דאַן געשיקט אַ רבנות קאָנסוס און אים פאַרשפּראָכן פרנסה בריוח. אין יאָר תקס"ד האָט אים די שטאָט נייטרא געשיקט אַ כתב רבנות און פאַרשפּראָכן אויסצוהאַלטן אים און זיין ישיבה בריוח. ער האָט דאָס אָבער אַלעס אָפּגעוואָרפן, נישט וועלנדיג איבערלאָזן מאַטערסדאָרף אין דער צייט פון איר נויט.

אין שנת תקס"ד איז נפטר געוואָרן דער רב פון פּרעשבורג הגאון רבי משולם איגרא, רבי משולם טיסמעניצער זצ"ל. אין זיין הספד אויף אים אין דרשות חת"ס זאָגט דער חתם סופר:

"חשכו עינינו במיתת גאון-יעקב אלוף התורה, הגאון הגדול המפורסם מו"ה משולם זצ"ל אב"ד ור"מ דק"ק פּרעשבורג תע"א, עין ראתה ובכתה. ממש אי אפשר לשער גודל הבקיאות ומהירת החריפות, אשר חוברו יחדיו. לא יאומן כי יסופר על האי שופרא דבלי בארעא קא בכינא. ונוריד כנחל דמעה מאין הפוגות, כי בודאי קשה לומר שימצא ממלא מקומו בחכמה".

בגודל ענוותנותו האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז "קשה לומר שימצא ממלא מקומו בחכמה". די שטאָט פּרעשבורג האָט אָבער אַנדערש געהאַלטן.

אין שנת תקס"ו האָבן די ראשי הקהילה פון פּרעשבורג אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה וועגן אויפנעמען אַ נייעם רב. דריי פון די גרעסטע גדולי ישראל זענען געווען די קאַנדידאַטן: הגאון רבי עקיבא איגר, וועלכער איז דאַן געווען רב אין מאַרקיש-פרידלאַנד, דער שפּעטערדיגער שווער פון חתם סופר; הגאון רבי ברוך פרענקל-תאומים, דער בעל ברוך טעם, לייפּניקער רב (שפּעטערדיגער שווער פון הייליגן דברי חיים); און הגאון רבי שלום אולמאַן, באַקאַנט אַלס רבי שלום חריף, רב פון לאָקענבאַך אין די שבע קהילות, וועלכער איז דאַן געווען רב אין פרויקירכן, אויך פון די שבע קהילות.

ביי דער אסיפה האָט איינער פון די פרנסי הקהילה (ר' יקותיאל זלמן בערנוי) איפגעברענגט דעם נאָמען פון רבי משה סופר, רב פון מאַטערסדאָרף, וואָס איז נישט ווייט פון פּרעשבורג. די איבריגע ראשי הקהילה האָבן זיך דעמאָלט דערמאַנט אַז מיט ניין יאָר פריער ווען דער חתם סופר האָט באַזוכט דעם פּרעשבורגער רב רבי משולם איגרא אויפ'ן וועג פון דרעזניץ קיין פּרעשבורג האָט רבי משולם איגרא פאָראויסגעזאָגט מיט רוח הקודש אַז רבי משה סופר וועט נאָך באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה "און טאַקע פון דאָ, פון פּרעשבורג".

רוב פון די ראשי הקהילה האָבן געדענקט די ווערטער פון רבי משולם איגרא און האָבן גלייך באַוויליגט אויפצונעמען רבי משה סופר, וואָס אַלע האָבן געוואוסט פון זיין גדלות, אַלס נייעם רב פון פּרעשבורג. בלויז איין משפחה, וועלכע האָט געהאַט פאַרטרעטער אין פאָרשטאַנד פון דער קהילה האָט זיך מתנגד געווען דערצו. זיי האָבן גע'טענה'ט אַז אויב נעמט מען נישט אויף איינעם פון די דריי קאַנדידאַטן ווילן זיי מען זאָל אויפנעמען אַ געוויסן רב וואָס איז זייער'ס אַ קרוב.

די קהילה פאָרשטאַנד האָט דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אַ גורל. ווי דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש: "על כן הוסכם ביניהם שהגורל יוכיח ויודע ה' את אשר לו ואת הקרוב ויקריב אליו ואת אשר יעלה עליו הגורל יעמד חי לפני ה' והעדה לישא משרת הרבנות על שכמו. ועלה הגורל על הגאון אב"ד דק"ק מאַטערסדאָרף, ה"ה זקני זצ"ל. ושמחו מאוד כי ראו כי קול המון קול ש-ד-י .... וגם שם היתה משפחה נכבדה אחת אשר חפצם היה לקבל את שארם ת"ח גדול ועשיר... אבל לא עלתה בידם, ובעל כרחם ענו ואמרו מקודש על הגאון הנבחר מרוב ככל בני הקהלה – ואלופי הקהל הודיעו הבחירה לזקיני זצ"ל ע"י מכתב".

לויט ווי דעם חתם סופר'ס אַנדערער אייניקל, דער פריער דערמאַנטער רבי משה שרייבער (זיבענבערגן) שרייבט אין זיינע זכרונות איז דער גורל געמאַכט געוואָרן נישט איינמאָל נאָר עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד און יעדעס מאָל איז אַרויסגעקומען דער נאָמען פון חתם סופר.

## אויפ'ן וועג קיין פּרעשבורג: דער דראָאונגס בריוו פון די מאָדערניזירטע

צום גדליה שנת תקס"ז האָבן די ראשי קהילה פון פּרעשבורג אונטערגעשריבן און געשיקט דעם כתב רבנות צום חתם סופר. ער האָט דאָס אַקצעפּטירט און באַלד נאָך די ימים טובים, אָנפאַנג חודש חשון, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג קיין פּרעשבורג.

די אידישע באַפעלקערונג אין פּרעשבורג איז דאַן באַשטאַנען הונדערט פּראָצענט פון שומרי תורה ומצוות. נישט געווען קיין אָפענע מחללי שבת. דעמאָגראַפיש איז אָבער די שטאָט באַשטאַנען פון דריי שיכטן. געווען אַ קליינער עלעמענט, דער מסלתה ומשמנה, פון תלמידים חכמים און לומדים מופלגים, בראש מיט דעם ראש בית דין פון פּרעשבורג הגאון רבי דניאל פּרוסטיץ. אַ צווייטע שיכט איז געווען די איבערוויגנדע מערהייט, דער המון עם פון אנשים פשוטים, נישט קיין גרויסע תלמידי חכמים אָבער תמימי לב און ערליכע אידן. דאַן איז געווען אַ קליינע מינדערהייט פון מאָדערניזירטע און "פאָרגעשריטענע" אידן, וואָס איז בעיקר באַשטאַנען פון אַ רייכע "עליטע" אידישע סוחרים וואָס זענען געקומען פון דער מער מאָדערנער שכנות'דיגער וויען וואָס האָבן, הויפּטזעכליך צוליב געשעפטליכע סיבות, זיך באַזעצט אין פּרעשבורג.

מענדעלסאָן'ס השכלה און אהרן חורינער'ס רעפאָרמען האָבן נאָכנישט געהאַט געשלאָגן וואָרצלען, אָדער בכלל גענומען שפּראָצן. דאָך האָבן זיך שוין געפונען אין דייטשלאַנד, בעהמען, מעהרין און אין וויען, עסטרייך, אַלץ מער "מאָדערניזירטע" אידן, מיט אַ מאָדערנעם לעבנס שטייגער און מער "אויפגעקלערטע" אויפפאַסונגען און השקפות.

אָנקומענדיג אין דער שטאָט פאַרנדאָרף, אונטערוועגנס פון מאַטערסדאָרף קיין פּרעשבורג, האָט דער חתם סופר ערהאַלטן אַ בריוו וואָס איז דורך אַ ספּעציעלן שליח געשיקט געוואָרן צו אים פון אָט די מאָדערנע אין פּרעשבורג. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן אַנאָנים, אָן קיין חתימות. די שרייבער אידענטיפיצירן זיך אַלס "ראשי קהל עדתנו". דער אינהאַלט פונעם בריוו איז נישט מער ווי אַן עלעגאַנט חוצפה'דיגער דראָאונגס-בריוו אין וועלכן די שרייבער גיבן דעם חתם סופר אַן "עצה טובה" וואָס ער מעג יאָ און וואָס ער טאָר נישט טון אַלס רב.

במשך פון די פינף יאָר, זינט דער הסתלקות פון רבי משולם איגרא, וואָס פּרעשבורג איז געווען אָן אַ רב, זענען אָט די עלעמענטן געוואָרן מער אַקטיוו אין קהל'ישן לעבן און האָבן געקראָגן גענוג זעלבסטזיכערקייט צו פּרואוון וואָרענען דעם נאָר וואָס אויפגענומענעם רב, אַלענפאַלס אונטער אַן אַנאָנימע מאַסקע, ער זאָל נישט וואַגן זיך צו מישן אין זייער לעבנסשטייגער אָדער אַריינרעדן אין זייערע אַנגעלעגנהייטן. אָט איז דער נוסח פון דעם בריוו, אַ געמיש פון לשון קודש און דער דעמאָלטדיגער דייטש-מעריש אידיש פון יענער געגנט:

"אנחנו שלומי אמוני ישראל, בתוך אחינו יושבי עיר ואם בישראל אנחנו יושבים, רוצים אנו להעלות זכרוננו לפניך ולהקריב אליך מנחתנו, שלום".

"ברכו את ה' אשר הפליא חסדו לתת איש שר ושופט עלינו, ותרב שמחתנו. שמענו את שמעך, כי איש חכם אתה. היה אתה לנו מול האלוקים, ואנחנו נקיים את כל אשר תצוונו נעשה. אבל במקל נועם תרעה את העם הזה, והיינו לך לעבדים. אך אם מקל חובלים תשים בידך, אנחנו נחלץ חושים, נעמוד בפרץ, ולא יכלו אנשי בריתך עמוד בקצפנו. ומדאגה בדבר, הרצנו אגרתנו זו אליך, כי בהתאסף יחד ראשי קהל עדתנו כדי לשלוח שליחים לאדונינו הוטל עליהם להסביר לאדמ"ו את המצב פה בעירנו לאמור לו כי כאן בפּרעשבורג אונזער רוב משא ומתן מיט סוחרים אשר לא מבני ישראל המה ועם שרים וגדולי המדינה בעשטעהט. מחמת זה זינד כמה וכמה ממנו געצוואונגען ללבוש במלבושים מכובדים כיתר העמים, לגלח שער הראש והזקן אף בימי המועד והספירה, נשינו ובנותינו נותנות בפוך עיניהם פאה נכרית בראשיהם.... והמנהגות האלה ווען זיא אויך בעיני מו"ר ניכט גאַנץ כהוגן זיין זאָלטן לאָזען זיך כאן בעיר הגדולה כזאת ניכט ענדערן".

די צווייטע העלפט בריוו איז אַממייסטנס אין דויטשמעריש, וועלן מיר ציטירן לויט ווי דאָס איז איבערגעזעצט געוואָרן צו לשון קודש אין "זכרון למשה" און אין אַנדערע ספרים:

"בתקנות קהילתנו נאמר: 'הרב אינו רשאי לקרוא לאיש, להטיח בפניו דברי כבושים, קל וחומר לא להענישו באיסורא חרם ושמתא'. קהילתנו מוכרחה להשאר בצביונה שעד עכשיו. ואין להנהיג בה סייגים וחומרות חדשים. בקיצור תפקידו של מרא דאתרא הוא אך ורק להרביץ תורה, ללמוד לעם דרך השם בדברי מוסר והשכל, ולהורות דיני איסור והיתר".

"רק בתנאי זה הסכימו רוב בני קהילתנו לקבל את אדמו"ר למרא דאתרא, ובאנו על החתום. שליחנו הבטיחו לנו כי מסרו את דברינו לאדוננו, וכבודו סביר וקיבל. אך מהסדרים אשר נעשו פה לאחרונה בעירנו אפשר לקבוע כי השליחים לא מילאו שליחותם. וכנראה לא מסרו את כל הנ"ל לאמ"ו. לכן החלטנו למען האמת והשלום, להביא את הדברים לידיעתו. להגיד לו כי כאן הרבה בעלי בתים מהדור הצעיר, שרי אלפים, שרי



די מציבה פון הגה"ק רבי מרדכי ברוידא זצ"ל אין שוסבערג

מאות, אנשים חכמים וידועים, העומדים בחצר המלך, ושרי המדינה, הנושאים עול וטורח הציבור, האנשים הללו התנהגו עד היום כשורה, ובודאי ימשיכו ללכת בדרך טובים, גם תחת ממשלת אדוננו. אבל כל זה אם יקיים אדמ"ו את כל הנ"ל, ולא יבזה ברבים או ביחידות איש או אשה קטן וגדול, ולא יוסיף חומרות המקום שיצא משם, או סייגים וכדומה, אז ישב כבוד רבנו בכבוד רב, ולא תחסר פרנסתו ופרנסת ביתו, אמת ומשפט ישפטו בשערינו, ויהי ה' עמנו"

"אך אם תפנה לבבך ותשמע קול מלחשים, אנשים חסרי מדע ובני-בליעל, הלובשים אדרת שער למען כחש, לייסר אותנו בעקרבים, או להכביד עלינו בדברים אשר לא היו, אז ייהפך לבנו, והמחלוקות תתחלק בעם, וניגש העם איש ברעהו ואיש באחיו, אלה לחרפות ואלה לדראון עולם. ויגדל עוון בת עמנו מחטאת סדום, ואשר כח להם לעמוד בחצר המלך והשרים, צרור הכסף יקחו בידם וישימו על העיר, ואתה תעמוד מנגד ותכלה. והכסף יענה את הכל, ובפרט במדינתנו, שהמחלוקות בין בני עמנו יכולה להיות מסוכנת מאוד. ואנחנו בשם ה' אלוקינו בטחנו, ונשמר מעוונו".

די ערשטע ביאָגראַפן פון חתם סופר האָבן נישט געהאַט פאַר זיך דעם בריוו. אַזוויי ס'זענען געווען געציילטע בני תורה, בעיקר עטליכע פון דער משפחה וואָס האָט געוואָלט זייער קרוב זאָל אויפגענומען ווערן אַלס רב, וואָס זענען אויך געווען קעגן דעם חתם סופר'ס נאָמינאַציע, על כל פנים ביז צו זיין ערשטע דרשה ווען זיי זענען אַלע געוואָרן זיינע אָנהענגער, ווי דער חתם סופר האָט שפּעטער געטייטשט "ברצות ה' דרכי איש", וואָס מיר וועלן שפּעטער ברענגען, האָבן די ערשטע ביאָגראַפן געמיינט, און שרייבן דעריבער, אַז דער בריוו וואָס ער האָט ערהאַלטן אין פּאַרנדאָרף איז געקומען פון אָט דער משפחה בני תורה. מיט יאָרן שפּעטער איז אָבער אַנטדעקט און געדרוקט געוואָרן דער אויטענטישער בריוו וואו עס איז קלאָר אַז די שרייבער פון דעם בריוו זענען געווען די גאָר מאָדערנע און "פאָרגעשריטענע" עלעמענטן.

## די וואונדערליכע אַנטפּלעקונג פון הגה"ק רבי מרדכי ברודא, דיין פון שוסבורג

נאָכ'ן ערהאַלטן דעם בריוו אין פּאַרנדאָרף איז דער חתם סופר געווען אין אַ פּאַרלעגנהייט נישט וויסנדיג וואָס צו טון. צי זאָל ער פאָרזעצן מיט זיין נסיעה קיין פּרעשבורג, טראָץ די עלעמענטן וואָס ריכטן זיך צו שטעלן אים שטרויכלונגען און צו שטערן אים אין זיין רבנות, אָדער זאָל ער זיך אויסדרייען אויף צוריק.

אין דער שטאָט שוסבערג, אין דער היינטיגער סלאָוואַקיי, וואָס איז בימי החתם סופר געווען אַן עיר ואם בישראל, האָט געוואוינט אַ איד אַ צדיק וקדוש, רבי מרדכי ברוידא, וועלכער איז דאָרט געווען דיין. אין שו"ת חת"ס יו"ד סי' רכו, שרייבט צו אים דער חתם סופר: "לידיד נפשי הרב המאה"ג המפורסם כערוגת הבושם צדיק ונשגב כקש"ת מהו' מרדכי נ"י ברודא ה' עליו יחי'". ווען דער חתם סופר איז געווען רב אין דרעזניץ, און מעגליך אויך שפּעטער, פלעגט דער חתם סופר זיך מתייעץ זיין מיט אָט דעם גאון וצדיק.

אין דרשות חת"ס (ח"ג עמ' פו) פון ז' אב תקע"ה, געפינט זיך דעם חתם סופר'ס הספד אויף אים. זאָגט דער חתם סופר: "כמו כן זה מרדכי האיש הצדיק דבר ידוע שהאיר עיני ישראל בתפילותיו... כשיש צדיק אחד בדור המאיר עינים בתפלתו.... וכן הי' ממש זה הצדיק זצ"ל זכותו יגן עלינו".

שרייבט דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש אַז נאָכ'ן באַקומען דעם בריוו אין פּאַרנדאָרף: "כאשר עמד בעומק עיונו בהדבר ולא ידע לשום עצות בנפשו נזרק מפיו הקדוש: בכל עת כשהיה לי ענין חמור ולא ידעתי עצה שלח לי ה' את הרב הקדוש רבי מרדכי ברודא לייעץ לי, ועתה לא בא. וכאשר כילה לדבר והנה עגלה באה ועליה הה"ג החסיד הנ"ל ואמר לו: אהובי, יודע אני במה הוא נבוך, לא יירא ולא יחת וה' יהיה עמו ויפיל שונאיו לפניו ובכל אשר יפנה יצליח. ויהי כאשר כילה לדבר ויפן זקיני כה וכה וירא כי אין איש. והבין כי מן השמים הראו לו שילך לפרעשבורג".

דאָס זעלבע שרייבט דעם חתם סופר'ס לאַנג יאָריגער תלמיד, רבי חזקיה פייבל פלויט אין ליקוטי חבר בן חיים: "וישא עיניו, והנה עומד לימינו אוהבו מדרעזניץ הרב החסיד המקובל מו"ה מרדכי משוסבורג, אבי הרב רבי נתן אב"ד בשוסבורג ז"ל, ויען ויאמר: ידעתי את אשר נבוך בו, אל תירא ואל תחת, לך לפרעשבורג וה' יהיה עמך. ויהי האיש נעלם כאשר כלה לדבר כדברים האלה, ואין תמונה לנגד עיני רבינו ואין איש. והמשכיל יבין. ועל זאת התאמץ רבינו לשום פעמיו לעיר הצדק".

איבריג צו זאָגן אַז ווען דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פּרעשבורג האָבן די מאָדערניזירטע פאַרלוירן יעדע שליטה וואָס זיי האָבן פאַר דעם געהאַט, און אַדאַנק דעם הייליגן חתם סופר איז פּרעשבורג געוואָרן דער גרעסטער צענטער פון הרבצת תורה אין פילע דורות און אונגאַרן איז געוואָרן די פעסטונג פון קאָמפּראָמיסלאָזער אידישקייט.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

ח



# דער הייליגער חתם סופר

## פרעשבורג, די שטאָט פון חתם סופר

**די ערשטע דרשה שבת פרשת לך – שיעורים פאַר בעלי בתים – דער תל תלפיות: די פרעשבורגער ישיבה – דער חתם סופר אין אַ בריוו: "מלמד תינוקת אני עם בחורים... וזה חלקי אשר ישאר אחרי... ויתר הדברים אני עושה בנחיצה כהולך על גבי גחלים"**

### פרעשבורג

דינסטאָג פרשת לך לך, ט' חשון שנת תקס"ז, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. אַ נייע גלאָררייכע עפּאָכע פאַר דער שטאָט פּרעשבורג, אַ נייע עפּאָכע פאַר'ן אונגאַרישן אידענטום, און אַ נייע תקופה אין לעבן פון חתם סופר.

יענער יום שנכפל בו כי טוב איז געווען דער טאָג וואָס דער חתם סופר איז אָנגעקומען קיין פּרעשבורג דאָרט משמש צו זיין ברבנות, ווען פּרעשבורג איז אויף אייביג געוואָרן באַקאַנט אַלס די שטאָט פון חתם סופר.

איידער דער חתם סופר איז אָנגעקומען האָט ער געהאַט געשיקט אַ בריוו אין וועלכן ער האָט מודיע געווען איבער וועלכע סוגיא אין ש"ס ער וועט דרש'נען דעם קומענדיגן שבת. עטליכע קעגנער צווישן די תלמידי חכמים אין דער שטאָט האָבן אונטערגעקויפט אַ בחור ער זאָל אַרויס'לקח'ען פון חתם סופר'ס שטוב די חידושים וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן אויף דער סוגיא. זיי האָבן זיך גוט פאָרגעגרייט און זיך געראָכטן צו פרעגן בערג מיט קשיות און פירכות אויף יעדן חידוש.

פרייטאָג צונאַכטס זענען עטליכע גוטע פריינט אים געקומען זאָגן פון דער קאָנספּיראַציע. ווען ער האָט דאָס געהערט איז ער צוגעגאַנגען צום ספרים שאַנק און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גמרא, אָן צו קוקן אפילו וועלכע מסכת דאָס איז. געווען איז דאָס אַ באַנד פון מסכת סנהדרין. אין דער אָנוועזנהייט פון די וואָס זענען געקומען אים מודיע זיין האָט ער געגעבן איין מיש אין דעם באַנד און די מסכת וואָס האָט זיך געעפנט איז געווען מסכת עדיות.

ער האָט מעיין געווען אין דעם בלאַט וואָס האָט זיך געעפענט און געפרעגט אַ קשיא אין דער סוגיא פון דעם בלאַט. צומאָרגנס האָט ער זיך געשטעלט אויף יענער סוגיא אין עדיות און געזאָגט אַ טיפן און שאַרפן פלפול, חידושים נפלאים וואָס ער האָט מחדש געווען איבער נאַכט. די לומדים זענען געווען איבערראַשט וויאַזוי ער האָט צעשטערט זייערע פּלענער און האָבן געשטוינט פון דעם גאונ'ישן חריפות, פון דער געוואַלדיגער בקיאות און פון די וואונדערליכע חידושים.

### ברצות ה' דרכי איש "גם אויביו"

דער קאַנדידאַט וואָס די משפחה פון די קעגנערישע תלמידי חכמים האָט געוואָלט יענער זאָל אויפגענומען ווערן אַלס רב אַנשטאַט דעם חתם סופר איז געווען הגאון רבי זלמן לייב גרינפעלד. שבת ביי דער דרשה האָט ער פּרובירט פרעגן קשיות און זיך מפלפל זיין מיט'ן חתם סופר. דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן פון דעם חתם סופר'ס געוואַלדיגן כח התורה. אויפ'ן אָרט האָט ער זיך מכניע געווען צום חתם סופר, און אים באַלד אָנגערופן "מורי ורבי".

דעם חתם סופר'ס תלמידים שרייבן אַז ווען דער חתם סופר האָט דאָס געזען האָט ער דערמיט געטייטשט דעם פסוק "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו". ווען אַן איש פשוט איז זיך מתנגד און קריגט אויף אַ צדיק, האָט דער חתם סופר געזאָגט, איז ער חלילה נכווה בגחלתו. טאָמער אָבער איז דער קעגנער אויך אַ צדיק איז גם ענוש לצדיק לא טוב. דער רבונו של עולם וויל נישט מעניש זיין דעם קעגנער. ער וויל דאָך אָבער אויך נישט אַ מחלוקה צווישן תלמידי חכמים, מאַכט ער שלום צווישן זיי. דאָס מיינט דער פסוק: "ברצות ה' דרכי איש, גם אויביו", אויב אויך דער שונא, דער קעגנער, איז רצוי פאַר'ן אויבערשטן, איז ישלים אתו, מאַכט ער שלום צווישן זיי.

רבי זלמן לייב גרינפעלד איז געוואָרן פון דעם חתם סופר'ס גרעסטע ידידים און מעריצים. אַדאַנק דעם חתם סופר'ס שתדלנות איז רבי זלמן לייב שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סערדאַהעלי. ער האָט דעם חתם סופר אָנגעפרעגט אַסאַך שאלות און ווערט מערערע מאָל דערמאַנט אין תשובות חתם סופר. זע שו"ת חת"ס או"ח סי' קמ"ב; יו"ד סי' רצ"ה, רצ"ו; אה"ע ח"ב סי' קע"ה.





**די אידישע גאַס אין פרעשבורג – לינקס: ווי עס זעט אויס היינט צוטאָגס**

## שיעורים פאַר בעלי בתים

הגאון רבי יהודה גרינוואַלד זצ"ל, דער בעל זכרון יהודה, דער צווייטער רב פון דער שטאָט סאַטמאַר, (דער ערשטער רב איז געווען הג"ר זאב מאַנדעלבוים), איז געווען אַן איידעם פון חתם סופר'ס דריטער זון, רבי יוסף יוזפא סופר זצ"ל. שרייבט רבי יהודה גרינוואַלד וואָס ער האָט געהערט פון דעם חתם סופר'ס תלמיד הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל.

די ערשטע זאַך וואָס דער חתם סופר האָט געטאָן אין פרעשבורג, און האָט דאָס דערמאָנט אין זיין ערשטע דרשה, האָט רבי הלל קאָלאָמייער דערציילט, איז געווען צו באַשטימען פיר חבורות פון שיעורי תורה פאַר פשוט'ע בעלי בתים, בראש מיט אַ מגיד שיעור פאַר יעדן שיעור, צו לערנען מיט זיי יעדן אָוונט.

די שיעורים פון די פיר חבורות זענען געווען א: חומש-רש"י. ב: משניות. ג: מוסר. ד: הלכה. דאָס איז אויסער אַ הויפט שיעור פאַר די וואָס קענען מיטהאַלטן, פון גמרא און שולחן ערוך. (שבט מיהודה על התורה פרשת שמות, עה"פ וילך משה).

אין ספר "שירת משה", געדרוקט אין סאַטמאַר אין שנת תרס"ח, שרייבט רבי יהודה גרינוואַלד: "כתב לי הגאון ר' הילל ז"ל, שמרן החת"ס ז"ל בדרשתו, כשבא לפרעשבורג יע"א, דרש והתקין ד' חבורות למנות להם לראש תלמיד חכם אשר בכל חברא ילמוד עמהם לעתותי ערב חומש עם פירש"י ז"ל ומשניות מוסר וקיצורי הלכות בחיי אדם, והחברות הללו עדיין הם היסוד מוסד לקיום התורה ויראת שמים שם".

דער ספר חיי אדם איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין ווילנע אין שנת תק"ע, דריי יאָר נאָכדעם וואָס דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פרעשבורג. קען דערפאַר נישט זיין אַז דער חתם סופר האָט גלייך איינגעפירט צו לערנען חיי אדם. מסתמא איז דער לימוד אין חיי אדם איינגעפירט געוואָרן שפעטער, אין דער צייט וואָס די ערשטע יאָרן האָט מען געלערנט קיצורי הלכות אויף אַן אַנדערן אופן.

פון רבי שמעון סופר ווערט אבער געברענגט אַז זיין טאַטע דער חתם סופר האָט זיך אַסאַך סומך געווען אויף די פסקים פון חיי אדם. זע שו"ת חת"ס יו"ד סי' ש"מ (ד"ה וראיתי) וואו דער חתם סופר שרייבט: "ומצאתי עתה בספר הנדפס מחדש הנקרא חכמת אדם".

הגה"צ רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל, אַ יליד פרעשבורג און איידעם פון רבי הלל קאָלאָמייער, שרייבט אין זיין ספר "לב העברי": "מי יכול למלל את הלל ושבח מעמד הקהילה בזמן ההוא. אף שבזמן אשר קיבלו רבינו עליהם לא היו אנשיה וחכמיה מרובים, אמנם לרגלו ותחת דגלו נתרבו בין לגדולה בין בחכמה, ואחר כל היתה עיר גדולה לאלוקים, מקטן שבהם עד הגדול".

אין "משכיל אל דל" ציטירט רבי הלל קאָלאָמייער דאָס לשון וויאַזוי דער חתם סופר האָט משבח געווען די קהילה אין פרעשבורג. זאָגט דער חתם סופר: "תהילה לה' יתברך אני יושב פה בקהל עדת ישראל אשר רובם כשרים ויראי ה', ויש בהם מופלגי תורה רבים, ואני בתוכם באהבה ואחוה וריעות ובכבוד בקהילה ובמדינה, ואם כי יש קצת פסולת תוך האוכל המרובה, לא אפנה שימצא עתה בעו"ה בשום קהילה בוסמין בלא חלבנה".

דער מחנה חיים, אויך אַ יליד פרעשבורג, שרייבט (קן סופר, סי' קכו): "אין אבן בשוק ובחצרותיו שלא נדבר עליה דברי תורה, ואין חדר שלא היה בו יראת שמים, אין חלון שלא עמדו בו ולפניו תלמידי חכמים וצדיקים".

ווידער רבי חזקיהו פייבל פלויט, דער תלמיד פון חתם סופר, שרייבט: "משנת תקס"ז עד היום, בחר נותן התורה יתברך בעיר פרעשבורג, אשר מהם תצא תורה, והעיר מוגנת לזה בכמה ענינים. והתורה חוזרת על אכסניא שלה".

אין זיין ערשטע דרשה, שבת פרשת לך לך, האָט דער חתם סופר דערמאָנט די דרשת חז"ל, וואָס רש"י ברענגט אויף ושם אעשך לגוי גדול, "כאן אי אתה זוכה לבנים", זאָגנדיג אַז ביז יעצט האָט ער נישט זוכה געווען צו האָבן קינדער, "אבל כאן אני זוכה לבנים, ובתים טובים אבנה אי"ה", וואָס איז מיט עטליכע יאָר שפעטער מקויים געוואָרן נאָך דער פטירה פון זיין ערשטער רעביצין ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הגה"ק רבי עקיבא איגר זצ"ל.

## כל זמן שהישיבות בעולם

**"כל זמן שהישיבות בעולם, אף על פי שהצ"יידים רודפים תמיד ואין רגע בלא פגע, מכל מקום זכות התורה מגין.** (דרשות חתם סופר חלק א', דף סא).

דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז זיין הויפט אויפגאַבע און עיקר תפקיד אויף דעם עולם איז הרבצת תורה. צו לערנען מיט תלמידים. אין אַ בריוו, געדרוקט אויך אין דער הקדמה צו חת"ס על התורה עמוד י"ב, אין רחובות קריה אות ט', שרייבט דער חתם סופר: "אך זה לי משנת תקמ"ו ואילך, מלמד תינוקת אני עם בחורים, עד שיבינו שאין בי ממש, אז יבואו אחרים תחתיהם. וזה חלקי אשר ישאר אחרי. ויתר הדברים אני עושה בנחיצה כהולך על גבי גחלים".

דערפאַר איז די ישיבה אין פרעשבורג, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען "ישיבה הרמה", געווען דער קלימאַקס און דער שפיץ פון זיינע אַקטיוויטעטן און אינטערעסן.

אין דעם כתב הרבנות וואָס די שטאָט פרעשבורג האָט אים געהאַט געגעבן האָבן זיי

זיך פאַרפליכטעט אויסצוהאַלטן אַכט (!) בחורים. ווי זיי שרייבן דאָס אין דעם קאָנסוס: "קבלנו על עצמנו להחזיק בקהלתנו שמונה בחורי חמד, המחזיקים בתורת ה', להסתפח בצלו צל החכמה ולרוות צמאם, וישתו מי בארו, באר מים חיים הם למוצאיהם לא נאמר אלא ללומדיהם, ודבר שהחובה הוא, להספיק להם לחם ומזון כל ימות השבוע. ועוד ט"ו בחורים הנקראים "אינם מנויים", שתנתן להם אספקתם מקופת הצדקה על ידי פתקא שקוראים בילעטין".

## "מיום שפסקו הישיבות הגדולות בימים הקדמונים"

אין בלויז אַ קורצע צייט איז די פּרעשבורגער ישיבה זיך צעוואַקסן און האָט געציילט הונדערטער בחורים. דעם חתם סופר'ס אייניקל דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש:

"מיום שפסקו הישיבות הגדולות בימים הקדמונים לא נמצאה ישיבה גדולה וחשובה כמו ישיבת זקני מאוה"ג זצ"ל, הן בכמות והן באיכות. תמיד למדו שם כמה מאות תלמידים, אשר הרבה מביניהם היו מופלגים בתורה חריפים ובקיאים, ראויים להורות הוראה בישראל, ולהם יד ושם בתורה וביראה. הוא נטע את כרמו, כרם ה', בהשכל, דעת וחכמה נפלאה, הזהיר אותם תמיד לא להתגאות נגד ת"ח, ולא להשתרר על הציבור בכח, להשיג מנוי של רבנות או דיינות. והגם שאת כל תלמיד אהב כבנו, בכל זאת קיים בהם שמאל דוחה וימין מקרבת. ונהרו אליו מכל המדינות לבקש תורה מפיו, כי מלאך ה' צב' הוא. ישיבתו נודעת לשם ולתפארת בכל אפסיים, כי לא נמצאת דוגמתה, ומציון תצא תורה, ודבר השם מעיר ואם בישראל פּרעשבורג תע"א"

"הוא החזיר עטרה ליושנה, והעמיד תלמידים לאלפים, רובם ככולם גאונים גדולים ומפולגים בתורה, אשר יראת ה' אוצרם במדינתנו אוסטרייך-אונגאַרן. והרבה תלמידי חכמים מחוצה לה היו תלמידיו, או תלמידי תלמידיו, וממנה יתד וממנה פינה בכל עת ועונה. כל הרבנים הגדולים שלחו בניהם ללמוד בישיבתו".

## לא פסקה ישיבה מעל שולחנו

במשך פון 60 יאָר, פון ווען ער איז געווען 18 יאָר אַלט ביז צו דעם טאָג פון זיין הסתלקות אין עלטער פון 78, איז נישט געווען קיין טאָג, חוץ תשעה באב, וואָס ער האָט נישט פאַרגעלערנט פאַר תלמידים.

זיין זון רבי שמעון סופר שרייבט אין "פתוחי חותם", זיין הקדמה צו שו"ת חת"ס יו"ד: "מיום היותו בן ח"י שנים, עד היותו בן ע"ח, למד תורה ברבים כששים שנה. עד כי בא דבר ה' להוציא את האור מנרתיקה, ומשה עלה אל האלוקים יום ה' כ"ה תשרי שנת ת"ר לפ"ק. שמעתי מפיו הקדוש, מיום אשר החל ללמוד עם תלמידים לא עבר עליו יום בשנה שלא למד תורה ברבים חוץ מתשעה באב. גם בליל יום הכיפורים התאספו אליו העדרים ולימד אותם סדר עבודת יום הכיפורים בבית המקדש שיבנה במהרה בימינו.... וכשהיה גוסס סמוך למיתה קרא אליו איזה תלמידים ואמר לפניהם חידושי תורה דרבים".

אין זיין צוואה צו זיינע קינדער און אייניקלעך שרייבט ער אויך: "ועשו קיבוץ וריבוץ ופעלים לתורה ברבים, ואם מעט לפניכם, מאותו מעט אשר חננכם ה' למדו ברבים, בכל מאמצי כח".

קיין פּרעשבורג האָבן געשטראָמט בחורים מופלגים נישט בלויז פון אונגאַרן און מעהרין נאָר אויך פון פּוילן און גאַליציע. דער חתם סופר האָט זיי אַלע אַליין פאַרהערט פאַר'ן אָננעמען אין דער ישיבה. אויף וואָס ער האָט אָבער בעיקר מקפיד געווען איז געווען זייער יראת שמים.

באַקאַנט די מעשה מיט צוויי בחורים מצויינים וואָס זענען געקומען אָנגענומען צו ווערן אין זיין ישיבה. איינער פון די צוויי איז געווען דער בעל "יריעות שלמה". האָט ער דעם יריעות שלמה אָנגענומען אין דער ישיבה און דעם צווייטן נישט. פאַרוואָס נישט?

ס'איז פּונקט געווען סוכות צייט און סכך פון דער סוכה איז געלעגן אויף דער ערד אין הויף. האָט דער חתם סופר געזען ווי דער יריעות שלמה גייט אַרום און איז פאָרזיכטיג נישט צו טרעטן אויף דער סכך, (זע מגן אברהם או"ח סי' תרל"ח סק"ט), צוליב ביזוי תשמישי מצווה, בעת דער צווייטער טרעט אויף די סכך. דער חתם סופר האָט דערין געזען אַ פגם אין זיין יראת שמים און אין דקדוק בהלכה. האָט ער יענעם נישט אָנגענומען אין דער ישיבה. (זע "רשומים בשמך" חלק א' און "זכרון למשה" עמ' קפו).

דער דורכשניטליכער עלטער פון די בחורים איז געווען 18 און העכער. געווען עטליכע אויסנאַמען, ווי דער בעל קול ארי' וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אין עלטער פון 13 יאָר.

די איינציגסטע זאַך מיט וואָס דער חתם סופר האָט שטאָלצירט איז געווען מיט דער התנהגות פון זיינע תלמידים. דער חתם סופר שרייבט: "תלי"ת בכל מקום מדרך כף רגלי תלמידי מפורסם הדבר ורגיל בפי כל שמעולם לא נשמע קנאה ותחרות ביניהם. ואם אינם תלמידי אדם גדול בעו"ה, אבל תלי"ת למדו מוסר להיות



דאָס ביהמ"ד פונעם חתם סופר זי"ע

נעלבים ואינם עולבים".

אין אַ בריוו צו די ראשי הקהילה פון פיורדא שרייבט דער חתם סופר: "עד כה ברכני ה' אשר אלי יאספו כל חרד לדבר ה', כשתילי זיתים סביב לשולחני, כמו ר"נ תלמידים השומעים ממני שיעורים תמידין כסדרן, הא לן לאוקמי גירסא והא להו לחדודי, וחפץ ה' בידינו הצליח ועשה פרי קודש הלולים, כי מלבד כי כולם שוקדים על דלתי בית המדרש, ממש לא פסק פומייהו מגירסא ושמים לילות כימים, עוד יראתם קודמת לחכמתם, חרדים לדבר ה' וכבר אמרתי אמורה עם הספר שלא זרעתי כרמי כלאים".

הגה"ק רבי מרדכי באַנעט, דער ניקלשבורגער רב זצ"ל, האָט אַמאָל באַזוכט די ישיבה אין פּרעשבורג. די בחורים האָבן, ווי ס'איז דער מנהג אשכנז, געדאַוונט איינגעהילט אין טלתים. האָט דער חתם סופר אים געזאָגט אַז ער קען רואיג בודק זיין די טלתים פון די בחורים צי זען ווי די קדושה איז שורה אויף זיי, אַז זיי זענען באמת טאַקע ראוי זיך מתעטף צו זיין אין טלתים. דער חתם סופר האָט צוגעלייגט: "יעדער בחור וואָס לערנט אין מיין ישיבה בין איך פאַראַנטוואָרטליך אויף אים, נישט בלויז אויף זיינע מעשים נאָר אויך אויף זיינע מחשבות, 24 שעה אַ טאָג. נישטאָ קיין איין בחור אין מיין ישיבה וואָס האָט אַ מחשבת חטא ועוון או הרהור רע חלילה". (רשומים בשמך חלק א').

די סדרי הישיבה, און דעם חתם סופר'ס דרך הלימוד, אין קומענדיגע אַרטיקלען אי"ה

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**"כי הדוחקים רובם אמתיים, אמנם השכליים וההמצאות רובם שקר... וזאת המכשילה תחת יד החריפים'**

**דעם חתם סופר'ס דרך הלימוד: לאמיתה של תורה ולאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא – "אלפים קושיות מתגוללים כעת בעוונותינו הרבים בבתי מדרשות בכל יום" – דער סדר הלימודים אין דער פרעשבורגער ישיבה**

[פאַרזעצונג פון פריער]

## די טעגליכע שיעורים

דריי טאָג אַ וואָך, זונטאָג, מאָנטאָג און דינסטאָג, האָט דער חתם סופר פאָרגעלערנט די שיעורים אין גמרא, – אַ שיעור פשוט און אַ שיעור עיון, ביידע אין דער זעלבער מסכתא. ביים ענדיגן דעם שיעור האָט ער אַ צווייט מאָל איבערגע'חזר'ט דעם שיעור.

(לויט ווי דער כתב סופר שרייבט האָט ער פאַר זיך זעלבסט איבערגע'חזר'ט דעם שיעור נאָך צוויי מאָל יעדן טאָג. אַ סך הכל פון צוויי מאָל מיט די בחורים און פיר מאָל פאַר זיך. חוץ מזה האָט ער יעדן פרייטאָג צונאַכטס איבערגע'חזר'ט פאַר זיך וואָס ער האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך און יעדעס יאָר האָט ער פון ראש חודש אלול ביז יום הקדוש איבערגע'חזר'ט פאַר זיך אין קורצן גאַנץ ש"ס בבלי וירושלמי, ספרא, ספרי ותוספתא).

מיטוואָך איז געווען דער טאָג פון חזרה. ווען די בחורים האָבן איבערגע'חזר'ט דעם שיעור. דאָנערשטאָג איז געווען דער פאַרהער-טאָג פון די שיעורים פון דער וואָך. מיטוואָך איז אויך געווען דער טאָג וואָס דער חתם סופר האָט פאַרשריבן זיינע חידושים אויף די שיעורים פון דער וואָך.

אויסער די שיעורים אין גמרא האָט ער יעדן צופרי נאָך שחרית פאָרגעלערנט אַ שיעור אין שולחן ערוך אורח חיים מיט די נושאי כלים, און ביינאַכט האָט ער פאָרגעלערנט שולחן ערוך יורה דעה.

מיטוואָך, דאָנערשטאָג, און פרייטאָג-צונאַכטס האָט ער אויך פאָרגעלערנט חומש-רש"י מיט רמב"ן.

חוץ דעם האָט ער פאַר יעדן יום טוב געלערנט מיט זיי הלכות החג. ווי אויך פאַר פורים מסכת מגילה און צווישן פסח און שבועות יעדן טאָג אַ בלאַט אין מסכת שבועות, צוליב די 49 בלאַט אין דער מסכת.

דער שיעור אין גמרא איז געווען צוויי בלאַט אַ וואָך. רבי יעקב הערש יעבץ, אַ תלמיד פון חתם סופר, שרייבט אין זיין ספר "מור דרור": "שיעור הלימוד היה כמו שני דפים לשבוע. ואף כי לרוב היה השיעור הזה מרובה לתלמידים אשר רצו להשתעשע ולעשות מטעמים כאשר אהב נפשם באיזה סוגיא, לא שמע אליהם ולא הטה אזנו לדבריהם, והסיעם על כרחיהם ודלק אחריהם לבלתי עשות הטוב בעיניהם, וקרא על עצמו מקרא זה: ויסע משה את העם, וכאמרם ז"ל, שהסיען בעל כרחם".

יעדן טאָג פאַר'ן שיעור האָט ער פאָרגעלערנט פאַר אַרום אַ פערטל שעה אַ שיעור אין חובת הלבבות. דער שיעור מוסר דוקא אין חובת הלבבות איז געווען געצילט איינצופלאַנצן אין די בחורים די יסודות האמונה און די יסודות אין עבודת ה'.

זיין תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט שרייבט אין ליקוטי חבר בן חיים: "בעת הציע השיעור, כל סברא שאמר מנפשיה, וכל יישוב קושיא ושאר חידוש מיד לאחר האמירה חזרו התלמידים דבריו בין כולם. ובמשך החזרה פלפלו התלמידים המופלגים עמו. וכן היה אפילו בשעת הדרשה בבית הכנסת, הן באגדה הן בשמעתא, כל דבר ודבר חזר הקהל והתלמידים כמו בלימוד השיעור. ואשרי אוזן שמעה ועין ראתה אהבת התורה הזאת".

זיין זון רבי שמעון סופר דער בעל מכתב סופר שרייבט אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר: "אי אפשר להעריך העבודה הגדולה בלימוד השיעור עם תלמידיו בקדושה ובטהרה, ובלב בוער, בכל כוחו, לכבוד שמו הגדול יתברך שמו".

זיינע קינדער און תלמידים שרייבן אַז ווען ער האָט אָנגעהויבן פאָרלערנען דעם שיעור האָט ער עס געלערנט ווי איינער וואָס לערנט די גמרא דאָס ערשטע מאָל. ער פלעגט אפילו מגמגם זיין און איבערגיין דעם לשון פון דער משנה מערערע מאָל כאילו איינער וואָס מוטשעט זיך גלאַט צו פאַרשטיין דעם פשוט'ן פירוש המילות.

שרייבט רבי יהודה לייב לאַנדסבערג אין "אלה תולדות": "פעם אחת שאל אותו אחד מן התלמידים מדוע הוא עושה כדבר הזה? ויאמר אליו משה עבד ה': חדשים לבקרים רבה אמונתיך, בכל יום יהיו בעינינו דברי התורה כחדשים, כי רק לכך אני נוצרתי, ללמוד עם בחורים, להרגילם לעיון התלמיד. ופקודה זאת שמרה נפשי לעשותה

בשלמותה, למען ידע ויבין גם בחור צעיר בתורה ולימים דרך הלימוד, וממני יראה בשיעור וכן יעשה אחר כך בביתו".

## זיין דרך הלימוד

זיין דרך הלימוד מיט די תלמידים אין פרעשבורג איז געווען לאמיתה של תורה, דאָס הייסט צו דערגיין דעם ריין אמת'ן פשט פון דער סוגיא לויט די ראשונים, און לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא.

צומאָל פלעגט ער פרעגן אַ קשיא פון די תלמידים און צו ענטפערן דערויף צוויי תירוצים. איינס איז געווען אַ חריפות'דיג שאַרפער תירוץ, און דאָס צווייטע איז געווען אַן איינפאַכער תירוץ על דרך הפשט. ער פלעגט זיי פרעגן וועלכער תירוץ געפעלט זיי בעסער. די תלמידים פלעגן געווענליך ענטפערן אַז דער שאַרפער פלפול'דיגער תירוץ איז פיל שענער. האָט זיי דער חתם סופר געזאָגט: כאָטש דער שאַרפער און שפיציגער תירוץ איז טאַקע שענער איז אָבער דער צווייטער תירוץ דער אמת. און דער אמת איז שענער ווי אַלעס.

דאָס לערנען דאַרף טאַקע זיין בעיון. זיך מוטשען אויף ווי ווייט מעגליך צו דערגיין בעמל וביגיעה דעם סוף דעתם פון די ראשונים, מיט דער הילף פון די גדולי האחרונים. אָבער נישט צו בויען בנינים מיט סברות פון פלפול לשם פלפול.

ווי ער שרייבט דאָס אַליין אין שו"ת חת"ס יורה דעה סי' קע"ג האָט ער גענוצט דעם דרך הפלפול צו שלייפן די מוחות פון די תלמידים אָבער נישט צו קומען צו מסקנות להלכה געבויט אויף אייגענע סברות. "אין זה מדרכי לבנות דינים והוראות על המצאות מחודשות, שזה הוא טוב לחדד התלמידים, ולהורות נתן לילך בעקבות הראשונים ולמעט בחידושי עדיף".

איינעם פון די תשובות, אבן העזר סי' י"ב, פירט ער אויס ווי פאָלגענד: "והדברים פשוטים, ואם אין בהם חידוש דבר, לפי עניות דעתי די לי שזכיתי להבין דברי הראשונים וד' עמנו, ולא נצא ממרכז האמת".

שרייבן די תלמידים אַז ווען דער קוואַל פון חידושים האָט ביים פאָרלערנען זיך געעפענט ביי אים און ער האָט געזען אַז די חידושים זענען צו מפולפל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שעפשען די תפילה פון אהבה רבה.

זיין תלמיד רבי יעקב הערש יעבץ הלוי אין זיין ספר מור דרור (וויען תרנ"ב) שילדערט דאָס פאָרלערנען ווי פאָלגענד: "אופן וסדר לימודו היה על דרך הראשונים, להעמיק הסוגיא ברש"י ותוספת, ועליהם סדר הראשונים וגם אותם אחרונים הנצרכים לעומק פשטות הלימוד. ומי כחכם יודע פשר דבר לאשר ולפשר, לסדר להדר דברי ראשונים ושיטתם, להסבירם ולהעמידם למחלוקתם".

אין שו"ת יורה דעה סי' י"ט גיט דער חתם סופר הדרכה צו איינעם פון זיינע תלמידים: "סדור למודו, טובה צפורן של ראשונים, ויניח ספרי האחרונים ופלפולים העמוקים שאינם צריכים לשעה וימלא כריסו, כי הכל צריכים למארי חיטי".

דאָס זעלבע זאָגט דער כתב סופר אין דעם הספד צו די שלושים פון חתם סופר: "הלא ידעתם אף כי שמעתם ועיניכם הרואות גודל רוח קדושתו וצדקתו בעת לימוד השיעור... לא לפלפל, כי אם לעמוד על דעת קדושים ולהבינו לתלמידים" (דרשות כתב סופר, ירושלים תשל"ב, עמ' קנא).

## "כי הדוחקים רובם אמיתיים"

באַקאַנט דער אויסדרוק פון חתם סופר בנוגע דעם דרך הלימוד: "כי הדוחקים רובם אמיתיים". אין אַ שאַרפע תשובה אין קובץ תשובות חת"ס סי' פ"ב, געשריבן צו אַ רב וואָס וויל זיך מיט אים מתווכח זיין איבער אַ געוויסע סברא וואָס דער חתם סופר האָט גענוצט צו פאַרענטפערן אַ געוויסע קשיא, שרייבט צו אים דער חתם סופר, אַז אדרבה, אויב האָט ער אַ בעסערן תירוץ איז ער גרייט עס צו הערן און עס אָנצונעמען: "ובלבד שתירוצו יהיה גם כן סברא ואפילו מדוחק, כי הדוחקים רובם אמיתיים, אמנם השכליים וההמצאות רובם שקר, וגורמים לבעליהם להחזיק בשקר בתורת ה', כי רע בעיניהם להודות על האמת ולעזוב החריפות שלהם, וזאת המכשלה תחת יד החריפים".

הרבה קולמוסים נשתברו, און אַסאַך היינטיגע גיגעבייטס זענען גענוצט געוואָרן, צו זאָגן פשט אין די ווערטער פון חתם סופר. דער אמת'ער פשט אין די ווערטער פון חתם סופר איז אָבער דער פשוט'סטער, אפילו אויב דאָס איז בדוחק. ער מיינט צו זאָגן אַז אפילו אויב דער תירוץ אויף אַ קשיא איז נישט דער גלעצנדסטער, און גלאַנצעדיגסטער, איז דער פשוט'ער פשט אפילו אויב ער קוקט אויס צו זיין עטוואָס בדוחק, מער אמת ווי דער שאַרף מפולפל'דיגסטער.

אין דער זעלבער תשובה צו יענעם רב ציטירט דער חתם סופר דעם ריב"ש, פון די ראשונים: "וז"ל ריב"ש בתשובה סימן רכ"ט לרבנו מנחם הארוך ז"ל, אמנם תדע ותשכיל כי ראוי לכל חריף ומפולפל לשמור מאוד את דרך עץ החיים, פן בפלפולו ואגב חורפיה יהי' למטים מן הישרה נטפל, ומה בצע אם חרב פיפיות בידו חרב חלל הגדול חרב החודרת יורדת ונוקבת עד התהום ובהרים מקדרת, ותהי האמת נעדרת, הלא כל ישע וכל חפץ להעמיד התורה ביושר על מכונה, ולא יכרת מעונה, עכ"ל".

אינטערעסאַנט צו ציטירן אויך טייל פונעם אָנפאַנג פון דער זעלבער תשובה: "מאז שמתי גדר בפני מבלי השב על קושיא כי אם פעם אחת, ולא לעשות סנגורין לדברי כלל אם לא בשאלה הנוגעת לדינא וטעמי ונימוקי עמי, כי על הרוב לא בא המקשה (ואפילו אם יהי' א' מהתלמידים) להוציאו ממבוכה ולהעמידו על האמת, כי אין האמת לעת כזאת חשוב כלל, ולא בא הכותב רק להראות כחו וגבורתו ולא נצרכה אלא מפני הכבוד, וגם תשובתי אליו איננה אלא להמציאו מה שבקש, וק"ו רב מופלא כמוהו דלא צריך לי, ואלפים קושיות מתגוללין כעת בעוו"ה בבתי מדרשות בכל יום כי לקוצר שכלנו אין אתנו יודע עד מה, וכיון שכל עיקר הפלפול הוא רק שרוצה לכבדני ואני כמוהו רוצה לכבודו, אם כן מכ"ש שהוספתי לו כבוד כשיהי' הוא המנצח ואני המנוצח".

הגאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל שרייבט אין "אוצרות להורות נתן" עמ' קנז: "דרך לימודו של זקני הקדוש רבינו עקיבא איגר זי"ע היה באופן מופלא ביותר, כי ראשו היה חד וישר, ולא יכול לסבול דברים שאינם מובנים בפשטות. מרוב עמקותו שהיה דייקן גדול, היו קשים לו הרבה קושיות ואין פותר אותם בידו. והניח אחריו ספר "קושיות עצומות", בו רשם אלף וארבע מאות ואחת קושיות, אשר רובן ככולם נדפסו בגיליון הש"ס או בדרוש וחידוש לרע"א.... המעיין בספרי רע"א וחת"ס רואה את החילוק הגדול ביניהם, כי רע"א השאיר אחריו הרבה קושיות בצריך עיון, ואילו החת"ס לעומתו כמעט ואין בספריו קושיות


געמאָלן בילד פון הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל



געמאָלן בילד פון הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל

בלי תירוצים. הסיבה לכך תיתכן כי רע"א ידוע שהיה לו ראש צח ומצוחצח וכיון שהיתה קשה לו איזה קושיא אזי עד שלא היה לו תירוץ נכון מכל הצדדים לא רצה לכתבו וע"כ הניח הרבה פעמים בצ"ע. אבל החת"ס הספיקו לו גם תירוצים דחוקים, כפי שהוא עצמו כותב בתשובותיו (או"ח סי' קפ"ב) ששערי תירוצים לא ננעלו, ובמקום אחר כותב החת"ס 'כי הדוחקים רובם אמיתיים'...

בטבעו איז דער חתם סופר געווען אַ חריף עצום. אין די יונגע יאָרן, אויך אַלס רב אין ראש ישיבה אין דרעזניץ, האָט ער פאָרגעלערנט על דרך החריפות.

אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר, קרית סופר עמ' ח', שרייבט הג"ר יוסף נפתלי שטערן: "כתב מו"ח הרב ז"ל שזה היה לשון קדשו של החתם סופר: "כמה בכיות ותפלות שפכתי שיעזרני הי"ת ועזבתי דרך הראשון (דרך הפלפול) ואחזתי בהשני ומיניה לא אזוע".

אין חידושי חת"ס אויף מסכת חולין (דף עט) שרייבט דער חתם סופר: "בימי חורפי לא מנעתי לכתוב בזה לחדודיי".

אין חוט המשולש שרייבט זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב: "ובהספד על ה'אור חדש' אמר רבינו: בילדותו היה חריף וחרוץ וכו' ולעת זקנותו בחר לו דרך האמת"

ווי עס ווערט געברענגט אין עטליכע מקורות איז עס געווען הגאון רבי מרדכי בינעט וועלכער האָט אים געהייסן ענדערן זיין פאָרלערנען צו על דרך הפשט. דער חתם סופר האָט אים געפאָלגט צוליב מצוה לשמוע לדברי חכמים.

מיר האָבן דאָס געפונען אויף דריי ערטער. ווען מיר ציטירן אַלע דריי מקורות:

• אינם מבוא צו חי' חת"ס אויף מסכת בבא מציעא (ירושלים תשכ"א) הערה א' ווערט געברענגט אַז דער חתם סופר האָט אַמאָל געזאָגט פאַר'ן פאָרלערנען, אַז הגאון ר' מרדכי בינעט האָט אים געבעטן "שלא ללמוד כל כך בעומק וחריפות גדולה כל ענין וענין, ואמר החתם סופר שכדי לשמוע לדברי גדול הדור הנ"ל אשנה מידתי".

• הגה"צ רבי שאול בראַך, דער קאַשויער רב זצ"ל שרייבט, אין אַ בריוו צו חי' חת"ס על סוגיות ממס' ב"מ (מיהאַלוביץ תרצ"ט): "וסיפר לי אחד מתלמידי החת"ס שהוא היה עומד לפני רבו באותו שיעור שלמד, אחר שהי' יחד עם מאור הגדול הקדוש מו"ה מרדכי בנעט"ה זצוק"ל האב"ד דק"ק ניקאלסבורג, וכה היה דבריו: הגאון מנ"ב אמר אלי עד מתי ילמוד הרב מפרעשבורג בעומק וחריפות גדול כ"כ כל ענין. ולשמוע לדברי הגאון הנ"ל אשנה מידתי מהיום ולהלאה ללמוד יותר בפשיטות, והרוצה ליסע מזה יסע, והרוצה לישאר ישאר".

אינטערעסאַנט איז וויאַזוי דאָס איז באַשריבן אין דער תולדות פון הגה"צ רבי שמעלקא סעלישער זצ"ל, אין ספר צרור החיים:

"מספר הרב ר' אליעזר קאָהן, בנו של הרה"ג ר' יהונתן קאָהן שהי' ראב"ד ודיין בבית דינו של בעל צרור החיים בסעליש, ששמע מפיו ממש של הצרור החיים שהי' עד כאשר הגיע הגאון הגדול מו"ה מרדכי בנעט זצוק"ל שהי' רב ניקלשבורג והמדינה שפרשבורג היתה מסונפת לה, והרבנות של הגאון ר' מרדכי בנעט זצוק"ל היתה כוללת את כל האזור כולו. והגיע הגר"ם בנעט לפרעשבורג פעם באיזה שהוא ענין ציבורי. ונכנס בזמן השיעור של מרן החת"ס והקשיב לשיעורו של החת"ס זי"ע. ולא התערב בשיטת הלימוד בה לימד החת"ס, שהיתה דרך החריפות"

"אח"כ הזמין החת"ס להגאון ר' מרדכי בנעט זי"ע לארוחת צהריים בביתו. וכאשר סעדו העיר המהר"ם בנעט זי"ע למרן החת"ס כי לבחורים אין תועלת בדרך החריפות, ואינו מביא את התלמידים לתועלת ותכלית הנרצה מלימוד התורה שהוא ללמוד בעומק הפשט, שמעתתא אליבא דהילכתא הלכה למעשה. ותיכף מיד הצדיקו מרן החת"ס, וקבל עליו מיד שמכאן ולהבא ישנה את דרכו בלימוד בעומק הפשט ולאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא בביאור ובירור אמיתי בסוגיות הש"ס להלכה ולמעשה".

"למחרת היום, כאשר הגיע מרן החת"ס לשיעורו היומי, פתח את דבריו בדברי המר"ם בנעט זי"ע ואמר, אני יודע שישנם כאן בחורים שבאו לכאן עבור החריפות שלי, אבל קיבלתי על עצמי שמכאן ואילך אפסיק את שיטת החריפות ואלמד רק בשיטת העיון של עומק הפשט עם שיטות הראשונים ולאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא. וזהו אחד מהסיבות שעזב בעל 'צרור החיים' אחרי כמה זמנים את פרעשבורג ואת ישיבתו של מרן החת"ס ונסע לקבל תורה מרבו המובהק בעל "דברי ר"ש", רבינו שלום חריף זי"ע בלאָקענבאַך".

"ואמר רבינו לדיין וראב"ד בסעליש הגאון מו"ה יונתן בנימין קאָהן הנ"ל, שאם היה נשאר בפרעשבורג והיה נמשך אחרי שיטת לימודו של החת"ס ששינה את דרכו לעומק הפשט ולאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא היה נהי' אחד מפוסקי הדור. והדור הי' נהנה ממנו, וככה העולם לא נהנה ממנו".

דער חתם סופר האָט אַמאָל גערעדט צו זיינע קינדער ווען דאָס גדלות פון איינעם פון די גרעסטע גדולי הדור. ווען זיינע קינדער האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער דערמאַנט נישט די גרויסקייט פון יענעם גדול'ס דרך הלימוד האָט דער חתם סופר זיי געזאָגט: "אַ דרך הלימוד זאָלט איר אייך לערנען פון מיר".

לויט ווי דער חזון איש און אַנדערע גדולי ישראל האָבן דאָס מסביר געווען האָט דער חתם סופר דאָס געזאָגט דערפאַר ווייל ער האָט געהאַלטן אַז אַזויווי זיינע זון זענען אויך געווען זיינע תלמידים איז וויכטיג זיי זאָלן זיך האַלטן ביי איין דרך הלימוד, דעם דרך הלימוד וואָס זיי האָבן מקבל געווען פון אים.

אין דרשות חת"ס חלק ג' דרשה לראש השנה, קריטיקירט ער דעם דרך הפלפול ווי פאָלגענד:

"אבל הן עתה בעו"ה בדור היתום הזה, אשר אבדה חכמת חכמינו, ונסתרה בינת נבונינו, הלואי ולא נצא שכרנו בהפסדנו, כשאנו עוסקים בהלכה אחת, כמה גאות וכעס נולדים שם, כמה רקיעי שוא נבראו מחידוש, שקרים ושלא לשמה, ואהבת הניצוח, וכבוד המדומה, איש את רעהו חיים בלעו, אוי לי אם אומר. ידעתי בנפשי חלאתה וטומאתה בזה, אדברה וירווח לי, אולי יתעשת ה' לנו ולא נאבד, הלא אין בידנו הלכה אחת ברורה, ומבלים ימינו בפלפול של הבל שלא לשם שמים. על אנשים כאלה לא נאמר כנ"ל. הינם מגונים לעצמם. ומכל שכן לזולתם. מה נאמר ומה נדבר. האלוקים ירחם".

*

**ווייטער וועגן דעם דרך הלימוד און דעם סדר הלימודים אין פרעשבורג אי"ה**

ברוך יודא קליין

י

# דער הייליגער חתם סופר



## המשך פון סדר הלימודים – חובת הלבבות – חומש רש"י און רמב"ן – אַ ניצוץ נשמת הרמב"ן

**פסח: דעם חתם סופר'ס תירוץ נפלא אויף דער קשיא פון הגאון רבי יונתן אייבשיץ, וויאַזוי די עשה פון מצה קען דוחה זיין די לא תעשה פון חדש**

[פאָרזעצונג פון פריער]

### חובת הלבבות

ראשית חכמה יראת ה'. ווי געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט ער פאַר יעדן שיעור פאָרגעלערנט אַ פערטל שעה מוסר אין ספר חובת הלבבות. איינשליסנדיג די הקדמה, שער היחוד און אפילו די הקדמה פונעם מתרגם.

דער חתם סופר פלעגט זאָגן אַז אַ טאָג וואָס ער לערנט נישט מוסר פילט ער עס אַ לענגערע צייט. זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו ברענגען דאָס אין פאַרשידענע ווערסיעס. הגאון רבי עקיבא פישער אב"ד טעט ברענגט אַז דער חתם סופר האָט דאָס געזאָגט אין אידיש-דייטש: "ווען איך איין טאָג קיין חובת הלבבות לערנע, זאָ בין איך שאָהן ניכט דער זעלבער" (עטרת עקיבא, ח"א עמ' קי"ג).

הגה"צ רבי שמואל ראָזענבערג זצ"ל, אונסדאָרפער רב, דער "באר שמואל", ברענגט אַז ראש השנה פאַר תקיעת שופר האָט דער חתם סופר געזאָגט, ללמד סניגוריה על ישראל: "ריבונו של עולם, האָב נישט קיין פאַרדרוס אויף כלל ישראל אויב זייער יראת שמים איז נישט בשלימות ווייל ווען איך לערן נישט איין טאָג חובת הלבבות פיל אויך אויך ווי ס'פעלט מיר יראת שמים. וואָס זאָלן דעריבער זאָגן אידישע קינדער וואָס זענען טרוד על המחיה ועל הכלכלה".

ער פלעגט הייסן זיינע תלמידים לערנען אויך ספר "מנורת המאור", צוליב דעם ליקוט פון מוסר פון אגדות חכז"ל. דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש: "ושמעתי שהוא בעצמו למד עם בנותיו בספר מנורת המאור".

### חומש-רש"י מיט רמב"ן

ווי געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט ער מיטוואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג צונאַכטס פאָרגעלערנט חומש רש"י מיט רמב"ן. צו דעם שיעור, בעיקר פרייטאָג צונאַכטס, זענען אויך געקומען בעלי בתים פון דער שטאָט.

זיין שוואָגער רבי שלמה איגר שרייבט אין זיין צוואה צו זיינע קינדער: "אם תחקור תמצא שגיסי הגאון הצדיק רב"ד דפרעשבורג לומד בכל לילי שבת הסדרה עם כל הישיבה, אשר הם יותר ממאתים איש, וגם לומדים מופלגים בני עירו באים לשמוע ומפליגים מגודל התועלת המגיע להם מזה".

דער חתם סופר זעלבסט אין דער צוואה צו זיינע קינדער הייסט זיי לערנען חומש רש"י עם פירוש הרמב"ן "תהגו ותלמדו את בניכם, כי הוא ראש אמונת אומן, ובו תחכמו מכלכל דרדע והימן".

אין שו"ת חת"ס ח"ו סי' ס"א איז ער זיך מתאונן פאַרוואָס מענטשן פאַרנאַכלעסיגן דאָס לערנען דעם פירוש הרמב"ן. "ספרי הרמב"ן מצויים, אלא שעוסקיו אינם מצויים, ואפילו התלמידי חכמים אינם רוצים לעיין בו, ולא ימצא אחד מעיר הבקי בו. ובאמת הספר הזה הוא יסוד האמונה ושורש הדת".

דער חתם סופר האָט אַמאָל געזאָגט אַז אַלעס וואָס שטייט אין כתבי האר"י געפינט זיך שוין אין רמב"ן. דער אר"י הקדוש האָט דאָס נאָר מרחיב און מבאר געווען.

### שורש נשמתו פון רמב"ן

הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל ברענגט, אַז פאַר זיין הסתלקות האָט דער חתם סופר מגלה געווען פאַר זיינע תלמידים אַז זיין שורש נשמה איז נשמת הרמב"ן. ("לב העברי" ח"א דף ע"ו ע"ב).

פון דעם חתם סופר'ס תלמיד הגאון רבי זעקיל פּאָלאַק זצ"ל ווערט געברענגט אַז ער האָט געהערט פון חתם סופר אַז היות ווי זיין שורש נשמה איז פון רמב"ן האָט ער זיך דערפאַר אונטערגעשריבן משה הקטן, און נישט הקטן משה ווי ס'איז דער שטייגער פון דער וועלט. ווייל משה איז דער נאָמען פון רמב"ן, און ערשט דערנאָך איז ער, הקטן.

אין דער הקדמה פון "טיב ירושלים" אויפ'ן רמב"ן ווערט דאָס געברענגט אין נאָמען פון

ש"ב הג"ר הלל שלעזינגער ז"ל פון ירושלים, וועלכער האָט דאָס געהערט פון הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, וועלכער האָט דאָס געהערט פון זיין רבי'ן הג"ר זעקל פּאָלאַק זצ"ל, וואָס האָט דאָס געהערט פון חתם סופר.

## רבינו בחיי פרייטאָג צונאַכטס

פרייטאָג צונאַכטס פלעגט ער אויך לערנען רבינו בחיי. הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן ברענגט פון זיין עלטער שווער רבי שמעון סופר: "וכה אמר פעם אחת לבנו מוח"ז הגה"ק מקראָקא זצ"ל: זה ארבעים שנה שאני עוסק בכל ליל שבת בספר רבינו בחיי, ובכל שנה אני מוסיף לראות מה שלא ראיתי מקודם, ואורו עיני, ברוך שברוח הקודש נכתב".

## דער לימוד פון מסכתות הש"ס

ער האָט מקפיד געווען נישט צו לערנען האַלבע מסכתות. אין חידושי חתם סופר אויף מסכת שבת (דף קמ:) זאָגט ער מוסר צו די וואָס זענען מדלג אינמיטן אַ מסכת און שפּרינגען פון איין מסכת צו דער צווייטער:

"תוכחת מוסר לגאוני הזמן בלא לב ולב ידברו, ויפתוהו בפיהם, אלף שיעורים בכל זמן לא יספיק להם, מהטעם לפי שאינם מעמיקים עצה להגדיל תושיה. ועוד כת אחרת רעה מהם, מדלגים כעין פסחים ועיוורים, מקפצים על ההרים, מבלים זמן זמנים טובא בלא לימוד מסכת כלל, כי אם מעט במסכתא זו ומעט בזו וכו', לא ליבצע ביצועי כי אם לקבוע כסדר מסכת אחת ולהעמיק בה כדי שביעה".

ער פלעגט אויך מקפיד זיין אַז מ'זאָל אַרויסזאָגן די סימנים וואָס ווערן דערמאַנט אין דער גמרא.

דער מירער ראש ישיבה הרה"ג ר' אשר אריאלי שליט"א זאָגט אַז דער חתם סופר פלעגט זיך פירן אָנצופאַנגען יעדע מסכת אינמיטן זמן, נישט אָנפאַנג זמן, כדי איבערצולאָזן דעם חשק, די התחדשות פון אַ נייער מסכת, צום מיט'ן-זמן, ווען דער חשק פון אַ נייעם זמן איז שוין עטוואָס אָפּגעשוואַכט.

איידער מען האָט אָנגעהויבן לערנען מסכתות חולין, בבא קמא, יבמות און כריתות פלעגט די ישיבה פאַסטן אַ תענית. דער חתם סופר האָט געגעבן דערויף אַ סימן דעם פּסוק אין תהלים קיט: "טוב לי כי עניתי למען אלמד חקיך". דאָס וואָרט "חקיך" איז די ראשי תיבות: ח'ולין, ק'מא, י'במות, כ'ריתות. (רשומים בשמיך חלק א').

אַנדערע ברענגען אַז ער האָט געהייסן פאַסטן פאַר'ן אָנפאַנגען מסכתות חולין און גיטין. אין ספר חסידים ווערט געברענגט צו פאַסטן פאַר'ן אָנפאַנגען חולין און יבמות.

הג"ר צבי הירש מייזליש, דער וויטצענער רב זצ"ל, האָט נאָכגעזאָגט פון זיין טאַטן הגאון רבי דוד דוב מייזליש דער אוהעלער רב זצ"ל, אַז אין דער שטאָט פרעשבורג פלעגט מען זען פלאות וויאַזוי דאָס לערנען געוויסע מסכתות אין דער ישיבה פון חתם סופר האָט משפיע געווען און געהאַט אַן עפעקט אויף ערשיינונגען און געשעענישן אין דער שטאָט.

ווען מען האָט למשל געלערנט מסכת גיטין זענען ל"ע נתרבה געוואָרן די צאָל גיטין. ווען מען האָט געלערנט חולין האָבן זיך געמערט די צאָל שאלות פון טריפות אין דער שטאָט. און דעם זמן וואָס מען האָט געלערנט מסכת יבמות (וואָס מען פלעגט נישט לערנען אין ישיבות אין אונגאַרן) זענען יענעם זמן פאָרגעקומען דריי פאַלן פון חליצות. דערפאַר האָט מען טאַקע אויפגעהערט צו לערנען די מסכת.

ווען מען האָט אַמאָל געלערנט מסכת ביצה האָבן די בחורים געפרעגט פאַרוואָס מען לערנט דאָס, ביצה איז דאָך אַ לייכטע מסכת. האָט דער חתם סופר געענטפערט: "די טבע פון אַן איי איז, אַז אויב קאָכט מען עס נאָר אַביסל בלייבט עס לויז. וואָס לענגער מען קאָכט עס אָבער אַלץ האַרטער ווערט עס. דאָס זעלבע איז מיט מסכת ביצה. אויב לערנט מען עס אַן צופיל זיך אָנשטרענגען איז עס לייכט. אויב לערנט מען עס אָבער לענגער און טיפער ווערט עס אַלץ שווערער".

הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל האָט דערציילט אַז אַמאָל האָט דער חתם סופר באַמערקט אינמיטן פאַרלערנען ווי די בחורים שעפּשען מיט'ן מויל און זאָגן עפּעס שטילערהייט. ווען ער האָט געפרעגט וואָס ס'גייט פאָר האָט מען אים געענטפערט אַז מען האָט געהערט דעם קול פון אַ דונער האָבן זיי געזאָגט "שכוחו וגבורתו מלא עולם". האָט דער חתם סופר געזאָגט: אויב קען מען אין מיט'ן לערנען הערן דעם קול פון אַ דונער אינדרויסן מיינט דאָס אַז ס'פעלט אהבת התורה און שקידת התורה".

הגה"צ רבי חיים סופר זצ"ל, דער בעל מחנה חיים, אַ תלמיד פון חתם סופר, שרייבט אין אַ בריוו (ק"ן סופר סי' קכא) אַז דער חתם סופר פלעגט אויך פאַרלערנען אַ שיעור פאַר בחורים און בעלי בתים אין ספר תהלים. ווי שטאַרק ער האָט מחשיב געווען תהלים קען מען זען פון דער פאָלגנדער מעשה וואָס ווערט געברענגט אין "זכרון למשה" עמ' קפ:

די שטאָט רעטע, נעבן פרעשבורג, האָט געזוכט אויפצונעמען אַ רב. די צוויי קאַנדידאַטן פאַר דעם רבנות פאַסטן זענען געווען דער מהר"ם שיק, דער גרויסער גדול בתורה ובמעשים און תלמיד פון חתם סופר, און דער צווייטער קאַנדידאַט איז געווען הגה"ק רבי מנחם מענדל שעהן, (אַ תלמיד פון רבי מרדכי בינעט), אַ גרויסער עובד השם, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין געוואַלדיגן כח התפילה. דער חתם סופר האָט געשריבן אַ מכתב השתדלות לטובת זיין תלמיד



הגאון רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל




שער בלאַט פון ספר "מחנה חיים"

דער מהר"ם שיק. ווען עס זענען פאָרגעקומען וואַלן, אין שנת תקצ"ד, איז אָבער רבי מנחם מענדל שעהן ערוויילט געוואָרן אַלס רב.

ווען מען האָט דאָס דערציילט פאַר'ן חתם סופר האָט ער געזאָגט: "יאָ, וואָס תהילים קאָן, קאָן איך ניכט".

*

פסח נאָכ'ן סדר האָט דער חתם סופר פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים שיר השירים.

## דעם חתם סופר'ס תירוץ נפלא אויף דער קשיא פון הגאון רבי יונתן אייבשיץ, וויאַזוי די עשה פון מצה קען דוחה זיין די לא תעשה פון חדש

אַ דבר בעתו: אַ לומד'יש גלענצענדער תירוץ פון חתם סופר אויף אַ וואונדערליכע קשיא פון הגאון רבי יונתן אייבשיץ.

אין מסכת קידושין דף לח ע"א זאָגט די גמרא אַז לויט דעם מאן-דאמר וואָס האַלט אַז דער איסור פון חדש האָט חל געווען גלייך דאָס ערשטע יאָר וואָס אידן זענען אַריין קיין ארץ ישראל האָבן זיי נישט געקענט עסן קיין מצה די ערשטע נאַכט פסח פונעם ערשטן יאָר אין ארץ ישראל. קיין ארץ ישראל זענען זיי אַריין יו"ד ניסן. פון דער נייער תבואה האָבן זיי אָבער נישט געקענט עסן ביז דעם צווייטן טאָג פסח, ט"ז ניסן, נאָכ'ן מקריב זיין דעם עומר.

ברענגט דאָרט תוספות אַ קשיא פון ירושלמי: פאַרוואָס האָט מען נישט געקענט עסן מצה פון דער תבואה פון חדש? די מצוות עשה פון מצה דאַרף דאָך דוחה זיין די לא תעשה פון חדש!

"בירושלמי מקשה, למה לא אכלו מצה מחדש, ויבא עשה דבערב תאכלו מצות וידחה לא תעשה דחדש".

פרעגט הגאון רבי יונתן אייבשיץ: ווי קען די עשה פון מצה דוחה זיין די לא תעשה פון חדש, די גמרא זאָגט דאָך אין מסכת יומא (פ' ע"א) אַז די שיעורים, ס'הייסט די שיעורים פון כזית, כביצה, וכדומה, זענען פאַרגעסן געוואָרן בימי אבלו של משה, ויעב"ץ החזירם. קומט דאָך אויס אַז דאַן, דעם ערשטן פסח אין ארץ ישראל, האָבן אידן נישט געוואוסט וויפיל ס'איז דער שיעור אכילה פון מצה. טאָ אויב וועלן זיי עסן מער ווי דער שיעור, צוויי שיעורים, לאָמיר זאָגן צוויי כזיתים, וועלן זיי דאָך עובר זיין אויף דעם איסור




הגדה של פסח פונעם חתם סופר – דפוס לעמבערג שנת תר"י




הגדה של פסח פונעם חתם סופר – דפוס שטעטטין שנת תרכ"ד

פון חדש, מיט'ן עסן דעם צווייטן כזית. וואָרום דער צווייטער כזית איז שוין נישט קיין מצוה, איז דאָך דער צווייטער כזית נישט דוחה די לא תעשה פון חדש.

זאָגט דער חתם סופר (שו"ת או"ח סי' קפ"א ד"ה בחידושי) אַ הפלא'דיגן תירוץ:

דאָס איז זיכער, זאָגט דער חתם סופר, אַז די קשיא איז נישט אַז וויבאַלד ס'איז נשתכחו השיעורים וועלן זיי עסן ווינציגער ווי דער שיעור פון אַ כזית און דערפאַר איז עס נישט דוחה דעם איסור פון חדש. ווייל טראָץ דעם וואָס נשתכחו השיעורים האָבן זיי זיכער נישט געגעסן ווינציגער ווי דער מינימום שיעור. פאַרוואָס? ווייל די מצוה איז דאָך צו עסן דריי כזיתים: אַ כזית מצה, אַ כזית פסח און אַ כזית מרור בבת אחת, מרוסק בבית הבליעה. קען דאָך דערפאַר נישט זיין אַז אַ כזית איז גרעסער ווי אַ דריטל פון דעם וואָס גייט אויפאיינמאָל אַריין בבית הבליעה.

קומט אויס אַז ווען אידן האָבן געגעסן אַ מלא בית הבליעה פון גלייך אייניגע פאָרציעס פסח, מצה און מרור, דאָס הייסט אַ דריטל בית הבליעה פון יעדן איינעם, האָבן זיי זיכער געגעסן דעם דעם מינימאַלן שיעור.

דער חשש איז נאָר פאַרקערט: אפשר איז דער שיעור פון אַ כזית ווינציגער ווי אַ דריטל בית הבליעה. האָבן זיי מעגליך שוין מקיים געווען די מצוה ביים עסן ווינציגער ווי אַ שליש בית הבליעה. די רעשט וואָס זיי האָבן געגעסן, דער שיעור ביז אַ דריטל בית הבליעה, איז דעריבער מער נישט קיין מצוה. קען דאָס שוין נישט דוחה זיין די לא תעשה פון חדש.

צו דער זעלבער צייט שטעלט זיך אָבער די פראַגע: וויאַזוי קען מען בכלל יוצא זיין די מצוה פון פסח, אָדער פון מצה אָדער פון מרור. יעדעס איינע איז דאָך נאָר אַ דריטל. דאַרף דאָך די מצה בטל ווערן ברוב פון די צוויי דריטל פסח און מרור, דער דריטל פסח דאַרף בטל ווערן ברוב דורך די צוויי דריטל מצה און מרור, און דער דריטל מרור דאַרף דאָך בטל ווערן ברוב דורך די צוויי דריטל פסח און מצה!

ווייסן מיר אָבער פון דעם כלל אַז מצוות אינם מבטלין זו את זו. דער כלל פון מצוות אינם מבטלות זו את זו איז אָבער נאָר גילטיג אויף דעם חלק המצוה, אויף דעם אמת'ן כזית. די רעשט, דער חלק מצה וואָס איז מער ווי אַ כזית, ווערט אָבער יאָ בטל פון די כזיתים מצה און מרור.

איז מער נישט שווער די קשיא פון רבי'ן ר' יונתן אייבשיץ, אַז אויף דער פאָרציע מצה וואָס איז מער ווי אַ כזית איז מען עובר אויף דעם איסור פון חדש, ווייל ביי דעם איז נישט שייך עשה דוחה לא תעשה. יענע פאָרציע, זאָגט דער חתם סופר, ווערט בטל דורך דעם פסח און דעם מרור. וויבאַלד דאָס איז נישט קיין מצוה ווערט דאָס דאָך בטל ברוב, ווייל ביי דעם איז נישט שייך מצוות אינם מבטלות זו את זו.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

יא

# דער הייליגער
# חתם סופר



**מער וועגן דעם דרך הלימוד און די הנהגת הישיבה אין פרעשבורג – זיינע מעטאָדן אין חינוך – ווייך און אַ פנים שוחקות כלפי די שוואַכערע בחורים, מער שטרענג צו די בעסערע בחורים – די דרשה פון חתם סופר נאָך דער "כאָלעראַ" עפידעמיע אין שנת תקצ"ב אין אייראָפּע און איבער דער וועלט וואָס האָט געקאָסט קרבנות אויך אין פרעשבורג, ווען קיין איינער פון די בחורים פון דער פרעשבורגער ישיבה איז בדרך פלא נישט קראַנק געוואָרן – זיין חינוך מיטל: סיפורי צדיקים און לעבנס-געשיכטעס פון גדולי ישראל און היסטאָריע פון כלל ישראל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

איידער מיר ווענדן זיך צו אַנדערע נושאים, – אינטערעסאַנטע און מערקווירדיגע תשובות פון חתם סופר; זיין קאַמף קעגן די משכילים; די נאַפּאָלעאָנער מלחמות, זייערע קאָנסעקווענצן און אַפעקט אויף פרעשבורג, אויף דער גאַנצער וועלט און אויף דער אידישער געשיכטע; די אידייען פון פרייהייט און נאַציאָנאַליזם וואָס האָבן דאַן גענומען שפּראָצן און דעם איינפלוס וואָס זיי האָבן געהאַט; ווייטערדיגע קאַפּיטלען אינם לעבן און שאַפן פון הייליגן חתם סופר; זיינע רעיונות, השקפות און מנהגים; זיינע מדריגות און צדקות; זיינע קינדער און תלמידים, – ווילן מיר צוענדיגן די טעמע פון דעם דרך הלימוד און דעם סדר ההנהגה אין דער פרעשבורגער ישיבה.

הגם ס'איז אוממעגליך אויסצושעפּן די טעמע אין די ראַמען פון עטליכע אַרטיקלען זענען מיר אָבער מחויב לנגוע בקצהו, צו פאַרצייכענען נאָך עטליכע קורצע פרטים.

ווי מיר האָבן געזען אין די פריערדיגע צוויי אַרטיקלען האָט דער חתם סופר געשטעלט דעם דגש אויף לערנען על דרך הפשט און לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא.

טייל פון דעם דמות דיוקנו פון דעם אדם הגדול בענקים און רבן של ישראל איז געווען זיין פילזייטיגע פערזענליכקייט, זיין רוחב בינתו, און דאָס ברייטקייט פון זיינע השקפות און אויפפאַסונגען.

לערנען על דרך הפשט מיינט נישט לגמרי נישט עוסק זיין אין פלפול; לייגן דעם דגש אויף הלכה למעשה מיינט נישט פאַרנאַכלעסיגן די חלקי התורה וואָס זענען יעצט נישט נוגע למעשה. די קדושה וואָס ליגט אין כל חלקי התורה דערהויבט דעם מענטש, פירט צו דביקות בה' און צו אמת'ע גליקליכקייט, – וואָס קיין גרעסערער פאַרגעניגן איז באמת נישטאָ.

אָט איז וואָס דער חתם סופר זאָגט אין די דרשות ח"ב, דף רפ"ב:

"גם בימי הילדות אשר בהן טוב לגמור והדר לסבור (שבת ס"ג.) מכל מקום לא יניח לגמרי הפלפול, וגם בימי הבחרות זמן הפלפול לא יניח מלחזור אחר משנתו, מזה וגם מזה אל תנח ידך. ודע כי על כל אלה יביאך אלקים במשפט כי שואלים קבעת עתים לתורה, לחזור אחר משנתו, ופלפלת בחכמה והבנת דבר מתוך דבר כבעלי עיון".

## אַנדערש ווי דער חובת הלבבות

טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר איז געווען אַזוי דבוק אין הייליגן, און ערשטן מוסר ספר, דער "חובת הלבבות", איז ער געווען ביכולת מיט איין זאַך חולק צו זיין אויף אים.

דער חובת הלבבות שרייבט אין דער הקדמה אַז מען זאָל לערנען נאָר הלכות וואָס זענען גילטיג למעשה, נישט קיין דינים וואָס זענען נישט צופיל נוגע, זעלטן אָדער קיינמאָל פאָרקומענדיגע שאלות. שרייבט דער חתם סופר (חתם סופר בחקותי, דף פ"ג, ד"ה או ב'):

"החובת הלבבות (בהקדמה ד"ה ואמרתי, וד"ה אמר המחבר וכיון) הזהיר אותנו מהיות עסקנו בידיעת הדינים הנכרים (שאינם מצוים) ושאלות הזרות, כגון דיני גיטין וכדומה, אלא יהי' עסקנו בעיוניות, ולכשיבוא שאלה כזו לידינו נעיין בה. והנה במחילת כבוד החסיד ההוא לא זה הדרך סלולה אשר חפץ ה' ואשר כבשוהו חז"ל, וקבעו בש"ס





די שול אין פרעשבורג פאר דער צווייטער וועלט מלחמה

איבעיא להו רגלו א׳ בתוך נ׳ אמה ורגלו א׳ בחוץ לנ׳ אמה מהו (ב״ב כ״ג:) גופו תיש ופניו אדם מהו (נדה כ״ג:), וכה״ג רוב שקלא וטריא שבש״ס. כי ידעו חז״ל שידיעת דברים אלו זהו האושר האמיתי, וזה הוא המביא לאדם להבת לבו ביראת ה׳ כל היום ודביקות בשמו הגדול, שאם יעסוק בתורה בענינים כאלו, וכוונתו לשם ה׳, ממילא ידובק בהשי״ת, כי הדובק בתורתו דובק בו ית׳״.

ער פלעגט טייטשן דעם מאמר חז״ל אויף רבינו הקדוש וואָס לא פסק מעל שולחנו לא צנון ולא חזרת, אַז צנון מיינט שאַרפקייט, לימוד בעיון, און חזרת מיינט חזרה, כסדר חזר׳ן דאָס לערנען.

אין די חידושים אויף חולין (דף ז׳) האָט ער אַן אריכות וועגן דעם דרך הלימוד. צווישן אַנדערן טייטשט ער דעם מאמר חז״ל ״לעולם יעשה אדם עצמו כשור לעול וכחמור למשא״ לגבי דברי תורה. אַ שור, זאָגט ער, ווערט געניצט צו גראָבן אויפ׳ן פעלד, – די אַרבעט פון אַ היינטיגן טראַקטאָר. ווידער אַ חמור איז למשא, אַ לאַסט-וואָגן. ביים לערנען מוז מען קודם גראָבן טיף מיט עמקות און חריפות, אָבער ״ואחר שברר שמועותיו וטחן וברר לסולת, סולת נקיה, יהי׳ כחמור נושא ספרים. ואם זה השור יחרוש וישדד במישור, אח״כ בעליו יבצור ויזמור וישאהו על גביו כחמור. אבל מאוד צריך להזהר שבין החרישה והאסיפה יברור ויזרה ברחת ומזרה, אבל לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו״.

עמיצער וואָס איז ל״ע נכשל געוואָרן אין אַן עבירה האָט אים געבעטן אַ תשובה. ענטפערט אים דער חתם סופר (שו״ת יורה דעה סי׳ קנ״ה): ״והיות והוא בעל תורה, לפי מכתבך, יוסף אומץ הרבה בתורה ללמוד איזה דפים מש״ס בכל יום ולחזור עלי׳ מבלי פלפול הנהוג, רק להכניסו לקיום״.

## זיין מהלך אין הנהגה, און זיינע מעטאָדן אין חינוך

אין זיין הספד אויפ׳ן חתם סופר דערציילט זיין גרויסער תלמיד הגאון רבי אברהם שאַג זצ״ל (דרשות הרא״ש לרבי אברהם שאג) וועגן דעם חתם סופר׳ס אייגנאַרטיג פעדאַגאָגישן צוגאַנג צו חינוך. כלפי די שוואַכערע תלמידים, דערציילט ער, פלעגט דער חתם סופר שטענדיג אַרויסווייזן אַ פנים שוחקות. ער האָט זיי באַזונדערס מקרב געווען. דאַקעגן צו די בעסערע בחורים, די גרעסערע בעלי כשרונות און די וואָס זענען שוין געשטאַנען אויף אַ העכערער דרגה אין תורה און אין עבודה, האָט ער אַרויסגעוויזן מער שטרענגקייט און מער הקפדה.

זיין תלמיד רבי חיים סופר, דער בעל מחנה חיים, שרייבט (אין ספר ״דברי שערי חיים״) וואָס דעם חתם סופר׳ס זון רבי שמעון סופר האָט אים געהאַט געזאָגט. ער פלעגט זיך מתבונן זיין אין זיין טאַטנ׳ס דרכים און האָט באַמערקט אַז ער האָט נישט קיין קביעות׳דיג באַשטימטן מהלך אין זיין צוגאַנג כלפי די תלמידים. ״פעם אהב את השלום ופעם אהב את הפירוד, פעם התאכזר ופעם התרחם, פעם דיבר בעניוות ופעם בגיאות״.

רבי שמעון סופר האָט באַשלאָסן אַז זיין טאַטע איז ״מהלך לפי רוחו של כל אחד ואחד״. אַזויווי ס׳איז דאָך אין פרצופיהם שוות פאַרלאַנגט יעדנ׳ס נאַטור און יעדנ׳ס מענטאַליטעט אַן אַנדער מהלך, אַנדערע מיטלען און אַנדערע מעטאָדן, – ״ואין להקדש אלא מקומו ושעתו״.



הגאון רבי אברהם שאג זצ״ל

זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב שרייבט אַז מיט זיין גרויס חכמה האָט ער פאַרשטאַנען געניי וויאַזוי זיך צו באַציען צו יעדן בחור אין דער ישיבה ווי אויך צו יעדן בעל הבית אין דער שטאָט. שרייבט ער אין חוט המשולש:

"קיבל כל אדם בסבר פנים יפות בפנים שוחקות, והגם שחבילי טירדין הקיפוהו ולבלוע רוקו לא נתנוהו, בכל זאת לא השיב פניהם ריקם ודיבר עם כל אחד לפי ענינו ועסקו, תלמיד חכם לפי ערכו, ולעם הארץ לפי הבנתו והשגתו, לעשיר ולעני, לנכבד ולנקלה לכל אחד לפי מה שהוא, ודרש וחקר לעזור להם כיד ה' הטובה עליו".

דער חתם סופר פלעגט זאָגן אַז דער ריבונו של עולם האָט אים באַשאָנקען מיט דריי גלייכצייטיגע חושים. "איך קען רעדן מיט מענטשן, און צו דער זעלבער צייט טראַכטן וועגן אַ תשובה וואָס איך גיי שרייבן, און גלייכצייטיג מסדר זיין אין קאָפּ אַ שיעור פאַר די בני ישיבה אָדער אַ דרשה אין אגדה".

דער גולת הכותרת פון זיינע אינטערעסן איז געווען די ישיבה. פאַר קיין מינוט האָט ער נישט מסיח דעת געווען פון די תלמידי הישיבה. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט אין יעדן פרט און האָט מיטגעהאַלטן מיט יעדער קלייניגקייט אין דער ישיבה.

דער מהר"ם שיק שרייבט אין שו"ת מהר"ם שיק או"ח סי' רמ"ט: "ואחר התפלה נקראתי לבית מרן הגאון זצ"ל, שהייתי מאוכלי שלחנו בשבת ויו"ט, ושאל אותי מה פלפול היה בביהמ"ד, כי כן היה דרכו בקודש לשאול על כל דבר ודבר. וספרתי לפני מורי הגאון זצ"ל הדברים כהווייתן, ואמר שהדין עמי". (אַז פאַר איינעם וואָס האָט קיינמאָל פריער נישט גערויכערט אום יום טוב העלפט נישט קיין "התרה" צו מעגן רויכערן יום טוב).

ער האָט זיך, און אַלץ פון זיך, מיט'ן גרעסטן געדולד אַוועקגעגעבן אפילו פאַר די שוואַכסטע תלמידים, – אפילו זיין טייערע צייט. דער כתב סופר שרייבט אין דרשות כתב סופר עמ' קנ"א:

"כי ידוע שלמד מס' ע"ז כמה פעמים לשיעור קבוע עם התלמידים לרצונם, וכן למד הלכות הרבה פעמים כרצון התלמידים לתכלית צרכם, ובכל פעם הסביר להם דבר דיבור על אופניו, המתיק מאוד להבינם גם לקטני ערך שלא הגיעו עוד להבין דבר מתוך דבר לעמוד בניקל על דעת רבם. וכל זאת לא הי' לו לטורח ולמשא, גם כי יבטל עבור זה מלמודו".

### וואָס רבי יחזקאל בינעט, דער נייטרער רב, האָט דערציילט

ווען דער נייטרער רב הגאון רבי יחזקאל בינעט זצ"ל האָט אים אַמאָל באַזוכט האָט דער חתם סופר אים געזאָגט אַז כאָטש די תלמידים זענען ביי אים אַזוי שטאַרק חביב האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן פאַר די בעלי בתים פון שטאָט זיין אהבה צו די תלמידים און האָט קיינמאָל נישט געבעטן קיין טובה פאַר אַ תלמיד פון די בעלי בתים. פאַרוואָס נישט? ווייל אויב איינער פון די בעלי בתים וועט אַמאָל האָבן טענות אויף אים וויל ער נישט יענער זאָל אויסגיסן דעם צאָרן אויף זיי, אויף זיינע תלמידים.

ווען רבי יחזקאל בינעט האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט אַז ער זעט דאָ אָפּענע רוח הקודש. פונקט יענע וואָך האָט ער ביי זיך אין שטאָט געהאַט אַזאַ פאַל: איינער פון די בעלי בתים וואָס האָט זיך געוואָלט "פאַררעכענען" מיט אים, מיט'ן נייטרער רב, האָט אויסגעגאָסן זיין כעס אויף זיינעם אַ תלמיד חביב.

אויך דער מהרש"ג דערציילט דאָס זעלבע אין "זהב שבא". ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן דער מהר"ם שיק אַז דער חתם סופר האָט נישט אַרויסגעוויזן פאַר דער שטאָט זיין שטאַרקע איבערגעגעבנקייט צו די בחורים, כדי זיי צו באַשיצן פון עווענטועלע חשבונות מצד געוויסע בעלי בתים.

### קיין איין בחור איז נישט קראַנק געוואָרן בעת דער כאָלעראַ וועלטס פאַנדעמיק פון שנת תקצ"ב

די פרעשבורגער ישיבה, אַזוויי רוב ישיבות אין אייראָפּע ביז פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט נישט פאַרמאָגט קיין בנין פאַר אַן אכסניא וואו די בחורים זאָלן שלאָפן אָדער עסן. זיי זענען געשלאָפן, און האָבן געגעסן "טעג", אין די הייזער פון די שטאָטישע בעלי בתים. די פרעשבורגער ישיבה אין די צייטן פון חתם סופר, און שפּעטער פון כתב סופר, האָט אפילו נישט פאַרמאָגט קיין בניין אָדער בית המדרש וואו די בחורים האָבן געלערנט. זיי האָבן געלערנט אין די אכסניות אין די הייזער. נאָך צום שיעור פאַרלערנען זענען זיי געקומען צום חתם סופר אין בית המדרש, וואָס איז כידוע געווען אַ מועט המחזיק את המרובה.










מעלדונגס פלאַקאַטן פון דער שטאָט ניו יאָרק, בעת דער כאָלעראַ פאַנדעמיק אין יאָר תקצ"ב

אין שנת תקצ"ב האָט אין אייראָפּע אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, די "כאָלעראַ" (Cholera) מגיפה, וואָס האָט ל"ע געקאָסט אַסאַך לעבנס, יונגע און אַלטע.

די כאָלעראַ, וואָס אידן האָבן אויך גערופן "חולי-רע", עפּידעמיע איז פאַקטיש געווען אַ "פאַנדעמיק", – וואָס ווי אַלע ווייסן ליידער מיינט דאָס אַן עפּידעמיע וואָס איז נישט באַגרענעצט צו איין מדינה אָדער לאָקאַל נאָר ווערט פאַרשפּרייט איבער פאַרשידענע מדינות. די כאָלעראַ פאַנדעמיק פון די תק"צ יאָרן (1830s) ווערט באַטראַכט ווי די גרעסטע פאַנדעמיק פון ניינצנטן יאָרהונדערט. פון אינדיע האָט זיך עס צעשפּרייט איבער ארבע כנפות הארץ. איבער

גאַנץ אַזיע, (איינשליסנדיג כינע און יאַפּאַן), אייראָפּע, ענגלאַנד, קאַנאַדע און אפילו אַמעריקע.

די כאָלעראַ עפּידעמיע האָט געקאָסט מיליאָנען לעבנס, אין אַ צייט וואָס די וועלטס באַפעלקערונג איז נאָך נישט געווען אַזוי גרויס. אין פּאַריז, פראַנקרייך, צום ביישפּיל, – די גרעסטע שטאָט צו יענער צייט אין מערב אייראָפּע, נאָך לאָנדאָן, ענגלאַנד, – וואו די שטאָט'ס באַפעלקערונג האָט געציילט 650,000 מענטשן, זענען 20,000 מענטשן אומגעקומען אין דעם פּאַנדעמיק.

אין אונגאַרן האָט די צאָל טויטע געציילט 100,000 מענטשן.

צום גרויסן וואונדער איז קיין איינער פון די תלמידים פון דער פּרעשבורגער ישיבה נישט געטראָפן געוואָרן. קיין איין תלמיד פון דער פּרעשבורגער ישיבה איז אפילו נישט קראַנק געוואָרן פון דער עפּידעמיע.

ווען די עפּידעמיע איז געקומען צו אַן ענדע האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַ דרשת הודאה אין דער שול אין פּרעשבורג. דער חתם סופר האָט משבח געווען די פּרעשבורגער איינוואוינער וואָס שוין 26 יאָר וואָס זיי שטיצן און האַלטן אויס די תלמידי הישיבה. ער האָט געזאָגט אַז דערפאַר איז בדרך פלא קיין איינער פון די בחורים נישט קראַנק געוואָרן אין דער עפּידעמיע כדי מ'זאָל נישט קענען רעדן און באַשולדיגן די בחורים אין האָבן אַ חלק אין פאַרשפּרייטן די עפּידעמיע.

אָט איז זיין גענויער לשון אין "דרשות חתם סופר", פרשת וישב, דרוש ב', וואָס דער חתם סופר באַצייכנט "מה שחנני הי"ת דרוש פרשת וישב, דרוש הודאה אחר המגפה חולי קאלרא ר"ל בשנת תקצ"ב לפ"ק":

שרייבט ער אין דער דרשה:

"ואחר כל זאת נודה לה' אלוקינו על חסד גדול שהפליא על דרך הפלא, על התלמידים בני הישיבה ה' עליהם יחיו, שלא פגע בשום אחד מהם שום חולי ומכאוב ולא שום ענין מענין החולי ההוא, ועל זה לא לבד שבני הישיבה יתנו תודה לאלוקינו, אך כל בני הקהלה, כי בזכותם וצדקתם היה זאת לנו כאשר אבאר בעזה"ת".

"והוא כי ידוע ומפורסם לרבים רב טוב בני קהלתנו בהחזקת הישיבה, זה קרוב לכ"ו שנה אשר זכני ה' לישב פה, והם מחזיקים למאות תלמידים. מי יפאר גודל פאר אנשי קהלתינו על זה. ומ"מ לאו כל הזמנים שוים, לפעמים יש ויש אנשים אשר עיניהם צרה ופוערים פיהם כי קשה עליהם עול סבלם, ובכל זאת לא פגע ולא נגע בהם שום אדם מעולם, אבל עכ"פ דבר שפתיים אך למחסור, ויהיה ח"ו למזכרת עוון".


# דרוש ב

בעוה"י, מה שחנני הי"ת דרוש פרשת וישב, דרוש הודאה אחר המגפה חולי קאלרא ר"ל בשנת תקצ"ב לפ"ק[א]

דוד המלך ע"ה אמר (תהלים ק"ג), **לדוד ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו ברכי נפשי את ה' וגו' הסולח לכל עוניכי הרופא לכל תחלואיכי וגו' כל המזמור.** הנה פתח דבריו ברכי נפשי וכל קרבי את שם קדשו, מאי טעמא אמר שם קדשו ונפשו וקרביו. הנה לתת שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו, לכאורה אינו כדאי לתת שבח והודאה לזה, כי מה יתרון לאדם בחיי עולם הזה, ומה בצע כי יחיה, הלא כה דברינו יום יום, מה אנו מה חיינו מה כחנו מה גבורתינו הלא כל הגבורים כאין לפניך ואנשי השם כלא היו וחכמים כבלי מדע וכו' וימי חייהם הבל לפניך ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל. אם כן למה זה הבל תהבלו לברך ה' על הבלי העולם הזה ועל קיום הגוף, ואם הגוף הבהמה הזה שמח בשטותו באכלו בשר לשובע, עוד יחיה ויאכל וישתה וישכח רישו[ב], עכ"פ הנפש חלק אלוה ממעל לשמחה מה זו עושה לומר ברכי נפשי את ה' הרופא לכל תחלואיכי.

**משל** לבן מלך ששלחו אביו מעל פניו ודחאו אל אי רחוקה באיי הים, והנה אנשי האי שמחו בו, כי כל ימי היותו עצור אסור ביניהם נפקדו אנשי האי מאנשי המלך על ידי בנו העצור,

**"דרשות חתם סופר", פרשת וישב, דרוש ב', וואָס דער חתם סופר באַצייכנט "מה שחנני הי"ת דרוש פרשת וישב, דרוש הודאה אחר המגפה חולי קאלרא ר"ל בשנת תקצ"ב לפ"ק"**

"והנה בזמן המגפה העבר היה עין בריה צרה בחברתה בלאו הכי, ומכל שכן בבכורי דלים הללו, ואילו ח"ו נחלה אחד מהם אעפ"י שבוודאי היו גומלים עמהם חסד כדרכם, מ"מ יש ויש שהיו פותחים פיהם ומדברים מה לנו לסבול עול אחרים אומללים האלו, ישובו איש לביתו, והיה ח"ו דבורים כאלה לעורר דין על הקהלה. והקב"ה חפץ בהצדקם, על כן יהיב עינא פקיחא לבל ישלוט שום חולי ורפיון באלו, – וזהו רמוז בפסוק שאנו בו, כרחם אב על בנים ריחם ה' על יראיו, היינו בחורים לומדי תורה שזכרנו, והטעם כי הוא ידע יצרנו, שרגילים לפצות פה ולדבר דברים שלא כהוגן, זכור כי עפר אנחנו, ואין מעצור לאיש עפר מן האדמה, על כן חס הקב"ה על יראיו ולא פגע בהם החולי כלל".

## סיפורי צדיקים און לעבנס געשיכטעס פון גדולי ישראל

דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען אין חינוך איז צו דערציילן סיפורי צדיקים. מיטצוטיילן פאַר די קינדער און תלמידים די תולדות און לעבנס געשיכטעס פון גדולי ישראל. אַזוי האָבן אויך געהאַלטן אַנדערע גדולי ישראל. זע צווישן אַנדערן רבינו בחיי אָנפאַנג פרשת וישלח, של"ה הקדוש שער האותיות אות ה' א. א. וו. (דער חזון איש האָט געזאָגט אַז דער בעסטער מוסר ספר היינט צוטאָג איז תולדות פון גדולי ישראל).

אין שו"ת חת"ס ח"ו סי' נ"ט שרייבט דער חתם סופר "הא לספר בשבח הצדיקים הוא מצוה גדולה, ואם כן אמאי ניחוש שיבוא לגנותו, הא מצוה בעידנא דעסיק בה מגינא ומצלי, ואמאי לא יהיה המספר בשבחו בטוח מלבוא לידי גנותו, ודוחק לומר דעל השומעים קאמר שיבואו לגנותו, הרי גם הם במצות שמיעה קא עסקי ובאו". דאָס הייסט אַז די וואָס הערן סיפורי צדיקים זענען אויך מקיים אַ מצוה.

זיינע קינדער און תלמידים שרייבן אַז ער האָט אַוועקגעגעבן אַסאַך צייט צו דערציילן תולדות און סיפורי צדיקים, און איבערצוגעבן צו זיינע תלמידים קאַפּיטלען געשיכטע און איבערלעבענישן פון זיינע אייגענע גרויסע רבי'ס.

איינמאָל שבת נאָכמיטאָג ווען ער האָט מאריך געווען אין די סיפורים און שמועסן איז געוואָרן שפּעט און מ'האָט שוין געמוזט גיין דאַווענען מנחה. האָט דער חתם סופר געזאָגט: לאָמיר גיין דאַווענען מנחה און שנעל זיך וואַשן. ביי שלש סעודות וועלן מיר ווייטער עוסק זיין אין די מעשי מרכבה פון גדולי ישראל.

זיין תלמיד ר' יעקב הירש יעבץ שרייבט אין זיין ספר מור דרור: "הרבה פעמים האריך בסיפורים, במה שעבר עלינו בגלות הזה, בעתים שעברו, מגירוש שפּאַניען ושאר ארצות, ואמר שחביבים עליו להגיד ולספר דברים אלו יותר מללמוד תורה, למען ישמעו ויראו וילמדו מהעבר אל העתיד לבא לטובה...".

אַמאָל איז ער געווען אין אַ גאָרטן מיט זיינע תלמידים און זיי דערציילט סיפורים פון גדולי ישראל. זיין זון דער כתב סופר איז געשטאַנען אין אַ זייט און גערעדט אין לערנען מיט זיינעם אַ חבר. האָט דער חתם סופר אים צוגערופן און אים געזאָגט: "מיין טייער קינד, דו ביזט פאַרטיפט אין לערנען און דו מיינסט אַז איך רעד דאָ דברים בטלים. זאָלסט וויסן אַז פון יעדעס וואָרט וואָס איך רעד דאָ וועט דיר אַרויסקומען אַ תועלת לעתיד".

ווען דער כתב סופר האָט איבערדערציילט די מעשה האָט ער אויסגעפירט, אַז טאַקע פון דעם סיפור וואָס ער האָט באַלד דערנאָך געהערט פון זיין טאַטן אין דעם שמועס איז אים מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגעקומען אַ געוואַלדיגער תועלת.

דער כתב סופר זעלבסט האָט, ווי עס ווערט דערציילט אין זיינע תולדות, אָנגענומען און אַליין איינגעפירט דעם מנהג. ביי שלש סעודות פלעגט ער דערציילן סיפורי צדיקים, טאַקע פון דער לעבנס געשיכטע און פון דער גרויסקייט פון זיין טאַטן דער הייליגער חתם סופר און פון וואָס ער האָט פון אים געהערט סיפורים און מנהגים פון זיינע גרויסע רבי'ס.

[המשך קומט אי"ה]

# דער הייליגער חתם סופר



**פאַרוואָס ער האָט נישט געלאָזט דרוקן זיינע ספרים בחייו – "ואם ח"ו להגדיל שם חוששני מקללת חז"ל נגיד שמיה אבד שמיה, כאשר אירע לרוב מחברי ספרים" – "יש אשר ידפיס בילדותו ויתחרט בזקנותו, ומה יעשה אחר שכבר נתפשט על ידי הדפוס" – ערלויבט צו דרוקן סוף ימיו – וואָס הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאַנדל האָט דערציילט וועגן דער הכנסה פון ערשטן דרוק – די לאַנגע קייט פון מסירות נפש ביים דרוקן די ספרי החתם סופר – הגה"ק רבי שמעון סופר, ערלויער רב, בעל "התעוררות תשובה", דרוקט "תורת משה" און טייל תשובות און חידושי חת"ס – הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן דער אַרויסגעבער און אויפהיטער פון רוב כתבי החתם סופר – חתם סופר על התורה איז געדרוקט געוואָרן ערשט 118 יאָר נאָך דעם חתם סופר'ס הסתלקות**

[פאָרזעצונג פון פריער]

וואָס פאַראַ פנים וואָלט די אידישע וועלט און די תורה וועלט היינט געהאַט אָן דער תורה פון חתם סופר? כמעט נישטאָ היינט קיין תשובה אין הלכה, קיין דרוש אין אגדה און קיין לומדות אין סוגיות הש"ס וואו די פסקים, דרושים און חידושים פון הייליגן חתם סופר ווערן נישט געברענגט. אָפט ווערן זיי גאָר גענוצט ווי יסודות מיט וואָס עס ווערן געבויט נייע חידושים אין ש"ס, בירורים אין הלכה און דרושים אין אגדה.

ווי ס'איז אָבער קלאָר פון די ציטאַטן אין די אונטער-קעפּלעך צו דעם היינטיגן אַרטיקל האָט דער חתם סופר נישט בלויז נישט געהאַט בדעה צו דרוקן זיינע חידושים און תשובות נאָר איז אין פּרינציפּ לכתחילה געווען דערקעגן.

וואָס שייך שרייבן האָט דער חתם סופר, דער משה ספרא רבה דישראל, דוקא כסדר געשריבן. ער האָט אַלץ פאַרשריבן. ווי ער זאָגט אין איינעם פון זיינע בריוו, (געדרוקט אין שו"ת חלק ו' סי' ס"א): "האמת אגיד, כי תלי"ת (תהילה לקל יתברך) ימצא בכל חידושי תורה שלי שאני רגיל לעשות קונטרס מיוחד לכל שנה ושנה ולהעלות מה שחנני ה' מדי שבת בשבתו בעיוני בשעת העברת שמו"ת ובשעת קריאת התורה כמו שכתב של"ה וציוה על זה".

יעדן מיטוואָך פלעגט ער אויך, ווי מיר האָבן שוין דערמאַנט אין אַ פריערדיגן אַרטיקל, פאַרשרייבן די חידושים אויף ש"ס וואָס ער האָט מחדש געווען ביים פאָרלערנען די שיעורי הישיבה.

יעדע תשובה וואָס ער האָט געשריבן האָט ער דעם אָריגינאַל געשיקט צו דעם וואָס די תשובה איז געווען אַדרעסירט און פאַר זיך געהאַלטן אַ העתקה.

ער איז געווען ביי דער מיינונג, און דאָס איז אַ געוואַלדיגער חידוש, אַז ס'איז פשוט נישט ערלויבט אפילו אָפּצושרייבן חידושי תורה סיידן מען מיינט עס אינגאַנצן לשם שמים. אין שו"ת או"ח סי' ר"ח שרייבט ער: "כל מחבר ספר ומתערב במחשבתו לגדל שמו רבצה בו האלה האמורה במילי דאבות, נגיד שמיה אבד שמיה, ולא תעשינה ידיו תושיה להוציא מחשבתו אל הפועל כי יבואו מבקרי מומין ויחפשו וימצאו, מלבד שהוא עובר איסור דאורייתא, דברים שבעל פה אי אתה רשאי לכותבן, ולא הותר אלא משום עת לעשות לה', ואם איננו עושה לה' הרי איסורו במקומו עומד. ולעומת זה היודע בעצמו כי כל מגמתו לשם השי"ת להגדיל תורה ולהאדירה ורק מונע בר מפני חשש מבקרי מומין וכו' עבירה היא בידו".

אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און אַלץ וואָס ער האָט מחדש געווען איז טאַקע געווען אינגאַנצן לשם שמים. יעדן בריוו און יעדע תשובה האָט ער אגב אָנגעהויבן מיט די ווערטער "שיל"ת": די ראשי תיבות פון שויתי ה' לנגדי תמיד.

דרוקן זיינע חידושים און תשובות האָט ער אָבער נישט געוואָלט, און נישט געלאָזט. זיין קעגנערשאַפט צו דרוקן זיינע כתבים האָט הויפּטזעכליך געשטאַמט פון ענווה. והאיש משה עניו מאוד מכל האדם. די וועלט נויטיגט זיך נישט אין זיינע חידושים. ווער עס וויל קען קומען זען זיינע כתבים. זיי זענען "הפקר לכל", האָט ער געזאָגט. הרבצת תורה איז ער יוצא מיט זיינע שיעורים מדי יום ביומו.

בעיקר האָט ער נישט געלאָזט דרוקן זיינע כתבים צוליב מורא פאַר פניות, – פניות פון כבוד און פרסום.

אין אַ באַקאַנטן בריוו שרייבט ער: "כל עוד שיחייני ה' ויתן לי כח הריני מוכן ללמוד עם כל הבא לשמוע. לא אשקוט ולא אנוח כאשר ציווני ה' אלוקי מה אני בחנם וכו', ולהשיב לכל שואל עד מקום שידי ושכלי מגיע באפס דמים. והנני כותב על ספר בדיו כל מה שיחנני השי"ת הן בהלכה הן באגדה, והמה מונחים הפקר, כל מי שרוצה להעתיקם יבוא ויעתיקם, וכן עשו קדמונינו קודם

הדפוס. יותר אינני מחויב. ואם ח"ו להגדיל שם, חוששני מקללת חז"ל (אבות פ"א) 'נגיד שמיה אבד שמיה', כאשר אירע לרוב מחברי ספרים, ומכ"ש להרויח ממון ליטול חיים מן העולם ח"ו, ע"כ לא עלה על לבי כלל".

## "רובא דעלמא... המה לא צריכים לי... לא ידעתי החיוב להדפיס ולפזר דברי ברבים"

הגאון רבי מרדכי שלאַנק, אַ תלמיד פון רבי עקיבא איגר וועלכער איז געווען בידידות מיט'ן חתם סופר, האָט אַמאָל איבערגעדרוקט דעם ספר "ר"י מיגאַש". האָט ער געפּלאַנט צוצולייגן ביים סוף עטליכע תשובות פון חתם סופר. דער חתם סופר האָט קודם נישט מסכים געווען דערצו. האָט ער אים געשריבן אין אַ בריוו:

"והשמועה ששמעו מעלתם שהוצאתי חבור אחד ובקשו ממני לשלחו שמה, דבר זה לא הרהרתי בו, ולא עלה על לבי עדיין. כי רובא דעלמא שהם גדולים וטובים ממני, או לכל הפחות כערכי, המה לא צריכים לדידי, ולמעוטא דמעוטא שהם פחותים ממני למה זה אטריח בשביל המיעוט? ואם אולי היה הדבר שרוב העולם צריכים לי חלילה, מ"מ לא ידעתי החיוב להדפיס ולפזר דברי ברבים."

## זיינע געדאַנקען איבער דער ערפינדונג פון דרוק

די ערפינדונג פון דרוק, שרייבט דער חתם סופר (אין תשובות ח"ו סי ס"א), איז פון איין זייט אַן אויסטערלישע ערריכונג. אַ געוואַלדיגע טובה פאַר דער מענטשהייט. מאידך גיסא האָט דאָס אָבער אויך פּונקט אַזעלכע אומגעהויערע חסרונות. פאַר'ן ערפינדן פון דרוק, ווען ספרים זענען געשריבן און נעתק געוואָרן מיט דער האַנט, האָבן ספרים פון אַ שוואַכן קאַליבער און מיט אַן אָרימען אינהאַלט געהאַט שוואַכע אויסזיכטן פאַרשפּרייט צו ווערן. אָבער זינט דער ערפינדונג פון דרוק יאָוועט זיך מחברים וואָס זענען נישט ראוי דערצו און דרוקן ספרים, אין דער צייט וואָס אמת'ע גדולים וצדיקים זענען זיך מונע דערפון.

"כי אמנם צריכים אנו להודות לה'", שרייבט ער אין דער תשובה, "על המצאת הדפוס בעולם, ותיקונו רב. מכל מקום גם ההפסד רב מאוד ומי יכילנו. לפנים בישראל היו גאוני עולם כותבים דבריהם על ספר, ואם נתקבלו אצל חכמי הדור, רובם או כולם, אז חכמי הדור ציוו להעתיקם ונעתקו בכל עיר ומשפחה. אמנם אם לא נתקבל ממילא לא קרב איש להעתיק, דלא שדי אינשי זוזי בכדי. וממילא לא קרב איש לחבר חבר אי לא ידע בנפשיה שהוא גדול העולם ויקפצו רבים להעתיקו, ואז היו רוב הספרים המצויים בעולם טובים וישרים. ואמנם מאז החל הדפוס נתבטל ההעתקה.... ועי"ז כמה צדיקים וגאונים נמנעים מלהעלות דבריהם ולהדפיסם, כי אומרים מי יכניסנו לתדר הזה ולכל הטורח ואיה נצטוינו על ככה... ויותר מזה חבל על דאבדין, כל ספרי הקדמונים אשר היו לעינים לרבותינו בעלי התוס' כולם נאבדו כי בטלו המעתיקים ואל הדפוס לא הובאו ונשתכחה תורתם מישראל".

"אמנם בהיפך מזה" שרייבט ער ווייטער אין דער תשובה, "כל מי שרוצה שיתפשטו דבריו בעולם, בין יהיה ראוי והגון ובין שלא יהי' ראוי לכך מ"מ קובעם בדפוס ועשה אותם כיון ויש שיעשנו רק לעטרה וקרדום. ויש אשר ידפיס בילדותו ומתחרט בזקנותו, ומה יעשה אחר שכבר נתפשט ע"י הדפוס. וע"כ צריך לאחזוקי דבריו הראשונים מפני הבושה. והלא הרי"ף ציוה למחוק כמה דברים מספרו אחר שחזר בהם. אמנם ספר הנדפס א"א לחזור ולתקנו כידוע".

בדיעבד האָט דער חתם סופר צום סוף ערלויבט פאַר ר' מרדכי שלאַנק און פאַר אַנדערע צו דרוקן פיר פון זיינע תשובות. אין אַ בריוו צו הגאון רבי צבי הירש חיות (ליקוטי תשובות, לאָנדאָן, חלק המכתבים סי' מ"ז) שרייבט ער:

"הנה מימי לא עלה על לבי להדפיס ספר, אך זה איזה שנים יצאו איזה קונטרסים מתשובותי וחידושי על ידי רב אחד ר' מרדכי שלאַנק, בהדפיסו ספרי רמב"ן על קידושין ור"י מיגאַש על שבועות, תחילה באונס ולבסוף ברצוני, ועתה אירע לי כזאת, איש הגון אחד מק"ק בראָד בשמו מהו' מרדכי ליב ביסליחוש מדפיס פה ספרי הראשונים והגיעו לידו ג' או ד' מתשובותי ואיזה קונטרסים מחידושי, ומספח אותם לאחד מהספרים הנ"ל, ומתחילה היה על אפי ועל חמתי עד שאלצוני בני ביתי עד שהייתי שותק כמודה, כי חידושי ומכתבי המה הפקר לכל הרוצה להעתיק ואיני מקפיד, כי לא מראש בסתר דברתי".

סוף ימיו, אַרום צוויי יאָר פאַר זיין הסתלקות, האָבן זיינע קינדער און תלמידים באַוויזן אים צו איבערצייגן צו לאָזן דרוקן זיינע תשובות און חידושים. זיי האָבן אים אויפגעוויזן דעם גרויסן תועלת וואָס וועט דערפון אַרויסקומען פאַר דער וועלט. האָט ער צום סוף מסכים געווען.

זיינע זין, דער כתב סופר און רבי שמעון סופר, האָבן געאַרבעט צוזאַמענצונעמען די כתבים און זיי צוגרייטן צום דרוק. בחייו פון חתם סופר איז שוין אָבער לא איסתייע מילתא.

צוערשט איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער חלק יורה דעה, וואָס איז ערשינען עטוואָס מער ווי אַ יאָר נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר.

שרייבט רבי שמעון ספר אין דער הקדמה צו חלק יורה דעה:

"הן אבינו מאור הגולה המחבר זצ"ל לא כתב שום הקדמה בראש ספרו, וסיבת הדבר כי לא עלה ברוחו מעולם להדפיס את חיבוריו ולהפיצם על פני תבל.... וכאשר גזר אומר כן הקים ולא הדפיס שום חיבור מחיבוריו כל ימי היותו אתנו. אך זה שנתיים ונר אלקים טרם יכבה עלה מורך בלבבינו לאמור מי יודע מה יולד יום ונפש אדונינו צרורה בצרור החיים, אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו הלא טוב להכין רפאות לנפשינו טרם תבוא חלינו, עלה נעלה נרות מאירות טרם יכבה מאורינו. – ודברנו על לב אבינו מאוה"ג זצ"ל, וגם גדולי תלמידיו הפצירו בו במכתבים אליו, נפשם בשאלתם שיפיץ אור תשובותיו על פני תבל ע"י הדפוס. ונצחוהו בניו ותלמידיו, ונענה לדבריהם, ונתן לנו רשות להדפיסם".

## די צוואה פון חתם סופר: זיינע חיבורים באַלאַנגען צו זיינע יורשי דאורייתא

כאָטש דער חתם סופר האָט ווי פריער ציטירט געשריבן און געזאָגט אַז זיינע כתבים זענען הפקר און יעדער קען זיי מעתיק זיין, שרייבט ער אין דער צוואה אַז דאָס איז נאָר גילטיג בחיים חיותו, כל זמן זיי זענען אונטער זיין בעלות. לאחר פטירתו באַלאַנגט דאָס אָבער צו זיינע קינדער, זיינע יורשי דאורייתא.

אָט זענען אויסצוגן פון דער צוואה:

"אמנם חיבורים שלי, אגדה ושמעתתא וספרי שו"ת שלי הכתובים שייכים לבדם ליורשי דאורייתא הם שלשה בניי שי', הרב המאור הגדול מוה' אברהם שמואל בנימין שי', והרב החריף מוה' שמעון שי', והבחור ר' יוזפא שי', ואין לזולתם שום חלק ונחלה או תביעה עליהם, ואף שהוצאתי בפי חתני... שאני מפקירם שידפיסום מי שירצה, כל זה כל זמן שידפיסו בחיים חיותי, אבל לאחר אריכות ימי לא אוכל לעבורי אחסנתא להתיש כח יורשי דאורייתא".

## דעם חתם סופר'ס זין שענקען די הכנסה פון ערשטן דרוק צו זייער שוואָגער

ווען דער חתם סופר האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייטע רביצין, מרת שריל, די טאָכטער פון הגאון רבי עקיבא איגר, די אלמנה פון הרה"ג רבי אברהם משה קאַלישער אבדק"ק פילא, האָט זי מיטגעברענגט איר טאָכטער פראַדיל ראַדיש, וועמען דער חתם סופר האָט ערצויגן און חתונה געמאַכט. זי האָט חתונה געהאַט מיט הרה"ג רבי יוסף גינז/שלעזינגער, אַ זון פון הגאון רבי בונם איגר/גינז שלעזינגער, אַ ברודער פון רבי עקיבא איגר. רבי בונם איז געווען רב אין מאַטערסדאָרף נאָכ'ן חתם סופר.

דער שטיף אײדעם, וועמען מען האָט גערופן רבי יוסף שלעזינגער, איז געזעסן אויף קעסט ביים חתם סופר. דער חתם סופר האָט אים אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. ער דערמאַנט אים אין די תשובות אַלס חתני.

נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר איז רבי יוסף שלעזינגער געבליבן אָן פרנסה.

האָט הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאַנדל זצ"ל דערציילט וואָס ער האָט געהערט אינדערהיים פון זקנים: אַזוי ווי רבי יוסף שלעזינגער דער חתם סופר'ס שטיף איידעם איז נאָך דעם חתם סופר'ס הסתלקות געבליבן אָן אַ פרנסה האָבן זיינע שוואָגערס, דער כתב סופר, רבי שמעון סופר און רבי יוסף יוזפא סופר, אים געשענקט די הכנסה פונעם ערשטן דרוק פון שו"ת חתם סופר יו"ד. ער האָט געהאַט די אויסשליסליכע רעכטן עס צו פאַרקויפן און די הכנסה איז געגאַנגען צו אים.

רבי מיכאל בער האָט דערציילט אַז רבי יוסף שלעזינגער האָט געברענגט 300 עקזעמפלאַרן פון ערשטן דרוק קיין אוהעל צו דער ערשטער יאָרצייט פון ישמח משה אין שנת תר"ב. פאַר יעדן באַנד האָט ער גערעכנט איין דוקאַט, וואָס איז געווען אַסאַך געלט. אין איין שעה, האָט רבי מיכאל בער דערציילט, האָט ער דאָס גאַנצע אויספאַרקויפט. רבי מיכאל בער האָט צוגעלייגט אַז פון פאַרקויפן דעם ערשטן דרוק פון חתם סופר איז רבי יוסף שלעזינגער, לויט יענע באַגריפן, נתעשר געוואָרן.

## דעם חתם סופר'ס אייניקל דער ערלויער רב, בעל התעוררות תשובה, דרוקט "תורת משה" חתם סופר

דעם כתב סופר'ס זון, הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, דער ערלויער רב, בעל מחבר ספר "התעוררות תשובה", האָט זיך שפעטער אָפּגעגעבן מיט ממשיך זיין דרוקן די תורות, תשובות און חידושים פון חתם סופר.

דער ערלויער רב וועמען מען האָט גערופן "שמעון הצדיק", צוליב זיין גרויס צדקות, קדושה און ענווה, – וואָס דער דברי חיים האָט אים גערופן "דער אונגאַרישער בעל שם", צוליב די אָפענע מופתים וואָס מען האָט געזען ביי אים, – האָט געדרוקט דעם ספר "תורת משה" על התורה, חידושי תורה פון חתם סופר אויף חמשה חומשי תורה וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך זיינע תלמידים. דער ערשטער באַנד אויף בראשית איז געדרוקט געוואָרן אין שנת תרל"ט און די אַנדערע חלקים זענען געדרוקט געוואָרן אין שנת תרס"ו.

גאָר שווער איז אים אָנגעקומען דאָס דרוקן. געלט פון אַנדערע פאַר די הוצאות פון דרוקן האָט ער נישט געוואָלט נעמען, מורא האָבנדיג אַז דאָס קען זיין אַ פגיעה בכבוד התורה אָדער קען קומען פון נישט פולשטענדיג ריין געלט.



הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל, ראש ישיבת פרעשבורג

האָט ער דאָס געדרוקט פון דער אייגענער טאַש. אַליין איז ער אָבער געווען ווייט פון פאַרמעגליך. האָט זיין רעביצין פאַרקויפט אַלע אירע תכשיטים און פון דעם געלט האָט ער געדרוקט דעם "תורת משה", ווי אויך חלקים פון שאלות ותשובות חתם סופר און פון חידושי חתם סופר על הש"ס.

צוליב זיין גרויס דחקות האָט ער בשעתו זיך נישט געקענט ערלויבן צו דרוקן אַ חיבור מיט זיינע אייגענע חידושים, האָט ער אין תורת משה אַריינגעדרוקט אויך טייל פון זיינע אייגענע חידושים אין אגדה, אונטער דעם נאָמען "מספר שיר מעון", אָבער בעילום שם, נישט שרייבנדיג ווער עס איז דער מחבר פון ספר שיר מעון, וואָס איז געווען ער זעלבסט.

ווען ער האָט שפעטער אַרויסגעגעבן זיינע אייגענע תשובות, פיר בענדער שאלות ותשובות "התעוררות תשובה", שרייבט ער אין דער הקדמה, צוליב זיין געוואַלדיגע ענוה, אַז די תשובות זענען נאָר מעיין צו זיין אין זיי, אָבער נישט הלכה למעשה. אויב דאָס איז נישט געווען גענוג האָט ער אויף יעדן בלאַט פון די פיר בענדער געדרוקט די פאָלגנדע ווערטער: "אין לסמוך על הוראה זו כלל (עיין בהקדמה)".

מאָנטאָג פרשת שלח, כ"א סיון שנת תש"ד, איז רבי שמעון סופר דער בעל התעוררות תשובה, אייניקל פון הייליגן חתם סופר, געפירט געוואָרן קיין אוישוויץ, וואו ער איז, אין עלטער פון 99 יאָר, געווען דער עלטסטער רב אומצוקומען אין אוישוויץ על קידוש השם, צוזאַמען מיט די אַנדערע זעקס מיליאָן קדושים בעת דעם גרויזאַמען לעצטן חורבן. ה' ינקום דמו ודמם.

## הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל

אויב איז פאַראַן איינער וועמענ'ס נאָמען עס איז סינאָנים מיט'ן אַרויסגעבן און דרוקן די דרשות און תורות פון חתם סופר איז עס הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל.

רבי יוסף נפתלי איז געווען אַן איידעם ביים חתם סופר'ס אייניקל. אַן איידעם ביי הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר, זון פון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב, דער בעל "מכתב סופר".

רבי יוסף נפתלי איז עס געווען דער וואָס האָט געווידמעט און מקריב געווען זיין לעבן אויף אַרויסצוגעבן די ספרי החתם סופר און איז געוואָרן דער גרעסטער מומחה אויף די כתבי החתם סופר.

רבי יוסף נפתלי אַליין איז געווען אַן אייניקל, – זיין מאַמע איז געווען אַ טאָכטער, – פון הג"ר משה סג"ל פאָלאַק, דער באָניהאַדער רב, בעל ויגד משה, און אַן אור-אייניקל פון איינעם פון חתם סופר'ס נאָענטסטע תלמידים, הגאון רבי זעקיל פאָלאַק.

רבי יוסף נפתלי איז קודם געווען אַ תלמיד פון זיין פעטער הגאון רבי ישעי' זילבערשטיין, וויצענער רב, דער בעל "מעשי למלך", און שפעטער איז ער געווען אַ תלמיד פון הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי אין גאַלאַנטע.

נאָך דער חתונה האָט רבי יוסף נפתלי זיך באַזעצט אין דער שטאָט סערעט, אין רומעניע, וואו זיין שווער רבי שלמה אלכסנדרי סופר האָט געוואוינט. ער איז דאָרט געזעסן על התורה ועל העבודה. זיין שווער האָט אים איבערגעגעבן אַלע כתבי יד פון חתם סופר וואָס ער, רבי שלמה אלכסנדרי, האָט געהאַט בירושה פון זיין פאָטער רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב.

אין שנת תרפ"ט האָט רבי יוסף נפתלי איבערראַשט דעם אונגאַרישן אידנטום, און דעם תורה אידנטום בכלל, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די צוויי גרויסע בענדער "דרשות חתם סופר". אַזוי ווי דער הייליגער חתם סופר האָט אָפט שטאַרק מקצר געווען ביים שרייבן, און זיינע רעיונות אין זיינע תורות און דרשות זענען עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר האָט רבי יוסף נפתלי וועלכער איז געווען דער גרעסטער בקי אין די כתבי החתם סופר צוגעשריבן קורצע און טרעפליכע הערות און ציונים. רבי יוסף נפתלי'ס הקדמה צו די דרשות חתם סופר, וואָס ער רופט אָן "קרית סופרים", איז אגב איינע פון די רייכסטע און פאַרלעסליכסטע מקורות פאַר די תולדות פון חתם סופר.

## רבי יודא'לע הורוויץ מדזיקוב זצ"ל שענקט זיין גאַנצע נדן דאָס צו דרוקן

נישט רבי יוסף נפתלי שטערן און אויך נישט זיין שווער רבי שלמה אלכסנדרי סופר האָבן פאַרמאָגט די פינאַנציעלע מעגליכקייט צו דרוקן די דרשות חתם סופר. ווער ס'האָט באַצאָלט פאַר'ן דרוקן, אינגאַנצן פון דער אייגענער טאַש, איז געווען הגה"צ רבי יודא'לע הורוויץ מדזשיקוב, וועלכער איז כידוע דאָס גאַנצע לעבן געווען דבוק בתורת משה החתם סופר. פון וואו האָט ער גופא געהאַט דאָס געלט?

רבי יודא הורוויץ, זון פון לעצטן דזשיקעווער רבי'ן רבי אַלטר יחזקאל הורוויץ זצ"ל, איז דעמאָלט געוואָרן אַן איידעם ביי זיין פעטער (רבי יודא'לע'ס מאַמע איז געווען אַ טאָכטער פון אהבת ישראל מוויזשניץ זצ"ל) – הגה"צ רבי חיים מאיר האַגער זצ"ל, דער שפּעטערדיגער וויזשניצער רבי. האָט רבי יודא'לע אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע נדן געלט וואָס ער האָט באַקומען פון זיין שווער הרה"צ רבי חיים מאיר פאַר רבי יוסף נפתלי שטערן צו דרוקן דערמיט די דרשות חתם סופר. ער האָט באַקומען דאָס געלט, האָט ער געזאָגט פאַר זיין שווער, ער זאָל האָבן "לחם לאכול", וואו איז דען פאַראַן אַ גרעסערע "לכו לחמו בלחמי" ווי די ספרי החתם סופר?

## רבי יוסף נפתלי'ס מסירות נפש אין די לאַגערן צו ראַטעווען די כתבי יד פון חתם סופר

בעת דער צווייטער וועלט מלחמה איז דער גורל פון אידן אין רומעניע געווען צעטיילט אין דריי. צפון מערב טראַנסילוואַניע, אָדער צפון מערב זיבענבערגן, איז ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה, אין 940', צוגעטיילט געוואָרן צו אונגאַרן. זענען די דאָרטיגע אידן פאַרשיקט געוואָרן צו די אַרבעטס לאַגערן און קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט אַלע אונגאַרישע אידן.

ווידער די אידן פון מזרח רומעניע, וואָס שליסט איין בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנסניסטריע, זענען קודם, אין 940', אַנעקסירט געוואָרן דורך סאָוויעט רוסלאַנד אַלס טייל פון דעם ריבענטראָפּ-מאָלאָטאָוו פּאַקט, און די אידן זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין אוקראַינע. דערנאָך זענען די פּראָווינצן צוריק איינגענומען געוואָרן דורך רומעניע, וועלכע האָט פאַרשיקט די אַלע אידן קיין טראַנסניסטריע, אַ שטח וואָס האָט דאַן באַלאַנגט צו רומעניע.


ספר
תורת משה
פרדס
על חמשה חומשי התורה
משה סופר
חלק ראשון
ספר בראשית

ספר "תורת משה" פונעם חתם סופר זי"ע [גערופן די רויטע בענדער] אַרויסגעגעבן דורכ'ן ערלויער רב זצ"ל, בעל התעוררות תשובה

ווידער די אידן פון צענטראַל און דרום רומעניע זענען כלל נישט פאַרטריבן געוואָרן. רומעניע האָט געפּלאַנט זיי צו פאַרשיקן ערשט נאָכדעם וואָס די דייטשן און זייערע שותפים אין נאַצישן אַקס (Axis), וואָס האָט איינגעשלאָסן רומעניע, וועלן באַזיגן די רוסן אין סטאַלינגראַד. אַזוי ווי דער געפּלאַנטער נצחון אין סטאַלינגראַד איז קיינמאָל נישט צושטאַנד געקומען און די דייטשן האָבן דאָרט געליטן אַ מפּלה זענען אָט די אידן פון צענטראַל רומעניע קיינמאָל נישט פאַרשיקט געוואָרן און זענען בחסדי ה' געראַטעוועט געוואָרן.

סערעט געפינט זיך אין בוקאָווינע, אין מזרח רומעניע. ר' יוסף נפתלי שטערן איז דערפאַר ערשט פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די אידן פון בוקאָווינע קיין אוקראַינע. איידער ער איז פאַרטריבן געוואָרן האָט ער באַהאַלטן אַלע בענדער מיט כתבי יד פון חתם סופר ביי זיך אין הויז אין אַן אייזענעם קאַסטן. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין סערעט איז ער ערלויבט געוואָרן פאַר איין שעה אַריינצוגיין צו זיך אין הויז וואָס ער האָט געפונען אויסגעליידיגט. קיין זאַך איז דאָרט נישט פאַרבליבן. חוץ איין זאַך: נאָכ'ן זוכן האָט ער געפונען די בענדער פון כתבי יד פון חתם סופר. אָט איז וויאַזוי רבי יוסף נפתלי באַשרייבט דאָס:

"כשקיבלתי את רשיוני ונסעתי לביתי, היתה כל מגמתי רק לראות אם כתבי היד קיימים. באתי לביתי ומצאתי את כל החדרים ריקים, חוץ לחדר הספרים, וגם את ארגז הברזל אשר בו הטמנתי את כתבי היד מצאתי פרוץ וריק. וכמעט שנתעלפתי. רצתי מחדר לחדר ומחדר לעליה, אולי הובילו השודדים את כתבי היד לחדר אחר או לחדר הספרים, אשר בקושי יכולתי להכנס לתוכו בגלל


ספר
חתם סופר
דרשות
משה סופר
יוסף נפתלי שטערן
כרך ראשון

"דרשות חתם סופר" אַרויסגעגעבן דורך הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל

הספרים הרבים ומאות הניירות שמילאו את הרצפה"

"פתאום שמעתי קול מאיש טוב, ה"ה ידיד נפשי כבוד הרב הגאון המפורסם מוה"ר ברוך הגר שליט"א (זצ"ל) האדמו"ר מויזניץ-סערעט, כעת בחיפה, שהלך איתי כדי לעזור לי: "מצאתי כתבי יד". שלושה פנקסים גדולים נמצאו על מפתן הדלת בחדר שהיה כמה חדשים פתוח והפקר לרבים, לא חסרה מהם אף אות אחת. כיון שאורו עיני, התחלתי לחפש בחדר הספרים, אע"פ שרק בקושי גדול יכולתי להיכנס בגלל הספרים והניירות שהיו פזורים ברצפתו, ולמרות שהרשות ניתנה להתעכב בבית רק שעה אחת, והייתי תחת השגחתו של שוטר, אזרתי חיל ומצאתי עוד ב' או ג' פנקסים מכורכים. בזמן קצר ובבהלה אספתי כמעט כל מה שהיה בארגז הברזל הנ"ל. ואם כי נאנסתי ע"י השוטר לעזוב את ביתי באמצע החיפוש, הצלחתי בס"ד ע"י תחבולה לקבל רשיון לבקר שוב בביתי תחת פיקוח, וכך עלתה בידי בס"ד לאסוף את כתבי היד לתוך שק".

"כאשר לקחתי את השק עם התוכן היקר לי מפז מהעליה לחצר, בא פתאום קצין משטרה, ושאלני: "מי נתן לך רשות ללכת לביתך, ולמה לקחת את כל זה, הלא הרכוש היהודי מוחרם?" אבל ביוזמת כבוד הרה"צ מסערעט, השתדל בעדי אחד מחסידי אומות העולם והניחו לי".

"אחר כל הגלונו לטרנסניסטריה קרוב לארבע שנים, ולקחתי עמי כל הכתבי-יד, ובס"ד יצאו אתי מרוסיא ומרומניא לארץ הקודש".

וואָס רבי יוסף נפתלי אַליין דערציילט נישט האָבן דערציילט די געציילטע אידן וואָס האָבן מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט די פיר יאָר

גיהנום אין טראַנסניסטריע.

במשך פון פיר יאָר האָט רבי יוסף נפתלי נישט אַרויסגעלאָזט די כתבים פון די הענט. ער האָט אויף זיי געהיטן מער ווי אויף זיין אייגן לעבן, – און זיי, די כתב יד'ן פון הייליגן חתם סופר, מיט וואָס ער איז געגאַנגען באש ובמים, האָבן אויף אים געהיטן.

ווען ער איז עטליכע יאָר נאָך דער מלחמה אָנגעקומען קיין ארץ ישראל האָט הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל, דער פרעשבורגער רב, דער בעל "דעת סופר", אים אויפגענומען אַלס ראש ישיבה אין דער פרעשבורגער ישיבה אין ירושלים. ער איז אויך אויפגענומען געוואָרן אַלס דער נשיא פון דעם מכון "אוצר הפוסקים".

אַ צייט דערנאָך האָט ער דאָס אָבער אַלעס אויפגעגעבן און האָט ווייטער געווידמעט זיין גאַנצע צייט און זיין לעבן צו רעדאַגירן און אַרויסגעבן די כתבים און ספרים פון חתם סופר.

ווען ער האָט געפרעגט פון טשעבינער רב זצ"ל צי ער איז באַרעכטיגט אויפצוגעבן זיין פּאָסטן אַלס ראש ישיבה האָט אים דער טשעבינער רב געענטפערט, אַז אַן אַנדערן ראש ישיבה וואָס זאָל ווערן זיין ממלא מקום אין דער ישיבה וועט מען קענען טרעפן, אָבער אַזאַ בקי ווי ער אין די כתבי החתם סופר איז נישטאָ אויף דער וועלט. ער איז אַ חד בדרא צו קענען אַזוי מייסטערהאַפט באַאַרבעטן די ספרי החתם סופר מיט זיינע וואונדערליכע קורצע אָבער גאוני'שע און חריפות'דיגע הערות נפלאות.

ער האָט זיך פולשטענדיג איבערגעגעבן צו זיין לעבנס-ווערק: מעתיק צו זיין די כתבים פון חתם סופר, וואָרט ביי וואָרט, שטיקל נאָך שטיקל, תורה נאָך תורה, און דרוש נאָך דרוש. ער האָט מפענח געווען און מסביר געווען צומאָל אויבנאויף אומפאַרשטענדליכע ווערטער, צוגעצייכנט מקורות און אָנגעוויזן אויף ענליכע תורות און חידושים אויף אַנדערע ערטער אין חתם סופר.

רבי יוסף נפתלי האָט אַוועקגעשטעלט דעם יסוד אַז די ווערטער פון חתם ספר זענען וואָס חז"ל זאָגן: "דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר". ער פלעגט אָנוויזן וויאַזוי אויף צו פאַרשטיין געוויסע שטיקלעך אין חתם סופר מוז מען קודם צונויפברענגען אַלע אַנדערע חידושים איבער דעם ענין אויף אַנדערע מקומות אין חתם סופר צו פאַרשטיין דעם חתם סופר'ס געניוע כוונה.

ערשט 118 יאָר נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר, אין תשי"ח, זענען דאָס ערשטע מאָל ערשינען און געדרוקט געוואָרן די 5 בענדער "חתם סופר על התורה", וואָס דער חתם סופר אַליין האָט געשריבן. "תורת משה" חתם סופר וואָס דער ערלויער רב, דער בעל התעוררות תשובה,



**הגה"ק דער פרעשבורגער רב רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל "דעת סופר" מיט הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקיא זצ"ל, שפעטער גאב"ד ירושלים**

האָט געדרוקט אין תרס"ח, איז געשריבן געוואָרן דורך די תלמידים פון חתם סופר. דאַקעגן די פינף בענדער "חתם סופר על התורה" וואָס רבי יוסף נפתלי שטערן האָט געדרוקט זענען פון די כתבי יד וואָס דער חתם סופר אַליין האָט געשריבן.

ס'איז אַ פלא: דער חתם סופר איז דער טאַטע פון דרוש. ווען כ"ק מרן הברך משה מסאַטמאַר זצ"ל איז געווען אַ יונגערמאַן האָט אים זיין פעטער כ"ק מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע געזאָגט, דו גייסט דאָך זיין אַ רב בישראל, לערן דעריבער אַסאַך דרשות און תורות פון חתם סופר. ס'וועט דיר צונוץ קומען אין דיינע חידושים און אין דיינע דרשות. וכך הוה.

ווי געזאָגט פריער איז כמעט נישטאָ קיין גוטער דרשן אָדער בעל מחדש וואָס זאָל נישט ברענגען פון די חידושים פון חתם סופר. דאָך האָט עס גענומען אַזויפיל יאָרן ביז די חידושים פון חתם סופר זענען צוביסלעך געדרוקט געוואָרן.

## די לאַנגע קייט פון מסירות נפש

אַן אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציע וואָס מיר האָבן נישט געזען אַז די כותבי התולדות און ביאָגראַפן פון חתם סופר זאָלן דאָס באַמערקן אָדער אַרויסברענגען, ומקום הניחו לנו להתגדר: דער חתם סופר האָט דאָך געהאַלטן אַז מ'טאָר נישט דרוקן קיין חידושי תורה סיידן אינגאַנצן לשם שמים. וואו איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערער לשם שמים ווי די לאַנגע קייט פון זעלבסטלאָזע מסירות נפש מיט וואָס די תורות, דרשות, תשובות און חידושים פון חתם סופר זענען געדרוקט געוואָרן?

זיינע ערשטע ספרים וואָס זענען אַרויס פון דרוק, שאלות ותשובות יורה דעה, האָבן זיינע זין מוותר געווען אויף אַלע זייערע הוצאות און הכנסות און אינגאַנצן אַוועקגעגעבן די הכנסות און זייערע רעכטן דערצו צו דעם חתם סופר'ס שטיף אידעם וועלכער איז לגמרי נישט געווען קיין יורש, – נאָר כדי צו העלפן אים מיט פרנסה.

די תורת משה חתם סופר על התורה וואָס דער ערלויער רב בעל התעוררות תשובה האָט אַרויסגעגעבן איז ערמעגליכט און געדרוקט געוואָרן מיט דעם געלט וואָס זיין רביצין האָט פאַרקויפט אירע תכשיטים.

די ערשטע דרשות חתם סופר וואָס רבי יוסף נפתלי שטערן האָט געדרוקט אין שנת תרפ"ט איז "פינאַנסירט" געוואָרן פון דעם נדן און דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס רבי יודא'לע דזשיקעוועער האָט פאַר דעם צוועק אַוועקגעגעבן.

די פאַרבליבענע כתב יד'ן פון חתם סופר, די מאַנוסקריפטן פון די פינף בענדער חתם סופר על התורה און נאָך דרשות, תשובות און חידושים זענען מיט מסירות נפש ממש אויפגעהיטן און געראַטעוועט געוואָרן דורך רבי יוסף נפתלי שטערן אין די לאַגערן פון טראַנסניסטריע.

אַ לאַנגע קייט פון זעלבסטלאָזע מסירת נפש. לגמרי לשם שמים.

רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל האָט ליידער נישט איבערגעלאָזט קיין זרע של קיימא. ער האָט געהאַט אַ בת יחידה, מרת מרים ע"ה, וועלכע איז אַוועק אין יונגען עלטער פון 25 יאָר, י"ח אב תרצ"ח.

י"ד אב תשל"א איז רבי יוסף נפתלי נפטר געוואָרן אין ירושלים, אַרומגענומען מיט דריי פון זיינע נאָענטסטע מקורבים, וועלכע האָבן אים אויך מספיד געווען: הגאון רבי יששכר דוב גאָלדשטיין זצ"ל, מחבר פון "ליקוטי הערות על שו"ת חת"ס"; הגה"צ רבי יוחנן סופר זצ"ל, דער ערלויער רב; הגה"צ רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל, גאב"ד עיה"ק ירושלים, וועלכער איז געווען שטאַרק מקושר צו אים, און וואָס רבי יוסף נפתלי איז געווען זקן ומגדולי תלמידי אביו מהרי"ץ זצ"ל.

רבי יוסף נפתלי האָט טאַקע נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער, אָבער יעדער איד וואָס לערנט פון די ספרי החתם סופר וואָס רבי יוסף נפתלי האָט מהדיר געווען, האָט באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן, איז ער תלמידו כבנו, און ס'איז זיכער אַן עילוי נשמתו פון רבי יוסף נפתלי בן רבי אשר אנשיל זצ"ל, דער מעתיק שמועה און מברר מקחו של צדיק פון הייליגן חתם סופר זי"ע.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

יג

# דער הייליגער חתם סופר



**היסטאָריש באַרימטע און אינטערעסאַנטע תשובות פון חתם סופר – דאַווענען שטילע שמונה עשרה צוזאַמען מיט חזרת הש"ץ איז "די ריכטיגע תפילה בציבור" – דער פולמוס אַרום דער תשובה – דער טויזנט-יעריגער מנהג פון עיכוב תפילה: "ועדיין בילדותי היו נוהגים זה המנהג" – אַ היתר עגונה וואָס נעמט אַ דראַמאַטישן ווענד-פּונקט מיט דער פּלוצים'דיגער ערשיינונג פון מאיר פאַקש, נאָכ'ן נעלם ווערן אויף פיר יאָר**

[פּאָרזעצונג פון פריער]

## "תפילה בציבור" און דער פּאָלעמיק אַרום דער תשובה

אין אַ בריוו צו רבי יהודה אָסאַד, געדרוקט אין "אגרות סופרים" מכתב י"ד און שפּעטער אין ליקוטי תשובות חת"ס לאָנדאָן תשכ"ה, סי' ג', און אין קובץ תשובות סי' ד', שרייבט דער חתם סופר, אַז נישט בלויז מעג מען דאַווענען שטילע שמונה עשרה צוזאַמען און פּאַראַלעל מיט'ן שליח ציבור'ס הויכע שמונה עשרה, נאָר דאָס איז גאָר די ריכטיגע תפילה בציבור.

"ומ"ש אם יש לומר (קדושה) עם הש"ץ כשהיחיד מתפלל עמו, זהו עיקר תפילה בציבור. כי מה שהיחידים כל אחד מתפלל בפני עצמו מקרי תפילת יחיד. רק מה שאחד מוציא רבים זה מקרי צבור. ויעיין מג"א סימן תרפ"ט סק"י. ורק מפני שאי אפשר שיכוונו כולם לש"צ תקנו שיתפלל כל אחד בעצמו, ויהי' ראוי שיאמרו עמו מלה במלה שזהו כמו מוציא רבים י"ח כבמתני' דסוכה (לח, א) גבי הלל שאומר ועונה אחריו מה שהוא אומר אנא ה'. אלא כדי שיסדר ש"ץ תפילתו תקנו בלחש תחלה כמבואר בסוף ר"ה (לד, ב). וא"כ כשאירע שיחיד אומר עם הש"ץ זהו תפלת ציבור האמיתי, ואומר כל סדר קדושה עמו".

דער פסק, און די תשובה, האָט אַרויסגערופן אַ פולמוס בימינו. געווען וואָס האָבן געהאַלטן אַז די תשובה איז אַ זיוף. ס'איז אוממעגליך אַז דער חתם סופר זאָל האָבן געשריבן די תשובה.

הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל (אג"מ או"ח ח"ג סי' ט') שרייבט: "תשובה זו הם דברים מוטעים, שלכן ברור שאין זה מדברי החתם סופר ואין לחוש לתשובה זו". פון שולחן ערוך או"ח סי' נ"ב ס"א און סי' ק"ט ס"ב און פון רמ"א קומט דאָך אויס אַז מ'איז לכתחילה מחויב צו דאַווענען שטילע שמונה עשרה דוקא מיט דער שטילער שמונה עשרה פונעם ציבור און פון בעל תפילה. האַלט דערפאַר הגר"מ פיינשטיין אַז דער בריוו אָדער די תשובה איז נישט אויטענטיש. ס'איז נישט פון חתם סופר.

שרייבט אָבער הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל אין "שבט הלוי" אַז דאָס וואָס הגאון רבי משה פיינשטיין זאָגט "שהם דברים מוטעים" און אַז ס'קען נישט זיין אַן אויטענטישע תשובה פון חתם סופר איז נישט אויסגעהאַלטן.

אין שו"ת "שבט הלוי" (ח"ד או"ח סי' יאָ) שרייבט הגר"ש וואָזנער: "וראיתי להגר"מ פיינשטיין בשו"ת אגרות משה ח"ג או"ח סי' ט' שהביא דברי ח"ס הנ"ל וכתב עליהם שהם דברי טעות, והוסיף לכתוב שהם דברי מוטעים ושאין זה מדברי החת"ס, ובמחילת כבוד תורתו פליטת קולמוס הוא, וכל המכיר בסגנון התשובה יכיר מיד שהם דברי החתם סופר עצמו".

דער שבט הלוי איז מסביר אַז וואָס דער חתם סופר מיינט צו זאָגן איז אַז פּונקט ווי ביי קרבנות זענען פאַראַן צוויי ערליי קרבנות ציבור, פאַראַן דער קרבן פסח למשל וואָס האָט די מעלות פון אַ ציבור, ווייל דער גאַנצער ציבור איז דאָס מקריב, דאָך הייסט עס אַ קרבן יחיד און נישט קיין קרבן ציבור, דאָס זעלבע איז ביים דאַווענען: די הויכע שמונה עשרה פון בעל תפילה איז די העכסטע און אידעאַלסטע מדריגה פון תפילה בציבור און איז פאַקטיש געווען די אָריגינעלע תקנה פון תפילה בציבור.

שרייבט דער שבט הלוי: "ובמחכ"ת לא כן הוא. בודאי מה שהרבה יחידים מתקבצים לעבודת ה' אף על פי שעושים כ"א עבודת יחיד מקרא עבודה בצבור ובנדון שלנו תפלת צבור... אלא שהחת"ס קאמר דדרגת תפילת צבור האמיתי הי' יותר אם הי' זה ע"י ש"צ וכל העם עונים אתו, וזה מדויק

ספר "אגרות סופרים", מיט בילד פונעם מחבר הגאון רבי שלמה סופר זצ"ל, בערעגסאַזער רב, [בעמח"ס חוט המשולש]




בסוף לשון החת"ס ע"ש ותראה.... והשתא אם אירע שאחד איחר והוצרך להתפלל עם הש"צ בחזרת הש"צ קהיב ליה החת"ס מעלת תפלה בצבור דהיינו דרגא ראשונה של תפלת צבור כנ"ל, ופשוט שזה כוונת החת"ס, ואינו כחולק על יסודי הקדמונים הפשוטים השגורים בפי כל, וכל דבריו ביסודי החכמה".

אַודאי איז מען מחוייב צו דאַווענען די שמונה עשרה צוזאַמען מיט די שטילע שמונה עשרה פונעם ציבור. דער חתם סופר אַליין שרייבט דאָך אויך נאָר וא"כ "כשאירע" שיחיד אומר עם הש"ץ זהו תפלת ציבור האמיתי, ואומר כל סדר קדושה עמו.

חוץ מזה שרייבט דער חתם סופר די זעלבע זאַך אין זיינע חידושים אויף ש"ס, (חת"ס על סוגיות הש"ס, ירושלים תרנ"א, סי' כ"ז, דף מו) וואָס קיינער צווייפלט נישט אין זייער אויטענטישקייט, ווי אויך אין חתם סופר על התורה אָנפאַנג פרשת ויקרא, וואו ער שרייבט: "שאפילו אלפים נפשות מישראל מתפללים, כולם קרואים יחידים, כי כל אחד עומד בפני עצמו לבדו, אבל שליח ציבור המוציא רבים ידי חובתם, ומתפלל בשליחותם הוי ליה רבים".

דער "אגרות סופרים", וואו דער בריוו, אָדער תשובה, פון חתם סופר איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך הגאון רבי שלמה סופר זצ"ל, בערעגסאַזער רב, דער בעל מחבר פון חוט המשולש. געוועזן גדולים פאַר דער קריג וואָס האָבן מחולק געווען אויף דער אויטענטישקייט פון געוויסע אַנדערע בריוו וואָס זענען געדרוקט אין אגרות סופרים. למעשה האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַז אַלע בריוו, אויך די וואָס זענען דיספוטירט געוואָרן, זענען אויטענטיש. די אָריגינעלע בריוו, אָדער די ערשטע פאַרלעסליכע העתקות פון די בריוו, עקזיסטירן עד היום.

אָט די תשובה פון תפילה בציבור איז אין תשכ"ה איבערגעדרוקט געוואָרן אין לקוטי תשובות חת"ס (לאָנדאָן תשכ"ה) פון אַ כתב יד פון רבי יוסף בוימגאַרטן פון וויען, אויף וועלכן עס שטייט: "העתקה מעצם הכתי"ק של רבינו החת"ס".

הגאון רבי משה ארי' פריינד גאב"ד ירושלים זצ"ל אין כתבי קודש עטרת יהושע (מדור דבר ה' זו הלכה, מכתב ד') איז אויך ביי דער מיינונג אַז די תשובה קען נישט זיין אויטענטיש, ווייל אין שולחן ערוך און פון די פוסקים קומט אויס אַז דער עיקר תפילה בציבור איז וואָס דער ציבור דאַווענט בלחש, און נישט די הויכע שמונה עשרה פון בעל תפילה.

צווישן די גדולי האחרונים געפינען מיר דעות לכאן ולכאן. דער פרי מגדים (סי' נב, אשל אברהם סוף סק"א און סי' קט אשל אברהם סק"ד) זאָגט אַז דאַווענען שמונה עשרה צוזאַמען מיט חזרת הש"ץ הייסט נישט תפילה בציבור.

דאַקעגן דער בוטשאַטשער רב אין אשל אברהם (או"ח סי' נב סעיף א') זאָגט אַז דאָס וואָס ס'ווערט דאָרט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך אַז ווען איינער קומט אין בית המדרש אינמיטן דאַווענען זאָל ער מדלג זיין כדי צו קענען דאַווענען שמונה עשרה מיט'ן ציבור איז נאָר אויב אָן דעם וועט ער נישט קענען דאַווענען מיט'ן בעל תפילה. טאָמער קען ער אָבער נאָכיאָגן בשלימות איידער דער בעל תפילה הויבט אָן די הויכע שמונה עשרה זאָל ער נישט איבערהיפּן נאָר יתפלל כדרכו "כי אין ספק שכשמתפללים בעת חזרת הש"ץ התפלה הרי זה תפלה עם הציבור ממש, כי הרי יש עשרה דצייתו, והם כעונים ממש לכולי עלמא".

אַזוי האָט זיך אָפּט אויך נוהג געווען כ"ק מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע, וועלכער פלעגט אָפּט דאַווענען די שטילע שמונה עשרה צוזאַמען מיט'ן בעל תפילה'ס חזרת הש"ץ.

אַזוי האָבן אויך גע'פסק'עט דער חזון איש (חזון איש ה' תפילה סי' י"ט אות ז'); דער מנחת יצחק ח"ט סי' ו'; שו"ת באר משה ח"ד סי' י"ב; שו"ת אַז נדברו ח"ד סי' ט"ז; שו"ת להורות נתן ח"ג סי' ג'.

דעם חפץ חיים'ס זון שרייבט אין די תולדות פון זיין טאַטן אַז דער חפץ חיים האָט זיך אָפּט אויך אַזוי נוהג געווען.

פוסקי זמנינו באַטאָנען אָבער אַז לכתחילה און אָן קיין שום סיבה זאָל מען נישט וואַרטן אויף חזרת הש"ץ, נאָר דאַווענען די שטילע שמונה עשרה מיט'ן ציבור.

## "עיכוב תפילה"

אגב הלכות תפילה: במשך פון טויזנט יאָר איז אין אידישע קהילות אין אייראָפּע געווען איינגעפירט אַ מנהג וואָס אויב עמיצער האָט זיך געפילט באַ'עוולה'ט דורך אַ יחיד אָדער דורך אַ ציבור איז ער געווען באַרעכטיגט אָפּצושטעלן דאָס דאַווענען, אָדער נישט לאָזן אַרויסנעמען די ספר תורה צום לייענען, ביז איינער פון די גבאים אָדער פון די ראשי הקהילה שטעלט זיך נעבן אים און פאַרשפּרעכט אַז די קהילה אָדער אַ בית דין וועט אויסהערן זיינע טענות אָדער וועט צווינגען און אויפפאָדערן דעם צו וועמען ער האָט טענות זיך צו שטעלן צו אַ דין תורה.

דער מנהג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט 1200 יאָר צוריק, ווען די ערשטע אידן האָבן זיך באַזעצט אין אשכנז, – אין דייטשלאַנד און דערנאָך אין פראַנקרייך, און שפּעטער ווען דער אשכנזי'שער ישוב האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַנדערע לענדער אין אייראָפּע.

די ערשטע קהילות אין אשכנז, דייטשלאַנד, זענען באַשטאַנען פון געציילטע משפחות פון אידישע סוחרים. די קהילות זענען נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט און האָבן אָפּט נישט פאַרמאָגט קיין בתי דינים און קיין קהל'ישע מוסדות. האָבן די רבנים, פּאַקטיש די ערשטע ראשוני אשכנז, געגעבן די רעכטן פאַר די וואָס זענען געוואָרן באַקריוודעט דורך די תקיפים אָפּצושטעלן דאָס דאַווענען אַלס אַ פּראָטעסט-מיטל קעגן די וואָס האָבן פּראַקטיצירט דעם כל דאלים גבר.

דער ציבור האָט זיך גערעכנט מיט די

תקנות פון די ראשונים פון נישט שטערן די פּראָטעסטירער אין זייער "עיכוב תפלה" אָדער "עיכוב קריאה", נאָכצוקומען זייער פאַרלאַנג און אויסצוהערן זייערע טענות. די מחאות ווערן אין די ראשונים אויך גערופן "לקבול", לצעוק", אָדער "לבטל התמיד".

דער אור זרוע, פון די ראשונים, אין הלכות שבת סימן מ"ה, ברענגט אַ מעשה פון אַ "קבול" אין דער שטאָט קלוניא פון עמיצן וואָס האָט מעכב דאָס דאַווענען און דאָס לייענען גאַנץ שבת פרשת אמור. האָט הרב רבי אליעזר בר' שמעון דעם קומענדיגן שבת גע'פסק'עט צו לייענען אויך די פרשה פון דער פאַרגאַנגענער וואָך: סיי פרשת אמור און סיי פרשת בהר.

על פי רוב איז דער עיכוב תפילה, אָדער דער "קיבול", פּראַקטיצירט געוואָרן ביי שחרית צווישן ישתבח און ברכו, אָדער פאַר קריאת התורה. דער מנהג ווערט אויך דערמאַנט אין שולחן ערוך או"ח הלכות ברכות. כאָטש רוב וואָס לערנען היינט די סימנים אין שולחן ערוך זענען מסתמא נישט תופס די כוונה. דער רמ"א אין סימן נד סעיף ג' שרייבט: "הגה, ומזה נתפשט מה שנהגו בהרבה מקומות לברך חולה או לקבול בבית הכנסת שיעשה לו דין בין ישתבח ליוצר, דכל זה מקרה לצורך מצוה". ווען דער רמ"א זאָגט "לקבול" מיינט ער דעם עיכוב תפלה פּראָטעסט.

אויך דער מחבר אין סימן נז סעיף ב' רעדט פון דעם ווען ער זאָגט: "מקום שנהגו לצעוק על חבריהם בין קדיש וברכו ליוצר אור או לדבר בצרכי רבים טועים הם". וואָס מיינט דאָס דער לצעוק על חבריהם? מיט "לצעוק על חבריהם" מיינט דאָס דער מחבר. און דער רמ"א לייגט צו: "ועיין לעיל סוף סימן נד".

צווישן די חרמים פון רבינו גרשום מאור הגולה איז אויך געווען די תקנה אַז אום שבת אָדער יום טוב זאָל קיינער נישט מעגן מעכב זיין דאָס דאַווענען סיידן ער האָט שוין געפּרואווט דריי מאָל אינדערוואָכן און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאַן מעג ער דאָס טון אויך שבת און יום טוב.

ווען האָט דער מנהג זיך געענדיגט? ווען דער חתם סופר איז געווען אַ קינד, איז דער מנהג נאָך אָנגעגאַנגען. דאַן איז עס בטל געוואָרן. אינטערעסאַנט איז וואָס דער חתם סופר שרייבט אין שו"ת או"ח סימן פ"א:

"וענין זה הוא מנהג קדמוני קדמונים, ועדיין בילדותי היו נוהגים זה המנהג. והיה עומד בבית הכנסת הקדושה במקום שהש"ץ עומד ואינו מניח להתפלל ומבטל התמיד, או ביום הכניסה מעכב להוציא ספר מההיכל, ואין שום אדם רשאי להעבירו משם בחזקה, עד שיבוא הפרנס ויפייסו, שמעותד לעמוד על ימינו. ועש"ע או"ח סס"י נ"ז ובב"י שם. וגזר רבינו גרשום חרם שלא לבטל התפלה בשבת ויו"ט, אם לא כבר בטלו בחול ג' פעמים ודחאו בקש, ושוב אז יש לו רשות לבטלו גם בשבת".

שרייבט ווייטער דער חתם סופר: "ומזה יש לראות כמה פרצה טהרה בישראל, כי כל כך היו אבותינו ז"ל זהירים בקריאת שמע ותפלה בציבור וקריאת התורה עד שיהי' זה להם לכפייה אחרונה, לכוף המסרב ולהעמידו במשפט ע"י שיגרום ביטול התמיד, ועי"ז כל הציבור יעמוד לימינו, ודבר זה הוא חכה לפה אפיקורסי זמנינו".

מיט די לעצטע ווערטער גיט דער חתם סופר לכאורה אָנצוהערן צו די ערשטע רעפאָרמער און מתחדשים בימיו וואָס האָבן געוואָלט אָפּשאַפן תפילה בציבור אינדערוואָכן, אָנווייזנדיג וויאַזוי תפילה בציבור איז במשך פון טויזנט יאָר געווען דער אולטימאַטיווסטער וואָפן אויף צו צווינגען אַזעלכע וואָס וואָלטן אָן דעם געווען מסרבים לדין.

## היתר עגונות

נישטאָ נאָך אַ סוגיא וואָס איז אַזוי פאַרצווייגט, און אַזוי האַרב, ווי די סוגיא פון התרת עגונות. מתיר זיין אַן עגונה איז ווי צו גיין אויף אַ דינעם שטריק, אַ גשר צר מאוד, וואָס שטרעקט זיך איבער אַ טיפן תהום. פון איין זייט איז עס אַ פראַגע פון חמורה שבחמורות, דער איסור פון אשת איש. און פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר אין חז"ל אַסאַך קולא'ס מתיר צו זיין אַן עגונה, ווי די גמרא זאָגט "משום עגונה אקילו בה רבנן".

אין דער צייט וואָס ביי געוויסע הלכות געפינען מיר "והמחמיר תבוא עליו ברכה" שרייבט דער רא"ש, (אין תשובות הרא"ש כלל נא סימן ג): "ראוי לכל מורה לחזור על כל צדדין להתיר".

אין דעת זקנים מבעלי תוספות סוף פרשת שופטים ווערט געברענגט פון רבי יוסף בכור שור אַז דערפאַר האָט די תורה מצווה געווען די מצוה פון עגלה ערופה, ומדדו אל הערים און אַזוי ווייטער, כדי דער פאַל פון דעם מאָרד זאָל אָפּקלונגען און נתפרסם ווערן "ומתוך כך יבואו עדים ויעידו שהוא מת, ולא תשב אשתו עגונה".

דער תשב"ץ שרייבט: "ואמרו חז"ל שכל המרבה לבדוק עד מקום שידו מגעת, ולחפש בנרות שכלו בחורי המפרשים ובסדקיהם למצוא פתח של היתר לעגונות, הרי זה משובח".

דער ישמח משה אין שו"ת השיב משה, אבן העזר סימן ס"ג שרייבט: "והנה ביום אתמול כי יעבור, במוצאי מנוחה, באישון לילה, בנפול תרדמה על אנשים, ורוחי בקרבי יעור לאמור: מה לך נרדם? ועד מתי תטמון ידיך בצלחת ולא תזדקק לדבר מצוה רבה, להתיר בת ישראל מכבלי העיגון".

טויזנטער תשובות זענען במשך פון דורות געשריבן געוואָרן אויף שאלות פון התרת עגונות. דער עמדין אין "שאילת יעב"ץ" א' סימן לב (אגב: דער חתם סופר פלעגט שרייבן "שילת יעב"ץ". ס'איז אָנגענומען אַז דאָס איז דערפאַר ווייל "שילת" איז די ראשי תיבות פון שויתי ה' לנגדי תמיד) שאַצט אַז מסתמא זענען געשריבן געוואָרן צענדליגער טויזנטער תשובות אין עניני עגונות. דער עמדין שרייבט: "אם אספרם, מחול ירבון".

טאַקע דערפאַר, ווייל חז"ל האָבן אַזויפיל מקיל געווען ביי עגונות, ווי למשל עד אחד נאמן, מקבל זיין עדות אשה, עד מפי עד, און אפילו די עדות פון אַ גוי כל זמן ער איז מסיח לפי תומו, האָבן חז"ל דאַקעגן אויך מחמיר געווען כדי ס'זאָל חלילה נישט אַרויסקומען קיין קלקול פון מתיר זיין אַן אשת איש. ווי די גמרא רופט דאָס אָן אם "בא הרוג ברגליו".

פון די גרעסטע און יסודות'דיגסטע חומרות איז די באַקאַנטע חומרה פון "נפל למים שאין להם סוף אשתו אסורה" (יבמות קכא ע"א).

הגם געווענליך גייט מען נאָך רוב און רוב וואָס פאַלן אַריין אין אַ מים שאין להם סוף ווערן ל"ע דערטראָנקען און ראַטעווען זיך נישט, איז מען דאָ, צוליב דער חומרא פון אשת איש, חייש למיעוטא. הגם מיר פסק'ען נישט ווי רבי מאיר וואָס איז חייש למיעוטא זענען מיר דאָ יאָ חייש אויף "דף של ספינה נזדמנה לו" און ער האָט זיך געראַטעוועט.

רב אשי וויל זאָגן דאָרט אין יבמות קכא אַז "הא דאמרו רבנן מים שאין להם סוף אשתו אסורה הני מילי באינש דעלמא, אבל צורבא מרבנן לא, דאי סליק קלא אית ליה". דאָס הייסט אַז אַ תלמיד חכם, אַ באַקאַנטע פיגור, וואָס פאַלט אַריין אין אַ מים שאין להם סוף, איז אויב ער וואָלט זיך געראַטעוועט וואָלט מען זיכער געהערט דערפון. "אי סליק, קלא אית ליה". זאָגט אָבער די גמרא: ולא היא. לא שנא אינשי דעלמא ולא שנא צורבא מרבנן, דיעבד אין לכתחילה לא. דאָס הייסט אַז לכתחילה טאָר זיין ווייב נישט חתונה האָבן.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל קען נישט באַרירט ווערן דאָס גאַנצע לומדות אין די ראשונים און די אחרונים: רוב וחזקה, מיעוט המצוי, אומדנא דמוכח, דער ריב"ש אין שע"ט וועגן רוב און צוויי חזקות – רוב וחזקה איז טאַקע רובא עדיף אָבער דאָ זענען פאַראַן צוויי חזקות: דער מאַן האָט אַ חזקת חי און די פרוי האָט אַ חזקת אשת איש, – רבי חיים וואַלאָזשינער וועגן היתר עגונות צוליב צוויי רוב'ס, די און נאָך לומדות וואָס זענען נוגע דער סוגיא.

וואָס איז אונז דאָ אינטערעסאַנט איז אַן אויפטו פון חתם סופר. דער חתם סופר דערמאָנט דאָס אין 5 תשובות וועגן עגונות. אין אבן העזר ח"א סי' מח, נח און סה, און אין ח"ב סי' קלא און קלח.

דער חתם סופר וויל אויפטון אַז אַזוויוי היינט, ס'הייסט אין די צייטן פון חתם סופר, לעבן מיר דאָך אין אַ נייע וועלט, אין אַ וועלט וואָס פאַרמאָגט אַ נייע טעכנאָלאָגיע וואָס הייסט: אַ פּאָסט-סיסטעם, געוואָרן אַ קליינע און פאַרגעשריטענע וועלט, אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל איז פאַראַן אַ פּאָסט-אָפּיס, מ'קען שיקן בריוו וואָס קומט אָן מיט דער פּאָסט, אַלענפאַלס אין פרידנסצייט, פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, איז נישט מעגליך אַז איינער זאָל נעלם ווערן און נאָך אַזויפיל יאָרן זאָל מען נישט הערן פון אים, צי דורך די פּאָסט, אָדער, ווי ער שרייבט אויף איין פּלאַץ, דורך די צייטונגען.

דער חתם סופר זאָגט אַז די פּאָסט מאַכט יעדן פּאַר אַ צורבא מרבנן וואָס "קלא אית ליה". און טראָץ דעם וואָס די הלכה איז נישט ווי רב אשי לגבי אַ צורבא מרבנן, איז אָבער די קאָמוניקאַציע פון דער היינטיגער וועלט פיל בעסער און ווירקזאַמער ווי דער קול פון אַ צורבא מרבנן בימי הגמרא.

אין 3 תשובות, אַלע דריי אין שו"ת אבן העזר ח"א, – אין סי' מח, נח און סה, – נוצט דער חתם סופר אָט די סברא להיתר. דאַקעגן אין צוויי אַנדערע תשובות, ביידע אין אבן העזר ח"ב, – קל"ה און קל"ח, – ציט ער צוריק פון דער סברא צוליב אַ דראַמאַטישע מעשה שהיה:

## מאיר פּאַקש

דער חתם סופר דערציילט אַ דראַמאַטישע געשעעניש, אַ מעשה פלא, וואָס האָט פּאַסירט ווען דער חתם סופר איז נאָך געווען רב אין מאַטערסדאָרף.

אַ איד וואָס האָט געהייסן מאיר פּאַקש איז צוליב מסחר געפאָרן פאַרקויפן בראַנפן צו סאָלדאַטן נעבן פראָנט. פּלוצים זענען ער און די סאָלדאַטן באַפאַלן געוואָרן דורך רויבער. ער איז באַרויבט געוואָרן פון זיין פאַרמעגן און ער און די סאָלדאַטן זענען אַלע אַנטלאָפן.

במשך פון נאָענט צו פיר יאָר האָט מען נישט געהערט פון מאיר פּאַקש. טראָץ דעם וואָס מען האָט געשיקט בריוו קיין פראַנקפורט, האַמבורג, אַמסטערדאַם און לאָנדאָן האָט מען נישט באַקומען קיין ענטפער. פאַרשוואונדן ווי אַ פיש אין וואַסער.

מיר וועלן ציטירן אויסצוגן פון דער תשובה פון שו"ת חת"ס, אבן העזר חלק ב, תשובה קלח:

"והנה בדידי הוה עובדא בהיותי יושב על כסא הוראה בק"ק מאַטערסדאָרף, היה שם איש אחד ושמו מאיר פּאַקש ועתה הוא דר בעיר וויען, הוא ואשת נעוריו... והתפרנסו בפועל כפיו של האיש מיד לפה כדרך הבינונים שמה, ויהי היום האיש הלך לדרכו עם מעט סחורה יין שרוף אל מקום צבא המלחמה מחנה הקיר"ה, ופתאום נשמע קול כי שודד חיל הקיסר נסו וברחו ומגיפה גדולה היתה בעיר ההוא וכך הוה, והאיש הזה לא חזר אל ביתו, ושהו והוחילו עד בוש כמו שנתיים שנים, ובאו לפני אנשי הק"ק אשר נכמרו רחמים על העלובה הילדה, וכתבנו לקהלות רחוקים להמבורג, קאָפּענהאַגן, פראַנקפורט, לאָנדאָן, ואין קול ואין עונה עד שכולם שפטו במוחלט כי מת במלחמה בלי ספק, כי אלו היה קיים היה בא.... עד עברו עוד כמו שנתיים ימים אח"ז, קרוב לארבעה שנים מיום פרידתו מביתו, ואני בעצמי מהרהר לאמור לולי אין לנו כח לדון באומדנא ולחדש היתר הייתי אומר דבזמנינו לא שייך לומר דלמא מחמת כיסופא ערק לעלמא, דאפילו ערק לעלמא הלא איכא בי דואר דקביע בכל דוכתא, ויכול לכתוב ולהודיע ככה אירע לי וכה אני נמצא וכדומה, ומה זו שתיקה".

"עוד ההרהור הזה ברעיוני, ואנשים באו מוויען לומר שראו מאיר פּאַקש בוויען. וזה מדבר וזה בא... ומיד כתבתי לשם למהר ביאתו לפני. והנה בא האיש לביתו ואתא לקמן. ההוא אמר כי בראותו צרתו צרה כי נשללה ממנו כל סחורתו וכל אשר לו והציגוהו ערום, חשב בנפשו אם יודיע כזאת לאשתו האהובה תגזור אומר שעל כרחך יבוא בערום וחוסר כל, ויסתפקו במועט בפת חרבה ושלוה, על כן התחכם לאחוז פלך השתיקה והרחיק נדוד אל ארץ פלונית הרחק מאוד ממדינתינו, ונשתכר שמה לפונדק אחד עד שהשתכר והרויח איזה מאות זהובים, ועתה חזר לביתו זו אשתו והראה לי כתבים מוכיחים מב"ב שלו ומשרי העיר אשר התגורר שם, עד שראינו שנאמנים דבריו, אז אמרתי ברוך שבחר בהם ובדבריהם של חז"ל, וכל המהרהר אחריהם כאילו מהרהר אחר השכינה".

טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר האָט צוליב דער מעשה מיט מאיר פּאַקש צוריקגעצויגן פון זיין סברא האָט ער ווי געזאָגט פריער אין אַנדערע תשובות יאָ גענוצט די סברא אַלס אַ סניף להתירא.

דער מהרש"ם, דער ברעזשאַנער רב, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין געוואַלדיגער כוחא דהתירא האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם היתר פון אית ליה קלא צוליב דער פּאָסט ווייל דער חתם סופר האָט צוריקגעצויגן פון דער סברא. אַנדערע האָבן עס אָבער יאָ אָנגענומען, אָנווייזנדיג אויף דעם פאַקט וואָס ווען מען קוקט אויף די דאַטומס זעט מען אַז איינע פון די תשובות וואו דער חתם סופר נוצט יאָ די סברא אַלס אַ סניף און אַ צירוף להתירא איז געשריבן געוואָרן שפּעטער ווי די תשובות וואו ער דערציילט די מעשה פון מאיר פּאַקש און ציט צוריק פון דער סברא.

אויף דער סוגיא פון היתר עגונות קען מען נוצן די מליצה אַז עס איז אַ "מים שאין להם סוף". נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה זענען געווען פוסקים וואָס האָבן גענוצט די סברא פון חתם סופר אַלס אַ סניף להתירא. יעדער היתר עגונות איז געבויט אויף אַסאַך יסודות און אַסאַך פון די היתרים ווערן גענוצט אַלס צירופים און סניפים.

אין יעדער תקופה ענדערן זיך די שאלות, און די אומשטענדן, אָנגעהויבן פון די הרוגי ביתר בימי חז"ל, די הרוגים בימי ת"ח ות"ט, די דערטראָנקענע אינעם "טיטאַניק", די אומגעקומענע ביי דער ערשטער וועלט מלחמה, די קדושים פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ביז צו די אומגעקומענע אינעם "וואָרלד טרעיד סענטער" אין ניו יאָרק און די נהרגים אין די מלחמות און אין די טעראָר אַטאַקעס אין ארץ ישראל, ה' ירחם. דערצו מוזן פוסקי זמנינו זיך ספּראַווען מיט נייע מעגליכקייטן און נייע לעזונגען, ווי פינגער-פּרינטס און די. ען. עי.

גדולי ישראל אין אַלע דורות האָבן געהאַט סייעתא דשמיא אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין מכשול דורך זייערע התרת עגונות. אין דער געשיכטע איז כמעט נישט באַקאַנט פון קיין תקלה. אַ זעלטענער פאַל איז באַקאַנט מיט דער מוטער פון חכם צבי וואָס עדים האָבן מעיד געווען אַז איר מאַן איז גע'הרג'עט געוואָרן אין די פּאָגראָמען פון ת"ח ות"ט. צום סוף איז ער געקומען צו גיין אַ לעבעדיגער, בא הרוג ברגליו. פונדעסטוועגן האָט מען איר מן השמים געהיטן, ווייל זי האָט נישט געהאַט חתונה געהאַט צו קיינעם.

אַז מאיר פּאַקש האָט זיך באַוויזן פונקט ווען דער חתם סופר האָט געוואָלט מתיר זיין די עגונה (ווי ער שרייבט דאָס אין אַן אַנדערע תשובה) איז דאָך אויך געווען רגלי חסידיו ישמור.

מער וועגן דעם חתם סופר'ס סייעתא דשמיא אין זיינע תשובות וועגן עגונות פאָלגט אי"ה, ווי אויך נאָך אינטערעסאַנטע תשובות.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

יד

# דער הייליגער חתם סופר



**באַמערקונגען, ציטאַטן און אויסדרוקן, אין זיינע תשובות, תורות און בריוו – סייעתא דשמיא און רוח הקודש אין זיינע תשובות וועגן עגונות – זיין תשובה צו הגאון רבי עקיבא איגר וועגן נישט עובר זיין אויף לא תקיפו ביים קעמען די פאות: "וגם ראיתי למורי הגאון חסיד שבכהונה דעביד הכי" – כ"ק מרן רבינו הק' מסאַטמאַר זצ"ל אין שו"ת דברי יואל סי' טו: "שהרי כל המדינה מלאה מתלמידיו ותלמידי תלמידיו ושמעתתי' מבדרין בפומיהו כל יומא, והכרנו הרבה מישישים וזקנים שנתגדלו על ברכיו, שספרו צעדיו ודבריו כדברי אלקים חיים, גם נדפסו המנהגים מתלמידיו שכתבו כל תנועותיו ז"ל", וועגן חתם סופר'ס דעת קדשו בנוגע דאַטומס און נעמען פון חדשים – פאַרטיידיגן מנהגי ישראל – דעם חתם סופר'ס מליצה: "ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## רוח הקודש הופיע בבית מדרשו

נישטאָ אַ מקצוע בתורה וואָס דער חתם סופר האָט נישט באַרירט און באַהאַנדלט אין זיינע תשובות. און נישטאָ נאָך אַן אחרון ווי דער חתם סופר וואָס שפּעטערדיגע פוסקים און משיבים האָבן באַהאַנדלט, דן געווען און נושא ונותן געווען אין יעדן איינעם פון זיינע תשובות, ממש יעדע איינציגע תשובה בלי שום יוצא מן הכלל. (הגאון רבי ישכר דוב גאָלדשטיין זצ"ל, רב חוג חתם סופר און ר"מ כולל שומרי החומות, ברענגט אין זיין ספר "ליקוטי הערות" בירורים און הערות פון הונדערטער שפּעטערדיגע פוסקים און מחברים אויף יעדן איינעם פון די תשובות פון חתם סופר).

הגה"צ רבי משה קליערס זצ"ל, רב פון טבריה, האָט געזאָגט, אַז אין די תשובות פון חתם סופר "אין שורה בלא חידוש". נישטאָ קיין שורה אָן אַ חידוש. (רבי מתתיהו לוריא, בספרו "שערי לימוד"; "מזקנים אתבונן" עמוד כ"ז, בהערה).

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויך אויף זיינע רעיונות און השקפות. יעדעס וואָרט און יעדער געדאַנק איז אָריגינעל, פילזייטיג-ברייט, גלענצענד טיף, און אַלץ-אַרומנעמענדיג. זיינע רעיונות באַרירן יעדן הינזיכט און יעדן געביט אין פּריוואַטן און אין עפנטליכן לעבן.

באַקאַנט די ווערטער פון ראב"ד אין הלכות לולב פ"ח ה"ה: "כבר הופיע רוח הקודש בבית מדרשינו מכמה שנים, והעלינו שהוא פסול".

זאָגט דער חתם סופר: "אין רוצה לומר רוה"ק כמו שהיה לדוד המלך ע"ה וחבריו, אבל היתה רוח ה' על עוסקי תורה לשמה אשר זוכים לכוון האמת, אפילו אם לפי טבע וחכמתם ושכלם לא ישיגו ידיהם תושיה כזו, מכל מקום הקב"ה בחסדו יהיב חכמה לחכימיא לפי שעה". (שו"ת או"ח סי' ר"ח).

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויפ'ן חתם סופר גופא, – ווי זיין שווער הגה"ק רבי עקיבא איגר, ווי מיר וועלן שוין ברענגען, איז דאָס מעיד אויף אים אין זיינע תשובות.

דעם פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר פאַרענדיגט מיט דער מעשה פון מאיר פאַקש וואָס דער חתם סופר האָט געטראַכט פון אַרויסגעבן אַ היתר פאַר זיין עגונה נאָכדעם וואָס פיר יאָר האָט מען נישט געהערט פון אים, אויך נישט "דורך דער פּאָסט", – וועלכער איז אין דער לעצטער מינוט געקומען צו גיין געזונט און פריש.

וועלן מיר ממשיך זיין מענין לענין באותו ענין.

## "ורוח ה' דיבר בו", – רבי עקיבא איגר אויף אַ תשובה פון חתם סופר

אין שו"ת רבי עקיבא איגר סי' קכ"ח שרייבט הגאון רבי עקיבא איגר וועגן דעם חתם סופר'ס געוואַלדיגע סייעתא דשמיא אין זיינע פסקי הלכה:

"והנה כאשר נשאל חתני חביבי הגאון המפורסם רבי משה נ"י, אב"ד דק"ק פּרעשבורג, על זה, נתן דעתו לדון באם העדים הם קרובים ודן להתיר, ואם כי ראייתו אין מחוור כל כך, ראיתי כמה גדול כחן של צדיקים, כי חידוש היה בעיני שדן ללא נשאל, ואולם אחר שעמד הרב מפילא על החקירה, נודע שבאמת העדים הם קרובים זה לזה, ורוח ה' דיבר בו".

אין אַן אַנדערער תשובה איז דער חתם סופר מברר אַ היתר פאַר אַ געוויסע עגונה. פירט ער אָבער אויס צום סוף: "היות כי ככל הדברים האלה

וכל החזיון הזה עלה על רעיוני משעה ראשונה ומשמים עכבוני בכתיבת תשובה זו, יותר מערך עשר שבועות, וכתבתי מעט, שוב הקיפוני טרדין ונתעכב יום ויומים ועשרה ימים וכן כמה פעמים, עד שאמרתי הלוא דבר הוא דלא מיסתייעא מילתא, על כן קיבלתי עלי בקבלה גמורה שלא לסמוך עלי דידי וכאלו לא נאמרו הדברים ואינני מונע דברי תורה... אך לא יסמכו עלי כלל ואפילו דיבר מכשורי לא בענינא". (אבן העזר ח"א סי' פ')

אין אַן אַנדערע תשובה דערציילט דער חתם סופר פון אַ היתר מאה רבנים וואָס ער האָט דורכגעפירט, וואָס וואָלט געקענט פירן צו לעגאַלע קאָמפּליקאַציעס מצד דער רעגירונג, "והיה לי צער גדול, ומשמים עזרוני שבאו הזוג לכאן והתפשרו שנית, וכתב גט חדש ונתן לה מידו לידה כרצונה". (שו"ת אבן העזר ח"א סי' ד').

אין חוט המשולש דערציילט זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב וועגן אַן אינטערעסאַנטן פאַל פון אַ היתר עגונה: "פעם אחרת בעודו אבדק"ק מטסדורף נשלח אליו שאלה אחת בענין עגונה דאיתתא, וכבר נשאלה שאלה זו משאר גאוני המדינה וכולם הסכימו להתירה. ואחרי קרוא תשובותיהם אמר ברוח קדשו: עפ"י הדין אין לי להשיב ולפרוך דברים בהתירא דהאי איתתא, אבל לבי אומר לי שבעל אשה זו חי. והאשה חששה לדבריו הקדושים ודברים שבלב הוי דברים, ובזמן לא כביר בא בעל האשה חזרה למקומו ולא יאונה לצדיק כל און".

דער חתם סופר האָט אַמאָל באַקומען אַן עגונה שאלה פונעם בית דין פון ניקלשבורג. דעם טאָג וואָס ער האָט ערהאַלטן די שאלה האָט ער אָפּגעשריבן און צוריקגעשיקט זיין תשובה.

ווען די תשובה איז אָנגעקומען קיין ניקלשבורג האָט זיך דאָס בית דין געפונען ביים ניקלשבורגער רב אין שטוב, וועלכער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן. רבי מרדכי בינעט האָט געעפנט די תשובה און אָן דעם וואָס ער זאָל דורכלייענען דעם בירור פון חתם סופר האָט ער בלויז געקוקט אויפ'ן סוף פון דער תשובה, וואו דער חתם סופר איז מתיר די עגונה. האָט רבי מרדכי בינעט געהייסן פאַר זיין בית דין זיי זאָלן גלייך מתיר זיין די עגונה.

דערנאָך האָט ער גענומען קוקן אין דער תשובה. ווען דאָס בית דין האָט געפרעגט צי ער איז אפשר מפקפק דערין האָט דער ניקלשבורגער רב געזאָגט: "חס וחלילה. איך וויל בלויז קוקן אויפ'ן כתב יד פון חתם סופר ווייל עס איז מסוגל ליראת שמים". (רבי יוסף נפתלי שטערן אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר, וואָס האָט דאָס כמה פעמים געהערט פון זיין שווער רבי שלמה אלכסנדרי סופר, וואָס האָט דאָס נאָכגעזאָגט פון זיין טאַטן רבי שמעון סופר וועלכער האָט דאָס געהערט פון ניקלשבורגער ראש בית דין רבי שלמה קוועטש, בעמח"ס שו"ת "חכמת שלמה").

## היתר סריקת פיאות הראש – די תשובה צו רבי עקיבא איגר

וויבאַלד מיר האָבן דערמאַנט אַ תשובה פון רבי עקיבא איגר וועגן חתם סופר וועלן מיר ברענגען אַן אינטערעסאַנטע תשובה פון חתם סופר צו רבי איגר, געשריבן נאָך עטליכע יאָר איידער ער איז געוואָרן זיין איידעם.

ביי אַ נזיר זאָגט די משנה (נזיר מ"ב ע"א) "נזיר חופף ומפספס אבל לא סורק". דאָס הייסט אַז אַ נזיר טאָר זיך נישט קעמען די האָר, צוליב אַ פסיק רישא: ס'איז אוממעגליך און אומפאַרמיידליך עס זאָלן נישט אויסגעריסן ווערן האָר דורך קעמען זיי, און אַ נזיר איז דאָך אסור בתלישת שערות.

האָט הגאון רבי עקיבא איגר אָנגעפרעגט פון חתם סופר: וויאַזוי מען מעג בכלל זיך קעמען די פאות – ס'איז דאָך אַ פסיק רישא פון עובר זיין אויף "לא תקיפו פאת ראשכם"?

ענטפערט אים דער חתם סופר אין שו"ת יו"ד סי' קלט און סי' קמ אַז ערשטנס איז דער מנהג אַז מ'קעמט זיך יאָ די פאות "ולא חזינן לרבנן קשישי דמזהרו בהכי. וגם ראיתי למורי הגאון חסיד שבכהונה מה"ו נתן אַדלער זצ"ל מרי דעובדא דעביד הכי, ש"מ לית דחש להאי מילתא".

דאַן איז דער חתם סופר מסביר פאַרוואָס מ'איז טאַקע נישט חייש פאַר אַ פסיק רישא פון אויסרייסן פאות. ער מאַכט פאַרשידענע חילוקים צווישן דעם איסור פון אַ נזיר און דעם איסור פון לא תקיפו וואָס איז מדאורייתא נאָר אונטער אַ מינימום פון 40 האָר, און אפילו דאַן זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע חילוקים.

## לענגער ווי דער מינימום שיעור פאות: "קדוש יאמר לו"

וואָס שייך די לענג פון די פאות זאָגט דער חתם סופר אויף אַן אַנדער אָרט: "ושיעור הפיאה ברוחב ארבעים שערות סמוך לאוזן, ובאורך כשיעור כל שערה לכוף ראשו לעיקרו, כל שערה זה תחת זה, עד התחלת חיבור לחי התחתון עם העליון, והעולם טועין בפירוש זה וחושבים אורך כל שער ושער יגיע עד לחי הנ"ל, ואינו אמת".

פירט אָבער אויס דער חתם סופר: "ומכל מקום בני ביתי ותלמידי אנו מנהיגים על דרך הזה, אף על פי שיהיה טעות מכל מקום קדוש יאמר לו". (שו"ת החדשות סי' ל').



**כתי"ק פון הייליגן חתם סופר זי"ע**

אינטערעסאַנט: די זעלבע הוכחה וואָס דער חתם סופר נוצט אין זיין תשובה צו רבי עקיבא איגר: "ולא חזינן לרבנן קשישי דמזהרו בהכי, וגם ראיתי למורי הגאון חסיד שבכהונה מה"ו נתן אַדלער זצ"ל מרי דעובדא דעביד הכי, ש"מ לית דחש להאי מילתא", נוצט מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע, אָבער נישט אויפ'ן רבי'ן פון חתם סופר נאָר אויף זיינע תלמידים, לגבי דער דעה פון חתם סופר בנוגע שרייבן דאַטומס און נעמען פון חדשים, שרייבן ניסן און אייר, אַנשטאַט חודש הראשון און חודש השני. דער רבי זי"ע שרייבט אַז ער האָט נישט געזען אַז די תלמידים פון חתם סופר זאָלן זיין נזהר דערין, ממילא דאַרף מען נישט חייש זיין.

אין שו"ת "דברי יואל" או"ח איז דאָ גאָר אַן אינטערעסאַנטע תשובה (סי' טו) וואָס דער רבי האָט געשריבן צום לאַפּאָשער רב, הגאון רבי משה דוד טייטלבוים זצ"ל וועגן שרייבן דאַטומס פון טעג, חדשים און יאָרן, און ספּעציעל וואָס עס איז געווען די מיינונג פון חתם סופר.

דער רבי ברענגט דעם חתם סופר (תורת משה חתם סופר על התורה) פ' בא אויפ'ן פסוק "החודש הזה לכם" וואו דער חתם סופר ברענגט פון רמב"ן אַז דערפאַר האָבן די חדשים נישט קיין נעמען אין דער תורה נאָר חודש הראשון און שני, און די טעג פון דער וואָך האָבן אויך נישט קיין נעמען, כדי די חדשים זאָלן זיין אַ זכר ליציאת מצרים און די טעג פון דער וואָך זאָלן מעיד זיין אויף בריאת שמים וארץ. פירט דאָרט אויס דער חתם סופר: "וזה תוכחת מוסר שנכתוב בהמכתבים וכדומה יום ראשון בשבת וחודש ראשון להעיד על בריאת שמים וארץ ועל יציאת מצרים, לא ח"ו כמספרם של אוה"ע".

איז דער רבי מבאר פון רמב"ן און פון אַנדערע ראשונים ואחרונים אַז דאָס רופן די חדשים ראשון און שני איז אָנגעגאַנגען נאָר ביז צום בית שני. דערנאָך זענען אַדאָפּטירט געוואָרן די פּערסישע נעמען פאַר די חדשים, ווי דער רמב"ן אַליין זאָגט "באשר עלינו מבבל ונתקיים מה שאמר הכתוב ולא יאמר עוד חי ה' אשר העלה את בנ"י מארץ מצרים כי אם חי ה' אשר העלה ואשר הביא את בנ"י מארץ צפון, חזרנו אותו לקרוא החדשים בשם שקוראים בארץ בבל, להזכיר כי שם עמדנו ומשם העלנו הש"י, כי אלה השמות ניסן ואייר וזולתם שמות פרסיים וכו', והנה נזכיר בחדשים הגאולה השנית כאשר עשינו עד הנה בראשונה".

נאָך אַ לאַנגן ביאור, אַז דער חתם סופר מיינט נישט צו זאָגן אַז מען דאַרף רופן די חדשים ראשון, שני, וכו', אַז דער חתם סופר מיינט נאָר לאפוקי פון רופן זיי מיט די נישט אידישע נעמען, שרייבט דער רבי:

"ועכ"פ מה שהביא החת"ס מדברי הרמב"ן האלו תוכחת מוסר לכתוב בהמכתבים חודש א' וב' להעיד על יצ"מ, זה תמוה מאוד, כאשר נתבאר דאף לדעת הרמב"ן ז"ל בע"כ שנתבטל זה אחר גלות בבל, והחת"ס בעצמו בכל תשובותיו כתב החדשים בשם המיוחד ולא הזכיר כלל ראשון ושני, ואיך כתב כאן להיפך. ובמ"ש ליזהר בימים למנות ראשון ושני, זה מבואר יותר בדברי המכילתא והרמב"ן שבפ' יתרו, אבל לפענ"ד כמו שאנו רואין בתשובותיו שלא הי' נזהר בחדשים כנז"ל, כמ"כ נראה ברור שגם בימים א"א לומר שהיה נזהר לקוראן ראשון ושני ולא בשם המיוחד כדברי הרמב"ן והמכילתא, שהרי כל המדינה מלאה מתלמידיו ותלמידי תלמידיו, ושמעתתי' מבדרין בפומיהו כל יומא, והכרנו הרבה מישישים וזקנים שנתגדלו על ברכיו, שספרו כל צעדיו ודבריו כדברי אלקים חיים, גם נדפסו המנהגים מתלמידיו שכתבו כל תנועותיו ז"ל, והאיך אפשר שלא זכרו כולם דבר מפליא כזה שהוא נגד מנהג כל העולם, וקריאת הימים הוא דבר הרגיל ושכיח טובא ברוב דיבוריו של האדם, וכבר כתבו הפוסקים (עיין רמ"א חו"מ סימן ל"ז סעיף כ"ב, וש"ך שם ס"ק ל"ח) דדבר הרגיל ושכיח אף אם לא ראינו הוי ראי', ומכש"כ דברים הנשמעים לכמה אלפים מתלמידיו וצאצאיו ויוצ"ח ז"ל, האיך אפשר שתיכף אחריו העלם כ"כ באופן שלא יזכר ולא יפקד".

וואָס דער חתם סופר מיינט איז נאָר נישט צו באַנוצן זיך מיט די גוי'אישע דאַטומס, און ווי דער רבי זאָגט "וכבר הצטערו ע"ז מאוד הגדולים בדורות שלפנינו והזהירו הרבה ע"ז, ובעוה"ר עכשיו עוד נפרץ בפרצה יתירה כמו שאר פירצות הדור בעו"ה, וכל אשר עינים לו יתן לב ליזהר בדבר וה' ירחם".

וואָס שייך די טעג פון דער וואָך איז אינטערעסאַנט וואָס דער רבי שרייבט ווייטער אין דער תשובה: "חלוקה הב', לספור הימים בשם שאנו רגילין לדבר אך לא במספר ראשון ושני, בדברי המכילתא והרמב"ן מבואר שגם זה אסור, וכן ראיתי כעת שהפמ"ג בהקדמה לס' נוטריקין שלו כתב וז"ל במנין הימים ימי השבוע אין להם שם כ"א יום השבת לבד והשאר נמשכים אחריו, אחד בשבת, שני בשבת, זכרון לשבת כמו"ש הרמב"ן. והגוים יש להם שם לימים כמו זאָנטאָג, מאָנטאָג, ולא יאמר כן בישראל עכ"ל".

פירט אָבער דער רבי אויס: "אבל ראינו מנהג גדולים וקדושים שלא נזהרו בזה והוא מעשה רב, וכבר בירותי בדברים של טעם ליישב דבריהם להלכה וכעין זה כתב גם המהר"ש יפה ז"ל, ובכיוצא בזה אמרו חז"ל (ירושלמי מע"ש פ"ה ה"ב): הלכה רופפת בידך הלך אחר המנהג. ומכ"ש מנהג גדולים וקדושים".

דער לאַפּאָשער רב האָט געהאַט געפרעגט פון רבי'ן הלמאי ער שרייבט קיינמאָל נישט קיין דאַטומס אין זיינע תשובות. דער רבי איז אים מברר אַז ס'איז נישט קיין שום חיוב צו שרייבן אַ דאַטום, אַז מ'איז דערמיט נישט מקיים קיין שום מצוה, ווי דער לאַפּאָשער רב האָט געוואָלט זאָגן. דאָך פאַרענדיגט דער רבי איינעם פון די צוויי תשובות צו אים מיט די ווערטער: "אך אם שלפענ"ד אין בגוף כתיבת הזמן קיום המצוה, אבל זה ודאי שמצוה לשמוע דברי חכמים, לזה הנני מקיים עכשיו דברי חכם כהדרגנ"י במכתבי זה שהוא כתוב וחתום מוש"ק פרשת ויחי התרצ"ד לפ"ג".

## הלך אחר המנהג

נישט משנה צו זיין כמלא נימה פון מנהגי ישראל פאַרנעמט פּאַקטיש אַ וויכטיג אָרט אין די תשובות פון חתם סופר.

"ויען וביען כי קשה מאוד לשבור מנהג ישראל אפילו להקל, וראה כמה הטריח הרא"ש ליישב מנהג קולא כעשיית פרוזבול בזמן הזה, ועיין טור חו"מ סי' ס"ז, והשנה הזאת היא שנת שמיטה ואני נוהג לעצמי לעשות פרוזבול ערב ראש השנה, ברצות ה', וכן ראיתי רבותי נוחי נפש נוהגים, ומכל מקום לא רפרף אחד על מנהג וכן כמה טרחו ליישב היתר בחדש לפני עומר והכל ליישב מנהג, ומכל מקום בעל נפש יחוש לעצמו, וכן מילי טובא, אין למהר לחדש איסור ומכל שכן היתר, כי מנהג ישראל תורה היא. והכלל: החדש אסור מן התורה בכל מקום, והישן ומיושן משובח ממנו". (תשובת חת"ס יו"ד סי' י"ט).

## "ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א"

דער חתם סופר האָט פאָרמולירט די מליצה "ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א" וואָס ער נוצט אין עטליכע תשובות. זע תשובות חת"ס או"ח סי' ק"ג, אה"ע סי' קל, און נאָך.

אין אַ תשובה אין שו"ת אבן העזר ח"א סי' קנ"א שרייבט ער: "כי מיראי הוראה אנכי, וכאשר כתב הגאב"ד שלכם במכתבו אלי, ושנה ושילש כמה פעמים, שאני מתיירא לצאת חוץ לגדר הרמ"א, אני אומר עליו: חכם עדיף מנביא, כי כן הוא, והיא תהילתי ותפארתי".

## חלילה צו באַקריוודען און שטעלן אין געפאַר אפילו די שוואַכסטע אידן, "אפילו מגלי עריות ומחללי שבת, בעיני הוא כגונב נפש ומכרו"

בימיו פון חתם סופר האָט יעדע קהילה געמוזט צושטעלן אַ געוויסע צאָל זעלנער צו דער מיליטער. ישיבה בחורים זענען טאַקע געווען פטור, אָבער חוץ ישיבה בחורים האָט עקזיסטירט אַ קוואָטע וויפיל מענטשן יעדע קהילה מוז צושטעלן צום מיליטער.

האָבן געוויסע קהילה פירער געוואָלט צושטעלן צום מיליטער די שוואַכערע און פּראָסטערע עלעמענטן. שרייבט דער חתם סופר אַז אַזאַ סעלעקציע איז אסור באיסור חמור. דער איינציגער וועג וויאַזוי צו קלייבן די אידישע רעקרוטן איז דורך אַ גורל.

אין אַ תשובה אין לקוטי תשובות סי' כ"ט שרייבט ער: "מהראוי שיעמידו עצמם כולם בשוה לפני העדה ויפילו גורל, ועל מי שיפול הגורל ישתדל לעצמו במה שיכול אם לפדות עצמו בממון, ואם להעמיד אחר במקומו, או ילך בעצמו, וכל ישראל מחויבים לסייעו, ויקר פדיון נפשו. אבל לאנוס אנשים בלי גורל ולומר שהם פוחזים וריקים, אפילו מגלי עריות ומחללי שבת, בעיני הוא כגונב נפשות ומכרו".

## איבער דער אינפלאַציע אין טיטלען וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין בימיו

"בקונטרסו קרא תגר על תואר גאונים. ידע מעלתו מיום שהורגלו בני מדינתו בתואר "גאון אמיתי" גילו ופרסמו שסתם גאון אינו אמיתי, אבל חוששני שגם אמיתי אינו אמת". (שו"ת החדשות ל"ג).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

טו

# דער הייליגער
# חתם סופר



**די צוויי תשובות, י"ב און י"ג, וועגן ירושה ברבנות – די חילוקי דעות צווישן גדולי ישראל איבער דער מיינונג פון חתם סופר – זיינע השקפות און מנהגים בנוגע נעמען; דייק בשמא – צוואת רבי יהודה החסיד**

**דער צווייטער טאָג שבועות איז אַנדערש, און האַרבער, ווי אַנדערע יום טוב שני של גליות, "והוא דבר חידוש, לא ראיתי מי שנתעורר בזה" – יום טוב שני של גלויות וועט אָנגיין אויך לעתיד לבוא: אַלס זכר אויפ'ן גלות פון וואָס מען איז אויסגעלייזט געוואָרן**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## ירושה ביי רבנות

האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז דאָס אַמט פון רבנות גייט בירושה, אָדער נישט?

דער רמב"ם (אין הלכות מלכים פ"א ה"ז) שרייבט: "ולא המלכות בלבד, אלא כל השררות וכל המנויין שבישראל ירושה לבנו ולבן בנו עד עולם, והוא שיהיה הבן ממלא מקום אבותיו בחכמה וביראה. היה ממלא ביראה אעפ"י שאינו ממלא בחכמה, מעמידין אותו במקום אביו ומלמדין אותו". דאָס זעלבע שרייבט דער רמב"ם אין הל' כלי המקדש (פ"ד ה"ב): .."מלמד שהמלכות ירושה, והוא הדין לכל שררה בקרב ישראל, שהזוכה לה זוכה לו ולזרעיו".

אין שולחן ערוך (יו"ד סימן רמ"ה) פסק'עט דער רמ"א: "מי שהוחזק לרב בעיר, אפילו החזיק בעצמו, אין להורידו מגדולתו, אפילו בנו ובן בנו לעולם קודמים לאחרים, כל זמן שממלאים מקום אבותיהם ביראה והם חכמים קצת. ובמקום שיש מנהג לקבל רב לזמן קצוב, או שהמנהג לבחור במי שירצו, הרשות בידם".

אָבער דער מגן אברהם אין או"ח סי' נ"ג (ס"ק ל"ג) ברענגט פון מהרשד"ם (יו"ד סי' פ"ה) "דבחכם הממונה להרביץ תורה או לדון לא אמרינן כן", דער מגן אברהם ברענגט אויך פון רמ"ע מפאַנו אין "עשרה מאמרות" "דכל המנויין שהם כתר תורה אין בניהן קודמין".

אין תשובה י"ב אין שו"ת חת"ס, געשריבן אין שנת תק"פ לפ"ק, פסק'עט דער חתם סופר ווי דער מגן אברהם און דער רמ"ע מפאַנו, אַז רבנות גייט נישט בירושה.

אָבער אין דער נעקסטער תשובה, סי' י"ג, געשריבן מיט צען יאָר שפּעטער, תק"צ לפ"ק, שרייבט ער אַז אַזויווי היינט איז אַ רב מער אַן אָנגעשטעלטער ביי קהל, איז עס לאו דווקא אַ שררה, נישט אויסשליסליך אַ כתר תורה, גייט רבנות יאָ בירושה.

שרייבט ער אין דער צווייטער תשובה, תשובה י"ג: "ואמנם היום חזרתי ועיינתי בזה לקיים דברי הרמ"א סוף סימן רמ"ה, דודאי נשיא התורה בזמן חז"ל היה כעין מינוי קדושה לבד, לא שירות, וזה איננו בירושה, אך עכשיו הוא כמשועבד לקהל לעשות צרכיהם בשכר, ולא גרע מש"ץ, ואטו מפני שהוא ג"כ שר בתורה מגרע גרע, הרי קמן דמהלל ואילך אע"פ שהיה נשיא תורה מכל מקום כיון דפתיך בהו ג"כ זכר למלכות בית דוד ירשו בניהם, הכי נמי דכוותיה. ובו"ה שזכיתי להפך בזכותי' דתלמידי חכמים ובניהם אחריהם".

צווישן גדולי ישראל אין אונגאַרן זענען געווען חילוקי דעות צי דער חתם סופר האָט טאַקע חוזר געווען פון זיין אָריגינעלן פסק אַז ס'איז נישטאָ קיין ירושה ברבנות אָדער האָט ער געהאַלטן אַז ס'ווענדט זיך אין די ספּעציפישע אומשטענדן.

רוב תלמידי החתם סופר האָבן געהאַלטן אַז דער חתם סופר האָט אין תשובה י"ג חוזר געווען פון וואָס ער האָט געשריבן אין תשובה י"ב. אַזוי שרייבט דער מהר"ם שיק (שו"ת סימן רכ"ח), און אַזוי ברענגט דער לבושי מרדכי אין נאָמען פון זיין רבי'ן הג"ר יצחק אהרן לאַנדסבערג ז"ל אבד"ק גראָסוואַרדיין, אַ לאַנגיאָריגער תלמיד פון חתם סופר, אַז די ערשטע תשובה פון "אין ירושה ברבנות" איז נאָר געווען אַ הוראת שעה. אַנדערע תלמידי און תלמידי תלמידיו פון חתם סופר האָבן דאַקעגן געהאַלטן אַז

די צווייטע תשובה, אַז רבנות גייט יאָ בירושה, איז געווען אַ הוראת שעה.

אין אגרות סופרים ברענגט דער בערעגסאַזער רב אַ בריוו פון הג"ר שמעון סופר, קראָקעווער רב זצ"ל (כתבי רבי שמעון סופר סימן מ"ו, ווי אויך אין שו"ת מכתב סופר יו"ד סימן כ"ג), וואו ער שרייבט צו אַ קהילה וואָס האָט נישט געוואָלט אויפנעמען זייער רב'ס זון אַלס ממלא מקום: "אשאלה נא לאלו המראים מקום בתשובת חתם סופר חלק או"ח סי' י"ב, למה העלימו עיניהם ממה שכתב אאמ"ו זצ"ל בסימן י"ג בסוף הסימן שם בדיבור המתחיל ואמנם היום חזרתי ועיינתי בזה לקיים דברי הרמ"א סוף סימן רמ"ה ומסיים ברוך ה' שזכיתי להפך בזכותי' דתלמידי חכמים ובניהם אחריהם עכ"ל אאמ"ו מאוה"ג זצ"ל זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. הרי שקיים דברי הרמ"א שבזמנינו שהרבנים משועבדים להקהלות ולא להורות וללמוד וללמד לבד, אלא בכל הנהגות הקהלות, ראוי הבן על פי דין תורה לנחלת אבותיו למלאות מקומו, וכן הנהיג אאמ"ו מאוה"ג בסוף ימיו בכל מדינת אונגאַרן, וכן נוהגין עד היום הזה מצד הדין ומצד הטוב והישר בעיני אלקים ואדם".

אינטערעסאַנט איז אַז אָפּגעזען פון זיין מיינונג לגבי ירושה ברבנות האָט ער אַליין לגבי זיין אייגענער רבנות אין פּרעשבורג נישט גע'פסק'עט אַז דאָס באַלאַנגט בירושה צו זיין זון, טראָץ זיין שטאַרקן רצון אַז זיין זון דער כתב סופר זאָל זיין ממלא מקומו ברבנות.

דער חתם סופר האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין צוואה אין שנת תקצ"ז (שנת "זכור אזכרנו עוד" לפ"ק). אין די קומענדיגע 3 יאָר האָט ער צוגעלייגט נאָך צוויי הוספות צו דער צוואה.

אין דער ערשטער הוספה באַציט ער זיך צו דער רבנות פון פּרעשבורג נאָך זיין הסתלקות. ער שרייבט: "ונא לא יהיה כסא הרבנות פנוי יותר משתי שנים, ולא תושיבו עליו כי אם תלמיד חכם מפורסם וכו'".

אין דער צווייטער הוספה שרייבט ער וועגן זיין זון דער כתב סופר: "ומה טוב אם בני הנחמד מו"ה אברהם שמואל בנימין נ"י יאמר השיעור ברבים, ואתם תשמעו ממנו וכו'".

ווערט דערציילט אין חוט המשולש (מהדו"ת עמ' רצ"ב) אַז אַ טאָג פאַר דער הסתלקות האָבן די פּרעשבורגער ראשי הקהילה געשריבן צום חתם סופר "מכתב למרן ז"ל, וז"ל בתוך הדברים, יען שאנו רואים שרבינו הוא לעת זקנתו וגם אינו בבריאות גופו, ה' יחזקהו וירפאהו מהרה, בכן אנו מבקשים מרבינו שיסמוך את בנו הגדול שיהיה לו לסגן ללמוד עם הישיבה ולהורות הוראה, ולאחר אריכות ימיו מאה ועשרים שנה יהיה בנו הרב המאור הגדול יושב על כסא הרבנות תחת אדונינו".

ווען דער חתם סופר האָט אָפּגעלייענט דעם בריוו, שרייבט דער חוט המשולש, "שמח מאוד ונתן שבח והודיה לה' על החסד שעשה עמו".

## מער ווי איין נאָמען

האָבנדיג דערמאָנט דעם כתב סופר ביי זיינע דריי נעמען, רבי אברהם שמואל בנימין, וועלן מיר ווידמען דעם קומענדיגן פראַגמענט צו דער סוגיא פון נעמען אין לעבן און אין דער השקפה פון חתם סופר:

טויזנטער יאָרן האָבן אידן געהאַט נישט מער ווי איין נאָמען. דער איינפיר פון האָבן מער ווי איין נאָמען האָט קענטיג זיך אָנגעהויבן מער-ווייניגער בזמנו, און אַ דור פריער, פון חתם סופר.

אין תשובות חתם סופר אבהע"ז ח"ב סי' י"ח שרייבט דער חתם סופר: "נ"ל דלפנים לא הי' נוהגים לקרות בשני שמות בבת אחת, כי חדשים מקרוב באו. ואפילו יעקב אבינו ע"ה לא מצינו שנקרא יעקב ישראל בפעם אחת, היינו שאפילו יעקב אבינו שהמלאך קרא את שמו ישראל, ומצינו שנקרא אחר כך גם יעקב וגם ישראל, אולם לא מצינו שהוא נקרא בשני השמות בבת אחת, כי לא היו נוהגים לקרוא אדם אחד בשני שמות, ולא מצינו בכל השמות שבתנ"ך וש"ס ופוסקים שיקרא אחד בבת אחת בב' שמות ביחד".

אַ דור פאַר'ן חתם סופר שרייבט דער נודע ביהודה געגנוי דאָס זעלבע. אין שו"ת נודע ביהודה (תנינא או"ח סי' קי"ג), אין אַ תשובה צו הג"ר ישעי' פיק בערלין זצ"ל שרייבט ער: "ואני לחולשת זכרוני אינני זוכר בשום מקום בש"ס שום תנא או אמורא שהיה נזכר בשני שמות ושניהם שם העצם".






בילד און מצבה פונעם פרעשבורגער רב דער "כתב סופר" הגאון רבי אברהם שמואל בנימין זצוק"ל

דאָס זעלבע שרייבט אויך הג"ר אפרים זלמן מרגליות זצ"ל, אַ בן דור פון חתם סופר, אין דער הקדמה צו זיין ספר טיב גיטין: "נתחדש ענין במדינות אלו לקרוא לפניהם בשמות כפולים וכו' וראה זה דבר חדש בימינו. כי בדורות שלפנים לא נמצא מי שיהיה נקרא בשמות כפולים כי אם אחד מני אלף".

שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי איז עס אַז דער חתם סופר האָט יאָ געגעבן דריי נעמען פאַר זיין זון דעם כתב סופר: "אברהם שמואל בנימין"?

איז דער ענטפער: אברהם איז אַ נאָמען וואָס מען האָט אים צוגעגעבן ווען ער איז אין עלטער פון 6 יאָר געווען מסוכן קראַנק ל"ע. שמואל איז ער געווען אַ נאָמען נאָך דעם חתם סופר'ס פאָטער. דער חתם סופר האָט אים אָבער נישט געוואָלט רופן שמואל און אַרויסזאָגן זיין טאַטנ'ס נאָמען, כאָטש מעיקר הדין איז נישטאָ דערין קיין שום איסור (ווי עס ווערט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך יו"ד סי' ר"מ סעיף ב'), האָט ער פאַר זיך מחמיר געווען צוליב מכבדו במותו. האָט ער אים צוגעגעבן דעם נאָמען בנימין וואָלף נאָך זיין רעבעצינ'ס עלטער פעטער הג"ר בנימין וואָלף איגר זצ"ל, ברודער פון רבי עקיבא איגר'ס מוטער. (וואָלף איז אויך אַ כינוי פאַר בנימין: "בנימין זאב יטרף").

אין שו"ת כתב סופר (יו"ד סי' ק"ו ד"ה והלום) שרייבט דער כתב סופר: "אדוני דודי מאור ישראל מו"ה וואָלף איגר זצ"ל אשר שמי נקרא עליו".

אין ספר "אלף כתב" (ח"ב סימן תשכ"ד) שרייבט דער ווערבויער רב, אַז דער חתם סופר האָט דעם כתב סופר שטענדיג גערופן "וואָלף", כדי נישט אַרויסצוזאָגן זיין פאָטער'ס נאָמען "שמואל".

דער חתם סופר האָט געהאַט אַן ענין צו געבן נעמען נאָך זיידעס און משפחה, נישט נאָך זיינע רבי'ס. זיין תלמיד הג"ר חיים סופר זצ"ל, דער בעל מחנה חיים, שרייבט אין אַ בריוו צו הג"ר ירמי' לעוו זצ"ל, אבד"ק אוהעל: "רק עכשיו זכיתי לירד לסוף דעתו של אדמ"ו החתם סופר ז"ל שלא נתן לאחד מבניו שמו של רבו המובהק רבי נתן אַדלער, אע"פ שלא נשארו לו בנים".

נישט בלויז נאָך זיידעס נאָר אויך נאָך פעטערס. דער כתב סופר האָט ווי געזאָגט געהייסן בנימין וואָלף נאָך זיין עלטער פעטער רבי בנימין וואָלף איגר, און דעם חתם סופר'ס דריטער זון, רבי יוסף יוזפא, האָט געהייסן נאָכ'ן חתם סופר'ס ברודער ר' יוסף יוזפא, וועלכער איז נפטר געוואָרן ט"ז אדר ב' שנת תקפ"א אָן קינדער און דער חתם סופר האָט געגעבן חליצה פאַר זיין אלמנה.

## דייק בשמא

אויף עטליכע ערטער וואונדערט זיך דער חתם סופר אויף דעם נאָמען "קרח". אין חתם סופר על התורה, פרשת קרח: "קרח בן יצהר, אני תמה על צדיקים בני לוי שקראו שם בנם קרח שהוא שם מאלופי עשו, כדכתיב ואלה בני אהליבמה אשת קרח, וקיי"ל רשעים לא מסקינן בשמייהו (יומא ל"ח), וחזי מה עלתה בי'".

דאָס זעלבע שרייבט ער אויך אין שו"ת אה"ע ח"ב סי' כ"ב: "קרא יצהר את בנו קרח, והוא שם אלופי אדום, ולא נזהרו כי שם רשעים ירקב, וחזי מה עלתה ביה בקרח".

אין דער תשובה וואונדערט ער זיך אויך אויף דעם נאָמען שאול, – שאול בן הכנענית און שאול מלך ישראל בחיר ה'. שאול איז דאָך דער נאָמען פון שאול מרחובות הנהר ממלכי אדום. ברענגט ער אין דער תשובה פון ספר טיב גיטין, אַז טאַקע דערפאַר רופט מען די אַלע וואָס הייסן שאול מיט'ן נאָמען שואל. די תשובה איז געשריבן געוואָרן צו הגאון רבי שאול לאַנדאָ, אבד"ק קראָקאָ, וועלכער האָט אים אָנגעפרעגט וועגן דעם נאָמען זימל ביי שמות גיטין.

אויף אַן אַנדער אָרט, אין חתם סופר על התורה פרשת בא (ד"ה ר"פ כל המנחות) שרייבט דער חתם סופר: "דבר גדול הוא שיווי השמות, כי מי שנקרא שמו על שם רשע אין סופו טוב כדאחז"ל על דואג בן יוסף, וכן בקרח שנקרא כשם אלוף קרח ולא הי' סופו טוב, ומכל שכן מי שנקרא בשם הצדיק שיהי' טוב ומוטב, שהרי מדה טובה מרובה, ומכל שכן אם יהי' גם ממשפחתו".

דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע זאָגט דאָס זעלבע אין ספה"ק נועם אלימלך (פ' לך ד"ה אחר הדברים האלה): "שלפעמים שמא גרים, היינו השם שהוא נקרא כשם אדם כשר וישר, זה גורם לאדם שיהיה צדיק, למשל מי ששמו אברהם ורוצה לעבוד השי"ת ב"ה, אזי השם גורם ומסייע לו שיה' צדיק".

צווישן תימנ'ער אידן איז פאַראַן עד היום אַ פּראָמינענטע משפחה פון רבנים און דיינים מיט דער פאַמיליע נאָמען קרח. טייל פון זיי שרייבן עס טאַקע צוליב דעם "קורח", מיט אַ וא"ו.

## די תשובה וועגן צוואת רבי יהודה החסיד בנוגע זעלביגע נעמען ביי שידוכים

אין תשובות חלק אבן העזר סוף סימן קטז שרייבט דער חתם סופר: "על דבר מי שרוצה לדבק בבן טובים בחור וטוב, אלא דחייש מה שאומרים העולם משום שמות הבחור עם החותן, ושם אמו כשם אמה של המשודכת, אהובי, מאַן דלא קפיד לא קפדינן בהדיה, ובפרט דאיכא כאן זכות תורה, דאפילו אדבית עלי מתכפר בתורה וגמ"ח, מכל שכן כי באמת לא מצאתי חשש זה בספר חסידים כלל, כי אם בסימן תע"ז שם נאמר דלא ישאו האב והבן ובן הבן שלש נשים ששמות שלשתן שוות, ותו לא נמצא דבר. וזהו חיבורו של רבינו יהודה החסיד, שמע מינה דליכא קפידה במידי אחרינא, ויהיה זיווגם עולה יפה".

לויט ווי דער ערוגת הבושם (סימן רי"ז) איז מסביר די תשובה האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז מען דאַרף נאָר חייש זיין פון וואָס ס'שטייט אין ספר חסידים גופא. וואָס ס'שטייט אָבער אין צוואת רבי יהודה החסיד האָט ער געהאַלטן אַז די צוואה האָט רבי יהודה החסיד געשריבן נאָר פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך, מה שאין כן פרעמדע איז נאָר מאַן דקפיד מוז מקפיד זיין, אָבער מאַן דלא קפיד נישט.

דער חתם סופר האָט געגעבן פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער ייטל איינעם פון זיינע חשוב'ע תלמידים, הבחור ישראל גייגער. דער מחותן, דער פאָטער פון ישראל גייגער, האָט אָבער געהייסן משה, אַזוי ווי דער חתם סופר, און זיין מוטער האָט געהייסן ייטל, ווי דעם חתם סופר'ס טאָכטער. איז אין אגרות סופרים פאַראַן אַ בריוו, מכתב כ"ה, וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו זיין צוקונפטיגן מחותן, איידער דער שידוך איז געוואָרן, אַז צוויי פון זיינע, דעם חתם סופר'ס, זיידעס, האָבן אויך געהאַט דעם זעלבן נאָמען. שרייבט דער חתם סופר:

"הנה מוז"ה מהרשש"ך (רבי שמואל שאַטין) והגאון מו"ה שמואל חיים ישעיה נתחתנו, ומזרעו קאתינא, ולא חוששני לשיווי שם האבות, כי כל מה שלא נזכר בספר חסידים עצמו, כי אם בצוואתו אין לחוש כי אם זרעו ממשפחת החסיד זצ"ל, אבל האמור בספר חסידים עצמו בסימן תע"ז מעניני זיווגים

יש לחוש״.

פונדעסטוועגן האָט דער חתם סופר צוגעגעבן אַ נאָמען פאַר זיין טאָכטער ייטל: חנה ייטל. אין אַן אַנדערן בריוו אין אגרות סופרים, מכתב כ״ט, געשריבן צו זיין מחותן הג״ר משה גייגער און צו זיין צוקונפטיגן איידעם רבי ישראל, שרייבט דער חתם סופר: ״והא דידן עדיף, שהרי שם הגבירה (רבי ישראל׳ס מוטער) גיטל, ושם יוטה נשתכח כבר, וליתר שאת אכתוב שם בתי ״חנה ייטל״.

אין ספר שו״ת משפטיך ליעקב״ (יו״ד סי׳ מ״ב) ברענגט דער בעל ויגד יעקב דעם בריוו און זאָגט אַז דער חתם סופר האָט קענטיג מקפיד געווען אויף שמות כלה וחמותה ווייל דאָס שטייט טאַקע אין ספר חסידים (סי׳ תע״ז) אַליין.

כידוע, און ווי עס ווערט געברענגט, האָט דער חתם סופר געוואָלט נעמען זיין תלמיד רבי משה שיק, דער מהר״ם שיק, פאַר אַן איידעם. פאַראַן עטליכע גירסאות פאַרוואָס ס׳איז נישט געוואָרן. לויט איין גירסא (געברענגט אויך אין די תולדות אָנפאַנג ספר דרשות מהר״ם שיק) האָט דער חתם סופר מציע געווען דעם שידוך פאַר׳ן מהר״ם שיק און ווען דער מהר״ם שיק האָט געפרעגט ״און וואָס איז מכח די נעמען?״ האָט דער חתם סופר געענטפערט אַז אויב אַזוי אַז ער, דער מהר״ם שיק, איז מקפיד דערויף, קען עס טאַקע נישט ווערן. ווידער אין די תולדות אין ספר מהר״ם שיק על אבות ווערט געברענגט אַז פאַראַן אויך אַ גירסא וואָס זאָגט אַז דערפאַר איז דער שידוך נישט צושטאַנד געקומען ווייל דער מהר״ם שיק האָט שוין געהאַט געגעבן אַן ענטפער פאַר אַ שדכן וועגן זיין גרייטקייט צו טון אַ צווייטן שידוך.

דעם חתם סופר׳ס איידעם רבי משה טובי׳ לעהמאַן דער מאַן פון זיין טאָכטער שמחה לעהמאַן, האָט אָריגינעל געהייסן בלויז משה. ווען דער שידוך איז געוואָרן האָט דער חתם סופר געזאָגט פאַר זיין זון רבי שמעון סופר אַז מען דאַרף אים צוגעבן נאָך אַ נאָמען. האָט רבי שמעון סופר אים צוגעגעבן דעם נאָמען טובי׳.

אגב: דעם חתם סופר׳ס ערשטער שווער האָט אויך געהייסן משה, – הג״ר משה יערוויץ זצ״ל.

## פאַרוואָס צוויי טעג שבועות? ״לא ראיתי מי שנתעורר בזה״

אין עטליכע תשובות (שו״ת או״ח סוף סימן קמ״ה, יו״ד סי׳ ר״נ, ווי אויך אין חידושי ביצה כ״ד ע״ב) וואונדערט זיך דער חתם סופר פאַרוואָס שבועות איז צוויי טעג יום טוב. דער טעם פאַרוואָס מיר מאַכן היינט צוויי טעג יום טוב, כאָטש מיר זענען בקי בקביעא דירחא, איז צוליב ״הזהרו במנהג אבותיכם בידיכם״ (ביצה ד׳ ע״ב). שבועות איז דאָך אָבער נישטאָ דער מנהג אבותינו, ווייל אפילו בימיהם, ווען מען האָט מקדש געווען על פי ראיה, האָבן אַלע, אפילו די וואָס וואוינען ווייט, נישט געמוזט האַלטן צוויי טעג. פאַרוואָס נישט?

שבועות איז 50 טאָג נאָכ׳ן צווייטן טאָג פסח. האָבן דאָך ביז שבועות שוין אַלע געוואוסט ווען ס׳איז געווען ראש חודש ניסן און ווען ס׳איז געווען דער צווייטער טאָג פסח. ווייל ווען רוב חודש איז אַריבער זאָגט דאָך די גמרא אין סנהדרין (מ״א ע״ב) זענען די שלוחים שוין אָנגעקומען אפילו אין די ווייטסטע מרחקים. איז דאָך זיכער אַז ווען גאַנץ ניסן און גאַנץ אייר זענען פאַריבער האָבן שוין אַלע געוואוסט ווען ס׳איז געווען דער צווייטער טאָג פסח און ווען ס׳דאַרף זיין שבועות. האָט מען דאָך נישט געהאַלטן קיין צווייטן טאָג שבועות. טאָ, פרעגט דער חתם סופר, פאַרוואָס האַלטן מיר אַ צווייטן טאָג שבועות צוליב מנהג אבותיכם בידיכם, שבועות איז דאָך נישט

## יום טוב שני של גליות וועט אָנגיין אויך נאָך דער גאולה העתידה

### אַ זכר אויפ׳ן גלות פון וואָס מען איז אויסגעלייזט געוואָרן

נאָך אַ גלענצנדער אָריגינעלער חידוש: דער חתם סופר זאָגט אויף עטליכע פלעצער אַז לעתיד לבוא נאָך ביאת המשיח וועט יום טוב שני של גליות נישט בטל ווערן. מען וועט ווייטער מאַכן צוויי טעג יום טוב און דער צווייטער טאָג יום טוב, דער יום טוב שני של גליות, וועט זיין אַ זכר אויפ׳ן גלות פון וואָס מען איז אויסגעלייזט געוואָרן.

״לפע״ד לעתיד לבוא במהרה בימינו לא יעקרו ב׳ יי״ט של גליות ממקומם כלל וכלל, כי זה יהי׳ לזכר שהיינו בגלות והעלנו ה׳ ופדה נפשינו מכל צרה״. (דרשות חתם סופר ח״ב, ער״ב ד׳).

״וע״כ יעשו ב׳ ימים טובים של גאולתינו ולא של גליות, והרווחנו בזה מ״ש מג״א ריש סי׳ תצ״ד בשם רמ״ע (מפאנו) דהתורה ניתנה ביום נ״א לספירה דבא לרמוז לנו יו״ט של גליות, וחלילה לרמוז בשעת שמחת לבו מתן תורה יו״ט ב׳ של גליות, ובו ביום נעשו חירות מאומות העולם, וגלות מאן דכר שמיה, אע״כ – ביו״ט של גאולה אחרונה רמוז לנו, אשרי המחכה ויגיע״. (חתם סופר על הש״ס, ביצה ד:).

געווען אַזאַ מנהג?

איז דער חתם סופר מחדש אַז שבועות האָט מען תמיד געהאַלטן צוויי טעג, – נישט אַלס ספיקא דיומא נאָר אַלס אַ גזירה מדרבנן כדי מען זאָל נישט מזלזל זיין אין די יום טוב שני׳ס פון די אַנדערע ימים טובים, פסח און סוכות. און היות ווי דער צווייטער טאָג שבועות איז קיינמאָל נישט געווען צוליב ספיקא דיומא נאָר צוליב אַ גזירה דרבנן, איז דער חתם סופר מחדש, איז דער צווייטער טאָג שבועות האַרבער ווי די צווייטע טעג פון אַנדערע ימים טובים.

אָט איז אַן אויסצוג פון דער תשובה אין יו״ד סי׳ ר״נ: ״וא״כ מאין בא לנו ב׳ יי״ט בשבועות. וע״כ צריך לומר דשבועות עשו לעולם ב׳ יי״ט מדרבנן שלא לזלזל בשארי יי״ט, כדאמרינן במקום שמגיעים שלוחי ניסן ולא שלוחי תשרי צריכים לעשות ב׳ ימים משום גזירה הני אטו הני, וה״נ בשבועות בכל מקום, והוא דבר חידוש, לא ראיתי מי שנתעורר בזה״.

אין דער תשובה אין או״ח סי קמה, געשריבן צו הגאון רבי שלמה קלוגער, שרייבט דער חתם סופר: ״ועד אז כבר נתפרסם בכל העולם קביעי דניסן, וא״כ גם אבותינו לא עשו מספק, וצ״ל משום גזירה אטו פסח וסוכות, וא״כ ממילא חמור טפי״.

קען מען זאָגן אַ מליצה: יום אחד הוסיף משה מדעתו, דער הייליגער חתם סופר האָט מוסיף און מחדש געווען אַז דער צווייטער טאָג שבועות איז האַרבער ווי אַנדערע ימים טובים של גליות.

[המשך קומט אי״ה]

# דער הייליגער חתם סופר



**"ויהי ערב ויהי בוקר יום השישי", תשובה י': די תשובה צו הגאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן און הגאון רבי מרדכי זאב איטינגא וועגן "כל פסוקא דלא פסקיה משה" – דאָס וואָרט פון חתם סופר'ס מחותן – די צוויי גאונים פון לעמבערג און זייערע בשותפות'דיגע חיבורים – די שאַרפע תשובה צו דעם זעלטענעם יונגן עילוי וואָס האָט מחבר געווען אַ קונטרס קעגן די צוויי גדולי עולם און זייער ספר "מפרשי הים" – תשובות ט"ו און ט"ז וועגן נוסח אשכנז און בגדי צמר – "לעצתי ישמע, ועכ"פ בהתפלל עמהם ילבש בגד פשתן או משי, אבל לא מן הדין אלא מפני דרכי שלום"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## כל פסוקא דלא פסקיה משה

"הגאונים צנתרי הזהב תרי גיסי ה"ה כקש"ת מה"ו מרדכי זאב ומה"ו יוסף שאול נ"י". מיט די ווערטער הויבט זיך אָן תשובה י' אין שו"ת חת"ס או"ח.

די צוויי שוואָגערס צו וועמען דער חתם סופר אַדרעסירט די תשובה זענען געווען די גאוני עולם פון גאַליציע רבי מרדכי זאב איטינגא און הגאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן, דער בעל שו"ת שואל ומשיב, דער שפּעטערדיגער רב פון לבוב/לעמבערג.

די צוויי גאונים זענען געווען שוואָגערס, – רבי יוסף שאול איז געווען אַן איידעם ביי רבי מרדכי זאב'ס פאָטער, ר' יצחק אהרן איטינגא, – און אויך נאָענטע קרובים: ביידע זענען געווען אייניקלעך פון לעמבערגער רב רבי מרדכי זאב אָרענשטיין. חוץ שוואָגערס און קאָזינס זענען זיי געווען נאָענטע חברים. נאָך די חתונה האָבן זיי יאָרן לאַנג געלערנט בחברותא.

אויב דאָס איז נישט גענוג האָבן זיי געטאָן וואָס פאַר זיי און נאָך זיי האָט כמעט קיינער נישט באַוויזן צו טון: זיי האָבן צוזאַמען, בשותפות'דיג, מחבר געווען ספרים. זעקס ספרים האָבן זיי צוזאַמען פאַרפאַסט און אַרויסגעגעבן בעת זייער לערנען בחברותא.

אין דער הקדמה צו זייער ספר "מפרשי הים", אַ פירוש, הגהות און הערות אויף דעם ספר "הים התלמוד" פון זייער געמיינזאַמען פעטער רבי משה יהושע העשיל אָרענשטיין, ברודער פון לעמבערגער רב רבי יעקב אָרענשטיין דער בעל "ישועות יעקב", שרייבן זיי: "ואף בימים אלו תהילה לקל לא נגרע דבר מהשיעורים תמידין כסדרם אשר לנו, ובפנות היום שעה ושתיים שמנו פנינו לזה". דער ספר האָט געקראָגן די הסכמות פון רבי עקיבא איגר, דער חתם סופר, רבי מרדכי בנעט, רבי יעקב מליסא דער בעל חוות דעת ונתיבות, און רבי אפרים זלמן מרגליות.

צווישן זייערע בשותפות'דיגע חיבורים געפינען זיך אויך: "נר מערבי" אויפ'ן ירושלמי, אַ סאָרט מסורת הש"ס, תורה אור און נר מצוה, ענליך צו דער אַרבעט פון רבי יהושע בועז און רבי ישעי' פיק בערלין אויף תלמוד בבלי; דער ספר "מאירת עיניים" אויף הלכות טריפות; "מגן גבורים" אויף שולחן ערוך אורח חיים; און שו"ת "שבת אחים". דער משנה ברורה באַציט זיך כסדר צו זייער ספר "מגן גבורים".

אין דער תשובה, סימן י' אין שו"ת חת"ס, שרייבט דער חתם סופר פאַר די צוויי שוואָגערס וועגן אַ מסיבה וואו ער, דער חתם סופר, האָט זיך געפונען און האָט דאָרט נאָכגעזאָגט אַ וואָרט פון זיין מחותן רבי יוסף לעהמאַן פון אַמסטערדאַם, פאָטער פון זיין איידעם רבי משה טובי' לעהמאַן.

"ואמרתי בשם מחות' הרב מו"ה יוסף ליאמאַן זצ"ל מאַמסטערדאַם בישוב ק' רשב"א ברכות י"ד ע"ב במערבא ערבית: דבר אל ב"י ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם. והקשה רשב"א הא כל פסוקא דלא פסקי' משה אנן לא פסקינן? ותירץ הנ"ל שזה הוא מקרא מלא בפ' אחרי בהתחלת פ' עריות: וידבר ה' אל משה לאמור דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם".

די גמרא אין ברכות י"ד ע"ב זאָגט אַז אין ארץ ישראל פלעגט מען

ביי מעריב נישט זאָגן די פרשה פון ציצית, ווייל לילה לאו זמן ציצית. מען פלעגט נאָר זאָגן בקיצור "דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלוקיכם אמת". אויסלאָזנדיג אַלע פסוקים אין דערמיט. פרעגט דער רשב"א (און אַנדערע ראשונים): אַ האַלבן פסוק טאָר מען דאָך נישט זאָגן, ווי די גמרא זאָגט אין ברכות (יב:) און אין מגילה (כ"ב.) אַז כל פסוק דלא פסקיה משה אנן לא פסקינן?

האָט רבי יוסף לעהמאַן געענטפערט אַז דער פסוק וואָס זיי פלעגן זאָגן איז נישט בלויז האַלב פון ערשטן פסוק און פון לעצטן פסוק פון דער פרשה פון ציצית. פאַקטיש איז פאַראַן אַ גאַנצער אַזאַ פסוק אין פרשת אחרי: דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלוקיכם.

דער תירוץ געפינט זיך שוין אין ריטב"א. אָבער בימיו פון חתם סופר איז דער ריטב"א נאָך נישט געווען געדרוקט. די חידושי הריטב"א אויף מסכת ברכות זענען דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן פון אַ כתב יד אין אָקספאָרד מיט 50 יאָר צוריק. פאַראַן וואָס צווייפלען בכלל צי דאָס איז טאַקע פון ריטב"א.

דערציילט דער חתם סופר ווייטער אין דער תשובה, אַז ביי דער מסיבה האָט מען אויך געשמועסט פאַרוואָס קידוש פרייטאָג צו נאַכטס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "ויהי ערב ויהי בוקר יום השישי", דאָס איז דאָך אינמיטן פון אַ פסוק, און כל פסוק דלא פסקיה משה לא פסקינן, – מען טאָר דאָך נישט זאָגן אַ האַלבן פסוק?

האָט אַ געוויסער למדן ביי דער מסיבה זיך אָנגערופן, דערציילט דער חתם סופר, אַז אין ספר "מגן גבורים" פון ר' מרדכי זאב איטינגא און רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן איז פאַראַן אַ מדובר איבער דעם, און אַז דאָרט שטייט אַז אויב איז פאַראַן אַן אתנחתא אָדער אַ זקף קטן, איז נישט קיין פּראָבלעם מיט צעטיילן דאָרט דעם פסוק:

"והיה שם למדן אחד נזכר שבספר דהדרתם, מגן גבורים, מדבר מענין זה ושם נאמר דהיכא דאיכא אתנחתא או זקף קטן שפיר דמי. ואמרתי ניתי ספר ונחזי. ומצאנו כתב כן בשם קטניתא, בנו של מחבר ס' יכין ובועז אשר לא ראיתיו עד הנה".

דער חתם סופר פרעגט דאָס אָפּ פון עטליכע פלעצער.

דער חתם סופר אַליין איז מיישב דעם מנהג דערמיט וואָס מען ווייל אָנפאַנגען קידוש מיט די ווערטער יום השישי ויכולו השמים, וואָס זענען די ראשי תיבות פונעם שם, און אַזוויי אָנצופאַנגען בלויז מיט די ווערטער ויכולו האָט נישט קיין פשט, הייבט מען אָן (בלחש) מיט ויהי ערב ויהי בוקר, ויכולו השמים. איי זאָל מען אָנפאַנגען ביים אָנהויב פונעם פסוק: וירא אלוקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד? זאָגן דאָך אָבער חז"ל אַז טוב מאוד זה המות. "והשתא דלא איפשר באופן אחר שרי למפסק קרא, כנל"ע לישב המנהג".

אין אַ תשובה צום חתם סופר'ס אייניקל הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, בעל מחבר "חוט המשולש", שרייבט דעם חתם סופר'ס תלמיד דער מהר"ם שיק (שו"ת מהר"ם שיק או"ח סי' קכ"ד): "על מה ששאל על המנהג דמסיימים בקידושא דשבתא על כן ברך וכו' הא זה אינו התחלת הקרא, והכלל אשר בידינו כל פסוקא שלא פסקיה משה אנו לא פסקינן ליה... ובשלמא על קרא דאומרים ומתחילין בקידוש הלילה ויהי ערב ויהי בקר לא קשה, וכמו שכתב כבר בעל חתם סופר זצ"ל בתשובה י' או"ח, דשם אי אפשר בענין אחר, יעויי"ש, ורק על קרא דעל כן ברך וכו' לא כתב שם טעם, ובאמת העולם נוהגין כן, וכן ראיתי ברבותי מרבנן קשישאי". זע די תשובה אין מהר"ם שיק ווי ער איז דאָס מסביר מער באריכות.

פון דער תשובה פון מהר"ם שיק צו אים האָט דער בערעגסאַזער רב ווי


ד' מגן עדיכם · כגן להולכי תום :

ספר

# מגן גבורים

על

טור ושולחן ערוך אורח חיים

נוסף

מאת ... מרדכי זאב ... יוסף שאול ...
... בבא קמא · והגהות על הש"ס · ומעשה אלפס על הריף ומפרשיו ... מאירת עינים על טריפות הריאה ... נר מערבי על הירושלמי ... שבת אחים ...

בדפוס ... שאול דוב ...

בשנת ... לנו ... מגן ישעך לפ"ק

Mageen Giborim
Zolkiew bei Saul Meyerhoffer
Imprimatur Wien den 7 Jaener 1837

שער בלאַט פון ספר "מגן גבורים" פון די צוויי שוואָגערס הגאון רבי מרדכי זאב איטינגא זצ"ל און הגאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן זצ"ל, דער בעל שו"ת שואל ומשיב, לעמבערגער רב

עס ווייזט אויס וואַרשיינליך גענומען וואָס ער שרייבט אין חוט המשולש (עמ' קמח): "אמר ושמרו ועל כן ברך, ולא הקפיד על שהוא אמצע פסוק".

## איז תובע עלבונה של תורה פון די בעלי "מפרשי הים"

אין לעמבערג האָט געוואוינט אַן עילוי נפלא, אַ זשעני און אַ זעלטענער קאָפּ: רבי זכרי' יהושע יאָלעס. אַלס יונגער בחור האָט ער זיך שוין געשריבן אין לערנען מיט די גרעסטע גדולי הדור, ווי דער חתם סופר און רבי עקיבא איגר. ווען רבי יוסף שאול און רבי מרדכי זאב האָבן אַרויסגעגעבן זייער "מפרשי הים" איז ער, אין עלטער פון בלויז 15 יאָר, אַרויסגעקומען מיט אַ ספר "דובר מישרים", אין וועלכן ער קריטיקירט און רייסט אַרונטער די לעמבערגער גאונים רבי יוסף שאול און רבי מרדכי זאב און טרעפט זיי ביי כלומר'שטע טעותים. דעם חתם סופר האָט


מאמר
דובר משרים

מדבר משלשה דברים **א** לגלות מה שעשו ידי זרים ויחסו הגהות קלים וזעירים · את אשר אבותינו לא שערום לפרנא **הלבוש** · אבי המורים : **ב** השמטות ממסכת ברכות ושבת עם ביאורים · אשר דלנו מגיהי הגהות אלו המדפיסים אותם עתה שנית להאיר לארץ ולדרים · ממה שנדפס בראשונה בעיר נאווי דוואהר · **ג** המעיתים אשר טעו מגיהים אלו :

כתב לו.

נדפוס של כרכני הגיל מוהר נפתלי הירץ גרוש מאן גרויאר

בשנת תקצא

Dober meschorim

gedruckt bei ... rz Grossmann in Lemberg den 8 July 1834

שער בלאַט פון קונטרס ״דובר מישרים״ פון הגאון רבי זכרי׳ יהושע יאָלעס

דאָס שטאַרק פאַרדראָסן.

ר׳ זכרי׳ יושע יאָלעס האָט צוויי מאָל געשיקט דעם חיבור צום חתם סופר אויף דער פאָסט אָן דעם וואָס ער זאָל אים מגלה זיין אַז ער אַליין איז דער מחבר. האָט אים דער חתם סופר געשריבן אַ בריוו, ו׳ תשרי תקצ״ב, אין וועלכן ער איז תובע עלבונה של תורה:

״זלגו עיני דמעות״, שרייבט דער חתם סופר, ״יודע ה׳, על שהשיגוני ב׳ פעמים על הדואר ספר קטן נקרא ״דובר מישרים״, בעוה״ר. אוי לעינים שכך רואות. יש ויש אנשי בליעל דורשי רעות מחפשי מומין. וכי מה לו למחבר הזה לפגוע באנשים האלו ולהלבין פניהם ברבים בדפוס, והם לא חטאו בה׳. כמה ספרי מינים נדפסו על ה׳ ועל תורתו, כמה רשעים ואפיקורסים איכא בעולם, מי פגע בהם, מי נגע בהם. וזה מחמת קנאה טרח ויגע למצוא עונם של אלו ולגלות קלונם ולהראות לרבים שאין זה ״קונסט״... לא האמנתי שיש כיוצא בזה בעדת ה׳ וגם בק״ק לבוב אחר המגיפה דשם וקודם ימים הקדושים לא התייסר הבליעל הזה. ואיך נצפה על הגאולה אם שנאת חנם שולטת בינינו. הנני מעיד עלי השי״ת שהייתי מצטער מאוד מזה, איך בקהל הלז לא נמצא מוחה ביד זה המדפיס״.

ווען יאָלעס האָט געלאָזט וויסן דעם חתם סופר אַז ער אַליין איז עס דער מחבר האָט דער חתם סופר מוסיף געווען צו דער תשובה דאָס פאָלגנדע:

״אך שבוע העבר קבלתי מכתב משם דהוא הצעיר זכרי׳ ישעי׳ הוא המדפיס.... עכ״פ שקטתי מצערי, כי אמרתי הרבה ילדות עושה, ואמרז״ל ילדות היתה בי והעזתי פני, רק על אחב״י שלא מיחו בבניהם, ואוי לתרבות רעה בביתו של אדם שקשה ממאה מלקות. עכ״פ הנני אומר לו, יתקן את אשר עיות, וישרוף הספרים על האח ולא יראו פני החוצה...״

אין דער נעקסטער תשובה, סי׳ ל״ג, געשריבן ו׳ מרחשון תקצ״ב, שרייבט אים דער חתם סופר:

״ומה שלא דנתיו לזכות, כי התימה נשגבה: שניכם בעיר אחת, מדוע לא הוכיח בינו לבינם, והיה לו להראות להם שגיאותם או זדונותם, ועדיין יש לתקן בשאר מסכתות אשר לא נדפסו, וגם מה שכבר נדפס יתוקן בדף השמטה ממחברים עצמם וסר המכשול, – ולא להלבין פניהם ברבים, כי עתה, גם אם יזקינו וישובו ויתחרטו הלא בשתם שמורה נצח לכלימה לבני בניהם עד עולם, והלא גם המה ממיוחסי הדור ולא חס לכבוד אבותם ואבותיהם עד עולם״.

דעם בריוו פירט אויס דער חתם סופר מיט די ווייטערדיגע מורא׳דיגע ווערטער. טייל דערפון האָבן מיר שוין ציטירט אין איינעם פון די ערשטע מאמרים:

״הלואי אוכל לבקש מומי עצמי ולא אחפש אחר מומי אחרים.... אין הדברים ספונים וחשובים בעיני לבלות זמני ולעיין בהם כלל. אני זקנתי ושבתי ובעו״ה לא זכיתי למאור תורה, ואין לי פנאי לחבר חיבורים ולא לגלות שגיאות אחרים. אך זה לי משנת תקמ״ו ואילך מלמד תינוקות אני עם בחורים, עד שיגיעו ויבינו שאין בי ממש ויבואו אחרים תחתיהם, וזה חלקי אשר ישאר אחרי״. (שו״ת החדשות סי׳ ל״ב וסי׳ ל״ג).

דעם קונטרס ״דובר מישרים״ האָט ר׳ זכרי׳ ישעי׳ יאָלעס געדרוקט מיט אַ יאָר פריער, שנת תקצ״א. אין קובץ תשובות חת״ס סי׳ יא איז פאַראַן אַ תשובה פון ד׳ טבת תקצ״א, אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט צו די צוויי גאונים, הגאון רבי יוסף שאול און זיין שוואָגער רבי מרדכי זאב איטינגא, און איז זיי מעורר אַז אין דער צוקונפט זאָלן זיי זיין מער פאָרזיכטיג, כדי קריטיקירער זאָלן נישט האָבן אין וואָס זיך אָנצושטעפּן: ״נא ישימו עין על הוספת הגהותם, שלא יארע לנו, כאשר כבר נהייתה, כי רבו מבקרי מומין כידוע לפר״מ, וחכמים כמותם עיניהם בראשיהם״.

אין שנת תרי״ז איז אין גאַליציע אָפּגעשאַפן געוואָרן דאָס געזעץ וואָס האָט געלויטעט אַז רבנים מוזן פאַרמאָגן אַ דאָקטאָראַט. רבי יוסף שאול, דער בעל שאלות ותשובות שואל ומשיב, פון די גרעסטע משיבים בדורו, איז דאַן ערוועלט געוואָרן אַלס דער לעמבערגער רב.

צווישן די צוויי גדולים, רבי יוסף שאול און רבי מרדכי זאב איטינגא, איז גבה טורא ביניהו. די געניע פרטים זענען נישט אינגאַנצן באַקאַנט. איינע פון זייערע דיפערענצן איז געווען זייערע חילוקי דעות לגבי מאַשין מצות. ווען רבי שלמה קלוגער איז אַרויסגעקומען מיט זיין קונטרס ״מודעה לבית ישראל״ אין וועלכן ער אסר׳ט מאַשין מצות איז רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן אַרויסגעקומען מיט זיין קונטרס ״ביטול מודעה״ אין וועלכן ער פרעגט אָפּ די חששות פון רבי שלמה קלוגער. דאַקעגן זיין שוואָגער רבי מרדכי זאב איטינגא איז געווען פון די הויפּט אוסרים.

## מלבושי צמר, נוסח ספרד און נוסח אשכנז

פון די באַקאַנטסטע תשובות פון חתם סופר זענען סי׳ ט״ו און סי׳ ט״ז אין או״ח.

דער חתם סופר איז אָנגעפרעגט געוואָרן פון אַ איד וואָס האָט געדאַוונט


מודעא לבית ישראל

כולל

תשובות מגאוני ורבני הדור לאסור המצות אשר בצקם נערך ע"י מאשינע על חג הפסח. למען ידעו בית ישראל להזהר ולעמוד על נפשם. שלא יכשלו חו בחשש איסור חמץ בפסח. ובחשש איסור ברכה לבטלה. ויהיו כימי עולם וכשנים קדמוניות:

נדפס

בשנת תריט לפ"ק


קונטרס

ביטול מודעה

נדפס

Bitel Modue.

Gedruckt bei M. F. Poremba in Lemberg 1859.

**קונטרס "מודעה לבית ישראל" פון הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל אין וועלכן ער אסר'ט מאשין מצות, און דער קעגנזעצליכער קונטרס "ביטול מודעה" פון הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאן זצ"ל**

אין אַ חסידי'ש בית המדרש, אָבער ער אַליין איז נישט געווען קיין חסיד. זאָגט דער איד אַז אין דעם בית המדרש איז פאַראַן אַ תקנה לויט וועלכן איינער וואָס גייט אָנגעטאָן אין בגדי צמר קען נישט דאַווענען פאַר'ן עמוד. היות ווי חסידים דאַווענען נוסח ספרד איז נישט ערלויבט פאַר עמיצן וואָס גייט אָנגעטאָן אין בגדי צמר צו דאַווענען פאַר'ן עמוד צוליב חשש שעטנז.

"באמרו כי אחד התריז כנגדו ומיחה שלא יעברו לפני התיבה במלבושי בגד צמר באמרו כי התפלה שבנוסח ספרד שהם מתפללים היא לעילא מכל ברכתא, ואין הלובש בצמר כדאי הוא לה".

ענטפערט אים דער חתם סופר: "אהובי ידידי, הלא שניכם מודים שרוב כל ישראל מלובשים בבגדים הנ"ל, ואינם חוששין שמא נתערב בהם חוטי פשתן, ומ"מ הנזהר קדוש יאמר לו, אבל שזה אין כדאי וראוי לעבור לפני התיבה בשביל זה הס שלא להזכיר. וגם שכנגדו החולק עליו מודה בזה אלא שאמר טעם ע"פ סוד נסתר שנוסחא ספרדית אינה סובלת זה, והוא דבר דאין אני יודע מה הוא סח. אולי אם יבואו דבריו אלי ויורני איך, ומה, ומתי, אבינם ואדון ביניכם. אבל סתמא כפרושו הבל יפצה פיהו".

דער אר"י הקדוש, זאָגט דער חתם סופר, האָט מתקן געווען זיין נוסח על פי נוסח ספרד ווייל ער אַליין איז געווען אַ ספרדי. וואָלט ער געווען אַן אשכנזי, אָדער אויב וואָלטן די אשכנזים פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן מענטש ווי דער אריז"ל, וואָלט ער געשאַפן אַ נוסח על פי נוסח אשכנז.

"הנה כבר גליתי דעתי לכל העומדים לפני", שרייבט דער חתם סופר אין סי' טו, "כי כך קבלתי מרבותי זצ"ל, והם מורי הגאון החסיד שבכהונה מו"ה נתן אדליר זצ"ל, והגאון רבן של כל בני הגולה הפלאה זצ"ל, אשר מימיהם שתיתי ת"ל וממקורם חצבתי, כי כל הנוסחאות שוות זו כזו, וכל שיש בזו יש בזו, אלא שאין אתנו יודע עד מה, ואנו מתפללין על דעת מתקני תפלות ונוסחאות הללו, כי כולם לדבר אחד נתכוונו..... וכשבא נר האלוקים האר"י זצ"ל ואיזן וחיקר, כי הוא ידע תוכן הדברים, הוא העמיד בסידורו כל דבר על מכונו, וגילה תעלומות של הנוסחא ההיא הספרדית יען כי היה ספרדי, ואילו הוא היה אשכנזי או היה נמצא באשכנזים איש כמוהו, היה עושה כיוצא בזה בסידור אשכנזי... ועל כן מורי הגאון החסיד שבכהונה מו"ה נתן אַדלער זצ"ל הוא בעצמו עבר לפני התיבה והתפלל ספרדי בסידור האר"י זצ"ל, וכן מורי הגאון בעל הפלאה זצ"ל, כי רק אך המה התפללו בנוסח האר"י, ושום אחד מהאנשים המצורפים להמנין לא התפללו כי אם אשכנזי, ואפילו בנו הגאון בעל מחנה לוי זצ"ל לא שינה נוסחת אשכנזי, ומיד אחר פטירת אביו הגאון זצ"ל ביטל בית הכנסת שלו והתפלל בבית הכנסת של קהל בפפד"מ, והוא דבר מפורסם וידוע.. והיוצא מדברינו, שהמתפללים ספרדית מסתמא באו בסוד ה' ונכנסו בסתר המדרגה, ויודעים מה שאומרים יפה עשו, ומי דלא הגיע לכך כגון אנחנו, מה שאנו מתפללין על דעת מתקני תפלות נוסחי אשכנזי, גם תפלתינו נשמעת".

אין דער פאָלגנדער תשובה, סי' טז, שרייבט צו אים דער חתם סופר אַז כאָטש ער זעט נישט קיין שום פּראָבלעם אין גיין אין בגדי צמר פונדעסטוועגן עצה'ט ער אים אַז ווען ער דאַווענט אין יענעם חסידי'שן בית המדרש זאָל ער טאַקע נישט גיין אין בגדי צמר, – צוליב דרכי שלום.

"בודאי אם ירצה להתקדש ולהטהר עצמו במותר לו שלא ללבוש כלל בגדי צמר מהיום והלאה קדוש יאמר לו, אך אם אי אפשר לו, והרי הוא ככל ישראל ה' ישמרם מ"מ אע"פ שאינו אומר שבשעת תפלה יחוש יותר לחשש שעטנז חלילה שאם ילבש פשתן בשעת תפלה מטעם ספק שעטנז הרי אוסר עצמו הבגדים הללו גם שלא בשעת תפלה, כיון שנכנס לבית הספק, ע"כ אם לא ירצה להיות מהפרושים מספק הנ"ל אין חילוק בין שעת תפלה לכל היום כולו. אך מטעם אחר אני מחלה פניו כשמתפלל בקהל חסידים בגדי פשתן ילבש, מפני פירוד לבבות מחלוקת, וזהו שט"ן ע"ז המרקד יותר משעטנז. יתן ה' ליחד כל בית ישראל הנפרדים עתה לג' חלקים בעו"ה, חדשים וקדושים ופרושים. נא יחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך. ע"כ לעצתי ישמע, ועכ"פ בהתפלל עמהם ילבש בגד פשתן או משי, אבל לא מן הדין אלא מפני דרכי שלום".

דער בריוו פון דעם אשכנזי'שן מתפלל אין דעם חסידי'שן בית המדרש און די צוויי תשובות, תשובה ט"ו און ט"ז, זענען געשריבן געוואָרן ווען חסידות האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אונטערלאַנד פון אונגאַרן נאָכדעם וואָס דער ישמח משה האָט זיך געצויגן פון שיניאַווע, גאַליציע, קיין אוהעל, אונגאַרן. וואָס פירט אונז צו תשובה קצ"ז, "צדיק כתמר יפרח", געשריבן צום ישמח משה, און צו דער אויסערגעוועהנליך קעגנזייטיגע הערצה און אהבה ממשה ועד משה, צווישן דעם חתם סופר און דעם ישמח משה, צו דעם קשר עליון צווישן זיי, און צו זייער שפּעטערדיגע צוזאַמענאַרבעט אויף עטליכע געביטן לחיזוק חומת הדת.

דאָס און מער אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

יז



# דער הייליגער חתם סופר

**"צדיק כתמר יפרח", תשובה קצ"ז, די תשובה צום ישמח משה – דער חתם סופר און חסידות – זיין רבי דער בעל הפלאה, תלמיד פון מעזריטשער מגיד, האָט נישט געקענט אָנגיין מיט זיין חסידי'שע הנהגה אין דער אשכנזי'שער שטאָט פראַנקפורט – די חסידי'שע רעיונות וואָס דער חתם סופר האָט יונק געווען פון בעל הפלאה – די ספרי הדרוש פון חתם סופר זענען מלא וגדוש מיט די געדאַנקען – דער אמת וועגן די הסכמות אויף ספרים פון חתם סופר, און פון ישמח משה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

**"צדיק כתמר יפרח כשושנה, בעוד כפתו רעננה, תחל שנה, בברכת קדם מעונה, ולא תשכון עליו ענוה, ה"ה הרב הגאון המפורסם, כערוגת הבשם, גן הדסים, נ"י ע"ה פ"ה כקש"ת מו"ה משה תמר נ"י אב"ד ור"מ דק"ק אוהעלך יעקב משכנותיך ישראל".** (שו"ת חת"ס, או"ח, סי' קצ"ז).

די תשובה, תשובה קצ"ז, אַדרעסירט צום ישמח משה, איז אייגנאַרטיג נישט בלויז אין די טיטולען, מליצות, און אין דעם ווערטער-שפיל, תמר-טייטלבוים, אוהעלך-אוהעל, נאָר אויך אין דעם וואַרים הערצה'דיגן תוכן, די דברי פיוס און הערכה, וואָס מען געפינט נישט אין קיין איינעם פון די אַנדערע תשובות פון חתם סופר.

## דער חתם סופר און דער דרך פון חסידות

אַלס אַן אַריינפיר צו דער תשובה איז וויכטיג זיך עטוואָס צו באַקענען מיט דער הונטערגרונט, וואָס פאָדערט אַן אָפּהאַנדלונג פון דער היבש פאַרנעפּלטער סוגיא: וואָס איז געווען דעם חתם סופר'ס שטעלונג, און זיין באַציאונג, צו חסידות?

איינער פון זיינע צוויי הויפּט רבי'ס, רבי פנחס הלוי הורוויץ, דער בעל הפלאה, איז צוזאַמען מיט זיין ברודער דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, געווען אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד, דער תלמיד און ממשיך דרכו פון הייליגן בעל שם טוב.

פאַראַן חוקרים וואָס, צוליב זייער טענדענציעזע התנגדות צו חסידות, ווילן טענה'ן, אַז דער בעל הפלאה אַליין איז נישט געווען קיין חסיד און איז נישט געווען קיין תלמיד פון רבי'ן רבי בער פון מעזריטש. אַז דערפאַר דערמאַנט ער נישט זיין רבי'ן דעם מגיד, קיין חסידי'שע תורות און קיין גדולי החסידות אין זיין ספר פנים יפות, און אַז ער האָט זיך נישט געפירט על דרך החסידות.

די לעכערליכע באַהויפּטונג איז אָבער היסטאָריש פאַלש און פאַקטליך אָפּגעפרעגט.

אין צוגאָב צו דער חסידי'שער מסורה זענען פאַראַן גענוג היסטאָרישע דאָקומענטן אויפצואווייזן אַז דער בעל הפלאה איז געווען אַ תלמיד פון מגיד און איז געווען מגדולי החסידות. בלויז איין ביישפּיל פון מערערע: אין אַ בריוו וואָס דער בעל התניא האָט געשריבן צום בעל הפלאה אין שנת תקנ"ט נאָכ'ן ווערן באַפרייט פון פּעטערבורגער טורמע, וואָס איז געווען נאָכדעם וואָס דער בעל ההפלאה איז שוין 30 יאָר געווען רב אין פראַנקפורט, שרייבט צו אים דער בעל התניא:

"את כל התלאה אשר מצאתי מאנשי ריבנו דווילנא ההולכים אחר .. אשר התיר דמינו כמים בשנת תקל"ב, ועתה... מצאו מקום להפיק זממם במלשינות רבה ועצומה על כל תלמודת תלמידי הבעש"ט נ"ע ומשנהו רבינו הגדול המ"צ במיזעריטש וראָוונע נ"ע."

אין דעם בריוו דערמאַנט דער בעל התניא דעם הפלאה אין דער "חיבה יתירה הנודעת לי ממר שהוא רבה דעמי" שי' מקדם בק"ק מיזעריטש וק"ק ראוונא ונמניתי במנין שלו וזכיתי לקבל ברכתו סלה מדי שבת בשבתו".

דער בעל הפלאה, וועלכער איז געווען פון די עלטערע תלמידים פון מגיד,

און האָט שוין דאַן געדינט אַלס רב אין לעכאָוויטש, האָט געהאַט אַן אייגן מנין ווען ער פלעגט קומען צום מגיד קיין מעזריטש און קיין ראָוונע, וואו עס האָבן געדאַווענט די יונגערער תלמידים פון מגיד, דער בעל התניא צווישן זיי.

די טיטולען וואָס דער בעל התניא נוצט אין דעם בריוו צום בעל הפלאה זענען אַזעלכע וואָס ווערן נאָר גענוצט כלפי אַ חסידי׳שן רבי׳ן: "אור ישראל וקדושו, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא... איש אלוקים קדוש יאמר לו". ביים אונטערשרייבן זיך איז ער זיך מזכיר, ווי פאַר אַ חסידי׳שן רבי׳ן: "שניאור זלמן בן רבקה".

## דער בעל הפלאה אין דער אשכנזי׳שער פראַנקפורט

ווערנדיג רב אין פראַנקפורט, אַ שטרענג אשכנזי׳שע שטאָט, האָט דער בעל הפלאה נישט געהאַט קיין ברירה נאָר צו זיין בבחינת כובש נבואתו וואָס שייך חסידות. פריוואַט פאַר זיך האָט ער געדאַווענט נוסח האר״י, ווי דער חתם סופר איז דאָס אַליין מעיד, און האָט זיך געפירט על פי חסידות. אָבער כלפי חוץ האָט ער געמוזט פאַרדעקן און פאַרהוילן זיין חסידות.

פראַנקפורט האָט זיך דאַן געפונען אין אַ שווערער תקופה. פון איין זייט האָט געפלאַקערט אַ מחלוקה מצד דער קהילה קעגן דעם דרך הקבלה, און קעגן די אייגנאַרטיגע מנהגים, פון רבי נתן אדלער, ווי למשל דאָס דוכנ׳ען יעדן טאָג, און פון דער אַנדערער זייט האָבן בשולי המחנה גענומען שפּראָצן די ערשטע געוואוקסן פון מאָדערניזם און השכלה. אין זייער קאַמף לפנים ולאחור האָבן די קהילה פירער, מיט דעם ראב״ד רבי נתן מאז בראש, באַקעמפט יעדע אָפּנויגונג פון דער אשכנזי׳שער מסורה.

דער בעל הפלאה האָט זיך דערפאַר מתחייב געווען נישט אַרויסצואווייזן קיין שום עפנטליכע חסידי׳שע הנהגה. ער איז אויך געווען געצוואונגען אונטערצושרייבן אויף די חרמות קעגן רבי נתן אַדלער, כאָטש די אויסטערלישע אהבה און הערצה צו אים איז צו זען קלאָר פון דעם רירענדן הספד וואָס ער האָט עוונטועל געהאַלטן אויף רבי נתן אַדלער.

אין זיין דרוש ספר "פנים יפות", אָדער אין די דברי דרוש וואָס זענען געדרוקט פון פאָרנט פון זיין ספר "המקנה" אויף מסכת קידושין און ספר "הפלאה" אויף מסכת כתובות, – "פתחא זעירא", – ווערט טאַקע נישט דערמאַנט קיין איין נאָמען פון די גדולי החסידות. פונדעסטוועגן, כאָטש ער דערמאַנט זיי נישט ביים נאָמען, זענען אין פנים יפות פאַראַן גאָר אַסאַך חסידי׳שע רעיונות, אָדער דרושים וואָס זענען געבויט על דרך הקבלה וחסידות.

די אייניקלעך פון בעל הפלאה וועלכע האָבן צוזאַמען מיט רבי אפרים זלמן מרגליות דאָס ערשטע מאָל געדרוקט דעם פנים יפות האָבן עס באַטראַכט ווי אַ ריכטיג חסידי׳ש ספר. דער ערשטער באַנד, אויף ספר בראשית, וואָס איז געדרוקט געוואָרן צוערשט, האָט געהאַט בלויז איין הסכמה. די הסכמה פון דעם זקן האדמו״רים, רבי אברהם יהושע העשיל מאַפּטא, דער בעל אוהב ישראל.

דער צווייטער באַנד, אויף שמות, האָט שוין די הסכמות פון די נישט חסידי׳שע גדולים: רבי עקיבא איגר, רבי יעקב מליסא, רבי ברוך פרענקל-תאומים דער ברוך טעם, און זיין תלמיד דער חתם סופר. אין זיין הסכמה שרייבט דער חתם סופר אַז מען זאָל וויסן אַז דאָס איז נישט אַ געוועגליכער דרוש ספר, נאָר "דברים אשר לא שמעתן אוזן מעולם, בגלוי ובסתר טמיר ונעלם".

דער פאַקט וואָס דער פנים יפות איז געדרוקט געוואָרן אין אוסטראָה, אין קאָנגרעס-פוילן, און נישט אין לעמבערג אָדער זאָלקאָווע אין גאַליציע, וואו עס האָבן זיך דאַן געפונען די גרעסטע און פאַרגעשריטנסטע דרוקערייען, צייגט אויך אַז דער ספר איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ חסידי׳ש


שאלות חת״ם סופר חאו״ח ותשובות
תשובה קצז

דער אָנהייב פון תשובה קצ״ז, אַדרעסירט צום ישמח משה זי״ע אין שו״ת חתם סופר

ספר. אין גאַליציע, וואו מיר וועלן באַלד זען, איז דאָס דרוקן חסידי׳שע ספרים געווען פאַרבאָטן אין יענע יאָרן.

דער חתם סופר, דער גרעסטער און נאָענטסטער תלמיד פון בעל הפלאה, האָט פון אים מקבל געווען אָט דעם דרך, פון גאָרנישט משנה זיין כלפי חוץ. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער בלי ספק מקבל געווען און יונק געווען פון אים די רעיונות און דאָס פנימיות פון תורת החסידות.

מיר וועלן דאָ געבן עטליכע ביישפילן: עטליכע ערטער וואו דער חתם סופר ברענגט דברי תורה פון זיין רבי׳ן דער בעל הפלאה, וואָס דער מקור דערפון שטאַמט זיכער פון בית המדרש פון מעזריטשער מגיד:

"קבלתי ממורי הגאון בעל ס׳ הפלאה נ״י דדרך הוא גמטריא ב״פ ה׳ אלקים, שהוא שם מלא בדחילא ורחימא ורחימא ודחילא, וכבר הארכתי בזה במקום אחר". (חתם סופר על התורה, ספר בראשית, ירושלים תשי״ז, עמ׳ קב).

"שמעתי ממורי הגאון בעל הפלאה: עשו איש ציד, יודע לשון חבור שחבר מספר צי״ד לשמו. עשו עולה גמטריא לילית ואח״כ חברה לאיש שדה שהוא הס״מ איש השדה והחורבת כידוע". (שם, עמ׳ ק״ז).

"כבר כתבתי במקום אחר באריכות בשם מ״ו הגאון בעל הפלאה נ״י דאסור להסתכל בפני רשע משום שמושך עליו מטומאתו וההיפך בראית פני צדיק... ואמנם צדיקים גדולים יכולים הם בהסתכלותם בפני רשע להוציא ממנו מעט ניצוצות שבו". (שם, עמ׳ קע-קעא).

"שמעתי ממ״ו בעל הפלאה נ״י כי ת״ם מתהפך מאותיות מ״ת מרעה לטובה, ויעקב אבינו ל״א מ״ת, אותיות א״ל ת״ם, כי הקב״ה קרא ליעקב



**מצבה פונעם בעל הפלאה אויפ'ן בית החיים אין פראַנקפורט**

א"ל והוא נקרא ת"ם, ע"כ לא מ"ת, ודפח"ח". (שם, ספר ויקרא, עמ' עז-עח).

"ידוע כי ה' אלקים גימטריה יב"ק, וב"פ יב"ק גימט' דרך. כך קבלתי ממ"ו הגאון אב"ד דק"ק פפ"ד נ"י". (שם, ספר דברים, עמ' נג).

דעם חתם סופר'ס ספרי דרוש: די "דרשות החתם סופר", די צוויי בענדער "תורת משה" און די פינף בענדער "חתם סופר על התורה" וואָס רבי יוסף נפתלי שטערן האָט אַרויסגעגעבן, זענען אָנגעפּיקעוועט מיט געדאַנקען פון קבלה, געדאַנקען אַזעלכע וואָס מען טרעפט בעיקר בלויז אין חסידי'שע ספרים. אַרום צוואָנציג פּראָצענט, אַ פינפטל, פון די חידושים פון חתם סופר זענען פון דעם סאָרט רעיונות.

ווען רבינו הגה"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע האָט זיך געפונען אין דער שווייץ האָט ער געזאָגט פאַר די זין פון פּרעשבורגער רב זצ"ל: "צומאָל ווען איך דאַרף אַ חסידי'ש וואָרט קוק איך אַריין אין אייער זיידנ'ס ספר, און אַ דבר אגדה אין מיין זיידנ'ס ספר", אין ישמח משה. ("מושיען של ישראל", ח"ב, פרק י"ז, אין נאָמען פון הרה"ג ר' אשר שמואל כ"ץ, דזשיבויער רב זצ"ל).

דאָס פנימיות פון חסידות, דאָס אָריגינעלע תורת הבעל שם, האָט דער חתם סופר מקבל געווען פון זיין רבי'ן דער בעל הפלאה, דער דריטער דור פון בעל שם. דער הפלאה זייענדיג אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד. דער ישמח משה איז שוין געווען דער פערטער דור, זייענדיג אַ תלמיד פון חוזה פון לובלין, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון רבי'ן רבי אלימלך פון ליזענסק, אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד.

די תורות, און די פנימיות'דיגע רעיונות, האָט דער חתם סופר יונק געווען און מקבל געווען פון זיין רבי'ן דער בעל הפלאה. דער בעל הפלאה האָט אָבער פאַרהוילן יעדע סאָרט פרהסיא, יעדע סאָרט עפנטליכע חסידי'שע התנהגות אין פרעשבורג, חוץ דאָס דאַווענען פריוואַט נוסח האר"י.

מעגליך אַז די רעיונות האָט דער בעל הפלאה איבערגעגעבן דעם חתם סופר אַנאָנים, אָן צו דערמאַנען אפילו די נעמען פון די גדולי החסידות.

פון דריי פון די אבות החסידות ברענגט דער חתם סופר אַ דבר תורה, אָבער אָן צו דערמאַנען זייער נאָמען. צוויי פון זיי רופט ער אָן "מקובלים" און דעם דריטן ציטירט ער מיט'ן נאָמען פון ספר.

אין דרשות חתם סופר פון שנת תקס"ב, חלק ב' דף רלז, ברענגט ער אַ וואָרט בשם "מקובלים". רבי יוסף נפתלי שטערן ווייזט אָן אַז דאָס איז רבי יעקב יוסף מפולנאה, דער תולדות. אין זיין הקדמה צו דרשת חתם סופר חלק ג' שרייבט רבי יוסף נפתלי אַז אין אַלע כתבים פון חתם סופר איז נישטאָ קיין ענליך אַזאַ וואָרט. רבי יוסף נפתלי זאָגט אַז פאַר אים איז ברור אַז דער חתם סופר האָט געזען דעם ספר תולדות יעקב יוסף, וועמען ער רופט אָן "מקובלים", און אַז דאָס וואָרט קומט פון תולדות אָנפאַנג פרשת לך.

דער חתם סופר ציטירט הייסט עס אַ חסידי'ש-קבלה'דיגן רעיון פון בעל התולדות, וועלכער ברענגט דאָס פון בעל שם. דער שטיקל אין תולדות הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: "שמעתי ממורי זלה"ה".

אויף אַן אַנדער אָרט, חתם סופר על התורה פרשת ויצא עמוד קנ"א, ציטירט ער פון רבי אפרים זלמן מרגליות'ס ספר "טיב גיטין" בשם "מקובל אחד". רבי אפרים זלמן ברענגט דאָס אָבער מפורש אין נאָמען פון הייליגן באַרדיטשעווער: "וזה ימים כבירים שמעתי מכבוד מחותני הגאון החסיד מוהר"ר לוי יצחק ז"ל האב"ד דק"ק באַרדיטשוב".

דער ספר וואָס ער רופט יאָ אָן ביים נאָמען איז דער ספר "ליקוטי אמרים" פון בעל התניא: "י"ל עפימ"ש בספר לקוטי אמרים שהאריך כי נפש החיוני אשר בקרב האדם כשהוא רע אז מושך אחר תאותיו גם נשמת הישראלי חלק אלוה ממעל אשר בקרבו להמשיך גם הוא אחר תאות הגשמיות ע"ש". (חת"ס על התורה ספר במדבר, בהעלותך, עמ' מד).

פון דעם וואָס ער רופט די גדולי החסידות "מקובלים" איז משמע אַז דער בעל הפלאה האָט אים איבערגעגעבן די רעיונות און דאָס פנימיות פון חסידות אָן די נעמען פון די גדולים וצדיקים און אָן אַרויסצוברענגען די ראָלע וואָס זיי האָבן געשפּילט.

אין דער צייט וואָס אין פרשת בהעלותך דערמאַנט ער דעם "ליקוטי אמרים" פון תניא שרייבט ער אין תשובה ט"ז, די תשובה וועגן נוסח האר"י און מלבושי צמר, וועגן דעם אַנדערן ספר "ליקוטי אמרים", דער ספר וואָס הייסט אויך "מגיד דבריו ליעקב", פון מעזריטשער מגיד: "ומה שהעתיק מעלתו מס' לקוטי אמרים, אותו ספר לא נמצא בקהלתינו... ואין לי פנאי לעיין באחרונים, כי אם בש"ס וראשונים". פּאַקטיש איז דאָס נישט מער ווי די טרוקענע רעאַליטעט. דער ספר "ליקוטי אמרים" פון מגיד האָט זיך נישט געפונען אין פראַנקפורט און דער חתם סופר האָט דאָס נישט געהאַט געזען.

פאַראַן וואָס ווילן דרינגען אַז דער חתם סופר איז געווען אַ מתנגד צו חסידות פון דעם פאַקט וואָס בימינו איז געדרוקט געוואָרן אַ רשימה פון אַלע הסכמות וואָס דער חתם סופר האָט געגעבן אויף ספרים. די ליסטע באַשטייט פון 75 הסכמות וואָס ער האָט געגעבן, פון שנת תקס"ז און ווייטער. פאַר דעם, אין דרעזניץ און אין מאַטערסדאָרף, האָט ער נישט געגעבן קיין הסכמות.

די הסכמות זענען קיין איינע (חוץ די הסכמה אויפ'ן ספר פנים יפות פון זיין רבי'ן דער בעל הפלאה) נישט געגעבן געוואָרן אויף קיין חסידי'שע ספרים, אָדער צו אַ מחבר וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט חסידות. כאילו דער חתם סופר האָט נישט געוואָלט געבן קיין הסכמות אויף חסידי'שע ספרים.




שער בלאַט פון ספר "חידושי הפלאה" פון

אַז מען אַנאַליזירט אָבער די רשימה שטעלט זיך אַרויס ווי פאָלגענד: 48 פון די מחברים זענען אונגאַרישע גדולים. צוויי זענען פון וויען, עסטרייך. 20 זענען פון פאַרשידענע אַנדערע מדינות. בלויז 7 זענען מחברים פון גאַליציע, וואו חסידות האָט געבליט אין דער תקופה פון חתם סופר.

ביז צו שנת ת"ר, דאָס יאָר פון דער הסתלקות פון חתם סופר, איז נישט געדרוקט געוואָרן קיין חסידי'ש ספר פון אַ מחבר וואָס האָט געוואוינט אין אונגאַרן. דאָס ערשטע חסידי'ש ספר פון אַ מחבר וואָס האָט געוואוינט אין אונגאַרן איז געווען דער ספר ישמח משה, וואָס איז געדרוקט געוואָרן ערשט אין תר"ט, אין לבוב. אַ מחבר פון אַ חסידי'ש ספר אין אונגאַרן וואָס זאָל בעטן אַן הסכמה פון חתם סופר האָט בכן בכלל נישט עקזיסטירט.

אין גאַליציע ווידער זענען כמעט נישט געדרוקט געוואָרן קיין חסידי'שע ספרים אין יענע יאָרן. מיר זאָגן "כמעט", ווייל די געציילטע וואָס זענען יאָ ערשינען זענען געדרוקט געוואָרן אונטערערדיש און אומלעגאַל.

אַלס רעזולטאַט פון דער מלשינות פון די משכילים אין גאַליציע, בראש מיט דעם הויפט משכיל יוסף פערל, האָט די רעגירונג אין גאַליציע פאַרבאָטן צו דרוקן חסידי'שע ספרים פון יאָר תקע"ד (814' למס) ביז תר"ט (848/49').

דאָס ספר פון דעם רבי'ן פון אַלע רבי'ס אין גאַליציע, דער ספר נועם אלימלך, איז געדרוקט געוואָרן אין גאַליציע נאָר דאָס ערשטע מאָל, אין שנת תקמ"ח, אין לבוב, פאַר דער גזירה פון דער צענזור אין גאַליציע. די שפּעטערדיגע מהדורות זענען אַלע געדרוקט געוואָרן אין דעם שטח וואָס האָט באַלאַנגט צו רוסלאַנד. שקלאָוו, תק"ן; סלאָוויטע תקנ"ד; פולנאה תקס"ד און תקע"ד; האָראָבשאָוו תקע"ז. אין גאַליציע איז עס צום צווייטן מאָל געדרוקט געוואָרן ערשט אין תר"ט, ווען די גזירה פון דער צענזור איז בטל געוואָרן.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אידן "געבן זיך אַן עצה". חסידי'שע ספרים פון די גדולי וצדיקי גאַליציע זענען שוין איינמאָל געדרוקט געוואָרן, דורך פאַרשידענע דריידלעך און שטיק. דער לייכטסטער וועג איז געווען דורך משמיט זיין און נישט דרוקן דעם יאָר און די שטאָט פונעם דרוק. אַזוי זענען צום ביישפיל געדרוקט געוואָרן די חסידי'שע ספרים סידורו של שבת; עטרת צבי; אורח לחיים, פון רבי אברהם חיים מזלאָטשוב; דרכי ישרים, פון רבי מנחם מענדל מפרעמישלאַן; צוואת הריב"ש; און דער אויבנדערמאָנטער ליקוטי אמרים / מגיד דבריו ליעקב פון מעזריטשער מגיד.

אַן אַנדערער וועג איז געווען צו דרוקן די ספרים מיט דאַטומס פון יאָרן פריער. אויף דעם אופן זענען געדרוקט געוואָרן די חסידי'שע ספרים מאור ושמש; אהבת שלום (קאָסוב); ברכת דוד (בוטשאַטש); הקדמה ודרך לעץ חיים, און פרי קודש הלולים (זידיטשויב).

האָבן מחברים און מוציאים לאור פון חסידי'שע ספרים נישט געקענט בעטן קיין הסכמות פון חתם סופר אין אונגאַרן אויף "קאָנטראַבאַנד" ספרים וואָס זיי געבן אַרויס אומלעגאַל.

אויך פון ישמח משה זענען מסתמא מהאי טעמא כמעט נישט פאַראַן קיין הסכמות פון יענע יאָרן. באַקאַנט 18 הסכמות וואָס דער ישמח משה האָט געגעבן. בלויז צוויי פון די הסכמות זענען אויף חסידי'שע ספרים און איינס פון די צוויי איז פון איידער ער איז געקומען קיין אונגאַרן. זיין הסכמה אויפ'ן ספר נועם מגדים וכבוד התורה האָט ער געגעבן נאָך אין שינאַווע אין שנת תקס"ז, און זיין הסכמה וואָס ער האָט געגעבן אויפ'ן עטרת צבי איז שוין געגעבן געוואָרן אין אוהעל, אָבער אָן אַ דאַטום. אין שנת תקצ"ח האָט דער ישמח משה אויך געגעבן אַן הסכמה אויף דעם ספר "עשירית האיפה" פון רבי אייזיקל קאָמאַרנער זצ"ל, דער ספר איז אָבער אַ פירוש אויפ'ן תורת כהנים און איז נישט קיין חסידי'ש ספר.

אין דער תשובה צום ישמח משה, תשובה קצ"ז, וואָס מיר וועלן אי"ה ווייטער ברענגען אין קומענדיגן אַרטיקל, זעט מען די דעליקאַטע נואַנסן אין דער שטעלונג פון חתם סופר כלפי חסידות.

ער האָט געהאַלטן, ווי ער שרייבט צום ישמח משה, אַז ווער עס פירט זיך באמת בדרכי החסידות, איז "קדוש יאמר לו". זיין, דעם חתם סופר'ס, אייגענער תפקיד האָט ער אָבער געהאַלטן איז אויפצוהיטן די מנהגי אשכנז פון פראַנקפורט וואָס יסודתם בקודש פון די קהילות שו"ם און פון רהיין. דערפאַר האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זיך אונטערגעשריבן "משה"ק סופר מפראַנקפורט דמיין".

ווי מיר וועלן זען איז דער ישמח משה געווען דער ערשטער חסידי'שער מנהיג מיט וועמען ער איז געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט, כאָטש זיי האָבן, פיזיש, זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט. ווי מיר האָבן אָנגעהויבן דעם אַרטיקל איז די קעגנזייטיגע הערצה צווישן זיי געווען עד אין לשער.

ווי מיר וועלן זען האָט דער ישמח משה געהאַלטן, בעת אַ מחלוקה צווישן די חסידי'שע און מתנגד'ישע כוללים אין ארץ ישראל, אַז דער חתם סופר איז דער איינציגער וואָס קען מפשר זיין אין אַזאַ דין תורה ווייל ער איז דער איינציגסטער וואָס איז באמת אָביעקטיוו און נייטראַל צווישן חסידים און מתנגדים. דאָס, און מער, אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**די אייגנאַרטיגע תשובה קצ"ז צום ישמח משה – חסידות אין אונגאַרן – די השקפה פון חתם סופר און דער קשר בל ינתק מיט'ן ישמח משה – צווישן אויבערלאַנד און אונטערלאַנד – דמות דיוקנו פון חתם סופר אַנטפּלעקט זיך צום ישמח משה יום הקדוש ביינאַכט – די דין תורה צווישן די חסידי'שע און מתנגדי'שע כוללים אין ארץ ישראל וואָס דער ישמח משה שיקט צום חתם סופר – דער ישמח משה: "דער חתם סופר איז דער איינציגער וואָס איז נייטראַל צווישן חסידים און מתנגדים"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

מיט 215 יאָר צוריק, שבת נחמו פון שנת תקס"ח, האָט דער ישמח משה, וועלכער איז געבוירן אין פּרעמיסלע, פּוילן, און איז במשך 25 יאָר געווען רב אין שינאָווע, גאַליציע, זיך באַזעצט אין אוהעל, אונגאַרן.

זייענדיג אַ ריז וואָס האָט אין זיך פאַראייניגט תורה ועבודה, ווי אויך אַ משיב פון פילע תשובות בהלכה, און אַ בעל מופת ופועל ישועות, איז ער געוואָרן ווי אַ מאַגנעט וואָס האָט צוגעצויגן הונדערטער און דערנאָך טויזנטער אידן פון איבער דער לענג און ברייט פון מזרח אונגאַרן.

מזרח אונגאַרן, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען "אונטערלאַנד", איז געוואָרן דער חסידי'שער טייל פון אונגאַרן, אין קעגנזאַץ צו מערב אונגאַרן, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען "אויבערלאַנד", און איז געבליבן שטרענג אשכנזי'ש.

מזרח אונגאַרן האָט זיך אויך געפונען נאָענט צו דער גרעניץ מיט דער חסידי'שער גאַליציע, אין דער צייט וואָס מערב אונגאַרן, איז געווען סיי געאָגראַפיש און סיי אין גייסט נאָענטער צו וויען, עסטרייך, און צו דייטשלאַנד, און וואו דער חתם סופר דער אויפהיטער פון מנהגי אשכנז האָט זיך געפונען אין פּרעשבורג, איז געבליבן אשכנזי'ש.

ווען חסידות האָט זיך פאַרשפּרייט אין אונגאַרן האָבן, פּונקט ווי פריער אין אַנדערע מדינות, זיך געיאַוועט אַזעלכע וואָס האָבן געפּרואווט דאָס צו באַקעמפן און צו צינדן מחלוקת'ן צווישן די חסידי'שע און נישט חסידי'שע געמיינדעס.

געוויסע "כלל ישראל פאַרזאָרגער" האָבן, טייל מסתמא לשם שמים, געפירט לשון הרע'ס, פאַרשפּרייט גוזמאות, און פאַבריצירט האַלבע און גאַנצע שקרים, וואָס זיי האָבן געפּעדלט צו רבנים און מנהיגים.

צום חתם סופר איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז מחרחרי ריב האָבן געזאָגט פאַר'ן ישמח משה אַז דער חתם סופר זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט קעגן חסידות, אָדער קעגן געבן קמיעות, און זאָל דערמיט האָבן געמיינט דעם ישמח משה.

אָבער אַנשטאַט צו פאַראורזאַכן אַ פּירוד לבבות האָבן די הולכי רכיל ערררייכט דאָס סאַמע פאַרקערטע. טראָץ דעם געאָגראַפישן מרחק צווישן פּרעשבורג און אוהעל און טראָץ דעם וואָס זיי האָבן זיך קיינמאָל פיזיש נישט באַגעגנט איז דאָס ידידות און קשר צווישן די צוויי גדולים וצדיקים געוואָרן אַ קשר בל ינתק דוקא אַדאַנק דעם פּרואוו פון שאַפן אַ פּירוד חלילה צווישן זיי.

אין דער תשובה צום ישמח משה אין שו"ת חתם סופר, או"ח סי' קצ"ז, געשריבן י"ב אלול תקע"ח, שרייבט דער חתם סופר: "כי מכותלי כתבו אשר הגיעני מאנשי ק"ק פּאָטיק נראה כאילו נאמרו דילטורים לפר"מ (לפאר רום מעלתו) כאילו לבי חלוק ממנו. ואחז"ל ברכות ל"א ע"ב מכאן לנחשד וכו' ולא עוד אלא שצריך לברכו וכו'".

שרייבט דער חתם סופר, אַז וואָס ער האָט געזאָגט איז בלויז זיין שיטה בנוגע חסידות בכלל, נעמליך, אַז פאַר די וואָס האַלטן טאַקע ביים זיין אַ מתחסד עם קונו איז לית טב מיניה. אָבער לגבי די ברייטע מאַסן האַלט ער אַז דאָס פנימיות פון חסידות קען פאַרוואַסערט און דיסטילירט ווערן אויב ווערט דאָס אַ דבר השווה לכל נפש.

"וכן אקווה האמת לא אכחיד, כי מרגלא בפומי כי כל האמור להלכה בשו"ע היא תורה תמימה לכל ישראל בשוה, ואין בודד במועדיו. אכן מי

**כתי"ק פון הייליגן ישמח משה זי"ע**



שאין לו אלא תורה אפי' תורה אין לו, כי זה נעשה מצות אנשים מלומדה, ואב לבנים יודיע. ע"כ כל המתחסד עם קונו ניכר במעלליו מה שלבו בודה לשם ה' להזיר נזיר מכל מה אשר ידבנו לבו, ובזה אין סגנון א' עולה לשנים, כי אין לב ב' בני אדם שוה באהבת ה', ולכן נקראים בני כושיים משונה במעשיו אך רק משונה באור"ו אבל תוכו מתאחד עם כל ישראל. ואך לעשות עדה שלמה כולם יתחסדו במנהג א' לכולם א"כ היא גופיה נעשה חק לישראל ומצות אנשים, וזה א"א".

ער ווידערהאָלט אויך זיין שיטה וועגן נוסח אשכנז און נוסח ספרד, וואָס ער שרייבט שוין אין תשובה ט"ו און ט"ז. דאָס איז אַלץ, שרייבט ער צום ישמח משה, וואָס ער האָט נאָר אַמאָל געזאָגט וועגן חסידות: "אלו דברים שאמרתי מעולם, אבל ח"ו לא יצא עתק מפי על גברא רבא דכוותיה שכי"ב (שכמותו ירבו בישראל)".

מער ווי זיין אַלגעמיינע מיינונג בנוגע די דערמאַנטע ענינים לגבי חסידות, זאָגט דער חתם סופר, האָט ער קיינמאָל נישט געזאָגט און אודאי איז "ח"ו לא יצא עתק מפי על גברא רבא דכוותיה".

מתוך גודל ענוותנותו לייגט צו דער חתם סופר, אַז אויב האַלט דער ישמח משה אַז ער, דער חתם סופר, האָט חלילה אַ טעות, זאָל ער אים זאָגן. ער איז גרייט מקבל צו זיין. "ואם ח"ו יראה פר"מ שגם במה שכתבתי לעיל דרך עוצב בי, ינחני בדרך אמת ועל פני יוכיחני, יהלמני צדיק חסד, אני אשא ואני אסבול ואקוה שיתפייס ויעלה זכרוני לטובה בתפילתו זכה ימלט אי נקי".

אפילו ביים אויסדרוקן זיינע דקות'דיגע מיינונגס פאַרשידנהייטן שטרייכט דער חתם סופר אונטער זיין אַלגעמיינע הסכמה מיט די יסודות'דיגע פּרינציפּן פון חסידות. "כי כל האמור להלכה בשולחן ערוך היא תורה נתונה לכל ישראל בשוה ואין בודה במועדיו". חסידות קען נישט שטיין העכער ווי דער שולחן ערוך. גלייך דריקט ער אָבער אויס זיין השקפה וואָס איז גענוי אידענטיש מיט דער השקפה פון חסידות: "אכן, מי שאין לו אלא תורה, אפילו תורה אין לו. כי זה נעשה מצות אנשים מלומדה שאב לבנים יודיע. ע"כ כל המתחסד עם קונו ניכר במעלליו מה שליבו בודה לשם ה' להזיר מכל אשר ידבנו לבו". זענען דאָס דאָך פון די פונדאַמענטאַלע יסודות פון חסידות: דער דגוש אויף עבודה שבלב און לפנים משורת הדין. דער באַגריף פון דערהויבן זיך איבער דעם שאַבלאָנעם רוטין פון מצוות אנשים מלומדה.

אין דער תשובה ברענגט דער חתם סופר אויך אַרויס זיין השקפה קעגן רעדן סתרי תורה ברבים, און וואָס זיינע רבי'ס רבי נתן אַדלער, דער בעל הפלאה און רבי זלמן חסיד זענען געווען שטאַרק נזהר: "מעיד אני עלי שמימי לא שמעתי מפי קדושי ישראל הנ"ל ס' הזוהר יוצא מפי קדשם בשום דרוש, ותלי"ת (ותהילה לקל יתברך) לא זזה ידי מתוך ידם ולא חזרתי מהם".

אינטערעסאַנט איז אַז אָט די תשובה צום ישמח משה איז די איינציגע צווישן אַלע תשובות פון חתם סופר אין וועלכן ער שרייבט דווקא אָפן סתרי תורה און דברי קבלה.

כידוע האָט דער ישמח משה עוסק געווען אין שרייבן קמיעות. טייל פון די מתנגדים און הולכי רכיל האָבן אים געפּרואווט באַרעדן פאַר'ן עוסק זיין אין קמיעות. שרייבט צו אים דער חתם סופר אין דער תשובה אַז ער איז דווקא מסכים מיט אים: "כי שמות הקודש הם פעולות אמיתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק". נאָכ'ן אויסרעכענען אַ גאַנצע סעריע פון תנאים ואמוראים וואָס האָבן עוסק געווען דערין שרייבט דער חתם סופר: "הארכתי בזה, שלא יחשדני כי ח"ו יש בלבי הרהור על העוסקים בזה לשמה".

אינטערעסאַנט איז אויך די ערשטע העלפט פון דער תשובה. נאָכ'ן נוצן די מליצות אויף זיין נאָמען טייטלבוים "תמר", איז דער חתם סופר מאריך מיט דיוקים און חידושים איבער דבש תמרים, איבער די שבעת המינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל, איבער כל שאור וכל דבש וכו'. חידושים נפלאים בדרך דרוש ופלפול ווי אויך על פי סוד ועל פי קבלה. אויספירנדיג: "ואם יש לפר"מ דברים מתוקים, אל ימנע טוב".

עטליכע חדשים נאָכ'ן שרייבן די תשובה צום ישמח משה, נאָך איידער ער האָט געקראָגן אַן ענטפער פון ישמח משה, האָבן צוויי תלמידים פון חתם סופר וואָס האָבן געוואוינט אין אוהעל זיך געוואָנדן צום חתם סופר מיט אַ שאלה. י"ג שבט תקע"ט האָט דער חתם סופר געענטפערט צו די צוויי תלמידים. "הרב המופלג הותיק מו"ה איצק רב"ד דק"ק אויהל יע"א, ולתלמידי החרוץ המופלא מו"ה שואל נ"י".

דער ערשטער איז מסתמא רבי יצחק איציק סערדא, אַ תלמיד פון חתם סופר, און דער צווייטער איז רבי שאול גרינפעלד פון ליטשיק, מחבר ספר "מגן שאול". (באַמערקט אגב ווי דער חתם סופר שרייבט צו אים "שואל", אין איינקלאַנג מיט דער תשובה, אה"ע ח"ב סי' כ"ב, וואָס מיר האָבן געהאַט געברענגט אין אַ פריערדיגן מאמר, אַז דעם נאָמען "שאול" טוישט מען צו "שואל" צוליב רשעים וואָס האָבן געהאַט דעם נאָמען. הגם ער האָט געמיינט צו זאָגן, און אַזוי פירט זיך די וועלט, צו זאָגן שואל נאָר ביים רעדן).

אין דעם בריוו, צווישן אַנדערן וועגן צרכי רפואה פאַר אַן אשה חולנית, איז דער חתם סופר מוסיף בשבחו פון ישמח משה: "עד כאן דיברתי בלשון חכמים מרפא. אך לדינא לא זו הדרך להביא ממרחק לחם התורה. ואפילו מעיר קטנה ואנשים בה מעט, אין דרכי להשיב כ"א להרב מרא דאתרא השואל, ומכל שכן באתרי' דפר"מ שרוי רב וגאון, אומן מופלא". (מגן שאול, ליטשיק, מהדורת ווראַנוב תרצ"ז).

## השיב משה

דעם ישמח משה'ס ענטפער צום חתם סופר, צו תשובת קצ"ז, איז געדרוקט אין ישמח משה'ס שאלות ותשובות "השיב משה" סי' ט"ז.

אַזוי ווי דער חתם סופר האָט אין זיין בריוו געבעטן אַ ברכה פון ישמח משה הייבט ער אָן מיט די ווערטער "מקל רוכב ערבות, רבוא רבבות, ברכות וטובות".

ער איז ממשיך: "לכבוד ידיד ה' וידיד עמו וידידי, הרב המאור הגדול הגאון

האמיתי המפורסם בכל הגולה, צדיק יסוד עולם נ"י ע"ה פ"ה, כקש"ת מוהר"ר משה ספרא רבא דישראל לנצח ור"מ דק"ק פרעשבורג והמדינה יצ"ו".

אין דעם בריוו באַציט זיך דער ישמח משה צו די דברי קבלה פון וואָס דער חתם סופר רעדט אין זיין בריוו צו אים, תשובה קצ"ז, וועגן דער תמיהה נשגבה אין סידור האר"י בנוגע שיעור כותבת. "באתי בקוצר אמרים רק על מילתא חדא שנתקשה בה הדר כבוד גאונו בסדור האריז"ל, ובאמת היא פליאה נשגבה".

"והנה כת"ר", שרייבט דער ישמח משה, "אינו צריך לא לגמרא דידי ולא לסברא דידי, ואתו החכמה והמדע בכל עוז ותושיה בין בנגלה ובין בנסתר, כל רז ממנו לא נעלם".



געמאָלן בילד אָנגענומען אַלס דער הייליגער ישמח משה זי"ע

## דמות דיוקנו פון חתם סופר אַנטפּלעקט זיך פאַר'ן ישמח משה יום הקדוש ביינאַכט

"יעלה זכרוני לטובה בתפילתו הזכה" שרייבט דער חתם סופר צום ישמח משה אין שנת תקע"ח אין דער דערמאַנטער תשובה, סי' קצ"ז. בלויז צוויי יאָר נאָכ'ן שרייבן די תשובה האָט דער חתם סופר פאַרווירקליכט די בקשה אויף אַ וואונדערליך הימלישן וועג, וואָס צייגט דעם קשר עליון ורוחני צווישן די צוויי קדושי עליון.

יום הקדוש ביינאַכט פון שנת תק"פ איז פאַר'ן ישמח משה ביים דאַוועגען פּלוצים נתגלה געוואָרן די צורה פון חתם סופר. כאָטש זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געזען האָט דער ישמח משה מרגיש געווען אַז דאָס איז די צורה פון חתם סופר און אַז ער בעט ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין. דער ישמח משה האָט באַלד געלאָזט רופן דעם חתם סופר'ס אַ תלמיד, רבי אברהם צבי ז"ל, וועלכער האָט געוואוינט אין אוהעל, און האָט אים געבעטן ער זאָל אים שילדערן דאָס געשטאַלט פון חתם סופר. פאַר'ן ישמח משה איז געוואָרן קלאָר אַז די צורה וואָס האָט זיך פאַר אים מגלה געווען ביים דאַוועגען איז טאַקע די צורה פון חתם סופר און אַז ער בעט אים אינזין צו האָבן און בעטן פאַר אים אָדער פאַר זיין שטוב.

מוצאי יום כיפור האָט דער ישמח משה געפרעגט צי ס'איז נישט אָנגעקומען אַ בריוו פון פּרעשבורג. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז יאָ, ערב יום הקדוש נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון פּרעשבורג, פון חתם סופר, אָבער אַזויווי ס'איז שוין געווען שפּעט און נאָענט צום זמן האָט מען עס אים נישט איבערגעגעבן. ווען מען האָט געעפנט דעם בריוו איז דאָרט טאַקע געשטאַנען ווי דער חתם סופר שרייבט אַז זיין זון דער כתב סופר איז נישט געזונט און נויטיגט זיך אין תפילות און רחמי שמים. פאַר'ן ישמח משה איז ווידעראַמאָל באַשטעטיגט געוואָרן וואָס די התגלות יום כיפור ביינאַכט האָט געמיינט.

די מעשה איז באַקאַנט צווישן די אייניקלעך פון חתם סופר און פון ישמח משה. עס ווערט אויך געבראַכט אין "חוט המשולש" פון בערעגסאַזער רב.

כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט דערציילט אַז ער האָט געהערט די מעשה פון זיין פאָטער דער קדושת יו"ט זצ"ל. דער רבי האָט אויסגעפירט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

"דאָס וואָס דער חתם סופר האָט זיך באַוויזן צום זיידן, און נישט סתם אַז דער זיידע האָט אים געזען, די מדריגה איז געווען נאָר ביי תלמידי בעל שם".

אַן ענליכע מעשה האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט 20 יאָר שפּעטער, אין שנת ת"ר, פאַר דער הסתלקות פון חתם סופר. מיר וועלן עס איבערגעבן לויט ווי דאָס ווערט באַשריבן דורך הגה"צ רבי יהודה גרינוואַלד דער בעל "זכרון יהודה", סאַטמאַרער רב זצ"ל.

רבי יהודה גרינוואַלד איז געווען אַן איידעם ביים חתם סופר'ס יונגסטער זון רבי יוסף יוזפא זצ"ל. דערציילט ער לויט ווי ער האָט דאָס געהערט פון זיין פעטער. "אספר מה ששמעתי מפה קדשו של בנו הג"ר שמעון סופר ז"ל".

הגאון רבי מרדכי שלאַנק, וועמען מיר האָבן שוין דערמאַנט אין איינעם פון די פריערדיגע מאמרים, אַ תלמיד פון רבי עקיבא איגר און דאַן פון חתם סופר, האָט געדרוקט די חידושי הר"י מיגאַש און האָט ביים סוף צוגעלייגט עטליכע תשובות פון חתם סופר.

דערציילט רבי יהודה גרינוואַלד אין נאָמען פון רבי שמעון סופר: "כשנסע הרב הגאון רבי מרדכי שלאַניק ז"ל המוזכר בתשובה חת"ס יו"ד למכור חידושי ר"י מיגאַש שנדפסו בחיי חת"ס ז"ל עם איזה תשובות מחת"ס בא לקהילת אוהעל, והיה שם על יום הכיפורים והתפלל בבית המדרש של הגאון בעל ישמח משה. וכשקראו להגאון ז"ל לעלות לתורה ובירך ברכת התורה לאחריה, אמר בזה הלשון: 'רבותי, דער פּרעשבורגער צדיק ברויך רחמים'.

"וכששמע הרב ר' מרדכי הנ"ל דבריו, אחזתו פלצות, יען כי הוא היה כמו תלמיד חבר לחת"ס ז"ל ולמד אצלו כמו ט"ו שנים. אמנם ביום הקדוש לא היה בו כח לשאל את הגאון ישמח משה הנ"ל, האיך ידע מזה שהחת"ס צריך לרחמים? והתאפק עד מוצאי יום הכיפורים, דחק ונכנס לפנים ממחיצה ואמר להגאון ישמח משה ז"ל: "יען שהוא תלמיד מובהק לחת"ס וצערו גדול, ימחול להגיד לו מה שמע מפרעשבורג". והשיב הגאון הישמח משה: "גם אם אגיד לכם, לא תדעו דבר".

"והפציר הרב ר' מרדכי בבקשתו ותחנתו. והשיב הגאון הישמח משה ז"ל בזה הלשון: "ראיתי את הצדיק מפרעשבורג מעורר רחמים למעלה, ואלפים ורבבות נשמות של התנאים ואמוראים ליוו את תפלתו, והרמב"ם והרמב"ן ז"ל אחד מימינו ואחד משמאלו בתפלתו" עד כאן לשונו הקדוש".

"ויותר מזה לא הגיד לו".

## די מחלוקה צווישן די שדרי"ם פון ארץ ישראל

אין שנת תקל"ז האָט אַ גרופּע חסידים בראש מיט הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעבסק עולה געווען פון ווייס-רוסלאַנד קיין ארץ ישראל. ווייס-רוסלאַנד, די היינטיגע בעלאַרוס (ווייס אויף רוסיש איז בעלאַ), האָט דאַן געהייסן רייסין. דערפאַר האָבן די חסידי'שע עולים געהייסן "חסידי רייסין".

זיי האָבן זיך באַזעצט אין טבריה וואו זיי זענען געזעסן און געלערנט און האָבן עוסק געווען בעבודת השם. זייער מאָגערע חיונה האָבן זיי געצויגן פון דער שטיצע וואָס דער שד״ר (שלוחי דרבנן) פון דעם כולל רייסין פלעגט יערליך זאַמלען אין חוץ לארץ.

רבי מענדעלע וויטעבסקער האָט אָנגעפירט מיט דער חסידי׳שער עדה ביז צו זיין הסתלקות אין שנת תקמ״ח. דאַן האָט הרה״ק רבי אברהם קאַליסקער איבערגענומען די הנהגה, ביז צו זיין הסתלקות אין שנת תק״ע.

במשך פון דער תקופה האָבן אויך עולה געווען, און אָנגעפירט מיט דער עדה, אַזעלכע אריות שבחבורה ווי הגה״ק רבי יעקב שמשון משפעטיווקע און הגה״ק רבי זאב וואָלף פון טשאַרנע-אוסטרא.

מיט איבער דרייסיג יאָר נאָך דער ערשטער עלייה פון חסידים האָט עולה געווען אַ גרופּע ליטווישע מתנגדים תלמידי הגר״א וועלכע האָבן זיך גערופן ״פרושים״. די ערשטע שיירה פון די תלמידי הגר״א, בראש מיט הגאון רבי מנחם מענדל משקלאָוו, איז אָנגעקומען אין שנת תקס״ח און האָט זיך באַזעצט אין צפת. די צווייטע שיירה, בראש מיט רבי סעדיה מווילנע, אַ תלמיד פון גר״א, איז אָנגעקומען אין שנת תקס״ט, און די דריטע שיירה, בראש מיט רבי ישראל משקלאָוו, איז אָנגעקומען אין שנת תק״ע.

די פרושים האָבן געגרינדעט אַ באַזונדערן כולל. אַזוי האָבן עקזיסטירט צוויי כוללים. אַ חסידי׳שער כולל, כולל חסידים, און אַ ליטווישער כולל, כולל פרושים.

יעדער פון די צוויי כוללים האָט יערליך אַרויסגעשיקט איטליכער אַ באַזונדערן שד״ר קיין חוץ לארץ. דער שד״ר פונעם חסידי׳שן כולל איז בעיקר געפאַרן קיין רייסין, פוילן און גאַליציע, און דער שד״ר פון כולל פרושים איז געפאָרן קיין ליטע און מתנגדי׳שע געגנט אין די אַרומיגע לענדער. דער מאַנגל אין פלאַץ ערלויבט נישט אַריינצוגיין אין די איינצלהייטן איבער די דיפערענצן און שטרייטן וואָס האָבן יעדע עטליכע יאָר אויסגעבראָכן איבער די חלוקות און איבער די גרעניצן.

ווען די צוויי כוללים האָבן אויסגעאַרבעט אַן אָפּמאַך, צו ״צעטיילן״ חוץ לארץ לויט חסידי׳שע און מתנגדי׳שע ראַיאָנען, האָט רבי ישראל שקלאָוו, בעל מחבר ספר ״תקלין חדתין״, פון די פירער פון דער קהילת הפרושים, געשיקט דעם הסכם צום חתם סופר. דעם חתם סופר האָט שטאַרק פאַרדראָסן דער שפּאַלט צווישן חסידים און מתנגדים און פאַרוואָס עס דאַרפן בכלל עקזיסטירן צוויי באַזונדערע כוללים. בלית ברירה האָט ער מסכים געווען צו דער פשרה, אָבער נאָר צוליב דער עקזיסטירנדער רעאַליטעט.

אין שו״ת חתם סופר חו״מ סי׳ יב געפינט זיך די תשובה וואָס דער חתם סופר האָט אין שנת תק״צ געשריבן צו רבי ישראל שקלאָוו. עטליכע אויסצוגן פון דער תשובה:

״על דבר הפירוד, אוי נא לנו כי בושנו ונכלמנו כי נאמר צדיקים יושבים באַרץ הצדקת ופיזור הנאה להם. אוי לנו שכך עלתה בימינו כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם. אבל מה נעשה שחטאנו גרמו לנו שא״א להכניסם, ע״כ יתפרדו כמ״ש הדרת גאונו עפ״י תשובת רדב״ז. ואין להאריך במה שלבו של אדם כשר דוה עליו. ה׳ ישפות שלום לת״ח המרבים שלום, ולכל אחב״י״.

נאָך מיט צוויי יאָר פריער, אין שנת תקפ״ח, שרייבט דער חתם סופר אין אַ בריוו: ״לא עלה על דעת מעולם לעשות שום פירוד בין קהילה לקהילה ובין כולל לכולל, ולא ייזכר ולא חילוק בין שם חסידים או פרושים, כי כל העדה כולם קדושים״.

ווען די אידישע באַפעלקערונג איז מיט אַרום צוויי הונדערט און פופציג יאָר צוריק זיך צעוואַקסן אין אונגאַרן, צוליב דער אימיגראַציע אהין פון אידן פון די אַרומיגע מדינות, בעהמען, מערן און פוילן, האָבן די שדרי״ם פון ארץ ישראל צוביסלעך גענומען פאָרן אויך קיין אונגאַרן. קיין הסכם צווישן די צוויי כוללים, וואו אין אונגאַרן גופא דער שד״ר פון איטליכן כולל מעג פאָרן, האָט נאָך נישט עקזיסטירט. בדרך הטבע איז דער שליח פון חסידי׳שן כולל בעיקר געפאָרן קיין אונטערלאַנד בעת דער שד״ר פון כולל פרושים האָט זיך מער קאָנצענטרירט אין אשכנזי׳שן אויבערלאַנד. דער אונגאַרישער ״כולל שומרי החומות״ האָט אגב דאַן נאָך נישט עקזיסטירט. כולל שומרי החומות איז נתייסד געוואָרן ערשט אין שנת תרט״ו דורך די תלמידים פון חתם סופר, בראש מיט דעם חתם סופר׳ס תלמיד רבי דוד דייטש.

אין שנת תק״צ האָט דער שד״ר פון חסידי׳שן כולל זיך באַגעגנט מיט דעם שד״ר פון כולל פרושים אין דער חסידי׳שער אונטערלאַנד. האָט ער אים פאָרגעהאַלטן פאַרוואָס ער איז אים משיג גבול. קיין אָפּיציעלער אָפּמאַך צווישן זיי איז טאַקע נישטאָ, האָט ער גע׳טענה׳ט, אָבער ס׳איז נישט מער ווי רעכט אַז די חסידי׳שע געגנט זאָל באַלאַנגען צו אים, דער שליח פון כולל חסידים, און נישט צום שד״ר פון כולל פרושים.

האָט דער שד״ר פון חסידי׳שן כולל גערופן דעם שד״ר פון מתנגדי׳שן כולל צו דין תורה צום ישמח משה.

ווען זיי זענען געקומען קיין אוהעל צום ישמח משה האָט דער ישמח משה זיי געזאָגט אַז ער קען אַזאַ דין תורה נישט אָננעמען ווייל אַזויווי ער איז אַ חסיד ווערט ער דורך דער וועלט באַטראַכט ווי אַ נוגע בדבר. ער האָט זיי געהייסן זיך שטעלן צו דין תורה פאַר׳ן חתם סופר ווייל דער חתם סופר איז דער איינציגער וואָס איז נייטראַל צווישן חסידים און מתנגדים. דער ישמח משה האָט מיט זיי מיטגעשיקט אַ בריוו צום חתם סופר.

אין דעם בריוו שרייבט דער ישמח משה ״כי בעיני המון אני נוגע בדבר, באמרם שאני מכת החסידים״. דער ישמח משה לייגט אָבער צו אַז אין אמת׳ן איז ער בדעה אחת מיט׳ן חתם סופר:

״לדידי כל אנפין שווין, חסידים או פרושים כל ישראל חברים, ושמות מחולקים לא ידעתי על מה אדניהם הטבעו״.

״ואני מסכים לדעת הגאון מפ״ב נ״י״, שרייבט דער ישמח משה, ״שחילוקי שמות אלו פרושים וחסידים תבטלו, רק לכולל אחד יחשב ויסעו שניהם באהבה ואחוה ולא יחולל ש״ש, כי באמת כל העדה כולם קדושים״.

דער ישמח משה שילדערט אין קורצן די השתלשלות פון דעם סכסוך: ״ועת הזאת אשר הגיע לגבולנו השד״ר מוכ״ז דאתא ממערבא מכולל הנקרא ״חסידים״ הי״ו, ה״ה הרב.... מהו׳... וצווח על השד״ר מכולל פרושים מהו׳... הי״ו אשר הקדים עצמו לתפוס ולאחוז ממון הקודש וכו׳. והן יאמין לי הדר גאונו, כי ממקום התחלת ארץ הגר ניתן משנים קדמוניות להצדיקים אשר בפולין, להצדיק ר׳ מענדל מרימנוב זצוק״ל ואחריו הרב מראָפּשיץ זצוק״ל ולהרב הצדיק המפורסם ממעזיבוז זצוק״ל וכן להרב מקאַליב זצוק״ל ולהצדיק המפורסם ר׳ יוסף מיאַמפּלא בן הצדיק הקדוש ר׳ יחיאל מזלאָטשוב זצוק״ל. ואח״כ בבואי לכאן מארץ פולין זה כ״ה שנה, כתב לי הצדיק מקאַליב זצ״ל שגם אני אתן ידי לחזק הצדקה הלז וכן עשיתי בעזה״י וכו׳ ועתה צווח השליח שרוצה להתדיין ולתבוע לד״ת הקדושה את השליח של הפרושים״.

אין דעם בריוו, געדרוקט אין חוט המשולש, פירט אויס דער ישמח משה: ״וכפי אשר יצא מפיו הקדוש כן יקום... ואת אשר יבחר כת״ר כן יקום, וגם אני מסכים לדבריו הקדושים״.

דער חתם סופר האָט באַוויליגט מפשר צו זיין צווישן זיי. זיין פשרה איז געווען אַז בלית ברירה מוז מען טאַקע צעטיילן דאָס לאַנד צווישן די צוויי שדרי״ם. דער שד״ר פון די פרושים זאָל זאַמלען אין אויבערלאַנד, דער אשכנזי׳שער ראַיאָן, און דער שד״ר פון חסידי׳שן כולל, אין אונטערלאַנד, דער חסידי׳שער ראַיאָן.

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**דעם חתם סופר'ס "ספר הזכרון" – ווען קאַנאָנען האָבן געדונערט, האַרמאַטן האָבן געהילעכט און פּרעשבורג איז געקומען אונטער אַ האָגל פון אַרטילעריע – די באַלאַגערונג פון פּרעשבורג דורך נאַפּאָלעאָן'ס אַרמיי בעת דער עסטרייך-פראַנצויזישער מלחמה פון שנות תקס"ט/תק"ע – די דראַמאַטיש היסטאָרישע געשעענישן וואָס ער האָט פאַרשריבן אין "ספר הזכרון" – די פאַרבאָרגענע רמזים און אָפענע גילויים וואָס ער אַנטפּלעקט אין דעם ספר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

"בשעה חמישית, דהיינו עלף אוהר, קול רעש גדול אשר לא נשמע כמוהו, קול חיצים וברקים נראים בעד החלונות, ובלכתן כקול מים רבים קול המולה גדולה, ועוד זה סואן ורעש, וזה בא אחריו קול גדול ולא יסף וירעשו אמות הסיפים"

"וקול התור הגדול נשמע בארצנו, מקול דהרות אבירי מלחמה נרעשה ארץ היא מלחמת אדונינו הקיסר עסטרייך עם קיסר הצרפתים, ומה ראו על ככה ומה הגיע אליהם, הלא הוא כתוב על ספר מלחמות, ומפורסם בין כל עם ומדינה".

"ונתגעשו מכל קני השריפה שבפּרעשבורג.... והסופרים הנכרים בעלי מגידי חדשות לפניהם בא מספר אבני בליסטראות שנזרקו במשך ימים אלו לפּרעשבורג, ויהי מספרם ארבעה אלף ופרוטרוט... ויבא רוגז ופחד אויב".

די אויסצוגן זענען פון חתם סופר'ס "ספר הזכרון" – אַ ספר וואָס ער האָט געשריבן בעת דער פראַנקרייך-עסטרייך מלחמה און די באַלאַגערונג און באָמבאַרדירונגען פון דער שטאָט פּרעשבורג אין די יאָרן תקס"ט-תק"ע.

דער "קיסר הצרפתים" איז דער פראַנצויזישער קייזער נאַפּאָלעאָן באַנאַפּאַרטע, דער פראַנצויזישער עמפּערעטאָר וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס איינער פון די געניאַלסטע מייסטער פון מיליטערישע טאַקטיקן וואָס במשך פון צען יאָר איז ער געווען אַ מושל בכיפה, וואָס האָט איינגענומען און באַהערשט אַ האַלבע וועלט.

די מלחמה צווישן עסטרייך און פראַנקרייך איז איינע פון די זיבן מלחמות וואָס פראַנקרייך האָט געפירט אין די יאָרן נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, די לעצטע פינף פון די זיבן אונטער דער פירערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן.

אין אַ שפּעטערדיג קאַפּיטל וועלן מיר צוריקקומען צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צו נאַפּאָלעאָן'ס פירערשאַפט, צו זיינע אידייען פון פרייהייט וואָס האָבן געענדערט דעם קורס פון דער געשיכטע, און דעם פועל יוצא וואָס זיי האָבן געהאַט אויפ'ן אידישן פאָלק און אויפ'ן תורה אידנטום.

אין היינטיגן און אין קומענדיגן קאַפּיטל וועלן מיר בלויז רעדן פון דעם "ספר הזכרון" אין וועלכן דער חתם סופר באַשרייבט די געשעענישן, די רמזים, די מראות און פחדים'דיגע גילויים וואָס מען האָט מן השמים אים פאָראויס געוויזן, די באַלאַגערונג און דאָס באָמבאַרדירן די שטאָט פּרעשבורג, די נאָכאַנאַנדיגע אָפענע השגחה פרטית, און די רעיונות פון מוסר, מדות און השקפה וואָס דער חתם סופר באַשרייבט אין זיין "ספר הזכרון".

## די האַבסבורג דינאַסטיע און די נאַפּאָלעאָנער מלחמות

די האַבסבורג דינאַסטיע איז די קעניגליכע פאַמיליע וואָס האָט געהערשט איבער דער עסטרייכישער מלוכה. אַזויווי אונגאַרן איז געווען

אַ טייל פון דער עסטרייכער אימפעריע זענען זיי אויך געווען די מושלים איבער פרעשבורג, וועלכע איז געווען אַ טייל פון אונגאַרן.

קייזער פראַנץ דער ערשטער איז דאַן געווען דער קעניג פון עסטרייך. נישט צו פאַרטוישן מיט זיין אייניקל קייזער פראַנץ יאָזעף, אונטער וועמען די אימפעריע האָט זיך גערופן עסטרייך-אונגאַרן, פון די גרעסטע אייראָפעאישע אימפעריעס. עווענטועל, מיט הונדערט יאָר שפעטער, איז אויך זי, עסטרייך-אונגאַרן, צוגלייך און אין דער זעלבער צייט ווי די טערקישע אָטאָמאַנישע אימפעריע, זיך צעפאַלן און געוואָרן אויפגעלייזט, נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען זיי זענען באַזיגט געוואָרן דורך די אַליאירטע.

"אַליאירטע" איז דער טערמין וואָס דער בלאָק פון פרייע מדינות האָט גענוצט צו באַצייכענען זייער מיליטערישע פאַראיין בעת די ערשטע און צווייטע וועלט מלחמות, – וואָס זיי נוצן אויך היינט פאַר זייער פאַראיין אין "נאַט"אָ". מיט איבער 200 יאָר צוריק, אין דער תקופה וואָס מיר רעדן אַצינד, האָט דער בלאָק פון מדינות וואָס זענען דאַן געווען פאַראייניגט אין זייערע מלחמות קעגן פראַנקרייך און קעגן נאַפּאָלעאָן, גענוצט די טערמינאָלאָגיע פון: "קאָאַליציע".

צווישן די יאָרן תקנ"ב (792') און תקע"ה (815'), במשך אַ תקופה פון 23 יאָר, האָט פראַנקרייך געפירט אַ סעריע פון זיבן אַזעלכע מלחמות קעגן אירע קעגנער. די מלחמות זענען באַקאַנט אַלס די מלחמות קעגן דער "ערשטער קאָאַליציע", קעגן דער "צווייטער קאָאַליציע" א. א. וו. ביז צו דער "זיבעטער קאָאַליציע".

די הויפט אייראָפעאישע מאַכטן וואָס זענען געווען מיטגלידער אין די אַנטי פראַנצויזישע קאָאַליציעס זענען געווען ענגלאַנד, רוסלאַנד, עסטרייך און פרייסן (דייטשלאַנד). געווען אויך פילע אַנדערע קלענערע און גרעסערע מדינות ווי טערקיי, שפאַניע, פאָרטוגאַל, שוועדן, האָלאַנד, און נאָך, וואָס זענען צומאָל געווען אַ טייל פון דער קאָאַליציע און צומאָל, פאַרקערט – אויף דער זייט פון פראַנקרייך. טייל, אפילו פון די גרעסערע, זענען אָפט אַרויסגעפאַלן פון דער קאָאַליציע, ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיי באַזיגט אין זיינע כסדר'דיגע נצחונות אין די ערשטע יאָרן פון זיין מאַכט.

די מלחמה פון וואָס מיר רעדן אַצינד איז די פינפטע קאָאַליציע. נאָכדעם וואָס עסטרייך האָט מיט עטליכע יאָר פריער פאַרלוירן טעריטאָריעס צו פראַנקרייך און אונטערגעשריבן אַ שלום פאַקט מיט איר נאָך דער מלחמה פון דער פערטער קאָאַליציע האָט דער עסטרייכישער קייזער פראַנץ באַשלאָסן אַז זיינע אַרמייען זענען יעצט גענוג שטאַרק צו באַפאַלן נאַפּאָלעאָן'ס אַרמייען און צוריק נעמען די פאַרלוירענער שטחים. ער האָט אויך געמאַכט אַ פאַלשע קאַלקולאַציע אַז פרייסן (דייטשלאַנד) וועט זיך אָנשליסן אין זיין פינפטע קאָאַליציע קעגן פראַנקרייך – וואָס זי האָט למעשה נישט געטאָן. די מלחמה האָט זיך דערנאָך ווידער געענדיגט מיט אַ שלום פאַקט צווישן עסטרייך און פראַנקרייך אין וועלכן פראַנקרייך איז אַרויס מיט ידה על העליונה.

## "ספר זכרון"

אָנפאַנג פון שנת תקס"ט, דאָס דריטע יאָר פון זיין רבנות אין פרעשבורג, האָט דער חתם סופר אָנגעהויבן שרייבן זיין "ספר הזכרון". פאַרענדיגט האָט ער עס סוף שנת תק"ע.

"כי לא יעשה ה' אלוקים דבר כי אם גילה סודו אל עבדיו הנביאים"



ספר זכרון

מגילת ספר כתוב

מאביר הרועים שר התורה, אב החכמים ופאר השלמים, גאון ישראל וקדושו, רכבו ופרשו, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא, רבן של כל בני הגולה

רבינו משה סופר זצוק"ל

בעל חתם סופר ז"ע

בו ידובר נכבדות, מוסרים הלכות ואגרות, בספורים משולבות, נוראות ונפלאות, שהתרגשו לבוא לעולם בשנת תקס"ט לפ"ק, אשר כתב על הספר וקרא לו שם הנזכר ופוק חזי לשונו הקדוש בראש הספר.

נדפס

בשנת ספר זכרון לפניו לפ"ק.

Sefer Sichoron.

פה פרעסבורג, תרל"ט לפ"ק.

נדפס בדפוס של דוד לוי ושותפו אברהם אלקלעי.

Druck von Löwy & Alkalay, Pressburg.

שער בלאַט פון "ספר זכרון" – דפוס פרעשבורג תרל"ט

(עמוס פרק ג' פסוק ז'). דעם הייליגן חתם סופר האָט מען דאָס גאַנצע לעבן אַנטפלעקט אַזעלכע גילויים מן השמים, בהקיץ אָדער בחלום. אָפט האָט ער דאָס דערמאַנט ברמז, און צומאָל אויך גאַנץ אָפן. אין דעם ספר הזכרון איז ער מגלה טפח און מכסה טפחיים פון די שרעקליכע גלויים בעת דער מלחמה אַרום פרעשבורג.

אָנהויב ספר שרייבט ער גלייך: "אלו היה לי רשות לכתוב את כל הנעשה והנראה, טרם ישמע, היה לפלא. אך פן יחשדני שומע, והדור פרוץ במלואו, ושתיקה יפה מדיבורי, על כן כתבתי רק ראשי פרקים, לזכרון בין עיני, לי לבדי".

"והנה מראשית השנה כזאת נודע לנו ע"י חלומות מבהילות אשר כמה פעמים אחזוני רתת ורעד, וכל עצמותי הפחיד, ולפעמים בהקיץ, אעפ"י שאין ניחוש יש סימן".

הושענא רבה ביינאַכט, בליל החותם, "אחרי כלות אמירת תהלים כנהוג ישנתי אַז ינוח לי מעט, והראוני חלום מבהיל". דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט שמיני עצרת ביינאַכט.

"ולעת ערב בהגיע תור שמחת תורה, ובית מדרשנו מלא פה אל פה עם התלמידים, ששים ושמחים לעשות רצון קונם ובהכנסי אל תוך הפתח והנה נפלה עששית דולקת מאליה, אשר היתה תלויה בשלשלאות וסגורה

בתוכם, ונפל רק הזכוכית מלא שמן זית ונשתברה לפני רגלי, ויהי לפתע פתאום, ונבהלתי מראות, להיות בלאו הכי עמוס מחלומות שתי הלילות, ולא גליתי דבר ולא הראתי פנים עצובות".

שפּעטער ביי די הקפות האָבן די בחורים געזונגען שירות ותשבחות. אַ געוויסער בחור "צנוע ומעלי, שוקד על דלתי ה' עלה והצליח ובשמו ר' נחום זצ"ל הכהן נשאו לבו לשורר שיר תהלים, מזמור אודה ה' בכל לבב. ובהגיע לפסוק זכר עשה אשתקיל מילולי' ונפסק קולו, והי' לשחוק בעיני השומעים".

ווען דער בחור האָט דערנאָך באַוויזן צו זינגען ווייטער און ענדיגן דעם קאַפּיטל האָט דער חתם סופר אים געהייסן זינגען אויך דעם צווייטן קאַפּיטל, אשרי איש. "ובהגיע לפסוק זרח בחושך אור לישרים הדר אישתקיל מילולי' כמו בראשונה. ואז נבהלתי מאוד מהמראה הזה ואמרתי הלא דבר הוא. גם בליל שמחת תורה לא שכב לבי מחלומות, וככה רוב הלילות, לא יאומן כי יסופר, ורוב פעמים נהפכו עלי צירי בעוה"ר".

[אין דרשות חתם סופר דף קל"ה ברענגט דער חתם סופר אַז דער אות זיי"ן איז מרמז אויף כלי זיין און מלחמות. זאָגט ידידינו הרה"ג רבי משה שלאָמיוק שליט"א, בעמח"ס "אוצרות חתם סופר", אַז דער חתם סופר האָט ווי ס'קוקט אויס אין דעם וואָס דער בחור איז צוויי מאָל געבליבן שטעקן ביים אות זיי"ן געזען אַ סימן אויף די מלחמות וואָס האָבן טאַקע אויסגעבראָכן שפּעטער אין דעם יאָר. זע "אוצרות חתם סופר" ח"ג פר' שמות דף קמ"ז].

נאָך יום טוב זענען אידישע און להבדיל נישט אידישע שכנים וואָס האָבן געוואוינט נעבן בית הקברות געקומען זאָגן אַז זיי הערן משונה'דיגע קולות. "ולא שתי לבי להם ולהמונם. אמנם אחר החג בא אלי הנעלה כ' פייבל, שמש החברא קדישא, ועמו התורני ר' יעקב ראב וכו'.... אבל אני אומר שאין זה התעוררות שבין המתים מחמת דבר שכבר חלף עבר, אבל הוא עתיד, וה' ירחם, וצוויתי להם לאחוז בפלך השתיקה ולא יזכר עוד, כי הדיבור מזיק בענינים אלו".

צו דער זעלבער צייט זענען נאָך סוכות פאָרגעקומען מערער אומגליקן, ווען צוויי יונגע בחורים, תלמידים פון דער ישיבה, זענען פּלוצים אַוועק. איינער פון די צוויי איז געווען דער פריער דערמאַנטער בחור נחום זצ"ל הכהן, וואָס איז שמחת תורה געבליבן שטעקן אינמיטן זינגען אודה.

"ואמרתי להתנחם ביום ש"ק פ' ויצא כי עשיתי סעודת בר מצוה לבן אחותי שמואל כ"ץ שיחי'. גם בפפד"מ עשו בני משפחתינו שמחה ביום ההוא, אך לא ערבה שמחתם כי בו בשבת יצאה אש מאת ה' ברחוב יהודים הנקרא נייגאַסע ונשרפו הבתים מצד א' עד בית אמי מורתי תי', היא אם זקנתו של הבחור הנ"ל, ומצד השני עד בית אביו של הנער, והי' להם הפסד רב במטלטלים שלהם. גם פה שמחתנו לא ערב לנו, כי עיקר שמחת בר מצוה הוא דרשת הנער כמבואר בש"ך ובמג"א, ואחר שאמר הפתיחה מת אחד בשכונותינו והוצרך לצאת הנער הכהן. והוא כחתן יוצא מחופתו, כפי' העקידה שיוצא ממנו שלא ברצונו".

יענער ווינטער איז געווען אַ זעלטן קאַלטער ווינטער. דער טייך דונאַו איז חדשים לאַנג געווען פאַרפרוירן. זונטאָג י"ב שבט אינדערפרי האָט די אייז איבער'ן טייך פּלוצים זיך אויפגעלאָזט און האָט פאַרפלייצט די שטאָט. די פאַרפלייצונג האָט פאַראורזאַכט פיל שאָדנס און אויך געקאָסט מענטשליכע לעבנס.

"והי' הפסד גם ליהודים בכמה אופנים, והעולה על גביהן כי בעוה"ר בחטאינו היתה יד ה' בנו ובאבותינו זה חטוטי שכבי כי מחמת השטף נהרסה חומת בית קברות ונשתברו המצבות וגם הבתים של קדושי עליונים מקום קברי רבנים ז"ע אשר בנו ציון על קברם, הכל נהרס והמים שטף עבר גם שט עם הקרח הנורא ימים רבים".

## מלחמה

נאָך פסח האָט דער קעניג פון עסטרייך געמאָלדן אַז ער אַנולירט דעם שלום אָפּמאַך מיט פראַנקרייך. מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

ביז עטליכע וואָכן זענען נאַפּאָלעאָן'ס אַרמייען געווען ביי די טויערן פון וויען, נישט ווייט פון פּרעשבורג.

אָפּגעזען פון וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן וועגן דעם עסטרייכישן קייזער'ס באַשלוס האָט ער קיינמאָל נישט געלאָזט הערן קיין פּאָליטישע מיינונגען. די פּאָליטישע סיבות פאַר דער מלחמה האָט ער איבערגעלאָזט פאַר היסטאָריקער און ספרי מלחמות. שרייבט ער אין ספר הזכרון: "והנה ימי הסתיו עברו הגשם חלף הלך לו, הנצנים נראו בארץ וקול התייר הגדול נשמע בארצנו מקול דהרות אבירי מלחמה נרעשה ארץ, היא מלחמת אדונינו הקיסר עסטרייך עם קיסר הצרפתים. ומה ראו על ככה ומה הגיע עליהם הלא הוא כתוב על ספר מלחמות, ומפורסם בין כל עם ומדינה".

"ומיום החל המלחמה", שרייבט ער ווייטער אין ספר הזכרון, "התפללנו בשלום מלכינו כמה מזמורי תהלים בכל יום, ואחריו תפלה מיוסדת מראשית על ככה המתחיל הנותן תשועה למלכים. ולא ארכו הימים וכבר נשמע כי עם הצרפתים קרבו למו ויאתיו לבא לעיר וויען במצור, והוספנו בתפלות ובקשות גם עבור אחינו ב"י אשר יבואו שמה במצור".

## סיון

ר"ח סיון האָבן נאַפּאָלעאָן'ס אַרמייען זיך באַוויזן אויף דער אַנדערער זייט פון טייך דונאַו, קעגן איבער דער שטאָט פּרעשבורג.

מיט הויך הילכערס וואָס זענען דאַן געווען אין באַנוץ האָבן זיי אויפגעפאָדערט די פּרעשבורגער איינוואוינער, און די זעלנער וואָס האָבן געהיטן אויף דער שטאָט, זיך אונטערצוגעבן פאַר דער פראַנצויזישער אַרמיי. טאָמער נישט וועלן זיי באָמבאַרדירן די שטאָט.

די פּרעשבורגער איינוואוינער און די עסטרייכער אַרמיי האָבן אָבער פאַרמאָגט אַן איבערפלוס פון זעלבסטזיכערקייט. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג.

"בר"ח סיון ירחי תלתאי נראו חיל הצרפתים מעבר לנהר דאנוי וקראו לתוך העיר ליתן להם המעבורת לעבור עלי' ואם לא יביאו קני השריפה עם אבני בלסטראות. אמנם בני העיר לא הטו אזנם ולא שמעו לקולם, והיו לשחוק בעיניהם. ואני להיות לבי יודע מרת נפשי הייתי זוחל ורועד מאוד. ואמנם כל עמי הארץ וגם אחב"י שחקו למו אמרו לא ישפכו סוללה ולא יקדמו מגן. והי' חושבים עלי שאני מפחד חנם על מגן".

## צדקה תציל

דער חתם סופר האָט געלאָזט רופן דעם סעקרעטאַר און גבאי צדקה פון דער קהילה און אים געבעטן ער זאָל אים ברענגען 541 מטבעות, כמנין "ישראל", פון קהל'ס קופת צדקה, צו וועלכן אַלע אידן פון דער שטאָט פלעגן ביישטייערן, צו מאַכן אַ פדיון נפש על פי סדר הרמב"ן.

דעם פדיון נפש האָט דער חתם סופר געמאַכט מיט דעם גבאי צדקה און מיט אַ מנין חשובי העיר פון זיינע טרייסטע תלמידים. ער האָט זיי אָנגעוואָרנט דאָס צו האַלטן בסוד.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**די מלחמה פון תקס"ט-תק"ע – המשך "ספר זכרון" – פון פרעשבורג קיין יערגן – די הימלישע הנהגה פון מדה כנגד מדה – עפּיזאָדן פון מדות און מוסר – די איינציגע בנינים וואָס זענען געבליבן גאַנץ און דער איינציגער איד וואָס איז ל"ע געפאַלן אַ קרבן – "אחרי נמכר (תק"ע) גאולה תהיה לו"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

דאָס געלט פון דעם פדיון נפש וואָס דער חתם סופר האָט אָנפאַנג סיון תקס"ט דורכגעפירט בסוד מיט אַ מנין חשובי העיר האָט ער געהייסן צעטיילן צווישן די אָרימעלייט פון דער שטאָט.

דער געשפּאַנטער מצב האָט אינצווישן נאָכגעלאָזט. די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון אירע פּאָזיציעס אויף דער אַנדערער זייט פונעם טייך דונאַו.

דער ריקצוג איז אָבער געווען בלויז אַ צייטווייליגער. די פראַנצויזישע זעלנער זענען געפאָרן זיך באַטייליגן אין אַ נצחון-פּאַראַד וואָס די פראַנצויזן האָבן אָפּגעהאַלטן אין אַ שכנות'דיגער עסטרייכישער שטאָט וואָס זיי האָבן געהאַט איינגענומען.

י"ו סיון זענען די פראַנצויזן געווען צוריק.

שרייבט דער חתם סופר אין ספר הזכרון: "בי"ט סיון נשמע קול הרעם בגלגל. ותהי חרדה גדולה בתוך העיר". די איינוואוינער זענען אַריין אין די קעלערס פון די הייזער זיך באַשיצן פון דער באָמבאַרדירונג. דער חתם סופר איז אויך אַרונטער אין קעלער און דאָרט פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים.

ער האָט נאָכאַמאָל געשיקט אַ שליח, אַצינד צום ראש הקהל, און אים געבעטן צו שיקן צוויי הונדערט גילדן צו מאַכן דערמיט אַ פדיון נפש און צו צעטיילן דאָס געלט צווישן די אָרימעלייט. ביי דעם פדיון איז שוין אָנוועזנד געווען אַ גרויסער ציבור. "ונקבצו שם אלי קיבוץ רב וגדול מבני הקהילה בשעת עשיית הפדיון והיתה בכי והתעוררות רב, אשר כל שומע יזלו עפעפיו מים". ער האָט אויך געשיקט אַ מנין לומדי תורה מתפלל זיין אויף קברי צדיקים.

## קיין יערגען

"ואז בא לכאן עגלת צב", שרייבט ווייטער דער חתם סופר, "מקהילה קטנה סמוכה הנקראת יערגען, וראש הקהל דק"ק בא ורצונו שאצא מן העיר ואסע לעירו. ובני ביתי כשתולי זיתים עמדו עלי ובקשו ממני שאעשה רצונו בזה לעקור דירתי. וגם דעתי הי' נוטה לכך. ועיקר טעמי, להיות כי הרבה פעמים ראיתי בחלומי את עצמי נוסע ובורח מהעיר, וראיתי את עצמי מתטלטל על שולחן אחר בערי השדות. אמרתי טוב לעשות עתה כן כדי שיתבטל החלום ע"כ, כי זה סגולה נפלאה. וכ"כ הקדמונים ז"ל".

"אמנם אנשים חשובים וטובים מבני ק"ק שחרו פני לבלתי עזבם. ונעתרתי לדבריהם כי לא יכולתי לגלות להם מצפוני לבי ומחשבותי וזעמותי בל יעבור פי".

דעם אַנדערן צופרי האָט מען געזען ווי די פראַנצויזן אינסטאָלירן פרישע אַרטילעריע און שטעלן אויס שווערע קאַנאָנען אין פּאָזיציעס אויף דער אַנדערער זייט טייך. דער חתם סופר האָט געלאָזט אויסרופן אין אַלע בתי מדרשים צו זאָגן אבינו מלכינו ביי שחרית און ביי מנחה און זאָגן מזמורי תהלים נאָכ'ן דאַווענען. ער אַליין האָט געדאַוונט אין זיין בית המדרש ביי זיך אין שטוב.

נאָכ'ן דאַווענען זענען זיינע בני הבית געקומען און האָבן מרעיש עולמות געווען אַז ער מוז פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרן קיין יערגן. יעצט האָבן שוין אויך די פרעשבורגער ראשי הקהילה וואָס האָבן פריער פאַרלאַנגט ער זאָל נישט פאַרלאָזן די שטאָט האָבן יעצט שוין אויך געבעטן ער זאָל פאָרן קיין יערגן. אַ גרויסער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט דערווייל געמאַכט פליטה קיין יערגן.

דער חתם סופר טיילט מיט וואָס זיינע ספיקות זענען געווען בנוגע צי ער זאָל יאָ אָדער נישט פאַרלאָזן די שטאָט:

"שמעתי פה רבים אומרים כי בהיות ק"ק פראַג במצור לפני ששים שנה רצה הגאון מו"ה יחזקאל זצ"ל לצאת חוצה ולא הניחוהו מנהיגי העיר. והנה מה שרצה לצאת חוצה מובן, כי אין לעמוד במקום סכנה, שלא ינוכה לו מזכויותיו. והם לגרמייהו עבדו שלא הניחוהו, כי רצו שיהיה מגינם אצלם, כי ראוי למנהיגם של ישראל למסור נפשו ולהשליכו מנגד עבור עמו, ולא להניחם בסכנה".

"אמנם כן ראיתי רבים חולקים. כי בהיות ק"ק מענץ במצור לפני איזו שנים

שלחו את גאונם הגאון מו"ה חיים הערש ז"ל לפראַנקפורט. וכן עשו אנשי ק"ק קאַבלענץ לרבם מו"ה זיסקינד גאַנדראַש ז"ל, שמת אח"כ בפראַנקפורט. וכשבאה פראַנקפורט במצור שלחו את מורי הגאון בעל הפלאה זצ"ל לק"ק הענוי, כי למה יהיה להם למשא כבד בעת צרתם, וגם במקום שהוא שם יתפלל עליהם, ויגן ויושיע בכל האפשרי, ומה להם אם גם הוא יצטער וכו' והעולה מזה כי יש כאן מחלוקת בין הנהגת ק"ק פראַג, להנהגת הקהלות הגדולות אשר הזכרתי".

מגודל ענוותנותו שרייבט ער: "ועד כה דיברנו בגאוני עולם צדיקים, המגינים על דורם כחומה, אשר היו נקיים וחף מפשעים. אבל האם לאזובי קיר כמוני תייחלי אחי? ואם עלי תשאו עיניכם? אוי לאותה בושה. אוי לדור שכך עלתה בימיו".

רוב אידישע משפחות האָבן דערוויל עוואַקואירט די פרויען און קינדער צו די שכנות'דיגע דערפער. ווען די ראשי הקהילה האָבן אים דאָס קומענדיגע מאָל אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן די שטאָט און ווען די קהילה פירער פון יערגן זענען ווידעראַמאָל געקומען לאַדענען איז ער מיט זיי מיטגעפאָרן.

"אחרי כלות תפילתי באו בני ביתי אלי והרעישו העולם: מדוע תישאר פה, והעתירו עלי דברים עד שאי אפשר לסבול וכו' ומיד באמרם ככה הנה בא עגלת צב ללכת ליערגען, ושמעתי בקולם ויצאתי את העיר בדאבון נפש".

פאַר'ן אַוועקפאָרן האָט ער נאָכאַמאָל געשיקט צוויי שליחים צו זאַמלען צדקות על פתחי הנדיבים צו צעטיילן צווישן די אָרימעלייט, כדי דער זכות פון צדקה זאָל מגין זיין אויף דער שטאָט.

## גאַנץ תחנון טעגליך; תהלים תמניא-אפי, אותיות "פרעשפורג"

אַנקומענדיג קיין יערגען האָט ער געהייסן זאָגן יעדן טאָג גאַנץ תחנון, מיט והוא רחום פון שני וחמישי, נישט בלויז מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. אויך אבינו מלכנו, מזמורי תהלים און די י"ג מדות נאָכ'ן דאַווענען.

נאָך תהלים און די י"ג מדות האָט ער געהייסן זאָגן יעדן טאָג תמניא אפי (תהלים קי"ט) אויף די אותיות פון דער שטאָט "פרעשבורג", אָבער נישט ווי ס'איז אָנגענומען צו שרייבן "פרעשבורג", נאָר אַזוי ווי מען שרייבט עס אין גיטין, דעם אָריגינעלן נאָמען "פרעשפורג".

"וכל ימי היותנו שם התפללנו סדר אבינו מלכנו בוקר וערב וכו'. ואחר התפלה מזמורי תהלים אלו וכו' ואחר כך יהי רצון שאומרים אחר תהלים הנדפס בסידורים עם י"ג מדות, ואחר זה בתמניא אפי האותיות "פרעשפורג".

אַ גרופע תלמידי הישיבה זענען געהאַט מיטגעפאָרן קיין יערגען. דער חתם סופר האָט פאַר זיי פאָרגעלערנט די טעגליכע שיעורים, תמידים כסדרם: "והנה כל ימי הגולה לא נתבטל בית המדרש שלי. כי גם עתה גלו עמי איזה מהתלמידים, גם כי רובם נשארו בהק"ק, מכל מקום למדנו תלי"ת בכל יום שיעורין כסדרם, לכל הפחות בקבוץ עשרה תלמידים"

ווי שוין געבראַכט אין אַ פריערדיגן מאמר פלעגט דער חתם סופר פאַרשרייבן זיינע חידושי תורה יעדעס יאָר אין אַ באַזונדער קונטרס. פון אָט די כתבי יד פון די קונטרסים האָט רבי יוסף נפתלי שטערן מעתיק געווען די פינף בענדער חתם סופר על התורה און די דרשות חתם סופר. שרייבט רבי יוסף נפתלי אין "קרית סופרים", זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר: "גם בשנת תקס"ט לפ"ק נשמטו חידושי אגדה מהרבה פרשיות, כי אז בעת המלחמה היה מרן בגולה כידוע, ואיזה מאמרים נרשמו בספר הזכרון".

## סימנא מילתא היא

די באָמבאַרדירונגען און שיסערייען האָבן אין די קומענדיגע וואָכן זיך אָפגעשטעלט. די פראַנצויזישע אַרמיי האָט איינגעהאַלטן איר פייער. די עסטרייכער אַרמיי און די פרעשבורגער איינוואוינער האָבן געמיינט אַז דאָס איז דערפאַר ווייל די פראַנצויזן זענען נישט ביכולת זיי צו באַזיגן.

למעשה איז דאָס געווען איינע פון נאַפּאָלעאָן'ס טאַקטיקן. צו רעדוצירן די וואַכזאַמקייט און איינשלעפן דעם שונא.

די פרעשבורגער איינוואוינער און זייערע משפחות האָבן אין גרויסן טייל גענומען פאַרלאָזן די אָרומיגע שטעט און דערפער און זענען צוריק אַהיים קיין פרעשבורג. דער חתם סופר האָט אָבער געהאַלטן אַז די סכנה איז ווייט פון פאַריבער. די שטילקייט אויפ'ן פראָנט איז נישט מער ווי עצת היצר: מענטשן זאָלן מסיח דעת זיין פון תשובה און תפילה.

ערב ראש חודש תמוז האָט דער חתם סופר גוזר תענית געווען אין פרעשבורג.

פאַר מנחה זענען צוויי חשוב'ע בעלי בתים געקומען צו פאָרן קיין יערגן, אים צו פירן זאָגן אַ דרשה אין פרעשבורג און אים גלייך צוריקצופירן קיין יערגן. דער חתם סופר האָט מסכים געווען, טראָץ דער סכנה, צוליב "שומר מצוה לא ידע דבר רע".

שרייבט דער חתם סופר: "וישבתי אצלם בעגלה ועברנו תוך העיר יערגען בלי עקולי ופשורי כלל וכלל. והרחוב מתוקן כמלוקט במלקט ורהיטני. והעגלה נהפך ונפל ונשבר כשבר נבל יוצרים. הפח נשבר ואנחנו נמלטנו תהל"י בלי פגע ונגע כלל. ובעמדי קריתי המקרא הזה, מה' מצעדי גבר כוננו וכו' כי יפול לא יוטל וכו'. מ"מ אמרתי לא חפץ ה' ליסע היום לפרעשבורג, ורב בדק במברא (חולין צ"ה ע"ב) לא מסתמנא מילתא".

יענע נאַכט, די נאַכט פון ראש חודש תמוז, האָבן די פראַנצויזן פלוצים באַנייט זייער אָנגריף. אַ האָגל פון באָמבעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פרעשבורג. "והומתו נפשות אינם נימולים". קיין איין איד איז אָבער נישט געשעדיגט געוואָרן.

## מדה כנגד מדה

דער חתם סופר ווייזט אָן אויפ'ן יד השם, אויף דער אָפענער השגחה און הנהגה פון מדה כנגד מדה אין יעדער זאַך. מיר וועלן ברענגען עטליכע אַזעלכע געשעענישן וואָס דער חתם סופר דערציילט אין ספר זכרון:

דאָנערשטאָג פרשת בלק האָט די פרעשבורגער קהילה אַרויסגענומען אַלע ספרי תורה פון דער שול אין פרעשבורג און זיי געבראַכט קיין יערגן. ווען דער חתם סופר האָט דאָס געזען האָט ער ביי זיך געטראַכט: "כי צדיק הוא ה'". מיט אַ יאָר בעפאָר האָט דאָס שטעטל יערגן אָפּגעברענט אין אַ שריפה און אַלע ספרי תורה זענען ל"ע פאַרברענט געוואָרן.

די פרעשבורגער קהילה האָט דאַן, מיט אַ יאָר פריער, אַרויסגעוויזן איר ברייט-האַרציגקייט און מיט אַ ברייטער האַנט געהאָלפן יערגן זיך צוריקשטעלן אויף דער פיס, דורך ביישטייערן געלט, קליידער און חפצים. איין זאַך האָבן זיי אָבער בשום אופן נישט געוואָלט: אויסבאָרגן אַ ספר תורה פאַר דער קהילה אין יערגן, טראָץ די הפצרות פון חתם סופר. אָט איז ווי דער חתם סופר באַשרייבט דאָס אין ספר זכרון:

"ביום ה' פרשת בלק הצילו ספרי תורה מבית הכנסת הקדושה והביאום כולם בעגלה ליערגען, להיות שם עד יעבור זעם. עיני ראו כן תמהו, כי צדיק ה'. והיות אשתקד בשרוף עיר יערגען ונשרפו כל ספרי תורה שלהם בעוה"ר, והנה בני ק"ק פרעשבורג נדבו כמה מאות זהובים ומלבושיהם ומטלטלים הרבה. אבל בכל זאת לא אבו להשאיל להם ספר תורה לקרות בו. גם כי השתדלתי בזה הרבה לא אבו שמוע בקולי מטעם כמוס. ועתה הוצרכו להציל כל ספרי תורה לעיר קטנה, אשר כאין וכאפס נחשבה לעומתם".

## בלויז 4 הייזער אין פרעשבורג זענען געבליבן אומגעשעדיגט: די שול, דאָס הויז פון חתם סופר און די 2 הייזער אינצווישן

אין די קומענדיגע וואָכן זענען די באָמבאַרדירונגען געוואָרן אַלץ מער מעכטיג און אינטענסיוו. אַלס רעזולטאַט איז קיין איין הויז נישט געבליבן גאַנץ, חוץ פיר הייזער: די שול, דאָס הויז פון חתם סופר, און די צוויי הייזער

וואָס זענען געווען צווישן דער שול און דאָס הויז פון חתם סופר. די זענען געווען די איינציגע פיר הייזער וואָס זענען געבליבן גאַנץ.

## די מעשה נורא פון דעם איינציגן אידישן קרבן

די תפילות, צדקות און פדיונות זענען נישט געווען לריק. זיי האָבן געטאָן זייער פעולה. אין דער צייט וואָס ביי דער נישט אידישער באַפעלקערונג האָבן די באָמבאַרדירונגען געקאָסט פיל לעבנס איז ביי די אידן לא מת עד אחד, – עד ולא עד בכלל.

געציילטע אידן זענען געטראָפן געוואָרן פון קוילן אָבער זייערע וואונדן זענען געווען לייכט. אודאי נישט לעבנס דראָענד. דער חתם סופר דערציילט אַ מעשה נורא וועגן איין אויסנאַם. וועגן איין איד וואָס איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט עלף טעג זיך שווער געמוטשעט מיט פיינליכע יסורים ביז ער איז נפטר געוואָרן מתוך וידוי, תשובה און צידוק הדין.

ער דערציילט די מעשה, און דערמאַנט דעם נאָמען פון דעם איד, זאָגט דער חתם סופר, צו ווייזן אַז משפטי ה' אמת, צדקו יחדיו. כדי דאָס זאָל דינען ווי אַ מוסר השכל און דערמיט זיין אַ טובה און אַן עילוי נשמתו פאַר דעם איד.

מיט צוויי יאָר פריער, דערציילט דער חתם סופר, ווען ער איז געוואָרן רב אין פרעשבורג, האָט דער איד אָנגעפירט מיט אַ מערכה קעגן דער קהילה און קעגן חתם סופר. דער איד איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי אַ רייכער פרוי וועלכע איז געווען די אייגנטימער פון פילע דירות און וועלכע האָט געוואָלט באַדייטענד אַרויפשרויפן די שכר דירה. אָרימע אידן וואָס האָבן דאָרט געוואוינט האָבן זיך דאָס נישט געקענט ערלויבן. עס האָט זיי געדראָעט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויף דער גאַס און צו בלייבן אָן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ. די קהילה האָט געהאַט פאַרשריפטן בנוגע מיט וויפיל עס איז ערלויבט צו העכערן די שכר דירות. די קהילה, בראש מיט'ן חתם סופר, האָבן געפּראָוואוט באַקעמפן דאָס דראַסטישע העכערן פון די רענטס.

אָט דער איד האָט אָנגעפירט מיט'ן קאַמף קעגן דער קהילה אין געריכט. ער האָט אַזש געשלעפּט דעם חתם סופר אין געריכט און האָט אפילו עדות געזאָגט קעגן אים.

שרייבט דער חתם סופר אין ספר זכרון: "רק בהיותו פקיד ונגיד אצל הגבירה של בית שיגרע נתפתה לדבריה להרע, באשר היא יהודית שוטה בהצותה על עם ה' להרבות מחלוקת בקהלתנו אשר לפנים לא ידעום, כי אנשים שקטים ושלוים המה ואין מכלים דבר. והיא האשה התחילה בקלקלה תחילה בעזר האיש הנ"ל אשר ישמע לקולה כנחש ילך. הוא העיד נגדי והעמידני למשפט זה שנתיים ימים בפלילים במה שנוגע לכל בני הקהלה. הוא העלה שער שכירת הבתים למעלה עד למעלה, להוציא עניים ואביונים עד אפס מקום מושב להם. ותעל שועתם אל אלוקים כדכתיב והושבתים לבדכם בקרב הארץ באזני ה' צבקות, אם לא בתים רבים לשמה יהי' וכו'"

"והוא האיש המוכה ומעונה בחליו דרש את אלקים והצדיק דינו והתוודה, וביקש מחילה מכל האנשים וקיבל דין מיתה על עצמו, ויעתר לו ה' וזכה למות כבעל תשובה גמור יום עש"ק כ"ג תמוז ביום אחד עשר לחליו. מת ונקבר סמוך להכנסת כלה ממש, ונקבר במהירות קצת מפני חמת המציק וויריית חצים, אבל כל זמן עסק הקבורה שקטה ונחה הארץ עד זיבולא בתרייתא ממש, והתחילו לזרוק חצים וברחו הקוברים לנפשם".

"מזה ניקח מוסר, כי זה מתנהג כשורה בכל דרכיו ומת בחטאו כבן ל' שנה. מה יעשו החוטאים ומוסיפים אשמה כל יום, אלא שהקב"ה מאריך אף רק במה שנוגע לו ולתורתו, משא"כ מה שנוגע לבין חבירו ממהר לפרוע. והחי יתן אל לבו וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלוקינו כי ירבה לסלוח".



דאָס ביהמ"ד אין יערגען, ווי עס קוקט אויס היינט צוטאָגס

ה' מרחשוון שנת תק"ע האָבן פראַנקרייך און עסטרייך איינגעשטעלט אַ וואָפן שטילשטאַנד. עטליכע מאָנאַטן שפּעטער האָבן זיי אונטערגעשריבן אַ שלום אָפּמאַך. עסטרייך, און אונגאַרן, זענען טאַקע געבליבן זעלבסטשטענדיגע מדינות, עסטרייך איז אָבער פאַר די נעקסטע עטליכע יאָר געבליבן אונטערטעניג צו נאַפּאָלעאָן און פראַנקרייך האָט אויף איר אַרויפגעצוואונגען ציינזן און היכע שטייערן.

אין דער צייט וואָס די נישט אידישע באַפעלקערונג פון פרעשבורג האָט נישט געקענט קומען צו זיך פון די חורבנות פון דער מלחמה האָט די אידישע באַפעלקערונג, מיט'ן כח פון אמונה, מיט אידישער פלייס, אַרבעטסזאַמקייט און טויגליכקייט זיך שנעל צוריק געשטעלט אויף די פיס. די אידישע עקאָנאָמיע האָט געבליט און האָט גענאָסן פון אַ פרעצעדענטלאָזע פראָספּעריטי.

שרייבט דער חתם סופר אין ספר זכרון: "וה' בירך אחריתם יותר מראשיתם תלי"ת, בעושר ובנכסים. יהי שם ה' מבורך על כל ברכה ותהילה. וביום ז' טבת, בבשרי צדק בקהל עם ה', בבית הכנסת הקדושה כאן, אמרתי להיות נכון לקבוע יום מועד, להקריב תודה לה' אלוקינו. אילו פינו מלא שירה כים וכו' מ"מ נעשה האפשרי עכ"פ, ולא נהיה כפוי טובה ח"ו".

ווען און וויאַזוי איז געפּראַוועט געוואָרן דער יום מועד להקריב תודה לה' אלוקינו?

דאָנערשטאָג פרשת שמות פון יענעם יאָר, תענית שובבי"ם, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום תענית פאַר אַלע, מיט אמירת תהלים: "אותם המזמורים מה שאמרנו בימי עניינו ולחצינו", ווי אויך זאָגן די פסוקים פון תמניא אפי (מזמור קי"ט) מיט די אותיות פון דעם נאָמען פון דער קהילה: פ-ר-ע-ש-פ-ו-ר-ג.

נאָכ'ן דאַווענען מנחה און לייענען "ויחל" זענען אין אַלע שולן געזאָגט געוואָרן תהלים פון קאַפּיטל ק"ז עד גמירא "מפני שיש בזה כל מיני הלולים ותשבחות רבות על כל הטוב". דערנאָך האָט מען געזאָגט קאַפּיטל ל' און נשמת. "ובזה ישתבח ויתפאר הקל הגומל לחייבים טובות, הקל הטוב והמטיב לכל, הוא הטיב הוא מטיב הוא יטיב לנו".

## די תשובות אין חתם סופר אויף די נאָך-מלחמה'דיגע שאלות

אין שו"ת חתם סופר געפינען מיר פאַרשידענע תשובות אויף שאלות

וואָס האָבן זיך געמאַכט נאָך און אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה. אַזויווי כמעט יעדעס הויז איז געוואָרן געשעדיגט פון די באָמבאַרדירונגען און טייל זענען אינגאַנצן חרוב געוואָרן איז עס געווען דרינגענד, און אפילו לעבנסוויכטיג, צו רענאָווירן די געשעדיגטע דירות און אויפבויען שפּאָגל נייע געביידעס. אָט איז איינע פון די תשובות, אין שו"ת חת"ס או"ח סי' ס':

"ארץ רעשה והתגעשה במלחמות אשר נתהוו סביבות גבולינו, פור התפוררה הארץ, מוט התמוטטה הארץ על ידי יריית חצים ובליסטראות אשר יורו המורים מעבר לנהר דונאי אל תוך עירנו ק"ק פרעשבורג, ופגשו בבתים ונהרסו יסודי החומות והשתות כמה מאות וגם יקוד יקד והציתו אש ונשרפו קרוב למאתים בתים, ואחרי האש והרעש רוח סערה ומי גשמים שוטפים כמה פעמים דשכיחי האי שתא הכא, אשר עי"ז נפלו כשבר נבל יוצרים שארית פליטת החומות בעמדם בלי מחסה וכיסוי גג על גבם, ודין גרמא הפסד ממון לרבבות. והאחרון הכביד אחינו בני ישראל סחופים ומדולדלים מבלי מצוא מקום מנוח דירת מנוחה אשר ייטיב להם ולנשיהם ובניהם וטפם, הרה ויולדות יחדיו. ולהיות כי רבו כמו רבו עתה הבונים חרבות למו, נימולים ואינם נימולים, ע"כ יקר מאוד למצוא פועלים ושאר צרכי הבנין כלי מסכת המלאכה. ואם יאוחר דבר הבנין זמן מה הנה ימי הסתיו יקרבו ויאתיון, וירבה ההפסד, וגם יכפול צערא דגופא וטלטולא דהני גברא". האָבן זיי געבעטן אַ היתר צו לאָזן גוי'אישע אַרבייטער וואָס אַרבעטן פאַר קאָנטראַקטערס צו אַרבעטן שבת.

שרייבט דער חתם סופר אין דער תשובה: "והאמנם בעוה"ר הדור פרוץ בבקעה וראוי לגדור גדר ולעשות סייג לתורה, להחמיר ולא להוסיף קולא, אך אני הגבר ראה עני עמו וההפסד הרב ההוא, וצערא דגופא טובא, עין ראתה ותעידה, על כן אמרתי בכל כי האי גוונא כח דהתירא עדיף ואעיין קצת בשריותא דהאי מילתא, ומאשר לאדם דעה חונן, אשאל ואתחנן, יחנני דעה בינה והשכל וכו'".

למסקנה איז ער עס מתיר. "כיון דכל או רוב בני הקהלה עוסקים בדבר זה ונושאים ונותנים בה לא שייך חשדא... וליתר שאת נוכל לפרסם הדבר ע"י הכרזה בבית הכנסת הקדושה ולעשות פומבי לדבר וכו'".

צווישן אַנדערן איז ער אָנגעפרעגט געוואָרן לגבי קאָנטראַקטן צווישן בעלי בתים און אַרבייטער וואָס צוליב דער מלחמה, און צוליב דעם אַנטלויפן פון דער שטאָט, האָבן זיי נישט געקענט אַרבעטן און ערפילן זייערע פליכטן. איז מען מחוייב זיי צו באַצאָלן אָדער נישט?

דער חתם סופר שרייבט אַז ער אַליין האָט באַצאָלט פאַר זיינע אָנגעשטעלטע שכרם משלם און האָט נישט אַראָפּגערעכנט קיין איין פרוטה. אָבער פאַר אַנדערע עצה'ט ער זיך אויסצוגלייכן, צו קומען צו פשרות, אַזוי אַז יעדער צד זאָל זיין צופרידן און זיך נישט פילן באַקריוודעט.

## "אחרי נמכר" (תק"ע) גאולה תהיה לו

דער חתם סופר, אַזויווי אַנדערע צדיקים, האָט געהאָפט אַז ביי די נאַפּאָלעאָנער מלחמות וועלן שוין געהערט ווערן די פעמי הגאולה. אויף עטליכע ערטער דערמאַנט ער אַ רמז וואָס ער האָט געהאַט מקובל אויפ'ן פסוק "אחרי נמכר גאולה תהיה לו".

אינטערעסאַנט איז וואָס ער האָט געהאַט געשריבן מיט 10 יאָר פריער, ווען אין שנת תק"ס האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פראַנקרייך און עסטרייך. אין חתם סופר על התורה היינטיגע וואָך פרשת בלק אויפ'ן פסוק "ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אובד" שרייבט דער חתם סופר:

"שמעתי, איני יודע בשם מי, גם איני יודע לפרש הכוונה, רק אעתיק כאשר שמעתי וישמע חכם:

"ראשית תיבות של לוי, קהת, עמרם, משה, היא עמלק, וזוהי ראשית גוים עמלק, כי הם ראשיות של שבטים, שנקראים גוים (כרש"י בראשית ל"ה יא). ואחריתם עדי אובד, סופי תיבות של לוי קהת עמרם משה היא מיתה, להורות על אחריתו של עמלק עדי אובד. כך שמעתי סתם.

"והנה התבונן בסופי תיבות של ראשית גויים עמלק ואחריתו עדי אובד, וגם בזה המשכיל בעת הזאת ידום. ונראה מה תהיה אחריתו אי"ה".

רבי יוסף נפתלי שטערן אין זיינע הגהות "שער יוסף", אונטן אויפ'ן גליון פון יענעם בלאַט, שרייבט: "והנה מה שמסיים מרן פה 'התבונן בסופי תיבות' וכו' עולה תאריך השנה ההוא שכ' רבינו מאמר זה "תק"ס", היא שנת מלחמה גדולה בין צרפת ואוסטריה ובעלי בריתו. כן העיר כ' מ"ד הקדוש הג"מ אברהם הלוי פּאָלאַק ז"ל הי"ד רבד"ק באָניהאַד".

כידוע האָט דער חתם סופר געהאַט מקובל אַז "אחרי נמכר" (שנת תק"ע) גאולה תהיה לו. ער שרייבט דאָס אויף מערערע ערטער. אין חתם סופר על התורה פרשת תולדות, דף ק"י, אין "שער יוסף", צייגט רבי יוסף נפתלי דעם חשבון וויאַזוי "אחרי נמכר" איז בגימטריה תק"ע. (דכל מקום שנאמר אחרי מופלג. וגלל כן האות השני אחרי אותיות נמכ"ר באים בחשבון. אחרי נ' עיי"ן, אחר מ' סמ"ך, אחר כ' מ"ם, ואחר ר' תי"ו. סך הכל עולה תק"ע).

מיר ווייסן פון מערערע יאָרן דורכאויס דער געשיכטע וואָס צדיקים האָבן פאָראויסגעזאָגט אַז זיי זענען אַן עת פקידה. אַזויווי ס'איז אָבער געווען לא אכשר דרא האָט פאַסירט דאָס פאַרקערטע. דער "תולדות יעקב יוסף" שרייבט אין פרשת כי תשא אַז "כי תש"א את ראש" איז מרמז אויף שנת תש"א ווען ס'וועט זיין אַן עת פקידה פאַר נשיאת ראש און די גאולה. ליידער איז לא זכינו און תש"א איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם יאָר וואָס איז געווען דער אָנהויב פון לעצטן היטלער-חורבן.

מיר האָבן נישט געזען אָדער געהערט אַנדערע זאָלן מאַכן די אָבסערוואַציעס. ס'איז אָבער גאָר אינטערעסאַנט וואָס מיר האָבן באַמערקט:

אויף די יאָרן תק"ס און תק"ע האָט דער חתם סופר מרמז געווען, און האָט געהאַט מקובל, אַז זיי זענען געווען אַ זמן פקודה און יאָרן וואָס זענען מוכשר לגאולה. אַנשטאַט דעם זענען דאָס געווען די יאָרן וואָס נאַפּאָלעאָן האָט פּראָקלאַמירט די עמאַנציפּאַציע, גלייך-באַרעכטיגונג פאַר אידן, וואָס האָט ערמעגליכט און לייכטער געמאַכט פאַר די רעפאָרמער אָפּצופירן פון וועג דעם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק. די זענען געווען די יאָרן וואָס די ערשטע פאָטערס פון דער רעפאָרם באַוועגונג האָבן זיך צעפירט די הענט להרמת יד בתורת משה.

תקס"ג איז געווען דאָס יאָר וואָס אהרן חורין האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר "עמק השוה".

תקס"ח איז אין וועספּאַליע געשאַפן געוואָרן די ערשטע "קאָנסיסטורע" אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער אבי המתחדשים און פאָטער פון די רעפאָרמער ישראל יאַקאָבסאָן.

און דעם ערשטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט, דעם אָרגעל, (אָרגען אויף ענגליש), האָט יאַקאָבסאָן אריינגעבראַכט אין אַ שול אין שנת תק"ע.

דאָס און מער אין ווייטערדיגע אַרטיקלען אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

כא

# דער הייליגער חתם סופר



**די פראַנצויזישע רעוואָלוציע – נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאָרטע – עמאַנציפּאַציע און גלייכע רעכטן – אַן אַריינפיר צו דער תקופה פון השכלה און רעפאָרם – די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען וואָס האָבן ערמעגליכט רעפאָרם און אַסימילאַציע – די נבואה פון חתם סופר וועגן דער שנאת ישראל צו וואָס אַסימילאַציע וועט פירן, 100 יאָר איידער דער צורר היהודים היטלער ימ"ש איז געקומען צו דער מאַכט**

[פּאָרזעצונג פון פריער]

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען אַ ווענדפּונקט אין דער וועלטס געשיכטע. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף נישט בלויז צו דער קרוב צו טויזנט יעריגער מאָנאַרכיע (קעניגרייך) אין פראַנקרייך נאָר אויך צו דער הערשאַפט פון קעניגן, פריצים און פּרינצן איבער גאַנץ אייראָפּע, און עווענטועל איבער דער גאָרער וועלט.

אַביסל הונטערגרונט:

די באַפעלקערונג אין פראַנקרייך איז פּאָליטיש און געזעלשאַפטליך געווען צעטיילט אין דריי קלאַסן, אָדער דריי שטאַנדן, (estates). צום העכסטן שטאַנד האָבן באַלאַנגט די קלעריקאַלן, די גלחים. צום צווייטן שטאַנד האָט באַלאַנגט די אַריסטאָקראַטן און אַדעל-לייט. דער דריטער שטאַנד איז באַשטאַנען פונעם "פשוט'ן" פאָלק: אַרום ניינציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

די צוויי אויבערשטע שטאַנדן, די גלחים און די אַריסטאָקראַטן, זענען געווען די לאַנד אייגנטימער און די איינציגע צוויי קלאַסן וואָס האָבן פאַרמאָגט געוויסע רעכטן. זיי זענען אויך געווען פטור פון צאָלן שטייערן. דער איינפאַכער קלאַס האָט נישט פאַרמאָגט קיין ציווילע רעכטן, און איז געווען דער וואָס האָבן געמוזט צאָלן אַלע שטייערן.

דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען במשך פון הונדערטער יאָרן. מיט איבער 250 יאָר צוריק זענען אָבער אַנטשטאַנען עטליכע וועזנטליכע שינויים.

ביים נידריגן שטאַנד האָבן זיך געמערט מער פאַרמעגליכע סוחרים, פאַבריקאַנטן, און פּראָפעסיאָנעלן, וואָס זענען אויף פראַנצויזיש, און שפּעטער אויך אויף אַלע אַנדערע שפּראַכן, אָנגערופן געוואָרן "בורזשואַזע". די בורזשואַזע האָט גענומען פאַרלאַנגען מער רעכטן. די באַפעלקערונג איז אויך שטאַרק געוואַקסן. במשך פון די הונדערט יאָר בעפאָר די רעוואָלוציע האָט זי זיך געטאָפּלט צו 26 מיליאָן מענטשן. עטליכע יאָר האָט אויך געהערשט אַ טרוקעניש. ס'איז פשוט געווען אַ מאַנגל אין ברויט פאַר אַזאַ גרויסער באַפעלקערונג.

דערצו האָט דאָס קעניגליכע הויף, די קעניגליכע פאַמיליע פון פריצים און פּרינצן, געלעבט אַן אַלץ מער אויפשניידעריש און פאַרשווענדעריש לעבן. די מותרות און הולטייעווען זענען פינאַנצירט געוואָרן דורך מעלקן די קעניגליכע קאַסע, וואָס האָט געפירט צו אַלץ אַ גרעסערן דעפיציט.

די מלחמות קעגן דער ערשטער און צווייטער קאָאַליציע אונטער'ן קעניג לואי דעם זעכצענטן, האָבן געקאָסט אוצרות מיט געלט. פראַנקרייך האָט אויך געהאָלפן די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס מיט געלט און געווער אין זייער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד. וואָס האָט פאַרגרעסערט פראַנקרייך'ס דעפיציט.

פראַנקרייך האָט זיך אַלזאָ געפונען אין אַ פּאָליטישן און אין אַ פינאַנציעלן קריזיס.

זומער פון שנת תקמ"ט האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. די איבערקערעניש, וואָס האָט באַזייטיגט און צום סוף אומגעברענגט דעם קעניג לואי דעם זעכצענטן, האָט אָנגעהאַלטן עטליכע יאָר און האָט געקאָסט הונדערטער טויזנטער לעבנס. במשך פון פינף יאָר האָבן רעגירונגען זיך געהאַלטן אין איין בייטן, פּאַרטייען און פראַקציעס האָבן

אָנגעפירט מיט אַ קאַמפּיין פון טעראָר, און דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין כאַאָס.

דרייצן יאָר פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן די 13 קאָלאָניעס אין אַמעריקע רעוואָלטירט קעגן קעניג זשאָרדזש פון ענגלאַנד און האָבן עטאַבלירט אַן אייגן לאַנד, די פאַראייניגטע שטאַטן, אַ פרייע דעמאָקראַטיע באַזירט אויף אַ קאָנסטיטוציע און גלייכע רעכטן פאַר אַלע. אַצינד, נאָך דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, האָט פראַנקרייך געדאַרפט ווערן דאָס ערשטע לאַנד אין אייראָפּע וואָס באַלאַנגט נישט צו, און ווערט נישט געפירט דורך אַ קעניג, נאָר ווערט געפירט דורך די געוויילטע פאַרטרעטער פון פאָלק, וואו אַלע האָבן איינציגע און גלייכע רעכטן.

צווישן פראַנקרייך'ס שכנים האָט דער געדאַנק, און די רעוואָלוציע, אַרויסגערופן אַ פחד אַז גם עליהם יעבור כוס המהפיכה. זענען פראַנקרייך'ס אַלע שכנים, ענגלאַנד פון צפון; איטאַליע פון דרום; האָלאַנד, בעלגיע, פרייסן און עסטרייך פון מזרח; שפּאַניע און פּאָרטוגאַל פון מערב-דרום, אַרויס אין קריג קעגן די נייע הערשער פון פראַנקרייך, צו באַשיצן און צוריקצוברענגען די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע און דעם אַלטן סיסטעם.

פראַנקרייך, וועלכע האָט געוועלטיגט אויף שכנות'דיגע טעריטאָריעס, האָט געליטן פאַרלוסטן אויפ'ן אויסערליכן פראָנט, אין צוגאָב צו דער כאַאָס וואָס האָט געהערשט אויפ'ן אינערליכן פּאָליטישן פראָנט.

## נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע

אין שנת תקנ"ג איז אַ יונגער אָפיציר, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, באַשטימט געוואָרן אַלס אַ קאָמאַנדיר פון אַ קאַנאָנען רעגימענט אין דרום-מזרח פראַנקרייך. דער יונגער אָפיציר האָט מיט בליציגע מאַנעווערס און בריליאַנטענע תכסיסי מלחמה באַוויזן צו באַזיגן גרויסע בריטישע און איטאַליענישע אַרמייען אויפ'ן איטאַליענישן פראָנט.

נאַפּאָלעאָן איז געבוירן צו איטאַליענישע עלטערן אין קאָרסיקאַ, אַן אינזל אין מיטללענדישן ים, נעבן איטאַליע, וואָס האָט דאַן באַלאַנגט צו פראַנקרייך. ער האָט זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש, האָט שטודירט אין אַ מיליטערישע שולע, און זיך אויסגעמישט מיט'ן פראַנצויזישן פאָלק. אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער שוין געדינט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי וואו ער איז אַ דאַנק זיינע טאַלאַנטן געשטיגן אַלץ העכער אין ראַנג.

ער ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די בעסטע און אָריגינעלסטע קריגס סטראַטעגיסטן אין דער געשיכטע. זיינע טאַקטיקן און תכסיסי מלחמה זענען געוואָרן די דאָקטרינע אין דער מערב וועלט, און זיין אויסשטעל פון מיליטערישע איינהייטן און דיוויזיעס זענען געוואָרן דער סטאַנדאַרד פון מערב'דיגע אַרמייען.

נאַפּאָלעאָן איז שנעל געשטיגן אין ראַנג. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַ הויך-ראַנגיקער גענעראַל און איז געשיקט געוואָרן צו אַנדערע פראָנטן אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע.

חוץ זיינע מיליטערישע טאַלאַנטן איז ער אויך געווען אַ באַגאַבטער פּאָליטיקער. זיינע אַמביציעס, סיי די מיליטערישע און סיי די פּאָליטישע, האָבן נישט געהאַט קיין גרעניץ. ווען דער פּאָליטישער מצב אין פּאַריז איז געוואָרן כאַאָטיש אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער זיך אומגעקערט פונעם פראָנט אין אַפריקע און אַזיע – ער האָט געהאַט אָקופּירט מצרים און האָט זיך שוין געפונען אין טיילן פון ארץ ישראל. אין פּאַריז איז ער אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע פראַקציעס און דורכ'ן פאָלק אַלס אַ מיליטערישער העלד. מיט מיליטערישער מאַכט האָט ער איינגעשטעלט אָרדענונג און מיט פּאָליטישע מאַנעווערס איז ער אויפגענומען געוואָרן ערשט אַלס דער לעבנסלענגליכער "ערשטער קאָנסול", אַ סאָרט לעבנסלענגליכער פּרעמיער מיניסטער, און שפּעטער איז ער געקרוינט געוואָרן אַלס דער עמפּעראָר, אָדער קייזער, פון פראַנקרייך.

זיינע מיליטערישע אַמביציעס האָבן אים געטריבן צו מלחמות איבער דער לענג און ברייט פון אייראָפּע. אין די ערשטע יאָרן זענען אַלע זיינע מיליטערישע קאַמפּיינס געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה. פון די באַקאַנטסטע פון זיינע מיליטערישע נצחונות איז געווען "דער אויסטערליצער שלאַכט", וואָס איז פאָרגעקומען אין שנת תקס"ה אין דער שטאָט אויסטערליץ אין מעהרין. אין דער שלאַכט, פון די גרעסטע אין דער היסטאָריע, האָבן זיך באַטייליגט 73,000 פון נאַפּאָלעאָן'ס זעלנער פון איין זייט, קעגן 85,000 זעלנער פון דער קאָאַליציע פון עסטרייך און רוסלאַנד פון דער אַנדערער זייט, אין וועלכן די לעצטע האָבן געליטן אַ שענדליכע מפלה.

אגב: דער נאָמען "דער אויסטערליצער שלאַכט" איז שפּעטער געניצט געוואָרן אַלס אַ מליצה פאַר אַ נאָמען פון אַ דרשה וואָס דער חתם סופר האָט מיט זעקס יאָר שפּעטער געהאַלטן קעגן די מתקדמים אין פּרעשבורג, (געדרוקט אין "דרשות חתם סופר" ח"א דף קי"ב ע"א, פון שנת תקע"א). די דרשה איז געווען אַ הספד אויפ'ן רב פון אויסטערליץ וואָס איז דאַן אַוועק. אַזוי-ווי דאָס איז געווען דעם חתם סופר'ס ערשטער עפנטליכער אַרויסטריט קעגן די מתקדמים וואָס האָבן געוואָלט גרינדן אַ מאָדערניזירטע שולע אין פּרעשבורג איז די דרשה באַקאַנט געוואָרן אַלס "דער אויסטערליצער שלאַכט".

## עמאַנציפּאַציע

פון די הויפּט פּרינציפּן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען די אידייע פון "עמאַנציפּאַציע", וואָס באַדייט פרייהייט און גלייכע רעכטן פאַר אַלע, איינשליסנדיג מינאָריטעטן און מינדערהייטן, ווי אידן וואָס האָבן פאַר דעם נישט געהאַט קיין שום רעכטן.

נאַפּאָלעאָן איז ווי געזאָגט געווען נישט בלויז אַ מייסטער פון מיליטערישע טאַקטיקן נאָר אויך אַ גלאַנצנדער פּאָליטישער סטראַטעג. ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט האָט ער פאָרגעזעצט מיט די אידייען פון דער רעוואָלוציע. ער האָט עקספּאָרטירט די געדאַנקען פון פרייהייט און עמאַנציפּאַציע און זיי איינגעפירט אין די לענדער וואָס ער האָט איינגענומען און באַזיגט.

אין אַסאַך שטעט אין איטאַליע און אין אַנדערע לענדער האָבן אידן נאָך געוואוינט אין געטאָס. ביינאַכט זענען זיי נישט ערלויבט געוואָרן זיך צו געפינען אויסער די מויערן פון די געטאָס. ווען נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען די לענדער האָט ער איינגעוואָרפן די מויערן און אָפּגעשאַפן די געטאָס.

היסטאָריקער קענען נאָך אַלץ נישט באַשליסן צי נאַפּאָלעאָן איז געווען אַן אוהב ישראל אָדער פאַרקערט. איין זאַך איז זיכער: זיין קעמפן פאַר עמאַנציפּאַציע פאַר אידן איז נישט געקומען פון ריינער אהבת ישראל. ער איז געווען אַ ראַפינירטער פּאָליטיקער און זיין עמאַנציפּאַציע איז געווען מאָטיווירט פון פּאָליטישע אינטערעסן.

ער איז געווען אַרומגענומען מיט גענוג אַנטיסעמיטן וואָס האָבן אים געהעצט קעגן די אידן וואָס "דתיהם שונות מכל עם". האָט ער באַשלאָסן אַז אין אַן אַלץ מער פאַרגעשריטענער וועלט איז דער בעסטער וועג צו לייזן דעם "אידן פּראָבלעם" נישט זיי צו אונטערדריקן נאָר זיי צו נייטראַליזירן אָדער אינגאַנצן אַסימילירן. מאַכן זיי פאַר פראַנצויזן פון אידישן גלויבן. פונקט ווי עס זענען להבדיל פאַראַן פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטן וואָס זענען אַ מינדערהייט צווישן די קאַטאָליקן, וואָס זענען געווען די מערהייט, זאָלן אויך זיין פראַנצויזישע אידן, אַ מינדערהייט צווישן דער

קריסטליכער מערהייט.

דער ציל איז געווען אָפּצושאַפן דעם כח התורה, אַוועקנעמען דעם כח פון רבנים און פון קהילות, פאַרוואַנדלען די רבנים אין רבנים מטעם, אונטערגעוואָרפן די אויטאָריטעט פון דער רעגירונג, וואָס ער האָט, ווי מיר וועלן זען, געפּרואווט טון מיט זיין "סנהדרין" און מיט זיינע "קאָנסטיטורעס", און מיט געבן אידן אַלע ציווילע רעכטן, אַ זאַך וואָס זאָל עווענטועל פירן, ווי דאָס האָט טאַקע שפּעטער פּאַסירט, צו ויתערבו בגויים און צו פולער אַסימילאַציע.

מיר שרייבן דאָס אַלץ אַלס אַן אַריינפיר צו די קומענדיגע קאַפּיטלען וואו מיר וועלן רעדן וועגן דער השכלה און וועגן דעם קאַמף פון חתם סופר קעגן די משכילים און קעגן דער רעפאָרם באַוועגונג.

די השכלה און די רעפאָרם באַוועגונג האָבן ליידער געהאַט ערפאָלג. די משכילים און רעפאָרמער האָבן באַוויזן אָפּצו'שמד'ן דעם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק דורך די פרייהייטן וואָס נאַפּאָלעאָן האָט פאַרשפּרייט איבער דער וועלט.

זינט דעם אָנהויב פון דער השכלה, ערמעגליכט דורך דער עמאַנציפּאַציע, איז דאָס תורה אידנטום איינגעשרונקען און איז פון יאָר צו יאָר קלענער געוואָרן. די השכלה און רעפאָרם האָט געריסן שטיקער פון תורה אידנטום. אין דער צייט וואָס ביז צו דער השכלה איז דאָס אידישע פאָלק באַשטאַנען כמעט הונדערט פּראָצענט פון שומרי תורה ומצוות איז דאָס יהדות החרדית פאַר דער צווייטער מלחמה געוואָרן אַ קליינער פּראָצענט, אַ קליינע מינדערהייט פון אידישן פאָלק.

דווקא זינט דער צווייטער וועלט מלחמה איז אַנטשטאַנען אַ נס. פון נאָך דער מלחמה ביז היינט איז עס דאָס ערשטע מאָל זינט דער אַנטשטייאונג פון דער השכלה וואָס אַנשטאַט דעם וואָס עס זאָלן פאַלן שטיקער פון חרדי'שן אידנטום איז עס ב"ה פאַרקערט: דאָס חרדי'שע אידנטום וואַקסט און בליט בלעיה"ר, מערט זיך פון יאָר צו יאָר, אויף אַ מאַסשטאַב און מיט אַ טעמפּאָ ווי קיינמאָל פריער אין דער געשיכטע. כן ירבו. דאָס איז נאָר אַ מתנה פון הקב"ה נאָך דעם שרעקליכן היטלער חורבן, דער גרעסטער חורבן זינט דעם חורבן בית המקדש.

דורכאויס דער געשיכטע איז דאָס אַלץ אַזוי געווען. נאָך דעם חורבן הבית האָט מען אונז געגעבן אַ מתנה דעם תלמוד בבלי. נאָך די קרייצציגלער האָט מען אונז געשאָנקען די בעלי תוספות און די ראשונים, וואָס מפיהם אנו חיים. נאָך די גזירת ת"ח ות"ט און די כת ש"ץ האָט מען אונז פון הימל געשאָנקען דעם בעל שם טוב הק', די תלמידי בעל שם און גדולי החסידות וואָס האָבן באַלאָכטן די וועלט, און די גדולי הפוסקים האחרונים דער נודע ביהודה און דער רבן של ישראל דער הייליגער חתם סופר. און נאָך דעם גרעסטן חורבן זינט דעם חורבן הבית, מיט אַכציג יאָר צוריק, האָט מען אונז געגעבן דעם גרויסן נס פון אַ תורה אידנטום וואָס וואַקסט אויף אַן אומבאַגרייפליכן פאַרנעם, דווקא אין די פרייסטע מדינות, אין די ראַמען


תפלה לבני ישראל
יושבי צרפת ואיטליא
על הצלחת צבאות חיל אדונינו
הקיסר והמלך
נפוליאון הגדול
יר"ה
נתקנה בחדש מרחשון שנת התקס"ו.

אנא ה' בורא השמים ונוטיהם תבל ויושבי בה אתה הצבת כל גבולות ארץ עם ועם ללשונו ותתן שבט מושלים ביד מלכיהם להנהיג אנשי ממשלתם בצדק ומשפט ומישרים ואיש איש על מקומו יבוא בשלום.
אשרינו מה טוב חלקנו אשר מידך נתן ההוד וההדר על ראש האיש גבור חיל רב פעלים

**אַ תפילה אַרויסגעקומען אין פאַריז פאַר דער הצלחה פון זייער קייזער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע**

פון פּרעצעדענטלאָזע מוסדות החינוך.

אין דער תקופה פון וואָס מיר שרייבן יעצט, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז פרייהייט און גלייכבאַרעכטיגונג אָבער געווען וואָס האָט ערמעגליכט און געפירט צו רעפאָרם און שמד.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט אינוואַדירט רוסלאַנד האָבן כידוע געהערשט חילוקי דעות צווישן די גדולי החסידות. געווען וואָס האָבן געהאָפט און געבעטן אַז דער רוסישער צאַר אַלכסנדר דער ערשטער זאָל באַזיגן. בעת אַנדערע זענען געווען אויף דער זייט פון דעם פראַנצויזישן קייזער נאַפּאָלעאָן און האָבן געוואָלט ער זאָל זיין דער געווינער.

ס'איז געווען אַן עת פקודה. האָבן טייל צדיקים געהאַלטן אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט האָבן אַן ענדגילטיגן נצחון וועט דאָס זיין מלחמת גוג ומגוג און וועט דערנענטערן די טריט פון משיח.

אין ספר "דרכי חיים ושלום", די מנהגים פון מונקאַטשער רב, (עמוד קנ"ו) שרייבט ר' יחיאל מיכל גאָלד: "במלחמה הגדולה, מלחמת נאפוליון מלכות צרפת עם מלכות רוסיא, ואז ראו רבותינו שלשה אבות העולם ה"ה הגה"ק המגיד מקאזניץ, והגה"ק החוזה מלובלין, והגה"ק רמ"מ מרימנוב, שהמלחמה הזאת הוא שעת הכושר לגאולה שלימה, ובקשו והתפללו לה' שיהי' נאפליון גוג ומגוג ושיצליח במלחמתו נגד רוסיא. והגה"ק הר' שניאור זלמן זי"ע בעל ש"ע התניא הי' מתפלל לשלום רוסיא שיצליח הקיסר אלכסנדר, ואמר שאם תגבר יד הצרפתים יתרבה האפיקורסות בישראל, וכתב כן במכתבו".

דער רבי ר' מענדעלע רימאַנאָווער, וועלכער איז געווען בראש פון די וואָס זענען געווען אויף דער זייט פון נאַפּאָלעאָן, האָט זיך אויסגעדריקט: "פון פריסטיק (וואו ער איז פריער געווען רב) ביז רימאַנאָוו זאָל מען גיין ביז די קניען אין אידיש בלוט, אַבי עס זאָלן שוין זיין די פעמי הגאולה".

ווידער זיין תלמיד דער ראָפּשיצער רב איז געווען קעגן נאַפּאָלעאָן. אַמאָל איז דער הייליגער ראָפּשיצער רב געווען אויף פסח אין רימאַנאָוו. ערב פסח ביים באַקן די מצות האָט דער הייליגער רימאַנאָווער געזאָגט: "אַזוי ווי מען שיבט די מצות אין אויוון אַזוי זאָל מען אַריינשיבן קיין וויען". מיינענדיג צו זאָגן אַז נאַפּאָלעאָן וועלכער איז דאַן געווען אין עסטרייך זאָל איינעמען וויען. דערציילט הרב שמחה געלערנטער אב"ד קלימענטוב, אין "עטרת מנחם" (זגיערז תר"ע, סי' קפ"ג): "ובין הצדיקים היו דעות שונות אַז במלחמה הנ"ל, והשיב לו הרב הקדוש מראָפּשיץ: 'הלא הוא טמא, וטמא נדחה לפסח שני'. ואמר הרב רבי מנחם מענדל, 'שכל מה שהוא עושה, הראָפּשיצער מקלקל'".

דער בעל התניא, פון די הויפּט קעגנער פון נאַפּאָלעאָן, שרייבט אין אַ בריוו: "ביום א' דר"ח קודם מוסף הראו לי אם ינצח באַנאפּאָרט" (נאַפּאָלעאָן) של חיל צרפת יורבה העושר בישראל, ויורם קרן ישראל, אבל יתפרדו ויתרחקו לבן של ישראל מאביהן שבשמים. ואם ינצח אדונינו אלכסנדר אם שיורבה העוני ויושפל קרן ישראל, אבל יתקשרו ויתחברו וישעבדו לבן של ישראל לאביהם שבשמים".

וואָס שייך דעם רוחניות'דיגן געפאַר איז דער חתם סופר געווען ביי דער זעלבער מיינונג. ווען אידן האָבן זיך געפרייט צו דער בשורה פון פרייהייט און גלייכבאַרעכטיגונג האָט דער חתם סופר געוואָרנט וועגן דער רוחניות'דיגער און אפילו פיזישער סכנה צו וואָס גלייכבאַרעכטיגונג וועט ברענגען. צו דער זעלבער צייט האָט ער קיינמאָל נישט געלאָזט הערן קיין מיינונג איבער דער מלחמה, אָדער וועגן נאַפּאָלעאָן זעלבסט.

אין זיין ספר הזכרון, געווידמעט צו נאַפּאָלעאָן'ס מלחמה קעגן עסטרייך און די באַלאַגערונג פון פּרעשבורג, ווערט נאַפּאָלעאָן קיינמאָל נישט דערמאָנט. דער שונא ווערט בלויז באַצייכנט אַלס "חיל הצרפתים", "עם הצרפתים" און "קיסר הצרפתים". הגם דער חתם סופר איז געווען שטאַרק באַהאַוונט מיט די מהלכים פון דער מלחמה און אפילו ערשט-האַנטיג מיט נאַפּאָלעאָן'ס פּאָליטישע פלענער און מיט זיין פּאָליטיק כלפּי די אידן דורך זיין ידיד הגאון רבי דוד זינצהיים, דער ראש פון נאַפּאָלעאָן'ס "סנהדרין", ווי מיר וועלן דאָס זען אין ווייטערדיגן קאַפּיטל. נאַפּאָלעאָן אַליין ווערט אָבער קיינמאָל נישט דערמאָנט ביים נאָמען. נישט אין ספר הזכרון, נישט אין די דרשות און נישט אין די אַנדערע ספרי החתם סופר.

די פראַנצויזישע מלחמות ווערן שוין דערמאָנט ברמז ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מיט זייערע מלחמות אין תק"ס, ווי מיר האָבן דאָס געברענגט די פאַרגאַנגענע וואָך, וואָס ער שרייבט אין פרשת בלק אויפ'ן פסוק "ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אובד". ווען די פראַנצויזן האָבן באַזיגט עסטרייך האָט ער דאָס באַטראַכט ווי אַ דורכפאַל פאַר'ן עסטרייכישן קעניג אָבער נישט פאַר אידן. אידן מוזן זיין געטריי צו דער מלוכה, אָפּגעזען ווער עס זענען די הערשער. שרייבט ער אין ספר הזכרון:

"בנוהג שבעולם, מחוייבים כל עם ולשון להיות עבדים נאמנים לאדוניהם המלך, אשר ה' הקימו על, וכל העומד נגד מלכם יקרא בשם אויב להם, והם מחוייבים לעזור בכל כחן את אדוניהם המלך נגד אויב החיצון. אמנם אחרי אשר גבר יד האויב על המלך ומאת ה' היתה זאת לו, שוב אין נאה לאנשי העיר לעמוד עוד נגדו, כי ה' ציוה מי יפירנו, ויעבדו אותו כאשר עבדו את אדוניהם בתחלה, עד יראה ה' להשיבו על כנו הראשון. ואם ככה יתנהגו, אין נאה וראוי להמלך הכובש שיצור לאנשי העיר בשום צרה, נהי שהיה להם לאויב בתחילה, אבל מכל מקום לא יהיה להם עכשיו לצר הצורר, כי מאז ועד עתה עשו אנשי העיר כנימוס. אך אם שוטים הם, ויעמדו נגדו, יתנו כתף סוררת לבלתי שמוע אל חיל שוטף הבא, אַז יהיה להם לצורר. והנה ידוע אם כי אנשי ירושלים עשו מלחמות גדולות להציל את ארצם ועצמם מיד שונא, מכל מקום אחרי שכבר נכבשו ישראל, הרי אנו נכנעים ומקבלים עלינו עול מלכינו ושרינו ואין אנו מורדים, כי כאשר ציוה ה' – כן יהיה. כי אין אנחנו טיפשים ושוטים".

## דער פּרייז פאַר עמאַנציפּאַציע

ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט געגעבן עמאַנציפּאַציע און גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אידן האָט די פּרעשבורגער קהילה אים געבעטן ער זאָל האַלטן אַ דרשה וואָס זאָל אויסדריקן זיין הכרת טובה פאַר דער רעגירונג. דער חתם סופר האָט דאַן געהאַלטן זיין באַקאַנטע דרשה, געדרוקט אין דרשות חתם סופר ח"א דף צ"ג ע"א, דרוש לח' טבת פרשת ויחי תקצ"ג, אין וועלכן ער איז מסביר מיט אַ משל די גרויסע סכנה וואָס גלייכבאַרעכטיגונג שטעלן מיט זיך פאַר.

אַ משל צו אַ בן-מלך וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרשיקט אין גלות פאַר זיינע זינד. האָט דער פאָטער אַמאָל געשיקט בוי אַרבייטער זיי זאָלן בויען דעם זון אַ פּאַלאַץ אין גלות וואו ער געפינט זיך. האָט דער זון אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ווען די בוי מייסטערס האָבן זיך געוואונדערט צוליב וואָס ער וויינט האָט ער זיי ערקלערט: "כל זמן כ'האָב געלעבט אין ענגשאַפט האָב איך אַלע טאָג ערוואַרטעט אַז מיין פאָטער דער מלך וועט מיך בקרוב ברענגען צוריק אַהיים. אָבער איצט אַז ער שיקט צו בויען מיר דאָ אַ פּאַלאַץ ווייס איך אַז כ'וועל נאָך לאַנג דאַרפן וואַרטן אויף צו קענען גיין אַהיים".

שרייבט דער חתם סופר אין דער דרשה: "כן אנחנו, בעוו"ה סבלנו גליות ושמדות וצרות רבות ורעות זה קרוב לאלפיים שנה, והכל סבלנו כי אמרנו קרב קץ פדות נפשינו. והנה עכשיו הטה ה' עלינו חסד בעיני שרים ומלכים בכל העולם ולחדש עלינו גזירות טובות, נודה לה' על כל הטוב, ונודה למלכי העמים אשר אנו יושבים בצלם אשר שמו עיניהם לטוב עלינו. אבל במסתרים תבכה נפשינו כי כבר זקנה אומתינו, וכי עוד אחרי בלותינו בגולה תהיה לנו עדנה, ועד מתי נהיה פזורים ולא נקוה לשוב לציון, ומה לנו להתעדן אחרי זקנתינו, ואין להאריך והדבר מובן".

## "והנסיון יוכיח"

אין עטליכע דרשות וואָרנט דער חתם סופר וועגן דעם רוחניות'דיגן גלות וואָס די פרייהייט וועט ברענגען מיט זיך, – וואָס איז שווערער ווי דער גשמיות'דיגער גלות. "ולפעמים הצרה בהיפוך שהמלכות נותנת חירות לישראל ומגביהם ומקרבם... וצרה גדולה מראשונה שבעוו"ה כל מגמת ישראל אז להתקרב אל שרי המלוכה וללכת בחוקותיהם ולעזוב תורת ומצוות מרצונם. וזה נקרא שיעבוד ולא עבדות כי בני חורין מעבדות הם אך טומאת הארץ מושלת בם".

[אינטערעסאַנט וואָס הגאון רבי שלמה קלוגער שרייבט אין שו"ת "ובחרת בחיים" סי' ס"ד: "שמעתי אומרים בשם הגאון בעל נודע ביהודה שאמר... שקללה זו מרומז בתוכחה בתורה גם כן, במה שנאמר "ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים", והכוונה שבמה שלא מאסתים ולא געלתים בעיני האומות וחולקין להם כבוד, זה הוי "לכלותם להפר בריתי אתם". ודברי פי חכם חן. והן הנה דברי בלעם שאמר הן עם לבדד ישכון, דישראל צריכין להיות בדד ומובדל בפני עצמם "ובגוים לא יתחשב" – לא יהיו חשובין בין הגוים"].

נישט בלויז די רוחניות'דיגע סכנה פון גלייכבאַרעכטיגונג האָט דער חתם סופר פאָראויסגעזען נאָר אויך די פיזישע סכנה וואָס עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע האָט מיט זיך שפּעטער געברענגט אין אייראָפּע.

אין דרשות חתם סופר ח"א דף קס"ז ע"א, דרוש לז' אדר שני תקצ"ג שרייבט ער:

"הנה בעוו"ה אנו רואין דרכן של אומות העולם, אחר שנחשכו עיני ישראל כמה זמנים בעוני וגלות, ונמאסו כקוצים בעיניהם, פותחים להם קצת שערי רחמים, וממשיכים אותם ומראים להם קצת פנים שוחקות. וחשוכי הגלות הללו, בראותם אור נתפתו בעוו"ה, ונמשכים וחושבים להתקרב יותר ויתר, ואוכלים מפתם ושותים מיינם מרק פיגולם, מעבירים תער על פאת זקנם וראשם, וחושבים על ידי זה למצוא חן. ולשוא צרף צורף, כי כל עוד שהם מתקרבים ומתנאים להם עוד שנאתם מתגבר יום יום, והנסיון יוכיח".

די דברי נבואה, – האָט דער חתם סופר געזאָגט גענוי מיט הונדערט יאָר איידער דער צורר היהודים היטלער ימ"ש איז אין תרצ"ג געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**נאַפּאָלעאָן'ס "סנהדרין" – הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים, בעל "יד דוד", דער גרעסטער גדול בשעתו אין פראַנקרייך, יושב ראש פון נאַפּאָלעאָן'ס "סנהדרין" – דעם חתם סופר'ס הספד אויף אים – די "קאָנסיסטורע" אין "וועסטפאַליע" און דער עוכר ישראל, ישראל יעקבזאָן – דער היתר אויף קטניות מצד די רבנים אין "וועסטפאַליע" – די תשובה אין חת"ס או"ח תשובה קכ"ב און די דרשה אין דרשות חת"ס**

[פאָרזעצונג פון פריער]

נאָכ'ן באַזיגן עסטרייך און פרייסין אין שנת תקס"ג האָט נאַפּאָלעאָן זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך דורך דער שטאָט שטראַסבורג.

שטראַסבורג איז די הויפטשטאָט פון דעם "עלזאַס" ראַיאָן אין צפון מזרח פראַנקרייך. במשך פון הונדערטער יאָרן איז פאַר אידן געווען פאַרבאָטן צו וואוינען אין שטראַסבורג. בייטאָג זענען אידן געווען ערלויבט אַריינצוגיין אין דער שטאָט דורך באַצאָלן אַ ספּעציעלן צינז, אַ toll, פּונקט ווי פערד, און פערד-און-וואָגן, די דעמאָלטדיגע טראַנספּאָרטאַציע מיטלען. ביינאַכט האָבן אידן נישט געמעגט זיך געפינען אין דער שטאָט. די גלאָקן פון אַלע קלויסטערס האָבן יעדן אָוונט געקלונגען אין דער שטאָט, וואָס האָט באַדייט אַז די אידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט.

אין שנת תקל"ה האָט דער אידישער סוחר און פרנס "סערף בער" געקראָגן פראַנצויזישע בירגערשאַפט אַדאַנק זיינע פינאַנציעלע לייסטונגען לטובת פראַנקרייך. דאָס האָט אים אויך ערמעגליכט צו וואוינען אין שטראַסבורג. סערף בער, וועמענ'ס פולער נאָמען איז געווען נפתלי הערץ בן רבי דוב בער מעדעלסהיים, איז געווען דער ערשטער איד אין 426 יאָר וואָס איז ערלויבט געוואָרן צו וואוינען אין שטראַסבורג.

מיט זיין עסקנות האָט סערף בער דערנאָך אויסגע'פועל'ט אידן זאָלן ערלויבט ווערן זיך צו באַזעצן אין שטראַסבורג. די ערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן מיט דעם באַדינג אַז די אידן זאָלן פון פאָראויס באַצאָלן 48,000 פונט, דער סכום וואָס איז אויסגעקומען אַז זיי וואָלטן געדאַרפט באַצאָלן אין צינזן אין די פאָלגנדע 20 יאָר. סערף בער האָט דאָס אַלעס באַצאָלט פון זיין אייגענער טאַש.

סערף בער האָט געהאַט אַ שוואָגער, הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים, אַן איידעם ביי זיין פאָטער רבי דוב בער. רבי יוסף דוד זינצהיים איז באַקאַנט אַלס דער בעל "יד דוד", זיין חיבור אויף ש"ס, ווי אויך זיין ספר "מנחת עני" אויף סוגיות און תשובות בהלכה, און "שלל דוד על התורה".

דעם ערשטן באַנד פון "יד דוד" האָט ער געדרוקט אין שנת תקנ"ט, פינאַנסירט דורך די קינדער פון סערף בער. די איבריגע חלקים זענען געבליבן בכתב יד. ערשט אין די תש"ל יאָרן האָט "מכון ירושלים" געדרוקט די איבריגע כתבים.

דער "יד דוד" איז היינט אַ סעט פון 13 בענדער מיט חידושים אויף יעדן בלאַט אין ש"ס, פון ברכות ביז עוקצין. "מכון ירושלים" האָט אויך געדרוקט זיינע ספרים "מנחת עני" און "שלל דוד". אַזוי ווי רוב פון זיינע ספרים זענען אַזויפיל יאָרן געווען בכתב יד זענען זיי מסתמא נישט גענוג באַקאַנט. זיינע חידושים און זיינע ספרים זענען אָבער מפליא'דיג אין זייער געוואַלדיגער חריפות און בקיאות.

רבי יוסף דוד איז געבוירן און האָט געלערנט אין דייטשלאַנד וואו ער האָט זיך געהאַט באַקענט מיט'ן חתם סופר. ער איז כל ימיו געבליבן מיט אים בידידות און זיך געשריבן מיט אים. אין דער יוגנט האָט ער זיך אויך געשריבן מיט'ן נודע ביהודה. צווישן זיינע כתבים האָט "מכון ירושלים" אויך געפונען תשובות פון נודע ביהודה צו אים, וואָס זענען קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן אין נודע ביהודה. זיי זענען דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך מכון ירושלים פון ר' יוסף בוקסבוים ז"ל.

ווען זיין פאָטער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין עלזאַס האָט ער זיך געצויגן קיין פראַנקרייך. רבי יוסף דוד האָט דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה וואָס זיין שוואָגער סערף בער האָט אויסגעהאַלטן. שפּעטער איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שטראַסבורג.

נאָך דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט דאָס פאָלק רעוואָלטירט אויך קעגן דער קאַטוילישער קירכע. אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, ווען ראָבאָספיער איז געווען ביי דער מאַכט, – די יאָרן וואָס ווערן אָנגערופן "די יאָרן פון טעראָר", – זענען שונאי ישראל אין עלזאָס אַרויסגעקומען פון באַהעלטעניש און האָבן פאַרברענט אידישע ספרים און אידישע פאַרמעגנס. רבי יוסף דוד האָט בדרך נס באַוויזן צו ראַטעווען זיינע כתבי יד.

ווען נאַפּאָלעאָן איז געקומען צו דער מאַכט האָבן אַלע, איינשליסנדיג אידן, געקראָגן גלייכע רעכטן.

## נאַפּאָלעאָן'ס "סנהדרין"

ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט קיין פראַנקרייך איז ער געפאָרן דורך שטראַסבורג. די דאָרטיגע גלחים און פּאָליטישע פירער, ווי אויך טייל פון זיינע יועצים, האָבן אים אין שטראַסבורג גערעצט קעגן די גלייכע רעכטן וואָס אידן האָבן געקראָגן, אין דער צייט וואָס די אידישע רעליגיע מאַכט זיי פאַר אַ באַזונדער פאָלק.

נאַפּאָלעאָן האָט געהאַלטן אַז דער וועג צו לייזן דעם "אידן פּראָבלעם" איז נישט דורך באַגרעניצן זייערע רעכטן און זיי אונטערדריקן, נאָר צו געפינען אַ וועג זיי צו אינטעגרירן און מאַכן זיי פאַר אַ טייל פון פראַנצויזישן פאָלק, פונקט ווי להבדיל די קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן.

אין דער צייט וואָס דער ערשטער אַמענדמענט פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע פאַרזיכערט אַז דאָס לאַנד, די רעגירונג, קען נישט האָבן קיין שום שליטה איבער רעליגיע (separation of church and state ווי זיי רופן דאָס), די רעגירונג קען נישט אַריינרעדן אין רעליגיעזע עניינים, האָט נאַפּאָלעאָן און זיין רעוואָלוציע פאַרזיכערט דאָס פאַרקערטע: די רעגירונג זאָל האָבן די פולע שליטה איבער רעליגיע. מענטשן קענען פּראַקטיצירן און זיין טריי צו זייער רעליגיע אָבער זייער ערשטע טרייהאַפט מוז זיין צום לאַנד. די רעגירונג מוז דערפאַר זיין די בעלי בתים איבער די רעליגיעזע געמיינדעס צו פאַרזיכערן די טרייהאַפט צום לאַנד.

אין שנת תקס"ו האָט נאַפּאָלעאָן פאַר דעם צוועק צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון אָנערקענטע אָנגעזעענע פאַרטרעטער, "נאָטאַבלען" (Notables) ווי זיי זענען אָנגערופן געוואָרן, קיין פּאַריז. דער צוועק פון דעם קאָנפערענץ איז געווען פעסטצושטעלן צי אידישקייט קען פונקציאָנירן אין אַ פריי לאַנד ווי פראַנקרייך.

112 אידישע פאַרטרעטער זענען זיך צונויפגעקומען אין פּאַריז. די פאַרטרעטער פון נאַפּאָלעאָן'ס קייזערטום – פראַנקרייך, איטאַליע און טיילן פון דייטשלאַנד וואָס ער האָט געהאַט איינגענומען – האָבן איינגעשלאָסן רבנים, סוחרים און כלל טוער. די מערהייט זענען געווען פון די קרייזן פון די משכילים און רעפאָרמער, פון מענדלסאָן'ס חדר און סתם מאָדערניזירטע. נאַפּאָלעאָן האָט אָבער געוואָלט פאַרזיכערן אַז אויך חרדי'שע רבנים פון אַלטן חדר וועלכע פאַרטרעטן באמת דעם אידישן דת זאָלן זיין אָנגעשלאָסן אין דעם קאָנפערענץ. אַ דריטל פון די פאַרטרעטער זענען דערפאַר געווען חרדי'שע רבנים מיט הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים בראש.

הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים איז בכן געפאָרן קיין פּאַריז און איז געווען פון די וויכטיגסטע באַטייליגטע אין דעם קאָנפערענץ. אין זיינע חידושים שרייבט ער אויף געוויסע ערטער אַז דאָס האָט ער געשריבן זייענדיג אין פּאַריז וואו ער האָט זיך געפונען אָן צו קענען נאָכקוקן אין ספרים. דאָך ציטירט ער אין די חידושים פון מקורות אין כל התורה כולה.




ספר

יד דוד חלק ראשון

אופיבאך

געמאָלן בילד פון הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים ז"ל
און שער בלאַט פון זיין ספר "יד דוד" – דפוס אופיבאך תקנ"ט

פאַר די אידישע פאַרטרעטער אין דעם קאָנפערענץ זענען געשטעלט געוואָרן 12 שאלות אויף וואָס זיי האָבן געדאַרפט ענטפערן. די השגחה עליונה האָט אַזוי געפירט אַז סיי די רעגירונג און סיי רוב פון די אידישע באַטייליגטע אין דעם קאָנפערענץ וועלכע זענען געווען וויסטע עמי הארצים זאָלן אַרויסקוקן צו, און אַרויפקוקן אויף, רבי דוד זינצהיים. ס'איז לייכט נישט אָנגעקומען אָבער נאָך קונסטליכע מאַנעווורירן האָבן די דעפּוטאַטן ערלויבט דעם גרויסן גאון און צדיק רבי יוסף דוד זינצהיים צו פאָרמולירן די ענטפערס. רבי יוסף דוד שרייבט אַז אַ גרויסער טייל פון די אידישע "נאָטאַבלס" האָבן אפילו נישט געקענט קיין לשון קודש'דיגע עברי.

מיט די 12 פראַגעס האָבן נאַפּאָלעאָן און זיין רעגירונג בעיקר געוואָלט וויסן צי אידן זענען געטריי צום לאַנד. רבי יוסף דוד האָט זיי אויף רוב שאלות געענטפערט מיט אויפווייזן די הלכות פון דינא דמלכותא דינא, וכדומה.

די שווערסטע פראַגע איז געווען צי די תורה ערלויבט געמישטע הייראַטן רח"ל. דאָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ באַווייז אַז אידן אָנערקענען נישט דאָס געזעץ פונעם לאַנד, וועלכע ערלויבט יאָ אַזעלכע הייראַטן. דער ענטפער וואָס רבי יוסף דוד האָט געגעבן איז געווען אַז רבנים קענען נאָר מסדר זיין קידושין כדת משה וישראל. לויט דת משה וישראל איז אַזאַ הייראַט נישט ערלויבט. דאָס מיינט אָבער נישט אַז אידן אָנערקענען נישט דאָס געזעץ פונעם לאַנד. פאַרקערט: רבנים פאַרלאַנגען אַז אין צוגאָב צו אידישע הייראַטן כדת משה וישראל זאָל מען אויך אַרויסנעמען אַ הייראַט ערלויבעניש (marriage license) דורך דער רעגירונג ווייל דינא דמלכותא דינא.

מיט גרויס סייעתא דשמיא זענען פאַר נאַפּאָלעאָן שטאַרק געפעלן רבי יוסף דוד'ס ענטפערס.

נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט אַזאַ קאָנפערענץ. ער האָט געוואָלט קריגן אַן אָפיציעלע גושפנקא צו די באַשלוסן פון דעם קאָנפערענץ. ער האָט אויך געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק פון דעם מציל ומושיע פון אידישן פאָלק. מיט זיין נויגונג צו גראַנדיעזע אַקציעס און מאַקסימאַלע פּאָמפּע האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן צו שאַפן דעם איינדרוק פון אַ מחזיר עטרה ליושנה דורך גרינדן נישט מער און נישט ווייניגער ווי אַ "סנהדרין" מיט 71 מיטגלידער וואָס זאָל זיין די העכסטע אויטאָריטעט ביים אידישן פאָלק.

ב' אדר ראשון תקס"ז האָט זיך אין פּאַריז געעפנט די ערשטע זיצונג פון דער "סנהדרין". אַלס "נשיא" פון דער סנהדרין איז אויסגעוועלט




געמאָלן בילד פון די סנהדרין

געוואָרן נישט קיין צווייטער ווי הגרי״ד זינצהיים. די ״חברי הסנהדרין״ האָבן אַלע אָנגעהאַט ספּעציעלע בגדים און הגאון רי״ד זינצהיים האָט געטראָגן אַ ספּעציעלן הויכן מאָדנעם מצנפת. די סנהדרין איז געזעסן אין אַ האַלבער רינג און האָט למעשה נישט מער ווי באַשטעטיגט די ענטפערס אויף די צוועלף פראַגעס וואָס זענען פריער געגעבן געוואָרן ביי דעם קאָנפערענץ.

הגרי״ד און די אַנדערע ערליכע באַטייליגטע האָבן פאַרזיכערט אַז די סנהדרין זאָל באַטראַכט ווערן ווי נישט מער ווי אַ ליצנות. זיי האָבן פאַרזיכערט אומדירעקט אָנצואווייזן וואָספאַראַ בורים ועמי הארצים עס זענען רוב פון די ״סנהדרין״, וואָס חוץ זייערע רעדעס פול מיט דברי חנופה פאַר׳ן קייזער האָבן זיי נישט די מינדעסטע השגה וועגן תורה און אידישקייט.

די סנהדרין האָט נאָך פיר וואָכן אינגאַנצן זיך אויפגעלייזט. פאַר די חרדי׳שע רבנים איז פאַר׳ן אויפלייזן די סנהדרין נאָך געראָטן צו שיקן אַ מחאה אין נאָמען פון דער ״סנהדרין״ קעגן די ערשטע פירצה בחומת הדת מצד די רעפאָרמער אין ״וועסטפאָליע״ וועלכע האָבן, ווי מיר וועלן שוין זען, געוואָלט מתיר זיין קטניות אום פסח.

הגרי״ד איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט רב פון פראַנקרייך.

ז׳ כסליו שנת תקע״ג איז הגאון רבי יוסף דוד זינצהיים נפטר געוואָרן. דער חתם סופר האָט אים מספיד געווען ווי פאָלגענד:

״אשר כזה היה ממש הצדיק הזה אשר אנו עוסקים בהספדו הרב הגאון מו״ה דוד זצ״ל זיצענהיינער בעה״מ ס׳ יד דוד, אשר בהיותו מכובד וקרוב מאוד למלכות בפּאַריס ונשאל על כמה דברים והשיב שואלים דבר, והיה גדול ומכובד מאוד בעיני המלך והשרים וכבוד גדול עשו לו במותו כידוע, ובכל זאת היה גדול ליהודים, עוסק כל ימיו בתורה, והחזיר הש״ס כמה פעמים וכל ספרי הראשונים ואחרונים היה ממש שגורים בפיו כנראה מספרו. ומכירו הייתי בילדותי, וגם עתה ע״י חילוף כתבים עמו ראיתי צדקתו ותמותו. נמצא מלבד מה שנעשה אדון ע״י חכמתו בנימיסיות ובמדיניות עוד נשאר הוא המושל בגבורתו ולא משלו הם בו שיתפתה אחריהם ח״ו. אלא אחר שגלה להם טפח חזר לכסות טפחיים, וצד תמותו במקומו עומד וריחו לא נמר מתרגמי׳ לא פג״. (דרשות חת״ס חלק א׳ דף פ׳ ע״א – פ״ב ע״א).

## די קאָנסיסטאָרע״

ווי דער חתם סופר איז דאָס מרמז האָט רי״ד זינצהיים באַוויזן מגלה צו זיין טפח ולכסות טפחיים. ער האָט זיך געפונען בין פטיש לסדין, איז אפילו אַריין אין לייבן גרוב, אָבער הציץ ולא נפגע. דער שבור את החבית ושמור את יינה איז געראָטן, אָבער נאָר פאַר אים.

אין אַנדערע טיילן פון נאַפּאָלעאָן׳ס מלוכה האָבן די משכילים געקראָגן די אויבערהאַנט און ביז אַ קורצע צייט איז תורה און אידישקייט כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן.

נאַפּאָלעאָן און זיין רעגירונג האָבן געגרינדעט אַ אידישע ״קאָנסיסטאָרע״, דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע וואָס אַלע אידישע קהילות האָבן זיך געמוזט אָנשליסן דערין. דערמיט איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דער זעלבסטשטענדיגער כח פון רבנים און פון אידישע קהילות.

די קאָנסיסטאָרע איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אַ רעליגיע מיניסטעריום און אַ אידישע קהילה. יעדע שטאָט און יעדע קהילה האָט געמוזט באַלאַנגען צו אַ קאָנסיסטאָרע פון יענעם ראַיאָן. די הוצאות פאַר די רבנים און פאַר די קהילות זענען געצאָלט געוואָרן דורך דער קאָנסיסטאָרע. דאָס האָט געמיינט אַז די רעגירונג האָט געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער די קהילות און איבער די רבנים.

ביי איינעם פון זיינע נצחונות אין שנת תקס״ז האָט נאַפּאָלעאָן איינגענומען טיילן פון דייטשלאַנד וואו ער האָט געגרינדעט אַ נייע מדינה וואָס ער האָט אָנגערופן ״וועסטפאָליע״. ער האָט געקרוינט זיין ברודער זשעראַם אַלס קעניג פון וועסטפאָליע.

אין תקס״ח איז אין וועסטפאָליע געגרינדעט געוואָרן אַ אידישע קאָנסיסטאָרע וואָס בראש דערפון איז געשטעלט געוואָרן אַ געוויסער עוכר ישראל, ישראל יעקבזאָן, וועלכער ווערט מיט רעכט באַטראַכט ווי איינער פון די פאָטער פון די מתחדשים און רעפאָרמער.

יעקבזאָן איז פאַר פראַנקרייך׳ס אינוואַזיע געווען אַ שטיקל באַנקיר אָדער געלט וועקסלער פאַר דעם פּרינץ פון בראָונשווייג. ענליך, אָבער אויף אַ קלענערן פאַרנעם, צו ר׳ מאיר אנשיל ראָטשילד פון פראַנקפורט. אָבער אין דער צייט וואָס ר׳ מאיר אַנשיל איז געווען אַן ערליכער איד און האָט שטענדיג געוואוינט אויף דער אידן גאַס אין פראַנקפורט איז יעקבזאָן געווען פון די קרייזן פון די ערשטע משכילים אין דייטשלאַנד. ווען פראַנקרייך האָט אָקופּירט די געגנט און זשעראַם בענאַפּאָרטע איז געוואָרן קעניג פון ״וועסטפאָליע״ איז ישראל יעקבזאָן באַשטימט געוואָרן אַלס דער הויפּט פון דער קאָנסיסטאָרע.

יעקבזאָן האָט אויפגענומען סיי חרדי׳שע און סיי פולשטענדיגע משכילים אַלס רבנים אין די קהילות. ער האָט אויך געגרינדעט געמישטע שולעס פון אידן און להבדיל קריסטן פאַר לימודי חול און האָט איינגעפירט ״תיקונים״ אין די שולן. עטליכע ביישפּילן: נישט ״דאַווענען הויך״ נאָר שטילערהייט מיטזאָגן יעדעס וואָרט מיט׳ן חזן; רבנים זענען נישט ערלויבט צו האַלטן לומד׳ישע אָדער ״קבלה״ דרשות. זיי מעגן בלויז פּרעדיגן מאָראַל און עטיקעט.

יעקבזאָן איז אויך געווען דער ערשטער צו גרינדן אַ שול וואָס ער האָט גערופן ״טעמפּל״, איז געווען דער ערשטער אַריינצוברענגען דערין אַן אָרגעל און דער ערשטער צו זאָגן תפילות אויף דייטש און אַ כאָר וואָס זאָל זינגען אויף דייטש.

## דער ״היתר״ אויף קטניות

נישט באַקאַנט פאַרוואָס אָבער איינע פון די ערשטע היתרים מיט וואָס די רעפאָרמער האָבן געוואָלט מזכה זיין כלל ישראל איז געווען אַ היתר אויף קטניות אום פסח. ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן וועגן דעם

גרעסטן זיוף פון ספרים האָט דער זייפן פון דעם ספר ״בשמים ראש״, וועלכער איז געווען פאַרכאַפּט אין דער השכלה, געפּרואווט מזייף זיין אין נאָמען פון רא״ש אַז דער איסור אויף קטניות שטאַמט פון די קראים.

י״ג שבט פון שנת תק״ע האָט די קאָנסיסטאָרע פון וועסטפאָליע פאַרעפנטליכט אַ היתר אויף קטניות אום פסח. די רבנים פון דער וועסטפאָליער קאָנסיסטאָרע האָבן צווישן אַנדערן זיך טאַקע סומך געווען אויף דעם מזויף׳דיגן ״בשמים ראש״, און אויף אַנדערע נישט געשטויגענע היתרים. פּאָרט האָבן זיי נאָך נישט געהאַט די העזה גלאַט אַרויסצוקומען מיט אַ פולשטענדיגן היתר האָבן זיי געשריבן אַז דאָס איז בעיקר פאַר די סאָלדאַטן אין נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמיי פאַר וועמען עס איז שווער צו באַקומען מצות. אין זייער קונטרס שרייבן זיי:

״כעת יאמר ליעקב ולבית ישראל החלצו מאיתכם אנשים לצבא, הכינו ובואו בברית איתנו לעשות את דתי המלך כאחד העם ממנו, ואיש את רעהו יעזורו כי כמוכם כמונו חלק ונחלה בארץ... רחבת ידים לפניכם שבו וסחרוהו והאחזו בה... כי ירעב (אַ סאָלדאַט וואָס מעג נישט עסן קטניות) ועל ידי זה נשבתו ממלאכתן וכדי בזיון וקצף, כי אין המלך נושע ברוב חיל חלושי צבא... האם אין למצוא תקנה לאנשי המלחמה האלה״.

כאילו נאַפּאָלעאָן׳ס נצחונות זענען אָפּהענגיק אין דעם קומץ אידישע סאָלדאַטן וואָס נויטיגן זיך אין קטניות אויף פסח.

אין דעם זעלבן קונטרס שרייבן זיי אָבער אויך אַז דער היתר איז פאַר אַלע, נישט בלויז פאַר סאָלדאַטן:

״על פי חוקי הדת מותר לכל ישראלי, והוא יכול על כן לנהוג במצפון נקי, לאכול בפסח קטניות כגון אפונה, שעועית ועדשים, וכן אורז ודוחן״.

דער היתר אויף קטניות איז באַגריסט און אַפּלאָדירט געוואָרן אין משכיל׳ישע צייטונגען ווי דער ״המאסף״, און אַנדערע. דאַקעגן האָבן גדולי ישראל פון דייטשלאַנד און שכנות׳דיגע מדינות פאַרעפנטליכט כרוזים דערקעגן.

הגאון רבי אברהם טיקטין אב״ד גלונא האָט זיך געוואָנדן צום חתם סופר ער זאָל אונטערשרייבן אויף אַ קול קורא קעגן דער קאָנסיסטאָרע פון וועסטפאָליע. אין שו״ת חתם סופר או״ח סימן קכ״ב איז פאַראַן די תשובה פון חתם סופר צו אים.

דער חתם סופר האָט געהאַלטן, ובפרט אין די ערשטע יאָרן פון דער השכלה, אַז מען טאָר מיט די משכילים נישט פירן קיין וויכוחים. מען דאַרף לאָזן הערן דעם דעת תורה אָבער נישט פירן מיט זיי קיין דירעקטע וויכוחים און דערמיט געבן זיי אַנערקענונג. אין דעם פאַל פון די קאָנסיסטאָרע פון וועסטפאָליע האָט ער אויך געהאַלטן אַז פאַר אים, אַלס רב פון פּרעשבורג, וועלכע איז דאַן געווען אונטערוואָרפן אונטער נאַפּאָלעאָן, איז נישט כדאי צו פּראָוואָצירן די רעגירונג דורך פּאָלעמיזירן דירעקט מיט דער קאָנסיסטאָרע. ער האָט דערפאַר געלאָזט הערן זיין דעת תורה אין דער תשובה און האָט אויך פאַרזיכערט רבי אברהם טיקטין פון גלונא צו רעדן דערפון אין אַ דרשה.

שרייבט דער חתם סופר אין אָנפאַנג פון דער תשובה:

״נועם מכתבו האיר מול עבר פני ואמרתי אשרי הדור שהגדולים עומדים בפרץ לכל כושל, יהי׳ ה׳ אלקים עמו ויעל, ויעזרהו ע״ד כבוד שמו הגדול. ואשר ענוותנותו הרבני לעשות אותי סניף לאריות עונה זו אינה יפה לצאת בקולי קולות וקולן של סופרים, ולעשות פומבי בקבוץ חכמים, ופריצי עמינו יעמידו חזון וד״ל. מכל מקום אנן מהכא נראה לפרסם הדבר ביום הקהל בשבתא דרגלי אי״ה להודיע כי לא נכון הדבר בעיני חכמי הדור ושלא ללמוד ממקללתא.... והני כיחידי דמי לגבי כל מדינות אשכנז שקבלו עליהם מתחילה לאסור מ״מ לא אדון אנכי בדבר זה, והיכא דאיכא סכנתא שאני והחכם עיניו בראשו יעשה כחכמתו וה׳ יברך את עמו בשלום״.

מען וואָלט אגב געקענט מחבר זיין גאַנצע שענק מיט ספרים בלויז אָנצואווייזן אויף די רייכע מליצות אין יעדן צווייטן וואָרט פון חתם סופר און אויף די מקורות פון די מליצות. למשל בלויז אין די ערשטע שורות פון פריער: ״יהי׳ ה׳ אלקים עמו ויעל״ איז אַ פסוק אין עזרא, א: ג׳. ״עונה זו אינה יפה לצאת בקולי קולות״ איז לויט אַ רש״י אין סנהדרין דף ס״ה ע״ב ד״ה המחשב. ״וקולן של סופרים״ איז אַ לשון הגמרא, פסחים מ״ב. ״ופריצי עמינו יעמידו חזון״ איז לויט אַ פסוק אין דניאל י״א, י״ד. ״מכל מקום אנן מהכא״ איז געבאָרגט פון דער גמרא אין ברכות נ״ה. דאָס זעלבע איז מיט די ווייטערדיגע שורות, טייל מער באַקאַנטע מקורות ווי שבתא דרגלי, און שלא ללמוד ממקללתא, און טייל ווייניגער באַקאַנטע.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער חתם סופר האָט געהאַלטן וואָרט. מיט זעקס וואָכן שפּעטער האָט ער אין זיין שבת הגדול דרשה מוחה געווען קעגן דעם היתר אויף קטניות. אויסצוגן פון דער דרשה, געדרוקט אין דרשות חתם סופר ח״ב דף רמ״ג:

״הארכתי בזה יען חדשים מקרוב באו לעקור הלכות קבועות שנו רבותינו כאן מבלי לאכול מיני קטניות בפסח, שרשו פתוח, מרבותינו בעלי תוספות כמבואר במרדכי דפסחים סי׳ תקפ״ח שרבנו ברוך ומר״ש מאייברא אסרום משום גזירה. ומהר״י מקורבל בסמ״ק ורבינו פרץ בהגהות סמ״ק. ונתפשט בכל ארץ אשכנז ואחרוני הראשונים המה מהרי״ל ומהרי״ו ותרומת הדשן סייעו על ידם. ובא רמ״א וקבעו בשו״ע, ונתקבל בין כל בני אשכנז והוה דינו כנתפשט בכל ישראל... וא״כ מי יכול להתיר ולהשיג גבול שגבלו ראשונים ולפרוץ גדר וחומה נשגבה אשר יסדו יסודי עולם, המה הצדיקים אשר מעולם אנשי שם.... העל דור כזה אינו ראוי לגזור גזירות ולגדור גדרים גדר לפנים מגדר. והנה הגאון דק״ק פיורדא החל לעמוד בפרץ בדבר זה. וסייעו על ידו הגאון דק״ק ליסא, ודק״ק גלונא, ונקרוא נקראתי לעזרת ה׳ בגבורים, ומשכתי ידי מטעם הכמוס, ואין כחי אלא בפה, ומפה לאוזן שומעת עם ה׳ אלה״.

ווייטער שרייבט ער אין דער פריערדערמאַנטער תשובה קכ״ב: ״היום האירו עיני מנועם אמרותיו אודות קונסטיטאריע דמדינה וועסטפאָלין אשר בקשו נפשם לעקור הלכות קבועות ששנו אבותינו ורבותינו לנהוג איסור במיני קטניות ביו״ט שני של פסח, והם עמדו על נפשם להתיר לעצמם״.

אויב זיי האָבן עס טאַקע געטאָן צוליב אַ שעת הדחק אָדער כדי אָפּצוהיטן די סאָלדאַטן פון נכשל ווערן אין אכילת חמץ, שרייבט דער חתם סופר, קען מען מלמד זכות זיין אויף זיי. אָבער סתם זוכן התירים אָדער חלילה מבטל זיין דעם איסור אויף קטניות איז קיין שום בית דין נישט ביכולת דאָס צו טון.

אין דער תשובה איז דער חתם סופר מברר די מקורות און די געשיכטע פון דעם איסור אויף קטניות וואָס אַלע קהילות אשכנז אין אייראָפּע זענען לגבי דעם ווי איין קהילה און קיינער איז נישט בכח עס מתיר צו זיין.

״גלל כן אותן מנהיגי וועסטפאָלין שהתירו אכילת קטניות בימי פסח אין להם על מה שיסמוכו ואין לנו עסק בהם. ואם אולי כוונו לטובה מהטעמים שכתבתי לעיל או מטעם אחר כיוצא בזה, מ״מ אין ללמוד מהם למקום אחר. ודעתי לדרוש אי״ה בפרקי דכלה ברבים שאין ללמוד מהם דאינהו עבדי לגרמיה. ואם דעת פאר רום מעלתו נוטה לעשות לו דבר אחר מה שנוגע למדינותינו, אחר אחרון אני בא. וידי תכון, ובפרט שלא יהיה נוגע כלל לאנשי וועסטפאָלין כי לא אדון אנכי בדבר זה והחכם עיניו בראשו וד״ל. ויהיה דברי אלו מועטים מחזיקים כמרובים. והן׳ כי יבואו דברי קדשו אלינו וכבדנוהו. הכ״ד הכותב בחפזי החותם באהבה רבה פּרעשבורג, יום ג׳ כ״א אדר ראשון תק״ע לפ״ק משה״ק סופר מפפד״מ״.

[המשך קומט אי״ה]



# דער הייליגער חתם סופר

**דער רוחניות'דיגער חורבן פון השכלה און רעפאָרם אין דייטשלאַנד, בעהמען און מערן – אין בלויז איין דור האָבן אַלע ישיבות זיך געשלאָסן, אַלע חדרים זיך פאַרמאַכט און אַלע מקוואות זענען געוואָרן פאַרשטאָפּט – מענדעלסאָן'ס צענטער פון השכלה אין בערלין – דער טעמפל אין האַמבורג – די תשובות, פון תשובה פ"ד ביז צ"ב, אין שו"ת חת"ס חלק ו'**

[פאָרזעצונג פון פריער]

**"אנו יודעים ורואים הדורות מתמעטים בענין ידיעות התורה ויראת שמים, וכל אדם מתיירא שבניו לא יהי' כמותו, וכן זרעו וזרע זרעו. אבל זה לא עלה על הדעת שיבוא הדבר במוקדם כ"כ שיהי' האָב צדיק וישר מלא בש"ס ופוסקים, ובנו מומר ומחלל שבת. זה חדשים מקרוב באו לא שערום אבותיכם".** ("תורת משה", פ' האזינו, דף ע' ע"ב).

**"הלא מימי בנין בית שני לא נשמע כזאת, ומיום ששלטו ידי חכמי ישראל על עם ה' אלו כל עם ה' צדיקים היו. וזה כמו ל' שנה מיום אשר פשתה המספחת משפחות פורצי גדר ומטו ידי הרבנים על ידי שועלים קטנים מחבלים, נשכחה התורה"** (שו"ת חת"ס חלק ו' סי' פ"ו).

## מי לה' אלי

ווי משה רבינו נאָכ'ן עגל איז עס געווען זה משה האיש, דער הייליגער חתם סופר, וואָס האָט אויסגערופן מי לה' אלי, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אויסגערופן אַ מלחמת חרמה קעגן רעפאָרם און השכלה און געראַטעוועט גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק פון השכלה, כפירה און שמד.

אין אַ צייט וואָס די אַלגעמיינע וועלט האָט זיך געפונען אין אַן איבערגאַנגס-תקופה, פּאָליטיש, אידעאָלאָגיש און פילאָזאָפיש, און אַ גרויסער טייל פון אידישן פאָלק איז גלייכצייטיג אַריבער אַ דראַסטישע טראַנספאָרמאַציע פון פריקת עול תורה ומצוות האָט די השגחה עליונה געשיקט דעם הייליגן חתם סופר פאָראויסצוזען די סכנה וואָס די השכלה און די רעפאָרמער שטעלן מיט זיך פאָר און מיט זיין שיטה פון התבדלות, וואָס האָט געפירט צו דער טיילונג וואָס זיינע תלמידים האָבן שפּעטער דורכגעפירט אין אונגאַרן, געראַטעוועט דאָס תורה אידנטום אין אונגאַרן און באַאיינפלוסט דעם יהדות החרדית איבער דער גאָרער וועלט.

דער חתם סופר איז געווען דער איינציגער וואָס האָט באַגרייפט און האָט געוואָרנט וועגן דער סכנה וואָס משה מענדעלסאָן/דעסויער און זיינע תלמידים שטעלן מיט זיך פאָר, אין אַ צייט וואָס אַנדערע האָבן פון אָנפאַנג בכלל נישט געזען קיין חסרון אין אים אָדער אין זיין ביאור.

די געשיכטע האָט געוויזן אַז דער חתם סופר איז, ליידער, געווען גערעכט מיט זיינע פאַרדאַכטן און חששות. אין די שכנות'דיגע מדינות, דייטשלאַנד, בעהמען און מעהרן, איז אין נישט מער ווי בלויז איין דור נישט געבליבן קיין זכר פון אידישקייט.

אין חתם סופר'ס יונגע יאָרן, פאַר דער עמאַנציפּאַציע און די השכלה, האָט דייטשלאַנד נאָך געשפּרודלט מיט צענטראַלע מקומות התורה און בליענדע ישיבות. בלויז עטליכע ביישפּילן:

אין פראַנקפורט האָט עקזיסטירט די ישיבה פון בעל הפלאה און נאָך זיין הסתלקות די ישיבה פון זיין זון הגאון רבי צבי הירש הלוי איש-הורוויץ, דער בעל "לחמי תודה". אין פיורדא (פּירט) האָט זיך געפונען די ישיבה פון הגאון רבי יוסף שטיינהאַרדט (זכרון יוסף) און פון הגאון רבי משולם זלמן כהן, און דערנאָך פון רבי אברהם וואָלף האַמבורג. די ישיבה אין האַלבערשטאַט אין שפּיץ פון הגאון רבי הירש לעווין, און דערנאָך הגאון רבי לייב איגר.

די ישיבה אין ליסא פון הגאון רבי עקיבא איגר און דערנאָך פון הגאון רבי יעקב לאָרבערבוים, דער בעל חוות דעת ונתיבות. אין רבי עקיבא איגר'ס ישיבה אין פּאָזנע האָבן במשך פון די 20 יאָר פון רבי איגר'ס רבנות דאָרט געלערנט איבער 1500 תלמידים. די ישיבות אין מיינץ (מגנצא) פון הגאון רבי אברהם נפתלי הירץ שייאַר. די ישיבה אין מאַנהיים אין שפּייץ מיט הגאון רבי מיכל שייאַר. דאָס איז חוץ די פילע קלענערע ישיבות, קלויזן און בתי מדרשים וואו גדולי התורה און תלמידי חכמים מפורסמים זענען געזעסן און געלערנט.

בלויז נאָך איין דור, אויף די עלטערע יאָרן פון חתם סופר, האָט קיין איין ישיבה נישט עקזיסטירט מער אין דייטשלאַנד.

אַדאַנק דער השכלה זענען אַלע ישיבות חרוב געוואָרן. אַלע חדרים האָבן זיך געשלאָסן, ערליכע רבנים האָבן פאַרלאָזט זייערע שטעלעס און די מקוואות זענען אַלע פאַרשטאָפּט געוואָרן.

מיט אַ דור פריער איז אין פראַנקפורט ד'מיין נאָך געווען רב דער בעל הפלאה; אין פראַנקפורט ד'אַדער איז געווען רב הגאון רבי יוסף תאומים, דער "פרי מגדים"; אין ברעסלאַו הגאון רבי ישעי' פיק, און אין פּראַג דער נודע ביהודה.

אַ דאַנק די רעפאָרמער מיט אַ דור שפּעטער האָט מער ווי העלפט פון דייטשן אידענטום אָדער זיך גע'שמד'ט צו קריסטנטום אָדער זיך סתם אַסימילירט מיט דער נישט אידישער באַפעלקערונג, רח"ל.

רבי יוסף נפתלי שטערן אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר ("רחובות קריה" אות ל"ז) דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין שווער רבי שלמה אלכסנדרי סופר.

אַמאָל איז רבי שלמה אלכסנדרי געווען אין מאַריענבאַד מיט זיין פאָטער רבי שמעון סופר. איז צו זיי צוגעקומען אַ איד וואָס האָט געהייסן איציקל פּראַג און האָט געוויזן פאַר רבי שמעון סופר אַ תעודה וואָס ער האָט געקראָגן פון חתם סופר ווען ער האָט געלערנט ביי אים אין פּרעשבורג מיט 40 יאָר פריער.

האָט איציקל פּראַג (פון דער שטאָט פּראַג) זיי דערציילט: אַמאָל פאַר שבת הגדול האָט זיין מוטער, אַן אלמנה, אים געבעטן ער זאָל קומען אַהיים. ווען ער איז געקומען צו זיין רבי'ן דער חתם סופר זיך געזעגענען האָט דער חתם סופר אים געפרעגט:

"איציקל, פאַר מיין שבת הגדול דרשה ווילסטו אַוועקפאָרן?".

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער איז געבליבן אויף שבת הגדול. מוצאי שבת הגדול איז ער נאָכאַמאָל אַריין צום חתם סופר זיך געזעגענען. פרעגט אים דער חתם סופר:

"איציקל, נאָך מיין שבת הגדול דרשה קענסטו נאָך אַוועקפאָרן?".

איך בין נאָך געווען יונג, דערציילט זיי איציקל, און כ'האָב נישט יורד געווען לסוף דעתו פון חתם סופר. דער חתם סופר האָט מיר געגעבן אַ תעודה און איך האָב גענומען פון אים אַ ברכה און זיך געזעגנט.

דער חתם סופר האָט מיך אַביסל אַרויסבאַגלייט און מיט אַ קרעכץ מיר געזאָגט:

-איציקל, אין בעהמען ברענגט אַ גרויס פייער. אַ גרויס פייער! גיב דיר גוט אַכט!".

"וואָס זאָל איך אייך זאָגן", האָט איציקל פּראַגער אויסגעפירט צו רבי שמעון סופר און זיין זון רבי שלמה אלכסנדרי, "דאַן איז מיין היים-שטאָט נאָך געווען אַן עיר מלאה חכמים וסופרים. היינט קען איך אפילו אַ גלאָז וואַסער נישט טרינקען ביי מיינע קינדער".

משה מענדעלסאָן, באַקאַנט אויך אַלס משה דעסויער, צוליב דער שטאָט דעסאָוי וואו ער איז געבוירן, און אויך אַלס משה בן מנחם, נאָך דעם נאָמען פון זיין טאַטן מנחם מענדל (פון וואו עס נעמט זיך אויך דער נאָמען מענדעלסאָן) איז געווען אַ תלמיד פון הגאון רבי דוד פרענקל, דער בעל קרבן העדה אויף ירושלמי. כאָטש עס האָבן שוין עקזיסטירט משכילים פאַר אים ווערט ער באַטראַכט אַלס דער פאָטער פון דער השכלה אין דייטשלאַנד צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אַרומגענומען מיט אַ קרייז פון תלמידים, טייל פון זיי אפילו תלמידי חכמים אַזויווי ער, וועלכע האָבן געדינט ווי די שפּעטערדיגע פירער פון דער רעפאָרם באַוועגונג אין דייטשלאַנד. מענדעלסאָן ווערט אויך באַטראַכט ווי דער פאָטער פון דער השכלה באַוועגונג צוליב דעם "ביאור" וואָס ער האָט געשריבן. דער ביאור האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם איינפלוס פון השכלה אין אייראָפּע.

מענדעלסאָן איז אויך געווען דער גרעסטער קאָפּ צווישן די ערשטע רעפאָרמער. די ביכער און אַרטיקלען אויף דייטש וואָס ער האָט געשריבן זענען געלייענט געוואָרן אויך דורך נישט אידישע אינטעלעקטועלן. געווען וואָס האָבן אים אפילו באַטראַכט אַלס איינעם פון די גרעסטע "פילאָזאָפן" אפילו צווישן נישט אידן אין דייטשלאַנד.

ער אַליין איז נאָך געווען אַ שומר תורה ומצוות. פאַראַן אפילו בריוו אין לערנען וואָס ער האָט געהאַט געשריבן צום עמדין און צום נודע ביהודה. ער האָט אויף דער אייגענער האַנט זיך אויסגעלערנט אַ בעסערן דייטש, האָט געלייענט ספרי פילאָזאָפיע, סיי אידישע און סיי להבדיל נישט אידישע, און איז צום סוף געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דעות נפסדות און געפּרואווט צו מאָדערניזירן דאָס אידישע פאָלק.

ווען די געדאַנקען פון פרייהייט און עמאַנציפּאַציע האָבן געשלאָגן וואָרצלען אין פראַנקרייך און אין אַנדערע אייראָפּעאישע מדינות זענען זיי אָבער נישט אַריין אין קראַפט אין דייטשלאַנד. האָט משה מענדעלסאָן געשטרעבט אידן זאָלן נושא חן זיין ביי די גויים דורך ווערן מער "פאָרגעשריטן", "אויפגעקלערט" און "קולטוריזירט". די לאָזונג פון דעם שפּעטערדיגן משכיל אין דער ליטע י.ל.ג. "היה אדם בצאתך ויהודי באהלך" איז פאַקטיש געווען דער תוך פון מענדעלסאָן'ס אידייע און פילאָזאָפיע.

פאַר דעם צוועק האָט ער איבערגעזעצט דעם חומש אויף דייטש, מיט אַ דייטשן "ביאור". דער חתם סופר, און אויך דער נודע ביהודה, זענען געווען די איינציגע וואָס האָבן גלייך גע'אסר'ט דעם ביאור. רוב גדולים בשעתו האָבן אפילו נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. זיי האָבן נישט געזען וואָס ער האָט געשריבן שלעכטס אין דעם ביאור. מיט יאָרן שפּעטער איז געדרוקט געוואָרן אַ בריוו וואו מענדעלסאָן שרייבט אַז וואָס ער האָט געוואָלט ערגרייכן מיט דעם ביאור איז נישט איבערצוזעצן די תורה פאַר לומדי תורה וועלכע נויטיגן זיך נישט אין זיין ביאור און קענען סיווי נישט קיין דייטש, נאָר פאַרקערט: כדי לומדי תורה, וואָס קענען נאָר אידיש, זאָלן זיך אויסלערנען דייטש, אויפהערן צו רעדן אידיש און זיין ביכולת צו לייענען דייטשע ליטעראַטור. אין פּוילן און אין רוסלאַנד האָבן טויזנטער וואָס זענען נחמץ געוואָרן זיך געלערנט דייטש דורך לערנען מענדעלסאָן'ס ביאור וואָס איז געווען דייטש געשריבן מיט אידישע אותיות.

מענדעלסאָן'ס תלמידים האָבן אַלע פּורק עול געווען. כמעט יעדער פון מענדעלסאָן'ס קינדער און אייניקלעך האָט זיך גע'שמד'ט. אַלע זענען רח"ל געוואָרן קריסטן.

ווער ווייסט וויפיל אייניקלעך פון די ערשטע משכילים וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק אַסימילירט מיטן דייטשן פאָלק האָבן נישט געהאַט אַ האַנט אין דער נאַצישער פאַרטיליקונג פון די זעקס מיליאָן אידן. און די וואָס האָבן נישט באַוויזן אָפּצומעקן יעדן זכר פון זייער אידישן אָפּשטאַם האָט זיי די אַסימילאַציע גאָרנישט געהאָלפן. זיי זענען פּונקט ווי אַלע אידן אומגעבראַכט געוואָרן אין די דייטשע גאַז קאַמערן פון זייערע "קולטורירטע" דייטשע "ברודער".

מענדעלסאָן'ס נאָענטסטע קאָלעגן און הויפּט תלמידים זענען געווען:

**נפתלי הערץ וויזל.**

ער איז נאָך געווען אַ תלמיד אין די ישיבות פון גדולי ישראל און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות אין דקדוק. אויף זיינע ערשטע ספרים אויף דקדוק האָט ער נאָך געקראָגן הסכמות פון אַזעלכע גדולי ישראל ווי דער נודע ביהודה און רבי דוד טעבלי מליסא. שפּעטער ווען ער איז נחמץ געוואָרן האָבן זיי אַלע צוריקגעצויגן פון זייערע הסכמות.

וויזל איז טרויעריג באַרימט מיט זיין ספר "דברי שלום ואמת" וואָס האָט געדופן צו טוישן דעם סדר הלימודים פון אידישע קינדער דורך שטעלן דעם עיקר דגש אויף לימודי חול און חכמות חיצוניות. דער נודע ביהודה און רבי דוד טבלי האָבן גערופן צו לייגן אים אַ חרם.

**דוד פרידלענדער.**

אין קעגענזאַץ צו מענדעלסאָן און וויזל וואָס פּאַר זיך זענען זיי געווען שומרי תורה ומצות איז דוד פריעדלענדער נאָך מענדלסאָן'ס טויט געוואָרן אַן אָפּענער כופר בעיקר. ער האָט געבעטן פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע מען זאָל אים מיט אַנדערע משכילים פון בערלין אָננעמען אין זייער קירכע אַלס קריסטן אָן דעם וואָס זיי זאָלן מוזן גלויבן אין אותו האיש. זייער פאַרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

פרידלענדער האָט "פּאַראויסגעזאָגט" אַז ביים סוף פון ניינצטן יאָרהונדערט וועט נישט בלייבן קיין איין שומר תורה ומצוות אויף דער וועלט און אידישקייט וועט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן. עפ"ל.

**אליעזר ליבערמאַן.**

צווישן דער קליקע פון ערשטע משכילים אין בערלין האָט זיך אויך געפונען אַ געוויסער אליעזר ליבערמאַן, וועלכער איז פאַר דעם געווען אַ דיין אין אונגאַרן. ער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט זיין ספר "נוגה צדק". סוף ימיו האָט אויך ער זיך גע'שמד'ט.

אין שנת תקע"ה, נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט געליטן מפּלות אויפ'ן פראָנט און איז באַזיגט געוואָרן פון דער מאַכט, האָט די קאָנסיסטאָריע אין וועסטפאַליע זיך אויפגעלייזט. ישראל יעקבזאָן האָט זיך דאַן אַריבערגעצויגן קיין בערלין, וואו עס האָט זיך געפונען דער צענטער פון דער השכלה פון משה מענדעלסאָן'ס תלמידים.

קיין אָפּיציעלן טעמפּל האָט ער נישט געקענט עפענען אָן ערלויבעניש פון דער רעגירונג האָט ער אויף שבועות פון תקע"ה געגרינדעט אַ טעמפּל ביי זיך אין שטוב. ווען די רעגירונג האָט געשלאָסן זיין טעמפּל האָט ער זיך געצויגן קיין האַמבורג וואו זיי האָבן געפּלאַנט צו גרינדן דעם ערשטן אָפּיציעלן טעמפּל.

אליעזר ליבערמאַן האָט דאַן אַרויסגעגעבן זיין חיבור "נוגה צדק" אין וועלכן ער איז "מברר" אַז ס'איז ערלויבט צו האָבן אַן אָרגעל אין טעמפּל כל זמן אַ גוי שפּילט מיט דער מוזיק אום שבת. ער איז אויך "מתיר" דאָס דאַווענען אויף דייטש און אויסלאָזן די תפילות פאַר דער גאולה און ירושלים, רח"ל.

גדולי ישראל האָבן זיך דאַן געוואָנדן צום חתם סופר ער זאָל שרייבן אַ חיבור קעגן ליבערמאַן'ס "נוגה צדק".

## "שלשה דברים עשה משה מדעתו...שהסתרתי הדבר ולא גיליתי לשום אדם, אפילו לדייני קרתא"

ווי אַ ראַפינירטער גענעראַל האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז בתחבולות תעשה לך מלחמה. ער האָט אויך גוט פאַרשטאַנען די שוואַכקייטן, און די עלעמענטן וואָס מאַניפּולירן און באַאיינפלוסן דעם "דעת-הקהל". ער האָט געהאַלטן אַז זיין שרייבן אַ חיבור אין וועלכן ער פּאָלעמיזירט מיט ליבערמאַן אָדער מיט אַנדערע משכילים וועט נישט איבערצייגן קיין איינעם פון די משכילים. זיי זוכן נישט און זענען נישט אינטערעסירט אין דעם אמת'ן דעת תורה. ס'וועט נאָר אַריינשפּילן אין זייערע הענט, און הייבן זייער פּראָפיל און זייער חשיבות אין די אויגן פונעם פאָלק.


הגאון רבי משה מינץ זצ"ל אב"ד אויבן ישן

אין די ערשטע יאָרן, ווען די רעפאָרמער האָבן נאָך נישט אַריינגעדרונגען קיין אונגאַרן, האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז זיין ראָלע דאַרף זיין צו קעמפן קעגן זיי הינטער די קוליסן און נישט צו געבן זיי אַנערקענונג און אויפמערקזאַמקייט אין אונגאַרן.

אין שו"ת חת"ס חלק ו' סי' פ"ה, איז געדרוקט אַ תשובה וואָס ער האָט געשריבן צו הגאון רבי משה מינץ אב"ד אויבן ישן (אַלט-אויפן = בודאָ, – שפּעטער טייל פון בודאַפּעסט) וועגן דעם ענין.

שרייבט דער חתם סופר: "והנה שלשה דברים עשה משה מדעתו בענין זה. שהסתרתי הדבר ולא גיליתי לשום אדם, אפילו לדיינא קרתא, (דער בי"ד פון פּרעשבורג: רבי מרדכי טאַסק, רבי דניאל פּרוסטיץ און רבי משה שלום סג"ל פּרענקל), ומלבי לפומא לא גיליתי כ"א להמעתיק שלי אשר מצווה ועומד שמפיו לא יצא דבר חוצה. וטעמי בזה, כי כל זמן אשר אנחנו יושבים פה בשלום נוכל ללחום מלחמת ה' במעוזו, להורות חיצים למרחוק לעזרת ה' בגבורים בהאַמבורג, משא"כ אם יפורסם הדבר, הנה בעוה"ה בעתים הללו אין כרם בלא קוצים, ומעורר עלינו מדנים בגלילותינו וגבולינו ויהי' המלחמה פנים ואחור, ואעפ"י שבכ"ז לא נירא ולא נחת כי מלחמת ד' אנו נלחמים ואלף כיוצא באלו יאָבדו ועוקץ אחד ממנהגי ישראל לא יזוזו ממקומו מכל מקום מה דאפשר למעט בניסא עדיף".

## "ויהיו המכריעים יושבי שערי משתאות הקאַפע ונגינות שותי שכר"

דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז אויב ווערט דאָס אַן ענין פון אַ פּאָלעמיק, אַ סאָרט עפנטליכע דעבאַטע אין וועלכן עס עקזיסטירט צוויי צדדים וואָס זענען זיך מתווכח, וועט דאָס ווערן נישט מער ווי אַ שפּיל אין וועלכן די גאַס וועט נעמען אַ שטעלונג לכאן או לכאן. ער האָט אויך געהאַפּט דער פּראָבלעם זאָל זיין נאָר אַ לאָקאַלער און צייטווייליגער. שוין צוליב דעם אַליין איז כדאי צו זיין פּאָרזיכטיג – נישט צו פאַראייביגן עס דורך דרוקן חיבורים דערוועגן.

שרייבט ער ווייטער אין דער תשובה:

"בלאו הכי נמי אין דעתי נוטה כלל להדפיס בזה שום ספר, כי גם המה ידפיסו כהנה וכהנה, ופשתה המספחת יותר וילעיגו על ה' ועל משיחו ויהיו המכריעים בין שני הספרים יושבי שערי בתי משתאות הקאפע ונגינות שותי שכר וכו' ועוד אולי נזכה שיתבטל הדבר וימחה מן הארץ, ולמה נקבענו בדפוס ונעשה ממנה קיום לדורות האחרונים, וגם כי ע"י זה יתערבו חנפים

הרבה אשר אין לבם שלם לא עם המיימינים ולא עם המשמאילים רק להחניף ידפיסו ספרים וכו' וכל מחלוקה שאינה לש"ש יבוא גם השטן בתוכם... אל יתערב זר בתוכינו כי קדושי עליון בענווה ויראת חטא ילחמו ולבן שלם על התורה והעבודה ואז ה' עמנו". (שו"ת חת"ס ח"ו סי' פ"ה).

שפּעטער ווען די השכלה און די רעפאָרמער האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן געוויזן זייער אמת'ן פּרצוף, איז דער חתם סופר געווען דער ערשטער צו דערקלערן אַז מען דאַרף זיי אוישליסן פון כלל ישראל.

פון תשובה פ"ד ביז תשובה צ"ב אין שו"ת חת"ס חלק ו' זענען די תשובות געווידמעט צו זיין מלחמה קעגן די רעפאָרמער, און קעגן אהרן חורינער-אח"ר, ווי מיר וועלן שפּעטער זען אין קומענדיגן אַרטיקל.

שרייבט ער סוף פון תשובה פ"ט: "ואילו דינם היה מסור בידינו הי' דעתי להפרישם מעל גבולינו. לא יותן מבנותינו לבניהן, ומבניהם לבנותינו, כי היכי דלא ליתי לאמשיכו אבתרייהו, ויהי' עדתם כעדת צדוק ובייתוס, ענן ושאול. אנן בדידן ואינהו בדידהו".

## דער טעמפּל אין האַמבורג

האַמבורג. די הויפּט שטאָט פון דעם סגו"ל פון שטעט באַקאַנט אַלס די קהילות אה"ו: אַלטונאַ, האַמבורג, וואַנדסבעג, – וואָס אידן האָבן אויך גערופן "או"ה למושב לו". האַמבורג איז געווען די גרויסע צווישן די דריי שטעט. די אַנדערע צוויי זענען געווען פאָרשטעט. היינט זענען אַלטונאַ און וואנדסבעק נישט מער ווי געגענטן אין דער גרויסער שטאָט האַמבורג, די צווייט גרעסטע שטאָט אין דייטשלאַנד נאָך בערלין.

אין האַמבורג, אָדער אין דער איחוד הקהילות אה"ו, האָבן משמש געווען ברבנות אַזעלכע גדולי ישראל ווי דער חכם צבי, רבי יונתן אייבשיץ, דער בעל כנסת יחזקאל, רבי רפאל הכהן כ"ץ דער בעל תורת יקותיאל, און וואו עס האָט אויך געוואוינט רבי יעקב עמדין.

דער בעל תורת יקותיאל, וועלכער איז געווען פון די ערשטע צו אסר'ן מענדעלסאָן'ס ביאור, איז דערפאַר אַטאַקירט און באַשמוצט געוואָרן דורך די משכילים, בראש מיט שאול בערלין, דער זייפן און אַרויסגעבער פון דעם "בשמים רא"ש". אויף דער עלטער האָט דער בעל תורת יקותיאל רעזיגנירט פון זיין רבנות. האַמבורג איז אַ סאַך יאָרן געבליבן אָן אַ רב.

די חרדי'שע קהילה איז געפירט געוואָרן דורך דעם ראש בית דין הרבני הישיש רבי ברוך עוזר'ס.

אין שנת תקע"ט איז עס געווען אין האַמבורג וואו עס איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן דער ערשטער רעפאָרם טעמפּל, וואָס איז געווען כצלם וכדמות תבניתו פון אַ קריסטליכן קלויסטער, מיט אַן אָרגעל וואָס האָט מוזיקאַליש באַגלייט דאָס "דאַווענען", וואו רוב פון די תפילות זענען געזאָגט געוואָרן אין דייטש און וואו די תפילות פאַר דער גאולה און ביאת המשיח זענען אויסגעמעקט געוואָרן פונעם סידור.

נאָכדעם וואָס דער טעמפּל איז געעפנט געוואָרן האָט די חרדי'שע קהילה אַריינגעגעבן אַ פּעטיציע צו דער שטאָט-ראַט פון האַמבורג פאַרלאַנגענדיג צו שליסן דעם טעמפּל אויפ'ן סמך פון דעם וואָס דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט די אידישע רעליגיע און מיט אידישער טראַדיציע.

דער ראב"ד האָט זיך געווענדעט צום חתם סופר ער זאָל שרייבן אַ בירור פאַרוואָס די שול/טעמפּל איז קעגן דער הלכה און קעגן דער טראַדיציע, וואָס זיי זאָלן קענען פּרעזענטירן אויך פאַר דער רעגירונג.

זיין שאלה, און די תשובה פון חתם סופר, איז תשובה פ"ד פון שו"ת חת"ס ח"ו. מיר וועלן ברענגען דעם ערשטן פּאַראַגראַף פון חתם סופר'ס תשובה:

"יקרתו הגיעני, הלאני והלמני, ומרורים השביעני, כי הוא מגיד חדשות כי יצאו אנשים בני בלי עול מלכות שמים להפר בריתות, בנכלי דתות, חדשים מקרוב באו ואחת דתם להיות בית תפילתם כל ימי השבוע סגורה ומסוגרת וביום השבת יפתח. ומי יתן גם אז ויסגר דלתיים כי שינו נוסח התפילה המקובלת מאנשי כנה"ג ומחכמי תלמידינו ומאבותינו הקדושים והוסיפו וגרעו בנוסחאות אשר בדו מלבם והזניחו כמה ברכות השחר המבוארות בפ' הרואה והס שלא להזכיר צמיחת קרן דוד משיחנו ובנין ושכלול ציון וירושלים עיר הקדש, ויעמדו נערים נוצרים וישחקו לפניהם בכינור ועוגב במזמור הללו את ה' מן השמים ביום שבת קודש, אשר אסור לנו, ורוב תפילתם בלשון אשכנזי דווקא. וברוך הוא אלקינו אשר ברוב חסדו וטובו גם כי עבדים אנחנו בעבודתינו לא עזבנו אלקינו ויט עלינו חסד לפני מלכי המדינות ושרי עיר ועיר ירום הודם אשר בתוכם גם שרי עיר האַמבורג יר"ה אשר אמרו ובקשו מפר"מ לשאל פי חכמי דור ודורשיו היכין לדבר כן ולהתפלל באופן הנ"ל או לא. אלו דברי פר"מ באגרתו אשר הגיעני היום לעתותי ערב, וביקש ממני להיות סניף לאריות גאוני הזמן גודרי פרצת הדור לחוות דעתי גם אני".

די תשובה וואָס איז געצילט צו איבערצייגן דעם גוי'אישן שטאָט-ראַט פון האַמבורג, איז געבויט מער אויף היסטאָריע און לאגיק ווי אויף לומדישע בירורים. דער חתם סופר קלערט אויף אַז דאָס בעטן אויף הקמת בית המקדש און נחמת ציון וירושלים מיינט נישט אַז אידן ווילן מורד זיין אין די מלוכות וואו זיי געפינען זיך אָדער אַז זיי זענען בכלל אומצופרידן מיט די רעזשימען פון די לענדער וואו זיי זענען אין גלות.

דניאל איש חמודות וועלכער איז געווען דערהויבן ביים מלך האָט אויך געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. "הלא ידוע ומפורסם כי דניאל איש חמודות תלת זימנא ביומא הוה בריך על ברכוהי ומצלי מודי קדם אלהא כל קבל דהוא עביד מקדמת דנא. מבואר מזה שגם מקדמת דנא, טרם שנגזרה גזירת הכשדים הוי מתפלל שלש פעמים בכל יום ויום ולא בשבת בלבד. וחז"ל בברכות דל"א ע"א אמרו מקדמת דנא אפילו בזמן שבית המקדש קיים". דאָס זענען בלויז עטליכע שורות פון זיינע אַרגומענטן וועגן די תפילות דריי מאָל אַ טאָג, איינשליסנדיג די תפילות פאַר בנין בית המקדש.

"גם בזה אין שום גנאי למלך ושרים שאנו חוסים בצילם וסוכים באברותיהם עלינו, הלא גם הם מייחלים לנחול עיר קברות משיחם. ונחמיה היה משנה למלך בכבוד ועושר רב, והיה פניו רעים על אשר קברות אבותיו חרבות ושערים אכלו באש, ולא הרע למלך".

וואָס שייך שפּילן ביים דאַווענען מיט אַן אָרגעל אפילו דורך אַ גוי: "הם המטילים קוצים בעיניהם במה שלוקחים נוצרי לנגן בכלי שיר ארגל, היתכן שאיש נוצרי מושל ארץ יהיה עבד מנגן בבית תפילתם של ישראל שאינם מאמונתו, והלא כה היה עבודת שמשון השבוי אצל הפלשתים, שמוהו לנגן בבית אלהיהם על אפו ועל חמתו של שמשון, ויש לחוש שאומות העולם יאמרו שחקו עלינו יהודאי. וגם מצידנו לא יתכן כיון שהנער הנוצרי אינו מאמונתינו איך יקובל זה השיר לפני הקב"ה.... גם ממה שראינו שאבותינו מתקני התפלות לא תקנוהו בכלי שיר אע"ג שמאתנו יצא השיר הזה בעבודת בהמ"ק אפ"ה הזניחוהו אבותינו, ש"מ לא הוי ניחא להו בהו מטעם מיום שחרב בהמ"ק... ואם הותר קצת לשמוח בני אדם חתן וכלה כי המה עגומי הגלות והותר לשמחם, אבל בבית ה' אין שמחה לפניו, ומה גם ביום שב"ק דהוי שבות שלא במקום מצוה כי אין כח בידינו לבדות מצוה מלבינו אשר לא שערו ראשונים, ומצוה שאפשר להיות מבלעדי' ונתיר ע"ז איסור דרבנן חלילה, לא יעשה כן בישראל".

ווען אהרן חורין איז אונטער אַן איצטלא דרבנן אַלס רב פון אַראַד אַרויסגעקומען מיט זיינע התרים און "פּסקים" איז דער חתם סופר אַרויס אין אַ מלחמת חרמה אים צו דעמאַסקירן אַלס דער אפיקורס וואָס ער האָט זיך טאַקע שפּעטער אָפּן אַרויסגעשטעלט צו זיין.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

24

# דער הייליגער חתם סופר



**אהרן חורינער, אח"ר – די סעודת מרעים פון די רעפאָרמער אין פרעשבורג תשעה באב שנת תקצ"ב – דעם חתם סופר'ס דרשה פרשת ואתחנן שנת תקפ"ז – "ודבריו אלו עשו פרי למעלה ואין גם אחד מהכת הנזכרת שעלתה לו שנה"** (לקוטי חבר בן חיים ח"ב)

**[פאָרזעצונג פון פריער]**

תשעה באב פון שנת תקפ"ו האָט דער חתם סופר ערהאַלטן אַ בריוו פונעם רב פון טעמעשוואַר. אין דעם בריוו האָט דער טעמעשוואַרער רב אים דערציילט וועגן זיינע מלחמות מיט אהרן חורינער – אח"ר.

ענטפערט אים דער חתם סופר:

"יקרתו הגיעני היום צום החמישי, ויומא קא גרים להדאיב נפש ולהכאיב לב ולהדביק שבר אל שבר שריפת בית אלקינו. ופר"מ בהתלהבותו התפעל מאוד על אח"ר, על חלומותיו ועל דבריו. ולא עוד אלא הביא לנו איש מצרי מאלגזיי"ר ריעו של בן זיט"ו שהוציא כזבים ממצרים.... ואפרוקי הזה, או אפקירי' הזה, אומר, יען עומדים לפני מלכים ושרים פרוע ראש ראוי לעמוד כן בבתי כנסיות ומדרשות". (שו"ת חת"ס חושן משפט סי' קצ"א).

*

"הביא לנו איש מצרי מאלגזיי"ר", "ואפרוקי הזה", "לפני מלכים ושרים פרוע ראש".

וואָס מיינען די ווערטער פון חתם סופר?

## "אגרת אלאסף"

אין אייראָפּע איז מיט נאָענט צו 200 יאָר צוריק ערשינען אַ קונטרס מיט'ן נאָמען "אגרת אלאסף". דער קונטרס האָט אָנגעבליך געדאַרפט זיין רייזע-איינדרוקן געשריבן דורך אַ אידישן רייזענדער פון אַפריקע וואָס איז אַרומגעפאָרן איבער דער אידישער געאָגראַפיע פון פוילן, דייטשלאַנד און אונגאַרן. דער רייזענדער גאַסט-אויף-אַ-וייל שרייבער האָט כלומר'שט געדאַרפט זיין איינער פון די חכמי אַפריקע, אַ חכם פון אַלזשיריע, וועלכער איז שאָקירט און "אויפגעטרייסלט" פון דעם באַרבאַריש-פרימיטיוון וועג וויאַזוי אידן דאַוונען אין די שולן אין אייראָפּע.

דער "אַפריקאַנער חכם" ווענדט זיך און אַפּעלירט צו זיינע קאָלעגן, די רבנים אין אייראָפּע, זיי זאָלן זיך לערנען פון זייערע ספרדי'שע ברידער אין אויסלאַנד און רעפאָרמירן די תפילות און מנהגים אין די שולן. די מנהגים זאָלן זיין מער 'עסטעטיש', שענער און מער געאייגנט צום מאָדערנעם גייסט פון דער מער פאָרגעשריטענער וועלט.

אין צוגאָב צו די טענות וואָס ער האָט קעגן אַזעלכע מנהגים ווי קלאַפּן ביי "המן" פורים ביי מגילה לייענען, געבן אַ שפּיי, וואָס מאַנכע טוען, ביי עלינו, אָדער בכלל דאָס מאַכן אַ גערודער ביים דאַווענען, שלאָגט ער פאָר: – צו דאַווענען בלויז-קעפּיג, בגילוי ראש, אָן אַ יאַרמולקע, (רח"ל). וויבאַלד די אומות העולם גייען בלויז-קעפּיג אין די קריסטליכע קלויסטערס איז דאָס מער מאָדערן און רעספּעקטפול, עפ"ל.

טראָץ דעם וואָס דער שרייבער און מחבר פון "אגרת אלאסף" איז אָנגעבליך געווען "אַ רייזנדער-חכם" פון אַפריקע איז אויפ'ן שער בלאַט געווען געדרוקט אַז דער אַרויסגעבער, דער מביא לבית הדפוס, איז אהרן חורין, דער רב פון אַראַד.

כאָטש אהרן חורין האָט זיך באַהאַלטן הונטער אַ ביכל רייזע-איינדרוקן פון אַ פיקטיוון חכם פון אַפריקע האָבן אַלע געוואוסט אַז דער מחבר איז נישט קיין צווייטער ווי אהרן חורין אַליין.

דאָס איז אַלזאָ דער באַדייט פון חתם סופר'ס ווערטער: "אפרוק"י או אפקורי" און אַזוי ווייטער.

אהרן חורין איז געווען אַ פרוכטבאַרער פּראָדוקטיווער מחבר פון קונטרסים און "חיבורים". אַלע אונטער זיין אייגענעם אמת'ן נאָמען. דער "אגרת אלאסף" איז געווען זיין איינציגע פיקטיווע ווערק. דער צד השוה פון אַלע זיינע ווערק איז אָבער געווען דאָס זעלבע: רעפאָרם און עקירת הדת.

## אח"ר: א'הרן ח'ארינער ר'אַבינער

אהרן בן ר' קלמן חורין, אָדער אהרן חורינער, איז געבוירן אין שנת תקכ"ו אין אַ קליין שטעטל, ווייסקירכן, אין מעהרן, די היינטיגע טשעכיי. ער האָט געלערנט אין ישיבות פון גדולי הדור, ביים נודע ביהודה אין פראַג און

ביי רבי ירמי' ראָזענבוים אין מאַטערסדאָרף. היסטאָריקער זאָגן, און האָבן באַוויזן דערויף, אַז לערנענדיג אין פּראַג איז ער איינגעשטאַנען ביי אַ איד וואָס איז בסתר געווען פון דער כת ש"ץ, און שוין דאַן איז מינות נזרקה בו.

אין שנת תקנ"ד האָט ער חתונה געהאַט קיין צעהלים, איינע פון די שבע קהילות.

אין שנת תקמ"ט איז ער אָנגעקומען קיין אַראַד, אין טראַנסילוואַניע/זיבענבערגן, וואָס איז ביז דער ערשטער וועלט מלחמה געווען אַ טייל פון אונגאַרן. ער איז ערשט געווען אַ פּריוואַטער לערער פון שפּראַך און סעקולערע לימודים און האָט אויך געדינט אַלס סעקרעטאַר פון דער קהילה. אַזוי־ווי ער איז געווען אַ ידען און האָט געקענט עפּעס לערנען איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון דער קהילה.

55 יאָר איז ער געווען רב פון אַראַד. ווען ער איז געוואָרן רב איז אַראַד געווען אַ קהילה נאה וחסידה פון יראים ושלמים. ווען ער איז געשטאָרבן אין אלול פון שנת תר"ד, האָט ער איבערגעלאָזט אַ שטאָט וואָס איז געווען חרוב ונחרב. אַ שטאָט מיט קיין איין איינציג גאַנצע כשר'ע שטוב.

פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה ווען מען האָט געוואָלט זאָגן טריפה האָט מען געזאָגט "טריפה ווי אַראַד". (נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן זיך דאָרט באַזעצט אויך ערליכע משפחות מיט אַן ערליכן רב און אַן ערליכע קהילה).

חורין איז געווען דער ערשטער "אָפּיציעלער" רב וואָס האָט באַלאַנגט צו די רעפאָרמער. הגם דער נאָמען "רעפאָרם" האָט נאָך דערווייל נישט עקזיסטירט, ווי מיר וועלן אי"ה שרייבן אין אַ קומענדיגן אַרטיקל, איז ער געווען דער גייסטיגער גרינדער פון רעפאָרם אין אונגאַרן. בשעתו איז ער אויך געווען דער איינציגער אָפּיציעלער רב וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן און זיך צוגעשטעלט צו די רעפאָרמער אין דייטשלאַנד. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַר זיי פּראָדוצירט התירים און געשריבן "תשובות".

פון זיין אַ גאון אָדער גדול בתורה איז ער געווען גאָר ווייט. זיין עיקר כח איז באַשטאַנען דערין וואָס ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער און פּראָדוקטיווער שרייבער, און אַ גוטער רעדנער. זיינע איבערפלעכליכע ידיעות בתורה צוזאַמען מיט זיינע טאַלאַנטן זענען געווען גענוג אויף צו קענען מגלה זיין פנים בתורה שלא כהלכה. איבערהויפּט פון אָנפאַנג ווען ער האָט בעיקר זיך פאַרלייגט אָנצוּוויזן אויף מנהגי ישראל וואָס זענען יסודתם בהררי קודש אַז זיי "האָבן נישט קיין מקור" אין הלכה אָדער אין חז"ל.

שפּעטער ווען ער איז געגאַנגען מדחי אל דחי האָט ער שוין אָפן מחולק געווען אויפ'ן שולחן ערוך און אויף חז"ל.

זיין הרמת יד בתורת משה איז נישט געקומען מיט איינמאָל. זיין דערקייקלען זיך איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס וואָס האָט געדויערט צענדליגער יאָרן.

פון שטענדיג אָן איז ער געווען פאַרמישט אין פּאָלעמיקס און קאָנטראָווערסיעס. אין די ערשטע יאָרן זענען דאָס נאָך געווען רוטינע פּולמוס'ן, כלומר'שטע כך־דרכה־של־תורה'דיגע חילוקי דעות. — הגם אין אַלע פּולמוס'ן איז ער תמיד געווען דער מקיל.

דער חתם סופר האָט שפּעטער דערציילט אַז ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, נאָך אין מאַטערסדאָרף, האָט ער גלייך געשפּירט ווי אונטער זיין שלייער פון זעלבסטשטענדיגע דעות און מיינונגען ליגט הוילע מינות און אפיקורסות.

די ערשטע עפנטליכע מחלוקת צווישן אהרן חורין און רוב אַנדערע רבנים האָט אויסגעבראָכן אין שנת תקנ"ז: אַ פּולמוס איבער דער כשרות פון "שטירל" און "טיק" פיש. חורין האָט ערקלערט אַז זיי זענען כשר בעת רוב רבנים און גדולי ישראל האָבן עס גע'אסר'ט צוליב דעם וואָס ס'איז נישט מעגליך אַראָפּצונעמען די קשקשים אָן דעם וואָס מ'זאָל מיטרייסן די הויט, וואָס על פי הלכה איז עס ביי אשכנזי'שע אידן דערפאַר נישט כשר.

דעם ערשטן ספר וואָס ער האָט געדרוקט איז געווען דער קונטרס "מאמר אמרי נועם" מתיר צו זיין די שטירל פיש. הגאון רבי יצחק גריסהאָבער דער רב פון פּאַקש איז אַרויסגעקומען מיט אַן איסור. אין זיבענבערגן און אין אונגאַרן האָבן געוואוינט ספרדי'שע אידן וואָס זענען געווען פון טערקיי וואָס לויט זייער מסורה זענען די שטירל פיש געווען כשר. הרב גריסהאָבער האָט אָבער גע'טענה'ט אַז לויט דער מסורה פון אשכנזי'שע אידן זענען די שטירל נישט כשר. רוב גדולי ישראל האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם איסור אויף די שטירל פיש.

קעגן חורין'ס "אמרי נועם" האָט הרב גריסהאָבער אַרויסגעגעבן אַ ספר "מקל נועם". האָט חורין קעגן דעם אַרויסגעגעבן אַ ספר "שריון קשקשים".

חורין האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער קעמפט בלויז פאַר'ן כבוד פון זיין רבי'ן דער נודע ביהודה, וועלכער זאָל האָבן מתיר געווען די שטירל. ווי עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעשטעלט האָט ער נישט געמיינט דעם כבוד פון זיין רבי'ן, נישט קיין שאלות פון איסור והיתר אָדער די כשרות פון דער פיש. ער איז אויסן געווען בלויז אונטערצוגראָבן מנהגים, "חומרות" און איסורים וואָס זענען שוין דורות אָנגענומען ביי אידן.

דאָך איז דער פּאָלעמיק מיט חורינער דערווייל נאָך געווען אין די ראַמען פון אַ געוויינליכן רבני'שן פולמוס אָדער מחלוקת אין הלכה.

דריי יאָר איידער דעם פולמוס איבער די שטירל פיש איז ער שוין געווען פאַרמישט אין אַ צווייטער ווינציגער באַקאַנטע פרשה וואָס איז נאָך אויך געווען אין די רעלאַטיוו ראַמען פון אַ הלכה'דיגן משא ומתן: חורינער האָט מתיר געווען תפילין של ראש וואָס די בתים זענען נישט מעור אחד נאָר זענען צונויפגעקלעבט פון פיר שטיקער. הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות פון בראָד, וועלכער האָט אים נאָך נישט געהאַט געקענט, האָט אַדרעסירט זיין ערשטע תשובה אין שו"ת בית אפרים (או"ח א') צו אים איבער דער שאלה.

אין שנת תקס"ג האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ספר "עמק שוה" אין וועלכן ער קריטיקירט אַסאַך מנהגי ישראל און ערקלערט אַז די רבנים אין יעדן דור זענען בכח צו "פאַרריכטן" וואָס פריערדיגע האָבן קאַליע געמאַכט, עפ"ל. "מסרה התורה לחכמי זמן וזמן לתקן הפרטים".

אלול שנת תקס"ה איז פאָרגעקומען אַן אסיפת הרבנים אין אַלט־אויפען, בודאָ, וואו די רבנים זענען אַרויסגעקומען קעגן חורין'ס "עמק שוה" און האָבן דערקלערט אַז ער טאָר נישט פסק'ען קיין שאלות, און אַז די שטאָט אַראַד מוז אויפנעמען אַ דיין אַ ירא שמים ובקי בטיב ההוראה.

חורין האָט אַריינגעגעבן אַ קלאָגע צו דער רעגירונג. תמוז שנת תקס"ו האָט די רעגירונג אַנולירט דעם איסור קעגן אים.

ווען חורין האָט אָבער געזען אַז ער איז אָפּגעפרעגט ביי חרדי'שע אידן האָט ער פאַרעפנטליכט אַ בריוו אַז ער ציט צוריק פון וואָס ער האָט געשריבן אין "עמק שוה".

דער לפנים'דיגער חרטה האָט אָבער לאַנג נישט געהאַלטן.

גלייכצייטיג איז חורין געוואָרן דער העלד פון די מתחדשים אין דייטשלאַנד און אין גאַליציע. פלוצים האָבן זיי אַן אָפּיציעלן רב, איינער וואָס איז משמש ברבנות. אַ רב וואָס איז מיט זיי אחים לדעה אַז מען דאַרף רעפאָרמירן דעם אידישן דת, און איינער וואָס איז גרייט צו "דעליווערן": צו ליפערן התירים וואָס קומען נישט בלויז פון אַ השכלה'דיגן שטאַנדפונקט נאָר אויך פון אַ "רבני'שער" פערספעקטיוו.

אין שנת תקע"ח איז אין דעסוי, דייטשלאַנד, ערשינען דער ספר "נוגה צדק", (וואָס דער חתם סופר האָט אָנגערופן "נגע צדק") צוזאַמען מיט'ן "אור נגה", די ערשטע "חיבורים" פון די מתחדשים צו באַרעכטיגן זייערע רעפאָרמען. דער אַרויסגעבער פון ביידע איז געווען אליעזר ליבערמאַן, דער געוועזענער דיין פון אונגאַרן.

דער ערשטער חיבור האָט אַנטהאַלטן פיר תשובות. דער ערשטער פון די תשובות "קנאת האמת", איז פון אהרן חורינער. אין תשובות חתם סופר רופט דער חתם סופר די תשובה: "קינת המת".

י"ג שבט פון תקע"ט האָט חורין געשריבן אַן אגרת התנצלות צו הגאון רבי משה מינץ אין וועלכן ער דריקט אויס זיין חרטה אויף זיין תשובה "קנאת האמת".

כ"ו שבט תקע"ט האָט דער חתם סופר דערקלערט ברבים אַז חורין'ס חרטה איז נישט מער ווי בלאָף.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט די וועלט זאָל זען ווי גערעכט דער חתם סופר איז געווען: אין שנת תק"פ האָט אהרן חורין אַרויסגעגעבן אין וויען זיין ספר "דבר בעתו" אין וועלכן ער ציט צוריק פון זיין חרטה. ער האָט חרטה אויף זיין חרטה.

אין די פאָלגנדע צוואַנציג יאָר איז חורין געווען אַלץ מער פּראָדוקטיוו. ער האָט פאַבריצירט אַ שלל מיט התרים און געשריבן אַ ריי קונטרסים, כתבי פלסתר און "ספרים" וואָס האָבן גערופן צו "תיקונים" אין דת לויט'ן געשמאַק פון די ראַדיקאַלסטע רעפאָרמער אין דייטשלאַנד.

זיינע ספרים: "סדר ברכת המזון בקצרה", "אבק סופר", "ציר נאמן", "אגרת אלאסף", "ילד זקונים" זענען שוין פול מיט אָפענע כפירה אין חז"ל, און כפירה אין דער אמונה.

פון זיין קראַנקן בעט איידער ער איז געשטאָרבן אין אלול פון שנת תר"ד האָט ער נאָך באַוויזן צו שיקן אַ בריוו צו דער ערשטער גרינדונגס אסיפה פון רעפאָרם ראַבינער אין בראַנשווייג. ווען ער איז געשטאָרבן האָבן אַלע גלאָקן פון די קלויסטערס אין אַראַד געקלינגען אויס רעספּעקט. זיינע תלמידים האָבן געלייגט אַ סטאַטוע פון זיין געשטאַלט אויף זיין מציבה.

זיינע אייניקלעך האָבן זיך אַלע גע'שמד'ט. זיין אייניקל פראַנץ חורין איז געווען דער גרינדער פון דעם אינדוסטריאַליסטן פּאַראיין אין אונגאַרן, און אַ דעפּוטאַט פון אונגאַרישן פּאַרלאַמענט. ווען ער איז אַלט געוואָרן 59 יאָר האָט ער זיך גע'שמד'ט און איז געוואָרן אַ קאַטאָליק. פראַנץ'ס זון, וועלכער האָט אויך געהייסן פראַנץ, ("דזשוניאָר"), האָט זיך גע'שמד'ט אין עלטער פון 30 יאָר און איז געווען אַ נאָענטער פריינט מיט דעם אונגאַרישן רעגענט מיקלאָש האָרטי, דער אַנטיסעמיטישער הערשער פון אונגאַרן בעת דעם ביטערן חורבן. די דייטשן האָבן קאָנפיסקירט חורין'ס פאַרמעגן און ער איז געווען ערלויבט זיך צו ראַטעווען קיין אויסלאַנד. איין פרוי אַן אייניקל פון אהרן חורין וואָס האָט געוואוינט אין אַראַד און האָט זיך נישט געהאַט גע'שמד'ט האָט נאָך דער מלחמה זיך גע'שמד'ט צו קריסטנטום.

דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי יעקב יעבץ שרייבט אין זיין ספר המור והדרור אַז דער חתם סופר האָט קיינמאָל נישט אַטאַקירט קיין מענטש פּערזענליך, אפילו נישט די מתחדשים וואָס ער האָט זיי באַקעמפט. "כי מעולם לא נשמע ממנו לתת שמץ דופי בשום אדם מעולם, אפילו לאותן שהיו מוחזקים פושעים ואפיקורסים בעיניו". ער האָט נישט געפירט מלחמות קעגן פּערזאָנען נאָר קעגן געדאַנקען; דער אמת קעגן שקר.

אַן אויסנאַם איז געווען אהרן חורין. חורינער איז געווען אין דער קאַטעגאָריע פון אַ מסית ומדיח איינגעהילט אין אַן איצטלא דרבנן וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן פאַר נויטיג אים צו דעמאַסקירן און דעגראַדירן.

אין די תשובות אין חלק ו' פון תשובה פ"ד ביז תשובה צ"ב האָט דער חתם סופר ערשטנס מגלה געווען זיין אמת'ן פרצוף, און צווייטנס אָפּגעוואָרפן יעדע איינע פון זיינע "בירורים" און גילויי פנים בתורה שלא כהלכה, אָנגעהויבן פון זיין איינפירן צו לייענען קריאת התורה אָן די טעמים, אָן די טראָפּן, צי דער היתר צו דאַוונען אין אַנדערע שפּראַכן, אויפ'ן סמך פון "אלו נאמרין בכל לשון", צי זיינע אַבסורדאַל וואַנזיניגע "היתרים" צו פאָרן מיט אַ באַן אום שבת, דאַוונען בגילוי ראש, מקצר זיין די טעג פון שבעה פאַר אבלים ל"ע צו דריי טעג, אָדער זיין הצעה איינצופירן צו האַלטן שבת אום זונטאָג.

היות ווי חורין האָט נאָך-אַלעמען געדינט ווי דער "פּוסק" פון די רעפאָרמער האָט דער חתם סופר געהאַלטן פאַר וויכטיג אָפּצוואַרפן יעדן איינעם פון זיינע "בירורים" און ראיות.

דאָס פלאַץ ערלויבט נישט, און נישט דאָ איז נישט דאָס אָרט, צו ציטירן דעם תוכן פון די תשובות, אין וועלכע ס'איז אָבער כדאי אַריינצוקוקן. מיר וועלן דאָ בלויז אָנווייזן אויף אַ לייכטערן הינזיכט: דעם חתם סופר'ס כשרונות אין זיינע תכסיסי מלחמה.

אהרן חורין איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער און האָט גענוצט שרייבערישע אַקראָבאַטיקס אין זיינע אַטאַקעס אויף רבנים און גדולי ישראל. ער האָט גענוצט זלזול'דיגע ווערטער-שפּילן ביים שרייבן זייערע נעמען, פון וואָס מיר וועלן דאָ נישט ברענגען קיין ביישפּילן. לגבי זיך זעלבסט האָט ער גענוצט אַזעלכע מליצות ווי "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה".

האָט דער חתם סופר מיט זיין רייך מעכטיגע פעדער גענוצט דעם ויגזול את החנית מיד המצרי יעדעס מאָל וואָס ער האָט דערמאָנט חורינער'ס נאָמען.

ביים אַרויסגעבן זיין ספר "קנאת האמת", – וואָס דער חתם סופר האָט ווי געזאָגט אָנגערופן "קינת המת" – האָט חורין זיך אונטערגעשריבן אויף דייטש: Aron Choriner Rabbiner – ווי עס איז דער סדר אויף דייטש צו שרייבן דעם טיטל נאָכ'ן נאָמען. האָט דער חתם סופר גענומען די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער: א'הרן ח'ורינער ר'אבינער און געמאַכט דערפון די ראשי תיבות: אח"ר. ביים יהדות החרדית איז ער זינט דאַן אַריין אין דער געשיכטע אַלס אח"ר. אחר – אַ קאָנאָטאַציע אויף אַ תלמיד חכם שסרח ויצא לתרבות רעה, ווי אויך אחר, דער אַנדערער צד, די סיטרא אחרא.

אין אַ תשובה צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר, ציטירט דער חתם סופר פּאַקטיש די לאַטיינישע בוכשטאַבן און שרייבט (שו"ת חת"ס ח"ו סי' צ"ו) ווי פאָלגענד:

"והנני שולח העתקה חזרה של בעל קינ"ת אמת חותמו בגופן שלהן בקונטרס הנ"ל

Aron Choriner Rabbiner

ראשי תיבותיו א"ח"ר, זה שמו לעולם, האלקים יביאהו במשפט על כל נעלם"

אויף אַנדערע ערטער רופט ער אים "סיטרא חורינא", אָדער: חור"י נא"ר, אַ נאַר, אַ שוטה אויף אידיש.

אין אַ תשובה צו רבי אפרים זלמן מרגליות (ח"ו סי' צ') שרייבט ער "אוי לו לארא"ד שפגע בו", אַ וואָרט שפּיל אויף דער גמרא אין ברכות (ל"ג ע"א) "אוי לו לערוד שפגע בו רבי חנינא בן דוסא", אָדער: "לאו עכברא גנב, אלא חור"י נ"ר".

## די "אויסטערליצער-שלאַכט דרשה" פון תקע"א

דער קרייז פון שפּעטערדיגע רעפאָרמער אין פּרעשבורג, וועלכע האָבן אים געהאַט געשיקט אַ בריוו ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג קיין פּרעשבורג וואָרענענדיג אים זיך נישט צו מישן אין זייערע אַנגעלעגנהייטן, איז קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן. טראָץ דעם חתם סופר'ס געוואַלדיגע הצלחה פון ווערן דער רבן של כל בני הגולה, דער בויער און שיצער פון קאָמפּראָמיסלאָזן יהדות החרדית אין פּרעשבורג, אין אונגאַרן און איבער דער וועלט, זענען די גרופּע מאָדערניזירטע און שפּעטערדיגע רעפאָרמער געבליבן שטאַנדהאַפט אין זייער קעגנערשאַפט צום חתם סופר, צו זיין ישיבה און צום אָריגינעלן יהדות התורה. ווען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך האָבן געבלאָזן ווינטן פון פרייהייט, עמאַנציפּאַציע און השכלה זענען זיי געוואָרן מער אַנטשלאָסן און מער חוצפה'דיג אין זייער קאַמף קעגן חתם סופר.

אין שנת תקע"א, פיר יאָר נאָכ'ן חתם סופר'ס ווערן רב אין פּרעשבורג, האָבן די פורקי עול באַשלאָסן צו גרינדן אַ שולע וואו עס וועלן בעיקר געלערנט ווערן לימודי חול, און וואו לימודי קודש וועלן זיין אַ טפל.

שבת תשובה פון שנת תקע"א האָט ער געהאַלטן אַ דרשה קעגן די "פּריצי

בני עמינו, און מחללי שבת בפרהסיא". (דרשות חתם סופר ח"א, דף ט' ע"א).

מיט פיר חדשים שפּעטער איז אַ פאַרטרעטער פון דער פאָרשטאַנד פון דער קהילה, וואָס איז געווען קאָנטראָלירט דורך די פאַרמעגליכע מאָדערניזירטע, געקומען לאָזן וויסן דעם חתם סופר אַז זיי גייען עפענען זייער געפּלאַנטע שולע. אָט איז וויאַזוי דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט באַשרייבט דאָס אין לקוטי חבר בן חיים ח"ב:

"בשנת תקע"א ארבע שנים אחרי בואו לפּרעשבורג בא אליו לערב נגהי יו"ד שבט פרשת בשלח אחד מאנשי הזמן להודיע כי הסכימו ביניהם לתקן להם בית ספר בו ילמדו שאר חכמות ומדעים וגם דברי תורה יהיו נטפלים שם לשאר חכמות. והשיב לו רבינו כי זה לא יצלח ולא תקום ולא תהיה. וההוא גברא העיז פניו מול רבינו ואמר לו אתה תראה דברי מי יקום. ויהי בבוקר שלח רבינו לכל בתי כנסיות אז בפּרעשבורג להכריז כי היום יהיה ההספד על הרב הנפטר באויסטערליץ במדינת מעהרן.... וההמון נלבשו כולם יראת ה' ואהבת התורה מדרשה הזאת עד שכמעט נעשה רושם בתוך הפריצים".

ביי דער דרשה, וואָס איז אָפיציעל געווען אַ הספד אויף דער פטירה פון רבי יעקב גליוויג, דער רב פון אויסטערליץ, זענען אויך אָנוועזנד געווען די נישט אידישע שטאָט באַאַמטע פון פּרעשבורג. די דרשה האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אַז די רעפאָרמער האָבן דערנאָך נישט געוואַגט עפענען זייער שולע. אַזויוי מיט פינף יאָר פריער איז פאָרגעקומען נאַפּאָלעאָן'ס היסטאָרישער שלאַכט אין דער שטאָט אויסטערליץ האָט די פייערדיגע און זיגרייכע דרשה (דרשת חתם סופר ח"א של קי"ב, דרוש י"ב פרשת בשלח), געקראָגן דעם נאָמען "דער אויסטערליצער שלאַכט".

## די דרשה פון פרשת ואתחנן שנת תקפ"ז, די "פּרימעאַרשולע" און דער מיאוס'ער סוף פון די מתחצפים

במשך פון 16 יאָר האָבן די רעפאָרמער אין פּרעשבורג נישט געוואַגט דורכצופירן זייער פּלאַן פון גרינדן אַן אייגענע שולע. אין שנת תקפ"ז איז זייער כח אָבער געשטיגן מיט דער הילף פון די רעפאָרמער אין דייטשלאַנד און פון אהרן חורין פון אַראַד, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן און זיי געהאָלפן גרינדן זייער "פּרימאַער שולע" (Primaerschulle). ווי אויך אַ פּריוואַטן "מנין" אין דער שולע.

גלייכצייטיג האָבן די רעפאָרמער אויך אַריינגעגעבן אַ מסירה צו דער רעגירונג קעגן דעם חתם סופר'ס ישיבה. די ישיבה איז געווען אין אַ סכנה פון ווערן געשלאָסן דורך דער רעגירונג.

ז' אב, פרשת ואתחנן שנת תקפ"ז, האָט דער חתם סופר געהאַלטן איינעם פון זיינע שאַרפסטע דרשות. ער האָט געוואָרנט די אָרגאַניזירער פון דער שולע אַז זיי וועלן צאָלן אַ טייערע פּרייז.

אין דער דרשה, דרשות חתם סופר, דרוש י"ז, דרשת ז' אב שנת פרשת ואתחנן תקפ"ז עמ' שכ"ד, זאָגט דער חתם סופר: "על כן רשעים הללו יאבדו ויכרתו, ועם ה' יעמדו חי לפני אלוקינו".

די קליקע רעפאָרמער וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קאָמיטע האָבן טאַקע קיין איינער נישט מוציא שנתו געווען. יעדער איינער פון זיי איז אומגעקומען דורך אַן אַנדערע מיתה משונה רח"ל. דער לעצטער פון זיי, האָבנדיג געזען וואָס האָט פּאַסירט מיט זיינע חברים, איז אַנטלאָפן קיין ווין און פון דאָרט געשיקט אַ בריוו צום חתם סופר בעטנדיג ער זאָל אים מוחל זיין, און אַז ער זאָל אים אינזין האָבן ביים דאַווענען. דער חתם סופר האָט געוואוסט אַז ער איז אַן עומד במרדו און אַז ער איז עס דער וואָס האָט גע'מסר'ט דעם חתם סופר'ס ישיבה, האָט אים געענטפערט: "כ'וועל אים אינזין האָבן ביים דאַווענען. ביי ולמלשינים אל תהי תקוה". ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און אויך דער מלשין האָט געהאַט דעם זעלבן סוף.

אינטערעסאַנט צו ציטירן וואָס רבי יוסף נפתלי שטערן שרייבט אין זיינע הגהות "שער יוסף" אין דרשות חתם סופר ביי אָט דער דרשה פון פרשת ואתחנן.

שרייבט ר' יוסף נפתלי:

"במבט הראשון יתפלא הקורא על לשון מרן פה: 'על כן רשעים הללו יאבדו ויכרתו', דלא כברוריה דביתהו דרבי מאיר בברכות י' ע"א. אבל דע, כי באותן הימים התחילו האפיקורסים להרים ראש עוד הפעם להשחית ולהדיח בארס הצפון שלהם. וידוע למדי מה שהיה לפני שנת תקפ"ז לפ"ק. ועיין בשו"ת חת"ס חחו"מ סי' קצ"א משנת תקפ"ו שקיבל מרן כתב מהרב דטעמעשוואַר בט' באב, בו מודיע לרבינו מחלומותיו ואפקרותא של אח"ר... ומה שמו אראַ"ד שמו... ושם סיים מרן תשובתו הארוכה: 'וה' יתן בלב כל הפוקרים לשוב אל ה' וירחמהו'.

"אמנם", שרייבט רבי יוסף נפתלי, "בשנת תקפ"ז לפ"ק גמרו את אשר יזמו לעשות עוד בשנת תקע"א לפ"ק ופתחו בית חינוך הילדים בעצת המסית אח"ר מאראד להפיר דת תורה ויראת ה', על כן תבע מרן עלבון של תורה והדת, יבוא בעל הכרם וקוצים מכרמו יעקר, ולא ימצא עוד בבית ה' כנעני ופוקר. וכאשר מספר לנו תלמידו הג"מ ר' פייבל פלויט ז"ל בספרו לקוטי חבר בן חיים ח"ב בתולדות החת"ס, וז"ל: ותשקוט העיר בענין זה עד שנת תקפ"ז אשר אז הרימו שוב ראש האנשים והקימו להם בית ספר כאות נפשם, ועל ידי בית ספר הלז התקשרו הכת הזאת באהבים, ומהם כרתו ברית עם הרב חארינער באַראד".

היינטיגע וואָך אין חתם סופר על התורה, ואתחנן דף כ' ב' ד"ה כי, שרייבט דער חתם סופר: "אע"ג שכן הוא המדה שהרשעים ייטב להם בעולם הזה להאבידם מעולם הבא, ונמצא דין הוא שיאריכו ימים בעולם הזה לקבל שכרם, מ"מ לפעמים בזכות צדיקי הדור הקב"ה מאבד הרשעים מעולם הזה כדי לכלות קוצים מכרם ה' צבאות ושלא יכשלו הצדיקים בהם. והיינו שומר הברית לאוהביו ושומרי מצותיו ומכלל שמירת הברית הזה הוא שלטובת הצדיקים משלם לשונאיו פורענות על פניו מחד ולאלתר כדי שלא יכשלו הצדיקים בהם".

שרייבט רבי יוסף נפתלי אונטן אין זיינע הגהות "שער יוסף": "המאמר הוא משנת תקפ"ז, ועי' בדרשות ח"ס כרך ב' דף שכ"ה טור ד' מה שהארכתי שם בהערה ושהח"ס אמר מאמר זה נגד הפוקרים והמסיתים והמדיחים בקהלתו".

(דער חתם סופר האָט זיך דערנאָך געוואָנדן צו דעם נגיד ר' משה בעטטעלהיים, וועלכער איז דאַן געווען ראש הקהל, ער זאָל שתדל'ען ביי דער רעגירונג די ישיבה זאָל נישט ווערן פאַרמאַכט, וואָס איז אים געראָטן. ווען ר' משה איז נפטר געוואָרן י"ג סיון שנת תקצ"ג האָט דער חתם סופר אים מספיד געווען זאָגנדיג: "בכו בני הישיבה, בכו, כי לולא זה משה האיש כבר לא היה תלמיד בפּרעשבורג". – לקוטי חבר בן חיים. ער ליגט אין פּרעשבורג גאָר נאָענט צום חתם סופר)

הרשעים השקט לא יוכלו און טראָץ דעם מיאוס'ן סוף וואָס די קליקע אָנפירער האָבן געהאַט זענען זיי אָנגעגאַנגען ברשעתם. עד כדי כך אַז תשעה באב שנת תקצ"ב האָבן די פּרעשבורגער רעפאָרמער געפּראַוועט אַ סעודת מרעים רח"ל.

דערציילט הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער (לב העברי נ"ג א') אַז צוויי תלמידי חכמים זענען געקומען צום חתם סופר און אים געפרעגט פאַרוואָס ער צייגט נישט "כוחו וגבורתו להפיל שונאי ה' ושונאיו לפניו". האָט דער חתם סופר זיי געענטפערט וויייזנדיג אויף אַ תוספות אין סנהדרין: גלויבט מיר אַז מיט'ן כח פון לערנען דעם תוספות קען איך זיי אַלע עוקר זיין מן השורש, אָבער, "דאָס איסט יאָ קיינע קונסט, מאַן וויס דאָס רצון יראיו יעשה; אָבער מאַן דאַרף קיינען זאָלכען רצון האָבן".

[המשך קומט אי"ה]

# דער הייליגער חתם סופר



**"חדש אסור מן התורה" – "אלה דברי הברית", דער ערשטער חיבור קעגן דער השכלה – די משכילים אין דייטשלאַנד און די פון גאַליציע – "חכמת ישראל" – אברהם גייגער, גרינדער פון דער רעפאָרם באַוועגונג און זיין "שולחן ערוך"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

די ערשטע משכילים זענען נישט געווען אַ מאַנאָליט. זיי זענען נישט געווען מעור אחד. השכלה האָט געהאַט פאַרשידענע פאַרבן. זי איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע שטרעמונגען מיט פאַרשידנאַרטיגע אידעאָלאָגיעס; פון כלערליי פערזענליכקייטן, האַלבע און גאַנצע, אָפענע און באַהאַלטענע, אפיקורסים.

די אידעאָלאָגיע פון די פראָמינענטסטע פירער פון דער השכלה אין דייטשלאַנד, משה מענדעלסאָן און נפתלי הערץ וויזל, האָט געלויטעט, אַז אידן קענען בלייבן רעליגיעז. אַלץ וואָס זיי מוזן טון איז ווערן מער "אויפגעקלערט" און "פאָרגעשריטן", אויפגעבן אַלט-מאָדישע מנהגים, די אידישע שפראַך און דעם אידישן לבוש, און אינגאַנצן זיך צופּאַסן און אַריינפּאַסן אין דער מאָדערנער וועלט.

זייערע מער ראַדיקאַלע קאָלעגן און תלמידים, ווי דוד פרידלענדער און אהרן האלה-וואָלפסן, זענען געגאַנגען אַ שריט ווייטער. זיי האָבן פאַרלאַנגט אידן זאָלן אינגאַנצן אויפגעבן דעם אידישן דת און זיך אינטעגרירן צווישן דער קריסטליכער באַפעלקערונג.

ישראל יעקבזאָן און מנחם מענדל שטיינהאַרט, די פירער פון דער קאָנסיסטורע אין וועסטפאָליע, האָבן נישט געוואַגט עפענטליך אָפּצוואַרפן די אידישע רעליגיע. האָבן זיי געפּרואווט פאַרוואַנדלען די אידישע רעליגיע אין אַ רעליגיע ענליך צו להבדיל קריסטנטום, און אידישע שולן, אָדער "טעמפּלס", ווי זיי האָבן דאָס גערופן, צו כמו קריסטליכע קלויסטערס.

די משכילים אין וועסטפאָליע האָבן אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט "שולמית". האָבן זיי דאָרט געשריבן אַז היות ווי די גמרא זאָגט אַז "אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד מלכיות בלבד" איז דאָס דאָך שוין מקויים געוואָרן מיט דער עמאַנציפּאַציע וואָס גיט אידן גלייכע באַרעכטיגונג (עפ"ל).

צווישן די הויפּט רעפאָרמען וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין די טעמפּלען איז געווען אַ כאָר מיט אַן אָרגל, די בימה פון פאָרנט, אויסשניידן פון סידור די תפילות פאַר די גאולה און בנין בית המקדש, און נישט האָבן אַ מחיצה צו דער עזרת נשים. לגמרי תערובת האָבן איינגעפירט ערשט די רעפאָרמער אין אַמעריקע.

די ערשטע רעפאָרמער און משכילים האָבן אויך אַדאָפּטירט מנהגים פון די אידן אין איטאַליע, וועלכע זענען שוין געווען מער מאָדערניזירט. איינע פון די זאַכן וואָס זיי האָבן גענומען פון די מאָדערניזירטע אין איטאַליע, וועלכע זענען על פי רוב געווען ספרדים, איז געווען דאָס דאַווענען אין דער ספרדי'שער הברה. צווישן אַנדערן האָבן זיי דאָס געטאָן כדי זיך צו דערווייטערן פון אַ לשון קודש וואָס האָט אַן אָפּקלאַנג און אַן אַקצענט פון אידיש. דאָס איז חוץ די תפילות וואָס זיי האָבן געזאָגט אויף דייטש. די ציונים, די נאָכפאָלגער פון די משכילים, האָבן זיי נאָכגעמאַכט אויך מיט דעם: זייער עברית איז לויט דער ספרדי'שער הברה.

צו דער זעלבער צייט האָט אין מזרח אייראָפּע, – אין גאַליציע, אין ליטע און אין רוסלאַנד – און אויך אין איטאַליע, עקזיסטירט אַ באַוועגונג פון משכילים וואָס זענען געווען מלומדים, טייל אפילו גרויסע תלמידי

חכמים, וועלכע האָבן נאָך מקיים געווען מצוות מעשיות, אָבער זענען געווען מלא דעות כוזבות און אפיקורסות.

יענע משכילים האָבן זיך גערופן "חכמת ישראל". זייער אידעאָלאָגיע און ציל איז געווען נישט צו לערנען תורה מחמת דער מצוה פון לימוד התורה, צו פאַרשטיין און צו קענען תורה, נאָר צו שטודירן עס ווי אַן אַקאַדעמישע שטודיע, ווי אויך שטודירן די געשיכטע פון תורה און אידישקייט.

"חכמת ישראל" האָט זיך באמת געגרינדעט אין דייטשלאַנד. די לעצטע ישיבה אין דייטשלאַנד האָט זיך געהאַט געשלאָסן אין שנת תקפ"ח. די קינדער פון די ערשטע משכילים אין דייטשלאַנד זענען אַלע געגאַנגען אין פרייע שולעס אָדער אין אויסדריקליך קריסטליכע שולעס. די דייטשע גויים האָבן זיי אָבער אַראָפּגעקוקט און פיינט געהאַט.

די עלטערע און מער געלערנטע משכילים האָבן געוואָלט אַז סיי זייערע קינדער און אייניקלעך און סיי זייערע נישט אידישע שכנים זאָלן רעספּעקטירן דאָס אידישע פאָלק און די אידישע געשיכטע. האָבן זיי געגרינדעט אַן אינטעלעקטועלע באַוועגונג וואָס זיי האָבן אויף דייטש גערופן "וויסענשאַפט דאָס יודענטומס" וואָס זאָל שטודירן די אידישע פאַראַנגענהייט און די אידישע תורה. די רעליגיעזע צווישן זיי האָבן אויך געגרינדעט רבנים סעמינאַרן.

אין מזרח אייראָפּע, – אין גאַליציע, וואָס האָט באַלאַנגט צו עסטרייך, אין דער רוסישער אימפּעריע און אין איטאַליע, האָט זיך געגרינדעט אַן אַנדערער צווייג וואָס האָט זיך גערופן "חכמת ישראל".

די פירער אין גאַליציע זענען געווען נחמן קרוכמאַל, באַקאַנט אַלס רנ"ק, שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט, באַקאַנט אַלס שי"ר, און דער מלומד פון איטאַליע שמואל דוד לוצאַטו, באַקאַנט אַלס שד"ל.

די צענטערס פון די משכילים אין גאַליציע זענען געווען טאַרנאָפּאָל און בראָד. די הויפּט פירער פון די רעליגיעזע משכילים אין גאַליציע זענען געווען יוסף פערל, יצחק אָרטער און יודא לייב מאַזעס. זיי זענען געווען דורכגעפרעסן מיט שנאה צו חסידים און חסידות, ווייל חסידים און חסידות האָבן דאָרט געדינט ווי אַ פעסטונג קעגן השכלה.

יוסף פערל פון טאַרנאָפּאָל איז געווען דער איינציגער נגיד צווישן זיי. ער האָט פינאַנצירט אַסאַך פון זייערע אונטערנעמונגען. ער איז אויך געווען אַ שאַרפער קאָפּ און אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, אויף אידיש, לשון קודש און דייטש. יוסף פערל האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן ביכער פון סאַטירע, וואָס מיינט ליצנות, וואָס האָט אָפּגעשפּעט פון חסידים. ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן ביכל "מגלה טמירין" האָבן חסידים עס געקויפט, מיינענדיג אַז דאָס איז אַ ספר פון סיפורי צדיקים. דערווייל איז עס געווען אַ בוך פון ליצנות און שפּאָט פון חסידים און חסידות.

יוסף פערל האָט זיך בעיקר אויסגעצייכנט מיט זיינע מסירות. ער האָט פערזענליך גע'מסר'ט אַזעלכע צדיקי הדור ווי דער הייליגער רוזשינער און דער הייליגער רבי צבי הירש מזידיטשויב, דער עטרת צבי.

טראָץ די פאַרשידנאַרטיגע כאַראַקטער-שטריכן וואָס האָבן פונאַנדערגעשיידט צווישן די משכיל'ישע, רעפאָרמער און די חכמת ישראל באַוועגונגען האָבן זיי געהאַט איין געמיינזאַמען ציל און איין בשותפות'דיגע אַגענדע: טוישן דעם וועג פון חינוך ביי אידישע קינדער. צי דאָס איז געווען דער פּראָגראַם פון נפתלי הירץ וויזעל אין זיין "דברי שלום ואמת", וואָס האָט גערופן צו שטעלן דעם עיקר דגש אויף לימודי חול און חכמת חיצוניות, אָדער די געדאַנקען פון די גאַליציאַנער און אויך טייל אונגאַרישע רעליגיעזע משכילים וואָס האָבן נאָר געוואָלט ענדערן דעם סדר הלימודים פון די לימודי קודש: לערנען קודם חומש און תנ"ך כפשוטו, אָן די דרשות און מדרשי חז"ל, און מער דקדוק וכדומה.


אלה
# דברי הברית
א) אסור לשנות סדר התפלה הנהוגה בישראל. מן ברכות השחר עד אחר עלינו לשבח. ומכ"ש שאין לגרוע ממנה:
ב) אסור להתפלל סדר התפלה הלז בלשון אחר חוץ מלשון הקודש. וכל תפלה הנדפסת שלא כתקונה ושלא כמנהגינו היא פסולה ואסור להתפלל מתוכה.
ג) אסור לנגן בבהכ"נ בשום כלי שיר בשבת וביו"ט אפי' ע"י אינו ישראל.

בפקודת בית דין צדק דק"ק המבורג.
נדפס באלטונא בשנת תקעט.

שער בלאַט פונעם "אלה דברי הברית" דפוס אלטונא תקע"ט

אין זיין "אויסטערליץ" דרשה האָט דער חתם סופר געוואָרנט אַז יעדע מינדעסטע שינוי וועט וואוּנטועל נאָר פירן צו טאָטאַלער התבוללות.

"וכן בנינו וזרעינו אם ילמדו בתחלת גידולם פשט המקראות וחכמת החיצונים שהם חוץ לתורה, אזי טרם יגדלו ויגיעו לחלק הדרושים ותורה שבעל פה שהוא העיקר, וטרם יגיעו לזה כבר בחרו בהפקירא וכפרו בה' ותורתו, כאשר עינינו רואות בדור הרע הזה מכמה מדינות שהפכו הסדר שקבעו ראשונים, ונכשלו. ואין אחד מאלו הבנים שלא יצאו מהדת בעו"ה, ואין אחד מהם חפץ בתלמוד ש"ס והוראות איסור והיתר, ולא יצליח מהם להצלחה אמיתית".

"טוב שניקח מוסר בראותינו כי לא טוב אחריתם ומעשיהם מקולקלים. מגולחי פאת הראש והזקן משחיתים בתער, מחללי שבתות ואוכלי בשר חזיר והשקץ, נדע ונקח מוסר שלא להדריך בנינו בנתיבותם ולהרחיקם מאורחותם". (דרשות חתם סופר דרוש י"ב פרשת בשלח, שנת תקע"א, דף קי"ב)

## "אלה דברי הברית"

ווען די ערשטע רעפאָרמער אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן אגב נאָך נישט געהייסן רעפאָרמער ווי מיר ווערלן באַלד זען, האָבן געעפנט זייער ערשטן טעמפּעל, אָדער "היכל" ווי זיי האָבן דאָס גערופן, אין תקע"ח אין האַמבורג, האָבן די חרדי'שע רבנים פון האַמבורג זיך געווענדעט צו גדולי ישראל איבער אייראָפּע זיי זאָלן זיי קומען צו הילף דורך מברר זיין די האַרבקייט און די איסורים על פי הלכה פון די "תיקונים" פון די מתחדשים אין זייער טעמפּעל.

22 גדולי ישראל האָבן זיי געענטפערט מיט תשובות אין וועלכן זיי זענען מברר:

א. פאַרוואָס ס'איז אסור משנה צו זיין און גורע צו זיין פון די תפילות.

ב. פאַרוואָס מען איז מחוייב צו דאַווענען אויף לשון הקודש, לויט דעם נוסח התפילה וואָס די אנשי כנסת הגדולה און חז"ל האָבן קובע געווען.

ג. פאַרוואָס ס'איז אסור אַריינצוברענגען און שפּילן אין שול מיט אַן אָרגעל, אָדער מיט זיי וועלכן מוזיקאַלישן אינסטרומענט אום שבת, אפילו דורך אַ גוי.

ווען זיי האָבן ערהאַלטן די תשובות האָט דאָס בית דין אין האַמבורג אין תקע"ט זיי אָפּגעדרוקט אין אַ ספר מיט'ן נאָמען "אלה דברי הברית".

צווישן די 22 גדולי ישראל וועמענ'ס תשובות זענען געדרוקט אין "אלה דברי הברית" געפינען זיך תשובות פון רבי עקיבא איגר, דער חתם סופר, רבי מרדכי בינעט, דער חוות דעת, די רבנים פון פּראַג רבי אלעזר פלעקלס און רבי שמואל לאַנדאַ, זון פון נודע ביהודה, רבי משולם זלמן הכהן דער בעל "בגדי כהונה" פון פיורדא, און נאָך. צוויי פון די תשובות אין אלה דברי הברית זענען פון חתם סופר.

דער אלה דברי הברית איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס גדולי ישראל זענען זיך צונויפגעקומען אין איין אכסניא, אין איין ספר, קעגן די מתחדשים.

אין שו"ת חתם סופר חושן משפט סי' קצ"ג שרייבט דער חתם סופר: "בק"ק האַמבורג הדפיסו קובץ אגרות מגאוני הזמן וקראוהו ספר דברי הברית ותלי"ת פעל ישועות בקרב הארץ".

## חדש אסור מן התורה

אין די תשובות האָבן אַלע גדולים ערשטנס אויפגעוויזן דעם הלכה'דיגן צד. למשל אויף דער טענה פון די מתחדשים אַז די משנה זאָגט דאָך "ואלו נאמרין בכל לשון" אויף תפילה, קריאת שמע און ברכת המזון, האָבן זיי אַלע אויפגעוויזן אַז דאָס איז נאָר בדיעבד און באקראי, און נאָר בתנאי אויב יעדעס וואָרט ווערט גענוי איבערגעטייטשט פון לשון הקודש, וואָס ס'איז היינט נישט מעגליך. דערצו האָבן זיי אַלע אונטערגעשטראָכן אַז די מאָטיוון פון די מתחדשים. וואָס ס'שטעקט הונטער זייערע אינאָוואַציעס, איז נישט מער ווי כפירה ואפיקורסות.

אין זיין מלחמה קעגן די מתחדשים האָט דער חתם סופר געניצט דעם אויסדרוק "חדש אסור מן התורה", וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס די לאָזונג און "שיטה" פון הייליגן חתם סופר, און פון די וואָס האַלטן זיך צו זיין שיטה און דרך עד היום הזה.

דעם אויסדרוק "חדש אסור מן התורה" געפינען מיר אין חז"ל לגבי דעם איסור פון עסן נייע תבואה, חדש, פאַר תנופת העומר אום פסח. "חדש אסור מן התורה בכל מקום" (משנה, ערלה ג' ט', גמרא קידושין לח:). דער חתם סופר האָט דאָס גענוצט אַלס אַ מליצה פאַר דעם רעיון פון התנגדות צו רעפאָרמען און שינויים אין אידישקייט.

דעם פרינציפּ פון חדש אסור מן התורה נוצט ער אויך מערערע מאָל אין זיינע תשובות קעגן שינויים אין יעדן מנהג קל. קעגן שינויים לקולא און צומאָל אויך אפילו לחומרא.

"והכלל החדש אסור מן התורה בכל מקום" (שו"ת או"ח כח ד"ה ועוד).

"וכן מילי טובא אין למהר לחדש איסור ומכ"ש היתר, כי מנהג ישראל תורה היא, והכלל החדש אסור מן התורה בכל מקום, והישן ומיושן משובח ממנו" (שו"ת יו"ד י"ט, וביען).

"והורה מעלתו לאיסור... יפה הורה, וכן ראוי לו ולכל יש"מ (ירא שמים מרבים) דכונתו שלא לפנות אל רהבים ודאי כזב לחדש חדשים בהוראה על דמיוני כזב" (שו"ת או"ח קמ"ט, ע"ד).

"אבל יחיד בדורו אפילו הוא חסון כאלונים וכגובה ארזים גובהו ודבריו כראים מצוקים לא יהין להתיר אפילו מנהג קטן ממנהגי ישראל, היום יאמר כך ומחר יאמר כך בסברות חלשות צנומות דקות עד שיתירו איסור דאורייתא כאשר אירע בעו"ה בזמנינו כי רבו פריצי הדור והעמידו חזון לומר הלא גילוח חוה"מ כמה מאות שנים נהגו אבותינו איסור ונצטערו ונתנוולו ועתה התירו פרושים את הדבר, כן נמי נבוא ונתיר לחלל שבת בפרהסיא בעו"ה, והקולר תלוי אח"כ בהגורמים" (שו"ת או"ח קנ"ד, וראה).

"וכך יפה לנו שלא להבעית את ישראל בחדשות שלא שערו אבותינו, ומלתי כבר אמורה, החד"ש אסור מן התורה בכל מקום" (שו"ת או"ח קפ"א, ואמנם).

## אברהם גייגער, דער גרינדער פון דער רעפאָרם באַוועגונג, און זיין "שולחן ערוך"

ווי געזאָגט האָבן די מתחדשים אין די צייטן פון חתם סופר נאָכנישט געהייסן "רעפאָרמער". זיי זענען נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט אין אַ געמיינזאַמע באַוועגונג.

דער גרינדער און אָרגאַניזירער פון דער רעפאָרם באַוועגונג איז געווען אברהם גייגער. גייגער איז געווען אַ געבוירענער אין פראַנקפורט, צו אַ משפחה וואָס האָט 300 יאָר געצויגן איר יחוס אין פראַנקפורט. זיין זיידע איז געווען אַ תלמיד פון רבי נתן אַדלער און זיין טאַטע איז געווען דער שליח ציבור אין פראַנקפורט.

ער אַליין איז געווען אַן עילוי וואָס חוץ לערנען לימודי קודש האָט מען פון קינדוויי אָן מיט אים געלערנט חכמות חיצונית. שפּעטער האָט מען אים געשיקט שטודירן אין אוניווערזיטעט. תחילת איז ער געווען אַ מיטגליד און אַ פאַרשער פון "חכמת ישראל". כלפי חוץ האָט ער זיך אין די יונגע יאָרן געהאַלטן פאַר אַ פרומען איד, כאָטש ער איז שוין, ווי ער האָט שפּעטער אַליין מודה געווען, פון אינעווייניג געווען אינגאַנצן פאַרדאָרבן און כמעט אַ פולקאָמער אפיקורס.

ער האָט געשטרעבט צו באַקומען רבני'שע שטעלעס, וואָס איז אים טאַקע געראָטן. קודם אַלס אַ "חרדי'שער" רב און שפּעטער שוין אַלס אַ רעפאָרמער. אַלס יונגערמאַן איז ער געווען רב אין וויסבאַדן און דערנאָך אין ברעסלאָו. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען קיין ברעסלאָו האָט ער געפּראָוועט פרומקייט און געהייסן אַרויפלייגן אַ מזוזה אויף דער טיר פון דעם נישט אידישן האָטעל וואו ער איז איינגעשטאַנען. שפּעטער, ווען ער איז אָפן אַרויס לתרבות רעה און געוואָרן אַ רעפאָרמער, איז ער געווען רב פון די רעפאָרמער אין פראַנקפורט און דערנאָך אין בערלין.

ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם רעפאָרם זשורנאַל אויף דייטש "יודישע צייטשריפט פאַר וויסענשאַפט און לעבן".

חוץ זיינע כשרונות אין לערנען און אין שטודירן איז ער אויך געווען באַגאַבט מיט זעלטענע אָרגאַניזאַטאָרישע טאַלאַנטן. אין שנת תרכ"ט האָט ער אָרגאַניזירט די גרינדונגס קאָנפערענץ פון דער רעפאָרם באַוועגונג מיט דער באַטייליגונג פון 84 רעפאָרם רע-בנים.

גייגער האָט פאַר זיי געשריבן אַ סאָרט שולחן ערוך מיט נייע מנהגים, אַלע נגד התורה ונגד השולחן ערוך. ער האָט אויך געשריבן זייער אָפיציעלן סידור.

הרב יעקב מאז"ה, דער רב פון מאָסקווע אין יענע יאָרן, דערציילט אין זיינע זכרונות וואָס דער קעלמער מגיד האָט געזאָגט אין שנת תר"ל:

"הלא תבינו רבותי, כי הגרמני לא ירדוף את היהודים סתם בעלמא, ולא יהא פשוט מיצר לישראל בשעה שירים ראש. אלא הוא יעשה משנאת ישראל מין 'שולחן ערוך' ר"ל. מורי ורבותי! שימו זאת על לבבכם כי על חטא שולחן ערוך של גייגר יקום שולחן ערוך חדש נוסח גרמניה נגד כלל ישראל, ושם ר"ל, יהא כתוב: הטוב שביהודים הרוג, טוב שביהודים הרוג!" (ספר זכרונות להרב מזא"ה ח"ג, עמוד קנה).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

**"אין יעקב שלא יפגענו לבן, ומעטי לבן שיפגע בהם יעקב" – די רוחניות'דיגע רעוואָלוציע אין אונגאַרן דורך זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו – תלמידי החת"ס זענען געווען די רבנים איבער גאַנץ אונגאַרן און האָבן איטליכער געהאַט ישיבות אין יעדער שטאָט און יעדעס שטעטל – הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל: "פּראַג און פרעשבורג; דער חתם סופר האָט געזיגט!"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

די ערשטע ביאָגראַפן פון חתם סופר האָבן כמעט נישט דערמאַנט די שוועריגקייטן אין וואָס דער חתם סופר האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיין מלחמה קעגן די מתקדמים. די פילע מכשולות וואָס זיי האָבן אים געשטעלט אין וועג און די צער און עגמת נפש וואָס זיי האָבן אים פאַראורזאַכט. די ביאָגראַפן האָבן לכאורה געמיינט אַז דאָס איז אים כאילו אַ פחיתות הכבוד. דער אמת איז אָבער פונקט פאַרקערט.

דעם חתם סופר'ס ציל איז נישט געווען צו זיגן. זיין ציל איז געווען צו באַשיצן. שטעלן אַ חומה בצורה קעגן די ווינטן פון השכלה, היטן און פאַרזיכערן דאָס יהדות החרדית. והן הן גבורותיו. טראָץ די מכשולות, התנגדות און כלומר'שטע דורכפאַלן האָט ער געראַטעוועט דעם אָרטאָדאָקסישן אידענטום, אַ זאַך וואָס אַלע שכנות'דיגע מדינות, דייטשלאַנד, בעהמען און מעהרין, האָבן נישט באַוויזן צו טון. אידישקייט אין יענע מדינות איז ליידער אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן אינדערצייט וואָס אין אונגאַרן האָבן תורה און אידישקייט זינט די צייטן פון חתם סופר אויפגעשפּראָצט און געבליט.

## ווי אַ "מלך בגדוד"?

אויף די עלטערע יאָרן, דערציילט רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, האָט אַ געוויסער גדול געזאָגט צום חתם סופר: "איר זיצט ווי אַ מלך בגדוד". האָט דער חתם סופר אים געענטפערט:

"האם רבים עזרו לי במשך כל השנים אשר עמדתי במלחמה כבדה מבית ומחוץ, באויבי ה' צוררי נפשי? הייתי כתורן בראש ההר. לא פנו, לא שעו, לא סמכו אותי, אפילו בדבר קל נגד הצוררים הקשים אשר שמו אורב לנפשי. עד כי בערב אמרתי מי יתן בוקר, ובבוקר אמרתי מי יתן ערב. ועכ"ז לא משתי מבית המדרש שלי, לא בטלתי למודי והשיעורים, ולא מטו רגלי מגדרי התורה, ולא הנחתי שום הנחה, לשנות אף נימה אחת מדרכי ישראל, ומסרתי את נפשי עליהם. ולולא ה' אשר עזר לי היו משליכים אותי בבית הסוהר לעולם. וכל אלו המלחמות סבלתי. ועכשיו בזקנותי כבודו אומר שאני יושב 'כמלך בגדוד'". (לב העברי ח"א).

## וואָלף ברייזאַך

אפילו בלויז די צרות וואָס דער חתם סופר האָט געהאַט אויסצושטיין פון וואָלף ברייזאַך, דער ראש הקהל פון פרעשבורג במשך פון זיבן יאָר.

ברייזאַך איז געהאַט געקומען פון וויען און זיך באַזעצט אין פרעשבורג. כלפי חוץ איז ער געווען אַ שומר תורה ומצוות. אין פרעשבורג איז ער אָבער געווען דער ראש המשכילים.

חול המועד פסח פון שנת תקע"ט איז ער דאָס ערשטע מאָל ערוויילט געוואָרן אַלס ראש הקהל. זינט דאַן איז ער יעדעס מאָל ווידערערוויילט געוואָרן, ביז שנת תקפ"ו. ער און זיין קליקע האָבן דעם חתם סופר אויסגעשטעלט צרות צרורות.

אין תקפ"ז האָט ער אַריינגעגעבן אַ קלאַגע קעגן דעם חתם סופר'ס

ישיבה. ווי מיר האָבן געשריבן אין קאַפּיטל כ"ד האָט די רעגירונג שוין געהאַלטן ביים שליסן די ישיבה. גלייכצייטיג האָבן זיי געעפנט זייער "פּרימעאַרשולע". דער חתם סופר האָט דאַן געהאַלטן זיין דרשה אין וועלכן ער האָט געזאָגט "על כן הרשעים הללו יאבדו ויכרתו". די חברה האָבן טאַקע נישט מוציא שנתם געווען.

וואָלף ברייזאַך איז אַנטלאָפן צוריק קיין וויען און געשיקט בעטן פון חתם סופר ער זאָל אים אינזין האָבן ביים דאַווענען. דער חתם סופר האָט געזאָגט אַז ער וועט אים אינזין האָבן – ביי ולמלשינים אל תהי תקוה. אויך ער האָט געטיילט דעם זעלבן סוף. (די מעשה דערציילן ערשט-האַנטיג צוויי תלמידים פון חתם סופר: הגאון רבי שמעון סידאַן, אין זיין ספר "שבט שמעון", פרשת כי תשא, און הגאון רבי פייבל פלויט אין זיין ספר "ליקוטי חבר בן חיים", ח"ב, אין דער הקדמה).

די רעפאָרמאַטאָרן האָבן אָבער נישט נאָכגעלאָזט. זיי זענען אָנגעגאַנגען מיט זייערע מסירות און מיט זייער קאַמף קעגן חתם סופר. רבי עקיבא יוסף שלעזינגער דערציילט אין "לב העברי" ח"א אַז דער חתם סופר האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה אַז די וואָס זענען מקיים מצוות שבין אדם לחבירו באַקומען דערויף נישט קיין שכר אויב טוען זיי עס נישט צוליב דעם רצון השם. די משכילים האָבן גע'מסר'ט דעם חתם סופר צו דער רעגירונג, אַז ער פּרעדיגט קעגן מענטשליכער עטיקעט. האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וואָס ערלויבט מער נישט דעם חתם סופר צו האַלטן דרשות. חוץ הספדים אויף נפטרים וואָס איז אים ווייטער געווען ערלויבט.

אַ צייט דערנאָך איז אַ תלמיד חכם נפטר געוואָרן. האָט דער חתם סופר געהייסן דעם שמש אויסרופן, אַז ער וועט האַלטן אַ הספד אין דער גרויסער שטאָטישער שול.

די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעקומען. דער חתם סופר האָט געהאַלטן איינעם פון זיינע שאַרפסטע דרשות קעגן די משכילים. ער האָט דעמאַסקירט זייערע בייזוויליגע כוונות, אַז זיי זענען נאָר אויסן אָפּצומעקן דעם אידישן דת, און האָט פאַרזיכערט, אַז אין אונגאַרן וועט זיי דאָס נישט געראָטן. נאָך דעם הספד האָט די רעגירונג אָפּגעשאַפן דעם פאַרבאָט און אים ערלויבט ווייטער צו האַלטן דרשות.

דאָס איז חוץ די פילע אַנדערע מכשולות, און צרות און עגמת נפש וואָס ער האָט דורך זיי געליטן. די פרשה פון יונתן אלכסנדרסאָן פון טשאַבאַ איז אַ פרשה פאַר זיך, פון וואָס מיר וועלן אי"ה שרייבן אין אַ קומענדיגן קאַפּיטל.

## "אין יעקב שלא יפגענו לבן, ומעטי לבן שיפגע בהם יעקב"

אין שאלות ותשובות חתם סופר ח"ו סי נ"ט שרייבט דער חתם סופר מורא'דיגע ווערטער:

"וידעת את אשר מרגלא בפומי תמיד, אין יעקב שלא יפגענו לבן, ומעטי לבן שיפגעו בהם יעקב. שמור זה כי הוא אמת ובחון הדברים ותראם אמיתיים. ורצוני כי ברית כרותה כל תלמיד חכם וצדיק המכונה יעקב יש לו מצירים נגדו המכונים לבן, אמנם מעטים הם הרשעים האלו אשר ימצאו נגדם מי שהוא אחיהם ברמאות כיעקב נגד לבן. והוי יודע כי הרבה פעמים הפכתי בהם ומהם ומהמונם, ואמרתי להשמר מהם ולעשות העקוב למישור ואמרתי לברוח מן הקטנה שבתרמיתם ונכשלתי בגדול ממנו. ולא זה בלבד, עמי הארץ והמון עם, אלא לומדי תורה ואפילו רבנים, כל שאין דובר אמת בלבבו ולא היושר והצדק מרכבו, הרחק דרכך ממנו, הטה רגלך מנתיבו".

טראָץ די מכשולות וואָס די משכילים האָבן אים געשטעלט אין וועג איז דער חתם סופר שוין איינמאָל געווען אַ יעקב. אַ בקי אין זייערע רמאות, וואָס האָט געוואוסט וויאַזוי זיך צו ספּראַווען און וויאַזוי צו ראַטעווען זיינע שעף פון די לבן'ס וואָס האָבן געוואָלט "לעקור את הכל".

פון חידושי הרי"ם ווערט געברענגט אַ ווערטל. נאָכדעם וואָס יעקב האָט צוגענומען פון עשיו די ברכות בערמה האָט יצחק געזאָגט "גם ברוך יהיה". ברענגט רש"י דעם מדרש: "שלא תאמר אילולי שרימה יעקב לאביו לא נטל את הברכות, לכך הסכים וברכו מדעתו". זאָגט דער חידושי הרי"ם: יצחק האָט בעפאָר דעם חושש געווען צי עס פעלט יעקב'ן פון זיין שלימות. צי אפשר ווייסט ער נישט וויאַזוי זיך מטפל צו זיין מיט רשעים. האָט ער אים קודם נישט געוואָלט בענטשן. אַזוי ווי ער האָט אָבער יעצט געהערט פון עשיו'ן אַז יעקב ווייסט שוין גאַנץ גוט וויאַזוי זיך צו ספּראַווען מיט רשעים האָט ער געזאָגט "גם ברוך יהיה". ("ליקוטי הרי"ם". זע אויך "שיח שרפי קודש" פרשת תולדות).

טראָץ דעם צער און עגמת נפש וואָס די משכילים און מתקדמים האָבן אים פאַראורזאַכט האָט ער מיט זיין שיטה און זיינע תכסיסי מלחמה געוואוסט וויאַזוי צו באַשיצן דאָס יהדות החרדית פון די רעפאָרמער.

אין זיינע דרשות פלעגט ער אָפט דערמאַנען אַ משל מיט אַ בת מלך וואָס איז געווען קראַנק און דער קעניג האָט גערופן אַ גרויסן דאָקטאָר איר צו היילן. אַמאָל איז דער מלך געקומען איר באַזוכן און צו זיין ערוואונדערונג זעט ער ווי דער דאָקטאָר שטייט אינדרויסן, האַלט אַ געוועזר און לאָזט קיינעם נישט אַריין. זאָגט אים דער דאָקטאָר: נאָכ'ן פּרוּוון אַלע מיטלען בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישטאָ מער קיין אויסזיכטן איר צו היילן. איר פּאַטאַלאָגיש כראָנישע מחלה איז אומהיילבאַר. איז מיין איינציגסטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע אַצינד צו פאַרזיכערן, אַז אַנדערע זאָלן נישט קראַנק ווערן פון איר אָנשטעקיגער מחלה.

דאָס זעלבע, האָט דער חתם סופר געזאָגט, איז מיט די מתחדשים און משכילים. כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים. אַזויווי שאני מינות דמשכי איז מיין הויפּט אויפגאַבע צו פאַרזיכערן אַנדערע זאָלן נישט ווערן אָנגעשטעקט. סורו נא מעל אהלי הרשעים האלה ולא תספו בחטאתם, ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

צווישן די פרייהייטן וואָס די רעגירונג האָט געגעבן פאַר אידן איז געווען די ערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין פּעסט, וואו זיי זענען פאַר דעם נישט געווען ערלויבט צו וואוינען. זענען די ערליכע אידן אין פּרעשבורג געווען באַזאָרגט, אַז אידן פון פּרעשבורג וועלן זיך ציען קיין פּעסט און דאָרט, אין דער גרויסער מאָדערנער שטאָט, וועט ווערן אָפּגעשוואַכט זייער אידישקייט. צו דער זעלבער צייט, האָבן זיי מורא געהאַט, וועט דער כח פון חרדי'שע אידן ווערן אָפּגעשוואַכט דאָ אין פּרעשבורג.

דערציילט זיין זון דער קראָקעווער רב, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל:

"הן בהיותי עוד סמוך על שולחן אבא מורי החת"ם סופר זצ"ל אשר כמוני כמוך ידעת שחכם גדול היה וכל רז לא אניס ליה, בעת ההיא צו ניתן מטעם הממשלה לפתוח שערי עיר הבירה פעסט לכל איש מאיזה דת שיהיה באין מפריע, והקול נשמע בעיר פרעסבורג ורבים מיראי ה' הדואגים על כבוד ה' ותורתו באו אל כבוד אבא מורי ז"ל והביעו דאגתם באמרם, הרבה מבעלי בתים יעזבו את קהילתנו הקדושה פ"ב ויקבעו דירתם בעיר

פעסט ויסודי אמונתם יתרושׁשו ועמודי הקהלה פה יתרופפו. על זה השיב להם אבא מורי ז״ל״.

״הענין אשר יעציב לבבכם הטהור יסב לי שמחה. כי זאת דעו לכם: האיש אשר יראת ה׳ חתולתו, ובילדי נכרים לא יספיק, ורוח עועים, רוח הזמן החדש, עוד לא נשבה בו, זה לא יעזוב מקום קהלת קודש למצוא מנוח בין רחובות עיר פעסט, אך אלו אשר נתערערו מוסדות אמונתם מכבר, אך עדיין צעיף הבושת כסה את פניהם, ולא יכלו לבצע אשר יזמו בלבותם, והוכרחו עד עתה לשום ידו למו בפיהם, וחתת עדת יראי ה׳ דפה נפלה על פניהם ולא יכלו לצאת לקראת נשק הת״ח, אלו רק אלו ישמחו עלי גיל ישישו כי ימצאו קבר קברות התורה אשר התאו מאז״.

״ועל אלו נברך ברוך שפטרנו מענשם, ועדתינו תשאר קהלה קדושה קהלה נאה וחסודה, כי המה עשו במחשך מעשיהם, וכל מה שהיה אפשר להסית ולהדיח בצנעה לא מנעו מעשות, וגרועים הם הרבה יותר מאלו אשר כבר יצאו מדת היהודית, כי מי יתן להם שומע לאלו אשר המירו דתם אם יהיו מונין איש יהודי על א׳ ממצות ה׳. אך אלו אשר עדיין בשם ישראל יכונו ומתערבים בין יראי ה׳ וכלאחר יד מעקמים שפתיים על מנהג ישן שנתיישן בישראל, מעט מעט נמשכים אחריהם צעירי הצאן דלא סגי בהימנותא, ומעתה אם ילכו להם תהי׳ יצאתם מן העיר כנקיון הצינורות וכגרף ביבין השוטף כל זבל וצואה המעופש באויר, וכאשר יעברו ואינם ולא תעל צחנתם ובאשם עוד, הן אז יזדככו האוירים ולא יזיקו עוד עכ״ד״.

״והנסיון למדו״, פירט אויס רבי שמעון סופר נאָכ׳ן ציטירן די ווערטער פון זיין טאַטן, ״שכל דברי קדשו בהשכל ודעת ויתרון רוח חכמת אלוקים, וכאשר אמר כן היה״. (״מכתב סופר״, בהקדמת ״באר מרים״ לספר ״מכתב סופר״, עמ׳ נ״ט טו״א).

וואָס דער חתם סופר האָט געטאָן אין אונגאַרן, אויסער דעם סור מרע, די התבדלות פון די רעפאָרמער וואָס האָט געפירט צום טיילונג וואָס זיינע תלמידים האָבן שפּעטער דורכגעפירט, איז געווען דער עשה טוב, – די טויזנטער תלמידים און תלמידי תלמידים וואָס ער האָט מעמיד געווען, און דערצו דעם שטאָלץ פון ויגבה לבו בדרכי השם וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט אין אונגאַרישן אידענטום.

דער אידישער יישוב אין אונגאַרן איז באמת געווען פאַרהעלטעניסמעסיג ניי. כאָטש ס'איז באַקאַנט דאָס בוך פון ר׳ יקותיאל יודא גרינוואַלד ״טויזנט יאָר אידיש לעבן אין אונגאַרן״ איז די אידישע באַפעלקערונג אין אונגאַרן במשך פון הונדערטער יאָרן געווען גאָר קליין אין צאָל. אין שנת ת״ק איז די אידישע באַפעלקערונג באַשטאַנען פון נישט מער ווי אַרום עלף טויזנט אידן, לויט דעם דעמאָלטדיגן צענזוס. דער יישוב איז זיך צעוואַקסן ווען אין בעהמען און מעהרין האָט די רעגירונג מחמת שנאת ישראל ערלויבט פאַר נישט מער ווי איין קינד פער אידישע משפחה צו הייראַטן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין אונגאַרן.

ווען די עקאָנאָמיע אין אונגאַרן איז געוואָרן פון די בעסטע אין מזרח אייראָפּע האָבן אויך אידן פון פּוילן און גאַליציע עמיגרירט קיין מזרח אונגאַרן, וואָס האָט זיך גערופן אונטערלאַנד, און פון דייטשלאַנד, בעהמען און מעהרן, קיין מערב אונגאַרן, וואָס האָט זיך גערופן אויבערלאַנד.

ישיבות אין אונגאַרן, און אין פּרעשבורג, האָבן עקזיסטירט אויך פאַר׳ן חתם סופר. די ישיבות זענען אָבער געווען קליין בכמות און האָבן נישט געהאַט קיין שום השפעה אויף די בעלי בתים.

נאָך אין שנת ת״ץ איז הגאון רבי משה חריף געקומען פון לבוב/לעמבערג קיין פּרעשבורג וואו ער איז געוואָרן רב און האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה במשך פון 28 יאָר. נאָך זיין הסתלקות איז אין שנת תקי״ח פאַר אַ קורצער צייט געווען רב און ראש ישיבה הגאון רבי עקיבא איגר (הראשון), דער ״משנת רבי עקיבא״. נאָך אים איז געוואָרן רב און ראש ישיבה הגאון רבי יצחק דוקלא, פון די גאוני הדור. נאָך זיין פטירה אין שנת תקכ״ג איז אין פּרעשבורג געוואָרן רב הגאון רבי מאיר ברבי, וועמענ׳ס ישיבה האָט אָפּגעקלונגען לשם ולתהילה. אַסאַך פון די גדולי הדור פון קומענדיגן דור האָבן ביי אים געלערנט, אַזעלכע גאונים ווי הגאון רבי דוד דייטש, דער בעל ״אוהל דוד״; הגאון רבי מרדכי בינעט און הגאון רבי משה פּערלס.

נאָך דער פטירה פון רבי מאיר ברבי איז אין פּרעשבורג געוואָרן רב און ראש ישיבה הגאון רבי משולם טיסמעניץ. אין זיין ישיבה האָבן געלערנט טייל פון די גאוני הדור פון נעקסטן דור: רבי יעקב מליסא, דער חות דעת; דער בעל ״קצות החושן״; הגאון רבי ברוך פרענקל דער בעל ״ברוך טעם״; הגאון רבי משה מינץ, אב״ד אופען און הגאון רבי לייב הורביץ, אב״ד סטאַניסלאָוו.

דאָך זענען די ישיבות געווען קליין בכמות, און בלויז פאַר מצויינים. אין דער דרשת פתיחה וואָס דער כתב סופר האָט געהאַלטן אין דער פּרעשבורגער ישיבה אַ טאָג נאָך די שלושים פון חתם סופר האָט ער געזאָגט: ״ככל הדברים האלה וככל החזיון הזה אני אומר עלי כי ידוע לכם קודם בא אאמו״ר רשכבה״ג זצ״ל הכ״מ לכאן לא היתה פה ישיבה רק מאיזה בחורים״.

די ישיבות וואָס האָבן עקזיסטירט אין אונגאַרן איידער דער חתם סופר איז דאָרט געוואָרן רב האָבן ווי געזאָגט נישט געהאַט קיין השפעה אויף דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג. פאַראַן היסטאָריקער וואָס זאָגן אַז דאָס האָט געהאַט צו טון דערמיט וואָס די אַלע גדולים וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, די רבנים און ראשי ישיבה אין פּרעשבורג פאַר׳ן חתם סופר, זענען געקומען פון פּוילן און האָבן דערפאַר נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט די אויבערלענדער פּרעשבורגער דייטשישע אידן. דער חתם סופר דאַקעגן איז געווען דער ערשטער וואָס איז געקומען פון פראַנקפורט, דייטשלאַנד.

רבי עקיבא איגר הראשון (זיידע פון רבי עקיבא איגר), וועלכער איז ווי געזאָגט געווען רב און ראש ישיבה אין פּרעשבורג, רעדט זיך אָפּ אין זיין ספר ״משנת דרבי עקיבא״ אויף דעם געפאַלענעם מצב פון תורה און אידישקייט אין אונגאַרן און אויף די וואָס זענען דאָרט משמש ברבנות אין פאַרשידענע שטעטלעך און דערפּער: ״ועד היום מיום בואי אל המדינה הזו ראיתי שמדינה משובשת בגסות מאותן שגס ליבם בהוראה ולא ראו אור מימיהם כי רבים המה, עד שכמעט נראה בעיני שכל מי שרואה יצרו מתגבר עליו הולך למדינה זו ומתעטף שחורים ולובש שחורים ועושה מה שלבו חפץ לשים העקום למישור ואת כל הישרה יעקשו, הן הנה אבות נזיקין דאין בהם רוח חיים, ודרכם לילך ולהזיק, ועל ידיהם




שער בלאַט פון ספר ״ משנת דרבי עקיבא״ פון רבי עקיבא איגר הראשון – דפוס פורט תקמ״א

בעוה"ר נתחלל כבוד התורה, והתורה חוגרת שק עליהם. אי לזאת מיד עלתה ההסכמה בלבי שלא להשיב דבר למקום שאיני מכיר".

אין תקס"ז ווען דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פרעשבורג און געגרינדעט זיין ישיבה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פאַר אַ ישיבה אין פרעשבורג בפרט און אַ נייע עפּאָכע פאַר'ן אונגאַרישן אידענטום בכלל.

בזמנו פון חתם סופר האָבן פאַקטיש עקזיסטירט נאָך ישיבות פון גדולי התורה אין אונגאַרן. אין אַלט-אופען – די ישיבה פון רבי משה מינץ; אין סאַנטאָוו – די ישיבה פון רבי אלעזר רוקח; אין אונגוואַר – די ישיבה פון רבי צבי הירש העלער; אין באַלאָש-יאַרמוט – די ישיבה פון רבי וואָלף באָסקאָוויץ; אין וואַג-אוהעל – די ישיבה פון רבי דוד דייטש דער בעל "אהל דוד"; און אין ווערבוי – די ישיבה פון רבי קאָפּל חריף, בעל "חידושי יעבץ" אויף מסכת חולין.

פונדעסטוועגן איז עס געווען די ישיבה פון חתם סופר וואָס האָט געמאַכט אַ רוחניות'דיגע רעוואָלוציע אין אונגאַרן. די ישיבה פון חתם סופר איז נישט געווען בלויז פאַר מצויינים. דעם חתם סופר'ס ציל איז געווען מעמיד צו זיין אַ דור פון ערליכע אידן, בעלי בתים תלמידי חכמים ויראי שמים, מיט'ן זעלבן דגש אויף יראת שמים ווי אויף לימוד התורה.

זיין ציל איז נישט געווען זיי זאָלן ווערן רבנים. ער האָט נישט געוואָלט די תורה זאָל ביי זיי זיין אַ קרדום לחפור בה. דערפאַר האָט ער נישט געגעבן פאַר זיינע תלמידים קיין התרת הוראה סיידן ס'איז טאַקע פאַראַן אַ שטאָט וואָס וואַרט זיי אויפצונעמען אַלס רב. דער סוף איז אָבער געווען אַז דוקא צוליב די אהבת תורה ויראת שמים וואָס ער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט זענען פון זיין ישיבה, און פון די ישיבות פון זיינע קינדער און פון זיינע תלמידים, אַרויסגעקומען די גדולי ישראל וואָס זענען געווען די רבנים אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל אין אונגאַרן, וואו זיי זענען געווען די ממשיכי דרכו ושיטתו פון הייליגן חתם סופר.

ממש צו דער זעלבער צייט, מיט בלויז צוויי יאָר אַ חילוק, וואָס דער חתם סופר האָט געגרינדעט זיין ישיבה אין פרעשבורג האָט רבי חיים וואַלאָזשינער, דער תלמיד פון ווילנער גאון, געגרינדעט זיין ישיבה אין וואַלאָזשין. די זענען געווען די צוויי ערשטע גרעסטע ישיבות אין אייראָפּע, אָן דעם וואָס איינער זאָל אפילו וויסן פון צווייטן. אין דער צייט וואָס די וואַלאָזשינער ישיבה איז געווען די "אם הישיבות", ווי זיי רופן דאָס, פון דער ליטע, איז דעם חתם סופר'ס ישיבה געווען די "אם הישיבות" אין אונגאַרן.

אינדערצייט וואָס אין וואַלאָזשין איז אָבער געלייגט געוואָרן דער דגש אויף לערנען ש"ס איז אין פרעשבורג געלייגט געוואָרן דער זעלבער דגש אויך אויפ'ן לימוד פון שולחן ערוך, אויף מוסר און אויף עבודת התפילה.

פון חתם סופר'ס ישיבה, און פון די ישיבות פון זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו, זענען אַרויסגעקומען די גרעסטע רבנים און פוסקים אין אונגאַרן. גלייכצייטיג איז זיין ישיבה געווען אַ בית היוצר פאַר בעלי בתים תלמידי חכמים וואָס לערנען תורה לשמה און יראתם קודמת לחכמתם.

אין דער צייט וואָס אין דער ליטע זענען די ראשי ישיבות נישט געווען קיין רבנים, און רבנים זענען אין אַלגעמיין נישט געווען קיין ראשי ישיבות, האָט יענער אייער פון די תלמידים און תלמידי תלמידיו פון חתם סופר וואָס האָט אָנגענומען אַ רבני'שע פּאָזיציע אויך געגרינדעט אַ ישיבה. יעדער רב אין אונגאַרן איז אויך געווען אַ ראש ישיבה. יעדער האָט געלערנט מיט בחורים, צי דאָס זענען געווען 3 אָדער 300 בחורים, און יעדער האָט מיט זיי געלערנט שלא על מנת לקבל פרס.

נישט געווען נאָך אַ מדינה אין אייראָפּע וואו דער כבוד הרבנות איז געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי דערהויבן ווי אין אונגאַרן. די אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבן געהאַט דעם פולסטן אויטאָריטעט און האָבן גענאָסן פון דער גרעסטער הערצה פון זייערע בעלי בתים. דאָס איז געווען דער גרעסטער נצחון וואָס דאָס יהדות החרדית האָט געהאַט איבער די רעפאָרמער, אָדער "נעאָלאָגן", ווי זיי האָבן זיך גערופן אין אונגאַרן.



**דער לובלינער רב הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל,**
**גרינדער און ראש ישיבת חכמי לובלין**

## רבי מאיר שפּירא: "פּרעשבורג און פּראַג – דער חתם סופר האָט געזיגט!"

מיט נאָענט צו הונדערט יאָר צוריק האָט הגאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל, לובלינער רב, גרינדער און ראש ישיבת חכמי לובלין, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אויף אידיש וואָס איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף פאַרשידענע שפּראַכן און איז געדרוקט געוואָרן אין צייטונגען, זשורנאַלן און ספרים איבער דער גאַנצער וועלט. אין דעם אַרטיקל ברענגט ער אַרויס דעם אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן די וואָס גייען אין דרך פון חתם סופר, דער דרך פון התבדלות און פון "חדש אסור מן התורה", און צווישן די וואָס זענען קעגן התבדלות און פאַר איינגיין אויף פשרות.

רבי מאיר שפּירא פירט אויס, אַז נאָך אַ הונדערט-יעריגן געראַנגל צווישן די צוויי שיטות שטעלט זיך אַרויס, אַז דער חתם סופר איז געווען גערעכט!

מיר וועלן ברענגען אויסצוגן פון דעם אָריגינעלן אַרטיקל אויף אידיש, ווי דאָס איז ערשינען אין דער אגודה צייטונג "אידישע טאָגבלאַט" פון וואַרשע.

"פּרעשבורג און פּראַג – ביידע שטעט זענען מפורסם אויף דער אידישער וועלט אַדאַנק זייערע רבנים און גדולים, אַדאַנק דעם פולסירענדיגן אידיש-געזעלשאַפטליכן לעבן."

"אָבער ביים אָנפאַנג פון דער תקופת השכלה האָבן פיל פון די דעמאָלטדיגע מנהיגים געפונען פאַר וויכטיג צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון אידישן לעבן, צו "רעפאָרמירן" אים און צופּאַסן צו דער נישט-אידישער סביבה. פיל פון די רעפאָרמער האָבן געגלויבט, אַז דער וועג צו וויתורים און אָפּנויגונגען איז דער ריכטיגער, כדי צוצוציען צו זיך די



**דער אידישער קוואַרטל אין פּראַג**

יעניגע וואָס שטייען שוין אויפ'ן שוועל פון שמד, ר”ל”.

”אָבער אַנדערש איז געווען די מיינונג פון די אמת'ע מנהיגי ישראל, וועלכע זענען געווען איינגעוואָרצלט און פעסט אין דער אמונה. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרבלענדן פון דעם פירענדיגן צייט-גייסט און זיי האָבן שטאָלץ און פעסט געשריגן: עס טאָר נישט זיין קיין אָרט ביי אונז פאַר צעברעקלונג און האַלבע מיטלען. מיר וועלן נישט איינגיין אויף פשרות און וויתורים”.

”פּרעשבורג און פּראַג זענען דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צענטערן וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט ביידע קעמפענדע צדדים, וועלכע האָבן געשטרעבט מיט פאַרשידענע מיטלען צו פאַרבעסערן דעם מצב פון אידענטום”.

”אין פּרעשבורג האָט די אָפּענסיווע פון די השכלה-לייט אָנגעטראָפן אויף דער פעלזן-פעסטער מויער פון אָריגינעלן אידענטום, אויף דער גרויסער און אומבויגזאַמער פּערזענליכקייט פון חתם סופר זצ”ל. מיט דער לאָזונג פון ”חדש אסור מן התורה” האָט ער אונטערדריקט יעדן פּרואוו פון רעפאָרם. אויך זיין זון און ממלא מקום, דער ”כתב סופר” זצ”ל, האָט נישט משנה געווען אפילו אַ קוצו של יו”ד פון דעם פּראָגראַם פון זיין פאָטער: יקוב הדין את ההר!”

”אַנדערש איז געווען אין פּראַג. דאָ האָט די השכלה-באַוועגונג געפונען מעסיגע מנהיגים וועלכע האָבן געהאַלטן פון דער לאָזונג: ”שמאל דוחה וימין מקרבת”. זיי האָבן גערעכנט, אַז אַדאַנק זייער פשרנות וועט די רעפאָרם זיי ווייניגער שאָדן מאַכן. ראַפּאַפּאָרט מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך באַמיט אַלעמען צו געפעלן און אויף אַלעמען האָבן זיי געפונען אַ תירוץ: ”הוראת שעה שאני”.

”אַזוי האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה צווישן די בעלי ”חדש אסור מן התורה” און די בעלי ”הוראת שעה שאני”.

”דאָס פּוילישע אידענטום איז געשטאַנען פונדערווייטנס און געוואַרט אויפ'ן רעזולטאַט, ווער פון די קעמפער עס וועט אָפּהאַלטן אַ נצחון”.

”און ווער האָט געזיגט?”

”זאָלן פאַקטן רעדן”.

”אויף מיין רייזע פאַר ישיבת חכמי לובלין האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן פּרעשבורג און פּראַג און זיך צו באַקענען מיט'ן דאָרטיגן מצב פון אידישן לעבן”.



**מצבה פון מהר”ל מפראג זי”ע**

”אויב פּרעשבורג שטאָלצירט מיט אירע גדולים און צדיקים, וואָס רוען אויף איר בית החיים, קענען אירע גדולים נישט ווייניגער שטאָלצירן מיט די היינטיגע פּרעשבורג. די דאָזיגע גאונים זענען היינט אויך צוליב די חידושי תורה וואָס ווערן נאָכגעזאָגט אין זייער נאָמען. זייערע לעפצן רעדן נישט נאָר אין קבר, נאָר אויך צווישן די לעבעדיגע. נאָך היינט לערנט מען אין פּרעשבורג אַ קשיא פון מהר”ם ברבי זצ”ל און אַ תירוץ פון חתם סופר זצ”ל. אויב מיר אין פּוילן ווייסן פון אַסאַך פון דער חריפות פון מהר”ם איגרא זצ”ל, ווייס דער פּרעשבורגער אידענטום נאָך מער צו דערציילן פון זיין צדקות, ווייל פּרעשבורג שטרעבט זיך אויסצולעבן לויט דער מוסטער פון אירע גדולים”.

”אויף טריט און שריט קלאַפּט דער דופק פון לעבעדיגן אידענטום. דאָ איז דער שיעור-חדר פון חתם סופר, וואו עס לערנען היינט הונדערטער בחורים. דאָ און דאָרט ווערן געעפנט מנינים קבועים נאָך פון די צייטן פון מהר”ם ברבי און פון רבינו משולם איגרא זצ”ל. במשך פון דער צייט זענען נאָך צוגעקומען פיל אינסטיטוציעס, צווישן זיי די באַרימטע אכסניא און דער בית מלון פאַר די ישיבה בחורים. די טראַדיציע פון חתם סופר איז נאָך היינט צו טאָג אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין לעבן”.

”2 אַזייגער נאָכמיטאָג שטייגט מען איין אין שנעל-צוג, וואָס גייט קיין פּראַג. און 9 אָוועט קומט מען אָן אַהין. פאַרשטייט זיך, אַז מען וויל זיך באַקענען מיט די אידישע פּראַג, באַקומט מען אַ תשובה אַז ערשט מאָרגן 8 אינדערפרי קענסטו עס זען”.

”פּונקטליך 8 אַזייגער קומט צוגיין עמיצער, אַ פירער, און פירט דיך גלייך – צום אַלטן בית החיים. ער ווייזט דיר די מצבות פון מהר”ל מפּראַג, כלי יקר, ר' דוד גאַנז זצ”ל. דערנאָך פירט ער דיך צום צווייטן בית החיים און ווייזט דיר די מצבה פון נודע ביהודה זצ”ל. דאַן פירט ער דיך צו די שטיינער פון דער אַלטער שוהל. און אַז דו פרעגסט, וואו איז דאָס לעבעדיגע אידישע פּראַג? באַקומסטו אַ תשובה, אַז רעליגיעזע אידן זענען בסך-הכל פאַראַן 160 נפשות לגבי די צאָל פון פינף און דרייסיג טויזענט אידן....”

”זעענדיג אַז דו ביסט נישט צופרידן, באַמיט זיך דיין וועג-ווייזער דיך מפייס צו זיין מיט אַ וויכטיגער בשורה – דער אידישער ראַטהויז האָט אַ זייגער פאַרזעען מיט אידישע אותיות...”

”יאָ, דאָס איז די צורה פון אידישן פּראַג: דער זייגער גייט פאָרווערטס און ווייזט אויף העברעאיש – אָבער דאָס לעבן ווייזט גאָר עפּעס אַנדערש...”

”דער חתם סופר האָט געזיגט!”.

[המשך קומט אי”ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

**די זעקס תשובות צום מהר"ץ חיות – די באַרימסטע צווישן זיי: תשובה ר"ח, און תשובה של"ח – פאַרוואָס איז תשובה של"ח געדרוקט אָן אַ נאָמען? – די תשובה פון יעב"ץ קעגן משה מענדעלסאָן – דעם חתם סופר'ס תשובה של"ח צום מהר"ץ חיות וואָס איז געווען דער "סתימת הגולל" איבער דעם פולמוס פון "הלנת המת"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

זעקס תשובות האָט דער חתם סופר געשריבן צו רבי צבי הירש חיות. סימנים נ"ד, ע"ט, ק"מ, ר"ח אין שו"ת חת"ס חלק אורח חיים; און סימנים ו' און של"ח אין חלק יורה דעה.

צוויי פון די תשובות, תשובה ר"ח אין אורח חיים און תשובה של"ח אין יורה דעה, זענען די סאַמע באַקאַנטסטע צווישן זיי.

תשובה ר"ח, די סאַמע לעצטע תשובה אין חלק אורח חיים איז, פאַר'ן דורכשניטליכן לערנער, בכלל פון די אינטערעסאַנטסטע תשובות פון חתם סופר, צוליב דעם וואָס די תשובה ענטהאַלט אַ שלל מיט רעיונות, רייך אין דרוש און השקפה, היסטאָריע און אגדה.

וואָס ס'מאַכט זיי מערקווירדיג און היסטאָריש איז וואָס ס'שטעקט הונטער די צוויי תשובות.

רבי צבי הירש חיות, דער מהר"ץ חיות, באַקאַנט מיט זיינע געלונגענע "הגהות מהר"ץ חיות" אויף ש"ס, איז געווען רב אין זאָלקווע, גאַליציע. אין זאָלקווע האָט יענע יאָרן געוואוינט נחמן קרוכמאַל, באַקאַנט אַלס רנ"ק, פון די פירנדע משכילים, וואָס רבי צבי הירש חיות האָט געהאַט גינסטיגע באַציאונגען מיט אים.

ווען אין גאַליציע איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ, אַז נאָר די וואָס האָבן אַ דיפּלאָמאַ-אויסצייכענונג אויף וועלטליכע לימודים קענען ווערן רבנים איז דער מהר"ץ חיות געווען דער איינציגער פון די ערליכע רבנים וואָס האָט געקראָגן אַזאַ "דיגרי". דערפאַר איז ער געווען קאָנטראָווערסיאַל, שנוי במחלוקת, און האָט געהאַט אַסאַך התנגדות צווישן חרדי'שע אידן אין גאַליציע. געווען חסידים, ובפרט בעלזער חסידים, וואָס האָבן דערפאַר נישט געלערנט קיין מהר"ץ חיות.

רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, מתלמידי תלמידיו פון חתם סופר און אַן איידעם פון חתם סופר'ס תלמיד רבי הלל קאָלאָמייער, שרייבט אין "לב העברי", אַז צוליב "ימין מקרבת", כדי אים אינגאַנצן אַוועקצוציען פון די קרייזן פון די משכילים, האָט דער חתם סופר זיך געשריבן מיט אים און געהאַט מיט אים אַ גוטן קשר.

ווי מיר וועלן שוין זען איז דאָס געווען טייל פון דעם חתם סופר'ס חכמה אין זיינע בתחבולות תעשה לך מלחמה. דער מהר"ץ חיות איז צום סוף געוואָרן פון די גרעסטע לוחמים קעגן די משכילים. זיין ספר "מנחת קנאות" איז ספּעציעל געווידמעט צו זיין מלחמה קעגן די משכילים. אין "מנחת קנאות" האָט ער אפילו טענות צו אַנדערע גדולים פאַרוואָס זיי קעמפן נישט גענוג קעגן די משכילים.

ס'איז שטאַרק מסתבר אַז דער חתם סופר האָט זיך מיט אים וואַרשיינליך אויך געשריבן ווייל דורך דעם האָט דער חתם סופר געלאָזט הערן זיין מיינונג איבער דער פירצה פון "הלנת מתים" וואָס איז צוליב אַ גזירת המלכות געווען איינגעריסן אין געוויסע מדינות און איז געוואָרן געשטיצט דורך די רעפאָרמער, וואָס אַ גרויסער ציבור, אפילו שומרי תורה ומצוות, האָבן אַקצעפּטירט הלנת מתים אַלס מותר לכתחילה.

דער חתם סופר האָט כידוע גאָרנישט געדרוקט בחייו. ווי מיר האָבן שוין

געשריבן אין אַ פריערדיג קאַפּיטל איז געווען אַן אויסנאַמס פאַל ווען רבי מרדכי שלאַנק האָט געדרוקט דעם מהר"י מיגאַש און חידושי הרמב"ן און האָט ביים סוף פון דעם חיבור געוואָלט דרוקן עטליכע תשובות וואָס ער האָט געהאַט פון חתם סופר. האָט דער חתם סופר נאָך פילע הפצרות פון זיינע קינדער און תלמידים אים ערלויבט דאָס צו דרוקן. דאָס צווייטע אויסנאַם איז געווען ווען ר' מרדכי לייב ביסליכאַש פון בראָד אין גאַליציע האָט שפּעטער געדרוקט ספרי הראשונים און האָט געבעטן פון חתם סופר רשות צו דרוקן ביים סוף עטליכע תשובות פון חתם סופר, פּונקט ווי רבי מרדכי שלאַנק האָט געטאָן פאַר אים ווען ער האָט געדרוקט ספרי הראשונים.

וואָס דער חתם סופר האָט אים ערלויבט צו דרוקן איז געווען צוויי תשובות וואָס ער האָט געהאַט געשריבן צום מהר"ץ חיות. דאָס זענען די צוויי תשובות וואָס זענען שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין שו"ת חת"ס או"ח סי' ר"ח און יו"ד סי' של"ח.

פאַרוואָס דווקא די תשובות?

לכאורה איז דער ענטפער גאָר פשוט: די זענען די צוויי תשובות אין וועלכע ער קריטיקירט דעם מהר"ץ חיות איבער פאַרשידענע ענינים אין הלכה און השקפה, זעלבסטפאַרשטענדליך מיט אויסערגעוועינליכע רעספּעקט און מיט'ן גרעסטן מאָס דרך ארץ, און שרייבט אויף אים די גרעסטע טיטלען, און אויך ווייל דאָרט לאָזט ער הערן זיין דעת תורה איבער הלנת המת.

איידער ער האָט אָבער געגעבן ר' מרדכי לייב ביסליכאַש'ן רשות דאָס צו דרוקן האָט דער חתם סופר זיך געווענדעט צום מהר"ץ חיות און אים געפרעגט צי ער ערלויבט אים דאָס צו דרוקן. מיר ציטירן דאָ דעם בריוו פון חתם סופר צום מהר"ץ חיות אין וועלכן ער בעט ביי אים רשות דאָס צו דרוקן:

"שלום וכל טוב לידידי ורב חביבי, הרב הגאון הגדול והמופלג בתורה, החריף ובקי בעל פיפיות, עומד לתלפיות, כ"ש מו"ה צבי הירש נ"י אב"ד ור"מ דק"ק זאָלקווי יע"א".

"ידידי, דבר לי אליו. הנה מימי לא עלה על לבי להדפיס ספר. אך זה איזה שנים יצאו קונטרסים מתשובותי וחידושי על ידי רב אחד מהו' מרדכי שלאַנק, בהדפיסו ספרי רמב"ן על קידושין ור"י בן מיגאַש על שבועות, היו בידו העתקות מחידושי והדפיסם, תחלתו באונס ולבסוף ברצוני, כי לא היה פה עמדי, כי אם בפּראַג. ועתה אירע לי כזאת, איש הגון אחד מק"ק בראָד, בשמו מהו' מרדכי ליב ביסליחוש מדפיס פה ספרי הראשונים, והגיעו לידו ג' או ד' מתשובותי, וכמה קונטרסים מחידושי, והוא מספח אותם לאחד מספרים הנ"ל, מתחילה היה הדבר על אפי ועל חמתי, עד שאלצוני בני ביתי, עד שהייתי שותק מודה. כי חידושי ומכתבי המה הפקר לכל הרוצה להעתיק, ואינני מקפיד. כי מראש לא בסתר דברתי. והנ"ל כבר עוסק בהדפסה. והנה בתוכו שתי תשובות אשר השבתי לפאר רו"מ גאונו בטומאת כהן רופא לבקר מתים, ומה שכתבתי על ספרו תורת-נביאים".

"אמרתי, בשלו אדם רשאי, ולא בשל חבירו. ואולי אין רצונו להזכיר שמו ושם קהלתו וספרו על ענין ההוא, או אולי ימצא שום דבור שהוא ח"ו נגד כבודו. ע"כ הנני מן המודיעים ימחול מעלת כבודו הרמה לעיין בהשגות אלו, וישבני דעתו".

"לפי עניות דעתי אין בתשובתי הנ"ל שום דבור המתנגד לכבוד תורתו חלילה. אדרבה, יהיה לו לפאר ולתהילה. ואם אולי פלפלתי עמו והשגתי עליו אין בכך כלום. כך דרכה של תורה. אולי גם פר"מ יחזור וידפיס ספר אחר ויתרץ דבריו. אבל להוציא מקולמסי דבר המנוגד לכבודו חלילה,




**רבי צבי הירש חיות זצ"ל, דער מהר"ץ חיות**

אם בעיניו יראה שהוא שלא לרצונו אמחוק אותן התיבות, או לא ייזכר שמו ושם ספרו כלל, אבל לא אקוה זאת. ואצפה לתשובתו הרמתה טרם נגמר ההדפסה. ואחתום בכל חותמי ברכות, אוהב נפשו, משה"ק סופר מפ"פ דמיין" (לקוטי תשובות, לאָנדאָן תשכ"ה, סימן מ"ז, חלק המכתבים).

וויפיל ענווה און וויפיל צדקות ליגט אין דעם בריוו! קודם כל הייבט ער אָן מיט די ווערטער: "ידידי, דבר לי אליך". דער חתם סופר איז געווען מיט 43 יאָר עלטער פון אים. (דער חתם סופר איז געבוירן אין תקכ"ג און דער מהר"ץ חיות איז געבוירן אין תקס"ו). דאָך איז ער "ידידי", זיינס גלייכן. און: "דבר לי אליך", ווי צו אַ חבר.

דער חתם סופר האָט געוואָלט פאַרעפנטליכן זיינע חילוקי דעות מיט'ן מהר"ץ חיות און זיין קריטיק אויף געוויסע פון זיינע מיינונגען. דאָך האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט פוגע זיין בכבודו פון אַ תלמיד חכם. האָט ער אים געבעטן ערלויבעניש, להפיס דעתו, און אים מסביר געווען אַז דאָס איז נישט קיין פחיתות הכבוד נאָר פאַרקערט, כך דרכה של תורה, און אַז אויב ער וויל קען ער דרוקן זיינע טענות און זיינע תשובות אויף צוריק.

דער מהר"ץ חיות האָט קענטיג ערלויבט צו פאַרעפנטליכן די תשובות. ער דערמאַנט דאָס אַליין אין זיינע תשובות. אין זיין ספר "דרכי הוראה" האָט ער ביים סוף צוגעלייגט אָט די תשובות פון חתם סופר צו אים.

וואָס איז אינטערעסאַנט איז אַז אין תשובות חתם סופר איז תשובה ר"ח געדרוקט מיט'ן נאָמען פון מהר"ץ חיות, צו ווען די תשובה איז געשריבן. דאַקעגן תשובה של"ח אין יורה דעה איז געדרוקט געוואָרן אַנאָנים, אָן צו דרוקן דעם נאָמען צו וועמען די תשובה איז אַדרעסירט. תשובה של"ח הייבט זיך אָן: "שלום וכל טוב להה"ה הרב המאה"ג החרוץ המופלג זית רענן יפה פרי תואר קרא שמו כבוד מו"ה פלוני נ"י אב"ד ור"מ דק"ק פלוני".

פאַרוואָס איז סימן ר"ח מיט זיין נאָמען און סימן של"ח איז אַנאָנים?

דער תירוץ איז לכאורה ווי פאָלגענד:

תשובה ר"ח איז דעם חתם סופר'ס רעאַקציע און זיינע הערות אויפ'ן מהר"ץ חיות'ס ספר "תורת הנביאים". לומדים איבער דער וועלט האָבן אַלע געוואוסט אַז דער מהר"ץ חיות איז דער מחבר פון דעם "תורת הנביאים". וואָלט נישט געהאַט קיין פשט נישט צו דרוקן זיין נאָמען אין דער תשובה, ווען די תשובה איז געשריבן געוואָרן צום אים, דער מחבר פון תורת הנביאים. דערצו זענען דעם חתם סופר'ס טענות צו אים אין תשובה ר"ח נישט געווען איבער אַקטועלע השקפה ענינים וואָס שטייען אויפ'ן סדר היום.

דאַקעגן תשובה של"ח איז שוין אַ שאַרפערע תשובה. הגם אויך געשריבן מיט'ן גרעסטן מאָס זהירות נישט פוגע צו זיין בכבודו איז עס אָבער דיבר אליו קשות. דערצו קען מען פון דעם עצם תוכן פון דעם וויכוח אַליין, איבער דער שאלה פון הלנת המת, נישט פאַרשטיין אַז דער וויכוח איז מיט'ן מהר"ץ חיות ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געדרוקט קיין ספר איבער דער נושא. פאַרוואָס די תשובה איז למעשה געדרוקט אָן אַ נאָמען זענען בעיקר פאַראַן צוויי מעגליכקייטן:

א: אין דעם העתק וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן פאַר זיך האָט ער אָדער אויסגעמעקט דעם נאָמען, כדי מען זאָל נישט וויסן צו וועמען די תשובה איז געשריבן געוואָרן, און זיינע קינדער האָבן עס אַזוי געטראָפן און דערפאַר עס אַזוי געדרוקט. ב: דער העתק איז יאָ געווען מיט'ן נאָמען פון מהר"ץ חיות נאָר דעם חתם סופר'ס קינדער האָבן באַשלאָסן צו דרוקן עס אָן דעם נאָמען.

בכל אופן: וואָס איז געווען די סענסיטיווע טעמע פון "הלנת המת"?

## די גזירה און דער פולמוס איבער "הלנת המת"

די תשובה, תשובה של"ח אין חלק יו"ד, געשריבן ב' אדר שנת תקצ"ג, האָט באַרירט אַ פולמוס וואָס האָט מיט 60 יאָר פריער אויפגעשטורעמט די תורה וועלט און האָט אָנגעהאַלטן ביז צו די צייטן פון חתם סופר. דער פולמוס איבער "הלנת המת" און וויאַזוי פעסטצושטעלן דעם מאָמענט פון טויט.

מען קען זאָגן אַ מליצה אַז אָט די תשובה, תשובה של"ח פון חתם סופר, איז געווען דער סתימת הגולל איבער דעם פולמוס פון הלנת המת וואָס האָט אָנגעהאַלטן זעכציג יאָר.

אין שנת תקל"ב, האָט פרידריך דער צווייטער, דער פירשט פון דער שטאָט שווערין און הערשער איבער דעם מעקלענבורג פראָווינץ אין דייטשלאַנד, פאַרעפנטליכט אַ געזעץ וואָס פאַרבאָט צו באַגראָבן מתים בעפאַר 3 טעג נאָך זייער טויט. עס זאָל אָנגעבליך האָבן פאַרגעקומען אַ פאַל, אָדער פאַלן, וואָס נאָכדעם וואָס די דאָרטיגע דאָקטוירים האָבן קליניש עמיצן דערקלערט אַלס טויט האָט זיך צום סוף אַרויסגעשטעלט אַז יענער האָט נאָך געלעבט.

לויט דעם נייעם לעכערליכן געזעץ איז נישט ערלויבט געוואָרן צו



רבי מרדכי יפה זצ"ל דער רב פון דער שטאָט שווערין

באַערדיגן מתים די ערשטע 3 טעג נאָך זייער טויט. און אפילו דערנאָך האָט מען זיי געמוזט באַגראָבן אין אַ קאַסטן מיט לעכער אין וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ שטריק וואָס איז באַהאַפטן צו אַ גלאָק כדי דער טויטער זאָל קענען קלונגען אין פאַל ער "וועקט זיך אויף".

אַ געוויסער משומד האָט געהאַט געזאָגט פאַר'ן פירשט פרידריך אַז דאָס וואָס אידן זענען מקפיד נישט עובר צו זיין אויף הלנת המת, נישט צו לאָזן איבערנעכטיגן קיין טויטע, האָט גאָרנישט צו טון מיט'ן אידישן דת. אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ "קאַבאַליסטישער" מנהג, אַ מנהג על פי קבלה.

ווי רוב משומדים איז אויך דער משומד געווען אַ פאָלנער עם הארץ.

אין שולחן ערוך יורה דעה סימן שנ"ז זאָגט דער מחבר: "אסור להלין המת אלא אם כן הלינו לכבודו להביא לו ארון ותכריכין או מקוננות, או כדי שיבואו קרובים או להשמיע עיירות".

דער מקור איז די משנה אין סנהדרין (מו ע"א): "המלין את מתו עובר בלא תעשה, הלינהו לכבודו... אינו עובר עליו".

רוב ראשונים האַלטן אַז דאָס איז אַן איסור לא תעשה ועשה, וואָס מען לערנט אַרויס פון דעם פסוק אין היינטיגע וואָך: "לא תלין נבלתו על העץ, כי קבור תקברנו ביום ההוא".

דאָס געזעץ האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם און אַ הלכה'דיגן פולמוס אין דער אידישער וועלט. ווען דער פירשט האָט אין תקל"ב אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ איז רבי מרדכי יפה, אַ זעקסטער דור בן אחר בן פון רבי מרדכי יפה דער בעל הלבושים, געווען דער רב פון דער שטאָט שווערין און הויפט רב פון דעם מעקלענבורג פירשטדום. רבי מרדכי יפה האָט געפּראָוואוט צו אינטערווענירן ביים פירשט פרידריך און אים אויפקלערן אַז הלנת המת איז קעגן דער אידישער הלכה. דער פירשט האָט אָבער

געזאָגט אַז ער וויל הערן די מיינונג פון צוויי רבנים אָדער עקספּערטן אין הלכה פון אַנדערע פּראָווינצן אין דייטשלאַנד אָדער פון אַנדערע מדינות. ער האָט זיך דערפאַר געווענדעט צו רבי יעקב עמדין, דער יעב"ץ, און צו – להבדיל – משה מענדעלסאָן, דער שפּעטערדיגער משכיל פון בערלין.

דער יעב"ץ האָט פאַרשטענדליך געענטפערט אַז הלנת המתים איז על פּי תורה אויסדריקליך פאַרבאָטן. משה מענדעלסאָן ווידער האָט פאָרגעשלאָגן פאַר'ן פירשט אַ פּשרה. דער פירשט האָט נישט אָנגענומען די אַלע הסברים און אויך נישט קיין פּשרות און האָט אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ פון וואַרטן דריי טעג אויף צו באַגראָבן נפטרים. אַנדערע שכינות'דיגע פּראָווינצן און מדינות האָבן באַלד דערנאָך אויך איינגעפירט אַזעלכע געזעצן.

ווען דאָס געזעץ איז אַריין אין קראַפט האָט משה מענדעלסאָן פאַרעפנטליכט אַ מאמר אין דעם משכיל'ישן זשורנאַל "בכורי העתים" אין וועלכן ער איז "מברר" אַז הלנת מתים איז באמת נישט אסור און אַז דאָס קען נאָך זיין בגדר פון הצלת נפשות. מענדעלסאָן האָט בעיקר געבויט זיין היתר אויף אַ מסכת שמחות וואו עס ווערט געברענגט אַ מעשה פון עמיצן וואָס מען האָט דריי טעג געמיינט אַז ער איז טויט און צום סוף האָט ער געלעבט נאָך 25 יאָר. מיר וועלן שוין זען וואָס דער חתם סופר זאָגט וועגן דעם.

דער יעב"ץ איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפער תשובה אין וועלכן ער רייסט אַראָפּ מענדעלסאָנען און ווענדט אָפּ אַלע זיינע ראיות און סברות. אויך דער רב פון שווערין, מעקלענבורג, רבי מרדכי יפה, האָט פאַרעפנטליכט אַן ענליכע תשובה. אין דער תשובה אין סי' של"ח שרייבט דער חתם סופר אגב אויף רבי מרדכי יפה'ס תשובה: "היטב דיבר הרב ההוא".

במשך פון צענדליגער יאָרן איז דער איינפיר פון וואַרטן דריי טעג געוואָרן אַזוי פאַרשפּרייט אַז אַסאַך אידן האָבן אפילו נישט געוואוסט אַז הלנת המת איז אסור.

יעצט, מיט 60 יאָר שפּעטער, האָט רבי צבי הירש חיות אָנגעשריבן אַ שאלה צום חתם סופר אין וועלכן ער איז דן צי אַ דאָקטאָר וואָס איז אַ כהן מעג אונטערזוכן אַ גוסס. דער מהר"ץ חיות האָט דאָס דערנאָך געדרוקט אין די ערשטע דריי סימנים פון זיין ספר "דרכי הוראה".

צווישן אַנדערן שרייבט דער מהר"ץ חיות: "דאם במת גמור, למראה עין המבינים, ומוטל לפנינו כאבן דומם, בכל זאת רצו איזה חכמים להתיר הלנת מתים, אע"ג דקיי"ל המלין את המת עובר וכו' ואף לשיטת המתנגדים אשר צעקו מרה בהלנת מתים והביאו ראיה מש"ס יומא פד א... מכל מקום בגוסס... מוקמינן ליה בחזקת חיים".

דער מהר"ץ חיות ברענגט דעם ראב"ד אין הלכות נזירות (ה' טו) אַז כהנים בזמן הזה זענען טמאי מתים. אויך ברענגט ער דעם חוות יאיר וואָס האַלט אַז הלנת מתים איז נאָר אַ דרבנן. איז בצירוף מיט "גזירת המדינה הדורשת הלנת מתים לשלשת ימים ושני לילות ומשגיחה ע"ז בשבע עינים" וויל ער מצדד זיין צו נוצן אַ דאָקטאָר וואָס איז אַ כהן ביי אַ גוסס, וואָס אַ גוסס האָט דאָך אַ חזקת חיים. על פּי טעות שרייבט אויך דער מהר"ץ אַז דער יעב"ץ האָט מתיר געווען הלנת מתים.

י' אדר תקצ"ז, בלויז איין וואָך נאָכ'ן שרייבן צו אים תשובה ר"ח אין או"ח, האָט דער חתם סופר צו אים געשריבן תשובה של"ח, וואָס איז אַן ענטפער צו זיין נושא פון טומאת כהן און הלנת המת:

"בקראי דברים אלו", שרייבט צו אים דער חתם סופר, "יוצאים מפה גברא דכוותיה עמדתי מרעיד, ונבהל מאוד. מי הוא זה ואיזהו שהתיר בדור שלפנינו הלנת מתים?!".

"והנה פר"מ נתלה באילן גדול בתשובת יעב"ץ ח"ב. ודמיונו וזכרונו כוזב לו. כי לא נמצא שם כן".

אין תשובת יעב"ץ האָט איר דאָס קיינמאָל נישט געזען, זאָגט צו אים דער חתם סופר. וואו יאָ? "אך בספרי המאספים ובס' בכורי העתים". אין דעם קובץ בכורי עתים פון די משכילים פון שנת תקל"ב האָט איר געזען ווי "רמ"ד טען להתיר איסורין של חכמי ישראל".

"אך הגאון יעב"ץ מחא ליה אמוחא מאה עוכלי בעוכליי". (אַ לשון פון חז"ל כתובות נ"ג ע"א, ב"ב פ"ה ע"ב).

די מיינונג פון חוות יאיר, אַז הלנת המת איז נאָר אַ דרבנן איז אַ דעת יחיד. די הלכה איז נישט אַזוי. ווידער די ראיה פון ראב"ד איז דער חתם סופר מדחה דערמיט וואָס דער ראב"ד אין ספר "תמים דעים" האָט חוזר געווען פון דעם וואָס ער שרייבט אין זיינע השגות אויפ'ן רמב"ם אַז כהנים בזמן הזה זענען טמאי מתים.

וואָס שייך די מעשה פון מסכת שמחות פון איינעם וואָס האָט געלעבט 25 יאָר נאָכדעם וואָס מען האָט דריי טעג געמיינט אַז ער איז טויט, שרייבט דער חתם סופר: "וע"ד הברייתא דמס' שמחות רפ"ח... האמת יורה דרכו כי זהו מקרה בעלמא ממקריים הרחוקים, א' לאלף שנים, שיקום אחרי נפלו וביטול נשימתו וימסור לבקיאים. ואפילו מיעוטא דמיעוטא לא הוי כמו חוני המעגל שישן שבעים שנה... ואינו נכנס בגדר חוששים למיעוטא בפיקוח נפש"

"מ"מ בהא סלקינן, אנו אין לנו אלא דברי התורה וקבלת אבותינו, וכל המהרהר מהרהר אחר השכינה, ואיסור הלנת המת במקומו עומד, זולת מקפידת המלך יר"ה, וממילא בטלו כל דבריו בטומאת הכהן הרופא חלילה וחלילה".

תשובה של"ח ענדיגט דער חתם סופר צו מיט איין פּאַראַגראַף וואָס ער האָט צוגעשריבן און מוסיף געווען נאָכ'ן אָפּשיקן די תשובה צום מהר"ץ חיות. דעם פּאַראַגראַף האָט ער נישט געוואָלט שיקן צום מהר"ץ חיות:

"אחרי שובי התבוננתי", שרייבט דער חתם סופר, אַז דער דאָקטאָר וואָס איז אַ כהן איז מסתמא נישט קיין שומר תורה ומצוות. ער איז געשטעלט פון דער רעגירונג צו אונטערזוכן אַלע גוססים, נישט בלויז אידן. ביי גויים איז דאָך נישטאָ דער היתר פון פיקוח נפש. איז ער מסתמא נישט דער שואל. ער איז זיך מסתמא יאָ מטמא ווייל ער איז נישט קיין שומר תורה ומצוות. איז די שאלה נאָר צי אידן שומרי תורה ומצות זאָלן אים אויך נוצן אָדער נישט, צוליב לפני עיור און צוליב מסייע לידי עוברי עבירה. זאָגט דער חתם סופר אַז אויב קענען אידן אים באַזייטיגן איז גוט. אָבער אויב נישט וועט דאָך אויסקומען אַז די אידישע נפטרים וועט די רעגירונג נישט לאָזן קובר זיין אָן אַ דאָקטאָר'ס סערטיפיקאַט עד שיסריח. איז דאָך דאָס שוין בגדר פון מת מצוה וואו דער דאָקטאָר מעג זיך בכל אופן מטמא זיין.

שרייבט אָבער דער חתם סופר: "ומ"מ לא הודעתיו לשואל, פן יאמרו סתם שהסכמתי להתיר מטעמא דידהו, כשם שתלו בוקי סרוקי בהגאון מהר"י יעב"ץ ז"ל שהתיר הלנת המתים ככה יתלו בי שהתרתי טומאת כהנים. ע"כ שמתי ידי למו פי. וגדולה מזו ר"פ מי שהחשיך עוד אחת הי' ולא רצו חכמים לגלותה, וה"נ דכוותיה.

אַ טיפערן אַריינבליק אין דעם חתם סופר'ס מהלך אין פסק ביי דברים העומדים על הפרק זעען מיר אין אַן אַנדערן, שפּעטערדיגן, בריוו צום מהר"ץ חיות וועגן דעם ענין. דאָס, און נאָך, אין קומענדיגן קאַפּיטל אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**דער בריוו צום מהר"ץ חיות וואָס גיט אַן אַריינבליק אין חתם סופר'ס מהלך לגבי שאלות וואָס באַרירן יסודות אין אידישקייט אין אַ דור פרוץ – דער בריוו פון יעב"ץ צו משה מענדעלסאָן – דעם חתם סופר'ס פאַרטיידיגן די חברה קדישא קעגן די משכילים און גלייכצייטיג פאַרטיידיגן די וואָס ווערן באַ'עוולה'ט דורך די חברה קדישא'ס – ווער איז געווען ר' זכרי' בן ר' ידידי'?**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "וטוב להעלות האסור"

נאָכדעם וואָס דער חתם סופר האָט געשיקט צו רבי צבי הירש חיות תשובה של"ח וועגן "הלנת המת" און "טומאת כהנים בזמן הזה" האָט דער מהר"ץ חיות אים צוריקגעשריבן אַ בריוו אין וועלכן ער פאַרטיידיגט זיך טיילווייז, זאָגנדיג אַז אויך ער האָט למעשה נישט מתיר געווען עס לכתחילה, "גם אנכי אסרתי הלנת המת", – דאָך ווידערהאָלט ער זיין טענה וועגן דער שיטה פון חוות יאיר, אַז הלנת המת איז נאָר אַ דרבנן.

די תשובה וואָס דער חתם סופר האָט אים דערנאָך צוריקגעשריבן גיט אונז אַן אַריינבליק אין דעם חתם סופר'ס מהלך המחשבה, זיין גאַנג אין פסק, בנוגע שאלות וואָס באַרירן יסודות אין אידישקייט און פירצות הדור אין קריטישע צייטן, ווען פורקי עול און רעפאָרמאַטאָרן זוכן אונטערצוגראָבן די חומות הדת. אין אַזעלכע הרת עולם'דיגע טעג, – אָדער בעסער געזאָגט: הרס-עולם'דיגע טעג, – מוז אַ פוסק באַזונדערס נזהר זיין נישט צו געבן אַ געלעגנהייט פאַר פיינטליכע אָדער אפילו שוואַכערע עלעמענטן זיך צו קענען אָנכאַפּן אין זיינע ווערטער אויף צו באַרעכטיגן זייערע פירצות.

דער פולמוס פון הלנת המת איז געווען פון די ערשטע פּאָלעמיקס וואָס די משכילים האָבן זיך צוגעכאַפּט דערצו אויף אונטערצוגראָבן דעם כח התורה והמסורה, דעם כח פון רבנים און פון מנהגי ישראל. צוליב נאַרישע פאַלשע שמועות איבער מענטשן וואָס זענען "צוריק לעבעדיג געוואָרן" עטליכע טעג נאָך זייער טויט, האָט די רעגירונג אין געוויסע פּראָווינצן און מדינות פאַרבאָטן דאָס באַגראָבן מתים ביז דריי טעג נאָך זייער טויט. אידן שומרי תורה ומצוות האָבן דאָס באַקעמפט צוליב דעם איסור פון הלנת המת. דאַקעגן די משכילים האָבן דאָס אויסגענוצט אַלס אַ פּראָפּאַגאַנדע מיטל קעגן די "קאַלט-בלוטיגע" רבנים וואָס צוליב אַלטע מנהגים ווילן זיי באַגראָבן מענטשן "לעבעדיגערהייט".

במשך פון הונדערטער יאָרן האָבן די קהילות אין אייראָפּע אָנגעהאַלטן אַ שטאַרקן דיסציפּלין, נישט לאָזנדיג קלים וריקים הויבן די קעפּ אָדער ווערן פולשטענדיגע פורקי עול, מיט'ן כח פון חרם, וואָס די רבנים און קהילות האָבן פאַרמאָגט, ביז צו דער תקופה פון פרייהייט און עמאַנציפּאַציע, ווען די רעגירונגען האָבן זיי דאָס פאַרבאָטן, און אויך מיט'ן כח פון די חברא קדישא'ס. אַצינד האָבן די משכילים געפונען אַ געלעגנהייט צו דיסקרעדיטירן די חברא קדישא'ס אין די אויגן פון די מלוכות און ביים דעת הקהל.

ווען דער גראַף פרידריך פון מעקלענבורג האָט אַרויסגעגעבן דעם פאַרבאָט האָט זיין אייגענע נישט אידישע שטאָט-ראַט אים געלאָזט וויסן אַז ביי אידן איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל דוקא די אידישע חברה קדישא'ס וואָס זענען זיך מטפל מיט אידישע נפטרים ל"ע פאַר דער קבורה, זענען דער גרעסטער גאַראַנטיע צו פאַרזיכערן אַז מענטשן ווערן נישט באַגראָבן לעבעדיגערהייט.

די משכילים האָבן אָבער געשטיצט, אויסגענוצט, און געפּרואווט שלאָגן קאַפּיטאַל פון דעם נייעם געזעץ. דער פולמוס איז געווען איינע פון די ערשטע שטרייטן צווישן זיי און חרדי'שע אידן.

רבי יעקב עמדין, דער יעב"ץ, איז בשעתו אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפן בריוו קעגן משה מענדעלסאָן וואָס ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין פריערדיגן קאַפּיטל האָט פאַרעפנטליכט אַ "בירור" מתיר צו זיין הלנת

מתים. דער יעב"ץ וואָרנט אים ער זאָל אויפהערן מיט מגלה פנים זיין שלא כהלכה "שלא יפגעו בו מרי נפש בשמעם שהוא פונה להבלי בני נכר, וחושב לשנות מנהג ישראל". דער עמדין זאָגט אים אויך אַז ערליכע אידן ווייסן שוין לאַנג ווער ער איז, אַז ער האָט אַ כלב ביי זיך אין שטוב. "ובלאו הכי רבו המתלוננים עליו שמגדל כלב רע בתוך ביתו".

מענדעלסאָן האָט זיך טאַקע דערשראָקן און מער האָט ער וועגן דעם נישט געשריבן. ביי די משכילים איז אָבער די טעמע פון מתיר זיין הלנת המת געוואָרן, וואָס ווערט היינט גערופן, אַ "טעסט-קעיס", אין זייער קאַמף קעגן שולחן ערוך און קעגן אידישע מנהגים.

דעריבער, ווען רבי צבי הירש חיות האָט מיט זעכציג יאָר שפּעטער, ווען דער געראַנגל איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען, געפרעגט פונעם חתם סופר פאַרוואָס ער וויל נישט מודה זיין אַז הלנת המת איז לאו דווקא פון די האַרבסטע איסורים, וואָס לויט'ן חוות יאיר איז עס אַ דרבנן, האָט דער חתם סופר אים געענטפערט די ווייטערדיגע תשובה אין וועלכע ער ברענגט אַרויס וואָס עס דאַרף זיין דער מהלך ביי אַזעלכע סענסיטיווע שאלות.

די מאָנומענטאַלע תשובה איז נישט געדרוקט אין תשובות חתם סופר. רבי צבי הירש חיות האָט די תשובה פון חתם סופר צו אים געדרוקט אין זיין ספר "דרכי ההוראה" סימן ו'. פון דאָרט איז עס שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין קובץ תשובות חת"ס סי' נ"ח. מיר ציטירן דעם טייל פון דער תשובה וואָס איז נוגע צו אונזער טעמע:

"שיל"ת, פּרעשבורג עש"ק י"ב אדר שנת תקצ"ז, לפ"ק.

"שלום וכל טוב לידיד נפשי הרב הגאון הגדול המפורסם המופלג כש"ת מהור"ר צבי הרש חיות נ"י אב"ד ור"מ דק"ק זאָלקווי יצ"ו.

"יקרתו הגיעני עם הכנסת שבת, טרם אשים עיני על נעימת אריכת דבריו, אשיב מיד להוציא מלבו הטהור על מה שכתבתי במכתבי הקודם החדש אסור מן התורה. הנה לא כתבתי ערלה ופגול לא ירצה, כי אם החדש. כי מזקנים אתבונן שראוי להיות ממקימי התורה, ונזהרו מלפתוח פתח ולחפש קולות לפריצי עמנו, אשר אותה הם מבקשים, ואם ימצאו סדק כמחט של סדקית יפרצו פרץ על פני פרץ".

"יראה רומכ"ת בתשובות מיימוני בחלק ד' בה' שמחות, על דבר קל לישא אשה בתוך שלש רגלים שמתה אשתו, כתב וז"ל, תן לבך לדברים פן יצא פרצות גדרים ואיש הישר בעיניו יעשה כי יתלו הדברים בגדולים ויפרצו בו שועלים".

"אני כתבתי הלנת מתים יש בו עשה ולא תעשה, כי על כל פנים הרמב"ן כתב כן, ואין נפקותא לדינא בזמן הזה. וטוב להעלות האסור. ומר נ"י ניתלה בדעה דחויה של החות יאיר שכתב שכל עיקרו אינו רק מדרבנן. ואין מגלין הדבר, כי בעוה"ר רבו אלו בזמנינו עד שיאמרו אין אנו חוששין לדברי רבנן ה' לא צוה... ובכזה נאמר: חכמים הזהרו בדבריכם. ובזמן הזה בודאי רבים ישתו הבאים אחריהם וכבר רבים שתו".

דער חתם סופר זאָגט אים אַז אין אַ צייט וואָס פריצי עמנו, – "כי בעוה"ר רבו אלו בזמנינו", – זוכן קולות אויף אונטערצוגראָבן אַלע גדרים, וואָס פעלט עס אויס צו פאַרעפנטליכן אַ דעת יחיד וואָס האַלט אַז עס איז נאָר אַ דרבנן? פאַרקערט: אין אַזאַ צייט און אונטער אַזעלכע אומשטענדן דאַרף מען נישט אַרויסהייבן קיין קולות נאָר מאַקסימירן דעם איסור, "וטוב להעלות האסור".

דער חתם סופר גיט אים עטליכע ביישפּילן פון קולות פון גדולים פון לעצטן דור אויף וואָס די מתקדמים און רעפאָרמער האָבן זיך אָנגעכאַפּט מתיר צו זיין אויך האַרבע איסורים וואָס זענען אסור לכל הדעות. אפילו היתרים וואָס גדולים האָבן גענוצט בשעת הדחק מוז מען זיי נישט דרוקן און מפרסם זיין. ער רעדט זיך אָפּ פאַרוואָס מען האָט געדרוקט אין נודע



**כתי"ק פון הייליגן חתם סופר**

ביהודה דעם היתר אויף גילוח בחול המועד וואָס ער האָט געגעבן בשעת הדחק פאַר די וואָס האָבן געמוזט זיך שטעלן חול המועד פאַר די שרי המלוכה.

"ומוטב הי' שלא להדפיס תשובה זאת, שלא ליתן יד לפושעים המשחיתים בתער. ות"ל יתברך אני כתבתי בזה תשובה ארוכה ועלתה בידי בעזרת השי"ת, ודברי עשו פרי בעירי ובמקומות המקשיבים לקולי, היינו החדש אסור מן התורה בכל מקום ובכל זמן, ובזמן הזה יותר ויותר. והרוצה להתנאות לפני השי"ת ועם עדת ישראל הכשרים העומדים על משמרתם משמרת הקודש באמונה, וכאשר אני מונה את רו"מ בתוכן, אשר מגמתו לגדר גדר ולעמוד בפרץ, יתחדש כנשר נעוריו ורע לא יבוא במגוריו. וה' ירום כסאו והוד קרן תפארתו, ויהא רעוא שאהי' שליח לדבר, כי הנני לטובתו בכל עת ועונה, יקראני ואענהו, מוקירו ואוהב נפשו".

"משה"ק סופר מפ"פ דמיין".

דער מהר"ץ חיות האָט זיך מכניע געווען און האָט פולשטענדיג אָנגענומען דעם חתם סופר'ס הוראה און זיין צוגאַנג לגבי דער שאלה פון הלנת המת, ווי אויך לגבי קדושת כהנים בזמן הזה. וויאַזוי ווייסן מיר דאָס?

אין שנת תר"ט האָט ער געדרוקט זיין "קובץ שאלות ותשובות מהר"ץ חיות". אין סימן נ"ב ברענגט ער אַ תשובה וואָס ער האָט געשריבן צו הרב יעקב יחזקאל לוי, בעל מחבר ספר "תספורת לוליינית", אויך אַ רב אין פּוילן, וועלכער האָט אים פאָרגעוואָרפן אַלע טענות פון די משכילים מקיל צו זיין מיט הלנת המת, ממש די זעלבע טענות וואָס רבי צבי הירש חיות האָט מיט 15 יאָר פריער געשריבן צום חתם סופר, וואָס ער האָט געהאַט





**געביידע פון "דפוס ראם" אין ווילנע, דרוקער און ארויסגעבער פון ווילנער ש"ס**

געשריבן אין די ערשטע דריי תשובות פון זיין ספר "דרכי ההוראה". דאָ האָבן זיך די ראָלעס געביטן. דער מהר"ץ חיות האָט מדחה געווען אַלע זיינע טענות, נוצנדיג די טענות פון חתם סופר.

"ולפי דברי הרופאים הבקיאים לא נמצא זאת רק אחד מן רבבות בני אדם", שרייבט דער מהר"ץ חיות, "אין להקל הלנת מתים אשר יש בהם לאו ועשה של תורה".

אינטערעסאַנט איז אַז אין זיינע "הגהות מהר"ץ חיות" אויף אָט דער גמרא וועגן הלנת מת, סנהדרין דף מ"ו ע"ב, שרייבט ער: "ועי' בשו"ת חוות יאיר סי' קל"ט שכתב דהך דהמלין מתו עובר בל"ת אינו רק אסמכתא, והארכתי בזה הרבה".

די הגהות אויף ש"ס האָט ער וואַרשיינליך געשריבן נאָך מיט יאָרן פריער, איידער ער האָט געשריבן און געדרוקט זיין פריער דערמאַנטע תשובה אין שנת תר"ט אין וועלכן ער שרייבט אַז ס'איז אַ לאו און אַן עשה. די הגהות האָט רבי צבי הירש חיות געהאַט איבערגעגעבן צו דעם "דפוס ראם", די דרוקער און אַרויסגעבער פון ווילנער ש"ס, אין שנת ת"ר, ווען רבי מנחם מן ראם האָט נאָך געלעבט, נאָך איידער די דרוקעריי האָט געהייסן "דפוס האלמנה והאחים ראם". בכל אופן האָט ער די הגהות אויף מסכת סנהדרין געשריבן נאָך מיט יאָרן פריער, איידער ער האָט חוזר געווען פון זיין אָריגינעלע מיינונג נאָכ'ן באַקומען די תשובה פון חתם סופר.

## "ואמרתי אני עומד בעבור היתום הקטן ואינני מניח ליקח שום פרוטה מהעזבון, ואם לא ירצו... הנני שוכר אנשים מהחוץ"

טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר האָט געקעמפט קעגן דעם פּרואוו פון די משכילים אונטערצוגראָבן דעם כח פון דער חברה קדישא האָט ער צו דער זעלבער צייט באַקעמפט חברא קדישא'ס וואָס האָבן זיך אויפגעפירט אומ'יושר'דיג כלפי אָרימע שיכטן, אָדער אפילו כלפי רייכע וואָס די חברה קדישא וויל פון זיי אַרויספּרעסן אומבאַרעכטיגטע געשוואָלענע פּרייזן פאַר קבורה.

אין שו"ת חת"ס יו"ד סי' שכ"ט, עטליכע תשובות פאַר די תשובה של"ח צום מהר"ץ חיות, שרייבט ער אַז איבעראָל וואו ער איז געווען רב האָט ער באַקעמפט אַזעלכע אומ'יושר'דיגע אַקטיוויטעטן. ער דערציילט, אַז אַמאָל האָט ער אפילו געדראָעט אַליין צו דינגען קברנים און זיך נישט רעכענען מיט דער חברה קדישא.

"ותהילה לקל יתברך", שרייבט ער אין תשובה שכ"ט, "בכל מקום שעברתי עמדתי בכח נגדם לבטל מהם מנהגי רעים כאלו וכיוצא בהם. ופעם אחת מתה עשירה אחת והניחה יתומים גדולים וקטן אחד, ובקשו הח"ק סך ששה אדומים לסיועת בנין חומת בית הקברות, ואמרתי אני עומד בעבור היתום הקטן ואינני מניח ליקח שום פרוטה מהעזבון, ואם לא ירצו לקבור המת הנני שוכר אנשים מהחוץ לקבור המת. והטרחתי הרבה עמם עד שנתבטל המנהג הרע הזה. וככה ראוי לכל מורה בעירו ומקומו לבטל המנהג הרע הזה בכל מאמצי כחו, כי זה המבטל מצות ג"ח מישראל".

אין אַ תשובה דערנאָך, תשובה ש"ל, שרייבט ער: "מי נתן להם רשות לקבור איש נכרי אשר לא נודע להם מה מעשיו לקוברו אצל אנשים צדיקים ואנשי מעשה, וכי הכסף יענה את הכל? הלא קטן וגדול שם הוא, ולא ניכר שוע לפני דל".

## ווער איז רבי זכרי׳ בן רבי ידידי׳?

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט תשובה של״ח צום מהר״ץ חיות און אגב דערמאַנט עטליכע פריערדיגע תשובות. איז אוממעגליך נישט צו דערמאַנען אַ תשובה וואָס געפינט זיך אינמיטן דערין צווישן די אַלע תשובות, אַ תשובה וואָס איז אַן אין פאַר זיך גאָר אינטערעסאַנט: תשובה של״ז. די תשובה וועגן ״רבי זכרי׳ בן רבי ידידי׳״.

דער חתם סופר איז אָנגעפרעגט געוואָרן דורך אַ רב, ״ידידי המופלא כבוד מהו׳ אלי׳ נ״י״, וואָס ס׳האָט זיך צו אים געווענדעט אַ איד, אַ כהן, מיט דער פאָלגנדער שאלה.

דער איד, דער כהן, האָט אַ גוי׳אישן שכן וואָס ער גייט געוועגליך אַריין צו אים אין הויף. האָט דער איד אַמאָל באַמערקט ווי אין דעם גוי׳ס הויף ליגט אַ מצבה מיט׳ן פנים אַראָפּ צו דער ערד. האָט ער איבערגעדרייט די מצבה און געזען ווי אין דער מצבה זענען אַריינגעקריצט די פאָלגנדע ווערטער:

״פה נטמן איש הגון, ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳, נפטר בערב יום הכיפורים קנ״ט לפ״ק״.

שרייבט דער חתם סופר: ״וזה הוא יותר מתט״ו שנים״. די מצבה איז שוין אַלט איבער 415 יאָר. ״והנכרי בעל החצר אמר שמקובל הוא מאבותיו מעולם שהי׳ שם ובסביבותיו בית הקברות של ישראל והנכרי הזה מהימן להאי כהנא. אך גם אנו מקובלים שהגלילות ההוא נתיישבה מחדש. אין לישראל שם מאה שנים לכל היותר. ועתה מה יהי׳ דין הכהנים או הכהן הזה דמאמין ליה להגוי, ועוד האריך״.

דער גוי האָט געזאָגט אַז ער האָט געהאַט מקובל פון זיינע עלטערן אַז די גאַנצע געגנט איז אַמאָל געווען אַ אידישער בית החיים. פון דער אַנדערער זייט זאָגט אָבער דער שואל אַז דער אידישער יישוב דאָרט איז אַלט ווינציגער ווי הונדערט יאָר. פאַר דעם זענען אידן בכלל נישט ערלויבט געווען צו וואוינען אין עסטרייך. וויל דער כהן וויסן צי ער דאַרף חייש זיין און טאָר בכלל נישט וואוינען אין דער געגנט, אָדער נישט.

דער חתם סופר, וועלכער האָט אויך היסטאָריע געקענט בעסער ווי דער איד און ווי דער רב דער שואל, ענטפערט אים, אַז כאָטש מיט איבער הונדערט יאָר צוריק זענען אידן טאַקע נישט ערלויבט געווען דאָרט צו וואוינען האָבן אידן אָבער געוואוינט דאָרט מיט הונדערטער יאָרן פריער, איידער זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן.

״מה שמקובלים היהודים שלא היה שם קהלה קודם ק׳ שנים אין זה הכרח שפי הגוי דבר שוא. כי ידוע הוא שהיה קהלות גדולות בגלילות הללו בשנים קדמוניות, וגורשו היהודים וחזרו ונתיישבו. הלא הגאון בעל תה״ד היה רב בניישטאַט, סמוך לוויען, ומזכיר בדבריו גערץ וקרעמז, וכל חכמי איסטריך. וזה היה סמוך לשנת ש״ן. ואחריו הגאון מהר״י ברונר בעיר ברים שבמעהרין. ומכל אותן המקומות נתגרשו היהודים ולא נשאר להם שם ושארית בארצות ההמה, והי׳ זה כאחד מהם. ואין כאן סתירה כלל״.

די פראַגע איז נישט צי אידן האָבן דאָרט געוואוינט מיט איבער 400 יאָר צוריק. די פראַגעס זענען אַנדערע. דער חתם סופר איז מציע דריי ספיקות:

א) צי דאָרט איז טאַקע געווען אַ אידישער בית הקברות. די עדות׳שאַפט פון דעם גוי איז נישט מאַסגעבנד. אפילו ווען אַ איד זאָל זיין דער וואָס זאָגט דאָס, אַז ער האָט געהערט אַז מיט הונדערטער יאָרן פריער איז דאָרט געווען אַ בית הקברות, איז דאָס נישט מעלה אָדער מוריד. ב) אפילו אויב יאָ איז גאַנץ מעגליך אַז במשך פון די יאָרן האָט מען מפנה געווען די עצמות. ג). אפילו אויב מען האָט נישט מפנה געווען די עצמות זענען זיי דאָך שוין לאַנג נרקב געוואָרן און נישטאָ מער קיין כזית מן המת וואָס איז מטמא באוהל.

דער חתם סופר איז דן די פראָ און קאָנטראַ, די פאַר און קעגן, פון יעדן צד לקולא אָדער לחומרא. די לומדות פון ״מלא תרווד רקב״, דעם זוהר און די מדרשים, געברענגט אויך אין אליהו רבה און אין טורי זהב, וועגן דעם עצם קטן וואָס הייסט לוז, אָדער נסכוי, וואָס ווערט נישט נרקב. זאָגט אָבער דער חתם סופר אַז דער עצם איז ווייניגער ווי דער שיעור מטמא צו זיין באהל.

נאָכ׳ן דורכוואַרפן און באַהאַנדלען יעדן מעגליכן צד הלכה, ספק טומאה ברשות הרבים, טומאת כהן, נאמנות, וכו׳ רעכנט דער חתם סופר אויס נאָך פאַקטישע, מציאות׳דיגע ספיקות.

דער איינציגער פאַקט וואָס מיר ווייסן איז אַז דאָרט איז געלעגן איין איינציגע מציבה מיט׳ן פנים אַראָפּ. קעגן איבער דעם הויז געפינט זיך אַ באַרג פון וואָס מען האַקט אויס שטיינער פאַר מצבות. פאַרוואָס דאַרפן מיר אָננעמען אַז דאָרט האָט זיך געפונען אַ בית החיים. אפשר האָט דאָרט געוואוינט אַ מצבות אויסשניצער, וועלכער האָט גרייט געמאַכט די מצבה צו טראָגן עס צו אַ בית החיים און צום סוף איז דאָס מאיזה סיבה געבליבן דאָרט ביי אים אין הויף.

למעשה פירט אויס דער חתם סופר זענען די אַלע ספיקות חזי לאצטרופי און כהנים מעגן אַהין אַריינגיין ״בלי פקפוק״. פונדעסטוועגן ״ומ״מ אם יכול בנקל לומר להגוי לחפור בעומק אולי ימצא שם עצמות מה טוב, וגם אם ירצה הכהן להחמיר על עצמו שלא לפסוע על מקום האָבן וד׳ אמות בסמוך לו מכל צד, מהיות טוב אל תקרא רע, ותבוא עליו ברכה. ואסיים בברכה״.

די תשובה האָבן מיר נישט געברענגט בלויז צוליב דעם אינטערעסאַנטן עפּיזאָד אָדער צו מאַכן אַן אויבערפלעכליכן סך הכל פון דער תשובה. וואָס איז אויך אינטערעסאַנט איז וואָס דער חתם סופר שרייבט אינמיטן דער תשובה, ווען ער דערמאַנט דעם אומבאַקאַנטן איד ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳.

ווען ער ברענגט דעם מאמר חז״ל אויפ׳ן פסוק ״ורקב עצמות קנאה״, אַז ״כל שיש בו קנאה עצמותיו מרקיבים וכל שאין בו קנאה אין עצמותיו מרקיבים״, זאָגט דער חתם סופר:

״וא״כ אדרבה, אוקי האי גברא ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳ בחזקת כשרות שלא היה בו קנאה ולא נרקבו עצמותיו, אע״ג שמת בערב יום כיפור אין למדין מדברי אגדה באלו לזכות ולא לחובה״.

דער חתם סופר מיינט צו זאָגן: כאָטש די גמרא זאָגט אין מסכת כתובות (דף ק״ג ע״ב): ״מת בערב יום כפור סימן רע לו, במוצאי יום כפור סימן יפה לו״. ווייל מוצאי יום כפור איז ער דאָך געשטאָרבן מתוך תשובה וכפרת עוונות. אויף דער מצבה פון דעם ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳ איז דאָך געשטאַנען אַז נפטר בערב יום הכיפורים. זאָגט אָבער דער חתם סופר אַ חידוש: ביי די זאַכן לערנט מען פון דברי אגדה אַרויס נאָר לזכות, אָבער נישט לחובה.

אין איינגערינגלט שרייבט דער חתם סופר צו: ״ושמעתי בשם הגאון מו״ה שלום ר״ב זצ״ל לפרש, דגבי צדיק הוה כל יום מוצאי יה״כ, שאתמול שב יום אחד לפני מותו, והרשע בהיפוך, ודפח״ח״.

קיינער ווייסט נישט ווער דאָס איז געווען דער ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳. איין זאַך איז אָבער זיכער: דער איד האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ זכיה וואָס איבער 400 יאָר נאָכדעם וואָס ער האָט זיך שוין געפונען בעולם העליון זאָל דער חתם סופר פסק׳ען: ״אדרבה, אוקי האי גברא ר׳ זכרי׳ בן ר׳ ידידי׳ בחזקת כשרות״.

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

כט

# דער הייליגער חתם סופר

## אלול - תשרי



[פאָרזעצונג פון פריער]

### אלול: איבערגע׳חזר׳ט ש״ס בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי און תוספתא

הגאון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב, דער ״מכתב סופר״ זצ״ל, דערציילט, אַז זיין פאָטער דער הייליגער חתם סופר האָט אַלע יאָרן פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום הקדוש איבערגע׳חזר׳ט ששה סדרי משנה מיט׳ן פירוש ״עץ חיים״ פון מהר״י חאגיז, און האָט בקיצור, אָבער ״בעיונו הזך והבהיר״, איבערגע׳חזר׳ט גאַנץ ש״ס בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי, און תוספתא. (ס׳ אבני בית היוצר דף נ״ג ע״א).

פון חתם סופר אַליין ווייסן מיר אַז דעם מנהג האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין די יונגע יאָרן. אין אַ תשובה, געשריבן אין פרוסטיץ יום ג׳ א׳ דר״ח אלול תקמ״ז, אין עלטער פון פינף און צוואָנציג יאָר, און געדרוקט אין שו״ת חת״ס ח״ז סי׳ כ״א, שרייבט ער: ״והנהו יומא דכלה נינהו, דהדרנא לכולא תלמודא דגריסנא בהאי שתא, כי כן דרכינו״.

ער שרייבט ״דגריסנא בהאי שתא״, וואָס ער האָט געלערנט יענעם יאָר. אויף די עלטערע יאָרן, זאָגט אָבער רבי שמעון סופר, האָט ער איבערגע׳חזר׳ט גאַנץ ש״ס בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי ותוספתא.

אין ״אוצרות הסופר״ קובץ י׳ עמוד ק״א ברענגען זיי אַז משניות וואָס ער האָט געלערנט חודש אלול האָט ער געלערנט 18 פרקים משניות אַ טאָג.

### ״פניו מוריקות״

דער גאַלאַנטער רב, הגה״צ רבי יהושע בוקסבוים זצ״ל הי״ד, פלעגט זאָגן פאַר זיינע תלמידים, אַז פון ראש חדש אלול ביז נאָך די ימים נוראים איז דער חתם סופר געווען בלאַס, ״פניו מוריקות״, פון גרויס פחד מאימת ימים הנוראים. (ספר ״אור פני יהושע״ בתולדות המחבר).

### די דרשות אין ״צוקערמאַנדל״

רבנים האָבן בדרך כלל צוויי קביעות׳דיגע זמנים פאַר זאָגן דרשות: שבת שובה און שבת הגדול. דער חתם סופר האָט געהאַט צען אַזעלכע קביעות׳דיגע זמנים. אַזוי שרייבט רבי יוסף נפתלי שטערן אין ״קרית סופרים״, זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר. איינע פון די צען זמנים איז געווען שבת פאַר סליחות, געוועגליך שבת פרשת נצבים-וילך.

די צען זמנים קבועים זענען געווען:

א: ראש השנה, ווען ער האָט געהאַלטן צוויי דרשות. איינס ראש השנה ביינאַכט נאָכ׳ן אַהיימקומען פון שול, וואו עס האָבן אים אינדערהיים אָפּגעוואַרט רבנים, דיינים, און חשוב׳ע פאַרהייראַטע תלמידים, תלמידי חכמים. האָט ער פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה בדרך דרוש ואגדה אויפ׳ן פסוק ״למען ירבו ימיכם״. די דרשה האָט ער געענדיגט מיט׳ן פסוק ״ואוהביו כצאת השמש בגבורתו״. די דרשה האָט שפּעטער געהייסן די ״למען ירבו ימיכם דרשה״. דער מנהג צו האַלטן די ״למען ירבו ימיכם דרשה״ ראש השנה ביינאַכט האָבן פאָרגעזעצט זיין זון דער כתב סופר און זיינע אייניקלעך, די ממלאי מקומם אַלס די רבנים און ראשי הישיבה אין פּרעשבורג, דער ״שבט סופר״ און דער ״דעת סופר״, ביז דער קריג. די צווייטע דרשה ראש השנה איז געווען אין שול פאַר תקיעת שופר.

ב. שבת שובה. דער צווייטער קביעות׳דיגער זמן איז געווען די דרשה פון שבת שובה.

ג. כל נדרי, ווען ער האָט מקפיד געווען מעורר צו זיין אויף ענייני צניעות, קדושה וטהרה.

ד. ח׳ טבת. דער טאָג וואָס די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יונית בימי תלמי המלך, ווען ער האָט געהאַלטן פלאַם פייערדיגע דרשות

קעגן מישן תורה מיט חכמות חיצוניות. ער האָט דאַן אויך מספיד געווען רבנים נפטרים.

ה. אדר. אין מאַטערסדאָרף פלעגט ער האַלטן אַ דרשה פאַר דער חברה קדישא סיי ערב ראש חודש אדר און סיי ז' אדר. אין פּרעשבורג האָט ער געהאַלטן אַ דרשה בלויז ז' אדר.

ו. שבת הגדול.

ז. ל"ב בעומר, פאַר דער חברה קדישא.

ח. ז' אב, ווען ער האָט מספיד געווען די גדולי הדור.

ט. שבת פאַר סליחות, אין צוקערמאַנדעל, פון וואָס מיר וועלן שוין רעדן.

י. כ"ז אלול, ז"ך אלול, די יאָרצייט פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער זצ"ל.

די וואָס זענען מעיין אין דרשות חתם סופר זעען ווי דער חתם סופר שרייבט ביים אַריינפיר צו די אַלע דרשות פון פאַר ראש השנה, "מה שחנני השי"ת דרוש לפרשת נצבים וילך בביהכ"נ דצוקערמאַנטיל".

וואָס איז דאָס צוקערמאַנטל?

מיט איבער 150 יאָר פאַר'ן חתם סופר, פאַר שנת ת"ק, זענען אידן נאָך עטליכע גירושים נישט ערלויבט געווען צו וואוינען אין דער שטאָט פּרעשבורג. ווען זיי זענען שפּעטער פאַרטריבן געוואָרן פון וויען האָבן זיי זיך באַזעצט אין צוויי פאָרשטעט פון פּרעשבורג: שלאָסבורג, געבויט אַרום אַ שלאָס, אַ באַפעסטיגטער פּאַלאַץ וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ באָרג, און אין צוקערמאַנדל, אַ צווייטע פאָרשטאָט, וואָס האָט געהייסן צוקערמאַנדל. שפּעטער זענען זיי ערלויבט געוואָרן צוריק זיך באַזעצן אין פּרעשבורג.

די שטאָט פּרעשבורג איז זיך צעוואַקסן און די פאָרשטעט שלאָסבורג און צוקערמאַנדל זענען איינגעשלונגען געוואָרן און געוואָרן געגנטן אינערהאַלב די שטאָט פּרעשבורג. אַלס רעזולטאַט האָבן אין פּרעשבורג עקזיסטירט צוויי אידישע געגנטן: איינס איז געווען אין און אַרום די אידן גאַס, וואו דער חתם סופר האָט געוואוינט, וואו עס האָבן זיך געפונען די שולן און דעם חתם סופר'ס ישיבה, און וואו רוב אידישע איינוואוינער זענען געווען קאָנצענטרירט. די צווייטע געגנט איז געווען אין דער "צוקערמאַנדל" געגנט.

די דרשה פון שבת פאַר סליחות האָט ער תמיד געהאַלטן אין דער גרויסער שול אין צוקערמאַנדל, ווי ער שרייבט דאָס אַליין אין די קעפּלעך ביים אַריינפיר צו די דרשות.

זיין תלמיד הגה"צ רבי הלל קאָלאָמייער שרייבט אין "משכיל אל דל", אַז דאָס התעוררות פון אַ מעריב נאָכ'ן הערן איינעם פון אַט די דרשות פון חתם סופר האָט קיינמאָל נישט געהערשט ביי אַ דאַווענען איבער'ן יאָר.

"ודכירנא תפלות מעריב שהתפללתי בז' אב, וכ"ז אלול, וח' טבת, אחר הדרשה של אגדות מוסר שאמר מורי הגאון זללה"ה בבית הכנסת הגדולה, לא זכיתי להתפלל בכל השנה בתבניתה ובדמותה, משום שעל ידי תוכחתו ודבריו הקדושים היו כל השומעים כמעט לעם נברא, להיותם בריה חדשה".

## דער אונטערשיד צווישן אב און אלול

הגה"צ רבי יודא'לע הורוויץ, דער דזשיקעווער רבי זצ"ל, וועלכער איז כל ימיו געווען דבוק אין די תורות פון הייליגן חתם סופר, און ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן האָט ער אַוועקגעגעבן זיין גאַנצן נדן צו רבי יוסף נפתלי שטערן אויף צו דרוקן די דרשות חתם סופר, פלעגט אָנווייזן



כתי"ק פון הייליגן חתם סופר פון וואס איז אייגענטליך זיין לעצטע דרשה: שנת ש"ש, וואס איז ת"ר.



די צווייטע זייט פון זעלבן דף. לכאורה דער לעצטער כתב יד קודש. די תורה איז געדרוקט אין תורת משה השלם פרשת וילך עמ' קמ"ה ד"ה בן.

אויף אַ לכאורה'דיגער סתירה אין חתם סופר.

אין חתם סופר על התורה פרשת פנחס (דף קל"ח, טור ב', ד"ה הוא דתן ואבירם, השני) זאָגט דער חתם סופר, אַז ווען אַ רשע ווערט נענש איז עס עטוואָס אַ תיקון פאַר אים וואָרום נתקדש שם שמים על ידו, וישמעו ויראו ולא יזידון עוד. מכל שכן אויב ער האָט ערליכע קינדער איז דאָך ברא מזכה אבא. זאָגט דער פסוק הוא דתן ואבירם. "הוא דתן ואבירם בהוויתן ורשעתם ואין להם שום תקנה אחר מיתתם". בשלמא קרח "אעפ"י שגם הוא היה מהנבלעים מכל מקום איננו הוא קרח בהוויתו שהרי בני קרח לא מתו וברא מזכה אבא. אבל דתן ואבירם גם בניהם ואהליהם וטפם נבלעו, א"כ הוא דתן ואבירם בהוויות רשעם לעולם".

האָט מהר"י דזשיקעווער זצ"ל אָנגעוויזן אויף וואָס דער חתם סופר זאָגט אין דרשות חתם סופר לז"ך אלול (שנת תקפ"ח, דף שס"ב, ד"ה וליישב): "דרשעי ישראל אפילו המוחלטים ועונשם בגיהנם מ"מ זוכים שהקב"ה עושה ניסים על ידי מיתתם להפליא, כדי שישמעו אנשים ויקחו מוסר, כדי שעל ידי זה יהיה תיקון לנשמתם, כמו קרח ודתן.... מה שנענשו בעולם הזה על דרך פלא ומופת הוא להזהיר את ישראל ליקח מוסר שיהיה בזה תיקון קצת לנשמתם. משום הכי משה רבינו ע"ה החזיר בתורה מיתת דתן ואבירם, 'ואשר עשה לדתן ואבירם', וזה עושה הקב"ה לרשעי ישראל לבל ידח ממנו נדח לגמרי, כי אעפ"י שרשעים הם מ"מ ממעי קדוש בית ישראל יצאו, ובית צדיקים יעמוד לעולם".

רבי יודא'לע דזשיקעווער פלעגט געבן פאַר זיינע תלמידים עטליכע טעג צו פאַרענטפערן די סתירה. (רשימות תלמידים, בשם הג"ר מנחם מאָנדרער זצ"ל, און אַנדערע). ווען זיי האָבן נאָך עטליכע טעג נישט געהאַט קיין תירוץ האָט דער דזשיקעווער רבי זיי געזאָגט:

"וואָס פאַרשטייט איר נישט? די תורה אין חתם סופר על התורה האָט דער חתם סופר געזאָגט, און געשריבן, פרשת פנחס, וואָס פאַלט אויס אין די ימי בין המצרים. דעמאָלט איז יקוב הדין את ההר. אָבער די דרשה אין דרשות חתם סופר איז דאָך געזאָגט געוואָרן ז"ך אלול, אין די ימי הרחמים והרצון. אין אַט די טעג מוז מען טרעפן אַ זכות אפילו אויף רשעים ווי דתן ואבירם, כי לא ידח ממנו נדח!"

## "מכניסי רחמים"

די תפלה פון "מכניסי רחמים" ביי סליחות האָט ער ווי באַקאַנט נישט געזאָגט. ער פלעגט מאריך זיין מיט נפילת אפים ווילאַנג דער ציבור האָט געזאָגט מכניסי רחמים.

אין שו"ת חת"ס או"ח סימן קס"ו ברענגט ער וואָס דער מהר"ל זאָגט אין "נתיבות עולם", אַז מיר נויטיגן זיך נישט אין קיין מלאכים אַלס פאַרמיטלער. דער רבונו של עולם אַליין איז דירעקט מקבל אונזערע תפילות. נאָכ'ן ברענגען דעם מהר"ל פירט ער אויס אין דער תשובה: "ולדברי הגאון הנ"ל גם פזמון מלאכי רחמים, וסליחה י"ג מדות האמורות בחנינה, יש למנוע. מ"מ אנו אומרים עם הצבור, הן קל כביר לא ימאס, ודילוגו עלי אהבה. אך מכניסי רחמים דרכי להאריך בנפילת אפים עד שהגיע שליח ציבור לשומר ישראל".

## ראש השנה

דעם נאָמען ראש השנה געפינען מיר נישט אין דער תורה. אדרבה, דער טאָג האָט געהאַט דעם נאָמען "תקופת השנה" ווי מיר זעען אין תנ"ך. נאָר אין יחזקאל (מ', א') זעען מיר אַז יוה"כ ווערט באַצייכנט אַלס ראש השנה. נאָר אין חז"ל ווערט דער טאָג אָנגערופן ראש השנה. זאָגט דער חתם סופר (דרשות חת"ס, דרוש לר"ה שנת תקס"א):

"וטעמא נראה לי כשכל ישראל צדיקים גמורים והשנים כתיקונן ובימים אלו מוסיפים אומץ ע"י מעשים טובים שעשו, אזי מתיחסים על העבר תקופת השנה, ולא על העתיד, כי מי יודע מה יולד יום, אולי לא יהי' טובים כאלו. ונוח לימים הקדושים האלו להיות זנב לשנה העברה ולא לראש השנה הבאה. משא"כ יחזקאל שראה אחר החורבן שחזקת השנים מקולקלים בעוו"ה מלוכלך בחטא והימים האלו באים לכפר, ומקבלים עלינו לתקן להבא ולא לשוב לכסלה ע"כ מתייחס ראש לשנה הבאה".

## ספרי חיים וספרי מתים

אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה: מפני מה אין ישראל אומרים שירה בראש השנה ויום הכיפורים? אמר להם, אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה? (ראש השנה ל"ב, ע"ב).

זאָגט דער חתם סופר (דרשות חת"ס ח"ב שנ:): היות ווי מיר האָבן בקבלה אַז די "נשמות הקדושות שכבר מתו, ונשמות האבות מצטרפים עמנו בבית הכנסת בתפלתינו", איז וויבאַלד די נשמות פון די מתים געפינען זיך אין בית המדרש, זאָגן מיר נישט קיין שירה, ווייל די מתים קענען נישט זאָגן קיין שירה. "כי המתים אעפ"י שמתפללים עמנו ותפלתם עושה רושם מ"מ שירה אינם יכולים לומר עד תחיית המתים, דאז כתיב (ישעי' כ"ו) 'הקיצו ורננו שוכני עפר', אבל בעולם הזה 'לא המתים יהללו י-ה ולא כל יורדי דומה', על כן כיון שספרי חיים וספרי מתים פתוחים, אי אפשר לומר שירה מפני המתים המצורפים בתפלתינו".

## די סימנים

די ערשטע נאַכט האָט מען געברענגט צום טיש אַלע סימנים וואָס ווערן אויסגערעכנט אין שולחן ערוך, לויט דער גמרא אין כריתות און אין הוריות. אַ גרופּע אויסגערופענע תלמידים, תלמידי חכמים ויראי השם, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט בודק זיין די ירקות פון יעדן חשש תולעים. (לקחב"ח עמוד תי"ג).

שרייבט זיין תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט אין לקוטי חבר בן חיים: "וזולת ירקות אלו, וירק סאלאט למרור בליל פסח, לא בא שום עלה ירוק כל השנה על שולחנו. ואמרו משמו, שהיה מעיד על עצמו אשר מיום שעמד על דעתו לא בא עלה ירוק לתוך פיו".

## "ואילי צאנך לא אכלתי"

אויפ'ן פסוק "ואילי צאנך לא אכלתי" זאָגט ער אַן אינטערעסאַנט וואָרט אין חתם סופר על התורה (פרשת וישלח).

שוין די אבות האָבן געהאַט דעם מנהג, זאָגט דער חתם סופר, פון עסן אַ ראש איל אין טאָג פון עקידת יצחק. "שהיה מנהג אבותינו ביום עקידת יצחק לאכול ראש איל זכר לעקידתו". דאָס האָט יעקב געזאָגט צו לבן. דעם ראש איל וואָס כ'האָב געגעסן האָב איך נישט גענומען פון אילי צאנך.

הגאון רבי יודא גרינוואַלד זצ"ל, סאַטמאַרער רב, דער בעל "שבט מיהודה", איידעם פון חתם סופר'ס זון רבי יוסף יוזפא זצ"ל, שרייבט סוף פון זיין ספר "שירת משה" (סאַטמאַר תרס"ה) וואָס ס'האָט אים דערציילט איינער פון די משמשים פון חתם סופר:

"שמעתי מאחד שהיה משמשו, שביום א' דראש השנה באשמורת הבוקר אחר שעה שנייה לאחר חצות הלילה קרא אותו רבינו ללמוד יחד בעיון עמוק הסוגיא "השוחט בשבת", ולמדו עד אור היום. אבל עד שעה שנייה לא ידע מה היה מעשה רבו, כי היה סגור חדר לפנים חדר".

## בעל קורא ימים נוראים: דער צדיק נסתר רבי יוסף לעצעטע זצ"ל

דער בעל קורא ימים נוראים, ווי אויך דער בעל קורא פון די ארבע פרשיות, איז געווען אַ איד אַ צדיק מיט'ן נאָמען רבי יוסף לעצעטע זצ"ל, וועלכער איז שפּעטער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צדיק נסתר. שרייבט דער ווערבויער רב הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל אין זיין ספר "אבני בית היוצר" חלק ב' סימן כ"ה:

"הצדיק וחסיד התמים מו"ה יוסף לעצעטע זצ"ל, תלמיד מובהק למרנא הגאון מהר"ם ברבי זצ"ל, אב"ד פרעשבורג משנת תקכ"ד עד ה' אב תקמ"ט. הוא היה מצדיקים בנעלם, והוא היה קורא בתורה בימים נוראים וד' פרשיות לפני מרנא בעל החתם סופר זצ"ל, בלי קבלת פרס. וקריאתו היה בדקדוק גדול לקרות כנקודתן וכהלכתן. ומסדר קריאתו היה משמעות להכתובים ע"פ דרשות חז"ל. והיה נזהר מאוד בטעמי הפסוקים. והיו הנקדנין כוספי"ם אותו על כך לשמוע ממנו קריאתו בספר התורה. גם מירר יוסף לבכות בכיה רבה ביום צום הקדוש והנורא יום הכיפורים בעת קרא פרשת אחרי מות על אובדהון דצדיקיא".

## "רחמנא אמר תקעו"

דער בעל תוקע אין פרעשבורג איז געווען הגה"צ רבי שמואל דייטש זצ"ל, בעמח"ס "עבודת קרבנות בביהמ"ק", מגדולי תלמידי החתם סופר. רבי שמואל דייטש איז געווען אַן איידעם ביי הגאון רבי מרדכי טאַסק זצ"ל, דער ראש בית דין פון פרעשבורג. נאָך דער הסתלקות פון רבי מרדכי טאַסק אין שנת תקצ"ז איז הגאון רבי דניאל פרוסטיץ זצ"ל געוואָרן ראש בית דין. נאָך רבי דניאל'ס הסתלקות אין שנת תר"ו, שוין בזמן פון כתב סופר, איז געוואָרן ראש בית דין הגאון רבי שלמה זלמן באַניהאַד זצ"ל, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי שמואל דייטש, דער בעל תוקע ביים חתם סופר.

דערציילט דער לקוטי חבר בן חיים: רבי שמואל דייטש איז אַמאָל געקומען צום חתם סופר, בעטן ער זאָל אים אויסלערנען די כוונות פון די תקיעות, ווי דער מגן אברהם אין סימן תקפ"ה ס"ק י"א ברענגט פון של"ה הקדוש.

האָט דער חתם סופר געעפנט אַ חומש במדבר און אים געוויזן דעם

פסוק אין פרשת פנחס: "יום תרועה יהיה לכם". דאָס דאַרפט איר אינזין האָבן. מקיים צו זיין די מצוה פון יום תרועה יהיה לכם.

הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער ברענגט אין "משכיל אל דל" (חלק ד', כלל ג') וואָס ער האָט אַמאָל געהערט דעם חתם סופר זאָגן בדרך צחות: דערפאַר איז דער רב פון שטאָט דער בעל מקריא, כאָטש יעדער איד ווייסט דאָך וויאַזוי צו זאָגן תקיעה תרועה תקיעה, ווייל אויב וועט אַ פשוט'ער איד זיין דער בעל מקריא וועט ער אינגאַנצן מבולבל ווערן פון די אַלע שמות פון מלאכים וואָס ער זעט געדרוקט אין די מחזורים, מיינענדיג אַז אין דעם באַשטייט די מצוה פון תקיעת שופר. דערפאַר איז דער רב, אַ תלמיד חכם, דער בעל מקריא, ווייל ער ווייסט, אַז די עיקר מצוה איז רחמנא אמר תקעו, דער אויבערשטער האָט געהייסן בלאָזן.

## די מצוה פון תקיעת שופר איז בלויז הערן, כדי דער ס"מ זאָל נישט האָבן קיין אחיזה

די מצוה פון תקיעת שופר זאָגט דער רמב"ם איז צו הערן, נישט צו בלאָזן. דערפאַר מאַכט מען די ברכה "לשמוע קול שופר", נישט "לתקוע". זאָגט דער חתם סופר אַ דבר נפלא. דאָס איז דערפאַר, זאָגט ער, ווייל הערן אַ קול איז אַ זאַך וואָס מען קען נישט אָנכאַפּן מיט די הענט. קען די סיטרא אחרא נישט האָבן קיין אחיזה דערין.

"דמש"ה מברכים לשמוע קול שופר ולא לתקוע, וא"צ לאוחזו בידו כלל, ואפילו מונח על שום דבר ונובח בו יוצא. וטעמא נראה לי דראש השנה יום הדין, ולא רצה הקב"ה שיהיה שום אחיזה להס"מ, וכל שהוא גשמיות וארציות יש לו אחיזה, משא"כ הקול שיוצא מהשופר וכו' אין אחיזה לס"מ כלל". (דרשות חת"ס חלק ג' ב' ד"ה כתיב).

## דעם חתם סופר'ס אייגנאַרטיגע תרועה

הגאון רבי משה שטערנבוך, ראב"ד ירושלים שליט"א, ברענגט אין "מועדים וזמנים" ח"א סימן ה' אות י' בהערה אין נאָמען פון הגאון רבי ישראל וועלץ ראב"ד פעסט זצ"ל, בעמ"ח שו"ת "דברי ישראל", אַז די תרועה אין פרעשבורג ביים חתם סופר איז געווען אַנדערש ווי עס איז היינט דער מנהג אין דער גאַנצער וועלט. אַנשטאָט מיט דער צינג איבערגעהאַקטע קולות פון טו-טו-טו, זענען זיי געווען מער ווי אַ ציטערדיגע קול פון קורצע תקיעה'ס.

אין "מועדים וזמנים" שרייבט ער, אַז אַזוי שטייט מפורש אין סידור רב סעדיה גאון, און אַז אַזוי ווערט אויך געברענגט אין מגדל עוז הל' שופר אין נאָמען פון רבינו שרירא גאון און רב האי גאון, שכל דבריהם דברי קבלה, און אַז אַזוי בלאָזן אויך די תימנ'ער אידן. (זע אויך "פסקי תשובות" סימן תק"צ סעי' ב').

מ'זאָגט אַז דער מנהג שטאַמט פון פראַנקפורט און אַז אַזוי האָט מען געבלאָזן אין דייטשלאַנד.

## "הסובל ומעלים עין משוררים"

אַ גאַנץ יאָר האָט דער חתם סופר געדאַווענט ביי זיך אין בית המדרש, אין "שיעור שטובע". אין די ימים נוראים האָט ער אָבער געדאַווענט אין דער גרויסער שטאָטישער שול.

בדרך כלל איז אים שטאַרק נישט ניחא געווען צו הערן אַ חזן מיט אַ כאָר פון משוררים. אין דער גרויסער שול אין פרעשבורג האָבן אָבער ווי באַקאַנט געהאַט שטעלעס די גרעסטע חזנים אין דער וועלט. (שפעטער איז דאָרט געווען חזן דער ערליכער וועלטס-חזן ר' יאָסעלע ראָזענבלאַט ע"ה). דאָך האָט דער חתם סופר ימים נוראים, און געוויסע תפילות שבתים און ימים טובים, געדאַווענט אין דער גרויסער שטאָטישער שול. לכבוד דער קהילה האָט ער גאָרנישט געזאָגט.



די "שיעור שטובע", וואו דער חתם סופר האט געדאווענט אַ גאנץ יאר

הגאון רבי פנחס יודא ליבערמאַן זצ"ל, (בעמח"ס "לב טהור" על חובת הלבבות, ו"טוב ירושלים" על הרמב"ן) אַן אייניקל פון חתם סופר, האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט דער חתם סופר געזאָגט בדרך צחות וועגן זיין דאַווענען אין דער שול אין די ימים נוראים: "הסובל, ומעלים עין משוררים..."

(ר' יאָסעלע ראָזענבלאַט איז אגב 5 יאָר געווען הויפּט חזן אין פרעשבורג, פון תרס"ב ביז תרס"ו, אין דער צייט פון שבט סופר. פאַר דעם איז ער געווען חזן אין מונקאַטש. אין פרעשבורג איז ער ווייטער געגאַנגען אין שטריימל-בעקישע, שלא כמנהג המקום. די פרעשבורגער אויבעלענדער אידן האבן אים אבער מחשיב געווען צוליב זיין יראת שמים).

## ראש השנה שחל בשבת

דערפאַר האָבן חכמינו ז"ל געקענט מעמיד זיין דבריהם נישט צו בלאָזן ווען ראש השנה געפאַלט אום שבת, זאָגט דער חתם סופר, ווייל צוליב קדושת השבת איז מדת הדין מבוסם וממותק: "כשחל בשבת אזי מקודשת השבת מידת הדין מבוסם וממותק, ומשום הכי יכלו חכמים להעמיד דבריהם דלא לתקוע, כי בלאו הכי הדין רפה וממותק".

(דרשות חת"ס ח"ב דף שס"א טור ג' ד"ה ריש פרק).

## בספרן של צדיקים

אויף דער גמרא אין ראש השנה (ט"ז ע"ב) "ג' ספרים נפתחים בר"ה, צדיקים נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים" זאָגט דער חתם סופר:

"נלע"ד, בר"ה הקב"ה חופש כל חדרי בטן, בוחן כליות ולב, אם זך וישר הוא וכל מחשבתו וכל מעשיו הוא לשמים וכל מגמת פניו במסילה העולה בית א-ל, אזי נכתב בספרן של צדיקים הנקראים חיים. ויש בזה נפקותא כגון שנהנין ממנו עצה ותושיה, וכל הדברים הנאמרים בצדיק, ע"י שכבר נחלט בר"ה לצדיק גמור. ואעפ"י שבאמצע השנה יחטא חטא אשר יהי' ראוי להקרא רשע בשביל החטא הזה, מ"מ אין דנין אותו אלא כצדיק".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

ל

# דער הייליגער
# חתם סופר



## עשרת ימי תשובה
## יום הקדוש

[פאָרזעצונג פון פריער]

### בין כסא לעשור

יעדן טאָג פון די עשרת ימי תשובה האָט ער געפאַסט. זיין אייניקל דער "חתן סופר" שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר אויף חושן משפט, אַז אויך אויף דער עלטער האָט ער געפאַסט יעדן טאָג פון די עשרת ימי תשובה.

*

אין די עשרת ימי תשובה האָט ער פאַרמיטאָג טעגליך פאָרגעלערנט רמב"ם הלכות תשובה פאַר זיינע תלמידים. (לקוטי חבר בן חיים עמוד תי"ג).

*

די שבת שובה דרשה האָט ער געהאַלטן אין דער גרויסער שול פאַר קריאת התורה.

*

אויפ'ן גליון אין דער זייט פון זיין "פרי חדש" אויף שולחן ערוך או"ח סימן תכ"ח, ביי מחזור רצ"א, האָט דער חתם סופר צוגעשריבן ביי שנת תקכ"ג: "נ"ב: בו נולדתי ז' תשרי סמוך לקבלת שבת לאי"ט".

יענעם טאָג, ז' תשרי, פלעגט ער אַלע יאָר מסיים זיין מיט די תלמידים חומש רש"י מיט רמב"ן ביז סוף וזאת הברכה. יעדן בחור וואָס איז געווען ביים שיעור האָט ער געגעבן 4 צעל, אַ קליינע מטבע, אויף צו קויפן זיך דערמיט אַ מילכיג קוכל.

### יום הקדוש

ערב יום הקדוש האָט ער געמאַכט התרת נדרים פאַר אַ מנין פון צען מענטשן מיט אַ חתימת זקן. נישט באַקאַנט צי חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט געמאַכט התרת נדרים ערב ראש השנה. אין די תולדות פון זיין תלמיד דער מהר"ם א"ש שטייט אַז דער מהר"ם א"ש האָט געמאַכט התרת נדרים סיי ערב ראש השנה און סיי ערב יום הקדוש. מסתמא האָט ער דאָס גענומען פון זיין רבי'ן דער חתם סופר.

*

ערב יום הקדוש פאַר חצות האָט ער זיך גע'טובל'ט. חצות האָט ער געגעסן די סעודה. שפּעטער נאָך דער סעודה המפסקת האָט ער זיך נאָכאַמאָל גע'טובל'ט.

הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו (זכרון למשה עמ' י): "שמעתי מרבים וכן שלמים שבערב יוהכ"פ אחר תפלת מנחה הי' נורא מאוד מראהו, וממש אש ליהטה סביביו".

### "איך האָב באַזוך געהאַבט. אליהו הנביא וואָר ביי מיר"

זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב, רבי שלמה סופר זצ"ל, שרייבט אין "חוט המשולש" עמ' קי"א, וואָס עס האָט אים דערציילט זיין פעטער הגאון רבי משה טובי' לעהמאַן זצ"ל, איידעם פון חתם סופר:

רבי משה טובי', וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר, איז אַלס חתן געקומען צום חתם סופר ערב יום כיפור נעמען אַ ברכה. ווען ער האָט געעפנט די טיר צום חתם סופר'ס צימער, שרייבט דער בערעגסאַזער רב, "ראה מה שראה", האָט ער געזען וואָס ער האָט געזען, "חזר לאחוריו לסגור הדלת, ונתעלף", האָט ער צוריקגעטרעטן צו פאַרמאַכן די טיר, און האָט גע'חלש'ט.

פלוצים האָט דער חתם סופר געעפנט די טיר, איז אַרויס צו אים און אים געפרעגט: "האָסטו וואַס געזען?"

"איך האָב מיך דערשראָקן", האָט ר' משה טובי' געענטפערט, "כ'האָב געזען אַ פייער".

זאָגט אים דער חתם סופר: "איך האָב באַזוך געהאַבט, אליהו הנביא וואָר ביי מיר".



**כתי"ק פון הייליגן חתם סופר**
**דרשה לשבת שובה שנת תקו"ן**

דער מאַטערסדאָרפער רב הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט די מעשה געהערט פון זיין מומע הצדקת מרת שמחה לעהמאַן ע"ה, טאָכטער פון חתם סופר, רעביצין פון רבי משה טוביה לעהמאַן. (הגאון רבי יודא הכהן שטראַסער שליט"א, "ספרא רבה דישראל" עמ' קכ"ג).

ר' ישראל שטערן ז"ל פון לאָנדאָן האָט דאָס געהערט פון פרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל, דער בעל "דעת סופר". אין קונטרס "והריקותי לכם ברכה" (לאָנדאָן תשכ"ב שרייבט ר' ישראל שטערן:

"סיפר לנו (בעל דעת סופר) שבהיותו בערך בן ט"ז שנים והיו יושבים בחג הסוכות בסוכתו של אביו מרן השבט סופר זצ"ל, ובא דודו הגה"צ מוה"ר משה טובי' לעהמאַן זצ"ל, (שהי' חתנו של מרן החת"ס, שנשא את בתו מרת שמחה ע"ה), לבקרו בתור המרא דאתרא. הג"מ משה טובי' הנ"ל הי' זקן וחלש, ממש גל של עצמות, וכאשר הי' בוצע על הלחם לא הי' בכוחו לחתוך חתיכת מוציא והיו צריכים לעזור לו. אולם כאשר התחיל לדבר מחותנו מרן החת"ס נהפך לאיש אחר והי' ממש קופץ בכח בכל עצמותיו".

"ושם באותו מעמד סיפר שפעם אחת בערב יום הכיפורים בהיותו 'חתן' הלך לבית מרן החת"ס המיועד להיות חותנו לקבל ברכתו, וכאשר פתח הדלת לחדר רבינו החת"ס ראה מה שראה וחזר לאחוריו לסגור הדלת ונתעלף. אנשי הבית טפלו בו עד ששב רוחו אליו, ופתאום נפתח הדלת ומרן החת"ס יצא ושאלו "האָסט דו וואַס געזען?" והשיב "איך האָב מיך דערשראָקן, איך האָב געזען אַ פייער". ועל זה אמר מרן החת"ס: "איך האָב באַזוך געהאַבט, אליהו הנביא וואָר ביי מיר". כל זה שמע מרן הדעת סופר מפיו".

שרייבט ר' ישראל שטערן, אַליין אַן אייניקל פון חתם סופר און אַ חובב ספרים וכתבי יד, אַז ווען ער האָט דערציילט די מעשה פאַר'ן פשעוואָרסקער רבי'ן הגה"צ רבי יעקב לייזער זצ"ל אין אַנטווערפּן האָט ער אים געהייסן עס איבערדערציילן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. רבי יאַנקל'ע האָט דערנאָך אַליין איבערגע'חזר'ט די ווערטער "האָסטו וואַס געזען?", "איך האָב באַזוך געהאַט".

רבי יאַנקל'ע האָט אים דאַן געזאָגט: ידידי ר' ישראל, איין בקשה בעט איך דיך. ווען דו וועסט דרוקן אַ ספר פון חתם סופר זאָלסטו אויפ'ן לעצטן דף שרייבן ווי פאָלגענד: "לבקשת ידידי יאַנקל לייזער מאַנטווערפּן אני רוצה להדפיס עובדא זו". דו האָסט דאָך אַליין געהערט די מעשה פון רבי עקיבא סופר, וועלכער האָט עס אַליין געהערט פונעם בעל המעשה רבי משה טוביה לעהמאַן. אַזאַ מעשה איז אַ מצוה צו דרוקן".

## "איך מוז דאָס נאָך מיטנעמען אין שול"

הגה"צ רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל גאב"ד עיה"ק ירושלים שרייבט אין אַ בריוו, געדרוקט אין "זכרון למשה" שנת ת"ש, וואָס ער האָט געהערט פון עדים נאמנים תלמידי החתם סופר, וועלכע האָבן דאָס געהערט פון דעם בעל המעשה ר' אברהם צבי ווינדער ז"ל, אַ תלמיד פון חתם סופר.

אַמאָל ערב יום כיפור נאָך מנחה האָט דער חתם סופר, וואָס ווי הרב דושינסקי שרייבט "היה נורא מאוד מראהו, וממש אש ליהטה סביביו", געשיקט זיין משמש רופן דעם בחור אברהם צבי ווינדער, וועלכער איז געווען אַ "תלמיד מופלג והגיע כבר לפרק נשואין". ר' אברהם צבי האָט שפּעטער דערציילט, אַז אַ פחד איז אים באַפאַלן. וואָס קען דער רבי ווילן פון אים אין אַזעלכע ערנסטע, די סאַמע ערנסטע מינוטן פון יאָר?

מלא פחד איז ער געקומען צו גיין. מיט ציטער און שרעק האָט ער געעפנט די טיר פון חתם סופר'ס צימער. דער חתם סופר האָט שפּאַצירט פאַר'מוח'ט אַרויף און אַראָפּ. ווען ער האָט אים באַמערקט האָט אים דער חתם סופר געפרעגט: "דו ביזט דאָ?". זאָגט ער: "יאָ, דער רבי האָט מיך געלאָזט רופן".

"איך וויל אַז דו זאָלסט מסכים זיין צו וואָס איך וועל דיך בעטן", זאָגט אים דער חתם סופר.

"אויב כ'וועל זיין ביכולת", ענטפערט דער בחור, "וועל איך זיכער פאָלגן וואָס דער רבי פאַרלאַנגט".

"דאָ אין שטאָט", זאָגט אים דער חתם סופר, "איז דאָ אַ יתומה. נישטאָ ווער ס'זאָל זיך אומקוקן איר חתונה צו מאַכן. איך וויל אַז דו זאָלסט מיט איר חתונה האָבן".

דער בחור איז קודם געוואָרן אינגאַנצן מבולבל. טראָץ וואָס ער איז געווען מלא פחד האָט ער זיך געשטאַרקט און זיך אָנגערופן: "רבי, אָבער מהיכן ירק זה חי?". דאָס הייסט: פון וואו וועט ער האָבן פרנסה?

זאָגט אים דער חתם סופר: "כ'בין דיר מבטיח, אַז פרנסה וועט דיר קיינמאָל נישט פעלן". דער בחור האָט גלייך מסכים געווען און דער שידוך איז געוואָרן. פון גרויס שמחה האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן: "דעם זכות פון דער מצוה נעם איך מיר מיט צום יום הדין".

הרב דושינסקי שרייבט אין דעם בריוו אַז ר' אברהם צבי ווינדער האָט געזאָגט, אַז כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט פאַרדינט קיין גרויסע זאַכן האָט אים אָבער קיינמאָל גאָרנישט געפעלט און ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום דאגות.

## "דאָ האָט מען גילוי אליהו, און דאָס מוז מען מיטנעמען אין שול!"

ערב יום הקדוש פאַר כניסת היום פלעגט דער חתם סופר פיל מאָל עוסק זיין אין מזווג זיין זיווגים פאַר די וואָס קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום.

צווישן די כתבים פון מאַטערסדאָרפער רב הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ"ל האָט זיין תלמיד הגאון ר' יודא הכהן שטראַסער שליט"א געפונען וואָס דער מאַטערסדאָרפער רב האָט פאַרצייכנט פון וואָס ער האָט אַלץ געהערט פון חתם סופר'ס טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן ז"ל.

אַמאָל האָט דער חתם סופר ערב יום הקדוש נאָכמיטאָג גערופן איר, הצדיקת מרת שמחה לעהמאַן, און איר שוועסטער הצדיקת מרת הינדל, זיי זאָלן שוין גיין אָנטראָגן אַ שידוך פאַר אַ מיידל אַ יתומה מיט אַ געוויסן בחור אַ יתום, אַ תלמיד אין דער ישיבה פון חתם סופר. דער חתם סופר האָט געבעטן דער שידוך זאָל קומען לידי גמר גלייך נאָך יום הקדוש (ספרא רבא דישראל" עמוד קי"ב).

די זעלבע מעשה האָט אויך דערציילט דער "דעת סופר", ווי דאָס ווערט געברענגט אין קונטרס "עטרת זקנים" עמוד פ"א.

מרת שמחה לעהמאַן האָט דעמאָלט געפרעגט פון איר טאַטן דער חתם סופר: "ערב יום הקדוש?".



**דער חתם סופר שרייבט אויבן: "מה שחנני ה' דרוש לשבת שובה תקו"ן לפ"ק פה דרעזניץ "אשרי אדם" שומע לי לפ"ק".**

האָט דער חתם סופר איר געענטפערט: "איך מוסט דאָס נאָך מיטנעמען אין שול".

ווען דער פרעשבורגער רב, רבי עקיבא סופר, דער "דעת סופר", האָט דערציילט די מעשה האָט ער אויסגעפירט: "דו פאַרשטייסט? דאָ האָט מען גילוי אליהו, און דאָס מוז מען מיטנעמען אין שול!".

*

מאַטערסדאָרפער רב שרייבט אויך אין זיינע כתבים, אַז מרת שמחה לעהמאַן ז"ל האָט אים דערציילט אַז "דער רבי" (דעם חתם סופר'ס קינדער האָבן גערופן דעם טאַטן "דער רבי") האָט אויף יום כיפור נישט איבערגעלאָזט קיין פרוטה אין שטוב נישט פון זיינע אייגענע געלטער און נישט פון די פדיונות וואָס מענטשן האָבן אים געברענגט דורך די עשרת ימי תשובה. אַמאָל האָט ער באַקומען געלט ערב יום כיפור נאָכמיטאָג האָט ער איר געהייסן שוין לויפן צעטיילן דאָס געלט צו צוויי אָרימע תלמידי חכמים אין דער שטאָט. ("ספרא רבא דישראל" עמוד קי"ב).

*

אפילו נאָכדעם וואָס בודאַפּעסט איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון אונגאַרן פלעגט מען דורכפירן די קרוינונגס צערעמאָניעס פון קעניג אין פּרעשבורג. אין שנת תקצ"א איז דער טאָג פאַר קרוינען דעם קעניג פערדינאַנד באַשטימט געוואָרן אויף יום כיפור.

טראָץ די באַמיאונגען און די אינטערווענץ פון די ראשי קהילה אָפּצושטופּן דעם דאַטום איז דאָס זיי נישט געראָטן. דער חתם סופר האָט דערפון געהאַט גרויס צער, וויסנדיג אַז דאָס קען חלילה גורם זיין צו חילול יום הקדוש ביי אַסאַך אידן.

דערציילט מרת שמחה לעהמאַן, אַז יענעם ערב יום כיפור איז דער טאַטע דער חתם סופר נישט אַהיים פון שול נאָך שחרית, טראָץ דער מצוה פון עסן ערב יום כיפור. ער איז געבליבן אין שול און מתפלל געווען ביז מיטאָג.

נאָך חצות האָבן שוואַרצע וואָלקענעס באַדעקט דעם גאַנצן האָריזאָנט. פּלוצים האָט אַ בייזע זאַוואַרוכע גענומען בושעווען און אַ שלאַקס רעגן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער שטאָט. פון די ווינטן און פון די רעגנס זענען אַלע טויערן און אַלע דעקאָראַציעס וואָס זענען במשך פון וואָכן געבויט געוואָרן לכבוד דער צערעמאָניע געוואָרן חרוב ונחרב. דער טייך דונאַי האָט פאַרפלייצט די שענסטע געגנטן און הונדערטער מענטשן זענען געבליבן אָן אַ דאָך איבער'ן קאָפּ.

די קרוינונגס צערעמאָניע איז נאַטירליך אָפּגעשטופּט געוואָרן אויף נאָך סוכות.

מרת שמחה לעהמאַן, וועלכע האָט דערציילט די מעשה, האָט געזאָגט, אַז אַ טאָג נאָך יום כיפור איז דער חתם סופר שטאַרק נישט געזונט געוואָרן. במשך פון עטליכע וואָכן האָט ער זיך געפונען אין אַ סכנה, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

אין דרשות חתם סופר פון שבת תשובה פון יענעם יאָר, ח' תשרי תקצ"א, וואָס ער האָט אָפּגעשריבן שוין נאָך יום הקדוש, שרייבט דער חתם סופר באריכות איבער דער מעשה אין דער גמרא אין ברכות ל"ב ע"ב, וועגן אַ חסיד שהיה מתפלל בדרך בא שר אחד ונתן לו שלום ולא החזיר לו שלום. דער חתם סופר איז מסיים אין דרשות חתם סופר: "והארכתי והמתקתי דבר זה יען היינו סבורים שהשעה צריכה לכך שתהיה כתירת המלך בעיה"כ או ביה"כ וא"א בלי דחיית איזה ענינים ממנהגי ישראל בימים הקדושים. ובו"ה שנדחה הדבר ולא הוצרכנו לכך".

אין שו"ת חתם סופר אה"ע ח"ב ריש סימן נ', געשריבן ט' כסליו תקצ"א, שרייבט ער: "יקרתו הגיעני בזמנו, ובתוך אותן הימים נחליתי בעו"ה והייתי כמה שבועות בסכנה עצומה, וברוך הרופא חינם".

*

נאָך דער סעודה המפסקת זענען זיינע קינדער און משפחה געקומען צום חתם סופר אין שטוב. ער האָט זיי געבענטשט בדמעות שליש און געבעטן זיי זאָלן אויך מתפלל זיין פאַר אים.

*

אין אוצרות הסופר קובץ ט"ו עמ' ס"ב ווערט געברענגט פון הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, דער בעל שבט הלוי, וואָס ער האָט געהערט פון הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, וועלכער האָט עס געהערט פון איינעם וואָס איז אָנוועזנד געווען בשעת מעשה אין דער שול אין פּרעשבורג ביים חתם סופר:

דער חתם סופר איז אַמאָל אָנגעקומען שפּעט אין שול ערב יום כפור פאַרנאַכטס, צוליב דעם וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט אַ שידוך פאַר אַ יתומה. אינמיטן דער כל נדרי דרשה האָט איינער פון די גבאים געהאַט די חוצפה אים צו ווייזן אויפ'ן זייגער, אַז ס'איז שוין באַלד די שקיעה און מען דאַרף שוין אָנהייבן כל נדרי. האָט דער חתם סופר יענעם געזאָגט: אין הימל איז מען קובע דעם זמן פאַר כל נדרי ווען די צדיקים אויף דער וועלט הייבן אָן זאָגן כל נדרי.

*

די כל נדרי דרשה האָט ער תמיד אָנגעהויבן מיט'ן שטעלן זיך אויף דער לעצטער משנה אין יומא "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם".

זיין תלמיד דער בעל "מחנה חיים" שרייבט, אַז יאָרן לאַנג האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין רבי דער חתם סופר האָט שטענדיג אָנגעהויבן מיט דעם מאמר חז"ל.

"שמעתי ממרן החתם סופר ז"ל בכל ערב יום כפור קודם כל נדרי שדרש על מאמר, אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל. וכן אני קטן שבתלמידיו נוהג אחריו. והיה תמיד לפלא בעיני מדוע בחר דייקא במאמר הנ"ל. וכעת יובן לי. שחז"ל סיימו מסכת יומא פרק יום הכיפורים במאמר של ר"ע שבו יום דהילולא דיליה. ועל כן בחר בו מרן ז"ל לדרוש עליו שיהיה שפתותיו דובבות ושיבקש עלינו רחמים. ומובן ג"כ המנהג שנהגו בתפוצות ישראל לומר בכל נדרי הפסוק אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה, דמבואר בפתיחת הספר אור זרוע שמצא במקרא זה מרומז בסופי התיבות שמו של רבי עקיבה ע"ש, ומנהגן של ישראל תורה". (שערי חיים משלי ט' ב').

*

נאָכ'ן דאַווענען איז ער געבליבן אין שול און אויסגעזאָגט מיט'ן ציבור ספר ראשון פון תהלים.

ער איז דערנאָך אַהיים צו זיך אין שטוב מיט אַ בינטל בשמים אין דער האַנט. די תלמידים וואָס האָבן אים דאָרט אָפּגעוואַרט האָט ער געגריסט מיט "גוט יום טוב".

## ומשה לא ידע כי קרן אור פניו

מו״ה ר׳ בצלאל שטערן ז״ל פון לאָנדאָן האָט דערציילט וואָס מרת שמחה לעהמאַן ע״ה האָט אים געזאָגט. אַמאָל איז הגה״צ דער נאַסאָדער רב זצ״ל געקומען איר באַזוכן און געבעטן זי זאָל אים דערציילן פון איר גרויסן פאָטער דער הייליגער חתם סופר. האָט זי אים געזאָגט אַז אַ גאַנץ יאָר האָט זי געקענט קוקן אין געזיכט פון איר פאָטער. חוץ יום כפור ביינאַכט, און פסח ביים סדר. די צוויי זמנים האָט זי נישט געקענט קוקן אויף אים ווייל ״ער האָט געשטראַלט ווי איין זאָנע״. געשטראַלט ווי די זון. (״אוצרות הסופר״ קובץ י״א עמ׳ פ״ד).

*

נאָכ׳ן אַהיימקומען פון שול האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים דעם ״סדר העבודה״. טייל שרייבן אַז ער האָט פאָרגעלערנט דעם סדר העבודה פון מחזור ביז ״מראה כהן״. ווידער זיין תלמיד הג״ר שמעון סידאַן ז״ל שרייבט אין זיין ספר ״שבט שמעון״ עה״ת (עמ׳ י״ז): ״ובליל יוה״כ כשבא מביה״כ התאספו בני הישיבה אצלו ולמד עמהם עבודת יה״כ ברמב״ם״.

אין ״פיתוחי חותם״, די הקדמה צו שו״ת יו״ד, שרייבט הגאון רבי שמעון סופר זצ״ל: ״שמעתי מפיו הקדוש (פון חתם סופר) מיום אשר החל ללמוד עם תלמידים לא עבר עליו יום בשנה שלא למד תורה ברבים חוץ מט״ב. גם בליל יוה״כ התאספו אליו העדרים ולימד אותם סדר עבודת ביהמ״ק שיבנה בב״א״.

הגאון רבי דוד לייב זילבערשטיין זצ״ל שרייבט אין זיין ספר ״שבילי דוד״ אויף אהע״ז (דף ז׳): התנא האלקי בעל חת״ס זצוק״ל.... שמעתי מאחד מגדולי תלמידיו כי בליל יום הכיפורים היה נכנס אצלו לשמוע מפיו כשהיה שונה מסכת יומא, היה הלימוד רגש בעצמותיו ובתמונותיו, עד כי היה מתדמה בעיני שומעיו כאילו כהן גדול בעצמו לפניו לעבוד עבודת יום הכיפורים״.

יום כיפור ביינאַכט האָט ער זיך נישט אַראָפּגעלייגט. דאָך איז ער געשטאַנען אויף די פיס אַ גאַנצן טאָג יום כפור ביים דאַווענען. (ליקוטי חבר בן חיים בהקדמה לח״ג).

אויף די עלטערע יאָרן, זאָגט דער ליקוטי חבר בן חיים, האָט ער זיך געלאָזט מתיר נדר זיין ער זאָל נישט מוזן שטיין ביים דאַווענען יום הקדוש. דאָס האָט אָבער נישט אויסגעפעלט. ווייל למעשה איז ער יאָ געשטאַנען.

*

דער ווערבויער רב, הגאון רבי יצחק ווייס זצ״ל הי״ד, שרייבט אין אלף כתב: ״סח לי זקן אחד שהחזן שעמד לפני התיבה בבית הכנסת הגדולה בפרעשבורג, ששם עמד מרן החתם סופר זי״ע בתפלה, סיפר שכל כך הוריד דמעה בשעת העבודה ביום הכיפורים עד שכל עלי המחזור הסמוכים של תפלת המנחה לא יכלו להפרידם זה מזה, מרוב דמעות שנתלחלחו בהם״.

## אידן זענען יום כפור אין דער מדריגה פון משה רבינו בהר, וואָס ״לחם לא אכל ומים לא שתה״

אין דרשות חתם סופר לז״ך אלול תקצ״ח זאָגט דער חתם סופר אַ בחינה, אַז דער תענית פון יום כיפור איז נישט לענות נפש ולצער ישראל, נאָר אידן זענען דאַן אויף אַזאַ הויכער מדריגה פון קדושה און דביקות בה׳ ווי מלאכי השרת און ווי משה רבינו בהר וואָס לחם לא אכל ומים לא שתה: ״תענית יום הכיפורים איננו לענות נפש ולצער ישראל ח״ו, כי אם מחמת קדושה וקריבות ודביקות כמלאכי השרת, והוא כענין מ׳ יום הראשונים והאחרונים שהיה משה רבינו ע״ה בהר, לחם לא אכל ומים לא שתה מדביקות וקדושה ונהנה מזיו השכינה. ודכתיב תענו את נפשותיכם איננו לשון עינוי, אלא התעוררות כמו (הושע ב׳) השמים יענו את הארץ״.

*

תפילת נעילה האָבן אים די ראשי הקהל אַלע יאָר מכבד געווען צו דאַווענען פאַר׳ן עמוד. ער האָט אָבער שטענדיג אָפּגעזאָגט.

## אברהם האָט מתקן געווען שחרית, יצחק מנחה, יעקב מעריב. ווער האָט מתקן געווען תפילת נעילה?

דער חתם סופר איז מחדש אַ דבר פלא: אברהם אבינו ווייסן מיר האָט מתקן געווען תפילת שחרית. יצחק, מנחה. יעקב, מעריב. ווער האָט מתקן געווען תפילת נעילה?

זאָגט דער חתם סופר, אַז נעילה האָט משה רבינו מתקן געווען. ווען האָט דאָס משה מתקן געווען?

די פינף הונדערט און פופצנטע תפילה וואָס משה רבינו האָט מתפלל געווען ער זאָל קענען אַריינגיין קיין ארץ ישראל איז געווען תפילת נעילה פון יום כיפור. אין דרשות חת״ס מאַכט ער אַ וואונדערליכן חשבון וויאַזוי תפילה תקי״ד איז אויסגעקומען די תפילה פון מנחה פון יום כיפור, ממילא איז תפילה תקט״ו געווען די תפילה פון נעילה פון יום כיפור. (דרשות החתם סופר דרוש לז׳ אב שנת תקצ״ג, ד״ה ונחזור).

*

מוצאי יום כיפור האָט ער גלייך עוסק געווען אין דער מצוה פון סוכה. ער האָט בודק געווען צי די סוכה איז מסוככת כראוי, מקיים צו זיין ״ילכו מחיל אל חיל״. (מנהגי חת״ס פ״ז סל״ב).

## דער פיוט ״המבדיל בין קודש לחול״ איז פאַרפאַסט געוואָרן פאַר מוצאי יום הקדוש.

דער פיוט פון ״המבדיל בין קודש לחול״ וואָס מיר זאָגן מוצאי שבת, זאָגט דער חתם סופר, איז באמת פאַרפאַסט געוואָרן פאַר תפילת נעילה מוצאי יום כיפור, נישט פאַר מוצאי שבת פון אַ גאַנץ יאָר.

ערשטנס איז אַזוי משמע פון מרדכי סוף מסכת יומא, אַז דער מקור איז אַ מנהג אשכנז פאַר מוצאי יום הקדוש. און צווייטנס, זאָגט דער חתם סופר, איז דאָס בולט אין די לשונות פון די חרוזים אין דעם פיוט.

דער פזמון דערמאַנט אַסאַך כפרת עוונות. חטאתינו הוא ימחול, על חטאי עבור תעבור, סלח נא על קל וחומר. וואָס האָט כפרת עוונות, סליחה ומחילה מיט אַ געהעריגן מוצאי שבת איבער׳ן יאָר?

יום פנה כצל תומר, חלפה עונת מנחתי, פתח לי שער המנוטל, דאָס אַלעס צייגט אַז מען רעדט פון מוצאי יום כפור בעת נעילת שער.

אקרא לא-ל עלי גומר איז נאָך אַ באַוויַז, זאָגט דער חתם סופר. ווייל די גמרא אין ירושלמי זאָגט אַז ״לא-ל גומר עלי״ גייט אַרויף אויף יום כפור, וואָס ״בית דין מקדשי ליה והקב״ה מסכים על ידם״. מה שאן כן שבת בראשית וואָס איז דאָך קביעי וקיימא.

פונדעסטוועגן, זאָגט דער חתם סופר, זאָגט ער אויך המבדיל יעדן מוצאי שבת, אַזוויוי די וועלט פירט זיך. ״אמנם אני בעצמי אומרו בכל מוצאי ש״ק, כאשר שמעתי וראיתי״. (שו״ת חתם סופר או״ח, תשובה ס״ז).

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**די ארבעה מינים – יאַנעווער אתרוגים – דער חתם סופר אַלס פייטן און משורר – פיוטים, פאַרפאַסט צווישן יום כיפור און סוכות – געגעבן מתנות כהונה: זרוע לחיים והקיבה און ראשית הגז – דער קדושת לוי און דער חתם סופר, ביידנ'ס יומא דהילולא כ"ה תשרי, מתנבאים בסגנון אחד מיט זייער וואָרט אויף "ראשון לחשבון עוונות"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## די ארבעה מינים

די ארבעה מינים האָט ער געקויפט נאָך יום הקדוש.

רבי עקיבא יוסף שלעזינגער שרייבט וואָס ער האָט געהערט נאָכזאָגן אין נאָמען פון חתם סופר: דער אויבערשטער איז מזמין אַן אתרוג לויט די תפילות פון די ימים נוראים. דערפאַר האָט ער געקויפט די ארבעה מינים ערשט נאָך יום כיפור. (שו"ת רבי עקיבה יוסף, האו"ח ח"ב סימן ת"ט).

## יאַנעווער אתרוג

דער חתם סופר האָט מהדר געווען צו נעמען אַ יאַנעווער אתרוג.

במשך פון פילע הונדערטער יאָרן האָבן אידן אין אייראָפּע גענוצט בלויז אתרוגים וואָס זענען געקומען פון יאַנעווע, איטאַליע.

אין שנת תקמ"ה, ווען די אידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע איז היבש געוואַקסן, האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מאַנגל אין יאַנעווער אתרוגים. האָבן אתרוגים סוחרים גענומען אימפּאָרטירן אתרוגים אויך פון דער שכנות'דיגער גריכענלאַנד, הויפּטזעכליך פון דעם גריכישן אינזל קאָרפו, וואָס געפינט זיך ביים מערב ברעג פון גריכענלאַנד, נעבן דער היינטיגער אַלבאַניע. (קאָרפו איז טייל פון די איאָנישע אינזלען – Ionian Islands – אין איאָנישן ים. "איאָן" איז "יוון", די אַמאָליגע מלכות יוון, דער אָריגינעלער נאָמען פון גריכענלאַנד).

אין קובץ תשובות שו"ת חת"ס שרייבט דער חתם סופר: "וזה משנת תקמ"ה בא תחילה למדינתינו (אתרוגים) מארץ קאָרפו, והיה רעש בעולם, עד שלבסוף החזיקו ביה אנשי המדינה הלזו".

מיט צוואָנציג יאָר שפּעטער, ביים אָנהויב פון די נאַפּאָלעאָנער מלחמות, איז אוממעגליך געווען צו באַקומען יאַנעווער אתרוגים פון איטאַליע. די אתרוגים פון קאָרפו, די "אתרוגי קורפו", זענען כמעט געווען די איינציגסטע אויפ'ן אידישן מאַרק אין אייראָפּע.

שפּעטער האָט מען אויך גענומען אימפּאָרטירן פון דעם איטאַליענישן אינזל קאַרסיקאָ, טאַקע דאָס אינזעל וואו נאַפּאָלעאָן איז געבוירן, וועלכע מען האָט גערופן "אתרוגי קאַרסיקו".

ווען די נאַפּאָלעאָנער מלחמות האָבן זיך געענדיגט זענען געווען וואָס האָבן ווייטער באַנוצט נאָר אתרוגים פון קאָרפו, צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען שענער און ריינער, בעת אַנדערע האָבן צוריק באַנוצט יאַנעווער אתרוגים.

מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין אין דעם שפּעטערדיגן רבני'שן פולמוס איבער די אתרוגי קורפו, דער פּאָלעמיק צווישן גדולי ישראל וואָס האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט מיט איבער 50 יאָר שפּעטער. מיר ווילן בלויז נאָטירן וואָס ס'איז בשעתו געווען די מיינונג פון חתם סופר, איבער וואָס עס זענען שפּעטער אויך געווען חילוקי דעות.

פאַראַן צוויי תשובות פון חתם סופר אין וועלכע ער לאָזט קלאָר און דייטליך הערן זיין מיינונג. אין קובץ תשובות סימן כ"ה שרייבט ער, אַז אידן אין אייראָפּע האָבן אַ מסורה מדור דור ביז צו די בעלי תוספות פון יוצא זיין אויסשליסליך מיט יאַנעווער אתרוגים.

די צווייטע תשובה, וואָס איז געשריבן געוואָרן שפּעטער, אין שנת

תקצ"ד, איז תשובה ר"ז אין שאלות ותשובות חתם סופר חלק או"ח, וואו ער באַציט זיך צו דער פריערדיגער תשובה און שרייבט: "כבר כתבתי בתשובה אחרת כי כל אלו הסימנים לאו דאורייתא, ולא נזכרו בש"ס ובשום מקום, ומן הדין דינו של אתרוג כדין עוף טהור נאכל במסורה, ע"כ אותן הבאים מיענעווע שמסורת בידינו מאבות אבותינו ורבותינו חכמי הצרפתים אשר מעולם יושבי מדינות אשכנז שיצאו ידי חובתם באתרוגים הבאים מיענעווע, הן המה הכשרים ואין צריך לשום סימן".

אַזויוי די אתרוגי קורפו זענען געווען שענער האָט ער געמאַכט די ברכה אויף אַ יאַנעווער אתרוג און דערנאָך האָט ער אויך גענומען אַ קאָרפאָער אתרוג משום הידור. אַזוי שרייבט זיין אייניקל דער ערלויער זצ"ל אין התעוררות תשובה סימן תל"ד:

"וידוע מאא"ז בעל חת"ס, וכן ראיתי מכבוד אאמ"ו (בעל הכתב סופר) זצ"ל, שהיו מהדרים אחר אתרוג יענעווער, ואם היו להם היו מברכים עליו, ואח"כ נטלו עוד פעם אתרוג קרפו משום הידורו".

אין שנת תקע"ד, אין ברען פון נאַפּאָלעאָנ'ס מלחמות, האָט מען אפילו פון קאָרפו נישט געקענט אימפּאָרטירן קיין אתרוגים. אין שו"ת חתם סופר או"ח סימן קפ"ב שרייבט ער אַז ער איז אָנגעפרעגט געוואָרן מ"עיר אחת גדולה לאלוקים שבשנת תקע"ד לא היה בביהכנ"ס שלהם אלא אתרוג אחד".

אין דרשות חתם סופר ח"א לחג הסוכות (דף מ"ז ע"א) שרייבט ער אַז ווען ס'איז נישט געווען צו באַקומען קיין אין איינציגן אתרוג בלתי מורכב, זאָל מען אָבער פונדעסטוועגן נישט נעמען קיין אתרוג המורכב "משום דילמא אתי למיסרח".

דער ישמח משה דאַקעגן האָט יענעם יאָר יאָ מתיר געווען צו נעמען אַן אתרוג המורכב. אין שאלות ותשובות "השיב משה" סוף סימן כ' שרייבט דער ישמח משה: "והנה אחר שכתבתי התשובה הנ"ל, אחר כמה שנים בשנת תקע"ד, אירע שמחמת המלחמות לא היה שום אתרוג בכל האקלים והוריתי ליקח המורכבים ולברך עליהם... כשאי אפשר באחר כלל ודאי דאין לבטל המצוה והברכה".

## אז ישיר משה

אין די טעג, די טעג צווישן יום הקדוש און סוכות, האָט דער חתם סופר ווי באַקאַנט געשוועבט אין די העכסטע ספערן פון דביקות און אהבת השם. במשך פון עטליכע יאָר איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ווען משה ספרא רבה דישראל האָט אין די טעג געשריבן דערהויבענע פיוטים און הייליגע מזמורים, שירות ותשבחות.

דער הייליגער חתם סופר איז באַקאַנט מיט זיין פילזייטיגע גדלות אויף יעדן געביט פון תורה ועבודה, הלכה ואגדה, צדקות און קדושה, חכמה און הנהגה. אַן ענק שבענקים וואָס כל בית ישראל נשען עליו עד היום הזה. אַ נישט געגוג באַקאַנטער אַספּעקט פון זיין פערזענליכקייט זענען זיינע אויסערגעוועגליכע כשרונות אַלס משורר און פייטן.

במשך פון עטליכע יאָר, בעיקר אין זיינע יונגערע יאָרן אַלס רב אין דרעזניץ, האָט ער צווישן יום כיפור און סוכות פאַרפאַסט שירים און חרוזים פון אַ זעלטן הויך פּאָעטישן און גייסטיגן קאַליבער וואָס זענען אַ דירעקטער המשך צו די הייליגע פיוטים וואָס עס האָבן מחבר געווען די גדולי הפייטנים אין די צייטן פון די ראשונים, און פריער.

די ערשטע פייטנים פון אידישן פאָלק וואָס זייערע פיוטים און שירים



דעם חתם סופר'ס מסכת סוכה, מיט זיינע האנט געשריבענע הגהות אין דער זייט

זענען אַריין אין סידור און אין מחזור זענען געווען יוסי בן יוסי, רבי אלעזר הקליר און ינאי. אין די צייטן פון די בעלי תוספות האָבן זיך נאָך געפונען געציילטע פייטנים ביים אשכנזי'שן אידנטום. שפּעטער, נאָך די צייטן פון גירוש שפּאַניע און נאָך ת"ח ות"ט, האָבן זיך צווישן אשכנזי'שע גדולי ישראל מער נישט געפונען קיין פייטנים. ביי די ספרדים האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען גאונים וצדיקים וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן און זיך אויסגעצייכנט דערמיט. למשל די בעלי מקובלים פון צפת, רבי שלמה אלקבץ, דער מחבר פון לכה דודי, רבי ישראל נג'ארה, בעל מחבר פון י-ה רבון עלם, דער חרדים, און דער אר"י הקדוש אַליין.

אַן אויסנאַם איז געווען דער חתם סופר. משכמו ולמעלה מיט זיין גדלות און כשרונות, אויך אויף דעם געביט. זיינע פיוטים און שירי קודש וואָס ער האָט פאַרפאַסט צווישן יום כיפור און סוכות, בעיקר אין דרעזניץ אין די פינף יאָר צווישן תקנ"ב און תקנ"ז, זענען אויפ'ן זעלבן סטיל, מיט'ן זעלבן רייכן און הייליגן תוכן, ווי די פיוטים וואָס די פייטנים האָבן פאַרפאַסט מיט הונדערטער יאָרן, און אפילו מיט טויזנט יאָר פריער.

אַזויווי אַלע אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט געשריבן האָט ער אויך די פיוטים קיינמאָל נישט געהאַט בדעה צו דרוקן, אָדער אפילו זיי מפרסם צו זיין. די גוזאַנגען און פיוטים האָט ער געשריבן פאַר זיך, בהשתפך עליו נפשו, ווען זיין האַרץ האָט געבענקט צום רבונו של עולם. ווען זיין נפש האָט געגלעכצט מיט אַ הייליגער ערגה, ווען זיין זעל האָט געגאַרט כיסופים פון קדושה צום בורא כל עולמים, האָבן די סטרונעס פון זיין נשמה געזינגען אָט די גייסטרייכע מזמורים און געטליכע פיוטים.

אין שנת תרי"ז זענען זיי דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין אַ קונטרס מיט'ן נאָמען "שירת משה". שפּעטער זענען זיי מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן דורך זיינע אייניקלעך און תלמידים.

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט אים זיין זון הגאון רבי שמעון סופר געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט פאַרפאַסן פיוטים. שרייבט רבי שמעון סופר'ס זון רבי שלמה אלכסנדרי סופר, דער בעל חוט המשולש:

"נאמן עלי אבא מארי (רבי שמעון סופר) זצלה"ה, שהעיד בגדלו אשר אזנו שמעה ממר אביו (החתם סופר) זצלה"ה כד נפקין זקוקין דנורא מפומיה בתשובה על שאלתו מדוע לא יוסיף לשיר שירים בפרעסבורג, כאשר שר לפנים בהיות איתן מושבו בק"ק דרעזניץ, והשיב לו כי בימי עלומיו, בשחר טל ילדותו, עת החלה רוח צפונית לנשב בו ולנפוח בחבו זיקי אש האהבה להי ולתורתו, בארבעת הימים שבין יוה"כ לסוכות, דרכה נפש הטהורה עוז, רוב שרעפיו בקרבו התפתחו ממסגרותיהם, אז שר משה זמרת י-ה, בחיל ורעדה, וחרדת קודש פנימה, מבלי דעת נפשו. בלשונו הטהור: "וויא

איך יונגער וואָר האָבע איך אין דער פיער טאַגען צווישן יום כיפור און סוכות פאַר דבקות ניכט געוואוסט וואָס איך טוהן זאָל, זאָ האָבע איך שירים געזונגען".

דער גאַלאַנטער רב הג"ר יושע בוקסבוים זצ"ל האָט געזאָגט אַז אויף דער עלטער זענען די הרגשים דקדושה ביים חתם סופר געווען אַזוי אומגעהויער גרויס אַז ער האָט זיי שוין נישט געקענט מצמצם זיין אפילו אין דברי פיוט וחרוזים.


# שירת משה
אשר חיבר כ"ק הגאון רבן של ישראל
מו"ה משה סופר זצללה"ה
בעהמח"ס
# שו"ת חת"ם סופר
נוסף עליו
# צוואת החת"ם
וגם
# מנהגי חת"ם
# סאטמאר
בדפוס של הרבני מו"ה נתן מנחם אסטרייכער נ"י
שנת תרס"ח לפ"ק

**„שירת משה", די פיוטים און שירים וואס דער חתם סופר האט געשריבן צווישן יום כיפור און סוכות**

ענליך צו די פיוטים פון די ערשטע פייטנים, אַזעלכע ווי רבי אלעזר הקליר, שפרודלט יעדער פון חתם סופר'ס פיוטים מיט רייכע פערל-אויסדרוקן, – ווערטער און פסוקים פון די פאַרוואָרפנסטע ערטער אין תנ"ך. די פראַזן בליאַסקען מיט צויבערליכע מדרשים און מאמרי חז"ל, און פון די סטראָפן פון די פיוטים טריפן אָפענע און פאַרבאָרגענע מיסטישע רמזים על פי קבלה ותורת החן.

באַזונדערס קונסטליך איז וויאַזוי ער טוישט און בייט דעם סטיל פון זיין שרייבן. וויאַזוי ער פאַסט צו דעם סגנון פון די פיוטים צו דער צייט און צו דעם צוועק פאַר וועלכע די פיוטים זענען געשאַפן געוואָרן.

אויף שבת האָט ער למשל פאַרפאַסט פיר מזמורים. אַ שיר פאַר יעדן איינעם פון די פיר שבת'דיגע סעודות, איינשליסנדיג מלוה מלכה.

דער שיר לליל שבת הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „א-ל נורא ואיום, ממלאכתך שבת היום...". אין דער הקדמה צו דעם שיר שרייבט ער, אַז די ערשטע פיר בתים, וועלכע הייבן זיך אָן מיט די אותיות פון שם אדנות, זענען קעגן פיר שבתים: שבת בראשית, מתן תורה, בית המקדש און תחיית המתים. ער זאָגט דאָס נישט אָבער מסתמא איז דאָס באַזירט אויפ'ן טור וואָס רעדט וועגן די דריי לשונות פון די שבת'דיגע שמונה עשרה'ס: „אתה קדשת" קעגן שבת בראשית, „ישמח משה" קעגן שבת מתן תורה, און „אתה אחד" קעגן שבת לעתיד לבוא.

יעדעס איינער פון די פיר בתים רעדט טאַקע פון די פיר זמנים: מעשה בראשית, מתן תורה, בית המקדש, און תחיית המתים.

איטליכער פון די פיוטים איז ווי געזאָגט געשריבן אין אַן אַנדער סטיל. צום ביישפיל: דער שיר פון ליל שבת ענדילט צו דעם סגנון פון רבי אלעזר הקליר'ס פיוטים. דער משקל און דער ריטם. יעדע צלע, ווי דאָס ווערט גערופן דורך די פייטנים, באַשטייט פון דריי ווערטער. אויך די אויסדרוקן און רמזים דערמאַנען דעם סגנון:

**„בשכללך כס והדום"**

„**בשכללך**" איז טייטש ווען די האָסט פאַרענדיגט שאַפן. לויט דעם לשון פון תרגום אויף „ויכולו השמים והארץ".

„**כס והדום**" מיינט הימל און ערד. באַזירט אויפ'ן פסוק „השמים כסאו והארץ הדום רגליו".

חרוזים אַזעלכע ווי „**בעיר עם רבת, דבש וחלב זבת**" האָבן אַן אָפּקלאַנג פון דעם קליר'ס חרוזים.

אין אַריינפיר צום שיר ליום השבת שרייבט ער: „שיר זה חיברתי בין יום כיפור לסוכות משירי אהדנ"ו לפ"ק". וואָס באַטרעפט שנת תק"ס. ס'איז קלאָר וואָס ס'ליגט באַהאַלטן הונטער די שירים: כוונות און יחודים פון שמות הקדושים.

דער שיר ליום השבת, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ה' אלוקי", איז שוין געשריבן אינגאַנצן לויט'ן סטיל פון די חכמי ספרד. דער פיוט איז פול מיט רמזים וואָס דערמאַנען דעם סגנון פון די מקובלי צפת.

דער פיוט פאַר שלש סעודות הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „א-ל מסתתר בסתר עליון" די זעלבע ווערטער ווי דער פריערדיגער פיוט פאַר שלש סעודות, „א-ל מסתתר בשפריר חביון", וואָס ס'האָט מחבר געווען רבי אברהם מימין, פון די מקובלי צפת. אָבער אין קעגנזאַץ צום אָריגינעלן פיוט איז דעם חתם סופר'ס א-ל מסתתר מער פאַרשטענדליך על פי נגלה, הגם ס'זענען אין דעם אויך פאַראַן געניג קבלה אויסדרוקן. דער חתם סופר אַליין שרייבט אין אַריינפיר: „ובו מבוארים הרבה דברים ידועים למשכילים".

מען דאַרף בכלל נישט זיין קיין בקי בתורת החן צו באַמערקן וואָס די ראשי תיבות, חרוזים און שילובים זענען אַלץ מרמז. די פיוטים לליל שבת און למלוה מלכה באַשטייען פון זיבן סטראָפן, אָדער זיבן מחרוזות, קעגן די זיבן טעג פון דער וואָך. פאַר'ן שיר לסעודה שלישית שרייבט דער חתם סופר אַליין אַז יעדע סטראָפע באַשטייט פון אַכט צלעות, מיט די אותיות השילוב פון שם אדנות און דער שם ד' אותיות. דער לעצטער חלק פון דעם פיוט למלוה מלכה פאַרמאָגט 12 צלעות. קעגן די צוועלף צירופים פון יעדן טאָג פון דער וואָך.

ווען דער חתם סופר פלעגט אָנהייבן אָדער ענדיגן אַ מסכת פלעגט ער פון גרויס שמחה אָפּשרייבן פאַר זיך אַ שיר און חרוזים. מיר וועלן דאָ אַראָפּברענגען איינעם אַזאַ שיר. דער שיר איז בלויז איינמאָל געדרוקט געוואָרן: אין חידושי חתם סופר אויף מסכת שבועות, געדרוקט אין וואַרשע אין שנת תרס"ב.

דעם חרוז האָט דער חתם סופר געשריבן נאָך אַלס יונגערמאַן, אין שנת תקנ"א אין פרוסטיץ, ווען ער האָט אָנגעהויבן, אָדער מסיים געווען, מסכת שבועות. די ראשי תיבות פון די חרוזים זענען „מסכת שבועות, משה". דער פזמון איז אַ פּאָעטישע השתפכות הנפש, אַ שיר ושבח לחי העולמים. די חרוזים אַנטהאַלטן אויך אויטאָביאָגראַפישע שטריכן פון זיין דעמאָלטדיגן מצב אין לעבן:

**מ**אתך תהילתי בקהל המונים,
שפתי נוטפת מור ושושנים,
כי שומע אל אביונים – ה'.

**ס**לח, אהודנו על העבר,
אב הידעונים וחובר חבר,
כי בו יבורך גבר, – ירא ה'.

**כ**י לעתיד מבטחי עליך,
אדוני כל תאוותי נגדך,
חזק ויאמץ לבך, – וקוה אל ה'.

**ת**מוך, אשורנו במעגלי צדק,
בל נמוטו במשיחת חדק,
למען חזק את בדק, – בית ה'.

**ש**לחני סביב כשתולי זיתים,
עורכי מול מה תופשי חניתים,
צדיקים כתמרים וארזים ברותים, – סוד בית ה'.

**ב**אפס רבותי הורי ומורי,
הוקמתי דל על בחורי,
והנה סילה כל אבירי, – ה'.

**ו**הואיל וברך עבדך וגדלו,
מנופת צוף תורתך בהחדשו,
כי השקיף ממרום קדשו, – ה'.

**ע**לינו יערה רוח ממרומים,
להבינני דברי חכמים מחוכמים,
ואבותינו הנביאים מנעימים נאומים, – נאום ה'.

**ו**לו אני עבדך כואב וגווע,
תשגבנו בחכמה כמעיין הנובע,
ובך אדבק ובשמך אשבע, – חי ה'.

**ת**מו מילולי שפל החברים,
בן שמואל ממשפחת סופרים,
טובה השמועה אשר מעבירים, – עם ה'.

**מ**ארץ רחוקה בא עבדך,
מילידי פפד"מ, להתגורר בטוב בעיניך,
בפרוסטיץ עם קדושיך, – יברכך ה'.

**ש**נת תקנ"א לשם קדשך המחולל,
צמתו אויביך כאשר יבער הגלל,
תביאנו ותטענו בהודות והלל, – לה'.

**ה**שם חלקנו מבני החבורה,
לילה כיום יאיר כחשכה כאורה,
בימינו מציון תצא תורה, – ודבר ה'.

## מתנות כהונה

פאַר יעדן יום טוב פלעגט דער חתם סופר שחט'ן אַ בהמה און אָפּשיידן דערפון מתנות כהונה, זרוע והלחיים והקיבה, און ראשית הגז, און עס געבן פאַר אַ כהן. ער האָט דאָס געגעבן צו זיין שוואָגער וועלכער איז פאַקטיש געווען אַ ישראל אָבער זיין ווייב איז געווען אַ כוהנת. ביי ראשית הגז און מתנות כהונה איז די הלכה אַז מ'קען זיי געבן פאַר אַ ישראל וואָס אשתו כוהנת.

ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל געזען אָדער געהערט עמיצער זאָל היינט אָפּשיידן מתנות כהונה אָדער ראשית הגז און עס געבן פאַר'ן כהן?

ווען מיר אויף אַ קורצן תמצית'דיגן אופן באַרירן דעם ענין:

מתנות כהונה איז איינס פון די תרי"ג מצות. אין פרשת שופטים זאָגט דער פסוק: "וזה יהיה משפט הכהנים מאת העם, מאת זובחי הזבח, אם שור אם שה, ונתן לכהן הזרוע והלחיים והקבה". דער פסוק רעדט נישט פון קדשים. יעדעס מאָל וואָס מ'שחט חולין איז דאָ אַ מצוה אָפּצושיידן מתנות כהונה צום כהן.

דער נעקסטער פסוק זאָגט: "ראשית דגנך תירשך ויצהרך, וראשית גז צאנך תתן לו". ראשית הגז רעדט אויך פון חולין.

דער פסוק זאָגט אויך נישט ארץ ישראל. דאָס מיינט אַז די מצוות זענען פונקט אַזוי נוהג אין חוץ לארץ ווי אין ארץ ישראל, נאָכ'ן חורבן פונקט ווי בזמן הבית.

זאָגט טאַקע די משנה אין חולין (פ"י מ"א): "הזרוע והלחיים והקיבה נוהגין בארץ ובחוצה לארץ, בפני הבית ושלא בפני הבית". אַזוי פסק'עט אויך דער רמב"ם (הל' בכורים פ"א ה"א): "מצות עשה ליתן כל זובח בהמה טהורה לכהן הזרוע והלחיים והקיבה, ומצוה זו נוהגת תמיד בין בפני הבית בין שלא בפני הבית, ובכל מקום, בין בארץ בין בחוצה לארץ".

איז אָבער אויך באַקאַנט וואָס די גמרא זאָגט דאָרט אין חולין (קל"ו ע"ב), און ווערט געברענגט אויף נאָך ערטער אין ש"ס: "האידנא נהוג עלמא כהני תלת סבי, כר' אלעאי בראשית הגז, דתניא, רבי אלעאי אומר: ראשית הגז אינו נוהג אלא בארץ, וכו'". ס'הייסט אַז די וועלט פירט זיך נישט צו געבן ראשית הגז אין חוץ לארץ.

רבי אלעאי דערמאַנט בלויז ראשית הגז. ער רעדט נישט פון די מתנות כהונה: זרוע, לחיים והקיבה. רוב ראשונים האַלטן טאַקע אַז דאָס מיינט נאָר ראשית הגז. רש"י דאָרט אין חולין (קל"ו) זאָגט אָבער אַז דער פטור פון רבי אלעאי אין חוץ לארץ איז נישט בלויז אויף ראשית הגז נאָר אויך אויף די מתנות כהונה.

כאָטש רוב ראשונים זענען מחולק אויף רש"י זאָגט אָבער דער טור אין יורה דעה (סי' ס"א) אַז נוהגין כשיטת רש"י. אַזוי פירט דאָרט אויך אויס דער מחבר אין שולחן ערוך (סעיף כ"א). דער לשון המחבר: "מתנות נוהגות בכל מקום, בין בארץ בין בחוצה לארץ בין בפני הבית בין שלא בפני הבית. ויש מי שאומר שאינן נוהגות בחוצה לארץ, וכן נהגו".

שרייבט אָבער דער מהרש"ל אין ים של שלמה (חולין פי"א דין ה') אַז אַ ירא שמים דאַרף מדקדק זיין אויף מתנות כהונה אויך אין חוץ לארץ כדי יוצא צו זיין די שיטת המחמירים.

הגאון רבי יונתן אייבשיץ וואונדערט זיך אין פלתי פאַרוואָס די וועלט האָט אָנגענומען להקל. דער איינציגער הסבר פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, זאָגט ער, איז ווייל מיר האָבן היינט בלויז כהני חזקות, נישט קיין כהנים מיוחסים.

"באמת לא ידעתי", זאָגט דער פלתי, "אנשי מעשה המחמירים בכמה דקדוקי מצוות וחומרות, למה אינם מהדרים לקיים מצות עשה של

תורה, אשר לדעת רוב מחברים נוהג בחוץ לארץ. ואפשר הואיל ואין לנו בעוונותינו הרבים כהן ידוע מיוחס רק כהני חזקות".

"ובאמת" שרייבט ווייטער דער רבי ר' יונתן, "חתני הרב החסיד המפורסם לרבים מוהר"ר בנימין וואָלף פרענקיל ז"ל, כשעשה פדיון הבן לבנו הילד ה' יאריך ימיו, הבחור המופלא ומעולה כהר"ר זעליג יצ"ו, לקח אז הבהמה משלו ומסרו לטבח ליקח המנו בשר לסעודה, והוא רצה לתתם (הזרוע והלחיים) לכהן שפודה ממנו ילד הנ"ל... ולכן נתן המתנות לחמי הגאון המפורסם מוהר"ר יצחק שפירא ז"ל שאכלן בשביל אשתו, חמותי הרבנית מרת מאטי, בת חמי זקני הנגיד כהר"ר מרדכי כהן ז"ל".

דערציילט דער חתם סופר אין שאלות ותשובות חת"ס יורה דעה סי' ש"א, אַז אויך ער האָט מקפיד געווען מקיים צו זיין מתנות כהונה: "רגיל הייתי ליתן מתנות כהונה זרוע לחיים וקיבה לגיסי ז"ל, בעל כהנת. וכן דרכי ממש בכל יום טוב לשחוט בהמה ולהפריש ממנה מתנות, וכן ראשית הגז, וכן עבד עובדא בפלתי יע"ש סי' ס"א סק"ו".

אין ארץ ישראל וואו מתנות כהונה זענען דאָך זיכער נוהג מדאורייתא האָט הגאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל בשעתו איינגעפירט צו געבן מתנות כהונה פון די ערשטע דריי בהמות פון יעדע שחיטה צו איין ספּעציפישן כהן, דער כהן האָט דאַן באַקומען דעם דין פון "מכירי כהונה", און פאַר די רעשט פון די בהמות האָט מען שפּעטער אויסגעלייגט אַ סכום געלט. היינט צו טאָג פאַרמאָגן נישט די שחיטות קיין אייגענע בהמות. גויים זענען די אייגנטימער פון די בהמות ביז נאָך דער שחיטה. דערפאַר איז נישט שייך קיין מתנות כהונה.

אוממעגליך צו רעדן פון דעם נושא אָן צו דערמאַנען די באַקאַנטע מעשה מיט'ן מהרש"ם מברעזאַן זצ"ל.

דער מהרש"ם האָט בזיווג שני חתונה געהאַט מיט דער באַבע פון הגאון רבי מאיר שפּירא, לובלינער רב זצ"ל. סוף ימיו פון מהרש"ם, ווען ער איז געווען על ערש דוי, האָט רבי מאיר שפּירא זיך געפונען ביי אים אין שטוב אים משמש צו זיין.

אינדרויסן פון צימער זענען געזעסן דיינים פון שטאָט וועלכע האָבן זיך מתווכח געווען אין לערנען. ווען דער מהרש"ם האָט געהערט דעם קול פון דעם ריתחא דאורייתא פונדרויסן האָט ער געשיקט רבי מאיר שפּירא'ן פרעגן איבער וואָס מען איז זיך דאָרט מתווכח. ווען רבי מאיר שפּירא איז צוריקגעקומען אים זאָגן אַז דער שמועס איז אויב עמיצער גיט היינט מתנות כהונה, כאָטש ס'איז נהוג עלמא נישט צו געבן אין חוץ לארץ, צי ס'איז פאַראַן אַ חשש פון יוהרא.

זאָגט אים דער מהרש"ם: גיי זאָג זיי נאָכצוקוקן אין "דרכי משה" אין הלכות מזוזה. דער רמ"א זאָגט דאָרט אַז נישטאָ ביי מתנות כהונה קיין חשש פון יוהרא.

ווען דער מהרש"ם האָט אים שפּעטער געפרעגט, נו, האָבן זיי נאָכגעקוקט אין דרכי משה? האָט רבי מאיר שפּירא אים גאָרנישט געענטפערט. דער מהרש"ם האָט פאַרשטאַנען אַז מסתמא מיינען זיי אַז מחמת חולשה אַרבעט נישט ביי אים דער זכרון. זיי האָבן טאַקע נישט פאַרשטאַנען ווי ס'איז מעגליך אַז דער דרכי משה זאָל אין הלכות מזוזה רעדן וועגן מתנות כהונה. האָט דער מהרש"ם געהייסן רבי מאיר שפּירא'ן אַרויסנעמען דעם דרכי משה פון שאַנק. דער ברעזשאַנער רב האָט אים דאָרט געוויזן ווי דער רמ"א אין דרכי משה הלכות מזוזה רעדט וועגן זאַכן וואָס ס'איז ביי זיי נישט שייך קיין יוהרא און רעכנט אויך אויס מתנות כהונה בזמן הזה.

זעענדיג רבי מאיר שפּירא'ס התפעלות זאָגט אים דער ברעזשאַנער רב: וואונדערסט זיך אודאי וויאַזוי איך געדענק דאָס? האָט ער אים געוויזן אויף'ן אינערליכן דעקל פון דרכי משה, וואו דער מהרש"ם האָט געהאַט פאַרצייכנט, אַז ער האָט דעם דרכי משה איבערגע'חזר'ט 400 מאָל.



דער מהרש"ם מברעזאַן זצ"ל

## מתנבאים בסגנון אחד: דער חתם סופר און דער קדושת לוי

די יומא דהילולא'ס פון הייליגן חתם סופר און פון הייליגן באַרדיטשעווער, דער קדושת לוי, פאַלן אויס דעם זעלבן טאָג: כ"ה תשרי. איז אינטערעסאַנט: איינע פון די סאַמע באַקאַנטסטע תורות פון קדושת לוי, טאַקע אויף די טעג, זאָגט אויך דער חתם סופר גענוי די זעלבע זאַך, אויף מערערע ערטער.




**די מצבה פון הייליגן חתם סופר זי״ע אין פרעשבורג – יאָרצייט קומענדיגן דינסטאָג פ׳ בראשית, כ״ה תשרי**

אויפ׳ן מדרש תנחומא (פרשת אמור כ״ב): "ולקחתם לכם ביום הראשון, וכי ראשון הוא, והלא ט״ו הוא? אלא ראשון לחשבון עוונות". זאָגט דער הייליגער באַרדיטשעווער (פרשת וילך), אַז ביז יעצט אין חודש תשרי האָבן אידן געטאָן תשובה מיראה. אָבער יעצט, ווען עס קומט דער יום טוב סוכות און אידן זענען עוסק אין די מצוות פון לולב און סוכות, טוען זיי תשובה מאהבה. פון תשובה מאהבה ווערן דאָך די עברות נתהפך צו זכיות. דערפאַר איז יעצט ראשון לחשבון עוונות.

גענוי דאָס זעלבע זאָגט דער חתם סופר: "אך בימים שאחר יוה״כ מכינים ליו״ט הקדוש, וביום הקדוש שמחים בה׳ ובעבודתו ויהפכו עוונות לזכיות, אז מחשב העונות כמה היו כדי להפכם לאות ולזכות". (דרשות לסוכות דף נ״ב, און נאָך)

דעם זעלבן געדאַנק זאָגט דער חתם סופר אין אַסאַך פון זיינע דרשות. כדרכו בקודש נוצט ער און בויט מיט דעם רעיון אויף פאַרשידענע אופנים. למשל:

דער מהרש״א אין סוכה (דף יא) זאָגט, אַז דאָס וואָס ס׳שטייט אין סוף פרשת לך לך "למועד הזה בשנה האחרת" און "ותצחק שרה בקרבה לאמור" האָט פאַסירט פסח. ווידער פרשת וירא, ווען דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו אברהם "למה זה צחקה שרה" איז געווען סוכות. פרעגט דער חתם סופר: א. פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געוואַרט ביז סוכות? ב. פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם "פאַר׳מסר׳ט" שרה׳ן, למה זה צחקה שרה? ג. דער רמב״ן זאָגט דאָך אַז דאָס וואָס שטייט ביי אברהם "ויפול על פניו ויצחק" איז אַ לשון פון שמחה. דאַקעגן ביי שרה שטייט "בקרבה", וואָס מיינט אַ לשון פון אָפּלאַכן, אַ לשון לעג. פרעגט דער חתם סופר: פאַרוואָס דאָ אין וירא ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם למה זה צחקה שרה, שטייט שוין נישט בקרבה?

ענטפערט דער חתם סופר:

"וחושב אני, כי שרה אמנו חטאה קצת בימי פסח במה שצחקה בקרבה ללעג, והקב״ה לא גילה אוזן אברהם להיות דילטור חלילה, עד עבור יום הכיפורים, והיא עשתה תשובה והתחרטה, וביום ראשון דסוכות נעשה ממנו זכיות, ומצחוק בקרבה שהוא לעג נעשה צחוק של שמחת מצוה. ואז אמר הקב״ה לאברהם אבינו ׳למה זה צחקה שרה׳, ולא אמר ׳בקרבה׳, כי כבר נהפך לשמחת מצוה".

דאָס פּלאַץ און די צייט ערלויבן נישט צו שרייבן אַ שלל מיט אַנדערע אינטערעסאַנטע ענינים ביים חתם סופר: דער יום טוב סוכות, ישיבת סוכה, חול המועד, שמיני עצרת און שמחת תורה. ווען מיר מסיים זיין דעם היינטיגן מאמר מעין פתיחה – די ארבעה מינים:

דער חתם סופר האָט בשעת׳ן דאַווענען, ביי גאַנץ תפילת שחרית, געהאַלטן די ד׳ מינים אין די הענט, ווי עס איז געווען מנהג אנשי ירושלים, ווי די גמרא זאָגט אין סוכה (מ״א ע״ב), און ווי עס ווערט געברענגט להלכה אין טור, און ווי עס פסק׳עט דער רמ״א אין סימן תרנ״ב סעי׳ א׳. (זע משנה ברורה: "מכל מקום כתבו האחרונים דכהיום מחזי כיוהרא, אם לא מי שמפורסם למדקדק במעשיו").

הגאון רבי שמעון דייטש זצ״ל, אַ תלמיד פון חתם סופר, ברענגט אין זיין ספר "אמרי שפר" אויף מסכת ברכות דף י״ז ע״ב, אַז דער חתם סופר האָט געזאָגט, אַז דאָס האַלטן די ד׳ מינים אין די הענט איז נישט בלויז וואָס דאָס שטערט אים נישט ביים דאַווענען נאָר אַדאַנק דעם דאַוונט ער מיט מער כוונה, מער ווי אפילו יום כיפור: "וכן היה נוהג מורי הגאון מהרמ״ס ז״ל, והיה מעיד שחיבוב מצוה גורם כוונת התפלה כל כך, שמתפלל ביו״ט של סוכות, ע״י אחיזת לולב בכוונה שלימה יותר מיום הכיפורים".

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

לב

# דער הייליגער חתם סופר



**הרבנית שרל, טאָכטער פון הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל, זיווג שני פון הייליגן חתם סופר, מיט וועמען ער האָט מעמיד געווען דורות, די גזע פון צדיקים וצדקניות, די גדולי ומנהיגי ישראל לבית סופר/שרייבער**

[פאָרזעצונג פון פריער]

דאָנערשטאָג פרשת לך שנת תקס"ז האָט דער חתם סופר געהאַלטן זיין איינצוגס דרשה נאָכ'ן ווערן אויפגענומען אַלס רב און נאָכ'ן אָנקומען קיין פּרעשבורג. אינעם חלק האגדה פון דער דרשה האָט ער געברענגט די רש"י אין פרשת לך פון "כאן אי אתה זוכה לבנים".

לויט ווי זיין תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט דערציילט אין "לקוטי חבר בן חיים" האָט דער חתם סופר זיך שטאַרק צעוויינט. "ואחרי כי אשתו הראשונה עקרה היתה קרא על עצמו 'שם אתה זוכה לבנים, כאן אי אתה זוכה לבנים'. והרבה בבכיה בענין זה. והסכימו מן השמים שזכה אחר זמן בפּרעשבורג לזרע ברך".

צדיק גוזר והקב"ה מקיים. אין פּרעשבורג האָט ער טאַקע זוכה געווען צו בנים. אָבער נישט מיט זיין ערשטע רעביצין, נאָר מיט זיין זיווג שני, – הרבנית שרל (סערל), די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר.

י"ג מנחם אב שנת תקע"ב, פינף יאָר נאָכ'ן ווערן רב אין פּרעשבורג, איז זיין ערשטע רעביצין הרבנית שרה בת רבי משה יערוויץ נפטר געוואָרן,

אויף עטליכע ערטער דערמאַנט דער חתם סופר די מחלה און די פטירה פון זיין ערשטע רעביצין. "ולהיותי מאוד טרוד מחמת חליות זוגתי הרבנית, ע"כ הוצרכתי לקצר", שרייבט ער כ"ג תמוז תקע"ב, סוף תשובה צ"ז אין חלק אבה"ע.

תשובה קנ"ג אין חלק יורה דעה הויבט ער אָן מיט די ווערטער: "נועם מכתבו הגיעני בזמנו באותה שעה שהיתה זוגתי הרבנית זצ"ל גוססת ולא יכולתי לעיין בו, ואחר מיתה ועבור ימי האבל השתרגו עלי טרדות רבות, כי אם אין עזרתי בי ותושיה נדחה ממני..." אויך אין חלק או"ח סימן ל"ב (אין דער השמטה, געדרוקט אין שו"ת חת"ס החדשות סי' ע') פון יום א' כ"ד מנחם תקע"ב שרייבט ער: "נועם מכתבו הגיעני בזו הרגע ולא הי' ראוי להשיב כלל, כי בעו"ה נבוך וסבוך טרוד באבלי על מיתת זו' הרבנית הצדקת מרת שרה זצ"ל שהלכה לעולמה ביום י"ג מנחם העבר וחיים לנו ולכל ישראל שבקה".

"היינו דאמרי אינשי, עד דלא שכיב שיכבא קיימא מנו בייתיה", זאָגט די גמרא אין בבא בתרא (צא ע"א). דאָס מיינט: איידער עמיצער שטאַרבט ל"ע איז שוין גרייט דער פאַרטרעטער וואָס וועט פאַרנעמען זיין אָרט. די גמרא רעדט דאָרט פון רות המואביה. דעם טאָג וואָס רות איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל איז בועז'ס ווייב געשטאָרבן.

האָבן פילע אָנגעוויזן דערויף וואָס צען וואָכן איידער דער חתם סופר איז געוואָרן אַן אלמן פון זיין ערשטער רעביצין איז נפטר געוואָרן דער ערשטער מאַן פון זיין צווייטער רעביצין. מרת שרה יערוויץ, דעם חתם סופר'ס רעביצין בזיווג ראשון, איז נפטר געוואָרן י"ג אב. מיט צען וואָכן פריער, ב' סיון שנת תקע"ב, איז זיין צווייטע רעביצין שרל געוואָרן אַן אלמנה, מיט דער פטירה פון איר ערשטן מאַן הגאון ר' אברהם משה קאַלישער זצ"ל.

אינטערעסאַנט איז אויך וואָס דער ליקוטי חבר בן חיים ברענגט (אין דער הקדמה צו חלק ב'): אין זעלבן יאָר, שנת תקמ"ז, וואָס דער חתם סופר האָט חתונה געהאַט מיט זיין ערשטער רעביצין שרה, איז געבוירן זיין צווייטע רעביצין שרל.

# שרה און שרל

שרה און שרל: לכאורה זענען דאָס געוואָרן צוויי באַזונדערע נעמען. כאָטש דער נאָמען שרל שטאַמט און האָט זיך אַנטוויקלט אַלס אַ כינוי צו שרה, איז דאָס אָבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסטשטענדיגן נאָמען פאַר זיך.

איבעראַל וואו דעם חתם סופר'ס צווייטע רעביצין איז אונטערגעשריבן שרייבט זי נאָר שרל. וואו איר טאַטע רבי עקיבא איגר, אָדער וואו איר מאַן דער חתם סופר, דערמאַנען איר, איז דאָס אַלץ מיט'ן נאָמען שרל. אין דער תנאים מיט'ן חתם סופר, געדרוקט אין חוט המשולש, וואָס מיר וועלן ווייטער ברענגען, שטייט שרל. אויף איר מצבה שטייט נאָר דער נאָמען שרל, און איבעראַל וואו אירע קינדער דערמאַנען איר שרייבן זיי שרל.

אין "שם משמעון", די הקדמה צו תשובות כתב סופר, שרייבט דער כתב סופר, אַז איינע פון די טעמים פאַרוואָס ער האָט אָנגערופן זיין ספר מיט דעם נאָמען "כתב סופר" איז ווייל די סופי תיבות פון תשוב'ת כת'ב סופ'ר באַטרעפן אַכט (8) במספר קטן, וואָס איז אויך דער מספר קטן פון זיין מאַמע'ס נאָמען שרל.

אַ שטיקל פלא איז וואָס אין שנת תשס"ה האָבן אייניקלעך אַנטדעקט אין מאַטערסדאָרף די מצבה פון פראַדל ראַדיש, די טאָכטער פון שרל און פון איר ערשטן מאַן רבי אברהם משה קאַלישער. שטייט אויף דער מצבה: "פראַדל ראַדיש ע"ה אשת חבר הרבני הצדיק מו"ה יוסף גינס זצ"ל, בת הרב הגאון מו"ה אברהם משה קאַלישער זצ"ל, שהיה אב"ד דק"ק פילא יע"א, ושם אמה שרה בת הגאון רבינו עקיבא איגר זצ"ל". שטייט אויף דער מצבה "שרה", נישט "שרל".

מוז זיין אַז די וואָס האָבן בשעתו געשריבן דעם נוסח פון דער מצבה האָבן נישט געוואוסט דעם אונטערשיד צווישן שרה און שרל. ענליכע, און צומאָל פיל גרעסערע, טעותים טרעפט מען אָפט אויף מצבות.

די רבנית שרל איז, ווי געזאָגט פריער, געבוירן אין שנת תקמ"ז, אין דער שטאָט ליסא, צו איר גרויסן פאָטער, גאון ישראל ותפארתו, מרנא רבי עקיבא איגר זצ"ל, און צו איר מוטער מרת גליקכע, די טאָכטער פון הרב ר' איציק מרגליות ז"ל.

אַלס יונג מיידל, אין עלטער פון 9 יאָר, איז שרל פאַר'יתומ'ט געוואָרן פון איר מוטער. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט רבי עקיבא איגר נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט איר פלימעניצע, זיין ערשטע רעביצין'ס שוועסטער מרת ברענדל'ס אַ טאָכטער. רבי עקיבא איגר'ס שוואָגער, און שוועער מזיווג שני, איז געווען הג"ר יושע פייבלמאַן, דיין אין ליסא און שפּעטער ראב"ד אין סאַמטור.

שרל'ס שטיף מוטער איז אַלזאָ געווען איר ערשטע קאָזין. דאָס גאַנצע לעבן האָט די רבנית שרל זיך באַצויגן צו איר שטיף מוטער וואָס האָט איר ערצויגן ווי צו אַן אייגענער מאַמע. די גרעסטע מאָס כבוד און שעצונג וואָס זי האָט צו איר אַרויסגעוויזן איז קענטיג אין די בריוו וואָס זי האָט געשריבן צו אירע עלטערן, פון וואָס מיר וועלן אי"ה ציטירן אין קומענדיגן אַרטיקל. אין שאלות ותשובות רע"א סי' קמ"ז שרייבט רבי עקיבא איגר, אַז זיינע קינדער האָבן זיך געטרייסט מיט איר נאָך זייער מוטער: "ייראוה ויכבדוה כאילו היא הרה אותם גם ילדתם באין הפרש".

ווען שרל איז אַלט געוואָרן 13 יאָר האָט רבי עקיבא איגר אָנגעהויבן זוכן פאַר איר אַ שידוך. אין אַ בריוו געדרוקט אין אגרות רעק"א סי' קי"א



געמאָלן בילד פון הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל

שרייבט ער וועגן איר "קומתה דמתה לתמר משכלת מאוד" און אַז וואָס ער זוכט איז "תשוקתי וחפצי מאד להשיא אותה לתלמיד חכם ירא שמים מרבים, מזרע ישרה בלא פסול ח"ו".

אַזאַ אויסגערופענעם בחור האָט ער מיט דריי יאָר שפּעטער פאַר איר טאַקע געפונען, ווי ער שרייבט אין אַ תשובה, סי' נ"ב אין תשובות רעק"א ח"ג: "הבחור החתן החריף ושנון כבוד הרב אברהם משה נרו יאיר". אין דער תשובה דערמאַנט רבי עקיבא איגר אַ סברה פון דעם בחור המיועד להיות חתנו אברהם משה קאַלישער, אַ זון פון הג"ר יודא לייב קאַלישער. דער מחותן רבי יודא לייב קאַלישער איז געווען פון די גדולי תלמידי חכמים אין ליסא, אַ לאַנגיאָריגער מרביץ תורה וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה איבער אַ יובל יאָרן, און האָט מחבר געווען אַ ספר "היד החזקה" אויף דער סוגיא פון "העמד דבר על חזקתו", און אויף ענייני חזקה בכלל. דער ספר האָט די הסכמות פון רבי עקיבא איגר און פון חוות דעת.

אין שנת תקס"ג האָבן זיי חתונה געהאַט. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז רבי אברהם משה קאַלישער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער שטאָט פילא, אַן אַלטע קהילה, נישט ווייט פון דער שטאָט פרידלאַנד, אָדער מאַרקיש-פרידלאַנד, וואו רבי עקיבא איגר איז געווען רב במשך פון 25 יאָר.

מאַרקיש-פרידלאַנד איז אַ שטאָט אין מזרח פרייסין. פרייסין איז טייל פון דער שפּעטערדיגער, און היינטיגער, דייטשלאַנד. מאַרקיש-פרידלאַנד, ווי אויך פויזנע וואו רבי עקיבא איגר איז שפּעטער געווען רב ("פויזנע" אויף אידיש, "פויזן" אויף דייטש, און "פאָזנען" אויף פויליש), געפינען זיך ביי דער גרעניץ פון דייטשלאַנד און פוילן. במשך פון הונדערטער יאָרן איז פוילן נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיג לאַנד. די שכנות'דיגע מאַכטן, רוסלאַנד, פרייסן (פרוסיע) און עסטרייך, האָבן געמאַכט צווישן זיך חלוקות. יעדער פון די דריי מאַכטן האָט געריסן פון פוילן אַנדערע שטיקער. אין יענער תקופה, די צייטן פון רבי עקיבא איגר און פון חתם סופר, האָבן מאַרקיש-פרידלאַנד און פויזנע באַלאַנגט צו פרייסן-דייטשלאַנד. היינט באַלאַנגען זיי צו פוילן.

הג"ר אברהם משה קאַלישער און זיין רעביצין שרל האָבן געהאַט צוויי טעכטער: די ערשטע האָט געהייסן גליקכע, נאָך שרל'ס מוטער, און די

צווייטע האָט געהייסן ראַדיש. די עלטערע, גליקכע, איז נפטר געוואָרן אַלס קינד.

בלויז ניין יאָר נאָך דער חתונה, ב׳ סיון שנת תקע״ב, איז רבי אברהם משה קאַלישער נפטר געוואָרן אין יונגען עלטער איבערלאָזנדיג די רבנית שרל אַלס אַ יונגע אלמנה מיט צוויי קליינע יתומות. די קלענערע איז געווען ווינציגער ווי איין יאָר אַלט ווען זי איז פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן.

אַ קורצע צייט נאָך דעם אומגליק האָט איר פאָטער רבי עקיבא איגר גענומען זוכן פאַר איר אַ פּאַסיגן שידוך. פאַר דעם צוועק האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין ידיד רבינו משה סופר, דער פּרעשבורגער רב, אין וועלכן ער פרעגט אים צי ער ווייסט פון אַ גוטן שידוך פאַר זיין טאָכטער וואָס איז געוואָרן אַן אלמנה, אויסרעכענענדיג אירע מעלות, "אשר מפוארת במדותיה" וכדומה.

דעם בריוו האָט דער חתם סופר ערהאַלטן פּונקט ווען ער איז געזעסן שבעה נאָך זיין ערשטע רעביצין. ער האָט דעם בריוו איבערגעגעבן צו זיין ידיד נאמן וחכימא דיהודאי הגאון רבי דניאל פּרוסטיץ זצ״ל, דער ראש בית דין פון פּרעשבורג.

## רבי דניאל פּרוסטיץ

רבי דניאל פּרוסטיץ-שטיינשניידער, איז געבוירן אין אַ שטעטל נעבן פּרוסטיץ, אין מעהרין, די היינטיגע טשעכיי, און איז אויפגעוואַקסן אין פּרוסטיץ. ווען דער חתם סופר האָט אויף דער אָנווייזונג פון זיין רבי׳ן רבי נתן אַדלער אַלס בחור זיך באַזעצט אין פּרוסטיץ און דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה האָט רבי דניאל, וועלכער איז געווען מיט פיר יאָר עלטער פון חתם סופר, לכאורה זיך דאָרט שוין נישט געפונען. ער איז געהאַט געפאָרן לערנען טאַקע קיין פּרעשבורג ביים דעמאָלטדיגן פּרעשבורגער רב הגאון רבי מאיר ברבי זצ״ל. רבי משה יערוויץ, דעם חתם סופר׳ס ערשטער שווער, וועלכער האָט שוין נישט געלעבט ווען דער חתם סופר איז געוואָרן זיין איידעם, איז געהאַט געווען ראב״ד אין פּרוסטיץ.

נאָכ׳ן לערנען ביי רבי מאיר ברבי אין פּרעשבורג האָט רבי דניאל פּרוסטיץ חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין פּרעשבורג.

רבי דניאל איז געווען אַ גדול בתורה וביראה, בצדקות ובדעת. נאָך דער פטירה פון רבי מאיר ברבי, ווען הגאון רבי משולם איגרא איז געוואָרן רב אין פּרעשבורג איז רבי דניאל פּרוסטיץ געוואָרן אַ חבר הבית דין צדק און שפּעטער דער ראש בית דין אין פּרעשבורג. רבי דניאל האָט פאָרגעלערנט און געגעבן שיעורים פאַר בעלי בתים, האָט געשריבן תשובות און חידושים און האָט מחבר געווען ספרים, צווישן זיי דעם ספר "מחנה דן" אויף מסכת פסחים.

אין די פינף יאָר וואָס פּרעשבורג איז געווען אָן אַ רב, צווישן דער הסתלקות פון רבי משולם איגרא, תשרי פון שנת תקס״ב, ביז צום אויפנעמען דעם חתם סופר, תשרי פון שנת תקס״ז, איז רבי דניאל פּרוסטיץ געווען די העכסטע און באַליבסטע אויטאָריטעט וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע ענינים פון דער שטאָט.

רבי דניאל איז אויך געווען פון די הויפּט שטיצער אויפצונעמען דעם חתם סופר אַלס רב פון פּרעשבורג. טראָץ דעם וואָס פאַרשידענע שטעט האָבן רבי דניאל׳ן אָנגעבאָטן רבנות פּאָסטענס האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזן פּרעשבורג. אין טאָג פון חתם סופר׳ס הסתלקות ווען רבי דניאל איז געקומען אים באַזוכן האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן "דניאל איש חמודות".

רבי דניאל פּרוסטיץ איז נסתלק געוואָרן זעקס יאָר נאָכ׳ן חתם סופר, אין שנת תר״ו. ער האָט זוכה געווען נטמן צו ווערן נעבן און האַרט הונטער׳ן חתם סופר. זיין קבר איז אַדאַנק דעם פון די אַרום 20 קברים וואָס נאָכ׳ן לעצטן חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָט מען זיי נישט מפנה געווען און זענען געבליבן אין דעם אָריגינעלן אַלטן בית החיים אין פּרעשבורג מיט׳ן חתם סופר.

אט איז דער נוסח פון זיין מצבה:

"ויהי דניאל עבד ה׳ השוכן פה שאנן / מנעוריו צדיק תמים לפני ה׳ נאמן./ עוסק בפקודי הישרים / ומאז גדול שמו נודע בשערים./ עוצם חריפותו וצדקותו היה להלל / וכל רז נגלה לדניאל./ בכל מקום אשר נטה שם אהלו בתחלה / שומעים לעצתו והיה לפאר ולתהלה./ בצדקתו בחר למכון שבתו פ״ב (פרעש-בורג) קריה נאמנה / וזרח אורו פה חמישים שנה./ ומאז החל להרביץ תורה ברבים עם תלמידיו ברורים וחריפים / יום יום להוד דברותיו נכספים./ גדלו והצליחו ביראה / ומהם הוקמו על כסאות בית יהודה./ ובסוף ימיו הואיל ללמד לבני שם הישרים / זך אמרותיו השקם בנעימים./ ועוד הניח ברכה הרבה חידושי תורה בש״ס ופוסקים / ושו״ת חריפים ומתוקים./ ודברי אגדה על אדני אמת מיוסדים עודם בכתובים./ עשה משפט וצדקה ודעת תורה סודו/ ודין תורה בלבבו שמה./ כגדולתו ענוותנותו מאס בכס הרבנות לא חפץ בגדולות/ משווה רש ועשיר לבקרם ולנחמם/ חלק כבוד לכל אדם/ רדף שלום בין איש לאשתו ובין איש לרעהו./ אלה קצות דרכיו קצר המצע מהכיל/ רב הכשרון מעלילותיו כה צדקתו תעמוד לדור ודור/ מי יתן ותגן זכותו על קהל ישורון..."

ווען דער חתם סופר האָט ווי געזאָגט פריער אינמיטן דער שבעה נאָך זיין ערשטע רעביצין ערהאַלטן דעם בריוו פון רבי עקיבא איגר האָט ער דעם בריוו איבערגעגעבן צו רבי דניאל פּרוסטיץ. מאַנכע דריקן אויס אַן השערה אַז רבי עקיבא איגר האָט געשריבן דעם בריוו נאָכ׳ן הערן פון דער הסתלקות פון חתם סופר׳ס רעביצין און אַז מיט דעם בריוו האָט ער ברמז אָנגעטראָגן דעם שידוך פאַר׳ן חתם סופר. אַזוי איז מעגליך אויך משמע פון חוט המשולש וועלכער שרייבט: "וזקיני זצ״ל מסר המכתב לנאמן ביתו הרב הגאון חכימא דיהודאי רבי דניאל פּרוסניטץ זצ״ל שהיה ראב״ד בפ״ב. והוא בחכמתו הבין דבר מתוך דבר, והשיב לזקיני הגאון (רבי עקיבא איגר) לפרידלאַנד שיודע שידוך הגון מאוד עבור בתו, ה״ה הגאון אב״ד דעירו".

בימים ההם איז אָבער אוממעגליך געווען פאַר אַ בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן פון מאַרקיש-פרידלאַנד אָנצוקומען אַזוי שנעל קיין פּרעשבורג. דעם בריוו האָט רבי עקיבא איגר זיכער געשריבן נאָך פאַר דער פטירה פון חתם סופר׳ס רעביצין. דאָס איז אויך צו זען דערפון וואָס רבי עקיבא איגר׳ס ברודער, הגאון רבי בונם איגר זצ״ל, האָט צוויי וואָכן נאָך דער פטירה פון חתם סופר׳ס רביצין, כ״ח אב, געשריבן אַ בריוו צום חתם סופר אין וועלכן ער טראָגט אים אָן זיין פּלימעניצע, שרל די אלמנה, די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר, און ביים סוף פונעם בריוו שרייבט ער: "שאר דברים בלי ספק נודע לרופ״מ נ״י ממכתב אחי הגרעק״א שהגיע מכבר".

איידער מען האָט דעם חתם סופר געלאָזט וויסן פון דער הצעה פון רבי איגר און זיין ברודער רבי בונם איגר האָט אַ חשוב׳ער פּרעשבורגער איינוואוינער און אַ גרויסער גביר, ר׳ מאיר לייטערסדאָרף, פאָרגעשלאָגן צו ווערן דער חותן המלך, אָנבאָטנדיג הונדערט טויזנט גילדן, וואָס וואָלט דעם חתם סופר ערמעגליכט הרחבת הדעת פאַר׳ן גאַנצן לעבן. ווען דער חתם סופר האָט אָבער געהערט פון דער הצעה פון רבי עקיבא איגר האָט ער מער נישט געוואָלט הערן פון קיין שום אַנדערע הצעות.

אין זיין בריוו צום חתם סופר שרייבט הג״ר בונם איגר:




**מצבה פון הגאון רבי דניאל פריסטיץ זצ"ל ווי ער ליגט הונטערן חתם סופר זי"ע אויפ'ן אַלטן בית עלמין אין פרעשבורג**

"ועתה הסכמתי לכונן מכתבי להעלות לפניו לקחת לו לאשה בת אחי ה"ה הרבנית מפילא, שלדעתי אין טוב ממנה, אחרי שבלי ספק מגמת רופ"מ הגאון נ"י לקחת בת תלמיד חכם אשר ממקור קודש חוצבתה שתהיה רכה בשנים (מיינענדיג אַ בת בנים, היות ווי דער חתם סופר האָט נאָך נישט געהאַט קיין קינדער) חכמת לב וצנועה ויראת ה', ובעזרת השי"ת כולהו איתניהו בה, שהיא בת ת"ח פאר הדור, מצד אב דור רביעי להגאון המפורסם מהו' עקיבא איגר זצ"ל בעל ספר "משנת דרבי עקיבא", ודור חמישי להגאון מהו' משה ברוידא אבדק"ק וירמייזא, בן הגאון רשכבה"ג מהו' אברהם ברוידא זצ"ל, ומצד אם דור שישי להגאון מהו' איציק ר' אלי' ראדיש שהיה אבדק"ק ליסא זצ"ל. תכונתה טובה מאוד, מאושרת ביראת ה', אוהבת תורה צנועה במעשיה וחכמת לב ביותר, יודעת להנהיג עצמה ברבנות ולהנהיג בית על צד היותר טוב, בריאה בטבעה ב"ה, שנותיה כ"ד כ"ה שנים בערך, שאר דברים בלי ספק נודע לרופ"מ נ"י ממכתב אחי הגנ"י שהגיע מכבר..

ידידו אוה"נ לנצח,

הק' בונם גינס מא"ש (מאייזענשטאַט)

רבי בונם, רבי עקיבא איגר'ס ברודער, האָט זיך אגב אונטערגעשריבן גינס. אָדער גינז. דאָס איז געווען זייער אמת'ער נאָמען: גינז. נישט איגר. זייער פאָטער האָט געהייסן רבי משה גינז. אויך רבי עקיבא איגר האָט זיך אונטערגעשריבן עקיבא גינז, אָדער עקיבא בן רבי משה גינז. איגר איז געווען די פאַמיליע נאָמען פון זייער מוטער. רבי משה גינז איז געווען אַן איידעם ביי רבי עקיבא איגר הראשון, דער בעל משנת דרבי עקיבא.

אַלס קינד איז רבי עקיבא איגר געשיקט געוואָרן קיין ברעסלאָו צו לערנען ביי זיין פעטער הגאון רבי בנימין וואָלף איגר, זון פון רבי עקיבא איגר הראשון. אַזיווי די רעגירונג אין ברעסלאָו האָט באַגרעניצט די אימיגראַציע פון אידן האָט רבי וואָלף איגר רעגיסטרירט זיין פלימעניק ביי דער רעגירונג אַלס זיין אייגן קינד. דערפאַר האָט רבי עקיבא איגר אָפיציעל געהייסן איגר.

אפילו ווען ער איז יאָרן שפעטער געווען רב אין פויזנע ציינגן די אָפיציעלע דאָקומענטן אַז ביי דער רעגירונג איז ער געווען פאַרשריבן אַלס איגר. אויף זיינע בריוו און תשובות האָט ער זיך אָבער ווייטער אונטערגעשריבן עקיבא גינז, אָדער עקיבא בן רבי משה גינז. ערשט סוף ימיו ממש, ווען אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך גערופן בלויז איגר, האָט ער ערלויבט אידן זאָלן אים רופן און שרייבן אויף אים איגר. אויף זיין מצבה שטייט שוין בלויז איגר.

אָבער כל ימיו, איידער ער האָט געהאַט דורות פון קינדער און אייניקלעך וואָס האָבן זיך אַלע גערופן איגר, האָט ער מקפיד געווען זיך אונטערצושרייבן בשם אביו: גינז.

וואָס ס'איז מער אינטערעסאַנט: זיין טאַטע'ס טאַטע, זיין פאָטער רבי משה גינז'ס פאָטער, האָט נישט געהייסן גינז. ער האָט גאָר געהייסן שלעזינגער. רבי משה גינז'ס פאָטער האָט געהייסן רבי שמואל שלעזינגער. דער נאָמען שלעזינגער האָט זיך גענומען דערפון וואָס טייל פון זיין משפחה איז געקומען פון שלעזיע. מיר ווייסן נישט פאַרוואָס רבי משה, רבי עקיבא איגר'ס פאָטער און זון פון רבי שמואל שלעזינגער, האָט זיך געמוזט בייטן דעם נאָמען צו גינז. פילע פון זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך גערופן גינז-שלעזינגער.

(ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין אַ פריערדיגן מאמר האָט די פריער דערמאַנטע פראַדל ראַדיש, טאָכטער פון רבי אברהם משה קאַלישער וזוגתו שרל, חתונה געהאַט מיט רבי יוסף גינז-שלעזינגער, זון פונעם נאָר-וואָס דערמאַנטן הגאון רבי בונים גינז, ברודער פון רבי עקיבא איגר. ווי מיר האָבן געשריבן אין יענעם אַרטיקל האָבן דעם חתם סופר'ס זין, דער כתב סופר,




"מחזור לשלש רגלים געדרוקט דורך Jos Shlesinger

רבי שמעון סופר און רבי יוסף יוזפא סופר, אַוועקגעגעבן פאַר'ן חתם סופר'ס שטיף איידעם רבי יוסף גינז-שלעזינגער די רעכטן אויף צו פאַרקויפן, און די גאַנצע הכנסה פונעם ערשטן דרוק פון שאלות ותשובות חתם סופר חלק יורה דעה. רבי יוסף גינז שלעזינגער האָט שטאַרק מצליח געווען דערמיט. עטליכע הונדערט עקזעמפלאַרן פונעם ערשטן דרוק האָט ער דאָס ערשטע מאָל פאַרקויפט, און פאַר אַ הויכן פרייז, אין אוהעל ביי דער ערשטער יאָרצייט פון ישמח משה. אויך די שפּעטערדיגע הכנסות זענען געגאַנגען צו אים. די רווחים האָט ער אינוועסטירט אין עפענען אַ ספרים געשעפט אין פרעשבורג און דערנאָך אין בודאַפּעסט. שפּעטער האָט ער זיך געצויגן קיין ווין, עסטרייך, וואו ער האָט געעפענט אַ גרויסן ספרים געשעפט. דאָס געשעפט האָט זיך גערופן "בית מסחר ספרים של יוסף שלעזינגער". דאַן האָט זיך עס אויסגעברייטערט און איז געוואָרן אַ הוצאות ספרים וואָס האָט געלאָזט דרוקן, און האָט אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט ספרים איבער גאַנץ אייראָפּע. די שלעזינגער פאַרלאַג האָט אפילו געדרוקט סידורים פאַר ספרדי'שע קהילות און פאַר בני עדות המזרח אין אַראַבישע מדינות און אין צפון אַפריקע. די "יוסף שלעזינגער פערלאַג" (Jos Shlesinger Verlag) פון די אייניקלעך און אור אייניקלעך פון רבי יוסף גינז-שלעזינגער איז געווען פון די גרעסטע ספרים פאַרלאַגן צו דרוקן און פאַרשפּרייטן סידורים, חומשים און ספרי קודש אין אייראָפּע. דאָס געשעפט האָט אָנגעהאַלטן ביז צום דייטשן "אַנשלוס" אין שנת תרצ"ח ווען די נאַציס ימ"ש האָבן איינגענומען עסטרייך, קאָנפיסקירט אַלע ספרים און ליקווידירט אידישע געשעפטן, איינשליסנדיג די שלעזינגער ספרים געשעפט און פאַרלאַג. טייל פון די אייניקלעך האָבן נאָך פאַר דער מלחמה זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל וואו זיי האָבן געעפענט אַ שלעזינגער ספרים געשעפט און פאַרלאַג וואָס האָט שפּעטער געטוישט דעם נאָמען צו הוצאות ספרים סיני).

צווישן די צוויי גדולי הדור, רבי עקיבא איגר און דער חתם סופר, האָט געהערשט אַ געוואַלדיגע ידידות נאָך פון פריער, – כאָטש זיי האָבן פאַר דעם, איידער דער חתם סופר איז געוואָרן זיין איידעם, קיינמאָל פערזענליך זיך נישט באַגעגנט. אין אַ תשובה צו רבי עקיבא איגר מיט צוויי יאָר פריער, שנת תק"ע, שרייבט דער חתם סופר זיך אונטער: "אוהבו הדבוק מאח" (שו"ת חת"ס חיו"ד סי' קל"ט). אין אַן אַנדערע תשובה (חאו"ח סי' קס"ז) פון אַ יאָר פריער, שנת תקע"א, ווענדט זיך דער חתם סופר צו רבי עקיבא איגר אַלס "הגאון האמיתי רב חביבי וידיד נפשי". אַ צווייטע תשובה (סי' ק"מ, וואָס איז אַ המשך צו תשובה סי' קס"ז) פאַרענדיגט דער חתם סופר מיט די ווערטער: "וכי יבואו עוד דברי קדשו אלינו אענדם עטרה לראשי ואחתום בכל חותמי ברכות, ממני א"נ (אוהבו נפש) השש ועלז בשלותו ורב טובו".

די צוויי גדולי הדור, רבי עקיבא איגר און דער חתם סופר, זענען ביידע געווען אין זעלבן עלטער. רבי עקיבא איגר איז געווען בלויז עלף מאָנאַטן עלטער פון זיין שפּעטערדיגן איידעם דער חתם סופר. רבי עקיבא איגר איז געבוירן א' חשון שנת תקכ"ב און דער חתם סופר איז געבוירן ז' תשרי תקכ"ג.

באַקאַנט וואָס די וועלט דערציילט וועגן דער רעאַקציע פון ביידע, פון רבי עקיבא איגר און פון חתם סופר, ווען מען האָט ערשט גערעדט פון דעם שידוך. רבי עקיבא איגר האָט געזאָגט אַז ער האָט מורא אַז דער חתם סופר וועט נישט וועלן דעם שידוך צוליב דעם וואָס דער חתם סופר זוכט זיכער אַ ריכטיגע בת תלמיד חכם. ווידער דער חתם סופר האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא אַז רבי עקיבא איגר וועט נישט וועלן ווייל ער וויל נישט זיין קיין נותן בתו לעם הארץ.

אָט איז וויאַזוי דער "חוט המשולש" דערציילט דאָס:

"ובנתיים חקר בעצמו (החתם סופר) אצל זקני הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל אבי המדוברת, ובצדק שפט, מי הוא זה אשר יוכל להגיד לו יותר ממהותה אם לא אביה הקדוש ומי הוא בר סמכא יותר ממנו. ובתשובתו הפליג מאוד בשבח בתו, אבל סיים מכתבו שדבר אחד עומד לנגד הדבר, והוא, כי בוודאי רוצה לישא בת תלמיד חכם, ולמדרגה זו עוד לא הגיע בעו"ה. והגאון זקני ח"ס זצ"ל השיב בענוות צדקו, מאוד נאמנו כל דבריו הקדושים, וגם מה שנוגע לבת תלמיד חכם האחריות יקח עליו ועל צווארו. אבל ענין אחר הוא אשר חושש עליו כי בלי ספק אין רצונו ליתן בתו לעם הארץ כי אמרו חז"ל הנותן בתו לעם הארץ כאלו וכו'. ולא ארכו הימים ומחשבתם יצא אל הפועל ונתקשרו בשידוכין".

די חתונה איז פאָרגעקומען כ"ג חשון שנת תקע"ג אין דער שטאָט אייזענשטאַט. אייזענשטאַט איז די געבורטסשטאָט פון רבי עקיבא איגר, די שטאָט וואו ער איז אויפגעוואַקסן און וואו אַ גרויסער טייל פון זיין משפחה האָט געוואוינט.

פּונקט ווי דער חתם סופר האָט זיך שטענדיג אונטערגעשריבן "משה"ק סופר מפפד"מ" האָט רבי עקיבא איגר זיך תמיד אונטערגעשריבן "הק' עקיבא גינז מא"ש", כדי נישט צו פאַרגעסן דעם שורש און דעם אָפּשטאַם, דעם בית אבי וארץ מולדתי. דערפאַר איז די חתונה פאָרגעקומען אין אייזענשטאַט וואו רבי עקיבא איגר'ס משפחה האָט זיך געפונען, הגם צענדליגער יאָרן זענען שוין פאַראיבער זינט רבי עקיבא איגר האָט פאַרלאָזט אייזענשטאַט.

מיר וועלן ציטירן פון דעם שטר התנאים, ווי דאָס איז געדרוקט אין חוט המשולש:

"למז"ט יציץ ויפרח וכשמש יזרח, אלו דברי התנאים אחרונים שנדברו והתנו בין שני הצדדים בשעת החופה ביום דלמטה, דהיינו בין ה"ה הרב הגאון המפורסם המאוה"ג אבדק"ק פ"ב מה"ו משה פראַנקפורט בן מורינו הרב מה"ו שמואל זצ"ל צד א', ובין הגאון המפורסם הרב המאוה"ג מה"ו עקיבא איגר ובתו האלמנה הרבנית שרל תי' צד שני, ובפנינו עדים חתומים מטה עשו הצדדים קנין גמור אגב סודר וכו'. א', ה"ה הגאון מה"ו משה הנ"ל נשא וקידש במז"ט את האלמנה הרבנית מרת שרל תי' וכו' והכניס לנדן שלו את כל רכושו והונו שחננו הש"ית והתחייב להשתדל שטר חליצה מאחיו בחנם בלי מחיר כסף כלל – ב', ה"ה הגאון מהרע"ק איגר הנ"ל הכניס לנדן בתו סך שנים עשר מאות זהובים רייניש קורראנט געלד ומלבושים נאים וצעיפים ורדידים, ומעתה וכו'. פק"ק א"ש יום ה' כ"ג מרחשון תקע"ג לפ"ק הכל שריר וקים – הק' עקיבא גינז מא"ש. (חתימת שני עדים)".

זיבן טעג נאָך דער חתונה איז דער חתם סופר פאַרבליבן אין אייזענשטאַט. במשך פון דער וואָך האָט ער זיך משתשע געווען מיט זיין גרויסן שווער. אין אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן דעם אַכטן טאָג שרייבט דער חתם סופר: "אני היום סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים מחולת אהבה לבבי הבוער כמו אש אהבת חמי הגאון הגדול נר ישראל אשר זה ח' ימים אנחנו דבקנו זה בזה וקשה עלי פרידתו מאוד".

אינטערעסאַנט: נאָך דער חתונה, ווען ער האָט זיך אומגעקערט מיט הרבנית שרל קיין פרעשבורג, האָט דער חתם סופר געשריבן צו די ראשי ופרנסי הקהילה פון אייזענשטאַט אַז ער וויל ווערן אַ חבר, אַ מעמבער, אין דער קהילה פון אייזענשטאַט, היות ווי זיין רעביצין די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר איז אַ נצר און אַן אָפּשטאַמיגע פון דער קהילה אין אייזענשטאַט. אָט איז ווי דאָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין דעם פנקס הקהלה פון אייזענשטאַט:

"למען יעמוד ימים רבים למשמרת, הוחרט בעט ברזל ועופרת, דבר טוב וקיים לדורות, היות שהרב הגאון האמיתי והמפורסם אב"ד דק"ק פ"ב כמוהר"ר משה פ"פ (פראַנקפורטער) שאל נשאל לנו על צד בקשה נדון הזכות וחזקת הקהלה שמן הראוי להינתן שם ויד בה בזכותה דאשתו הרבנית אשר היא נצר מילידי קהילתינו בת הרב הגאון הגדול המפורסם כמהו"ר עקיבא עגער נ"י בן המנוח הרבני מו' משה גינז זצ"ל מפה, וכאשר אנחנו רו"ט החו"מ נו"נ בדבר, מצאנו כנים דברי הרב הגאון ואין בפיהו נכלות שוא, ונוסף לזה שהוא חד מגאוני זמנינו המפורסמים, בכן הסכמנו כולנו רו"ט בתוקף זה שראוי להחשיבו מיוצאי חלצינו ולמנותו כאחד מבני קהילתנו יצ"ו עם זוגתו הרבנית וכל יו"ח. וכהיום דלמטה שקבענו אותו לעיין במילי דציבורא כתבנו להרב הגאון הנ"ל איגרת שלומים, וכבדנוהו בחזקת הקהלה הנ"ל. ולראייה לתוקף באנו עה"ח פה ק"ק אייזענשטאַט יום א' לקימת סליחות שנתקע"ד לפ"ק.

מענדל יאַנאָוויץ

מרדכי וויעסבאַדן

דוד הק' ברייער

הק' יוסף בר"מ בונצלא

הק' יהושע בן מהרי"ל זצ"ל

בשעת'ן שליסן דעם שידוך האָבן ביידע צדדים אָפּגעמאַכט אַז די צוויי קינדער וואָס די רבנית האָט געהאַט פון איר ערשטן מאַן וועלן די ערשטע תקופה נישט קומען וואוינען קיין פרעשבורג. נאָך עטליכע מאָנאַטן האָט אָבער דער חתם סופר געהאַלטן אַז די רעביצין בענקט זיך נאָך אירע קינדער. האָט ער געשיקט זיין מקורב און נאמן ביתו הרבני ר' בער פראַנק, דער גבאי און סעקרעטאַר פון דער פרעשבורגער קהלה, ער זאָל פאָרן ברענגען די צוויי קינדער. ווען ר' בער פראַנק איז מיט זיי געקומען איז געווען נאָענט צו פורים. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטוב האָט דער חתם סופר געזאָגט צו דער רעביצין: "כ'האָב דיר געברענגט אַ שיינע משלוח מנות".

# אחד עשר יום מחורב

אַכציג יאָר איידער דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פרעשבורג איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס רב הגאון רבי משה חריף זצ"ל. במשך פון 28 יאָר איז ער געווען רב אין פרעשבורג. אויף די עלטערע יאָרן איז רבי משה חריף פיזיש שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. האָט די פרעשבורגער קהילה אין שנת תקט"ו, מיט דער גוטהייסונג פון רבי משה חריף, אויפגענומען



הגדה געדרוקט דורך דפוס שלעזינגער אין וויען מיט אַ געמאָלן בילד פון רבי עקיבא איגר, דער חתם סופר, דער כתב סופר און דער שבט סופר

רבי עקיבא איגר'ס זיידע, רבי עקיבא איגר הראשון, דעם בעל משנת דרבי עקיבא, אַלס סגן רב פון פרעשבורג.

אין פונקציע האָט אָבער דער בעל משנת דרבי עקיבא די ערשטע פאָר יאָר נישט געוואָלט אונטערנעמען. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט האַלטן קיין דרשה אין דער גרויסער שטאָטישער שול, כדי נישט ווי צו טון דעם רב רבי משה חריף וועלכער איז נישט ביכולת צו רעדן.

נאָך כסדר'דיגע הפצרות פון דער קהילה האָט ער אָבער נאָך דריי יאָר איינמאָל יאָ געהאַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שול. אַ קורצע צייט דערנאָך, ג' אלול שנת תקי"ח, איז רבי משה חריף נפטר געוואָרן.

ווען רבי עקיבא איגר, דער בעל משנת דרבי עקיבא, האָט זיך געשטעלט מספיד זיין רבי משה חריף איז ער פלוצים שטעקן געבליבן אינמיטן הספד. ווען ער האָט געפּרואווט ווייטער רעדן האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ווייטער קען ער נישט רעדן. דער נפטר לאָזט אים נישט. ער רופט אים צו דין תורה פאַר'ן בית דין של מעלה.

ווען ער איז אַהיים איז ער אַוועקגעפאַלן פאַרשלאַפט. מיט עלף טעג שפּעטער, ט"ו אלול שנת תקי"ח, איז ער נפטר געוואָרן אין יונגן עלטער פון 38 יאָר. ער ליגט אין פרעשבורג, ממש נעבן דעם חתם סופר. אויף זיין מצבה איז די מעשה מרומז מיט די ווערטער: "אשריך רבי עקיבא שנתפסת על דברי תורה".

אין זיין הספד אויף רבי עקיבא איגר הראשון האָט איינער פון די מספידים געזאָגט: "אחד עשר יום מחורב", בלויז 11 טעג זענען אַריבער צווישן ערשטן חורבן, די הסתלקות פון רב, רבי משה חריף, ביז צום צווייטן חורבן, די הסתלקות פון ממלא מקומו הגאון רבי עקיבא איגר דער בעל משנת דרבי עקיבא.

ווען דער חתם סופר, וועלכער איז געווען אַ קרוב משפחה מיט הגאון רבי משה חריף, האָט חתונה געהאַט מיט די רעביצין שרל, אַן אייניקל פון רבי עקיבא איגר הראשון, האָט מען געשמועסט, אַז במתיבתא דרקיע האָבן די צוויי גאונים וצדיקים, רבי משה חריף און דער בעל משנת דרבי עקיבא, געמאַכט שלום צווישן זיך.

ווי זייער אייניקל רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב זצ"ל, שרייבט דאָס אין חוט המשולש:

"בשנת תקע"ג כאשר נשא זקיני בעל חתם סופר זצ"ל – אשר היה מקרובי הגאון רבי משה חריף הנ"ל – את נכדת זקיני רע"ק ז"ל הנ"ל, אמרו אז האנשים ששני גאונים הללו עשו שלום ביניהם זי"ע. וכאשר נתקבל אאמ"ו הגאון זצ"ל (דער כתב סופר, דעם בערעגסאַזער רב'ס טאַטע) לאב"ד בפרעשבורג אמרו עליו גדולים 'ודור רביעי ישובו הנה', כי הוא דור רביעי אחרי הגאון בעל משנת דרע"ק ז"ל הנ"ל".

[המשך יבא אי"ה]

ברוך יודא קליין

לג



# דער הייליגער חתם סופר

**די רעביצין שרל, זיווג שני פון חתם סופר – מוטער פון זיינע 11 קינדער – שרה מגיירת הנשים – איר חשיבת און צדקות – די בריוו צווישן איר און איר גרויסן פאָטער הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## הרבנית שרל

דעם חתם סופר'ס זיווג שני, די רעביצין שרל, איז געווען די מוטער פון זיינע עלף קינדער. פיר זון, רבי אברהם שמואל (דער כתב סופר), רבי שמעון סופר, רבי יוסף יוזפא, און יצחק לייב (וועלכער איז אַוועק אַלס פיר יעריג קינד), און זיבן טעכטער, הינדל, גיטל, יענטל, שמחה, רעכל, רייזל, און אסתר.

דער גענויער סדר פון זייער עלטער:

1. די עלטסטע איז געווען מרת **הינדל** ע"ה, געבוירן ד' אב תקע"ג. אשת הגאון רבי דוד צבי ערנפעלד זצ"ל, פאָטער פון חתן סופר.
2. ממלא מקומו הגה"ק רבי **אברהם שמואל בנימין** זצ"ל. געבוירן ל' אדר א' תקע"ה.
3. מרת **גיטל** ע"ה. געבוירן ערש"ק כ"ה כסלו תקע"ו. בזיווג ראשון אשת הגאון רבי יוסף אליהו קאָרניצער זצ"ל, בזוו"ש אשת הגאון רבי בנימין שלמה זלמן שפיצער זצ"ל, אב"ד שיפשוהל אין וויען.
4. יהודה **ארי'**, המכונה יהודה לייב ע"ה. געבוירן ג' תמוז תקע"ז. אַוועק אַלס 4 יעריג קינד.
5. מרת (חנה) **יטל** ע"ה. געבוירן מוצש"ק י"ד שבט תק"פ. אשת רבי ישראל גייגער זצ"ל פון קאַשוי.
6. הגה"ק רבי **שמעון סופר** זצ"ל, אבדק"ק מאַטערסדאָרף און קראָקע, דער בעל מכתב סופר. געבוירן י"ג טבת תקפ"א.
7. מרת **שמחה** ע"ה. געבוירן די ערשטע נאַכט חנוכה תקפ"ב. אשת הג"ר משה טוביה לעמאַן פון אַמסטערדאַם זצ"ל.
8. **רייזל** ע"ה. געבוירן ראש חודש כסליו תקפ"ד.
9. רבי **יוסף יוזפא** זצ"ל. געבוירן ט"ז תמוז תקפ"ה.
10. מרת **רעכלה** ע"ה. געבוירן כ"א אב תקפ"ו. אשת הג"ר צבי יהודה פריעדמאַן זצ"ל.
11. **אסתר'ל** ע"ה. געבוירן ליל שבת פרשת זכור ט' אדר ב' תקפ"ט. געווען אַ כלה צו רבי יונה צבי בערנפעלד אַ תלמיד פון כתב סופר און איז ל"ע נפטר געוואָרן נאָך פאַר דער חתונה, כ"ז ניסן תר"ט. ליגט אין נייעם בית החיים אין פרעשבורג.

מער פרטים וועגן חתם סופר'ס קינדער אין אַ שפּעטערדיגן אַרטיקל אי"ה.

זייענדיג די טאָכטער פון מרן גאון ישראל וקדושו הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל איז די רעביצין שרל זעלבסטפאַרשטענדליך געווען אָנגעזאַפּט מיט אהבת תורה, יראת שמים און מדות טובות.

ווען זי איז געוואָרן די רבנית פון הייליגן חתם סופר איז דער חתם סופר שוין געווען פון די גדולי הדור, – פאַקטיש דער גרעסטער מרביץ תורה און דער פוסק הדור. זי איז געווען אַ האַלב יובל יאָרן יונגער פון אים. דאָך האָט זי געוואוסט וויאַזוי פולשטענדיג זיך איבערצוגעבן צו פירן די שטוב און זיכער מאַכן ער זאָל נישט האָבן קיין שום טירדות, – אויך שפּעטער ווען זיי זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַ שטוב מיט קינדער, – כדי ער זאָל קענען אָנגיין מיט זיין עבודת הקודש פון הרבצת תורה.

אין זיין הספד אויף הגאון רבי עקיבא איגר האָט דער חתם סופר זיך

געוועגדעט צו זיינע קינדער, וועלכע האָבן פּערזענליך נישט געזען דעם זיידן, און זיי געזאָגט: "שווער צו פאַרגלייכן עמיצן צו אייער זיידן. צי געדענקט איר אָבער די צדקות פון זיין טאָכטער, אייער מאַמע'ן? "הזוכרים אתם את צדקות אמכם בתו זצ"ל, אין להעריך ואין לספר".

לויט ווי רבי שמעון סופר זאָגט אין דער הקדמה צו חידושי חתם סופר אויף מסכת חולין האָט דער חתם סופר אויף איר געזאָגט: "רוב תורתי – זכותה גרמה לי", רוב פון מיין תורה איז געקומען אין איר זכות.

ווי מיר וועלן שוין זען איז איר פאָטער הגאון רבי עקיבא איגר געשטאַנען אין אַ כסדר'דיגן בריוו אויסטויש מיט זיין טאָכטער. אין איינעם פון די בריוו שרייבט ער איר אַז זי דאַרף זיך פילן גליקליך דערמיט וואָס איר מאַן איז גרעסער ווי אַ מלך. אינדערצייט וואָס אַ קעניג הערשט בלויז אויף זיין אייגן לאַנד איז איר מאַן מלך איבער דער גאַנצער וועלט, וואָרום וואו נאָר ס'מאַכט זיך אַ שאלה איבער דער גאָרער וועלט ווענדט מען זיך צו אים. (הגרי"נ שטערן זצ"ל אין דער הקדמה צו חת"ס עה"ת ספר בראשית, בשם זיין שוואָגער הג"ר עקיבא סופר זצ"ל מפּאָפּא הי"ד).

דער חתם סופר פון זיין זייט האָט איר באַטראַכט ווי אַ מלכה. באַקאַנט וואָס רבי שמעון סופר שרייבט, אַז טראָץ דעם וואָס דער רמ"א פסק'עט אַז בזמן הזה זענען פרויען נישט מיסב פסח ביים סדר האָט דער חתם סופר איר צוגעשטעלט אַ ספּעציעלן שטול: "למרות שעלה רבינו הרמ"א בהסכמה דבזמן הזה לא נהגי נשי דידן להסב, לא היתה כוונתו אלא על סתם נשים. אבל באשה חשובה ומפורסמת כגון אמי מורתי גם הרמ"א מודה" (מכתב סופר ח"א בחידושים להגדש"פ).

## שרה מגיירת הנשים

הג"ר יצחק ווייס, ראב"ד ווערבוי זצ"ל, שרייבט וועגן איר אין זיין ספר "אבני בית היוצר":

"גודל צדקתה ומידותיה התרומיות בגמילות חסדים, ושהיתה שרה המגיירת הנשים ללמדם הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון עם גודל ענותנותה מפורסם בשער בת רבים".

אין "כתב שם משמעון", געדרוקט אָנפאַנג פון שו"ת כתב סופר, שרייבט איר זון רבי שמעון סופר: "אין לשער ואין להעריך חכמתה וצדקתה ואהבת התורה שהיתה בליבה".

אירע מעלות און צדקות האָט דער חתם סופר אַרויסגעברענגט אין דעם הספד וואָס ער האָט אויף איר געהאַלטן נאָך איר פטירה, אויפ'ן סדר פון יעדן איינעם פון די פסוקים פון אשת חיל. דער הספד איז געדרוקט אין "דרשות חתם סופר", דף שפ"ו.

אין היינטיגן אַרטיקל וועלן מיר ציטירן בלויז געציילטע פון די שבחים. מער אין קומענדיגן אַרטיקל.

"ידוע מרוב הפלגת תוכחתה אשר המשיכה רבות בנות והשיבם מעוון".

ווי למשל, זאָגט דער חתם סופר, איר וואַכזאַמקייט אין עניני צניעות סיי ביי אירע קינדער און סיי ביי אַנדערע, "לומר לא תלכי בפרועת שוק וגילוי שערות, ותהיו צנועות".

כפה פרשה לעני. זי האָט אַלעס אַוועקגעגעבן פאַר אָרימע און נצרכים. גאָרנישט געהאַלטן פאַר זיך. זי האָט קיינמאָל נישט אָנגעטאָן קיין תכשיטים און טייערע מלבושים. אַלע צירונג האָט זי פאַרקויפט און דאָס



כתי"ק פון חתם סופר ביים סוף פון זיין פנקס המוהלים מיט א רשימה פון זיינע טעכטער און די יארן אין וועלכע זיי זענען געבוירן.

געלט האָט זי צעטיילט צווישן אָרימעלייט. סדין עשתה ותמכור וחגור נתנה לכנעני, ווי די חז"ל דרש'נען אין פסחים (נ.) אַז "כנעני" איז די נוטריקון פון "כאן-עני".

איר טאָכטער שמחה לעהמאַן, וועלכע איז נאָך געווען אַ יונג מיידל בעת איר מוטער'ס פטירה און צוזאַמען מיט אירע שוועסטער האָט וויטער אָנגעפירט מיט דערווירטשאַפט פון דער שטוב, האָט דערציילט: דער חתם סופר האָט אַמאָל פרייטאָג געזען ווי זי האָט געלייגט די בעקנס מיט פריש געבאַקענע חלות אויף דער פּאָדלאָגע אין דער קיך. האָט זיי דער חתם סופר געפרעגט: "ביי דער מאַמע'ן האָט איר דאָס אויך אַזוי געזען?"

מיינענדיג צו זאָגן: די מאַמע איז נזהר געווען אין דעם טורי זהב וואָס זאָגט (אין יו"ד סוף סי' קע"ח) אַז ערב שבת נאָכ'ן באַקן די חלות צו לייגן די חלות גלייך אויפ'ן טיש לכבוד שבת. דער חתם סופר ברענגט דעם טורי זהב אין זיינע הגהות אויף שו"ע או"ח סימן רמ"ב.

## די התקשרות צו איר טאַטן הגאון רבי עקיבא איגר

די נאָענטקייט צווישן די רעביצין שרל מיט איר גרויסן טאַטן האָט אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן. יעדן בריוו און יעדע תשובה וואָס רבי עקיבא איגר האָט געשריבן צו זיין איידעם דער חתם סופר האָט ער פאַרענדיגט מיט עטליכע שורות צו זיין טאָכטער. און דאָס זעלבע



כתב יד קודש פון חתם סופר צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר אונטן צוגעשריבן עטליכע שורות פון הרבנית שרל צו איר פאטער



כתב יד קודש פון הגאון רבי עקיבא איגר זי"ע

פאַרקערט: יעדע תשובה וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו זיין שווער רבי עקיבא איגר האָט ער נישט אַרויסגעשיקט ביז זיין רעביצין האָט נישט צוגעשריבן עטליכע שורות צו איר טאַטן.

אין אַ תשובה צו רבי עקיבא איגר, געדרוקט אין שו"ת ח"ס החדשות סי' מ"ה, שרייבט דער חתם סופר:

"המכתב נתעכב עד אחר חצי היום.. כי רצתה זוגתי הרבנית תחי' לבוא על החתום".

אין אַ בריוו דאָרט (סי' נ"ז), געשריבן צו הג"ר בונם איגר, שרייבט דער חתם סופר: "וגם שם קבלתי מכתב ממו"ח הגאון נ"י, אשר בשולי היריעה כתב לפר"מ מחו' הג' נ"י כאשר לוטה פה, והייתי שולח לו גם מכ' אליו, רק הואיל וזוגתו הרבנית איננה פה על כן לא אוכל לשלוח גוף המכתב עד שתראה היא תחי'".

אַמאָל, ווען די רבנית איז ווייזט אויס נישט געווען בקו הבריאות, האָט דער חתם סופר געשיקט אַ בריוו צום שווער אָן דעם וואָס זי זאָל עפּעס צושרייבן. איז פאַראַן אַ בריוו פון רבי עקיבא איגר צום חתם סופר, "אגרות סופרים" מכתבי רעק"א מכתב כ"ב, אין וועלכן ער שרייבט:

"ד"ש לבתי הרבנית הצנועה מרת שרל תח', עס בערפרעמדעט מיך זעהר אונד מאַכט מיר גרויסע שמערצען אונד אומרוהע דאָס די האסט דיזעס מאָל ניכט דראן געשריבען איזה שורות, קאננען אונז ניכט בערוהיגען ביז ווער הזכיה ווירדען האָבן ווירדום דיין אייגעהענדיג שרייבען צו ערהאַלטען. ביטע ניכט צו פערזוימען צי שרייבען המוקדם לנוח דעתינו. וד' יקבל תפלת ההדיוט כמוני עבורך להחזיקך ולהחלימך ולרפאותך ותזכה עם בעלך הגאון נר"ו לראות בשמחת צאצאיכם, אמן".

אין אַ בריוו צו זיין ברודער רבי שמואל זצ"ל, געדרוקט אין חוט המשולש עמוד קנ"ה בהערה, שרייבט רבי עקיבא איגר:

"יקרת מכתבו הגיעני, ואיני יכול להשיבו כעת, כי ראשי ולבי בל עמי, וידי רפו לגודל צערי על מניעת מכתב חתני הגאון נ"י וזוגתו בתי הרבנית תי' זה יותר מג' חדשים, לא ברכת השנים ולא ברכת מז"ט על שידוכי נכדי יצ"ו, צערי גדול מנשוא, ממש נחליתי וכל אברי מקוררים, לא אוכל לחמם אותם וקשה עלי אחיזת הקולמוס לכתוב. יתן ד' שיהיה צערי לכפרת עון ויזכני להתבשר בקרוב כל טוב מחתני הגאון נ"י ומביתו.."

הרבני רבי ישראל שטערן ז"ל פון לאָנדאָן האָט געהאַט אַן אָריגינעלן כתב יד פון אַ תשובת עגונה וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו רבי עקיבא איגר. ר' ישראל שטערן האָט דאָס געדרוקט אין אַ קונטרס וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן ביי אַ שמחה פון איינעם פון זיינע קינדער. ביים סוף פון דער תשובה זענען פאַראַן די פאָלגנדע שורות וואָס הרבנית שרל האָט צוגעשריבן צו איר טאַטן:

"האבע צווארה היינטיגע ניכט צי מעלדען, קען אָבער דאָך ניכט אינטער לאססען מיין ליבע פאָטער לעבן צי מעלדען דאָס ת"ל אַלס גזונד איזט וועלכעס ווינשה איינד האָפּט דאָס געגעבן טייל צי פאַרנעמען.

פרבלייבה טרייא טאָכטער שרל בת הרב הגאון מו"ה עקיבא נ"י, מיין פריינדליכען גרוס אמי חורגתי הצנועה תחי' ודודיתי הרבנית הצנועה מיין ליבה גישוויסטרוס גב"ה מיין קינדער לעבען לאָזן פמ"ג (פיל מאָל גריסן)".

פאַראַן אַ בריוו אין וועלכן דער חתם סופר לאָזט וויסן זיין שווער רבי עקיבא איגר די גוטע בשורה פון דעם שידוך פון זיין טאָכטער מרת גיטל מיט "אחד מתלמידי הלומד בישיבתינו שמו הבחור אלי'" (קארניטצער). ביים סוף פונעם בריוו שרייבט די רבנית שרל צו אַ מזל טוב צו איר פאָטער:

"איך גריסה עבן מיין ליבה עלטרין לעבן מיט ווינשונג מז"ט וועגען בתי הכלה גיטל תחי'. ווינשה מיין ליב פאָטער לעבן זאָל תמיד שמחות זען אונד הערען עמו"ש אמן. ווייטר בצי מיך אויף בעלי הרב נ"י זיין שרייבן פר בלייבה טרייאי טאָכטער שרל. מיינה ליבה גישוויסטרונג פמ"ג מיט ווינשונג מז"ט".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**די יסורין של אהבה פון הרבנית שרל – איר ראָלע אין דעם חינוך פון אירע קינדער – איר רירנדע צוואה – די כוחות הנפש פון הייליגן חתם סופר אין אָנבליק פון אַזויפיל יסורים און פּיין דורכאויס זיין גאַנץ לעבן וואָס האָבן אים נישט געשטערט אין זיין עבודת הקודש – וויאַזוי רבי יצחק ווייס ז"ל האָט זוכה געווען צו ווערן אַ מחותן מיט'ן חתם סופר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

אומגעהויערע כוחות האָבן דער חתם סופר און די רבנית אַריינגעלייגט אין ערציען זייערע קינדער. זייענדיג דער מנהיג ופוסק הדור און דער גרעסטער מרביץ תורה האָט דער חתם סופר קיין סאַך צייט נישט פאַרמאָגט, ווי ער שרייבט דאָס אין אַ תשובה (אהע"ז ח"ב סי' קמ"ב): "עמוס התלאות אנכי מחבלי תרדין לא אוכל לבלוע רוקי".

האָט די רעביצין דעם עיקר עול גענומען אויף זיך. ווי דער חתם סופר זאָגט אויף איר אין זיין הספד איז זי געווען צופיה הליכות ביתה אַז לחם עצלות לא תאכל, אָפּגעבנדיג זיך מיט'ן חינוך פון די קינדער, "כי אם זריזות שיהיו זריזים לעמוד כנגד יצרם".

אין דער הקדמה צו תשובות כתב סופר שרייבט איר זון הג"ר שמעון סופר וועגן איר איבערגעגעבנהייט ביים ערציען דעם כתב סופר, וועלכער איז געווען פיזיש שוואַך און אויסגעשטעלט צו אַסאַך מחלות: "ישמח האב ותגל האם אשרי לה שילדה וגידלה אותו בצער גדול ובהשגחה נפלאה לחזק גופו לתורה", אין דער צייט וואָס זי אַליין איז געווען שוואַך און האָט פיל געליטן פון מחלות און יסורים.

## יסורין של אהבה

נישט באַקאַנט וויפיל יאָר אָבער די לעצטע יאָרן פון איר לעבן איז די רעביצין געווען זייער נישט געזונט ל"ע און האָט געליטן אומדערטרעגליכע יסורים. דער חתם סופר האָט געשטוינט וויאַזוי זי איז מקבל די יסורים באהבה. אין זיין הספד אויף איר זאָגט דער חתם סופר: "אשר ממש מרוב צערה ויסורים היתה בכלל יחוגו וינועו כשכור כמפורסם לכל באי עירנו".

טראָץ די שרעקליכע שמערצן זאָגט דער חתם סופר "ותקם בעוד לילה, ביסורים וצער הנמשל ללילה, ותתן טרף לביתה וחק לנערותיה, להשגיח בעינא פקיחא על כל צרכי הבית".

אין אַ בריוו, געשריבן צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר, ח"י תמוז תקצ"א, אַ האַלב יאָר פאַר איר פטירה, שרייבט דער חתם סופר: "אני מתגורר פה הרחק מאוד מקהלתי במרחץ לעסוק ברפואות על פי פקודת הרופאים, וכמו כן זוגתי הרבנית תחי', ולדידי תלי"ת כמדומה מרגיש תועלת... אך לזוגתי לא הואיל עדיין כלום כי רוח נכאה מי ישאנה, ועלי היו כולנה, קשה כח הסבל". (דער בריוו איז געווען געדרוקט אין ירחון "כרם שלמה").

צווישן דעם חתם סופר'ס וואונדערליכע כוחות הנפש און גדלות'דיגע כאַראַקטער-שטריכן איז דער פאַקט וואָס טראָץ די פילע מיטמאַכענישן פון צרות און פּיין דורכאויס זיין גאַנץ לעבן האָט דאָס אים קיינמאָל נישט געשטערט פון זיין עבודת הקודש.

הגאון רבי יודא גרינוואַלד, סאַטמאַרער רב זצ"ל, דער בעל שבט מיהודה, שרייבט אין "שירת משה" וואָס ער האָט געהערט פון הג"ר וואָלף פוקס אבדק"ק סערעד, וועלכער איז געווען אַ תלמיד ערשט פון חתם סופר'ס תלמיד דער מהר"ם א"ש און איז דערנאָך געוואָרן אַ תלמיד פון חתם סופר אַליין אין פּרעשבורג.

דער מהר"ם א"ש פלעגט יעדן טאָג, פּונקט ווי זיין רבי דער חתם סופר, פאָרלערנען חובת הלבבות די ערשטע זאַך פאַר'ן שיעור.

אַזויווי דער מהר"ם א"ש פלעגט פאָרלערנען חובת הלבבות מיט גרויסע בכיות האָט רבי וואָלף פוקס געמיינט אַז דער חתם סופר וועט אויך פאָרלערנען חובת הלבבות מיט ענליכע, אָדער נאָך מיט גרעסערע, בכיות. צו זיין גרויס איבערראַשונג האָט אָבער דער חתם סופר פאָרגעלערנט חובת הלבבות מיט אַ צערטליכע אהבה, מיט אַן אויסטערלישע דביקות פון חדוה ושמחה.

רבי וואָלף פוקס האָט דערציילט אַז ווען ער איז אָנגעקומען לערנען

קיין פרעשבורג איז דעם חתם סופר'ס רעביצין הרבנית שרל געווען קריטיש קראַנק. ווען ער איז אָנגעקומען האָט מען פונקט מתפלל געווען און געזאָגט תהלים פאַר איר אין שול. דער חתם סופר אַליין איז געווען דער בעל תפילה פאַר'ן עמוד "בבכי רב ועצום מאוד, והיה משבר כל הלבבות", ווי רבי יודא גרינוואַלד שרייבט דאָס אין נאָמען פון רבי וואָלף פוקס. "ואחר התהלים". שרייבט ער ווייטער, "עמד ללמוד שיעור עיון ולמד בחדוה וצהלה, עד שאין מקום לשער לבשר ודם להפוך מדתו כמעט קט רגע".

ענליכס ברענגט הרב אברהם פייגלשטאָק ז"ל אין זיינע תולדות פון חתם סופר, אַז אין שנת תק"פ ווען עטליכע פון דעם חתם סופר'ס קינדער זענען געווען שטאַרק נישט געזונט האָט דער חתם סופר איינגעריסן בתפלה מיט זיינע תלמידים. נאָכ'ן ענדיגן תהלים מיט גרויס השתפכות הנפש איז ער צוריק צו זיך אין שטוב און זיך געזעצט שרייבן אַ לענגערע תשובה איבער אַן ענין חמור אין עניני אישות. אינמיטן שרייבן די תשובה איז אַריין צו אים זיין תלמיד הגה"צ רבי פישל סופר. זעענדיג ווי ער שרייבט די תשובה פרעגט ער אים:

"דער רבי איז דאָך שרוי בצער. וואו איז מען דאָס יעצט בכח צו שרייבן אַזאַ שווערע תשובה?".

"וואָס האָט איינס מיט'ן צווייטן?" ענטפערט אים דער חתם סופר, "זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד".

מיט יאָרן פריער ווען דער חתם סופר האָט אַמאָל בודק חמץ געווען אור לארבעה עשר האָט ער אין אַ שופלאָד וואו עס האָבן זיך געפונען אירע חפצים געזען אַ דאָקומענט אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן אַז דאָס איז איר צוואה. דער חתם סופר האָט איר פאָרגעהאַלטן הלמאי דאָס פעלט אויס, זאָגנדיג אַז ער איז פיל עלטער פון איר און האָט נאָך נישט געשריבן קיין צוואה ("חוט המשולש" עמ' קמ"א).

ס'איז אָבער געווען מזלא חזי. זי איז אַוועק אין אַ גאָר יונגן עלטער. שני חייה זענען געווען בלויז 43 יאָר, וואָס כולן שוין לטובה.

# איר צוואה

איר צוואה איז באַשטאַנען פון צוויי חלקים. דער ערשטער טייל איז געווען אַדרעסירט צו איר מאַן דער חתם סופר און דער צווייטער טייל צו אירע קינדער.

דער חתם סופר איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון איר צוואה אַז ביי איר לוויה האָט ער פאָרגעלייענט די צוואה נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן מיט'ן הספד. ס'איז אָנצונעמען אַז ער האָט פאָרגעלייענט דעם צווייטן טייל, אין וועלכן זי איז מעורר אירע קינדער צו תורה און יראת שמים.

מיר ציטירן אויסצוגן פון דער צוואה, וואָס מיר זעצן איבער פון דעם דעמאָלטדיגן דויטשמערישן אידיש-זשאַרגאָן צו אונזער היינטצייטיגן פליסענדן אידיש:

"ערשט וויל איך בעטן מחילה פון הרב הצדיק מיין מאַן וואָס כ'האָב




**"הגדה של פסח" געגעבן במתנה צו הרבנית שרל ע"ה א"ח מרן החתם סופר זי"ע**

אים נישט באַדינט ווי עס פאַסט זיך לכבודו. דער רבונו של עולם ווייסט מיין גרויס צער. מיינע שרעקליכע יסורים. קיינער באַגרייפט נישט ווי גרויס מיינע שמערצן זענען געווען. כ'האָף אַז כ'בין שוין אַלעס אָפגעקומען אויף דער וועלט.

"וויל איך בעטן פון מיין מאַן הרב הצדיק נ"י ער זאָל מיך דערמאַנען לטובה און זאָל טון פאַר'ן תיקון פון מיין נשמה, וואָס צוליב מיין חולשת הגוף האָב איך נישט געקענט אַליין מתקן זיין מיינע מעשים.

"אויך בעט איך מיין מאַן ער זאָל ווייטער פאָרזעצן שטיצן מיין טאָכטער ראַדיש תחי'. כ'האָף אַז אין דעם זכות וועט ער ווייטער זיין געזונט און שטאַרק. איך בעט נישט ער זאָל איר העלפן מער ווי ביז יעצט. וואָס ער האָט געטאָן ביז היינט איז געווען מיט אַ פאָטערליכע איבערגעגעבנקייט. האָף איך אַז ס'וועט בלייבן אַזוי.

"וואָס אַנבאַלאַנגט מיינע קינדער האָף איך אַז איר וועט אייך ווייטער פירן אויפ'ן דרך הישר ווי איר האָט געזען ביי אייער געבענטשטן טאַטן עמוש"ט. זייט אייך מתבונן אין יעדן קלענסטן איינצלהייט וואָס אַנבאַלאַנגט יראת שמים. השי"ת זאָל אייך בענטשן מיט געזונט איר זאָלט קענען זוכה זיין צו גיין בדרך התורה והמצוות. וואָרום בלויז דאָס איז מיין שטרעבונג: איר זאָלט שטענדיג טון דעם רצון השם און עוסק זיין אין עבודת ה' יומם ולילה. דאַן בין איך זיכער אַז דער אויבערשטער וועט אייך נישט פאַרלאָזן.

"מיינע טייערע קינדער, טרויערט נישט צופיל און זייט אייך נישט קיין סאַך מצער איבער מיר. איך האָף אַז דער זכות פון מיינע יסורים וועט מיר ביישטיין אויף יענער וועלט.

"מיינע געליבטע זין: איך בין גוזר אויף אייך נישט צו פאַסטן אויף מיר אין טאָג פון דער יאָרצייט. איר זאָלט מיך נאָר געדענקען אין דעם טאָג. איך בעט איר זאָלט לערנען נאָך מיר אַ פרק משניות. מיינע טייערע טעכטער, דערמאַנט אייערע מענער זיי זאָלן מתפלל זיין אויף מיין נשמה.

"איך בלייב אייער טרייע מוטער וואָס וועט פאַר אייך בעטן אַלעס גוטס.

"שרל אשת הרב אב"ד דק"ק פ"ב יע"א".

דער חתם סופר האָט טאַקע גע'פסק'עט זיינע קינדער זאָלן נישט פאַסטן אין טאָג פון איר יאָרצייט. דער כתב סופר פלעגט אָבער מאַכן אַ סיום ביי איר יאָרצייט "דעד שתאכלנו באיסור על פי המנהג להתענות, תאכלנו בהיתר". אין טאָג פון חתם סופר'ס יאָרצייט האָט ער אָבער יאָ געפאַסט, ווי ער שרייבט אין תשובת כתב סופר (חו"מ סי' מ"ב): "ביום אתמול יומא דתעניתא יאָ"צ מאמ"ו זצ"ל יומא דברא מזכה אבא ללמוד ברבים בהלכה, והיום כחוש מתעניתי".

אין זיין הספד אויף איר האָט דער חתם סופר אַרויסגעברענגט איר שטאַרקע וואַכזאַמקייט אויף דער געזעלשאַפט פון אירע קינדער, ווי שטאַרק זי האָט געהיטן זיי זאָלן זיך חבר'ן בלויז מיט גוטע חברותות. "שדרשה וחקרה בכל עוזה", האָט ער געזאָגט אינם הספד, "שלא ישב בקרב ביתה עושי רמיה, ולא עם בנינו ובנותינו ח"ו מי שאינו ירא ד', הן בשידוכים וחיתונים והן בהתחברות, כמפורסם לכל העומדים פה עמנו,

ואמרה ׳לא נערב כלאים ושעטנז במשפחתינו׳״.

אין אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן כ״ו ניסן תקצ״ב, אַרום פינף וואָכן נאָך איר פטירה, (געדרוקט אין חוט המשולש עמ׳ קמ״ב) דערציילט דער חתם סופר וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער ״ולא עם בנינו ובנותינו ח״ו מי שאינו ירא ה׳ הן בשידוכים וחיתונים והן בהתחברות״.

שרייבט דער חתם סופר אין דעם בריוו:

״הנה בני אברהם שמואל (דער כתב סופר) בן י״ז שנה, והוא בחור מופלג וצדיק נשגב, היה מקושר בקשר שידוכין, וכבר הושלש הנדן עשרת אלפים תחת ידי, והיה זמן הנישואין קרוב. ושמענו שהמשודכת קלקלה דרכיה ונכנסה בבית טרטיאות בליל צום עשרה בטבת. ושלחתי לחזרה מעות המשולש תחת ידי, ונתקתי קשר החיתון ההוא״.

די רעביצין איז דאַן געלעגן על ערש דוי. טראָץ דעם וואָס זי האָט געוואַרט און אַרויסגעקוקט צו דערלעבן פירן איר עלטסטן זון אונטער דער חופה, דאָך, ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז דאָס מיידל איז קאַליע געוואָרן און איז געגאַנגען אין טעאַטער, האָט זי עטליכע וואָכן פאַר איר פטירה געהייסן אָפּלאָזן דעם שידוך. לויט ווי כותבי התולדות שרייבן איז דער ״טעאַטער״ פאַקטיש נישט געווען וואָס ס׳איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן ביי דעם נאָמען ״טעאַטער״, נאָר וואָס ס׳ווערט היינט גערופן אַ ״פאָרשטעלונג״. דאַן איז דאָס אָבער געווען אַ מאָדערנע זאַך און אַ פּירצה.

דאָס מיידל איז דערנאָך געוואָרן אַ כלה מיט אַ צווייטן. פאַר איר חופה האָט דער רב פון שטאָט, דער חתם סופר, ווי עס איז געווען דער מנהג, איר געבענטשט. ווען דער חתם סופר האָט איר געבענטשט האָט ער, אַנדערש ווי דער שטייגער, איר געבענטשט הויך, אַלע זאָלן הערן ווי ער זאָגט ״אחותינו את היי לאלפי רבבה״.

מיר וועלן ציטירן די ווערטער פון הגאון רבי שלמה סופר דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש:

״אמר הסופר: מקובלני כי נערה הנזכרה נתנה עיניה באיש בעל ממון ונשאה אותו, וכאשר כיסה זקיני זצ״ל את האשה קודם החופה בירך אותה בהרמת קול יותר מהרגיל ׳אחותינו את וכו׳, והיה הדבר תמוה בעיני השומעים, עד ששאלו אותו למה שינה בה מבאחרת להרים קולו. וענה, יודע אני שתקבל עונש שמים על שנתקה את הקשר, ואילו הייתי מברכה בלחש היו אומרים שקיללתי אותה. על כן הרמתי קולי שכולם ישמעו. ולא עברו ימים מועטים ואירע בה מילתא ולא היתה ראויה לאיש ונתגרשה מבעלה. וזקני ז״ל סידר הגט פטורין. ותהום כל העיר, כי נראה בעליל כמה גדול כוחו של צדיק זה, והיא נשארה גלמודה כל ימיה״.

כאָטש נישט זי איז עס געווען די וואָס האָט מנתק געווען דעם קשר איז זי געווען די וואָס האָט געפירט דערצו, דורך אירע מעשים.

## ״אַזאַ מחותן וויל איך״

דער כתב סופר איז דערנאָך געוואָרן אַן איידעם ביי הרבני הנגיד ר׳ יצחק ווייס ז״ל פון גאָרליץ. זייענדיג אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער גביר האָט ר׳ יצחק ווייס געשיקט אַ בריוו צום חתם סופר קיין פּרעשבורג בעטנדיג ער זאָל אים שיקן איינעם פון זיינע חשוב׳סטע תלמידים ווייל ער זוכט אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. דער חתם סופר האָט אים געשיקט איינעם פון זיינע בעסטע און חשוב׳סטע תלמידים, אַ בחור וואָס איז געווען מלא וגדוש בתורה ויראת שמים ומוכתר בנימוסין.

דער בחור האָט געמאַכט גאָר אַ גוטן איינדרוק אויף ר׳ יצחק. ער האָט אָבער באַמערקט אַז דער בחור טראָגט הויזן וואָס האָבן מאַנזשעטן, (cuffs). דאָס איז דאַן געווען אַ נייע און מאָדערנע זאַך.

ר׳ יצחק האָט דאָס געשריבן צום חתם סופר און אים געבעטן ער זאָל אים שיקן אַן אַנדערן גוטן בחור, וואָס איז מער לויט זיין געשמאַק.

ווען דער חתם סופר האָט באַקומען דעם בריוו איז ער שטאַרק נתפעל געוואָרן דערפון וואָס אַ איד אַ בעל בית זאָל האָבן אַזעלכע השגות. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר ״עמודי האש״ און אין אַנדערע ספרים האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן: ״אַזאַ מחותן וויל איך״.

דער חתם סופר האָט אָבער נישט געוואָלט אַליין שרייבן צו ר׳ יצחק ווייס׳ן אַז ער טראָגט אים אָן זיין זון דעם כתב סופר ווייל כלום אב מעיד על בנו. האָט ער זיך געווענדעט צו זיין בית דין און זיי געפרעגט זייער מיינונג, צי ער קען טאַקע אָנטראָגן זיין אייגענעם זון, ווייל אפשר איז ער אַ נוגע בדבר.

דער בית דין האָט אים געזאָגט אַז זיין שמואל בנימין איז בלי שום ספק דער בעסטער און גרעסטער מצויין. רבי דניאל פּרוסטיץ און דער פּרעשבורגער בית דין האָבן געשריבן צו ר׳ יצחק ווייס׳ן און אַזוי איז געוואָרן דער שידוך.

הג״ר משה יעקב ווייס אב״ד נוה אחיעזר ז״ל, אַן אייניקל פון ר׳ יצחק ווייס, האָט דערציילט אַז ר׳ יצחק ווייס האָט זוכה געווען זיך משדך צו זיין מיט גדולי הדור אַדאַנק אַ ברכה וואָס ער האָט געקראָגן פון הרה״ק רבי משה לייב סאַסובער זי״ע.

הרה״ק רבי משה לייב מסאַסוב זי״ע, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן פאַר פדיון שבויים, איז איינמאָל אינמיטן ווינטער אָנגעקומען קיין גאָרליץ. צוליב דעם פראָסט און די ביטערע קעלט האָט רבי משה לייב אַוועקגעגע׳חלש׳ט. מען האָט אים אַריינגעפירט אין שטוב פון רבי יצחק ווייס וועלכער האָט אים אַרומגעוואַשן מיט בראָנפן און אים דערמונטערט. נאָכדעם וואָס ער איז געקומען צו זיך האָט ר׳ יצחק געפרעגט פון רבי משה לייב׳ן וואָס ער טוט דאָ אין שטאָט.

הערנדיג אַז רבי משה לייב פאָרט זאַמלען געלט פאַר אַ צוועק פון פדיון שבויים האָט אים ר׳ יצחק געזאָגט ער זאָל פאַרבלייבן ביי אים אין שטוב אויף עטליכע טעג און ער וועט אים געבן די גאַנצע סומע אין וואָס ער נויטיגט זיך.

פאַר׳ן אַוועקפאָרן האָט רבי משה לייב אים געזאָגט: ״שאל מה דבעית״, בעט וואָס איר ווילט, און איך וועל אייך געבן אַ ברכה. האָט ר׳ יצחק ווייס אים געזאָגט: דער אויבערשטער האָט מיך ב״ה געבענטשט מיט אַלעמען, מיט גוטע קינדער, געזונט און עשירות. בני, חיי ומזוני. זאָל דער רבי מיך בענטשן איך זאָל זוכה זיין צו חשוב׳ע איידימער און שנורן, קינדער פון גדולים וצדיקים.

ברכת צדיק איז מקויים געוואָרן. רבי יצחק ווייס האָט געהאַט זיבן זין און זיבן טעכטער. מיט יעדן איינעם פון זיי האָט ער זיך משדך געווען מיט גדולי וצדיקי הדור.

הגאון רבי נתן געשטעטנער ז״ל שרייבט (אין זיין הסכמה צו ספר ״צנא מלא ספרא״) וואָס ער האָט געהערט פון הרה״ק רבי יעקב לייזער מפּשעוואָרסק זצ״ל אַז הרבנית מרת חוה לאה ע״ה, די רעביצין פון כתב סופר, פלעגט אַלס מיידל פאַררעכטן און נייען די בגדים פון די עניים ואביונים וואָס פלעגן איינשטיין ביי איר פאָטער הנגיד ר׳ יצחק ווייס ז״ל. אירע חבר׳טעס פלעגן לאכן און איר אָפּ׳חוזק׳ן דערפאַר. ווען זי האָט זוכה געווען צו דעם שידוך מיט׳ן כתב סופר האָבן אירע חבר׳טעס געזאָגט אַז זי האָט דערצו זוכה געווען בשכר פון איר גמילות חסדים מיט אָרימעלייט.

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

לה

# דער הייליגער חתם סופר



**דריי יאָר וואָס דער חתם סופר איז געווען אַן אלמן, געפירט די שטוב מיט דער הילף פון די טעכטער – די רבנית שרל מעלמא דקשוט: "די שטוב דאַרף אַ שמירה" – זיווג שלישי, די אלמנה פון הגאון רבי צבי הירש חריף-העלער, פון די גדולי הדור אין פוילן און אונגאַרן – וואָס איר איידעם הג"ר אברהם יצחק וויינבערגער קליינוואַרדאַנער רב האָט דערציילט פון חתם סופר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

נאָך דער פטירה פון הרבנית שרל ע"ה האָט דער חתם סופר פולשטענדיג זיך איבערגעבן צו די קינדער אין שטוב. די ווירטשאַפט האָט געפירט די טאָכטער שמחה (לעהמאַן) וועלכע איז געווען נישט מער ווי צען יאָר אַלט.

גלייך אין דער שבעה האָט דער חתם סופר צוזאַמענגערופן זיינע טעכטער און זיי געזאָגט, אַז אויף שבת זאָל גאָרנישט פעלן. אַלצדינג זאָל זיין "אַזויווי איר האָט געזען ביי דער מאַמע'ן". (דרך חיים, מאמרי מוסר, ממרן החתן סופר ז"ל עמ' פ"ג, און הגאון רבי שמואל ערנפעלד מאַטערסדאָרפער רב זצ"ל, אין קובץ "הסופר" אדר תשמ"ה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין באַבע, אַ טאָכטער פון חתם סופר).

יעדן פרייטאָג האָבן די קינדער זיך געשטעלט פאַר אים שבת'דיג. ער פלעגט קענען זאָגן פאַר אַ טאָכטער "דו ביזט ניכט ריכטיג געקעמט לכבוד שבת קודש". (הגאון רבי עקיבא סופר, קונטרס "והריקותי לכם ברכה", לאָנדאָן תשנ"ב, עמ' 40).

ווען זיינע טעכטער האָבן יענע יאָרן געקויפט אַ ניי מלבוש פלעגן זיי קומען צייגן עס פאַר אים. ער פלעגט זיי מאַכן פילן גוט דורך זאָגן זיי אַ גוט וואָרט, אָפטמאָל אַ ווערטל, פול מיט יראת שמים. למשל אויב האָבן זיי געקויפט אַ פאַרטוך פלעגט ער זאָגן: "איר זאָלט פאָרכטן פון השי"ת". טאָמער האָבן זיי געקויפט אַ הוט האָט ער זיי געזאָגט: "הקב"ה זאָל אייך הוטן". (הגאון רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל, "ארחות הסופר" מכון אוצרות הסופר, לאָנדאָן תשס"ז עמ' ע"ה).

*

נאָך דער שבעה האָבן מקורבים אים געוואָלט אָנטראָגן אַ שידוך. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן, אָפּגעבנדיג זיך אַליין מיט דער שטוב און מיט די קינדער. אין אַ בריוו פון יום ד' יו"ד למב"י תקצ"ב שרייבט ער: "לא אוכל להאריך מפני טירדת חתונת בתי הכלה תחי' למז"ט בימים האלה ועזרתי אין אתי בעוה"ר... וגם לא עברו ג' רגלים... ואמרתי בויוסף אברהם ויקח אשה ואחז"ל (ב"ק צ"ב ע"ב) שיתין תכלי וכו', נ"ל דלא על אברהם אמורה אלא על יצחק, שלכן לא נזדרז אברהם לקיים מצוה שבגופו טרם נשואי בנו שלא ידאב לב יצחק, וק"ל. והנה בני (דער כתב סופר) הוא בחור מופלג וצדיק נשגב... קשה עלי לישא אשה עד שלכהפ"ח אמצא קשר מעדנים לבן חכם וצדיק הנ"ל".

מיט "טירדת חתונת בתי הכלה תחי'" מיינט דער חתם סופר זיין טאָכטער גיטל וועלכע האָט חתונה געהאַט י"ח אייר תקצ"ב, צוויי מאָנאַטן נאָך דער פטירה פון דער מאַמע שרל. דער חתם סופר פלעגט רופן די טאָכטער גיטל (קאָרניצער/שפּיטצער) "מיין הייליגעס קינד". מער וועגן איר צדקות, און די אינטערעסאַנטע השתלשלות פון איר שידוך, אין אַ קומענדיגן אַרטיקל וועגן די קינדער פון חתם סופר אי"ה.

אינטערעסאַנט: איר חתונה מיט הג"ר אליהו קאָרניצער איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר. די חתונה פון חתם סופר'ס זון רבי שמעון סופר איז אויך פאָרגעקומען ל"ג בעומר (שנת תקצ"ז). אויך די חתונה פון חתם סופר'ס אייניקל דער בעל "התעוררות תשובה" איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר (שנת תרל"ז), און די חתונה פון חתם סופר אַליין מיט זיין ערשטע רעביצין איז אויך פאָרגעקומען ל"ג בעומר.

*

די ערשטע רעביצין פון חתם סופר, הרבנית שרה (יערוויץ), איז אַוועק י"ג מנ"א תקע"ב. מיט דער צווייטער רעביצין האָט ער חתונה געהאַט עטוואָס מער ווי דריי מאָנאַטן שפּעטער, כ"ג מרחשון תקע"ג. ער האָט נישט געוואַרט שלוש רגלים ווי עס ווערט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך יורה דעה סי' שצ"ב סעי' ב' ווייל ער האָט נאָך נישט מקיים געווען די מצוה פון פריה ורביה. ווען ער איז אָבער געוואָרן אַן אלמן ל"ע פון דער צווייטער רעביצין ח"י אדר תקצ"ב איז דער מצב געווען אַנדערש, ווי ער שרייבט אין דעם נאָר וואָס דערמאַנטן בריוו: "וגם עדיין לא עברו ג' רגלים".

## זיווג שלישי, די אלמנה פון הגאון רבי צבי הירש חריף, בעל "טיב גיטין" זצ"ל

דריי יאָר איז דער חתם סופר פאַרבליבן אַן אלמן. ווי געזאָגט האָט ער

צוזאַמען מיט דער טאָכטער שמחה און די אַנדערע טעכטער אַליין געפירט די שטוב.

נאָך דריי יאָר האָט די רבנית שרל זיך באַוויזן צו אים מעלמא דקשוט און אים געזאָגט: "די שטוב דאַרף אַ שמירה". ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט: ער דאַרף נאָכאַמאָל חתונה האָבן.

*

בזיווג שלישי האָט ער חתונה געהאַט מיט דער אלמנה פון הגאון רבי צבי הירש חריף (העלער) זצ"ל, באַקאַנט מיט זיין חיבור "טיב גיטין".

הגאון רבי צבי הירש חריף איז געווען פון די גדולים אין פוילן און גאַליציע, און שפּעטער אין אונגאַרן, ווען ער האָט זיך געצויגן אַהין.

געבוירן אין זאַמוטש, פוילן, האָט ער יונגערהייט געלערנט בחברותא מיט הגאון רבי יעקב אָרענשטיין. ער איז שפּעטער געווען אָדער אַ שוואָגער אָדער אַ פעטער פון הגאון רבי שלמה קלוגער.




געמאָלן בילד פון הגאון רבי צבי הירש חריף זצ"ל, בעל "טיב גיטין"

אַלס יונגערמאַן פון בלויז עטליכע 20 יאָר איז ער געוואָרן רב אין בריגל. פריער איז ער געווען אַ גרויסער מתנגד צו חסידות. שפּעטער איז ער געוואָרן אויס מתנגד, הגם נישט אינגאַנצן אַ חסיד. ער איז געוואָרן שטאַרק בידידות מיט'ן בעל "מאור ושמש" און האָט אפילו געגעבן אַן הסכמה אויפ'ן ספר "מאור ושמש".

ווען די השכלה האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען צווישן דער יוגנט אין גאַליציע האָט די קהילה אין בראָד געגרינדעט די ערשטע ישיבה אין דער שטאָט. רבי צבי הירש העלער איז באַשטימט געוואָרט אַלס ראש ישיבה.

די משכילים וועלכע האָבן געהאַט געגרינדעט אַן אייגענע שולע אין בראָד האָבן אים גע'מסר'ט, אַז ער לערנט מיט תלמידים מאַטעריאַל וואָס איז פאַרבאָטן דורך דער רעגירונג. רבי צבי הירש איז אַלס רעזולטאַט דערפון פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט.

רבי הירש חריף האָט עמיגרירט קיין אונגאַרן און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אונגוואַר. דאָרט האָט ער געגרינדעט די אונגוואַרער ישיבה וואָס איז במשך פון די יאָרן געוואָרן פון די גרעסטע ישיבות אין אונגאַרן.

אין אונגוואַר האָט דאַן געוואוינט אַ יונגל וואָס איז געוואָרן אַ קיילעכדיגער יתום, ל"ע – האָט נישט געהאַט נישט קיין טאַטן און נישט קיין מאַמע. רבי הירש חריף האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און אים ערצויגן ווי אַן אייגן קינד. דאָס קינד האָט געהייסן שלמה גאַנצפריד, – דער שפּעטערדיגער בעל "קיצור שולחן ערוך". רבי צבי הירש העלער האָט אים ערצויגן ווי אַ טאַטע און איז געוואָרן זיין רבי.

חוץ הגאון רבי שלמה גאַנצפריד זצ"ל דער בעל קיצור שולחן ערוך זענען אַ גאַנצע ריי אַנדערע גדולי ישראל געווען זיינע תלמידים. צווישן די מער באַקאַנטע: רבי צבי הירש מליסקא, דער בעל "אך פרי תבואה", (שפּעטער אַ תלמיד פון ישמח משה); רבי זעקל פּאָלאַק, (שפּעטער אַ תלמיד פון חתם סופר); רבי שלום קאַמינקער; רבי צבי הירש חיות; רבי אהרן משה טויביאַש; זיין איידעם רבי אברהם יצחק וויינבערגער, רב פון קליינוואַרדיין, און נאָך גדולי ישראל.

די דריי גרעסטע שטעט אין אונגאַרן מיט די גרעסטע אידישע באַפעלקערונג זענען צו יענער צייט געווען אונגוואַר, באָניהאַד און אַלט-אויבן. (אַלט-אויבן האָט זיך שפּעטער פאַראייניגט מיט בודאָ און פּעסט און איז געוואָרן בודאַפּעסט). ווען רבי וואָלף באָסקאָוויץ, דער בעל "סדר משנה", זון פון בעל "מחצית השקל" וועלכער איז געווען רב אין באָניהאַד, איז נפטר געוואָרן אין שנת תקע"ח איז רבי צבי הירש העלער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין באָניהאַד.

פאָרנדיג פון אונגוואַר קיין באָניהאַד האָבן אידן אויפ'ן גאַנצן וועג אים אָפּגעוואַרט און מקבל פנים געווען. אין דער שטאָט אוהעל האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אויף איין טאָג וואו אַ גרויסע סעודה איז אָפּגעראַכטן געוואָרן לכבודו. ביינאַכט איז ער איינגעשטאַנען ביים ישמח משה. דער ישמח משה האָט אים געזאָגט "צדיק זה בא לבית מלוני ויפטר בלא לינה", בניחותא. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי פאַרברענגט אין לערנען.

אין באָניהאַד האָט ער ווייטער געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה. ער האָט מיט זיך מיטגענומען זיין תלמיד שלמה גאַנצפריד, דער בעל קיצור שולחן ערוך. רבי הערשעלע ליסקער און אַנדערע גדולי ישראל האָבן ביי אים געלערנט דאָרט אין באָניהאַד.

*

דרייצן יאָר איז ער געווען רב אין באָניהאַד. מיט דער צייט האָט ער אויך דאָרט, פונקט ווי פריער אין גאַליציע, געהאַט אויסצושטיין פון רדיפות און מסירות מצד די מאָדערנע און משכילים. ער האָט שוין אפילו חרטה געהאַט פאַר'ן פאַרלאָזן אונגוואַר, וואו עס האָבן צו יענער צייט זיך טאַקע נישט געפונען אַזויפיל תלמידי חכמים ווי אין באָניהאַד, אָבער צו דער זעלבער צייט זענען די פשוט'ע איינוואוינער פון אונגוואַר אַלע געווען ערליכע אידן יראים ושלמים. די רעפאָרמאַטאָרן האָבן דאָרט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל.

ווען רבי שלמה גאַנצפריד האָט חתונה געהאַט און זיך אומגעקערט קיין אונגוואַר האָט ער געלאָזט וויסן די ראשי הקהילה וועגן זיין רבי'ס אומצופרידנהייט אין באָניהאַד. ווען דער רב פון אונגוואַר הגאון רבי מרדכי מאַרדיש זצ"ל איז אַוועק אין שנת תקצ"א האָט אונגוואַר צוריק אויפגענומען רבי צבי הירש העלער אַלס רב.

צו לאַנג איז ער אָבער נישט פאַרבליבן אין אונגוואַר. ו' אלול שנת תקצ"א איז הגאון רבי משה מינץ, רב פון אַלט אויבן, נפטר געוואָרן. די גרעסטע גדולים פון פאַרשידענע מדינות זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַלס קאַנדידאַטן צו זיין ממלאי מקומו פון רבי משה מינץ. אַזעלכע גדולים ווי רבי יצחק משה פערלס; רבי שלמה איגר; רבי אהרן משה טויביש; רבי צבי הירש חיות; רבי יוסף יונה הלוי לאַנדאָ אב"ד קעמפנא: רבי לייב הירש גינז, איידעם פון רבי משה מינץ, און נאָך.

די ראשי קהילה פון אַלט אויבן האָבן זיך געווענדעט צום ישועות יעקב קיין לעמבערג ער זאָל זיי העלפן אויסוועלן דעם בעסטן קאַנדידאַט. האָט ער זיי פאָרגעוואָרפן הלמאי ער זעט נישט אויף דער ליסטע דעם נאָמען פון רבי צבי הירש חריף, דער בעל טיב גיטין, וועלכער איז אַממערסטן געאייגנט צו זיין רב אין אַזאַ גרויסע שטאָט.

רבי צבי הירש העלער איז געווען איבער זעכציג יאָר אַלט. ווען אַלט אויבן האָט אים פאָרגעשלאָגן דאָס רבנות האָט ער אָפּגעזאָגט צוליב זיין עלטער. האָבן די ראשי הקהילה און תלמידי חכמים פון אַלט אויבן זיך געווענדעט צום חתם סופר ער זאָל פאַר זיי באַשליסן. דער חתם סופר האָט זיי צוריקגעשריבן אַז רבי צבי הירש העלער איז דער ריכטיגער קאַנדידאַט. צו דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן צו רבי צבי הירש און אים איבערצייגט אָנצונעמען דאָס רבנות אין אַלט אויבן. יענעם יאָר,

תקצ"ד, האָט רבי הירש חריף זיך אַריבערגעצויגן קיין אַלט אויבן וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב.

די שמחה פון אַלט אויבן האָט אָבער לײדער נישט אָנגעהאַלטן צו לאַנג. ווינציגער ווי אַ יאָר נאָכדעם וואָס ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, כ"ה תשרי תקצ"ה, איז רבי צבי הירש, דער בעל טיב גיטין, נפטר געוואָרן.

*

זייענדיג די געוועזענע אשת חבר פון איינעם פון די גדולי הדור, הגאון רבי צבי הירש חריף / העלער, האָט זי געוואוסט וויאַזוי צו שעצן און באַדינען דעם גדול הדור דער הייליגער חתם סופר.

הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, שרייבט וועגן איר אין חוט המשולש: "והיא היתה אשה צדקת וחכמת לב, וברם תהיה זכורה לטוב... והיא אמרה, האמנם שראתה הרבה צדקות אצל בעלה הראשון והי' מופלג בחסידות, אבל על קדושת וחסידות זקיני ז"ל לא תוכל להתפלא די הפלא ופלא".

דער בערעגסאַזער רב שרייבט דאָרט אַן אינטערעסאַנטן טעם וואָס האָט מאָטיווירט דעם חתם סופר צו טון דעם שידוך: "ושמעתי שהיה לזקיני זצ"ל טעם בזה, כי בשנת תקצ"ד נתקבל הגאון הנ"ל לאב"ד בק"ק אובן ישן עפ"י השתדלות ועצת זקיני זצ"ל, אבל לא האריך ימים שמה, ונתבקש בישיבה של מעלה תוך שנה שבא לשם ר"ל, ביום כ"ה תשרי תקצ"ה לפ"ק, על כן לקח אח"כ זקיני זצ"ל אלמנתו לו לאשה למען תנחם אחרי בעלה זצ"ל".

*

ווען הרבנית שרל איז אַוועק האָט מען נישט מודיע געווען איר פאָטער רבי עקיבא איגר. ווערט געברענגט אויף עטליכע ערטער אַז רבי עקיבא איגר איז אַמאָל געקומען באַזוכן דעם חתם סופר. וויסנדיג ווי שטאַרק רבי עקיבא איגר פאַרטיפט זיך אין לערנען האָט דער חתם סופר אָנגעזאָגט די דריטע רעביצין אַז ווען ער וועט זיין פאַרטיפט אין אַ שמועס אין לערנען מיט רבי עקיבא איגר זאָל זי טון אַזוי ווי די פריערדיגע רעביצין פלעגט טון, שטיין ביי דער טיר און פרעגן "וואָס מאַכסטו טאַטע". קיין שקר וועט דאָס נישט זיין ווייל רבי עקיבא איגר איז דאָך אביהן של ישראל. אַנדערע צווייפלען אָבער אין דער קראַנטקייט פון דער מעשה.

## הרבנית חי'

צופיל ביאָגראַפישע פרטים פון דער רבנית, די זיווג שלישי פון חתם סופר, די געוועזענע רעביצין פון רבי צבי הירש חריף, איז נישט באַקאַנט. אפילו איר נאָמען האָט מען יאָרן לאַנג נישט געוואוסט. געווען וואָס האָבן יאָרן לאַנג געשריבן אַז אַלע דריי רעביצין'ס פון חתם סופר האָבן געהייסן שרה אָדער שרל. דאָס איז אָבער זיכער נישט ריכטיג, ווייל איר טאָכטער אשת רבי אברהם יצחק וויינבערגער אב"ד קליינוואַרדיין האָט געהייסן שרה.

מיט זעקס יאָר צוריק האָט הג"ר מרדכי אייזענשטיין פון בית שמש מיט דער הילף פון הגר"ז קינסטליכער ז"ל דאָס ערשטע מאָל אַנטדעקט אַ דאָקומענט, עס געדרוקט אין "עלי זכרון 41 פון כ"ג כסלו תשע"ח, וואָס צייגט אַז זי האָט געהייסן חי'.



שער בלאַט פון ספר "טיב גיטין"

ס'איז אָבער נישט באַקאַנט וואו זי האָט געוואוינט נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר און וואו זי איז נקבר געוואָרן.

וואָס ס'איז יאָ באַקאַנט זענען אירע קינדער וואָס זי האָט געהאַט מיט רבי צבי הירש חריף, און אירע אייניקלעך ביז היינט צו טאָג.

פון די קינדער וואָס זי האָט געהאַט זענען באַקאַנט צוויי טעכטער און איין זון. דער זון האָט געהייסן רבי מנחם דוב. דער נאָמען פון איר עלטסטע טאָכטער איז נישט באַקאַנט. זי איז געווען פאַרהייראַט צו רבי יעקב ישעי' רייך. די יונגסטע טאָכטער האָט געהייסן שרה און ווי פריער דערמאָנט איז זי געווען פאַרהייראַט צו הג"ר אברהם יצחק וויינבערגער אב"ד קליינוואַרדיין.

פאַראַן תשובות וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו הג"ר אברהם יצחק וויינבערגער נאָך איידער ער איז געוואָרן זיין שטיף איידעם. זע שו"ת חת"ס חו"מ סי' קנא, אה"ע ח"ב סי' סד. אויך זענען פאַראַן תשובות פון חתם סופר צו אים נאָכדעם וואָס ער איז געוואָרן זיין שטיף איידעם, ווי חו"מ סי' מ"ג, פון שנת תקצ"ו, וואו צווישן די טיטלען אויף אים שרייבט ער ח"ח, וואָס מיינט חתני חורגי, יו"ד סימן מ"ז פון י"ד מרחשון תקצ"ו, און אויך נאָך תשובות וואָס זענען שפעטער געדרוקט געוואָרן אין אוצרות הסופר.

נאָך דעם וואָס דער חתם סופר האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוויגער איז רבי אברהם יצחק פאַר אַ צייט געווען סמוך על שולחנו פון חתם סופר. ער האָט דערציילט גאָר אינטערעסאַנטע ענינים וואָס ער האָט בייגעוואוינט. דאַן איז ער 40 יאָר געווען רב אין קליינוואַרדיין.

אין אוצרות הסופר חוברת י' עמ' קט ווערט למשל געברענגט אַז רבי אברהם יצחק וויינבערגער, דער קליינוואַרדיינער רב, האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז ער געווען נישט ווייט פון פרעשבורג איז ער אין אָוונט געקומען צום חתם סופר. פאַר אַ לאַנגע צייט האָבן זיי גערעדט אין לערנען. אַזוויי עס איז געוואָרן גאָר שפעט האָט דער חתם סופר צוגעגרייט אַ געלעגער פאַר'ן שטיף איידעם. דער קליינוואַרדיינער רב האָט זיך געלייגט אין בעט און זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט.

פלוצלינג זעט ער ווי דער חתם סופר זעצט זיך לערנען און הייבט אָן מיט אַ פלאַם-פייערדיגע התרגשות: אמר אביי, אמר אביי. 12 מאָל האָט דער חתם סופר געזאָגט אמר אביי און יעדעס מאָל האָט ער עס איבערגעטייטשט אויף אידיש: "אמר אביי, האָט אביי געזאָגט!". דער קליינוואַרדיינער רב האָט געזאָגט אַז אַזאַ מחזה האָט ער אין זיין לעבן נישט געזען. עד כדי כך אַז ביים צוועלפטן מאָל האָט ער געשפירט ווי בעל השמועה עומד כנגדו. ער איז געוואָרן אַזוי אויפגעטרייסלט אַז ער איז אַראָפגעפאַלן פון בעט און זיך צעקלאַפּט פונעם פאַל.

דעם כתב סופר'ס זון רבי שמעון סופר ברענגט אין זיין הסכמה צו ספר "זכרון למשה" פון ר' יוסף שוואַרץ וואָס ער האָט געהערט פון דעם קליינוואַרדיינער רב רבי אברהם יצחק וויינבערגער. זייענדיג ביים חתם סופר האָט רבי אברהם יצחק אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער איז זיך נישט משתמש בשמות הקדושים לטובת ישראל אַזוי ווי דער מהר"ל מפּראָג האָט געטאָן. האָט דער חתם סופר אים געענטפערט: באמת איז דאָס לייכט ווי טרונקען אַ גלאָז וואַסער. ער וויל אָבער נישט זיין אַ מכריח כלפי מעלה.

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יו׳דא קליין

לו

# דער הייליגער חתם סופר



**אָפּשטאַמיגע פון דער דריטער רעביצין און איר פריערדיגן מאַן רבי צבי הירש חריף – די יאָרצייט ליכט וואָס זי האָט געצינדן כ"ה תשרי,** (און די יאָרצייט ליכט וואָס כ"ק מרן הגה"ק מסאַטמאַר זצ"ל האָט געצינדן נאָך איר אייניקל, פון וואָס מיר וועלן שרייבן קומענדיגע וואָך אי"ה) – **איר אייניקל הג"ר אהרן פישער, פאָטער פון הג"ר ישראל יעקב פישער זצ"ל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

דער חתם סופר האָט אַמאָל געזען ווי די דריטע רעביצין צינדט אַ יאָרצייט ליכט נאָך איר ערשטן מאַן הגאון רבי צבי הירש חריף. דעם חתם סופר האָט דאָס פאַרדראָסן. ווי באַקאַנט שרייבט דער חתם סופר עטליכע מאָל אויף זיך אַז ער איז אַ "גברא דקפדנא", וואָס מיינט אַז ער האָט מורא פון שלעכטע סימנים, אָדער פון אַרויסרעדן נישט גוטע זאַכן. פון לשון "מאן דקפיד".

פאַראַן עטליכע גרסאות וועגן זיין רעאַקציע. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין "זכרון למשה" פון רבי יוסף שוואַרץ ז"ל האָט דער חתם סופר איר גאָרנישט געזאָגט. ס'האָט אים אָבער פאַרדראָסן. לויט אַנדערע ווערסיעס האָט ער איר געפרעגט פאַרוואָס זי צינדט אַ יאָרצייט ליכט נאָך איר פריערדיגן מאַן ווען זי וועט נאָך אַמאָל האָבן די געלעגנהייט צו צינדן דעם טאָג. צום סוף איז דער חתם סופר נסתלק געוואָרן דעם זעלבן טאָג ווי עס איז די יאָרצייט פון איר ערשטן מאַן: כ"ה תשרי. האָט זי שפּעטער דעם זעלבן טאָג געצינדן אַ יאָרצייט ליכט פאַר ביידע.

ווי מיר האָבן געשריבן אין פריערדיגן קאַפּיטל איז צופיל נישט באַקאַנט וועגן דעם אָפּשטאַם און די ביאָגראַפיע פון די רבנית חיה, זיווג שלישי פון חתם סופר. יאָ באַקאַנט זענען אַ סאַך פון אירע אייניקלעך מיט איר ערשטן מאַן רבי הירש חריף, – צווישן זיי גדולי ישראל, חשוב'ע משפחות און פראָמינענטע תלמידי חכמים עד היום.

מיר וועלן רעדן פון איינע אַזאַ משפחה פון תלמידי חכמים מופלגים און גדולי ישראל, די פישער משפחה פון ירושלים, פון די באַרימסטע צווישן זיי – הגאון האדיר רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל ראב"ד ירושלים, וואָס וועט דינען אַלס אַן אַריינפיר צום קומענדיגן אַרטיקל.

כאָטש די פישער משפחה איז פון די אַזויגערופענע "פרושים", וואָס דאַרף באַדייטן די ליטווישע בני "ישוב הישן", אין קעגנזאַץ צו די חסידים, זענען זיי, די פישער משפחה, אַזוי ווי רוב פון די "פרושים" און דער רוב פון די בני "ישוב הישן", אָפּשטאַמיגע פון אונגאַרן.

## רבי אהרן פישער

מיט 106 יאָר צוריק, אין שנת תרע"ח, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט מלחמה, איז פון זיבענבערגן, אונגאַרן, אָנגעקומען קיין ירושלים אַן אשכנזי'ש געקליידעטער בחור, אהרן פישער.

אהרן פישער, איז געווען דער פאָטער פון די שפּעטערדיגע גדולי ירושלים, הגאונים רבי ישראל יעקב פישער, ראב"ד ירושלים זצ"ל, זיין ברודער הג"ר שלמה פישער זצ"ל און זייערע אַנדערע ברידער. אהרן פישער איז געווען אַ זון פון הגאון האדיר רבי שלמה פישער, רב פון קאַרלסבורג אין זיבענבערגן.

רבי שלמה פישער זצ"ל איז געווען אַ תלמיד פון כתב סופר אין פרעשבורג. ער איז געווען אַ גדול בתורה, אַ שעפערישער בעל מחדש און שרייבער פון חידושי תורה און תשובות, און דערצו אַ גרויסער עובד השם. ער האָט פאַרעפנטליכט איבער הונדערט מאמרים אין די דעמאָלטדיגע

תורה זשורנאַלן, ווי דער ירחון "תל תלפיות", וואָס איז ערשינען אין גרויסוואַרדיין, און "המאסף" וואָס איז ערשינען אין ירושלים.

רבי שלמה פישער האָט חתונה געהאַט צו הרבנית שרה גיטל, אַן אור אייניקל פון רבי הירש חריף דער בעל טיב גיטין וזוגתו חיה, די שפּעטערדיגע זיווג שלישי פון חתם סופר.

נאָכ'ן לערנען ביים כתב סופר אין פּרעשבורג איז רבי שלמה פישער אַסאַך יאָרן געווען רב אין מינכן, דייטשלאַנד. דערנאָך איז ער געווען רב אין קאַרלסבורג, טראַנסילוואַניע. אויף די עלטערע יאָרן האָט ער געוואוינט אין קלויזנבורג.

זייענדיג רב אין מינכן זענען זיינע זין אהרן און שמעי' אויפגעוואַקסן אויפ'ן דרך פון "תורה עם דרך ארץ". אין קאַרלסבורג האָבן די צוויי ברודער אהרן און שמעי' דראַסטיש געביטן זייער מהלך החיים. אהרן פישער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל וואו ער האָט פולשטענדיג געווידמעט זיין לעבן צו לימוד התורה און עבודת השם במסירת נפש. ווידער זיין ברודער שמעי' איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט. שמעי' – "טעאָדאָר" – פישער איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, אַ לאָיער, און אַ דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט, און דער גרינדער און פירער פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין טראַנסילוואַניע.

ווען אהרן פישער איז אָנגעקומען קיין ירושלים איז ער שוין געווען אַן ערנסטער בחור. חוץ אַ גרויסער קענער איז ער אויך געווען אַ שיינער תלמיד חכם און אַ ירא שמים.

האָבנדיג געקומען פון זיבענבערגן האָט ער געקראָגן אַ צימער אין די בתי זיבענבערגן. קורץ נאָכ'ן אָנקומען קיין ירושלים האָט איינער פון די ירושלימער קנאים, ר' שמואל פּאָרקאָש, געזען ווי ער האַלט אין די האַנט אַ ספר על התורה פון אַ מחבר וואָס איז געווען עטוואָס שנוי במחלוקת. ר' שמואל פּאָרקאָש האָט אים געגעבן אַ פסק פאַרוואָס ער האַלט און קוקט אַריין אין אַזאַ ספר. אהרן פישער האָט זיך מיט אים גע'טענה'ט ביז זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין קיין אַלט-שטאָט צום ירושלימער רב הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל צו הערן זיין מיינונג און זען ווער עס איז גערעכט.

ווען רבי יוסף חיים האָט אויסגעהערט זייערע ביידנ'ס טענות האָט ער געהייסן רבי שמואל פּאָרקאָש ער זאָל גיין לחיים ולשלום און זאָל איבערלאָזן דעם בחור אהרן פישער ביי אים.

רבי יוסף חיים האָט געזען וואָספאַראַ כשרונות און קענטעניסן דער בחור אהרן פישער פאַרמאָגט האָט ער אים באַשטימט פאַר איינעם פון זיינע נאָענטסטע און געטרייסטע געהילפן.

רבי יוסף חיים האָט אים געשאָנקען אַ דירה אין אוצר הספרים פון כולל האָלאַנד ודייטשלאַנד, אין די בתי מחסה אין אַלט שטאָט, וואו עס האָבן זיך געפונען די ספרים וואָס דער בעל "ערוך לנר" האָט איבערגעלאָזט בירושה פאַר'ן כולל. רבי יוסף חיים גופא האָט געוואוינט אין אַ דירה וואָס דער בעל "ערוך לנר" האָט געלאָזט בירושה פאַר'ן כולל.

ביז אַ קורצע צייט האָט רבי אהרן פישער זיך איינגעגלידערט אינעם ישוב הישן, איינשליסנדיג דאָס גיין אין די ירושלימ'ער בגדים און מיט'ן גאַנצן ירושלימ'ער טראַכט. נאָך דער חתונה האָט ער געלערנט יומם ולילה כדי "משלים צו זיין וואָס ער האָט פאַרפעלט" אין חוץ לארץ וואו ער האָט געלערנט אויך חכמות חיצוניות.

יאָרן לאַנג האָט ער במשך פון דער גאַנצער וואָך זיך נישט געלייגט אין קיין בעט, נישט געגעסן קיין פלייש, חוץ שבת קודש, און זיך מסגף געווען מיט סיגופים כדי "מכפּר צו זיין אויף זיין מאָדערנע פאַרגאַנגענהייט". ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דרוקן און אַרויסגעבן די ספרים פון זיין פאָטער און צוגעלייגט אייגענע הגהות וואָס שפּיגלען אָפּ זיין אייגענע גאונות.

ירושלימ'ער אידן וואָס האָבן נישט געקענט שרייבן לאַטייניש בוכשטאַבן פלעגן קומען צו אים ער זאָל פאַר זיי שרייבן די אַדרעסן אויף די קאָנווערטן פון בריוו וואָס זיי פלעגן שיקן קיין חוץ לארץ. אַזוי ווי ער האָט פון אָנפאַנג נישט פאַרמאָגט קיין טיש ביי זיך אין שטוב פלעגט ער לייגן די פּאַפּיר אויפ'ן רוקן פון די וואָס פלעגן קומען אים בעטן די טובה פון שרייבן.

רבי יוסף חיים האָט געפּרואווט אויסנוצן זיין וועלטליכע בילדונג לטובת הכלל, ווי ער האָט געטאָן מיט רבי ישראל יעקב דעהאַן. רבי אהרן פישער האָט אגב אַ נאָמען געגעבן זיין זון רבי ישראל יעקב פישער נאָך ר' ישראל יעקב דעהאַן.

אַכט אָדער ניין שפּראַכן האָט ר' אהרן פישער געקענט. רבי יוסף חיים זאָנענפעלד האָט אים געבעטן ער זאָל זיך אויסלערנען נאָך אַ שפּראַך וואָס האָט אויסגעפעלט אויף צו באַקומען אַ הויכע פּאָזיציע ביי דער בריטישער מאַנדאַט, כדי צו קענען טון טובות פאַר אידן. ר' אהרן פישער האָט אָבער נישט געוואָלט. זאָגנדיג אַז חוץ תורה וויל ער זיך מער גאָרנישט אויסלערנען.

ווען זיין מצב הפרנסה איז געוואָרן גאָר ענג האָט מען אים אָנגעטראָגן אַ פּאָסטן צו זיין אַ לערער פון שפּראַכן אין אַ גימנאַזיע פון מזרחי אין תל אביב. ער האָט געפרעגט פון רבי יוסף חיים וואָס צו טון. צו זיין איבערראַשונג האָט אים רבי יוסף חיים געראָטן אָנצונעמען דעם פּאָסטן ווייל אַזוי אַרום וועט ער קענען משפיע זיין אויף די תלמידים און אַריינברענגען אין זיי ערליכע השקפות.

אַזוי איז טאַקע געווען: במשך פון צוויי יאָר איז ער, מיט'ן פולן ירושלימ'ער לבוש, געווען אַ לערער אויף שפּראַכן אין אַ מזרחי גימנאַזיע אין תל אביב. די סטודענטן זענען געווען אַזוי באַצויבערט פון זיין חכמה, פון זיינע קענטעניסן און חן אַז יעדעס מאָל וואָס ער פלעגט צוריקפאָרן קיין ירושלים אויף שבתים און ימים טובים זענען אַסאַך מיט אים מיטגעפאָרן. טייל זענען צום סוף געוואָרן פולקאָמע חרדי'שע אידן. נאָך צוויי יאָר האָט די הנהלה פון דער גימנאַזיע פאַרלאַנגט פון אים בלויז "איין קלייניגקייט": ער זאָל נישט קומען מיט'ן ווייסן ירושלימ'ער יאַרמולקע נאָר מיט אַ שוואַרצע יאַרמולקע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אויפגעבן אפילו אַ קוצו של יוד. האָט ער אויפגעגעבן די פּאָזיציע און האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים.

אין ירושלים איז ער געוואָרן אַ בן בית נישט בלויז ביים ירושלימ'ער רב נאָר אויך ביי אַלע אַנדערע גדולי ישראל. ער איז למשל געווען דער נאָענטסטער שטוב מענטש ביים סבא קדישא רבי שלמה אליעזר



הגאון רבי שלמה פישער זצ"ל אבד"ק קארלסבורג

אַלפּאַנדאַרי זצ"ל. ווען דער מונקאַטשער רב, דער מנחת אלעזר זצ"ל, האָט געמאַכט זיין באַקאַנטע נסיעה קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיט רבי שלמה אליעזר אַלפּאַנדאַרי איז ר' אהרן פישער געווען דער מליץ בינותם. ווען הרב אַלפּאַנדאַרי האָט געוואָלט רעדן דברים שבסתר מיט'ן מונקאַטשער רב האָט ער אויסגערופן "הוציאו כל איש מעלי". ווען אַלע זענען אַרויס האָט דער מנחת אלעזר געוויזן אויף ר' אהרן פישער, וועלכער איז פאַרבליבן אין צימער, און געפרעגט "ער איז דאָך דאָ". האָט דער סבא קדישא געזאָגט: "לית דין בר נש", ער איז קיין מענטש, ער איז אַ מלאך.

אין שנת תרפ"ז זענען אין ירושלים פאָרגעקומען בחירות, וואַלן, פאַר'ן "ועד הלאומי". די עדה החרדית און אגודת ישראל האָבן גע'אסר'ט זיך צו באַטייליגן אין די בחירות.

אין די גאַסן, אויף די ווענט פון די ירושלימער הייזער, זענען געקלעבט געוואָרן ריזיגע פּלאַקאַטן אויף וועלכע עס זענען געווען אונטערגעשריבן רבי יצחק ירוחם דיסקין פון רעכטס און רבי יוסף חיים זאָנענפעלד פון לינקס און אונטער זיי די "חברי הביד"צ לכל מקהלות האשכנזים", רבי משה נחום וואַלענשטיין, רבי מרדכי לייב רובין און רבי יצחק פרענקל.

אין די מודעות האָבן די חברי הביד"צ גע'אסר'ט זיך צו באַטייליגן אין די בחירות, אין וועלכע נשים האָבן אַ רעכט צו וויילן און צו ווערן ערוויילט, און קעגן די ראשי הועד הלאומי, "אנשים חפשים, הרחוקים מרוח ישראל, שהעמידו את עצמם אפוטרופסים על כלל ישראל. הישמרו לנפשותיכם ואל תשתתפו בבחירת איסור של אספת הנבחרים האסורה על פי דת תורתינו הקדושה. אל תלכו בדרך אתם. אל תתנו יד להם. אל תמסרו קול להם... כל המוסר קולו לבחירת תערובת המין הרי זה מכריז בקולו שאין לו חלק בטהרת וקדושת עם ישראל. וכל הנותן יד לבחירה זו הרי זה כותב וחותם ומעיד על עצמו שאין לו נחלה בתורת ישראל".

ר' משה בלוי, דער מנהיג פון דער עדה החרדית און פון אגודת ישראל אין ארץ



הגאון רבי אהרן פישער זצ"ל



COUNCIL (WAAD HAIR)
of the Ashkenasic Jewish Community
JERUSALEM

העיר לקהלת האשכנזים
בעה"ק ירושלם תו"ב

אשור הנשואין

| האיש | | האשה | |
|---|---|---|---|
| שמו | אהרן פישער | שמה | דבורה וועגער |
| תאריך הלדה | | תאריך הלדה | 25/6/1899 |
| מקום מגורו | ירושלם | מקום מגורה | ירושלם |
| משלח ידו | | משלח ידה | — |
| מהותו | בחור | מהותה | בתולה |
| שם אביו ומשלח ידו | | שם אביה ומשלח ידו | |
| שם אמו ומשלח ידה | | שם אמה ומשלח ידה | |
| מקום מגורם | | מקום מגורם | ירושלם |
| תאריך הנשואין | | | |
| מקום הנשואין | ירושלם | | |
| הערה | | | |

הנני מעיד בזה כי קדושי הזוג הנזכר נסדרו יום הנ"ל על ידי כדת משה וישראל

לפני העדים ה'

משלח ידם

מסדר הקידושין

מספר 347 נראה ונתאשר יום חדש שנת

בית דין צדק לכל מקהלות האשכנזים בעה"ק ירושלם תו"ב

אלו נרשמו בספרי ועד העיר האשכנזי בדף 44 מספר 347

חדש שנת

ועד העיר לקהלת האשכנזים בעיה"ק ירושלם ת"ו

מזכיר ראשי

JAN 1924

"אישור הנשואין" פון הגאון רבי אהרן פישער זצ"ל, חודש שבט תרפ"ד – דער מסדר קידושין איז הגה"ק רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים

ישראל, וועלכע זענען דעמאָלט געווען איינס, פלעגט ביי יעדן איינעם פון די וואַלן אַרויסשיקן בחורים און יונגעלייט וואָס זאָלן שטיין ביי דער קלפּי, די ערטער וואו מ'פלעגט אָפּגעבן די שטימען, צו שטיין אויף דער וואַך, וואָרענען און מזהיר זיין חרדי'שע אידן זיך נישט צו באַטייליגן אין די וואַלן. די ציוניסטישע פאַרטייען פלעגן אַרויסשיקן בריונים צו פאַרטרייבן ר' משה בלוי'ס שליחים. עס פלעגן פאָרקומען געשלעגן און בלוטיגע צוזאַמענשטויסן צווישן זיי.

די ערשטע וואַלן פאַר'ן "ועד הזמני" זענען נאָך פאָרגעקומען אין שנת תרע"ט. דערציילט ר' משה בלוי אין זיינע זכרונות: "באחת הבחירות הוכה רבי זלמן בהר"ד ז"ל מכות אכזריות, על יד הקלפי בשכונת הבוכרים. הוא חלה במחלת הריאה והלב, ולאחר שנה בערך של סבל ומחלה נפטר" ("על חומותיך ירושלים", עמ' ע"ז).

דערציילט ר' משה בלוי אַז ביי די בחירות פון שנת תרפ"ז איז ר' אהרן פישער געשיקט געוואָרן צו שטיין על המשמר פאַר דעם צענטראַלן שטים-אָרט ביי דער לעמל שולע וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף רחוב ישעיהו, וואו עס איז דאַן געווען די הויפּט נעסט פון די פרייע אין ירושלים.

אַ באַנדע פרייע בריונים האָבן אים אַרומגענומען, באַוואָרפן מיט שטיינער, צעבראָכן די ברילן און אים געשטאָכן מיט נאָדלען. ער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. פונקט איז אַריבער איינער פון זיינע באַקאַנטע און האָט צו אים געשריגן: "ר' אהרן, פאַרוואָס גייט איר נישט אַוועק? זיי קענען אייך הרג'ענען חלילה!". האָט אים רבי אהרן געענטפערט: "ביז דו ברענגסט מיר נישט אַ צעטל פון ר' משה בלוי אַז ער הייסט מיר אַוועקגיין גיי איך פון דאָ נישט אַוועק".

שרייבט ר' משה בלוי: "האיש הזה בא אלי ומסר לי על המצב, שלחתי תיכף הוראה שיעזוב את המקום, ורק אז הלך". ר' משה בלוי האָט אים געשיקט אַ צעטל ער זאָל פאַרלאָזן דאָס אָרט און ערשט דאַן איז ער געגאַנגען.

רבי אהרן פישער'ס גבורה און קוראַזש

האָט זיך נישט אָנגעהויבן אין ארץ ישראל. זיין זון הרה"ג רבי משה פישער, מו"ץ פון דער עדה החרדית און אַ ברודער פון הג"ר ישראל יעקב פישער, האָט דערציילט, אַז איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האָט ר' אהרן פישער געדינט אין דער רומענישער אַרמיי אַלס אַן אַדיוטאַנט פון אַ רומענישן גענעראַל. שבת האָט ער נישט געשריבן.

איינמאָל שבת זאָגט אים דער גענעראַל "אויב וועסטו נישט שרייבן שיס איך דיך אויפ'ן אָרט".

**"איר קענט שיסן. שבת וועל איך נישט פאַרשווענ"**, ענטפערט אים ר' אהרן.

דער גענעראַל האָט אים אָפּגעלאָזט. קומענדיגן שבת האָט זיך דאָס זעלבע נאָכאַמאָל איבערגעשפּילט. דער גענעראַל האָט פון אים נאָכאַמאָל פאַרלאַנגט ער זאָל שרייבן און האָט אים געדראָעט מיט שיסן אויפ'ן פּלאַץ. ר' אהרן האָט אים ווידעראַמאָל געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין מורא פון שיסן. ער איז גרייט צו שטאַרבן אויף קדושת השבת.

אין דער רומענישער אַרמיי איז ער געווען אַ צילעוועער, וואָס מ'רופט אויף ענגליש אַ sharp shooter. זומער פון שנת תרפ"ט איז פאָרגעקומען דער שרעקליכער בלוט באָד באַקאַנט אַלס "פרעות תרפ"ט" ווען אַראַבישע רוצחים האָבן ברוטאַל געפּייניגט און ערמאָרדעט 133 אידן הי"ד, די מערסטע פון זיי אין חברון.

אַ באַנדע פון די אַראַבישע רוצחים פון חברון האָט זיך אַרויסגעלאָזט קיין ירושלים דורכצופירן אויך דאָרט אַ פּאָגראָם. ר' אהרן פישער איז דאַן אַרויס קעגן דער באַנדע. לויט איין ווערסיע האָט ער געשאָסן מיט אַ ביקס אויף דעם פירער פון דער אַראַבישער באַנדע און לויט אַן אַנדערער גירסא האָט ער אויף אים געצילט און געוואָרפן אַ גרויסן שטיין. די באַנדע איז זיך צעלאָפן און מער נישט צוריקגעקומען קיין ירושלים ביז ס'זענען אינצווישן אָנגעקומען בריטישע פּאָליציי און זעלנער.

רבי אהרן פישער איז ווי געזאָגט געווען דער נאָענטסטער בן בית ביים סבא קדישא רבי שלמה אליעזר אַלפאַנדאַרי. ער פלעגט אים באַדינען און רבי אהרן פישער'ס ווייב פלעגט קאָכן זיינע מאָלצייטן. ער פלעגט זיך פאַרלאָזן נאָר אויף איר לגבי כשרות.

דער סבא קדישא האָט פאַרמאָגט טויזנט לירה, וואָס ער האָט נאָך געהאַט געבראַנגט פון טערקיי. אַ הון רב בימים ההם. פלעגט ער אייביג זאָגן צו רבי אהרן פישער: "ווען איך וועל מיר אי"ה בויען אַ הויז פון דעם געלט וועל איך האָרט דערנעבן בויען אַ הויז אויך פאַר דיר".

נאָך דער הסתלקות פון הרב אַלפאַנדאַרי האָט ר' אהרן פישער געהאַט די טויזנט לירה. ער איז אָבער געווען אַזאַ נקי כפיים וואָס טראַכט דעם וואָס ער האָט געוואוסט אַז טייל דערפון האָט דער סבא קדישא געהאַט באַשטימט פאַר אים האָט ער נישט געוואָלט נהנה זיין דערפון. אפשר זענען פאַראַן יורשים ערגעץ וואו איבער דער וועלט. הרב אַלפאַנדאַרי האָט נישט געהאַט קיין קינדער ל"ע האָט ר' אהרן פישער געשיקט בריוו




מצבה פון הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל ראב"ד ירושלים, אויפ'ן הר המנוחות

קיין איסטאַמבול ("קאָנסטאַנטינאָפּאָל", און פאַר דעם "קושטאַ"), טערקיי, פון וואו הרב אַלפאַנדאַרי איז אָריגינעל געהאַט געקומען, נאָכפרעגנדיג זיך צי ס'איז פאַראַן עפּעס אַ קרוב אָדער אַ גואל.

נאָך עטליכע מאָנאַטן איז קיין ירושלים געקומען צו פאָרן אַ פלימעניק פון הרב אַלפאַנדאַרי. יעקב אַלפאַנדאַרי האָט ער געהייסן. ער האָט גענומען דאָס גאַנצע געלט און האָט אויך גענומען הרב אַלפאַנדאַרי'ס אַלע ספרים. ער האָט די ספרים פאַרשפּאַרט אין אַ מאַגאַזין, אַ סטאָרעדזש, אויף רחוב דוד ילין אין ירושלים. זינט דאַן זענען די ספרים, טייל פון זיי גאָר ווערדפולע, לגמרי פאַרשוואונדן.

לעצטנס, די לעצטערע עטליכע צוואָנציג יאָר, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ מעשה כאילו דער סבא קדישא הרב אַלפאַנדאַרי איז אין די יונגע יאָרן געווען אַמאָל יום הקדוש און סוכות אין פרעשבורג וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביים חתם סופר, און איז אפילו געשלאָפן ביי אים אין דער סוכה וואו ער האָט אים צופרי געזען בענטשן אתרוג.

כאָטש די מעשה איז לעצטנס געוואָרן געדרוקט אויף עטליכע ערטער, – איינער שרייבט זועלבסט־פאַרשטענדליך נאָך פון צוויטען, – האָט דאָס נישט קיין שום מקור. ס'איז נישט מער ווי אויסגעזויגן פון פינגער. געקלעבט אין גוזמא צו אַ צווייטער און איין פאַלשע שמועה צו אַ צווייטער.

דער סבא קדישא איז לכל הדעות געווען אַ זקן מופלג. קיינער ווייסט אָבער נישט און קיינער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט זיין אמת'ע עלטער און ווען ער איז געבוירן.

אפילו ווען די ציפערן פון זיין גוזמאות'דיגן עלטער זאָלן זיין אמת וואָלט אַזאַ באַזוך פון אַ טערקיש-ספרדי'ש געקליידעטן יונגן בחור אָדער יונגערמאַן פון קושטאַ, וואָס איז איינגעשטאַנען סוכות ביים חתם סופר, געדאַרפט פאַרשריבן ווערן ערגעץ דורך דעם חתם סופר'ס תלמידים און דורך אַנדערע.

דער גרעסטער באַווייז אַז דאָס איז פיקציע איז אָבער: רבנים און חשוב'ע אייניקלעך פון חתם סופר פלעגן באַזוכן הרב אַלפאַנדאַרי אין ירושלים און פלעגן שמועסן מיט אים וועגן די תשובות פון חתם סופר אין וועלכע ער איז געווען אַ גרויסער בקי. ער האָט זיי קיינעם קיינמאָל נישט געזאָגט אַז ער האָט געזען אָדער איז געווען ביים חתם סופר.

די קינדער און אייניקלעך פון ר' אהרן פישער, וועלכער איז ווי געזאָגט געווען זיין נאָענטסטער מענטש אין ירושלים, זאָגן אויך אַלע יאָרן אַז זיי האָבן דאָס קיינמאָל נישט געהערט פון זייער טאַטן און זיידן.

נאָך אַ לעגענדע וואָס קורסירט איז אַז הרב אַלפאַנדאַרי האָט זיך געשריבן מיט הגאון רבי עקיבא איגר. דאָס האָט אָבער מפורש מכחיש געווען הג"ר ישעי' אשר זעליג מרגליות, וועלכער איז געווען אַ תלמיד אויך פון הרב אַלפאַנדאַרי. רבי אשר זעליג איז אגב דער וואָס האָט אים געגעבן דעם צונאָמען "סבא קדישא".

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פון דער סעריע:

## דער הייליגער חתם סופר





# הינטער דעם נס ההצלה

## פון כ"א כסלו



**שרה גיטל פישער, אייניקל פון חתם סופר'ס דריטע רעביצין און איר ערשטער מאַן רבי צבי הירש חריף, און די ראָלע וואָס זי האָט געשפילט אין דעם נס ההצלה פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע כ"א כסליו – דער קאַסטנער טראַנספּאָרט – די העראָאישע פעולות פאַר הצלה פון הג"ר מיכאל בער ווייסמאַנדל זצ"ל און די "אַרבעטס גרופּע" אין פּרעשבורג – די הצלה אַקטיוויטעטן פון ר' פנחס פרוידיגער, בודאַפּעסטער ראש הקהל, איידעם פון פּרעשבורגער רב, רבי עקיבא סופר, דער "דעת סופר" זצ"ל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

איר מאַמע'ן האָט זי קיין טאָג פון איר לעבן נישט געקענט. ווען זי, דבורה, איז געבוירן, איז איר מוטער, די טאָכטער פון רבי הירש חריף, נפטר געוואָרן. די זיידע און באָבע, רבי הירש חריף און זיין רעביצין, האָבן איר אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און איר ערצויגן. נאָך דער פטירה פון רבי הירש חריף האָט די באָבע איר מיטגענומען מיט זיך און פאַר אַ קורצע צייט איר ערצויגן אין שטוב פון חתם סופר.

הרבנית שרה גיטל אשת הגאון רבי שלמה פישער קאַרלסבורגער רב, מוטער פון ר' אהרן און שמעי' פישער, איז געווען אַ טאָכטער פון הרבנית דבורה לעווי, אַן אייניקל פון רבי צבי הירש חריף. ווען די אלמנה פון רבי הירש חריף האָט חתונה געהאַט צום חתם סופר איז זי, דבורה, פאַר אַ צייט אויפגעוואַקסן אין שטוב פון חתם סופר.

אויף איר מצבה איז איינגעקריצט:

**"אשת לפידות למעשים טובים מ' דבורה בת הרה"ג ר' יעקב ישעי' ז"ל. נפטרה ביום א' של פסח תר"ס. ואלה תולדות ימי חיי': ביום הולדה מתה אמה. אז הובאה היתומה הקטנה לבית אבי אמה הגאון האמיתי ר' הירש חריף העללער ב' טיב גיטין ותחת השגחת אשתו הרבנית היא אם אמה".**

דבורה האָט חתונה געהאַט צו הרה"ג ר' שמעי' הלוי לעווי, אב"ד נאָוועמעסטא, אונגאַרן. דער נאָוועמעסטער רב רבי שמעי' און זיין רעביצין דבורה האָבן געהאַט אַ טאָכטער שרה גיטל. שרה גיטל האָט חתונה געהאַט צו ר' שלמה פישער, שפּעטערדיגער רב אין קאַרלסבורג.

במשך פון דורות האָט די משפחה פון קאַרלסבורגער רב ר' שלמה פישער און זיין רעביצין שרה גיטל יונק געווען פון דער תורה, מסורה און השקפה פון חתם סופר ותלמידיו. שרה גיטל'ס מוטער דבורה האָט ווי געזאָגט פאַר אַ צייט זיך אויפגעהאַלטן אין שטוב פון חתם סופר; ר' שלמה פישער'ס פאָטער, געהייסן ר' אהרן פישער, איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר; און ר' שלמה פישער אַליין איז געווען אַ תלמיד פון כתב סופר.

זייענדיג רב אין מינכען, דייטשלאַנד, האָט רבי שלמה פישער צוריק אויפגעבויט און באַנייט די אָרטאָדאָקסישע קהילה וואָס איז געהאַט חרוב געוואָרן דורך די רעפאָרמער, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן אין אונגאַרן "נעאָלאָגן". נאָך אים איז הג"ר חנוך ערנטרוי געווען רב אין מינכען.

אין שנת תרנ"א האָט הג"ר משה הערש פוקס, דער רב פון גראָסוואַרדיין אין טראַנסילוואַניע אים איינגעלאַדנט צו ווערן רב אין קאַרלסבורג. ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאַרלסבורג האָט רבי שלמה פישער אויסגעפונען אַז די קהילה איז נישט אָרטאָדאָקסיש. זי איז געווען אַ שטאַטוסקוואָ קהלה. שטאַטוסקוואָ זענען געווען די קהילות וואָס בשעת דער טיילונג אין אונגאַרן האָבן זיי זיך נישט געוואָלט אָנשליסן אין דער טיילונג. זיי האָבן באַלאַנגט נישט צו די "נעאָלאָגן", און אויך נישט צו די אָרטאָדאָקסן. דערפאַר האָבן זיי זיך גערופן "שטאַטוסקוואָ".

אין קעגנזאַץ צו די רעפאָרמער וועלכע זענען געווען פורקי עול און כופרים זענען די שטאַטוסקוואָ געווען שומרי תורה ומצוות. זייער אידישקייט איז אָבער געווען פאַרווע, אַ שטייגער ווי אַסאַך פון די היינטיגע "מאָדערן אָרטאָדאָקס". זייערע קינדער און אייניקלעך זענען שוין אָפט געוואָרן נאָך שוואַכער. אין קאַרלסבורג איז דער רוחניות'דיגער ניוואָ פון דער שטאַטוסקוואָ געמיינדע געווען בשפל המצב.

רבי משה הערש פוקס האָט געוואוסט אַז רבי שלמה פישער איז די ריכטיגע פערזענליכקייט צו ראַטעווען די געמיינדע. אין בלויז געציילטע יאָר זענען אַלע קהילה מיטגלידער, אַדאַנק דער השפעה פון רבי שלמה פישער, געוואָרן אָרטאָדאָקסישע פרומע אידן מדקדקים בקלה כבחמורה און די קהלה האָט זיך אָנגעשלאָסן אין פאַראיין פון די אָרטאָדאָקסישע קהילות אין אונגאַרן.

ווען זיין זון ר' אהרן פישער האָט עולה געווען קיין ירושלים און געוואָרן יד ימינו פון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד האָט רבי שלמה פישער געשריבן צו זיין זון אַז "אין זכות פון נישט רירן זיך פון דער הוראה פון רבי חיים זאָנענפעלד, ובפרט אין חינוך הבנים, וועט ער האָבן גוטע קינדער". (רוב ימיו האָט ער געהייסן רבי חיים זאָנענפעלד. דעם נאָמען יוסף האָט הגאון רבי יהושע לייב דיסקין געהייסן אים צוגעבן ווען ער איז געווען אַמאָל נישט געזונט אין ירושלים).

רבי שלמה פישער און רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זענען ביידע געווען תלמידים פון כתב סופר און זייערע עלטערן זענען ביידע געווען תלמידים פון חתם סופר.

פיר זון האָט רבי אהרן פישער געהאַט. אַלע פיר זענען אויסגעוואַקסן צו זיין גאונים אדירים. רבי מאיר צבי, רבי ישראל יעקב, רבי משה און רבי שלמה.

אגב: רבי אהרן פישער איז געווען אַ גרויסער מומחה און גאָר פּעדאַנט, אַ שטאַרקער מפונק, אויף די כללי הדקדוק. פאַראַן אַ כלל אין דקדוק אַז אויב די אותיות שבג"ד כפ"ת געפינען זיך ביים אָנהויב פון אַ וואָרט קומען זיי מיט אַ דגש. אַ וואָרט וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ פ"א קומט דערפאַר מיט אַ דגש, אַ פינטל אין דער פ"א. סיידן דאָס וואָרט פאַר דעם ענדיגט זיך מיט די אותיות אהו"י. דאַן איז עס אַ פ"א רפה. אַזוי ווי די פ"א פון פישער מוז דאָך זיין אַ רפה, אַ פ"א, האָט ער פאַר זיינע זון דעריבער געגעבן נעמען וואָס ענדיגן זיך מיט די אותיות אהו"י: ר' אליעזר משה, ר' מאיר צבי, און ר' שלמה. אַן אויסנאַם איז געווען ר' ישראל יעקב. היות ווי עטליכע מאָנאַטן פריער איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף ר' ישראל יעקב דעהאַן וועמען די ציוניסטן האָבן געשאָסן און גע'הרג'עט, האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם און אים אַ נאָמען געגעבן ישראל יעקב נאָך אים.

ירושלימער אידן פלעגן זיך עראינערן פון די ימים טובים און ימים נוראים אין די בתי נייטין וואו רבי אהרן פישער'ס יונגלעך האָבן געהאַט גמרות אונטער די סידורים אָדער מחזורים און ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אַריינגעכאַפּט שטיקער גמרא. נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען אַ פאַרמעסט ווען זיי האָבן זיך פאַרהערט ווער ס'האָט געלערנט מער.

זיי אַליין, רבי אהרן פישער'ס זון, פלעגן דערציילן וויאַזוי זייער פאָטער ר' אהרן פלעגט זיי אַלס גרעסערע יונגלעך אויפוועקן ביינאַכט אָפּצוזאָגן תיקון חצות. נאָכ'ן אָפּרעכטן תיקון חצות האָבן זיי זיך צוריקגעלייגט און אויפגעשטאַנען 4:00 פאַרטאָגס.

ווי דערמאָנט אין פריערדיגן אַרטיקל האָט ר' אהרן פישער געהאַט אַ ברודער שמעי' פישער. שמעי' פישער, שפּעטער ד"ר טעאָדאָר פישער, איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט און איז געווען דער גרינדער און פון די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין טראַנסילוואַניע. ער איז אויך געווען אַ דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט. פונדעסטוועגן איז ער פאַרבליבן אַ שומר תורה ומצוות. ער האָט זיין ברודער רבי אהרן, וועלכער האָט זיך שוין געפונען אין ירושלים, געהאָלפן דרוקן און אַרויסגעבן די ספרים פון זייער טאַטן **"קרבני לחמי"**, **"נרות שלמה"**, **"ייני עם חלבי"**. ד"ר שמעי' פישער האָט אויך געקעמפט דורכצופירן געזעצן לטובת שומרי תורה ומצוות אין רומענישן פּאַרלאַמענט.

# שרה גיטל פישער, און דער נס ההצלה פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע

חורבן אייראָפּע. פינף מיליאָן אידן זענען ליידער שוין אומגעברענגט געוואָרן דורך די דייטשע רשעים ימ"ש. נאָענט צו אַ מיליאָן אידן זענען נאָך געבליבן אין אונגאַרן, וואָס די נאַציס האָבן דאָס לעצטע אָקופּירט, אין אדר פון שנת תש"ד.

אין קלוזש, דאָס איז קלויזענבורג, געפינט זיך דער גרעסטער געטאָ אין טראַנסילוואַניע. אין קלויזענבורגער געטאָ געפינט זיך ד"ר רודאָלף קאַסטנער, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַדאַנק דעם הצלה טראַנספּאָרט וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אין וועלכע די נאַציס האָבן ערלויבט פאַר 1600 אידן זיך צו ראַטעווען קיין שווייץ.

ישראל (רודאָלף) קאַסטנער, אַ געבוירענער אין קלויזענבורג, איז געווען אַ שרייבער אין דער ציוניסטישער אונגאַרישער צייטונג "אוי קעלעט", און אַ געהילף פון זיין שווער ד"ר יוסף פישער, אַ דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט.

אין רומענישן פּאַרלאַמענט האָבן זיך אַלזאָ געפונען צוויי אידישע דעפּוטאַטן וואָס האָבן געהייסן ד"ר פישער. תרי יוסף בן שמעון. איינער איז געווען ד"ר יוסף פישער, קאַסטנער'ס שווער, און דער צווייטער איז געווען ד"ר שמעי' (טעאָדאָר) פישער, ברודער פון רבי אהרן פישער, און זון פון רבי שלמה פישער, קאַרלסבורגער רב.

אין קלויזענבורגער געטאָ, וואו עס האָבן אין תש"ד זיך געפונען ישראל קאַסטנער, אוןביידע ד"ר פישערס, האָבן די נאַציס נאָך עטליכע וואָכן פון זיין אויסער'ן געטאָ אויך פאַרשיקט כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זצ"ל, די רעביצין און דעם גבאי.

עטליכע טעג איידער דער קאַסטנער טראַנספּאָרט האָט געדאַרפט אָפּפאָרן פון קלויזענבורג קיין בודאַפּעסט, פון וואַנען זיי האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן מיט דער באַן קיין שווייץ, איז ד"ר שמעי' פישער'ס מוטער, וועלכע האָט שוין נישט געלעבט, געקומען איר זון שמעי'ן צו חלום. זי האָט אים געזאָגט און געוואָרנט אַז אויב וועט דער סאַטמאַרער רבי נישט ווערן אָנגעשלאָסן אין דעם טראַנספּאָרט וועט די באַן קיינמאָל נישט אָנקומען קיין שווייץ, און די אידן, איינשליסנדיג ער, שמעי' פישער, וועלכער איז געווען פון די יושבים ראשונה אויף דער ליסטע, וועלן קיינמאָל נישט גערעטעוועט ווערן.

ווען דער חלום האָט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע נעכט נאָכאַנאַנד האָט שמעי' פישער געוואוסט אַז הלא דבר הוא. איז ד"ר שמעי' פישער געגאַנגען צו זיין פריינט און קאָלעגע ד"ר יוסף פישער אים דערציילן דעם חלום און געהייסן אים פאַראָרדענען זיין איידעם ישראל קאַסטנער אַרויפצושטעלן אויך דעם סאַטמאַרער רבי'ן אויף דער ליסטע.

בעת דעם "קאַסטנער פּראָצעס" אין תשי"ד אין מדינת ישראל האָט קאַסטנער געזאָגט אַז זיין משפחה האָט אים קיינמאָל נישט געהייסן און קיינמאָל נישט איינגעטיילט וואָס צו טון, וועמען צו שטעלן אויף דער ליסטע און וועמען נישט, חוץ איינמאָל, ווען זיין שווער ד"ר יוסף פישער, האָט אים געהייסן איינשליסן דעם סאַטמאַרער רבי'ן אין דער רשימה. צוליב דעם האָט זיך אין אַלגעמיינעם פאָלקלאָר, ובפרט צווישן סאַטמאַרער חסידים, פאַרשפּרייט דער טעות כאילו די מעשה מיט'ן חלום איז פאָרגעקומען מיט קאַסטנער'ס שווער ד"ר יוסף פישער. דאָס איז אָבער אַ טעות. די מעשה האָט פּאַסירט מיט שמעי' פישער, וועלכער האָט דאָס איבערגעגעבן צו זיין פריינט און קאָלעגע ד"ר יוסף פישער, קאַסטנער'ס שווער.

ווען מען האָט דעם רבי'ן מודיע געווען אַז ער, די רעביצין און דער גבאי ר' יוסף אשכנזי זענען צוגעלייגט געוואָרן צו דער רשימה האָט דאָס ביי אים קודם אַרויסגערופן פאַרדאַכט. ער האָט חושש געווען צי דאָס איז מעגליך נישט עפּעס אַ פּאַסטקע אין וואָס די ציונים ווילן אים אַריינכאַפּן.

שמעי' פישער איז דאַן אַליין געקומען צום רבי'ן און אים דערציילט, אַז זיין מוטער איז אים געקומען אין חלום און אים געוואָרנט אַז דער סאַטמאַרער רבי מוז אויך ווערן אָנגעשלאָסן אין דעם טראַנספּאָרט, אַנישט וועט דער טראַנספּאָרט קיינמאָל נישט אָנקומען קיין שווייץ. ערשט דאַן האָט דער רבי מסכים געווען און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם טראַנספּאָרט.

נאָך דער קריג האָט דער רבי זצ"ל יעדן ד' אדר, אין טאָג פון איר יאָרצייט, געצינדן אַ ליכט לעילוי נשמתה פון מרת שרה גיטל פישער.

וואָס איז געווען דער היסטאָרישער הינטערגרונט וואָס האָט עווענטועל געפירט צו דעם קאַסטנער טראַנספּאָרט?

## רבי מיכאל בער ווייסמאַנדל און די "אַרבעטס-גרופּע" אין בראַטיסלאַוואַ-פּרעשבורג

סלאָוואַקיי, תש"ב – נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה איז די עסטרייך-אונגאַרישע אימפּעריע זיך צעפאַלן. די אימפּעריע איבער וואָס די האַבסבורג דינאַסטיע פון מאַריאַ טערעזאַ און פראַנץ יאָזעף האָבן געהאַט געוועלטיגט, האָט זיך אויפגעלעזט און איז אונטערגעגאַנגען.

אויף די חורבות פון דער עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע זענען אויפגעקומען נייע מדינות. איינע אַזאַ ניי-געבוירענע מדינה איז געווען טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ לאַנד וואָס די זיגרייכע אַליאירטע לענדער, אין שפּיץ מיט דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן, האָבן געהאָלפן שאַפן.

די נייע מדינה טשעכאָסלאָוואַקיע איז באַשטאַנען פון טשעכיי, וועלכע האָט פאַר דעם געהייסן בעהמען און מעהרין, און סלאָוואַקיי. די שטאָט פּרעשבורג וועלכע איז פאַר דעם געווען אַ טייל פון אונגאַרן, איז געוואָרן אַ טייל פון סלאָוואַקיי. די שטאָט האָט געענדערט איר נאָמען: פון פּרעשבורג האָט זי געענדערט דעם נאָמען צו בראַטיסלאַוואַ.

דער פאַראיין פון די צוויי פעלקער, די טשעכן און די סלאָוואַקן, האָט אָבער אָנגעהאַלטן נישט מער ווי עטליכע צוואָנציג יאָר.

ווען היטלער ימ"ש איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד האָט ער געפאָדערט אַז דער שטח וואָס האָט זיך גערופן "סודעטנלאַנד" אין טשעכיי, וואו עס האָבן געוואוינט אַסאַך עטנישע דייטשן, זאָל אַנעקסירט ווערן צו דייטשלאַנד. דער בריטישער פּרעמיער נעוויל טשעמבערליין האָט געמיינט אַז דורך נאָכגעבן היטלער'ס פאַרלאַנג וועט ער אים צופרידנשטעלן. האָט ער אונטערגעשריבן דעם "מינכן אָפּמאַך" וואָס האָט אַוועקגעריסן די סודעטן געגנט פון טשעכיי און עס געשענקט צו נאַצי דייטשלאַנד. פראַנקרייך האָט אויך אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, טראָץ דעם וואָס זי האָט געהאַט אַ געמיינזאַמען זיכערהייטס פּאַקט מיט טשעכיי. פראַנקרייך האָט געבראָכן דעם געמיינזאַמען פּאַקט מיט טשעכיי אַבי צו באַרואיגן און צופרידנשטעלן היטלער ימ"ש. דייטשלאַנד האָט דאַן באַפאַלן און איינגענומען דעם טשעכישן טייל פון טשעכיי, די אַמאָליגע



**הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל**

בעהמען און מעהרין. די וועלט האָט געשוויגן. די וועלט האָט געמיינט, אַז דאָס וועט שטילן היטלער ימ"ש'ס אַפּעטיט.

דעם סלאָוואַקישן טייל האָט ער נישט אָקופּירט. די סלאָוואַקן זענען סייווי געווען זיינע נאָענטסטע פאַרבינדעטע. סלאָוואַקיי האָט זיך באַלד דערקלערט אַלס אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד.

אַ יאָר שפּעטער האָט דייטשלאַנד באַפאַלן און אינוואַדירט פּוילן און די צווייטע וועלט מלחמה האָט אויסגעבראָכן. קיין סלאָוואַקיי האָט די וועהרמאַכט, די דייטשע אַרמיי, נישט אַריינ־מאַרשירט. סלאָוואַקיי איז פרייוויליג געוואָרן דייטשלאַנד'ס אַ געטרייע סאַטעליט.

דער דיקטאַטאָר פון סלאָוואַקיי איז געווען אַ קאַטוילישער גלח, יוזעף טיזאַו, אַ בלוטיגער שונא ישראל. די גרעסטע קאָלאַבאָראַטאָרן און מיטאַרבייטער מיט די דייטשן זענען למעשה געווען נישט די אוקראַינער אָדער פּאָלאַקן. די ערגסטע קאָלאַבאָראַטאָרן זענען געווען די סלאָוואַקן.

כאָטש דאָס דייטשע מיליטער איז פאַר פיר יאָר נישט אַריין קיין סלאָוואַקיי האָט סלאָוואַקיי פון איר אייגענעם ווילן איינגעלאַדנט די עס-עס צו קומען העלפן "לעזן דעם יודען פּראָבלעם".

אין דער צייט וואָס אין געוויסע אַנדערע מדינות האָבן די דייטשן געצאָלט פאַר די מלוכות זיי זאָלן לאָזן דעפּאָרטירן די אידן, איז סלאָוואַקיי געווען די וואָס האָט גאָר געצאָלט פאַר דער דייטשער עס-עס צו דעפּאָרטירן די אידן. סלאָוואַקיי האָט געצאָלט פאַר דער עס-עס 500 מאַרק פאַר יעדן איד וואָס זיי האָבן דעפּאָרטירט. דאָס איינציגע אַנדערע לאַנד וואָס האָט אויך געצאָלט פאַר דער עס-עס צו דעפּאָרטירן די אידן איז געווען קראָאַטיע. די קראָאַטן זענען אָבער געווען "ביליגער". זיי האָבן געצאָלט בלויז 30 מאַרק פּער איד.

די ערשטע אידן וואָס זענען פאַקטיש אַוועקגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ, נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טראַנספּאָרטן קיין אוישוויץ פון פּוילן, איז געווען אַ טראַנספּאָרט פון טויזנט אידן פון סלאָוואַקיי.

כדי צו פאַרזיכערן די "קאָאָפּעראַציע" פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט די עס-עס איבעראָל וואו די דייטשן זענען אַריינגעקומען געשאַפן אַ "יודען-ראַט".

אָנקומענדיג קיין סלאָוואַקיי אויף דער איינלאַדונג פון דער רעגירונג, האָבן די נאַציס עטאַבלירט אַ יודען-ראַט אין דער הויפּטשטאָט בראַטיסלאַוואַ, פּרעשבורג. דער נאָמען פון דעם יודען-ראַט איז געווען "אידישער צענטער" אויף דער סלאָוואַקישער שפּראַך. די מיטגלידער זענען געווען פירנדע פּערזענליכקייטן פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און קרייזן.

עטליכע מיטגלידער פונעם יודען-ראַט, פונעם "אידישן צענטער", האָבן אָבער קאָנספּירירט אין געהיים און אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז אַנשטאַט צו קאָאָפּערירן מיט די דייטשן וועלן זיי שטערן, אונטערגראָבן און סאָבאַטאַזשירן די בייזוויליגע פּלענער פון די דייטשע רשעים.

די גרופּע האָט זיך גערופן "די אַרבעטס גרופּע". די אַרום צען אָדער צוועלף מיטגלידער פון דער גרופּע, זענען געקומען פון אַלע קרייזן. זיי זענען אָבער געווען הילפסלאָז. נישט וויסנדיג וואָס זיי דאַרפן און וואָס זיי קענען טון אויף צו שטערן די דייטשע פּלענער.

קיינער האָט נאָך דאַן נישט געוואוסט אַז דער ענד-ציל פון די דייטשן איז די "ענדגילטיגע לייזונג" פון דעם "יודען פּראָבלעם" – וואָס מיינט להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים. זיי האָבן געמיינט אַז די דעפּאָרטאַציעס מיינען בלויז פאַרשיקן די אידן אין אַרבעטס לאַגערן וואו זיי זענען אויסגעשטעלט צו ביטערע צוואַנגס-אַרבעט.

הגה"צ רבי **מיכאל בער ווייסמאַנדל** זצ"ל האָט זיך געפונען אין נייטרא, סלאָוואַקיי. די "**אַרבעטס-גרופּע**" האָט געוואוסט אַז רבי מיכאל בער גיט זיך אָפּ מיט ראַטעווען אידישע פליטים וואָס אַנטלויפן פון פּוילן און שיקט זיי קיין אונגאַרן, וואו די דייטשן האָבן נאָך נישט געהאַט קיין שליטה. רבי מיכאל בער האָט אויך געפירט ערפאָלגרייכע פאַרהאַנדלונגען מיט באַאַמטע פון דער סלאָוואַקישער רעגירונג צו ערמעגליכן שיקן עסן צו געוויסע אַרבעטס לאַגערן. זיי האָבן אויך געוואוסט אַז ער האָט גוטע פאַרבינדונגען מיט אידן אין אונגאַרן און איבער דער פרייער וועלט.

אַלע האָבן אויך געוואוסט פון זיין גאונ'ישן מח, פון זיינע אָריגינעלע און דרייסטע פּאַטענטן אויף יעדן געביט, פון זיין געוואַגטע און אומערמידליכע כלל עסקנות, און פון זיין כאַריזמאַטישע פּערזענליכקייט.

די פירערין פון דער "אַרבעטס גרופּע" אין בראַטיסלאַוואַ איז געווען גיזי פליישמאַן, וועלכע איז געווען די פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער דזשאָינט. פליישמאַן איז געווען אַ קאָזין פון רבי מיכאל בער'ס שווער, הגה"צ רבי שמואל דוד אונגאַר זצ"ל הי"ד, דער נייטרער רב. האָט די אַרבעטס-גרופּע, דורך גיזי פליישמאַן, זיך געווענדעט צו רבי מיכאל בער ער זאָל ווערן דער פירער פון דער גרופּע.

רבי מיכאל בער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע בתנאי אַז פליישמאַן זאָל בלייבן פאָרזיצער צוליב די פאַרבינדונג מיט'ן אַמעריקאַנער און אַלוועלטליכן דזשאָינט, פון וואו זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען גרויסע סומעס געלט. רבי מיכאל בער איז אָבער געווען דער פאַקטישער פירער, דער הויפּט איניציאַטאָר און טרייב קראַפט פון דער "אַרבעטס גרופּע".

בעת זיין ערשטע געהיימע זיצונג מיט די מיטגלידער פון דער אַרבעטס גרופּע האָט רבי מיכאל בער זיי געלאָזט וויסן אַז ער וועט נוצן דעם אַלטן אידישן מיטל וואָס גייט נאָך צוריק צו יעקב אבינו: לדורן, לתפילה ולמלחמה.

רבי מיכאל בער האָט זיי געזאָגט אַז די ערשטע פּריאָריטעט מוז זיין




**די באן סטאנציע אין קלויזנבורג פון וואו דער באן איז ארויסגעפארן קיין בודאפעסט, פון דארט קיין בערגן בעלזן, און פון דארט צו דער פריי אין דער שווייץ**

צו שמירן, – מיט שוחד אונטערקויפן די סלאָוואַקער רעגירונגס באַאַמטע און אויך די דייטשע עס-עס פירער.

דער עס-עס אָפיציר וואָס האָט אָנגעפירט מיט די דעפּאָרטאַציעס פון די אידן אין סלאָוואַקיי האָט געהייסן דיטער וויסליצעני. ער איז געווען אַ הויכראַנגיקער עס-עס אָפיציר און אַ נאָענטער געהילף פון אַדאָלף אייכמאַן. אייכמאַן איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעפּאָרטירן די אייראָפּעאישע אידן און דורכפירן די "ענדגילטיגע לייזונג". וויסליצעני איז געווען אייכמאַן'ס פאָרטרעטער אין סלאָוואַקיי. וויסליצעני האָט אויך געהאַט דירעקטע צוטריט צו דעם הויפּט פון דער עס-עס, היינריך הימלער.

ווינטער פון תש"ב האָט רבי מיכאל בער איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער "אַרבעטס גרופּע". די עס-עס האָט שוין דאַן געהאַט דעפּאָרטירט 58 טויזנט אידן פון סלאָוואַקיי קיין אוישוויץ. אַרום 25 טויזנט אידן זענען נאָך געבליבן אין סלאָוואַקיי.

דער גאון וצדיק רבי מיכאל בער, וועלכער האָט כל ימיו זיך געפונען באהלה של תורה, האָט מיט זיין גאונ'ישן מח געוואוסט וויאַזוי זיך צו באַנוצן מיט די תכסיסים און טאַקטיקן פון די סאַמע געשולטסטע שפּיאָנאַזש אַגענטורן.

מיט איבער הונדערט יאָר פריער האָט די אַנטיסעמיטישע רעזשים פון רוסישן צאַר פאַבריצירט אַ דאָקומענט וואָס האָט זיך גערופן "די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". דאָס האָט געזאָלט דאָקומענטירן וויאַזוי די אידן מאַנאָפּאָליזירן און קאָנטראָלירן די פינאַנצן, די גרעסטע בענק, די פּרעסע און די פרייע רעגירונגען איבער דער גאַרער וועלט. שפּעטער האָבן די נאַציס אין זייער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און אין זייער פּרעסע פאַרשפּרייט די קאָנספּיראַציע פון די "פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". אויף דער דייטשער שפּראַך האָבן זיי געניצט דעם טערמין: "דאָס וועלטס אידנטום".

רבי מיכאל בער האָט געוואוסט אַז איינע פון די הויפט וואָפנס פון די נאַציס איז: קאַמופלאַזש. אויסנאַרן און פאַרבלענדן, שקר און בלאָף.

האָט ער באַשלאָסן צו נוצן די זעלבע געווער פון קאַמופלאַזש און פאַרבלענדן, טאַקע דורך מיטשפּילן מיט דער קאָנספּיראַציע פון אַ "וועלטס אידנטום" וואָס קאָנטראָלירט די פינאַנצן פון דער וועלט.

רבי מיכאל בער האָט דורך שליחים און אויך אַליין געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט וויסליצעני און מיט די אַנדערע עס-עס אָפיצירן און זיי געזאָגט אַז ער איז פון די "זקני ציון"; אַז ער רעדט נישט אין זיין אייגענעם נאָמען נאָר אין נאָמען פון "וועלטס אידנטום".

רבי מיכאל בער האָט זיי אָנגעבאָטן שוחד פון 50,000 דאָלאַר פאַר'ן אָפּשטעלן די דעפּאָרטאַציעס. דאָס הייסט אַרום צוויי דאָלאַר אַ קאָפּ פאַר יעדן איד וואָס געפינט זיך אין סלאָוואַקיי. די העלפט, 25,000 טויזנט דאָלאַר, וועט דער דזשאָינט, אָדער אידן אין אויסלאַנד און אין אַמעריקע, גלייך באַצאָלן, און די איבריגע 25 טויזנט דאָלאַר וועט באַצאָלט ווערן ביז זיבן וואָכן. די דייטשן האָבן זיך אויסגענומען אַז דאָס געלט מוז קומען פון אידן פון אויסלאַנד, נישט פון לאָקאַלע אידן. די דייטשן האָבן געוואוסט אַז דאָס געלט פון אידן אין נאַצי אָקופּירטע אָדער קאָנטראָלירטע שטחים וועט סיווי קאָנפיסקירט ווערן און אָנקומען צו זיי, די נאַציס.

וויסליצעני איז געפאַלן דערפאַר. ער האָט מסכים געווען צו דעם געשעפט. במשך פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן די דעפּאָרטאַציעס פון סלאָוואַקיי לגמרי זיך אָפּגעשטעלט. סלאָוואַקיי, דאָס לאַנד פון וואו די דעפּאָרטאַציעס קיין אוישוויץ האָבן זיך אָנגעהויבן, איז אויך געווען דאָס לאַנד וואו אַדאַנק רבי מיכאל בער'ס שתדלנות האָבן די דעפּאָרטאַציעס זיך אָפּגעשטעלט במשך פון איבער צוויי יאָר.

רבי מיכאל בער האָט ווייטער געמוזט נוצן זיינע געניאַלע המצאות. ליידער איז אים נישט געראָטן צו שאַפן געלט פון אויסלאַנד. דער דזשאָינט איז נאָר געווען גרייט צו שיקן געלט דורך עמטליכע דעפּאָזיטס אין בענק. די פרייע לענדער, אַמעריקע צוזאַמען מיט אירע אַליאירטע, האָבן אָבער נישט ערלויבט צו טראַנספערירן און איבערפירן געלט צום דייטשן שונא.

רבי מיכאל בער האָט באַוויזן צו קריגן 25 טויזנט דאָלאַר אין מזומנים פון אַן אָרטאָדאָקסישן איד ר' בנימין שלמה שטערן, אַ גביר פון פּרעשבורג, וועלכער האָט געהאַט דאָס געלט אין קעש. פאַר די נאַציס האָט ר' מיכאל בער געזאָגט אַז דאָס געלט האָבן זיינע פאַרבינדעטע פון "וועלטס אידנטום" אַריינגעשמוגלט צו אים פון דער שווייץ.

רבי מיכאל בער האָט ערפינדן אַ פיקטיווע פּערזאָנע, אַ מענטש מיט'ן נאָמען "פערדינאַנד פרויד", וועלכער איז כלומר'שט דער פאָרטרעטער פון "וועלטס אידנטום" אין דער שווייץ. פערדינאַנד פרויד איז אָבער לא היה ולא נברא. רבי מיכאל בער'ס מיטאַרבעטער אין דער אַרבעטס גרופּע פלעגן צייגן פאַר וויסליצעני די קאָרעספּאָנדענץ און די בריוו וואָס רבי מיכאל בער קריגט פון "פערדינאַנד פרויד" אין דער שווייץ.

איינער פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון רבי מיכאל בער'ס אַרבעטס גרופּע האָט געהייסן אַנדרעי שטיינער. ער איז געווען רבי מיכאל בער'ס הויפט פאַרמיטלונגס מאַן מיט וויסליצעני, מיט זיין באָס אייכמאַן און אפילו מיט'ן עס-עס פירער אין בערלין היינריך הימלער.



**היסטאריש בילד ביי אן אסיפה פון "וועד ההצלה" אין בודאפעסט אין שנת תש"ב, געפירט דורך מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע**

**רעכטס פון רבי'ן זענען דער דעעשער רב בעל זכרון יעקב זצ"ל הי"ד, דער מונקאטשער רב הרה"ג רבי ברוך ממונקאטש זצ"ל, און הרב פראנק ע"ה - גאנץ פון פארנט פון בילד איז העסקן הרב יצחק קעוועטשי ע"ה**

שטיינער, אַ פרייער, איז געווען אַן אַרכיטעקט פון באַרוף. די דייטשן האָבן אים אַריינגעשטעלט אין יודען-ראַט צו העלפן אויספּלאַנעווען דעם אויסשטעל פון די אַרבעטס לאַגערן. ער איז געווען פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פונעם אַרבעטס גרופּע און איז געווען רבי מיכאל בער'ס הויפּט פאַרטרעטער אין די פאַרהאַנדלונגען מיט די נאַציס.

אַנדרעי שטיינער איז אויך געווען דער לענגסטער לעבן געבליבענער פון דער אַרבעטס גרופּע. אין דער צייט וואָס די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע זענען אָדער אומגעקומען אין אוישוויץ, ווי גיזי פליישמאַן וועלכע איז פאַרשיקט געוואָרן מיט'ן לעצטן טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ, אָדער זענען אַוועק געציילטע יאָרן נאָך דער מלחמה, האָט אַנדרעי שטיינער געגרייכט גאָר אַ הויכן עלטער פון עטוואָס איבער הונדערט יאָר. ער איז אַוועק אין תשס"ט.

מיט איבער פערציג יאָר צוריק האָבן פאָרשער אים אינטערוויואירט און אים אויסגעפרעגט וועגן אַלע אַקטיוויטעטן פון דער אַרבעטס גרופּע. די "האָלאָקאָסט-מוזעאום" אין וואַשינגטאָן האָט פאַרעפנטליכט און אַרויסגעשטעלט אויף זייער נעץ אַלע אינטערוויוען מיט אים פאַר אַלע צו הערן.

שטיינער דערציילט אַז רבי מיכאל בער האָט אים געשולט און געלערנט וויאַזוי צו רעדן צו די נאַציס, וויאַזוי זיך צו האַלטן און זיך צו באַנעמען, געענוי וואָס צו זאָגן און וואָס נישט צו זאָגן, יעדעס מאָל וואָס ער טרעפט זיך און פאַרהאַנדלט מיט די נאַציס.

פאַרוואָס האָבן וויסליצעני און אפילו הימלער מסכים געווען צו די פאַרהאַנדלונגען? פאַרוואָס האָבן זיי געלאָזט זיך אונטערקויפן? זאָגט שטיינער אַז ער האָט זיי געזאָגט אין נאָמען פון הרב ווייסמאַנדל:

"אויב מיינט איר אַז איר גייט געווינען די מלחמה זאָלט איר וויסן אַז דאָס איז אוממעגליך. די אַליאירטע האָבן די אויבערהאַנט און זיי וועלן אייך באַזיגן. מיר אידן, די רעשטלעך פון אידישן פאָלק, וועלן בלייבן און ווייטער עקזיסטירן. נאָך דער קריג וועט די וועלט אייך שטעלן צום געריכט פאַר די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט. אויב איר וועט מאַכן די רעטונגס געשעפטן מיט אונז וועט איר כאָטש האָבן אַן אַליבי, אַ תירוץ און אַ באַווייז, אַז איר האָט געהאָלפן ראַטעווען אידן. אינצווישן וועט איר אויך הנאה האָבן פון די געלטער".

איינמאָל סוכות, דערציילט שטיינער, איז רבי מיכאל בער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער סלאָוואַקישער פּאָליציי און איז אַוועקגעפירט געוואָרן פאַר אויספאָרשונגען. ווען מען האָט אים געוואָלט געבן צו עסן האָט ער געזאָגט אַז ער וועט נישט עסן סיידן מען פירט אים צו אַ אידישע סוכה ער זאָל קענען מאַכן קידוש. מען האָט אים דאָס נאָכגעגעבן. אָבער אין דער סוכה האָט ער אַנשטאַט מאַכן קידוש געהאַלטן דעם כוס און געזאָגט אויף לשון הקודש מען זאָל איבערגעבן פאַר זיינע קאָלעגן אין דער אַרבעטס גרופּע וואָס ער האָט פּונקטליך געזאָגט ביי דער אויספאָרשונג.

די אַרבעטס גרופּע האָט געשיקט אַ שליח קיין שווייץ צו שאַפן די איבריגע 25 טויזנט דאָלאַר. דער שליח האָט געברענגט אַ בריוו צו סאַלי מייער, דער פאַרטרעטער פון דזשאָינט אין דער שווייץ, און צו נתן שוואַלבע דער דירעקטאָר אין דער שווייץ פון דער "אידישער אַגענטור", די ציוניסטישע "סוכנות". שרייבט רבי מיכאל בער אין "מן המיצר", און דאָס זעלבע זאָגט אַנדרעי שטיינער אין זיינע אינטערוויוס, אַז סאַלי

מאיר האָט געענטפערט: ערשטנס איז 50 טויזנט דאָלאַר צופיל געלט פאַר אַזאַ קליינע מדינה ווי סלאָוואַקיי. און צווייטנס איז דאָס קעגן דעם געזעץ און קעגן די רעגולאַציעס פון אַמעריקע און די אַליאירטע איבערצופירן געלטער צו פיינטליכע מדינות.

ווידער דער ציוניסטישער פירער נתן שוואַלבע, זאָגט רבי מיכאל בער אַז שוואַלבע האָט אים געענטפערט אין אַ בריוו:

"איר דאַרפט געדענקען אַז סוף כל סוף וועלן די אַליאירטע זיגן. נאָך דער מלחמה וועט מען אויפסנייַ צעטיילן די וועלט. דאַן וועט פאַר אונז זיך עפענען דער וועג פאַר אַן אייגן לאַנד. מיר דאַרפן אַלעס טון פאַר אַ אידישע מדינה... אַלע אַליאירטע פעלקער פאַרגיסן בלוט. און אויב מיר וועלן נישט ברענגען קיין קרבנות מיט וואָס וועלן מיר האָבן די רעכט צו קומען צום טיש ווען עס וועט געמאַכט ווערן די חלוקה נאָך דער מלחמה?... **רק בדם תהיה לנו הארץ. נאָר מיט בלוט וועלן מיר האָבן דאָס לאַנד**.... דאָס איז פאַר'ן כלל. וואָס שייך אייך חברים דאַרפט איר אַנטלויפן און עולה זיין. פאַר'ן דאַזיגן צוועק שיקן מיר אייך געלט אויפ'ן שוואַרצן וועג מיט דעם שליח". (מן המצר, זייט צב).

ווען רבי מיכאל בער און די אַרבעטס גרופּע האָבן נאָך די זיבן וואָכן נישט באַוויזן צו ברענגען די צווייטע 25 טויזנט דאָלאַר האָט וויסליצעני אין כעס גענומען באַנייען די דעפּאָרטאַציעס. איין וואַגאָן מיט אידן איז געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. רבי מיכאל בער האָט זיך דאַן געווענדעט נאָך הילף צו אידן אין אונגאַרן, גיזי פליישמאַן איז געפאָרן קיין בודאַפּעסט וואו זי האָט זיך געטראָפן מיט רבי פנחס פרוידיגער, דער ראש הקהל פון דער אָרטאָדאָקסישער קהלה, און מיט אַנדערע עסקנים, און באַוויזן צוריקצובריינגען די נויטיגע 25 טויזנט דאָלאַר. די דעפּאָרטאַציעס פון סלאָוואַקיי זענען אָפּגעשטעלט געוואָרט פאַר צוויי יאָר.

היסטאָריקער, אידישע און להבדיל נישט אידישע, רעליגיעזע און פרייע צוגלייך, זענען אַלע איינשטימיג, אַז אויב איז פאַראַן איין מענטש וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי דער הצלה העלד פון לעצטן חורבן איז עס רבי מיכאל דוב וויסמאַנדל. רבי מיכאל בער, מתלמידי תלמידיו פון חתם סופר, וואָס האָט כמעט יעדן טאָג דערמאָנט דעם חתם סופר, און פרעשבורג די שטאָט פון חתם סופר, זענען עס געווען די צענטראַלע פּערזענליכקייטן און דאָס איינציגע אָרט וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די וויכטיגסטע הצלה אונטערנעמונגען בעת דעם ביטערן חורבן.





בריוו פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע צו ר' פנחס פרוידיגער ז"ל איבער פונדן וואס זענען אנגעקומען צום וועד ההצלה אדרעסירט צום רבי'ן

15,000 אידן, פליטים פון פוילן קיין סלאָוואַקיי, האָט רבי מיכאל בער געהאָלפן אַריבערשמוגלען און ראַטעווען קיין אונגאַרן. דאָרט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אידישע הייזער, אין שולן און אין ישיבות.

רבי מיכאל בער'ס הויפּט קאָנטאַקטן אין אונגאַרן זענען געווען כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע און ר' פנחס פרוידיגער דער ראש הקהל פון פעסט. זיי האָבן אָנגעפירט מיט באַזאָרגן די פליטים מיט אכסניות, מיט פּאַפּירן און מיט שאַפן פאָנדן פאַר די הצלה אַקטיוויטעטן.

ר' פנחס דוד פרוידיגער, באַקאַנט אַלס ר' פנחס פרוידיגער, דער ראש הקהל פון דער אָרטאָדאָקסישער קהלה אין בודאַפּעסט, איז געווען אַן אייניקל פון פּרעשבורגער רב רבי עקיבא סופר, דער בעל "דעת סופר". ר' פנחס פרוידיגער האָט געשטאַמט פון דורות רבנים, דיינים און ראשי קהלה, און אַזויווי זיין טאַטע פאַר אים, ווּעלכער איז אויך געווען ראש הקהל אין בודאַפּעסט, איז ער אַליין אויך געווען אַ תלמיד חכם, אַ מורה הוראה, אַן עסקן און אַ רייכער אינדוסטריאַליסט.

אין תש"ג האָבן כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע און ר' פנחס פרוידיגער פאַררופן אַן אסיפה וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטליכע וואָכן אין זאַל פון דער "חברא קדישא" אין בודאַפּעסט, וואו ס'איז געשאַפן געוואָרן איבער אַ האַלב מיליאָן "פּענגאָ", די אונגאַרישע מטבע, אויף צו ראַטעווען, שמוגלען און העלפן די אידישע פּלטים וואָס זענען אָנגעקומען קיין אונגאַרן.

זיי האָבן געשאַפן געלט פון אידן אין אונגאַרן און אויך פון אידן אין אויסלאַנד. פון דער שווייץ איז געשיקט געוואָרן געלט און אַ טעלעגראַם וואָס האָט געלויטעט אַז דער סאַטמאַרער רבי מוז זיין דער אויפזעער אויף די געלטער, "צו גאַראַנטירן אַז דאָס ווערט פאַרטיילט צווישן די נויטיגע נצרכים". רבי יעקב ראָזענהיים, דער יושב ראש פון אַלוועלטליכן אגודת ישראל שרייבט אין אַ טעלעגראַם פון לאָנדאָן: "בקרוב ימציאו לנו חמשת אלפים דאָלאַר. את הכסף הזה אמציא אי"ה אל הגאון רבי יואליש בכדי שהוא יעשה את החלוקה".

דער וועד הצלה פון דער אגודת הרבנים אין אַמעריקע האָט דורכ'ן אַמעריקאַנער טרעזשורי דעפּאַרטמענט געשיקט הונדערט טויזנט דאָלאַר צו דעם לעגענדאַרן הצלה עסקן רבי יצחק שטערנבוך זצ"ל אין דער שווייץ עס איבערצופירן קיין אונגאַרן, אָנווייזנדיג אַז דאָס געלט מוז גענוצט ווערן "כפי שהוגדר במכתבי הרבנים מסאַטמאַר ונייטראַ".

כ"ד אדר תש"ד, דער נײַנצעטער מערץ 944' למספרם, האָט די דייטשע אַרמיי אַריינמאַרשירט קיין אונגאַרן. מיט דער דייטשער וועהרמאַכט זענען מיטגעקומען די מלאכי חבלה פון דער דייטשער עס עס, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו דעפּאָרטירן און ליקווידירן וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פון אייראָפּעאישן אידנטום.

אין דער צייט וואָס קיין סלאָוואַקיי האָט אייכמאַן געשיקט זיין אַדיוטאַנט וויסליצעני אָנצופירן מיט די דעפּאָרטאַציעס איז קיין אונגאַרן אייכמאַן זעלבסט געקומען, צוזאַמען מיט וויסליצעני, אויפצוזען און אָנצופירן מיט די דעפּאָרטאַציעס.

רבי מיכאל בער, וועלכער האָט זיך נאָך געפונען אין פּרעשבורג, האָט געשיקט אַ בריוו צו ר' פּנחס פרוידיגער קיין בודאַפּעסט אים צו לאָזן וויסן אַז מ'קען און מ'מוז די דייטשן אונטערקויפן מיט שוחד. דער שליח וואָס האָט געפירט דעם בריוו פון ר' מיכאל בער צו ר' פּנחס פרוידיגער איז געווען נישט קיין צווייטער ווי דיטער וויסליצעני.

רבי מיכאל בער איז אויפגעקומען מיט אַ געדאַנק. ער האָט פאָרגעשלאָגן פאַר די עס-עס פירער אַ פּלאַן, וואָס ער האָט גערופן דער "אייראָפּע פּלאַן". דער פּלאַן האָט געלויטעט אַז פּונקט ווי אין סלאָוואַקיי האָט מען במשך איבער צוויי יאָר באַוויזן אויסצוקויפן די אידן פאַר צוויי דאָלאַר אַ קאָפּ זאָל מען אויסקויפן אַלע לעבן געבליבענע אידן אין אייראָפּע פאַר'ן זעלבן פּרייז.

די עס-עס פירערשאַפט איז גרייט געווען איינצוגיין אויף אַזאַ געשעפט.

ליידער זענען 5 מיליאָן אידן דאַן, ניסן פון שנת תש"ד, שוין געהאַט אומגעברענגט געוואָרן. געבליבן זענען בלויז אַרום אַ מיליאָן אידן, פון זיי 800 טויזנט אונגאַרישע אידן.

ר' מיכאל בער און ר' פּנחס פרוידיגער האָבן פאַרשפּראָכן צו צאָלן די נאַציס צוויי מיליאָן דאָלאַר אין 5 אָפּצאָלונגען. 200 טויזענט דאָלאַר פּער אָפּצאָל.

ר' פּנחס פרוידיגער און די אָרטאָדאָקסישע עסקנים האָבן פאַר דעם צוועק צוזאַמענגעאַרבעט מיט אַלע קרייזן און אָרגאַניזאַציעס. פון די טויגליכסטע אַקטיוויסטן איז געווען ישראל קאַסטנער, וועלכער איז געווען אַ זשורנאַליסט אין אַ ציוניסטישע אונגאַרישע צייטונג וואָס האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד פון וועמען די רעטונגס אָרגאַניזאַציעס אין אונגאַרן האָבן געהאָפט צו קריגן די נויטיגע פינאַנצן. קאַסטנער איז געווען אַ כאַריזמאַטישער מענטש און האָט פּערזענליך געהאַט צוטריט צו אַדאָלף אייכמאַן.

ר' פּנחס פרוידיגער האָט געהאָפט אַז קאַסטנער וועט שאַפן פון וועלטליכע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס די אויסלייז געלט וואָס די נאַציס האָבן פאַרלאַנגט. קאַסטנער האָט אייכמאַן' פאַרשפּראָכן אַז ער וועט אַליין דעליווערן און ברענגען דאָס געלט. פאַקטיש האָט ער אָבער אפילו די ערשטע צוויי הונדערט טויזענט דאָלאַר נישט באַוויזן צו שאַפן.


דער פּרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל דעת סופר


הרב פנחס דוד פרוידיגער ז"ל

למעשה איז כמעט די גאַנצע סומע פון 200 טויזענט דאָלאַר געשאַפן געוואָרן דורך דער אָרטאָדאָקסישער קהלה. ר' פּנחס פרוידיגער האָט בייגעשטייערט אַ גרויסן טייל פון זיין אייגענער טאַש, ער האָט אויך גענומען אַן הלוואה פון זיין אייגענער באַנק, און ר' נתן קאַהן-פרענקל, דער סעקרעטאַר פון דער אָרטאָדאָקסישער קהלה אין בודאַפּעסט האָט אויסגעלייגט 100 טויזנט פּענגאָ פון דער קאַסע פון דער קהלה. מיט דעם געלט איז קאַסטנער געווען ביכולת צו געבן די ערשטע, און ליידער אויך די לעצטע, 200 טויזענט דאָלאַר צו אייכמאַן און וויסליצעני.

ס'איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון דער מלחמה. די רוסן האָבן זיך דערנענטערט פון מזרח און די אַמעריקאַנער און בריטישע פון מערב. די עס-עס פירער האָבן דאַן פאָרגעשלאָגן אָפּצושטעלן די דעפּאָרטאַציעס פון די אונגאַרישע אידן אין אויסטויש פון צען טויזנט טראָקס און פאַר אַנדערע סחורות ווי מלבושים און עסנוואַרג. דער פּלאַן האָט געהייסן "וואַרע פאַר בלוט". דאָס הייסט: סחורה אין אויסטויש פון בלוט. אייכמאַן זעלבסט האָט צוליב דעם געשיקט דעם ציוניסטישן אַקטיוויסט יואל בראַנד קיין טערקיי, וואו ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט די ציוניסטישע פירער פון ארץ ישראל צו שאַפן די געלטער.

רבי מיכאל בער אין "מן המצר" באַשולדיגט די ציוניסטישע פירער אין פאַרראַט. זיי זענען נישט געקומען זיך באַגעגענען מיט יואל בראַנד, און האָבן טאָרפּעדירט זיין מיסיע.

ווינטער תש"ד האָבן צוויי סלאָוואַקישע אידן, רודאָלף ווערבאָ, (ראָזענבערג) און אַלפרעד וואַצלער, באַוויזן צו אַנטלויפן פון אוישוויץ. זיי האָבן באַלאַנגט צו אַ גרופּע אידישע אַרעסטאַנטן אין אוישוויץ וועלכע האָבן במשך אַ צייט געזאַמלט גענויע אינפאָרמאַציע איבער וואָס עס קומט דאָרט אַלץ פאַר און האָבן פאַרצייכנט דעם גענויעם אויסשטעל פון די באַראַקן, גאַז קאַמערן און קרעמאַטאָריומס.

נאָכ'ן אַנטלויפן אונטערערדיש פון אוישוויץ האָבן זיי צוויי וואָכן געוואַנדערט אין סלאָוואַקיי ביז זיי זענען אָנגעקומען צו רבי מיכאל בער'ס "אַרבעטס גרופּע".

אַנדרעי שטיינער און אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן זיי אויסגעפאָרשט און אָנגעשריבן אַ באַריכט פון 30 זייטן וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס דער "ווערבאָ וואַצלער באַריכט", אָדער דער "אוישוויץ ווערבאָ וואַצלער פּראָטאָקאָל".

די צוויי זענען געווען די ערשטע לעבעדיגע עדות צו לאָזן וויסן דער וועלט אַז אוישוויץ איז נישט קיין אַרבעטס לאַגער נאָר אַ פאַרניכטונגס







**צייכענונג פון אוישוויץ פונם "ווערבא-וואצלער באריכט" וואס הגה"צ רבי מיכאל בער זצ"ל און זיין פרעשבורגער "ארבייטס גרופע" האבן געשיקט צו דער דרויסענדיגער פרייע וועלט**

לאַגער. זיי האָבן אויך באַריכטעט אַז דערווייל זענען אין אוישוויץ אַליין שוין אומגעברענגט געוואָרן אַ מיליאָן מיט 700 טויזנט אידן. זיי האָבן אויך דערציילט וואָס זיי האָבן זיך אונטערגעהערט און דערוואוסט: אַז די "פּאַרוואַלטונג" פון אוישוויץ גרייט זיך "אויפצונעמען" טראַנספּאָרטן פון 800 טויזנט אונגאַרישע אידן.

אַ קורצע צייט דערנאָך, זענען פון אוישוויץ אויך אַנטלאָפן צוויי יונגע בחורים בצלאל מורדאָוויטש און אהרן ראָזן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן די זעלבע באַריכטן וועגן די גאַז קאַמערן און קרעמאַטאָריומס. אַנדרעי שטיינער דערציילט אַז רבי מיכאל בער האָט יעדן פון זיי אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער און זיי אויסגעפאָרשט בשבע חקירות ובשבע דרישות ביז ער האָט זיך אַליין איבערצייגט אין דער וואָרהייט פון יעדן פרט וואָס זיי האָבן באַריכטעט.

רבי מיכאל בער האָט דאַן אונטערגענומען אַ קאַמפּיין פון שרייבן און שיקן בריוו צו אַלאַרמירן די דרויסנדיגע וועלט וועגן דער פאַרטיליקונג פון אידישן פאָלק דורך די נאַציס.

רבי מיכאל בער האָט געשריבן דירעקט צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט רוזעוועלט און צום ענגלישן פּרעמיער טשוירטשל בעטנדיג אַז די אַליאירטע זאָלן באָמבאַרדירן די גאַז קאַמערן און די רעלסן וואָס פירן קיין אוישוויץ. ער האָט געשיקט גענויע מאַפּעס און צייכענונגען פון די אוישוויצער באַראַקן, די גאַז קאַמערן, קרעמאַטאָריומס, און די באַן שינעס



**דער רבי זי"ע ביי דער שווייצער באַאמטע עטליכע טעג נאָך דער באַפרייאונג – ווערן געזען אויפ'ן בילד די עסקנים הרה"ח ר' משה גראס ז"ל און הרב חיים שטערן ז"ל, און דער אידישער אַמבאַסאַדאָר פון על סאַלוואַדאָר דזשאָרזש מאַנטעלאָ [יואל מאנדל]**

וואָס פירן קיין אוישוויץ-בירקענוי.

די בקשות זענען אָבער געפאַלן אויף טויבע אויערן. עד היום איז נישט קלאָר פאַרוואָס אַמעריקע און די אַליאירטע זענען נישט גרייט געווען דאָס צו טון.

די אַרבעטס גרופּע און אַנדערע עסקנים און אַקטיוויסטן האָבן זיכער געמאַכט צו פאַרשפּרייטן דעם ווערבאָ-וואַצלער באַריכט צו אַלע אויסלענדישע קאָנסולאַטן אין דער שווייץ, די אַמעריקאַנער קאָנסולאַטן אין ענגלאַנד און צום ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן. יוני דעם 18-טן 944' האָט די בי-בי-סי אין אַ בראָדקעסט פאָרגעלייענט טיילן פון דעם באַריכט. די אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש אַגענטור, די OSS, די פאָרגייער פון דער סי-איי-עי, האָט אויך באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דעם באַריכט, אַז אוישוויץ איז אַ פאַרניכטונגס לאַגער, דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער און דורך די פּוילישע גלות רעגירונג אין לאָנדאָן.

טראָץ דעם וואָס דער "אייראָפּע פּלאַן" איז דורכגעפאַלן האָבן ר' פנחס פרוידיגער און קאַסטנער ווייטער געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט אייכמאַן און וויסליצעני וועגן ראַטעווען אַ קלענערן טראַנספּאָרט קיין שווייץ אויפ'ן סמך פון די 200 טויזנט דאָלאַר וואָס זיי האָבן שוין באַקומען און אויף דער הבטחה פון ווייטערדיגע אויסלייז געלט. אַזוי איז צושטאַנד געקומען דער קאַסטנער טראַנספּאָרט מיט וועלכן 1684 אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן קיין שווייץ.

ר' פנחס פרוידיגער האָט ווייטער געשמירט אייכמאַן און וויסליצעני'ן גרויסע סומעס געלט צו ערלויבן דעם קאַסטנער טראַנספּאָרט. די געלטער



**הגה"צ רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל ראב"ד ירושלים ביי דער סעודת הודאה כ"א כסלו אין סאַטמאַרער ביהמ"ד אין ירושלים עיה"ק**

לינקס ווערן געזען די חברי הביד"צ הגאון הגדול רבי יהושע ראזנבערגער שליט"א אב"ד קרית רמ"א בית שמש און הגאון הגדול רבי שלמה יהודא הירש שליט"א – פון אונטען: הרה"ח ר' אפרים שטערן שליט"א חבר הנהלת העדה החרדית און להבחל"ח הרה"ח ר' יוסף ראזענבערג ז"ל מנהל מוסדות יטב לב בארה"ק

האָט ער געשאַפן אויסשליסליך צווישן די 150 חרדי'שע אידן וואָס זענען ערלויבט געוואָרן זיך צו ראַטעווען מיט דעם טראַנספּאָרט.

## ר' פנחס פרוידיגער אין זיין טאָג בוך: צווישן וואַרשעווער אויפשטאַנד און די אונגאַרישע הצלה

אינמיטן זומער פון תש"ד, יולי 944', האָט דיטער וויסליצעני מגלה סוד געווען פאַר ר' פנחס פרוידיגער אַז אייכמאַן האָט געגעבן אַ דירעקטע פאַראָרדענונג צו הרג'ען אים, ר' פנחס, און זיין גאַנצע פאַמיליע. מיט דער הילף פון אַן עס עס מאַן וועמען וויסליצעני האָט אים צוגעשטעלט פאַר גרויסע געלטער האָט ר' פנחס פרוידיגער באַוויזן צו אַנטלויפן קיין רומעניע. פון דאָרט האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל. ביים אייכמאַן פּראָצעס איז ר' פנחס געווען איינער פון די וויכטיגסטע עדות קעגן אייכמאַן, האָבנדיג ערשט-האַנטיג געהאַנדלט מיט אים בעת דער מלחמה.

אין תשל"ב האָט ר' פנחס פרוידיגער געשריבן דאָס פאָלגנדע אין זיין טאָג-בוך (וואָס מיר זעצן איבער פון לשון קודש):

"אַן אַמעריקאַנער איד, אָדער אַ ישראל'ישער צאַברע, וואָס לייענט וועגן די דרייסטע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ ווערט זיין האַרץ פול מיט שטאָלץ. לאמיתו של דבר שטעלט זיך אָבער די פראַגע: וואָס האָט דער אויפשטאַנד ערגרייכט?"

"דער ענטפער איז: גאָרנישט!"

"די געציילטע קעמפער און אויפשטענדלער זענען אומגעקומען און די איבריגע אידן פון געטאָ זענען אַלע געשיקט געוואָרן צום זיכערן טויט. די געציילטע וואָס זענען אַנטלאָפן און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער וואָלטן דאָס געקענט טון אויך אָן דעם אויפשטאַנד".

"דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין סלאָוואַקיי. די פאַרבליבענע אידן אין סלאָוואַקיי זענען צווישן אָקטאָבער 44' און מערץ 45' אַלע פאַרשיקט געוואָרן קיין אושוויץ אַלס נקמה פאַר זייער קליינעם טייל אין דעם אויפשטאַנד פון די פּאַרטיזאַנער. דאָס אַלץ צייגט אַז קעגנשטעלן זיך אין אַן אויפשטאַנד קעגן אַ באַוואָפנטן שונא האָט נישט קיין זין".

"דאַקעגן אונזערע פאַרהאַנדלונגען מיט דער עס-עס און אונזערע געלטער וואָס מיר האָבן זיי געצאָלט האָבן געפירט צו פיל בעסערע רעזולטאַטן. 1700 אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן קיין בערגן בעלזן און פון דאָרט קיין שווייץ. זעכצן טויזנט אַנדערע זענען געפירט געוואָרן קיין שטראַסהויף, נישט קיין אושוויץ, און זענען געבליבן לעבן".

" ביים אָנפאַנג פון דער דריטער וואָך פון די דעפּאָרטאַציעס קיין אושוויץ זענען עטליכע הונדערט אידן געשיקט געוואָרן קיין בודאַפּעסט און זענען געשטעלט געוואַרט אונטער'ן שוץ פון אונזער וועד הצלה. הונדערטער אַנדערע האָט וויסליצעני געשטעלט אונטער מיין שוץ אַדאַנק מיין פּערזענליכע בקשה".

"אונזערע געלטער און פאַרהאַנדלונגען האָבן אויך געפירט דערצו אַז פון בודאַפּעסט זענען נישט פאָרגעקומען קיין דעפּאָרטאַציעס. מ'קען אָננעמען מיט זיכערקייט אַז ווען יואל בראַנד קומט ווען צוריק פון איסטאַנבול מיט עפּעס אַן אָפּמאַך וואָלטן נאָך טויזנטער געראַטעוועט געוואָרן".

"פאַרהאַנדלונגען און שוחד זענען טאַקע נישט אַזוי העלדיש און גלאָררייך ווי קעמפן און ווי אַן אויפשטאַנד. די רעזולטאַטן זענען אָבער פיל בעסער. איך ווייס אַז דאָס איז נישט די פּאָפּולערע מיינונג. אונזערע חכמינו ז"ל זאָגן אָבער כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא".

## דער ראב"ד הגאון רבי ישראל יעקב דערציילט

בית המדרש אוהל רחל דסאַטמאַר, רחוב יואל, ירושלים. כ"א כסלו תשל"ח. – הגאון האדיר רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל ראב"ד ירושלים טרעט אויף מיט אַ דרשה. נאָכ'ן זאָגן אַ פלפול און פאַרענטפערן אַ שווערן רמב"ם אין הלכות רציחה האָט דער ראב"ד גערעדט וועגן דעם נס ההצלה פון רבי'ן. צולייגנדיג אַז ער פילט אַ ספּעציעלע קירבה צו דעם נס צוליב דער ראָלע וואָס זיין באַבע הרבנית שרה גיטל ע"ה האָט געשפּילט אין דעם. רבי ישראל יעקב האָט איבערדערציילט אַלע איינצלהייטן פון דעם חלום.

"וויאַזוי ווייס איך דאָס אַלץ?"

"ווייל מיין פעטער שמעיה פישער האָט דאָס מיר אַליין דערציילט".

און אָט איז וויאַזוי הגאון רבי ישראל יעקב פישער שרייבט דאָס אַליין אין זיין ספר "אבן ישראל" דף קפ"ט:

"וכאן הוא המקום להודיע בשער בת רבים, להפריך את טעות העולם. שבעולם חשבו שמרן ניצל ע"י הציונים, כידוע שמרן ניצל מעמק הבכא ע"י 'רכבת ההצלה' של הציונים. אבל האמת היא שהמעשה היתה להיפוך. דהציונים ניצלו בזכות מרן שליט"א".

"וגופא דעובדא הכי הוה. שביום הקודם ליציאת הרכב הוחלט אצלם לא להניח למרן שליט"א לנסוע ברכבת. ובלילה באה אמו של דודי, היינו זקנתי הרבנית שרה גיטל ע"ה אל בנה דודי שמעיה פישער בחלום, ואמרה לו באזהרה גדולה שיראה להכניס את מרן שליט"א ברכבת, כי אם לא יכניסו אותו כל 'רכבת ההצלה' לא תצליח. וזה היה הסיבה היחידה שהכניסו את מרן שליט"א בתוך הרכבת. ונמצא שהצלתו לא היה ע"י הציונים, אלא להיפוך. הם ניצלו על ידו".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

**תשובות וועגן רבנים און רבנות – הדרכות צו רבנים און צו זייערע קהלות – וויאַזוי ער פלעגט שליכטן מחלוקת'ן און אויסגלייכן סכסוכים צווישן רבנים און קהילות – די מחלוקה אין מאַטערסדאָרף – דער גרויסער גאון רבי מאיר אַלמאַש זצ"ל – די זכרונות פון חתם סופר'ס תלמיד רבי יעקב הלוי הירש בעל "מור דרור"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## רבנים און רבנות

איידער מיר וועלן שילדערן אין אַ שפּעטערדיגן קאַפּיטל די פּרשה פון יונתן אַלעקסאַנדערזאָן, דער "רב" פון טשאַבא אין אונגאַרן, די פּרשה וואָס האָט דעם חתם סופר פאַראורזאַכט אומגעהויערע עגמת נפש און צער, וועלן מיר אין היינטיגן און אין קומענדיגן קאַפּיטל רעדן וועגן דעם חתם סופר'ס שטעלונג לגבי ענינים וואָס זענען נוגע רבנות בכלל, און רבנות און רבנים אין זיין תקופה בפרט.

פאַראַן מערערע תשובות אין וועלכע דער חתם סופר איז דן אין די ענינים.

אין אַ פריערדיגן אַרטיקל, קאַפּיטל ט"ו, האָבן מיר שוין געשריבן וועגן די צוויי תשובות אין או"ח, תשובה י"ב און תשובה י"ג, בנוגע ירושה ברבנות. אין איין תשובה שרייבט ער אַז רבנות גייט נישט בירושה. אין דער צווייטער תשובה שרייבט ער אָבער אַז היינט איז רבנות אַ שכירות, אַ רב איז אַן אָנגעשטעלטער פון דער קהילה, איז עס דערפאַר נישט קיין שררה און גייט יאָ בירושה.

אין יעצטיגן אַרטיקל וועלן מיר צווישן אַנדערן שרייבן איבער זיינע תשובות צו קהילות בנוגע אויפנעמען רבנים, וויאַזוי נזהר צו זיין אין כבוד פון רבנים, און גלייכצייטיג זיינע תשובות צו רבנים וויאַזוי זיך צו באַציען מיט פאָרזיכטיגקייט און רעספּעקט כלפי זייערע קהילות. די תשובות געפינען זיך בעיקר אין שו"ת חת"ס חושן משפט פון סי' י"ח ביז תשובה כ"ג, ווי אויך אין שפּעטערדיגע געדרוקטע תשובות און בריוו.

ער פלעגט אויפפאָדערן יעדע קהילה, יעדע שטאָט און שטעטל, אויפצונעמען אַן ערליכן רב. אין איין תשובה אסר'ט ער צו וואוינען אין אַ שטאָט וואו עס איז נישטאָ קיין רב.

"אמרו חכמינו ז"ל אסור לדור במקום שאין בו רופא. והדבר כולל רופא גוף ונפש.... וע"ד רופא הנפש בעוה"ר פשתה המספחת הזאת שלא לקבל רב ומורה... כל מקום שיש מנהיג ומושל בשבט התורה רואה לגדור האפשרי. אבל במקום שאין רב יושב על כסא עולה הפרוץ אחד לאחד, והחוצפה תסגי. ואפילו אם לומדי העיר ומנהיגיה צדיקים מכל מקום אין נביא בעירו. ועוד, דבר אחד לדור... ובפרט הישיבות מתמעטות בעו"ה. ועי"ז בקהלתכם היה מקום להרבצת תורה ונתבטלה, ע"י שאין שם רב, טוב בעיניכם לקבלו. ביטול התורה תלוי במעכבים, והם למדו בני העיר והיא עיר פרוצה אין חומה. אין לה מורה-הוראה אפילו לביעא בכותחא, ועל ידי אלה והדומה להם חוששני שתתבטל קבלת הרב מכלל ישראל באורך הימים, ומפירי תורה ירימו יד ח"ו" (תשובות חת"ס, לאָנדאָן, סי' י"ט).

אַ געוויסע קהילה האָט זיך באַקלאָגט צו אים אויף זייער נייי אויפגענומענעם רב, וועלכער איז נישט לויט זייער געשמאַק. שרייבט זיי דער חתם סופר אין אַ תשובה אַז דאָס איז אַן עונש דערויף וואָס זיי האָבן זיך געקריגט מיט זייער פריערדיגן רב:

"זה המעשה של עכשיו, שנלכדתם עם רב זה, הוא מטה-זעמו של הקב"ה, לפרוע מכם מה שעשיתם להרב מו"ה ישראל אב"ד דסאָבאָטי. אתם מאסתם מי-שלוח ההולכים לאט, אז עמדתי בכל כחי לימין האמת והצדק בכל האפשר, וגם עתה אעמוד לימין הצדק והיושר, יהיה מי שיהיה. לא אשא פנים לא לתורה ולא לעושר כי אם לאושר וצדק". (תשובות חו"מ סי' כ').

פונקט ווי ער פאָדערט אויף קהלות נוהג כבוד צו זיין אין זייערע רבנים איז ער אויך מדריך רבנים וויאַזוי זיך צו באַציען און נוהג כבוד צו זיין אין זייערע קהלות. אין דער זעלבער תשובה אין חו"מ סי' כ' שרייבט ער צו אַ רב:

"דרכו למלוך בחזקה, ובגאוה ובגודל לב. וכן ראיתי מכתבו לק"ק יינק זה שנתיים 'ביד חזקה אמלוך עליכם, כ"ד רבכם'. אין זה מידת צדיק וחכם. וכי לא למד עצת זקני שלמה? עיין סוף מגילה "סתירת זקנים בנין" עי"ש. א"כ היום תהיה לעבד לעם הזה וכו'. ולא בכח יגבר איש. ותלמידי מרע"ה צריכים להיות ענווים ושפלי רוח ואז יגביהם השם. וכל המגביה עצמו הקב"ה משפילו. וטוב היה לו אם היה מתחיל עמהם ע"ד הפשר ההוא, אולי

ייכנעו וישמעו. ובוודאי אם יודה ויקבל דברי אשר אומר לשם ה' אז אעמוד על ימינו בעזהי"ת בכל מאמצי כחי, אך לא בחיל ולא בכח".

דער רב האָט צוריקגעשריבן צום חתם סופר אַז ער האָט חרטה אויף זיין התנהגות און אַז אויב האָט ער פוגע געווען בכבודו פון חתם סופר בעט ער מחילה.

ענטפערט אים דער חתם סופר: "חלילה וחלילה, מעולם הוא לא פגע בכבודי ח"ו, אדרבה מעולם נהג בי ביותרת הכבוד, הן בבחרותו בהיותו מופלא בתורה וכו', אך אם כוונתו שעשה נגד רצוני בהנהגתו במדות, שאין רצוני נוחה מהן, בודאי עשה ועשה וכו', וכשם שקשה עונשן של מדות מעונשן של עריות, כך גדול שכרן של מדות טובות, משכרן של אריות בתורה".

די תשובה גיט אונז אַ שטיקל אַריינבליק אינם גדלות פונעם הייליגן חתם סופר. פון איין זייט האָט ער געגעבן דעם רב אַ פּאַרציע מוסר פּאַר זיין שטייפע באַנעמונג כלפי זיין קהילה אָבער וויבאַלד ער האָט אויסגעדריקט חרטה איז אין זעלבן סימן כ' אין חו"מ אויך געדרוקט אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו די דיינים און ראשי הקהל פון דער שטאָט אין וועלכן ער איז מלמד זכות אויפ'ן רב. זיין התנהגות, שרייבט זיי דער חתם סופר, האָט זיך גענומען פון זיין אָרעמקייט און פון זיין שווערע שטוב. יעצט איז ער אָבער מלא חרטה. דער חתם סופר בעט די דיינים און ראשי הקהל אים חלילה נישט צו באַזייטיגן און נישט ווי טון: "הנה הוא נקי וטהור ותלמיד חכם, וזקני העיר יהיו עמו בכל עצה ותושיה.. ראוי שלא לביישו ולחוס על כבודו ועל כבוד תורתו וכבוד רבו הגאון נ"י. ואם לא תשמעו ממש אין ראוי ששום רב אחר ימלא מקומו. ובלבד שיהי' חרטתו שלמה וישכיל דרכו וכאשר אאמין באמת, וכל דבר הנעשה לש"ש ה' עוזר ומושיע ולא תצא ממנה תקלה לפוקה ומכשול".

## הגאון רבי מאיר אַלמאַש און די מחלוקה אין מאַטערסדאָרף

נישטאָ נאָך אַ גדול בישראל איבער וועמען עס איז אַזויפיל געשריבן געוואָרן, – און ווערט נאָך אַלץ געשריבן, – ווי דער הייליגער חתם סופר. דאָס איז דערפאַר ווייל אין די פריערדיגע דורות, פאַר'ן חתם סופר, האָט מען בכלל נישט געשריבן ביאָגראַפיעס פון גדולים. אין די צייטן פון חתם סופר ווען מען האָט צוביסליך אָנגעהויבן שרייבן פון גדולי ישראל האָט דער חתם סופר געהאַט קינדער און אייניקלעך וועלכע האָבן געשריבן וועגן אים און אַלע זענען געווען באַגאַבטע שרייבער. דער חתם סופר האָט אויך געהאַט אַ גרויסע צאָל תלמידים וואָס זענען געווען טאַלאַנטפולע שרייבער און האָבן באַשריבן זייער גרויסן רבי'ן.

דער לעצטער פון זיינע תלמידים וואָס האָט געשריבן ביאָגראַפישע זכרונות פון חתם סופר האָט געהייסן רבי יעקב הלוי הירש, בעל מחבר ספר "מור דרור". ער האָט זיך אויך גערופן יעקב הירש הלוי יעבץ, צוליב די ראשי תיבות יעקב בן צבי (ווי דער יעב"ץ, דער עמדין, בשעתו, וועלכער האָט אויך געהייסן יעקב בן צבי). ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט דורכגעפירט אַ געזעץ אַז יעדער מוז האָבן אַ משפחה נאָמען האָט ער גענומען דעם פאַמיליע נאָמען הירש, וואָס איז געווען דער נאָמען פון זיין טאַטן, צבי. פונקט ווי רבי שמשון רפאל הירש'ס טאַטע, רבי רפאל, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן הירש, נאָך דעם נאָמען פון זיין פאָטער רבי הערש.

רבי יעקב הלוי הירש איז געבוירן אין מאַטערסדאָרף אין שנת תקע"ה. אַלס יונגל איז ער געווען אַ תלמיד פון דעם דיין פון דער שטאָט מאַטערסדאָרף הגאון רבי אליעזר ליפשיץ. ווען ער איז געוואָרן בר מצוה איז ער געפאָרן לערנען קיין פרעשבורג וואו ער איז געוואָרן אַ תלמיד פון חתם סופר. מיר וועלן ציטירן פון זיינע ווערטער וויאַזוי ער אַליין שילדערט דאָס:

"בהיותי בן שלש עשרה שנה למצות לנצור תאנה, היו רגלי מוליכות אותי לבית המדרש גדול ונורא של שר בית הזוהר שר התורה הוא רבן של ישראל רבינו משה זצוק"ל, מנורה הטהורה, אשר מנוחתו כבוד בקהל פ"ב המעטירה. ויתנני ה' לחן ולחסד בעיניו, ויורני ויאמר לי: 'יסמוך דברי ללבך וייטב לך באחריתך'. מה תשתוחחי נפשי ותהמי עלי, בהעלותי על לבי זכרונו הטוב, ועוד דברי נחומים ישעשעוני, כי הוא היה כאב רחמן לתלמידים, לדבר על לבם לנחמם מקשה יומם".

אין שנת תקפ"ט איז נפטר געוואָרן הגאון רבי שמחה בונם איגר, דער ברודער פון רבי עקיבא איגר, וועלכער איז געווען רב אין מאַטערסדאָרף נאָכ'ן חתם סופר. צוויי יאָר איז מאַטערסדאָרף געבליבן אָן אַ רב.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, ערב ראש השנה פון שנת תקצ"א, איז פונקט דורכגעפאָרן די שטאָט מאַטערסדאָרף הגאון רבי מאיר אַלמאַש וועלכער איז פאַר דעם געווען רב אין בוקאַרעשט. הגאון רבי מאיר, וועלכער האָט געהייסן רבי מאיר פּאָפּער, איז געווען באַקאַנט אַלס רבי מאיר אַלמאַש צוליב דעם וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אַ ישיבה אין אַלמאַש, אַ שטעטל נעבן דעברעצין אין אונגאַרן.

אין שו"ת חת"ס החדשות סי' נ, איז פאַראַן אַ תשובה וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן וועגן אים אין שנת תקפ"ד ווען ער איז נאָך געווען רב אין בוקאַרעשט. שרייבט דער חתם סופר: "הגיעני מכתב מהרב הגדול החריף המופלג כבוד מו"ה מאיר אַלמאַש נ"י, אשר ידעתיו מאז, פנים אל פנים דברתי עמו וגם החלפתי עמו אגרות בכמה תשובות וענינים, וידעתי כי רב גובריה, וכבר הייתי בעוזריו בהיותו רב בכמה קהלות".

מאַטערסדאָרף איז דאַן געווען אַן עיר מלאה חכמים וסופרים, אַ שטאָט פון גרויסע תלמידי חכמים און למדנים. ראש השנה איז רבי מאיר אַלמאַש איינגעשטאַנען ביי איינעם פון די נכבדי הקהילה, ר' מאיר דייטש (ר' מאיר קראָסיל) וועלכער איז אַליין געווען אַ גאון וצדיק. ראש השנה איז דאַן אויסגעפאַלן דאָנערשטאָג און פרייטאָג. רבי מאיר אַלמאַש איז געווען באַקאַנט מיט זיין גרויס חריפות און אויך מיט זיין קדושה און עבודת השם. האָט ר' מאיר דייטש באַמערקט ווי במשך פון די צוויי נעכט ראש השנה און דאַן פרייטאָג צונאַכטס איז רבי מאיר אַלמאַש גאַנצע נעכט געזעסן און געלערנט און די ליכט וואָס וואָלטן געדאַרפט סטייען בלויז אויף איין נאַכט האָבן בדרך נס זיך נישט פאַרלאָשן במשך פון דריי טעג און נעכט.

די מעשה איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט וואו אַלע האָבן געזען אַז ער איז אַ געטליכער מענטש.

אַזויווי די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין רב האָט מען דעם קומענדיגן שבת אים מכבד געווען צו האַלטן די שבת שובה דרשה. די גרעסטע לומדים פון דער שטאָט זענען נבהל ונשתומם געוואָרן פון זיין געוואַלדיגע חריפות און בקיאות.

מוצאי שבת איז פאַררופן געוואָרן אַן אסיפה וואו אַלע איינוואוינער און בני הקהילה האָבן איינשטימיג באַשלאָסן אים אויפצונעמען אַלס רב. אָן דעם וואָס מען זאָל זיך האָבן נאָכגעפרעגט אויף זיין מהות און כאַראַקטער האָבן אַלע אויסגעשריגן יחי אדונינו מורינו ורבינו.

ערב סוכות האָט מען אים איבערגעגעבן דעם כתב רבנות און ער איז געוואָרן מאַטערסדאָרפער רב.

אָבער פונקט אַזוי שנעל ווי מען האָט אים אויפגענומען האָט פונקט אַזוי גיך אויסגעוועפט די הערצה כלפי אים.

דער רב איז געווען אַן אויסערגעוויינליך שאַרפער מח, אַ שטייגער

ווי דער שאגת ארי' פאַר אים און דער ראָגאַטשאָווער נאָך אים. צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ זעלטן שאַרפע שפּראַך. אַלע וואָס האָבן נישט געגרייכט צו זיין הויכער מדריגה פון חריפות און בקיאות – און דאָס איז געווען יעדער – האָט ער אגב חורפיה אַוועקגעמאַכט, מבטל געווען און געמאַכט פון זיי אַש און פּאָרעך. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש פאַר הומאָר. די גרעסטע תלמידי חכמים פון דער שטאָט האָט ער אָפּגע'חוזק'ט אויב זיי האָבן נאָר געוואַגט זיך מתווכח צו זיין מיט אים.

אַמאָל אינמיטן אַ דרשה אין שול האָט ער אַרויפגעשריגן צו דער עזרת נשים: "ווייבער, פאַרשעלט נישט ענקערע קינדער!". צו אַלעמענ'ס איבערראַשונג האָט ער געזאָגט צום עולם: "די ווייבער מיינען אַז איר זייט ווער-ווייסט-וואָס-פאַראַ תלמידי חכמים. ווינטשן זיי זיך ווינציגסטן אַזעלכע תלמידי חכמים ווי איר. אייערע פלפולים זענען דאָך אָבער הוילע עמי הארצות".

די תלמידי חכמים און למדנים פון דער שטאָט זענען נישט געבליבן שולדיג, והעברה ללהב יצאה. יעדע שאלה וואָס ער האָט גע'פסק'עט האָבן זיי גע'פסק'עט פאַרקערט. אויף יעדן פסק האָבן זיי געפונען ראיות אַז דאָס איז נגד ההלכה.

טראָץ זיין אומגעוויינליכע שאַרפקייט אין זיינע באַציאונגען צו מענטשן איז ער אָבער געווען אַ גאון הגאונים, אַ צדיק נשגב און אַן איש קדוש.

טייל פון די וואָס האָבן אים געטשעפּעט האָבן תיכף זיך אָפּגעבריט. צו דער גרעסטער איראָניע האָבן אַסאַך פון די בעלי בתים צוליב דעם אַליין געפּאָדערט אים צו באַזייטיגן.

אַזוי ווי ער איז שטענדיג געווען אַריינגעטאָן אין לערנען האָט ער נישט געשענקט די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיין חיצוניות'דיגן לבוש, אַ זאַך וואָס האָט נישט געהאַט קיין פּרעצעדענט און האָט נישט אַריינגעפּאַסט אין אַ שטאָט וואו דער חתם סופר און נאָך אים רבי בונם איגר זענען געווען רבנים.

רבי יעקב הלוי הירש, וועלכער איז געווען אַ מאַטערסדאָרפער געבוירענער און האָט דאַן שוין געלערנט אין פּרעשבורג, שרייבט וועגן אים:

"מרן הגאון מוה"מ אַלמאַש זצ"ל.. היה גאון מפורסם כמעט בכל המדינות, כי היה חריף ובקי, חרוץ ועמקן, כמעט באין דומה לו.... ומלאה הארץ מגודל חריפותו ועמקותו עד שלא ירדו חביריו לסוף דעתו. בכל זאת, ורק עבור כל זאת, לא היה מוצלח למנהיג ומורה.... בקהל כקהלתנו מאַטערסדאָרף, אשר היו בה גאוני ארץ מעולם, והאחרון הכביד, רבינו מאור הגולה, בעל חתם סופר זצוק"ל, ומי יבוא אחר המלך, מלכי רבנן כמותו, להנהיג צאן קדשים, והוא אמר, כי הלכות רבנות נלמד רק במאַטערסדאָרף".

די דיינים און ראשי קהילה פון מאַטערסדאָרף האָבן זיך געווענדעט צום חתם סופר. זיי האָבן געשריבן בריוו אין וועלכע זיי האָבן מערער געוויזן אויף די פסקים פון זייער רב הגאון רבי מאיר אַלמאַש. דער חתם סופר האָט זיך אָבער נישט געוואָלט מישן אין דער מחלוקה, אפילו נישט אין אַ שטאָט וואו ער איז געהאַט געווען רב. קודם האָט ער נישט רעאַגירט צו די בריוו. ווען די בריוו פון די לומדים און דיינים אין מאַטערסדאָרף זענען געוואָרן אַלץ מער אַלאַרמירנדיג האָט דער חתם סופר געבעטן זיין תלמיד רבי יעקב הלוי הירש ער זאָל זיין דער וואָס זאָל ענטפערן אין זיין נאָמען צו די דיינים אין מאַטערסדאָרף.


בריוו פון רבי יעקב הלוי הירש, בעל "מור דרור", תלמיד פון חתם סופר און שרייבער פון זיינע תולדות

רבי יעקב הלוי הירש איז דאָך געווען אַ מאַטערסדאָרפער און דערצו איז ער געווען אַן איידעם ביי ר' גבריאל טרעביטש, וועלכער איז געווען דער ראש הקהל אין מאַטערסדאָרף. רבי יעקב הלוי איז ווי מיר האָבן פריער געשריבן געהאַט געווען אַ תלמיד איידער, ער איז געפאָרן קיין פּרעשבורג, פון הגאון רבי אליעזר ליפשיץ, דער מאַטערסדאָרפער דיין, וועלכער איז געווען פון די הויפט מתנגדים צו רבי מאיר אַלמאַש. אָט איז דער אָריגינעלער לשון פון רבי יעקב הלוי הירש וויאַזוי ער באַשרייבט דאָס:

"בעת ההיא נתהוו דברי ריבות בעיר מולדתי ק"ק מאַטערסדאָרף יע"א בין הרב הגאון מהר"ם אַלמאַש שהיה אב"ד דקהלתנו אז, ובין אלופי לומדי תורה דשם, אשר עמד בראשם אלוף נעורי מורי הזקן הרב הגאון צדיק ונשגב מו"ה אליעזר ליפשיץ זצ"ל. והייתי אני הממוצע בינם ובין אמוה"ג החתם סופר זצ"ל, אשר שם דבריו בפי להשיב שואלי' דבר, כי לא רצה להכניס עצמו בדברי ריבות בקהלה אחרת, אף שהיה שם מקום כבודו טרם בואו לקהל פ"ב, בכל זאת לא רצה לשפוט ולהכריע, או אף להשיב על דברי ריב אשר כתבו לו הרבנים דיינים מופלגים דשם. כי אם צוה עלי לכתוב לאדוני חמי אשר היה אז ראש הקהל דקהלתנו, ולהוכיחו על פניו לאמור: 'אם כנים דברי הלומדים והדיינים, ואם האמת אתם בדבריהם אשר עוררו על רבם, מדוע נחבא הוא אל הכלים ויעמוד מרחוק כאיש אשר לא שומע, ואם היה יודע שהאמת אתם בדברים אשר כתבו לו אלופי לומדי תורה, היה מוכרח לכתוב לקהילתנו, שלא יבוא עוד שאלה בדיני איסור והיתר לפני הרב'. ואני עשיתי כאשר נצטויתי מפיו, ומכתבי אשר כתבתי אז במוסר השכל לאדוני חמי הראיתי לו, ובפי' קרא מכתבי מתחילתו עד סופו".

ווען הגאון רבי מאיר אַלמאַש האָט זיך דערוואוסט פון דעם בריוו וואָס רבי יעקב הלוי הירש האָט געשריבן צו זיין שווער איז ער געקומען צו פאָרן צום חתם סופר קיין פּרעשבורג. שרייבט ווייטער רבי יעקב הירש:

"כבא מכתבי לקהלתי, וכשמוע הרב הגאון דשם את הדבר הזה אשר יצא מפי המלך אמוהג"א זצ"ל, שם לדרך פעמיו, ובא בכבודו בעצמו לק"ק פ"ב לבקר בהיכל קדשו של אמוה"ג זצ"ל, אשר דיבר אתו שם ארוכות וקצרות. ויצא בדינו זכאי. כי נתן מכתב עוז בידו, לבלתי ירים איש עוד את קולו נגדו! לא ראיתי כמוהו לטובה מימי. במעמד ההיא הרגיש אמוה"ג זצ"ל כי הרב מהר"ם אַלמאַש זצ"ל כבש פניו נגדי ולא הסביר לי פנים, ושאל לו רבינו מדוע ככה הוא עושה לי. וכאשר ענה כי אני הוא הכותב כתבי עמל נגדו לקהלתי, הוכיחו במתק שפתיו להצדיקני בדיני, ולא נח ולא שקט עד השלימו אתי טרם נסעו משם לקהילתי, ובזה שקטה אז המריבה בקהלתנו".

נאָכ'ן אויסהערן דעם גאון וצדיק רבי מאיר אַלמאַש האָט דער חתם סופר געזען אַז די אַלע בריוו קעגן זיינע פסקים וואָס ער האָט געהאַט געקראָגן פון די לומדים אין מאַטערסדאָרף זענען פאַלשע לשון הרע ודברי שקר. דער חתם סופר האָט זיך פולשטענדיג געשטעלט אויף זיין זייט און האָט געוואָרנט די מאַטערסדאָרפער קהלה איינגאַנצן זיך

אונטערצואוואַרפן צו אים.

צו דער קהילה אין מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר געשריבן: "אהובי אחי, נלאתי נשוא וכלכל בלבי צער של ת"ח וצער הציבור על מגן ועל לא דבר. הלא מלתי כבר כמה פעמים אמורה בשפה ברורה כי הרב אב"ד שלכם הוא מופלג ומפורסם ורוב או כל ההוראות שבאו לפני באגרת בקורת צדקו יחדיו ואין להרהר. ואמנם הר"ר לוי שי' מוכ"ז אמר לי שהעבירו קול במחנה העברים שכתבתי בחהמ"ס גם לצד שכנגדו הרב המראה בהיפוך, חלילה וחלילה. ואם יודע מי שאמר דבר שאינו על שמי ראוי לנזיפה. אלא שאין רצוני לעורר עוד מחלוקת ולהבעיר גחלים עמומות, כי חשבתי די במה שכתבתי כבר, שהאומר שמאכיל טריפות יסכרו פי דוברי שקרים ומטילים מום בקדשים. אך לעומת זה גם בני הקהלה והגאב"ד יתנו מקום לשלום, ולמה תחריבו קהלה קדושה ויהיה לבז ולשמצה אשר כל השומע תצלנה אזניו. איה חכמתכם ואיה בינתכם. ע"כ אקוה שתשקוט האש במקומו בעניני הוראה וכו' וכו'. משה הק' סופר מפפ"ד".

ווי רבי יעקב הלוי הירש שרייבט האָט דער חתם סופר טאַקע באַוויזן איינצושטעלן אַ שלום.

וואָס שייך רבי יעקב הלוי האָט רבי מאיר אַלמאַש ריכטיג פאַרשטאַנען: רבי יעקב הלוי הירש האָט נוטה געווען און אפילו באַלאַנגט צום קעגנערישן צד צו אים. די סיבה איז געווען פשוט: ער איז געווען אַ תלמיד פון זיין הויפט קעגנער, דער דיין רבי אליעזר ליפשיץ. שרייבט רבי יעקב הירש ווייטער:

"ואני אשר מאוד מאוד נדכאתי ונחליתי על צער של מו"ר הזקן, הרב מו"ה אליעזר ליפשיץ זצ"ל, לא יכולתי להתאפק אחר אשר נסע לעירנו. ובאתי עוד הפעם לפני אמוהג"א זצ"ל, והעזתי פני לאמור לו, כי הדבר מני נפלא ומכוסה, איך יצא הדבר בצדק, כי אני ידעתי את רבי מורי מו"ה אליעזר ליפשיץ ואת צדקתו וישרותו, וכנים דבריו. והשם הוא היודע כי לא משנאתי ורוע לב נגד הרב שלנו דברתי זאת, כי אם הצקתני רוחי ובטני, ומאוד נצטערתי באמור אל לבי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את רבי הזקן זה בקהלתי. ואיך ישא פניו. ודי בזיון וקצף אשר ימציאו אותו מאוהבי הרב, אשר באמת כן נמצא וכן היה. את כל זה נתתי אל לבי. אשר על כן נשאתי נפשי בכפי והעזתי מצחי ברבי, מבלי נתון אל לבי לפני מי אני עומד, כי מלאך ה' צבי' הוא, ורק ענוותנותו הרבני, להרהיב בנפשי עוז לדבר כדברים האלה. אמנם אחר אשר דיברתי נחמתי. ומאוד נבהלתי על דברי אשר דברתי. והוא בחכמתו השיבני והסיעני לדבר אחר. ומיד הכרתי בו כי לא ישרו דברי בעיניו. והלכתי לביתי בפנים זועפות ולב נשבר. ופני לא היו לי עוד".

רבי יעקב הלוי הירש האָט זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון פרעגן דעם חתם סופר פאַרוואָס ער האָט געגעבן פולשטענדיג גערעכט פאַר'ן רב רבי מאיר אַלמאַש און נישט פאַר זיין רבי'ן דער דיין רבי אליעזר ליפשיץ. דער חתם סופר האָט אים נישט געענטפערט און פאַרקירעוועט דעם שמועס צו עפּעס אַנדערש. רבי יעקב הלוי הירש האָט גלייך געכאַפּט אַז ער איז דאָ באַגאַנגען אַ געפערליכן טעות צו וואַגן פרעגן אַזאַ שאלה פון חתם סופר "מבלי נתון אל לבי לפני מי אני עומד כי מלאך ה' צב' הוא". ער האָט באַלד חרטה געהאַט פאַר'ן האָבן די חוצפה דאָס צו פרעגן "אמנם אחר אשר דברתי ניחמתי, ומאוד נבהלתי על דברי".

רבי יעקב הירש שרייבט ווייטער אַז כאָטש דער חתם סופר האָט אים גאָרנישט געזאָגט האָט ער באַמערקט אַז "ראיתי כי איננו אתי כתמול שלשום".

ווען האָט ער זיך דאָס הונדערט פּראָצענט איבערצייגט? דאָס קומענדיגע מאָל ווען ער איז געקומען צום חתם סופר. דער חתם סופר האָט מער נישט גערעדט צו אים בלשון נוכח, דו, ווי ער פלעגט רעדן צו זיינע תלמידים, נאָר האָט אים געזאָגט "איר", בלשון נסתר.

"ויהי היום אחר שיעור של בין הערבים ואחר תפילת הערב, עליתי למקום גבוה, ואבוא החדרה, אחר אשר המלך ישב על כסאו ושואלים מלאים את ההיכל. ובבואי שמה נאלמתי דומיה ועמדתי מרחוק כאבן דומם, עד אשר נשא עיניו ויראני, ויאמר וישאלני לאמר, מה יבקש ומה בואי אלי. כשמעי דברים אלה, התמרמרו מעי ולבי כדונג נמס. כי עתה ראיתי כי לא טעיתי באשר דמיתי אשר חטאתי ועויתי. כי לא רגיל בלשונו לדבר לי כאלה, אשר החליף הנוכח בנסתר לתוארני. ולא יכולתי להשיב דבר. ואתן את קולי בבכי, עד אשר חזקני בדבריו הנעימים. והתחיל לדבר על לבי לאמר מה לך ומה בקשתך. ואז עניתי ואמרתי, רבי כועס עלי ואנכי לא ידעתי.... ואמר: 'למה התרפית וצר כחך, וחזקת והיית לאיש, ומה תשתוחחי נפשך מאוד, וצעיר אתה לימים. לא עליך להבין את כל אשר נעשה, ובי"ה לא יצא עוד תקלה מתחת ידי, וגם הדבר הזה אך לטובה יהיה. ומעתה היה שמח וטוב לב, ולא תעשה, כי אם במקומך שב. ואקוד ואשתחוה ויצאתי'".

טראָץ דעם שלום אין מאַטערסדאָרף איז עס געווען אַ געשפּאַנטער פרידן. דער כתב רבנות וואָס מאַטערסדאָרף האָט אים געהאַט געגעבן איז געווען אַ צען יעריגער קאָנסוס. דער רב האָט אָבער געהאַט די פּריווילעגיע עס צו באַנייען. נאָך צען יאָר האָט רבי מאיר אַלמאַש פּרייוויליג אויפגעגעבן דאָס רבנות. די קהילה האָט אים געצאָלט הויכע פאַרגיטיגונגס פאַר'ן אָפּטרעטן. סוף ימיו האָט ער געוואוינט ביי זיין איידעם דער "מנוחת אשר" אין טשענגער.

י"ג כסליו שנת תר"ב איז רבי מאיר אַלמאַש זצ"ל נפטר געוואָרן אין וויען, ושם מנוחתו כבוד.

דער חתם סופר האָט זיך אָנגענומען פאַר'ן כבוד פון הגה"צ רבי מאיר אַלמאַש און פאַרלאָשן דאָס פייער פון מחלוקת אין מאַטערסדאָרף. די שטאָט מאַטערסדאָרף האָט אים אין רעטראָספּעקט צוריק באַצאָלט. דאָס כיסא הרבנות פון מאַטערסדאָרף, וואָס האָט אַמאָל באַלאַנגט צו אים, איז נאָך רבי מאיר אַלמאַש צוריק צום חתם סופר'ס קינדער און אייניקלעך דור אחר דור ביז צום לעצטן חורבן, – און עד היום טראָגן זיינע אייניקלעך דעם נאָמען מאַטערסדאָרף.

אין שנת תר"ד האָט מאַטערסדאָרף אויפגענומען אַלס רב דעם זון פון חתם סופר, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין קראָלע וואו ער איז געווען אַן איידעם. במשך פון 18 יאָר איז רבי שמעון סופר געווען רב אין מאַטערסדאָרף ביז ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער עיר ואם בישראל קראָקע, אין פוילן.

ווען רבי שמעון סופר איז געפאָרן קיין קראָקע איז מאַטערסדאָרף פאַר פילע יאָרן געבליבן אָן אַ רב. אין תרל"ז האָט מאַטערסדאָרף אויפגענומען פאַר רב דעם חתם סופר'ס אייניקל הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ"ל, דער בעל חתן סופר.

נאָך דער הסתלקות פון חתן סופר אין שנת תרמ"ג איז זיין זון הגאון רבי שמחה בונם עהרנפעלד זצ"ל אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין מאַטערסדאָרף און ווען ער איז נפטר געוואָרן אין שנת תרפ"ו איז זיין זון הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ"ל אויפגענומען געוואָרן אַלס מאַטערסדאָרפער רב ביז ער האָט זיך געראַטעוועט האַרט פאַר דער מלחמה קיין אַמעריקע וואו ער איז געווען מזקני שארית הפליטה.

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

מ׳

# דער הייליגער חתם סופר



**געשיכטע פונעם אידישן ישוב אין אונגאַרן – אַנטוויקלונג פון די קהלות אין די קליינע שטעט – דער חתם סופר איז זיך מתאונן אויף דעם מצב אין די ערשטע יאָרן און אויף דעם אופן פון אויפנעמען רבנים – דאָס רבנות אין קאַרלסבורג, זיבענבערגן – דער חרם צווישן די ספרדים און דער קאָנטראָווערסיאַלער רב ר' מנחם מענדל – דער מראה יחזקאל פון דעעש פון די קאַנדידאַטן וואָס דער חתם סופר איז מציע**

[פאָרזעצונג פון פריער]

דער אידישער ישוב אין אונגאַרן, ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין איינעם פון די פריערדיגע קאַפּיטלען, איז געווען פאַרהעלטעניסמעסיג ניי. אידן האָבן טאַקע געוואוינט אין געציילטע שטעט אין אונגאַרן שוין אין די צייטן פון די ראשונים – רבי אליעזר מביהם, אַ תלמיד פון רבינו תם, אין אַ בריוו צו רבי יהודה החסיד, דערמאַנט דעם אידישן ישוב אין אונגאַרן. רבי יצחק אור זרוע האָט מיט 800 יאָר צוריק באַזוכט בודאַן, די שפּעטערדיגע בודאַפּעסט. רבי אייזיק דער בעל המנהגים האָט געוואוינט אין טירנוי, אין מערב אונגאַרן. פּרעשבורגער אידן ווערן אויך דערמאַנט אין שו"ת הרמ"א און מהרש"ל. – דער אידישער ישוב איז אָבער געווען באַגרעניצט אין צאָל און אין געאָגראַפיע. ער איז בעיקר געווען קאָנצענטרירט אין מערב אונגאַרן, וואָס האָט שפּעטער געהייסן אויבערלאַנד. אין מזרח, די שפּעטערדיגע אונטערלאַנד, האָבן אידן בכלל נישט געוואוינט. אָבער אפילו דער ישוב אין אויבערלאַנד איז געווען גאָר קליין אין צאָל.

אין שנת רמ"ב האָבן אין גאַנץ אונגאַרן געוואוינט נישט מער ווי 800 אידן. מיט 44 יאָר שפּעטער, אין שנת רפ"ו, האָבן די טערקן, די אָטאָמאַנער אימפּעריע, איינגענומען אונגאַרן. דער אשכנזי'שער אידישער ישוב איז דאַן אינגאַנצן חרוב געוואָרן. בלויז אין אויבערלאַנד, אין מערב אונגאַרן, וואָס די טערקן האָבן נישט איינגענומען, זענען פאַרבליבן געציילטע אידישע קהלות, ווי פּרעשבורג, אייזענשטאַט און נאָך.

אין שנת תמ"ו איז אונגאַרן באַפרייט געוואָרן פון די טערקן דורך די עסטרייכער האַבסבורג-דינאַסטיע. אונגאַרן איז געוואָרן טייל פון עסטרייך-אונגאַרן.

בימיו פון חתם סופר, האָבן שונאי ישראל הערשער פון שכנות'דיגן בעהמען און מעהרן (טשעכיי) דורכגעפירט אַ געזעץ וואָס האָט געלויטעט, אַז בלויז דאָס עלטסטע קינד פון יעדע אידישע פאַמיליע איז ערלויבט צו הייראַטן. האָט אַ גרויסע צאָל אידן פון יענע לענדער גענומען איינוואַנדערן קיין מערב אונגאַרן, קיין אויבערלאַנד.

גלייכצייטיג האָט זיך פאַרערגערט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מצב אין פּוילן און גאַליציע אין דער צייט וואָס די עקאָנאָמיע אין אונגאַרן איז געוואָרן אַלץ בעסער און שטאַרקער. האָבן אידן פון פּוילן און גאַליציע גענומען עמיגרירן קיין מזרח אונגאַרן, קיין אונטערלאַנד.

צופיל בני תורה האָבן אַ דור פאַר'ן חתם סופר זיך נישט געפונען אין די נייע ישובים אין אונגאַרן. אין דער צייט וואָס אין עטוואָס גרעסערע שטעט אין אונגאַרן האָבן זיך שוין געפונען רבנים גדולי ישראל האָבן די איינוואוינער פון טייל קליינע שטעט און דערפער אויפגענומען רבנים מכל הבא ליד.

דער חתם סופר שרייבט אין אַ תשובה: "רע ומר עלי המעשה של האנשים ההמה, המחזיקים בכל עובר ושב, להלבישו איצטלא דמילתא, מבלי משים אם הוא ראוי לכך, אם הגיע להוראה אם לאו, ואם מעשיו גרמו לו לישב על כסא הרבנות, ולנהל עם השם, והמכשלה גדולה בעו"ה במדינה זו, המשובשת בגייסות. ויש כמה ישובים שהם בני בלי תורה. היתכן, שיעשו עטרת הרבנות לכל מוצאיה, מבלי שישאלו רב מופלג אחד בקהלה מפוארה, אם הוא יודע את האיש ואת שיחו. ומהראוי שהקהלות יפנו לרב מופלא אחר לאמור: שלח לנו אחד להורות לנו דרכי השם, ומה

להם לבטוח בדרשנים המסתובבים בעיירות, והמה דורשי-דמים".

"ואם יש להם מכתבים שונים מרבנים אין לסמוך עליהם, כי הרבנים לא ניסו אותם אם ראוים להוראה או לא. וכמה מכשולים באים מזה. כי רובם אינם בני יראה, והרבה מהם אינם בני תורה, והם מסדרים גיטין וחליצה, ומי אדון להם? על אלה ראוי היה להטיל גודה רבה ושמתא, שלא ירים איש ידו להורות ולהשתכר ברבנות עד עמדו לפני עדה בקהלה מפוארת שבמדינה, והעדה הקדושה והרב המה יתנו עדיהם, ויצדיקו הצדיק, ומסתמא לא יסמכו מסמרטומין כי אם איש בדוק וכשר וירא ה' הניכר לבני מדינתנו".
(שו"ת חת"ס חיו"ד סי' רכו).

אין איינעם פון זיינע דרשות שילדערט דער חתם סופר דעם געפאַלענעם רוחניות'דיגן מצב אין טייל פון די קהלות. אידן זענען אַ גאַנצע וואָך אַרומגעפאָרן פעדלען צווישן די גויים און שבת האָבן זיי אַנשטאַט קובע זיין שיעורי תורה פאַרברענגט די צייט מיט עסן, טרינקען און שפּאַצירן:

"בימים קדושים, שבתות וימים טובים וכדומה אוכלים ושותים ושמחים, בשמחת בטנם המלאה, והולכים לטייל בשווקים וברחובות, בחורים גם בתולות, ויבוא גם השטן בתוכם, כאשר הזהרתי אתכם כבר, והוכרז אמש בבית הכנסת, לבל יישמע עוד כן משום איש ישראל, ענוש ייענשו הוא ומחזיקיו. שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו ביום השבת. וכי לא די לנו צרה בשעתה להיות נע-ונד כל ימי השבוע בין שונאינו, לבקש לנו לחם מעט ואגורת כסף אחת, כי אם גם ביום השבת לא תמצא נפשנו מנוח מעט מעייפותה? לעיין בחומש בלשון אשכנז, או בשאר ספרים, או להעיר אוזן לשמוע לימודים מלומדיהם. האם על כל אלה לא יפקוד השם ויחיש עת פדיון". (דרשות חת"ס ח"ג, דרשה לז' אב).

אויף עטליכע ערטער און אין עטליכע בריוו באַקלאָגט זיך דער חתם סופר דערויף וואָס אין געוויסע שטעטלעך ווערן אויפגענומען אַלס רבנים מענטשן וואָס זענען ווילד פרעמד פאַר די אָרטיגע תושבים, אפילו רייזנדער וואָס קומען צו פאָרן פון אַנדערע מדינות וואָס קיינער האָט זיי פריער נישט געקענט. פאַרוואָס, פרעגט דער חתם סופר, נעמט מען נישט אויף יונגע תלמידי חכמים, תלמידים פון די אָרטיגע אונגאַרישע ישיבות, – ווי דאָס איז טאַקע שפּעטער געוועזן.

ר' יקותיאל יודא גרינוואַלד אין זיין ספר "תולדות משפחת רויזענטאַל" ברענגט אַ בריוו פון חתם סופר אין וועלכן ער שרייבט:

"כפי הנראה כתר הרבנות הפקר הוא פה. הרבה קהלות קבלו עליהם רבנים זרים מארץ רחוקה, לא נודע להם מתמול שלשום. האין צרי בגלעד? למה לכם זאת להביא ממרחק לחמכם? בארצנו נמצאים רבנים צעירים וגדולי תורה ואין להם פרנסה. והמה קבלו איש זר, מבלי שידעו מי הוא ומה הוא, ומה הם מעשיו".

# דאָס רבנות אין קאַרלסבורג, זיבענבערגן

די געגנט וואו אידן זענען דאָס לעצטע ערלויבט געוואָרן זיך צו באַזעצן איז דער ראַיאָן וואָס הייסט "זיבענבערגן" אויף אידיש און "טראַנסילוואַניע" אויף רומעניש. זיבענבערגן איז דער ראַיאָן וואָס געפינט זיך אין דרום מזרח פון גרויס אונגאַרן פון פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, ביי דער גרעניץ מיט רומעניע.

ווען די טערקן זענען געוועזן די מושלים איבער אונגאַרן האָבן זיי



דאָס ביהמ"ד אין קאַרלסבורג

געמאַכט די שטאָט קאַרלסבורג אַלס די הויפּטשטאָט פון זיבענבערגן. (שפּעטער איז קלוזש, קלויזענבורג, געוואָרן די הויפּטשטאָט). אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן האָבן אין זיבענבערגן געוואוינט כמעט אויסשליסליך בלויז ספרדי'שע אידן וואָס זענען געקומען פון די באַלקאַן לענדער. ווען די האַבסבורג אימפּעריע האָט פאַרטריבן די טערקן איז זיבענבערגן געוואָרן אַן אויטאָנאָמיש זעלבסטשטענדיגער ראַיאָן אין דער עסטרייך-אונגאַרישער קעניגרייך מיט אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט און אייגענע געזעצן. קאַרלסבורג איז געבליבן די הויפּטשטאָט און דער רב פון קאַרלסבורג איז געוועזן דער הויפּט רב פון זיבענבערגן.

אין שנת תרכ"ז איז זיבענבערגן צוריק געוואָרן אַ טייל פון אונגאַרן און אידן זענען ערלויבט געוואָרן זיך צו באַזעצן אין אַלע טיילן פון זיבענבערגן, נישט בלויז אין די גרויסע שטעט.

פון אָנפאַנג זענען די ספרדים געוועזן אַ מערהייט אין קאַרלסבורג. ווען די אשכנזי'שע אידן זענען שפּעטער געוואָרן אַ מערהייט און האָבן געבויט אַן אייגענע שול האָבן די ספרדי'שע רבנים אַרויסגעגעבן אַ חרם אַז קיינער פון זיי, פון די ספרדים, טאָר נישט גיין דאַווענען מיט די אשכנזים. צום סוף האָבן די ספרדים קוים געהאַט אַ מנין און די פון די ספרדים וואָס האָבן געוואָלט דאַווענען מיט מנין ביי די אשכנזים האָבן מורא געהאַט פונעם חרם.

איז אויך די שאלה געבראַכט געוואָרן צום חתם סופר. חודש אדר שנת תקע"ח ווענדט זיך דער קאַרלסבורגער דיין רבי משה דאָמאַן צום חתם סופר מיט דער פאָלגנדער שאלה:

"שאלה: בקהלתנו דכאן היו, ויש בנמצא שני בתי כנסיות אחד של אשכנזים ואחד של ספרדים, ומקודם היה מחלוקה גדולה בין קהל דספרדים, וברבות הימים כשעשו שלום ביניהם עמדו קהל דספרדים והטילו חרם ביניהם שלא ילך שום אחד מהם לבית הכנסת של אשכנזים, וזה גוף החרם אשר מצאתי בתוך פנקס הקהל שלנו כהעתק הרצוף פה אות באות בלי חסר ויתיר, וזה העתקה".

"הן היום הקריבו משפטן לפנינו, קהל אשכנזים וקהל דספרדים הטילו

חרם ביניהם שלא ילך אחד מבית הכנסת מהם לבית הכנסת של אשכנזים, וסברו יחידים ועברו על החרם, לכן באו עדת הקדש דספרדים לפנינו בטענה והאריכו למעניתם. לכן יצא פס״ד מאתנו עפ״י דת תוה״ק שהחרם חל עליהן עד שישובו לבית הכנסת של ספרדים, וכל אחד מק״ק אשכנזים לא יתן לו שום מצוה ולא תשמיש קדושה כדין בר נידוי. ובאם יעמוד איש תקיף ויקרא אותו לעלות לתורה או יכבד לו שום מצוה אזי יחול החרם עליו וכל ישראל נקיים״

ענטפערט אים אויף דעם דער חתם סופר:

״שלום רב להרב המופלא דיין מצויין בהלכה כש״ת מה״ו משה דאמאַן נ״י דיינא רבא דק״ק קאַרלסבורג יע״א״.

״מכתבו הגיענו אודות קהל ספרדים שבעירו שהחרימו ביניהם בשנת תקנ״ג ששום אחד מהם לא יתפלל בבית הכנסת של קהל אשכנזים שבקהלתם וכו׳. והנה ק״ק ספרדים בעו״ה נשארו מעט וכו׳ אין להם מנין בבית הכנסת שלהם והמעט שנשארו לא למדו בבית הספר דרך תפלת ספרדיים ונוח להם יותר להתפלל בבית הכנסת של האשכנזים, ובקשו לדעת היתר לחרם שקבלו עליהם ועל בניהם וכו׳״.

נאָך זיין בירור הלכה פירט אויס דער חתם סופר:

״ובודאי כל פעם שלא ימצא מנין בבה״כ לקדיש וקדושה יכולים לילך באקראי לבה״כ אשכנזים שלא יתבטל מצוה דרבים, וטוב שהאשכנזים יגמלו חסד עם מקדש מעט שלא יתבטל התמיד וילכו לבה״כ שלהם, ואי לא יעשה כן יכולים הספרדים להתפלל בבה״כ של אשכנזים עד שיבואו לביתם שלהם מקדש מעט ויחזרו לבה״כ שלהם כיון שיש ביניהם עכ״פ עשרה גדולים לא נתבטל החרם אע״ג שאינם בביתם כנלע״ד״.

״וה׳ יגדר פרצת עמו ברחמיו ה׳ אלקי אבותיהם יוסף עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דבר לכם. הכ״ד הבעה״ח פ״ב נגהי ליום ה׳ י״ג א״ר תקעח״ל משה״ק סופר מפפ״ד״. (שו״ת חת״ס ח״ו סי׳ א׳).

מיט דער צייט איז די ספרדי׳שע קהילה געוואָרן אינגאַנצן אינטעגרירט און אַסימילירט מיט די אשכנזים. זיי האָבן זיך משדך געווען מיט די אשכנזים און אפילו געענדערט זייערע פאַמיליע נעמען צו אשכנזי׳ש אידישע נעמען. למשל די ששון משפחה האָט געטוישט דעם נאָמען צו פריעד, און די אריזי משפחה צו רייז.

דיווירקליכע פאָליטישע מושלים פון דער שטאָט און פון דעם ראַיאָן, ספּעציעל וואָס נוגע רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן, זענען געווען די גלחים און די בישאָפן.

אין שנת תקע״ח האָט דער בישאָף פון זיבענבערגן, דער באַראָן איגנאַץ סעפּעשי, באַשטימט אַ געוויסן ר׳ מנחם מענדל בן ר׳ יהושע אַלס רב פון קאַרלסבורג. ער איז געווען אַ זון פון איינעם פון די נגידים פון דער שטאָט און אַ שטיקל שיק-יונגל אָדער שליח בית דין ביים פריערדיגן רב פון קאַרלסבורג רבי משה הלוי.

די דיינים און תלמידי חכמים פון דער שטאָט האָבן געהאַלטן אַז ער איז נישט ראוי לאותה איצטלא און אַז דאָס רבנות האָט ער געקראָגן דורך שלמונים מיט וואָס זיין פאָטער האָט אונטערגעקויפט דעם בישאָף און די באַהערדע.

האָבן די ערליכע אידן פון דער שטאָט, בראש מיט דעם דיין רבי משה דאַמאַן, אין שנת תקע״ט זיך געווענדעט צום מנהיג פון אונגאַרישן אידענטום, צום חתם סופר, קיין פּרעשבורג. אין אַ בריוו וואָס זיי האָבן געשריבן צום חתם סופר דערציילן זיי אים די השתלשלות הענינים. זייערע צוויי הויפּט טענות זענען:

א: ער איז נישט ראוי לאותה איצטלא.



די שטאָט ״קאַרלסבורג״ אין יאָר תרס״ז

ב: ער איז נישט אויסגעוועלט געוואָרן דורך קהל נאָר דורך דער באַהערדע, פאַר בצע כסף און שוחד.

דעם בריוו וואָס דער חתם סופר האָט דערנאָך געשריבן צו דעם רב, ר׳ מנחם מענדל, איז געדרוקט אין לקוטי שו״ת חתם סופר חלק חושן משפט סי׳ נ״ט:

״ה׳ ישפות שלומו ויאריך ימיו ושנותיו, בשמעו לקול חכמיו ולא יתבייש מימי עלומיו, ה״ה הרבני המופלג מו״ה מענדיל, כעת רב ואב״ד דק״ק קאַרלסבורג והגליל. מינהו כביבמות ס״א ע״א. (די גמרא דערציילט דאָרט אַ מעשה ביהושע בן גמלא וכו׳ ומינהו המלך. דערמיט איז אים דער חתם סופר מרמז אַז די רעגירונג האָט אים פאַר געלט באַשטימט צו זיין פּאָזיציע).

״טרם אחלה פניו, אל נא ישים אשם בכפי, אם שלא כדת מצאתי, אשרי מי שחושדים אותו ואין בו. ואולי אויבים אפקוהו לקולא דלא פסיק. אבל הרבה רבנים גאונים וצדיקים עוררנו, באשר רבים אומרים, כי מעלתו שתיים רעות עשה בעמי״.

״א. השתדל לעצמו השתררות בקהל עדתו, שלא ברצונם ודעתם, וכן לא יעשה בישראל. ואפילו יהיה גדול הדור שאין כמוהו מורה, והקב״ה נמלך במרע״ה, ומשה רבנו בישראל, למנות את בצלאל לנגיד בית ה׳. ומלבד זה יש תקנה מרשב״ם, ר״ת, ראב״ם, וק״ן רבנים ימצאם בסוף תשובת מהר״ם מראָטענבורג, וז״ל: ׳ועוד גזרנו ונדינו והחרמנו בשמתא ובשם מיתה, שלא יהא אדם רשאי ליטול שררה על חברו, לא על ידי מלך, ולא על ידי שררה, ולא על ידע שופט׳ וכו׳״.

״והשנית, שמעתי מלעיזים ואומרים כי מעלתו מעולם לא נסמך ולא עמד לפני שום רב. ואפשר לא שימש חכמים כלל. וחלילה שיפול במצודת ׳רבים חללים הפילה׳... וכל זה בגדול ות״ח ידוע לרבים. אבל לא כל אדם יכול לומר חכם ורב אני. אם כן איש כזה וודאי צריך להראות חזותו לרבים. ואם אירע איש כזה, פשיטא שאסור לאכול מהוראתו. והנה כבר זו התנצלות במה שהקדמתי שאם אולי תרוויהו ליתנייהו במעלתו, ושקר ענו בו, ימחול לי על כל דבר״.

״אמנם אם ח״ו האמת היא, איעצו ויהי אלוקים עמו. כתוב ׳אשר נשיא יחטא׳ ואמרו חז״ל ׳אשרי הדור שנשיא שחטא מביא קרבן על שגגתו׳. העבר אין והעתיד עדיין. עליו להסיב לב כל אנשי עירו ומדינתו, שיהיה מרוצה להם. אך בזאת יאות, אם על הוצאות הקהל יעמיד עצמו לפני ידיד-נפשי הרב הגאון הגדול המפורסם מו״ה יהודה כהנא אב״ד דגליל מאַראָמאָריש וסיגעט. ואם רצונו בכך יודיענו, ואכתוב לידידי הגאון הגדול הנ״ל, שלא יכביד ולא יחמיר עליו, ושלא יגרום לו בושת. ואם אולי לא ישר בעיני מעכ״ת כי שכח, או לא למד, ילמוד מרבותינו הגאון

מו"ה בעריש זלה"ה, שהיה צעיר לימים כשנתמנה בק"ק קרעזמיר, והחזיק מורה הוראה אצלו איזה שנים. וכן עשו שאר גאונים. אבל חלילה לעמוד על דעתו. ואני מצפה לתשובתו. יאחז דרך צדיקים חכמי ישראל. ואם לאו אדע כי צדקו דברי אלה דאפקוהו לקלא. על כן אכתוב לקהלתו ולכל בני הקהלה לאסור הוראתו, וגם אראה להתאמץ בעז"ה במקום גבוה, שרי המלוכה, לגדור הפרצה. אבל אקוה שלא אצטרך לזה ח"ו. ואז יהיה שלום לו ולתורתו וכסאו יהיה נכון ברצות השם. והנני חותם לכבוד ה' ולתורתו. משה"ק סופר מפד"מ".

דער בריוו איז אַ מאַניפעסטאַציע פון די העכסטע מדריגות פון מוסר און מידות צו וועלכע דער חתם סופר האָט געגרייכט. אויב זענען נישט אמת די קלא דלא פסיק, די ענדלאָזע שמועות און באַשולדיגונגען אַז ער נישט ראוי לאותו איצטלא און אַז ער האָט נישט קיין התרת הוראה וואָס ערלויבט אים צו פסק'ען שאלות, זאָל ער אים מוחל זיין.

טאָמער אָבער איז עס יאָ אמת, עצה'ט אים דער חתם סופר, זיך צו שטעלן צום פאַרהער, אויף די הוצאות פון קהל, ביים גרויסן גאון וידיד נפשו הגאון רבי יהודה כהנא אב"ד סיגעט. דער חתם סופר פאַרזיכערט אים אַז ער וועט שרייבן צו רבי יהודה כהנא אַז דער פאַרהער זאָל זיין לייכט, נישט קיין שטרענגער פאַרהער, און אַז עס זאָל אים, ר' מענדל'ען, נישט גורם זיין קיין בושות.

אויב האָט ער מורא פון אַזאַ פאַרהער, זאָגט דער חתם סופר, ווייל ער האָט אפשר פאַרגעסן, אָדער אפשר האָט ער לכתחילה נישט געלערנט, שלאָגט דער חתם סופר פאָר ער זאָל טון ווי אַן אַנדערער רב האָט געטאָן און פאַר אַ צייט אויפנעמען אַ מורה הוראה וואָס זאָל פסק'ען שאלות אַנשטאָט אים.

למעשה האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשטעלט צום פאַרהער. הגאון רבי יהודא כהנא העלער זצ"ל, דער בעל "קונטרס הספיקות", ברודער פון בעל "קצות החושן" איז קורץ דערנאָך, כ"ז ניסן פון שנת תקע"ט, נסתלק געוואָרן.




מצבה פון הגאון רבי יהודא כהנא העלער זצ"ל, דער בעל "קונטרס הספיקות"


ב"ה
ספר
קונטרס הספיקות
מונקאטש

שער בלאַט פון ספר "קונטרס הספיקות" דפוס מונקאַטש תר"ן

דער ר' מנחם מענדל האָט געשיקט בריוו וואָס האָבן געוויזן אַז ער האָט יאָ התרת הוראה און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפגעבן זיין רבנות. דער חתם סופר האָט דערנאָך געשריבן צום דיין און די ראשי קהלה פון קאַרלסבורג אַז אַפּגעזען פון וואָס דער אמת זאָל זיין לוינט נישט אָנצוהאַלטן די מחלוקה און חרוב מאַכן די שטאָט.

נאָך דריי יאָר, ער"ח שבט שנת תקפ"ג, איז ר' מנחם מענדל אַוועק. די קאַרלסבורגער קהילה האָט זיך ווידעראַמאָל געווענדעט צום חתם סופר בעטנדיג ער זאָל זיי אָנטראָגן די בעסטע קאַנדידאַטן פאַר אַ רב.

מיט עטליכע יאָר צוריק איז געפונען געוואָרן דער בריוו וואָס דער חתם סופר האָט זיי געענטפערט. ער שלאָגט זיי פאָר דריי קאַנדידאַטן גדולים בתורה "להורות לאנשים מוסר ולמדנות וגם להשכין שקט ושלום".

א. הגאון רבי דניאל פרוסניץ.

ב. הגאון רבי יחזקאל פאַנעט, "עד כה רב בטערצאַל, דנתי אתו רבות פנים בפנים ובכתב".

ג. הגאון רבי אליעזר ליפמאַן ב"ר לוי שטיין. (געווען רב אין סעליש און אין גינגיש. אין שנת ת"ר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סערדאַהעלי).

די קהלה האָט אויפגענומען דעם צווייטן, און דעם יונגסטן, אויף דער רשימה: רבי יחזקאל פאַנעט.

ווערנדיג רב אין קאַרלסבורג אין עלטער פון 40 יאָר האָט רבי יחזקאל פאַנעט געמאַכט אַ רוחניות'דיגע רעוואָלוציע אין זיבענבערגן. האַבנדיג פאַר דעם געווען אַ מדבר שממה פלעגט מען זאָגן אַז דער מראה יחזקאל האָט "מגייר געווען גאַנץ זיבענבערגן".

רבי יחזקאל פאַנעט דער שפעטערדיגער בעל "מראה יחזקאל", דער מייסד פון דעעשער חסידות און דער פאַרשפרייטער פון חסידות אין זיבענבערגן, איז געווען אַ תלמיד פון חוזה פון לובלין, פון קאָזשניצער מגיד און אַ תלמיד מובהק פון רבי'ן רבי מנחם מענדל מרימנוב.

זייענדיג הויפט רב פון טראַנסילוואַניע/זיבענבערגן האָט ער אַסאַך געטאָן מתיר צו זיין עגונות. טראַנסילוואַניע האָט דאַן געדינט ווי אַ מקום מקלט פאַר מענטשן פון פאַרשידענע מדינות וואָס זענען אַנטלאָפן און האָבן מעגן געווען זייערע פרויען. האָט רבי יחזקאל פאַנעט פאַראָרדנט יעדע קהילה אין זיבענבערגן צו שיקן אים אַ ליסטע פון יעדן פרעמדן מענטש וואָס קומט אָן אין זייער שטאָט. ער איז אויך אַליין אַרומגעפאָרן צו די אַלע קהלות וואו די פליטים האָבן זיך באַוויזן און זיי אויסגעפאָרשט, ווער זיי זענען, פונוואַנען זיי קומען און וואָס זיי טוען דאָ. ער האָט דאַן געשיקט בריוו און געלאָזט וויסן די רבנים פון די אַלע קהלות פון וואו זיי זענען אַנטלאָפן אַז די פאַרשווינען געפינען זיך דאָ. אַזוי האָט ער באַוויזן מתיר צו זיין אַרום צוויי הונדערט עגונות.

דער מראה יחזקאל איז באַרימט מיט דעם מאמר וואָס ער האָט געשריבן אין וועלכן ער שילדערט דאָס גדלות בתורה פון זיינע רבי'ס די גדולי החסידות. אין דעם מאמר, געדרוקט אין שו"ת מראה יחזקאל סימן קד, פאָלעמיזירט ער מיט די מתנגדים איבער זייערע טענות פון "ביטול תורה", און ווייזט אויף דאָס געוואַלדיגע גאונות, בקיאות און התמדה בתורה פון זיינע רבי'ס.

דער הייליגער צאַנזער רב זצ"ל פלעגט לערנען דעם מאמר יעדן ל"ד בעומר אין טאָג פון דער יאָרצייט פון רבי'ן רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע און עד היום פירן זיך אַסאַך צו לערנען דעם מאמר יעדן ל"ד בעומר. דער בריוו איז היינט אויך געדרוקט אין ספר "דברי מנחם", די תורות פון מהר"ם מרימנוב.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

## די פרשה פון יונתן אלכסנדרזאָהן רב אין טשאַבע



זיין רבנות איז געוואָרן גע'אסר'ט דורך דעם בעל "שמן רוקח", דער ישמח משה, דער מהר"ם א"ש און רבי הערש חריף דער בעל טיב גיטין – ווען די רעגירונג האָט זיך געווענדעט צום חתם סופר האָט ער געשריבן אַ תשובה אין וועלכן אויך ער אסר'ט אים צו זיין רב – דער פאַרביסענער קאַמף וואָס אלכסנדרזאָהן האָט אונטערגענומען קעגן די גדולי ישראל און קעגן חתם סופר – די שטיצע וואָס ער האָט קודם באַוויזן צו קריגן אין דער גאַנצער וועלט אָבער צום סוף אַלץ פאַרלוירן – ערשטער פון צוויי אַרטיקלען וועגן דער פרשה

[פאָרזעצונג פון פריער]

**י"ג תשרי תקצ"ד:** די שטאָט "טשאַבע", אין אונגאַרן, וועלכע איז שוין פינף יאָר אָן אַ רב, האָט אויפגענומען אַ נייעם רב. דער נייער רב האָט געהייסן יונתן הלוי אלכסאנדרזאָהן.

יונתן אלכסנדרזאָהן איז געווען אַ געבוירענער אין דער שטאָט גרעץ, אין פּרייסין, צפון דייטשלאַנד. איידער ער איז געקומען קיין טשאַבע, האָט ער געוואוינט אין שווערין, אין פּרייסין.

אלכסאנדרזאָהן האָט געמאַכט גאָר אַ גוטן איינדרוק. ער איז געווען שטאַרק אַ געלונגענער מענטש: האָט געקענט לערנען, איז געווען אַ קענער, און ועל כולם אַן אויסגעצייכנטער אָראַטאָר – אַ רעדנער וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רייכן לשון לימודים.

ווי מיר האָבן שוין געברענגט אין די פריערדיגע צוויי אַרטיקלען איז דער חתם סופר אין עטליכע תשובות זיך מתאונן דערויף וואָס געוויסע שטעט און שטעטלעך אין אונגאַרן האָבן אין יענער צייטן אויפגענומען אַלס רבנים מענטשן וואָס זיי האָבן קיינמאָל פריער נישט געקענט, אפילו גאָר פרעמדע, רייזענדע פון ווייטע מדינות.

דער נייער טשאַבער רב האָט געקראָגן אַ וועכנטליכן געהאַלט פון דריי גילדן. אַ קליינער געהאַלט. אלכסאנדרזאָהן האָט אָבער נישט פאַרלאַנגט מער. ער איז נאָך נישט געווען פאַרהייראַט. איז געווען נאָך אַ בחור. האָט ער נישט געדאַרפט מער.

נאָך פיר מאָנאַטן האָט די טשאַבער קהילה זיך געכאַפּט וואָס פאַראַ מקח טעות זיי האָבן געמאַכט. זיי האָבן זיך גיך איבערצייגט אַז יונתן אלכסאנדרזאָהן איז אַ קל שבקלים.

מיט פיר יאָר פריער, ווינטער פון שנת תק"ץ, ווען ער איז געווען אַ בחור אין עלטער פון 25 יאָר, האָט פאַר יונתן אלכסאנדרזאָהן זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַ רב בישראל. ער איז דערפאַר געקומען קיין פוזנא צו הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל און אים געבעטן ער זאָל אים מסמיך זיין להוראה. רבי עקיבא איגר האָט אָבער צוריקגעוויזן זיין פאַרלאַנג. ער איז ווייזט אויס געווען אַ מבין אויף אים. האָט ער אים געוואָרנט און מזהיר געווען נישט צו ווערן אַ מורה הוראה. אין אגרות סופרים (חלק א' מכתב כ"ג – כ"ה) זענען פאַראַן דריי בריוו אין וועלכע רבי עקיבא איגר וואָרנט אים ער זאָל נישט וואַגן צו ווערן אַ רב.

טראָץ די אזהרות פון הגאון רבי עקיבא איגר האָט ער קורץ דערנאָך, אין שנת תק"ץ, זיך באַזעצט אין דער שטאָט שווערין אין פּרייסין וואו ער איז געוואָרן אַ דיין. מיט דריי יאָר שפּעטער, אין שנת תקצ"ד, איז ער אָנגעקומען קיין טשאַבע, נעבן מישקאָלץ, אין אונגאַרן, אַלס אַ רייזענדער בעל דרשן און כלומר'שטער דיין. ער האָט באַאיינדרוקט די איינוואוינער וועלכע זענען געוואָרן אַזוי איבערגענומען פון זיינע דרשות אַז זיי האָבן אים אויפגענומען אַלס רב.

חודש ניסן פון יענעם יאָר איז ער געוואָרן אַן איידעם ביי הגאון רבי

יהודה דוד ראָטענבערג זצ"ל, סענטפעטערער רב, בעל מחבר ספר תהלה לדוד.

די איינוואוינער פון טשאַבע האָבן אַלץ מער באַמערקט געפערליכע קולות אין זיין פערזענליכע התנהגות, און אויך אין זיינע פסקים וועלכע זענען אָפט געווען נגד ההלכה און קעגן שולחן ערוך.

אין זיין פערזענליכע התנהגות, האָבן זיי שפעטער עדות געזאָגט, ווי מיר וועלן באַלד זען, אַז ער פלעגט עסן ברויט אָן זיך וואַשן צו נטילת ידים און אָן בענטשן ברכת המזון, אָדער אַז ער פלעגט אויסרעדן צווישן תפילין של יד און תפילין של ראש, און נאָך.

## די שערוריה פון שרייבן אַ גט אין טשאַבע

אינצווישן איז אַ פּאָר פּאָלק וואָס די פרוי איז געווען פון אַן אַנדערער שטאָט און דער מאַן האָט געוואוינט אין טשאַבע געקומען צו אים ער זאָל זיי מסדר זיין אַ גט. אין דער שטאָט טשאַבע איז קיינמאָל פריער נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין גט. ביים שרייבן אַ גט מוז זיין אַ מסורה צו וויסן געמוי וויאַזוי צו שרייבן דעם נאָמען פון דער שטאָט.

האָט אלכסנדרזאָהן זיך געווענדעט צו איינעם פון די גדולי הפוסקים פון דער געגנט, הגאון רבי אלעזר לעוו אבד"ק סאַנטוב זצ"ל, דער בעל שמן רוקח, ער זאָל אים ערלויבן מסדר צו זיין אַ גט אין טשאַבע. רבי אלעזר לעוו האָט אים אָבער געענטפערט אַז ער איז בשום אופן נישט מסכים מען זאָל מסדר זיין גיטין אין שטעט וואו מען האָט דאָס קיינמאָל פריער נישט געטאָן און וואו עס איז נישטאָ קיין מסורה.

אלכסאנדרזאָהן האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט דעם פסק פונעם בעל שמן רוקח און האָט יאָ מסדר געווען דעם גט אין טשאַבע, זאָגנדיג אַז צוויי אַנדערע רבנים האָבן אים געגעבן אַ היתר, אָן צו זאָגן ווער די צוויי רבנים זענען געווען. נישט בלויז איין גט האָט אלכסאנדרזאָהן מסדר געווען נאָר צוויי.

די טשאַבער איינוואוינער האָבן באַשלאָסן אים צו באַזייטיגן פון זיין רבנות. זיי האָבן דערפאַר געשיקט בריוו צו רבנים דערציילנדיג וועגן זיינע מעשים טובים.

סוף שנת תקצ"ד האָט רבי אלעזר לעוו געשיקט אַ בית דין פון דריי דיינים קיין טשאַבע זיי זאָלן גובה עדות זיין און דערגיין דעם אמת. דאָס בית דין האָט גערופן אלכסאנדרזאָהן ער זאָל זיך שטעלן צו דין תורה מיט די איינוואוינער פון דער שטאָט צו הערן וואָס אַלע האָבן צו זאָגן. אלכסאַנדרזאָהן האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שטעלן צום בית דין טראָץ דעם וואָס מ'האָט אים עטליכע מאָל גערופן.

אַזויווי ער האָט נישט געוואָלט קומען איז דער בית דין געווען באַרעכטיגט אויסצוהערן די טענות קעגן אים און גובה עדות צו זיין שלא בפניו. מערערע איינוואוינער האָבן עדות געזאָגט אַז זיי האָבן אים געהערט לייקענען אין שכר ועונש, אַז לית דין ולית דיין רח"ל און אַנדערע דברי כפירה.

דער סאַנטובער רב הגאון רבי אלעזר רוקח זצ"ל האָט אַרויסגעגעבן אַ פסק דין אַז יונתן אלכסאנדרזאָהן איז אַ מומר להכעיס און ס'איז אסור זיך סומך צו זיין אויף זיין הוראה. קיין שום שטאָט טאָר אים נישט אויפנעמען אַלס רב אָדער אַלס דיין ווייל ער איז נישט מער ווי אַ מומר לכל התורה און אַ מסית ומדיח.

צו דעם פסק פון רבי אלעזר רוקח האָבן זיך דערנאָך אָנגעשלאָסן דער ישמח משה אין אוהעל און דער מהר"ם א"ש אין יאַרמאָט. די דריי בריוו, פון בעל שמן רוקח, פון ישמח משה און פון מהר"ם א"ש זענען געדרוקט אין ספר "תולדות הגה"ק בעל ישמח משה", עמוד של"ח-שמ"א. אויך הגאון רבי צבי הירש העלער, דער בעל "טיב גיטין" זצ"ל, האָט געשריבן אַ בריוו צו דער שטאָט טשאַבע, שרייבנדיג אַז ער קען פערזענליך דעם יונתן אלכסנדרזאָהן און אַז ער איז נישט ראוי צו פסק'ען שאלות.

די קהלה האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין רבנות. דאָס האָט אָבער נישט געקענט דורכגעפירט ווערן אָן דער גוטהייסונג פון דער רעגירונג. אַלץ וואָס די קהלה האָט דערווייל געטאָן איז געווען אים נישט אויסצורופן אַלס "מורה מורינו".

ווען די אַלע גדולי ישראל זענען אַרויסגעקומען קעגן אים האָט אלכסנדרזאָהן זיך געווענדעט אין אַ בריוו צום חתם סופר אין וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס נרדף און אַ קרבן פון בלבולים. דער חתם סופר האָט אים אָבער איגנאָרירט און גאָרנישט געענטפערט.

צו יענער צייט איז דער סיסטעם פון דער רעגירונג אין אונגאַרן געווען, אַז דער ריכטער פון יעדן פראָווינץ האָט אויך געדינט ווי דער אַדמיניסטראַטאָר, אַ שטיקל גאָווערנאָר, אויף געוויסע אָפּטיילונגען און אַנגעלעגנהייטן פון דער געגנט. דער ריכטער איז אויך געווען דער אויפזעער אויף די אידישע קהלות.

האָט אלכסנדרזאָהן זיך געווענדעט צום ריכטער/אַדמיניסטראַטאָר פון דער רעגירונג אין מישקאָלץ און אָנגעקלאָגט די קהלה אין טשאַבע פאַר'ן וועלן באַזייטיגן אים פון זיין אַמט.

דער ריכטער האָט אָבער נישט געזוכט זיך אַריינצומישן אין אינערליכע אידישע אַנגעלעגנהייטן, איבערהויפּט בנוגע פראַגעס וואָס זענען באַזירט אויף דער אידישער הלכה אין וואָס די רעגירונג האָט נישט די מינדעסטע ידיעה. האָט דער ריכטער געענטפערט אַז די רעגירונג מוז הערן די מיינונג פון דעם גרעסטן אויטאָריטעט אין אידישער הלכה אין לאַנד, רבי משה סופר דער רב פון פרעשבורג.

אלכסנדרזאָהן האָט פאַר דעם צוועק אויפגענומען אַ גוי'אישן אַדוואָקאַט פון מישקאָלץ ער זאָל אים פאַרטרעטן אין זיין קאַמף.

דער אַדוואָקאַט האָט געשריבן צום חתם סופר אַז די רעגירונג וויל הערן זיין מיינונג. האָט דער חתם סופר אים געענטפערט אַז ער קען נישט לאָזן הערן קיין מיינונג נאָכ'ן הערן בלויז איין צד, דעם צד פון אלכסנדרזאָהן און זיין אַדוואָקאַט. ער מוז אויך הערן דעם צווייטן צד, דעם צד פון דער קהילה אין טשאַבע.

די ראשי קהלה פון טשאַבע האָבן געשיקט צום חתם סופר די גביית עדות פונעם בית דין און דעם פסק פון די גאוני הדור, דער בעל שמן רוקח, דער ישמח משה, דער מהר"ם אש און דער בעל טיב גיטין.

## די תשובה פון חתם סופר

אין שו"ת חת"ס חלק חושן משפט סי' קס"ב איז געדרוקט די תשובה וואָס ער האָט געשריבן "לשלומי אמוני ישראל אלופים קרו"ט נגידים תורניים מנהלי עם ה' בק"ק טשאַבע יע"א".

דער חתם סופר ברענגט די גביית עדות פונעם בית דין וואָס דער בעל שמן רוקח האָט געשיקט אויספאָרשן דעם ענין. וועגן די טענות פון דער קהלה אין טשאַבע שרייבט דער חתם סופר צווישן אַנדערן:

"א) אוכל בלי נטילת ידים וברכת המזון שלאחריו. סיפר דברים והבלים בין תפילין של יד לתפילין של ראש. ב) הקל הטריפות ריאה וכדומה. ג) סידר ב' גיטין לב' נשים בעירו, אחרי שאסרו לו הגאון מסנטוב".

די עדות'שאַפטן און די באַשולדיגונגען צעטיילט דער חתם סופר אין דריי קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע זענען זיינע פערזענליכע



דער אָרטאָקסישער ביהמ"ד אין שטאָט טשאבא [היינט ליידער אַ קירכע]



עבירות. אַט די באַשולדיגונגען, זאָגט דער חתם סופר, זענען נישט גענוג מאַסגעבנד להורידו מגדולתו, וואָרום "אב"ד שסרח וחייב נידוי וכדומה מענישים אותו בצנעה ואין מורידין אותו מגדולתו".

די צווייטע קאַטעגאָריע איז אין דער קאַטעגאָריע פון מכשיל זיין את הרבים. "ואחרון הכביד שאמר בפה מלא שאיננו מאמין בשכר ועונש אחר מיתה נמצא הרי הוא אפיקורס ומין גמור ואסור כלל לקרב אל פתח ביתו וכל באי' לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים, ומכש"כ שאסור ליקח תורה מפיו ושאני מינות דמשכי".

איז אָבער דער פּראָבלעם, זאָגט דער חתם סופר, אַז כדי אים צו קענען מוריד זיין מגדולתו פאָדערן זיך דערויף עדות פון אַן אַנדערער שטאָט. די טשאַבער איינוואוינער זענען נוגע בדבר, איז זייער עדות נישט מאַסגעבנד אים צו קענען באַזייטיגן. אמת, די איינוואוינער פון דער קהלה אין טשאַבע טאָרן אים נישט פרעגן קיין שאלות ווייל לויט זייער עדות'שאַפט גייט ביי זיי אָן דער כלל פון "שווי' אנפשי' חתיכה דאיסורא". זיי דאַרפן אויפנעמען אַן אייגענעם דיין פון וועמען צו פרעגן שאלות און וועלכער זאָל מיט זיי לערנען תורה. אָבער אויף אים צו באַזייטיגן פון זיין אַמט זענען די צוויי ערשטע קאַטעגאָריעס באַשולדיגונגען נישט גענוג.

די דריטע קאַטעגאָריע איז דאָס מסדר זיין גיטין. דאָס איז שוין דער האַרבסטער סעיף לגבי באַזייטיגן אים פון זיין אַמט. אויף דעם דאַרף מען שוין נישט קיין עדות ווייל "המפורסמות אינן צריכות ראיה". זאָגט דער חתם סופר "מצורף לקלות ופחזות הנ"ל בוודאי מורידין אותו מגדולתו".

און דער חתם סופר פירט אויס: "בוודאי מורידין אותו מגדולתו. ואין הכוונה כי באותה הקהילה בלבד. אלא יטלו ממנו עטרות שם רב לגמרי. ויוציאו מתחת ידו ההתרה להורות, שעטרוהו ביד רבנים קודם שנודעו מעשיו ועלילותיו, ולא יהיו עוד למכשול לרבים עד יערה השם רוח קדשו עליו. שלום לרחוק ולקרוב אמר ה' ורפאתיו".

נאָך די תשובה און נאָך דעם פסק פון חתם סופר האָט די רעגירונג טאַקע באַזייטיגט אלכסנדרזאָהן פון זיין אַמט.

אלכסנדרזאָהן איז אָבער נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט אונטערגענומען אַ ביטערע מלחמה קעגן די גדולי ישראל. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעט און איבער לענדער, געזאמלט חתימות אויף פעטיציעס, געדרוקט מאמרים אין צייטונגען און אפילו געשריבן אַ ספר, אין אַ פּרואוו זיך ריינצוואַשן און באַשמוצן זיינע באַשולדיגער.

היינטיגע פסיכאָ-אַנאַליטיקער וואָלטן אלכסנדרזאָהן'ען באַצייכנט אַלס אַן "עגאָ-צענטריסט", אַ "נאַרציסיסט", אַן אָבסעסיווער מאַניאַק און איינער וואָס ליידט פון כלערליי אַלפּאַבעטישע סינדראָמען. פון אַ אידישן שטאַנדפּונקט האָט ער אָבער געליטן פון מדות רעות ומגונות, אַן עקשנות'דיגע תאווה פאַר נצחון און אַ דראַנג פאַר נקמה. אַז ס'האָט אים געפעלט אמונה אין די י"ג עיקרים האָט ער זיכער נישט קיין אמונה אין דעם מאמר פון בן עזאי (יומא ל"ח ע"א וע"ב): "בשמך יקראוך, ובמקומך ישיבוך, ומשלך יתנו לך. אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו, ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו במלא נימא". דאָס רעשט פון זיין לעבן האָט ער פולשטענדיג געווידמעט אויף צוריק צו געווינען זיין כבוד, און זיין פּאָזיציע. ער האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַ ספר "תומך כבוד".

צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון פאַבריצירן די אומגלויבליכסטע שקרים קעגן זיינע "קעגנער".

ער האָט למשל געהאַט די חוצפה צו גיין צו אַ בית דין און מוציא לעז זיין אויפ'ן חתם סופר, אַז ער, יונתן, פלעגט שיקן קיין פרעשבורג צום חתם סופר צדקה געלט וואָס איז געזאַמלט געוואָרן פאַר עניי ארץ ישראל און אַנשטאַט דעם וואָס דער חתם סופר זאָל דאָס אָפּשיקן קיין ארץ ישראל האָט ער דאָס צעטיילט פאַר "זוללים וסובאים". ווען דער חתם סופר האָט דאָס געהערט האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט קיינמאָל נישט

געקראָגן קיין איין פרוטה צדקה געלט פון יונתן אלכסנדרזאָהן און חוץ מזה ווייסן אַלע אַז ער גיט נישט קיין געלט פאַר זוללים וסובאים. (זע אגרות סופרים ח"ב מכתב כ"ד).

דעם גרעסטן טאַלאַנט וואָס יונתן אלכסנדזאָהן האָט פאַרמאָגט איז געווען מאַניפולאַציע. ער איז געווען אַ זעלטענער מאַניפולאַנט. ער האָט געוואוסט וויאַזוי צו באַאיינפלוסן און מאַניפולירן מיט די אַלע וואָס ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן דינען זיינע אינטערעסן.

זיין הויפט טאַקטיק איז געווען דער מיטל פון שפילן די ראָלע פון דעם קאַזאַק-הנגזל. דער טאַקטיק האָט בדרך כלל געאַרבעט. די אַלע וואָס ער האָט זיך צו זיי געווענדעט האָבן זיך געפילט פאַרפליכטעט צו קומען צו הילף פון אַזאַ אומשולדיגן קרבן וואָס איז נעבעך אַזוי באַ'עוולה'ט געוואָרן.

אין פעסט האָט געוואוינט אַ באַקאַנטער שתדלן ר' שלמה ראָזענטאַל, אַ תלמיד חכם און אַ גביר וואָס האָט געהאַט גוטע באַציאונגען מיט גדולי ישראל ובראשם דער חתם סופר. איז יונתן אלכסנדרזאָהן געפאָרן קיין פעסט און האָט באַוויזן צו איבערצייגן ר' שלמה ראָזענטאַל אַז ער איז געוואָרן באַ'עוולה'ט און ער, ר' שלמה ראָזענטאַל, מוז זיך אָננעמען פאַר אים. ר' שלמה ראָזענטאַל איז געפאַלן אין אלכסנדרזאָהן'ס פּאַסטקע און האָט געשריבן אַ בריוו צום מהר"ם א"ש, וועלכער איז דאַן געווען רב אין יאַרמאַט, און אים געבעטן ער זאָל שתדל'ען בײַ זיין רבי'ן דער חתם סופר צו שטעלן אַ נייעם בית דין וואָס זאָלן אויספאָרשן די עדות אין דער אָנוועזנהייט פון יונתן אלכסנדרזאָהן.

ער האָט אויך איבערצייגט די ראשי קהלה אין פעסט צו שרייבן אַ בריוו צום חתם סופר. די ראשי קהלה אין פעסט האָבן אַזוי געטאָן. זיי האָבן געשריבן אַ בריוו צום חתם סופר אין וועלכע זיי בעטן אים מען זאָל שטעלן אַ נייעם בית דין וואָס זאָל אויספאָרשן דעם ענין און אַז ער, דער חתם סופר, זאָל זיין דער וואָס ווילט אויס די דריי דיינים.

דער חתם סופר האָט זיי געענטפערט אַז מעיקר הדין העלפט נישט קיין נייער בית דין, ווייל כיון שהגיד אין חוזר ומגיד. אָבער אַזוויוי גדול השלום איז ער מסכים צו שטעלן אַ נייעם בית דין. ער וויל אָבער נישט זיין דער וואָס קלייבט אויס דעם נייעם בית דין. מען זאָל מאַכן אַ גורל און די דריי רבנים וואָס וועלן אַרויסקומען אין גורל די זאָלן זיין די דיינים.

אין זייער בריוו האָבן די ראשי קהלה פון פעסט אויך געשריבן צום חתם סופר אַז היות ווי דעם חתם סופר'ס עיקר טעם פאַר'ן באַזייטיגן יונתן אלכסנדרזאָהן פון זיין אַמט איז צוליב דעם וואָס ער האָט מסדר געווען אַ גט אין טשאַבע האָט דאָך אויך זייער געוועזענער רב, דער רב פון פעסט, רבי ישראל וואָרמאַן, מסדר געווען אַ גט אין פעסט דאָס סאַמע ערשטע מאָל.

האָט דער חתם סופר זיי געענטפערט אַז זייער רב ר' ישראל וואָרמאַן האָט זיך דורכגערעדט מיט אַנדערע גדולים און נאָר לויט זייערע אָנווייזונגען און גוטהייסונג האָט ער געשריבן דעם נאָמען פון דער שטאָט. "נמלך באחרים, וע"פ הסכמתם קבע שם עירו". (דער חתם סופר איז טאַקע געווען איינער פון די צו וועמען הרב וואָרמאַן האָט זיך געוואָנדן. די תשובה צו הרב וואָרמאַן איז געדרוקט אין תשובת חתם סופר חלק אבן העזר, ב', סי' קיח). יונתן אלכסנדרזאָהן, שרייבט דער חתם סופר, האָט אָבער נישט געמעגט טון וואָס ער האָט געטאָן "לקפוץ ולהורות מבלי שנמלך בגדולים ממנו כאשר עשו כל קדמונינו מעולם", נאָר האָט געטאָן פאַרקערט: האָט מסדר געווען אַ גט טראָץ דעם וואָס אַ גדול, רבי אלעזר לעוו, האָט אים געראָטן דאָס נישט צו טון.

אָבער ווי געזאָגט האָט דער חתם סופר למען השלום מוותר געווען און נאָכגעגעבן זייער פאַרלאַנג צו שטעלן נאָך אַ בית דין וואָס זאָל אויספאָרשן דעם ענין.

יעדע אַנטוויקלונג אין דער יונתן אלכסנדרזאָהן סאַגאַ, די פרשה וואָס דער חתם סופר האָט געהאַט געזאָגט אַז דאָס האָט אים פאַראורזאַכט אומדערטרעגליכע עגמת נפש, ציגט אויף די געוואַלדיגע דערהויבנקייט אין מדות און מוסר פון הייליגן חתם סופר. אין דער צייט וואָס אלכסנדרזאָהן איז געווען אויסן אַלץ חרוב צו מאַכן למען הנצחון, איינשליסנדיג זיין אייגן לעבן, איז דער חתם סופר גרייט געווען מוותר צו זיין און אַלץ נאָכצוגעבן אפילו אויב ער וועט פערזענליך אַרויסקומען דער פאַרלירער. ווי נאָר ער האָט געזאָגט זיין דעת תורה אַז אלכסנדרזאָהן טאָר נישט זיין קיין רב האָט ער געהאַלטן אַז ער האָט יוצא געווען. פון דאָרט און ווייטער האָט ער מער נישט געזוכט "אויסצופירן" און אַרויסקומען דער "זיגער". למען השלום האָט ער נאָכגעגעבן און מסכים געווען צו שטעלן אַ נייעם בית דין, און טראָץ דעם וואָס די פעסטער שתדלנים און ראשי קהלה האָבן אים מכבד געווען צו באַשטימען די דריי דיינים פון דעם נייעם בית דין האָט ער דאָס נישט אָנגענומען. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל דערנאָך קענען זאָגן אַז די דיינים, אָדער איינער פון די דיינים, זענען געווען דעם חתם סופר'ס מענטשן. האָט ער געהייסן וואַרפן אַ גורל און אַזוי אויסוויילן די דיינים.

אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן. סיון שנת תקצ"ה איז דאָס בית דין פון דריי דיינים וואָס זענען אַרויסגעקומען אין גורל, הרב צבי הירש הירשפעלד אבד"ק אָסאַד, הרב גדלי' לעווי אבד"ק פּאַסטכא און הרב שמעון ווינער אבד"ק לאַשברין, דריי שטעט אין שכנות פון פעסט, זיך צונויפגעקומען אין מישקאָלץ, וואָס איז נעבן טשאַבע. די דיינים האָבן געפירט זיצונגען אין מישקאָלץ און אין טשאַבע. זיי האָבן אויסגעהערט עדות'שאַפטן פון אָרומיגע שטעט פון מענטשן וואָס האָבן געקענט אלכסנדרזאָהן.

דאָס בית דין איז געקומען צו דער זעלבער החלטה ווי דער ערשטער בית דין: אלכסנדרזאָהן טאָר נישט זיין רב אין טשאַבע.

דאָס בית דין האָט פאָרגעשלאָגן אַ "פשרה": די טשאַבער קהלה זאָל אים צאָלן אָפּטריט געלט פון זעקס הונדערט גילדן, וואָס האָט דעמאָלט באַטראָפן זיין געהאַלט פאַר צוויי יאָר, ביז ער טרעפט אַ רבנות אין אַן אַנדערע שטאָט. אלכסנדרזאָהן האָט אָבער אויך אָט דעם פסק און די פשרה נישט געוואָלט אָקצעפטירן. וואָרום נאָך אַזאַ פסק וועט קיין שום שטאָט אין אונגאַרן אים מער נישט אויפנעמען אַלס רב.

האָט זיך אלכסנדרזאָהן ווידעראַמאָל געווענדעט צום שתדלן ר' שלמה ראָזענטאַל פון פעסט ער זאָל אים קומען צו הילף.

## ר' שלמה ראָזענטאַל

ר' שלמה ראָזענטאַל איז געווען אַ שיינער תלמיד חכם, אַ נגיד, און אַ גרויסער עסקן. כאָטש ער איז געווען אַ פולשטענדיג חרדי'שער איד און האָט געאַרבעט לטובת די אינטערעסן פון חרדי'שע אידן האָט ער ווי עס ווייזט אויס אויך געהאַט אַ גינסטיגע נויגונג און סימפּאַטיע צו די אויפגעקלערטע און מתחדשים. דערפאַר האָט ער די ערשטע יאָרן שטאַרק געשטיצט יונתן אלכסנדרזאָהן, דעם שפּעטערדיגן העלד פון די רעפאָרמער.

ר' שלמה ראָזענטאַל האָט געשריבן אַ בריוו צום חתם סופר אין וועלכן ער פאַרטיידיגט ווידעראַמאָל אלכסנדרזאָהן. דער ערשטער טייל פון דעם

בריוו איז פול מיט דברי תורה. ביים סוף פונעם בריוו וואַרפט רבי שלמה ראָזענטאַל פאָר עטליכע טענות לטובת יונתן אַלכסנדרזאָהן.

מיר וועלן ציטירן עטליכע אויסצוגן פון דעם ענטפער פון חתם סופר, דער בריוו וואָס דער חתם סופר האָט צו אים צוריק געשריבן, ט"ו מנחם אב תקצ"ה. דער בריוו הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

"שלו' וכ"ט לידידי ורב חביבי הרב המפואר הנגיד המופלג ומפורסם כמ"ה שלמה נ"י".

נאָך אַ קורצן פלפול בדברי תורה אַלס אַן ענטפער צו וואָס ר' שלמה האָט אים געשריבן שילדערט דער חתם סופר די גאַנצע השתלשלות פון דער פרשה און די גביית עדות פון די בתי דינים וואָס מיר האָבן דאָ פריער געשריבן.

איינע פון די טענות וואָס ר' שלמה ראָזענטאַל האָט אים געהאַט פאָרגעוואָרפן איז געווען פאַרוואָס דאָס בית דין איז נישט געווען קיין בית דין זבל"א, פון זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד, וואו אלכסנדרזאָהן זאָל אויסוועלן איינעם פון די דיינים וואָס זאָל אים פאַרטרעטן. שרייבט צו אים דער חתם סופר:

"ומ"ש פר"מ שמדינא לדון בזה בורר לו אחד ולא בכפי', תמהתי, היינו בדבר שבממון. אבל מעידים על גופו שחילל שבת ובא על ערוה וכדומה, ידון בזבל"א? אתמהא. והכא נמי מעידים על גופו ועל מעשיו הרעים, מה ענין זבל"א? וכל זה אני צריך כדי שלא לתלות בוקי סריקי בגאונים הנ"ל. אבל אני עני הרי נקראתי משני הצדדים. וברצונם נכנסתי, והייתי מהפך בזכות הרב בכל האפשרי".

נאָכ'ן שרייבן די פרטים פון די תביעות עדות פוןביידע בתי דינים שרייבט דער חתם סופר: "והנה כתב לי הרב מלאַשברין, כי העדות השני הוא ממש כמו הראשון, ואני אומר יש בו קצת שינוי, בראשון נאמר איך ביזה הגאון מסאנטא, אשר ראוי לקרוע משמוע זילותא דת"ח, ובעדות השני אמר הוא עצמו לפני ב"ד שני שהגאון דאוהעל הוא באַטרעגער. ושוב כשתבעו ממנו מעות צדקה שבידו השיב ששלחו לידי לק"ק פ"ב לפוחזים וריקים זוללים וסובאים, וגם טרם שאמר כן לפני בי"ד כבר נשלח לידי בכתב ולשון הגר העתק ממה שכתב בפּראָטיקאָל במישקאָלץ דברים הללו ממש אלי כתובים כנ"ל. וחי ראשי וחי נפשי שלא ידעתי מפרוטה א' ששלח לידי מעולם, וגם ידוע, מי ששולח לידי זוזי דצדקה אינני מאכילם לפוחזים וריקים זולל וסובא, אבל משמע כל הפוסל במומו פוסל..."

"סוף דבר, עצת ידידי פר"מ טובה מאוד. שיקח שש מאות זה' ק"מ, ואם לא ירצה ירעה עד שיסתאב, ואנשי טשאבא ישאו שברם על חמוריהם, במה שקבלו עליהם איש מארץ נכרי' מפרייזין או מפולין. הלא יש במדינתנו תלי"ת ת"ח הרבה עניים ואביונים וניכרים וידועים לצדיקים, ואינם מזויפים מתוכם כמו אלו הבאים ממרחקים".

דער בריוו פון חתם סופר איז געדרוקט אין ספר "דעת סופר" חלק שני פון הגאון רבי בן ציון הכהן שטראַסער אב"ד נייטרא-באָראָ פּאַרק שליט"א, פון די גרעסטע מעתיקי שמועה בדורינו פון זיין זיידן דער חתם סופר. סוף פון זיין "דעת סופר" באַשרייבט הגאון רבי בן ציון שטראַסער שליט"א די יונתן אלכסנדרזאָהן פרשה.

אין זיין בריוו צום חתם סופר האָט ר' שלמה ראָזענטאַל געבעטן פון חתם סופר ער זאָל פּערזענליך אויפנעמען יונתן אלכסנדרזאָהן, וועלכער וויל אַליין אַריבערגיין פאָרלייגן צו אים זיינע טענות און אויפווייזן אַז ער איז גערעכט.

טראָץ דעם וואָס אלכסנדזאָהן האָט שוין געהאַלטן אינמיטן פירן אַ פּערזענליכע מלחמה קעגן חתם סופר אין דער עפנטליכקייט און אויך ביי דער רעגירונג און טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר האָט נישט געוואָלט



כתב יד קדשו פונם בריוו פון חתם סופר צו ר' שלמה ראזענטאל, דער שתדלן פון פעסט

זיין פאַרמישט אין דער גאַנצער פרשה (אין אַ בריוו צו רבי געץ שווערין שרייבט דער חתם סופר: "אין ספק כי היה לנגד עיניו הבדולח מכתב שכתבתי להרב הנגיד מה"ר שלמה ראָזענטאַל ושם התפללתי תפלה לא-ל חי שלא יבא המשפט לפני"), דאָך האָט דער חתם סופר נאָכגעגעבן אויף דעם פאַרלאַנג פערזענליך אויפצונעמען יונתן אלכסנדרזאָהן.

חודש אדר שני שנת תקצ"ז איז יונתן אלכסנדרזאָהן געפאָרן קיין פּרעשבורג צום חתם סופר. אין שו"ת חת"ס חלק חושן משפט איז פאַראַן אַ תשובה וואו דער חתם סופר דערציילט וועגן דער באַגעגעניש.

די תשובה האָט דער חתם סופר געשריבן צו זיין תלמיד מובהק הגאון רבי אלעזר הלוי הורוויץ זצ"ל אב"ד וויען בעמח"ס שו"ת "יד אלעזר".

ווען רבי אלעזר הורוויץ, וועלכער איז געווען אַן אור-אייניקל פון בעל הפלאה, איז געקומען לערנען קיין פּרעשבורג צום חתם סופר "נכד ממורו ורבו הקדוש בעל הפלא"ה ז"ל ציוה לתלמידו הרבני מו' יודא פראַנקפורטער ז"ל שישתדל תיכף ומיד עבורו מקום דירה כראוי וכיאות לנכד רבו זצ"ל כי אם לא ימצא נכון וכשר, אזי מוכרח הוא לעזוב מטתו אשר הוא שוכב עליו" (הגר"ש עהרנפעלד – זכרון למשה דף יג).

*

**וואָס דער חתם סופר שרייבט אין דער תשובה, און די ווייטערדיגע שפּאַנענדע אַנטוויקלונגען אין דער אָנגעווייטאָגטער פרשה, אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.**

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**די תשובות און בריוו פון חתם סופר וועגן דער פרשה פון יונתן אלכסאַנדרזאָהן – די משכילים פון איבער גאַנץ אייראָפּע שטעלן זיך אויף דער זייט פון אלכסאַנדרזאָהן – די פרשה האָט דעם חתם סופר פאַראורזאַכט אומגעהויערע עגמת נפש – זכרי' פרענקל רב פון דרעזדן און דעם בריוו וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אין דער משכיל'ישער צייטונג אין דייטשלאַנד – דער בריוו פון דעם אָרטאָדאָקסישן מאַגנאַט ר' אהרן הירש קעגן זכרי' פרענקל – די אָפּענע אויגן פון הגאון רבי עקיבא איגר און די אַנדערע גדולי הדור**

[פאָרזעצונג פון פריער]

דאָס בית דין וואָס רבי אלעזר לעוו אבד"ק סאַנטאָוו, דער בעל "שמן רוקח", האָט געהאַט געשטעלט, ווי מיר האָבן געשריבן אין פריערדיגע אַרטיקל, האָט גע'פסק'עט, אַז יונתן אלכסאַנדרזאָהן טאָר נישט משמש זיין ברבנות. צו דעם פסק האָבן זיך אויך צוגעשטעלט דער ישמח משה און דער מהר"ם א"ש. רבי צבי הירש העלער דער בעל "טיב גיטין" האָט אויך געשריבן אַ בריוו אַז יונתן אלכסאַנדרזאָהן טאָר נישט דינען אַלס רב.

ווען אלכסאַנדרזאָהן האָט אָנגעקלאָגט די טשאַבער קהלה האָט די רעגירונג געוואָלט הערן די מיינונג פון חתם סופר. אין אַ תשובה געדרוקט אין שו"ת חת"ס חושן משפט סי' קס"ב האָט אויך דער חתם סופר גע'אסר'ט אלכסאַנדרזאָהן'ס רבנות.

אלכסאַנדרזאָהן האָט גענוצט די ראשי קהלה פון דער שטאָט פּעסט און דעם פּעסטער שתדלן ר' שלמה ראָזענטאַל זיי זאָלן שרייבן דעם חתם סופר און פאַרלאַנגען צו שטעלן נאָך אַ בית דין וואָס זאָל אויספאָרשן די עדות אין אלכסאַנדזאָהן'ס אָנוועזנהייט. דער חתם סופר האָט זיי געענטפערט אַז כאָטש מעיקר הדין קען מען נישט נאָכאַמאָל גובה עדות זיין צוליב "כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד" האָט ער למען השלום מסכים געווען צו שטעלן נאָך אַ בית דין וואָס זאָל אויספאָרשן דעם ענין.

דער צווייטער בית דין איז געקומען צו דער זעלבער החלטה: יונתן אלכסאַנדרזאָהן טאָר ווייטער נישט משמש זיין ברבנות אין טשאַבע. דער צווייטער בית דין האָט פאָרגעשלאָגן אַ שטיקל פשרה: טשאַבע זאָל אים צאָלן אָפּטריט געלט.

יונתן אלכסאַנדרזאָהן האָט אָבער אויך דעם פסק און דעם פאָרשלאַג נישט געוואָלט אַקצעפּטירן. אַנשטאַט דעם האָט ער אונטערגענומען אַ לעבנסלענגליכן קאַמף קעגן דעם פסק פון די בתי דינים און קעגן די גדולי ישראל ובראשם דער חתם סופר.

ער איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט און לענדער און איבעראָל געשפּילט די ראָלע פונעם קאָזאַק הנגזל וועלכער איז געפאַלן אַ קרבן צו בייזוויליגע בלבולים. דער חתם סופר האָט געקראָגן אָן אַ שיעור בריוו פון פאַרשידענע פּערזענליכקייטן וואָס נעמען זיך אָן און אינטערוועגירן לטובתו. דער חתם סופר האָט אָבער באַשלאָסן, ווי ער שרייבט דאָס אין אַ תשובה וואָס מיר ברענגען דאָ, קיינעם נישט צו ענטפערן.

די געציילטע פאָרשער וואָס באַשרייבן די פרשה געבן נישט קיין טעם פאַרוואָס דער חתם סופר האָט נישט געוואָלט ענטפערט און האָט זיך מער נישט געוואָלט מטפל זיין מיט דער פרשה. לעניות דעתינו איז דער הסבר פשוט: וויבאַלד אלכסאַנדרזאָהן האָט דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ פּערזענליכן קאַמף קעגן דעם חתם סופר האָט דער חתם סופר נישט געוואָלט זיך צורירן צו אַ זאַך וואָס קען האָבן צו טון מיט פּערזענליכע נצחונות אָדער קען אפילו אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַזעלכעס. ער האָט געלאָזט הערן זיין פסק און זיין דעת תורה און דאָס איז גענוג.

פאַרקערט: שוין נאָכדעם וואָס דער חתם סופר האָט מער נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט דעם גאַנצן ענין האָט ר' שלמה ראָזענטאַל דער שתדלן פון פּעסט אים געבעטן ער זאָל פּערזענליך אויפנעמען אלכסאַנדרזאָהן און אויסהערן זיינע טענות. דער חתם סופר האָט מוותר געווען און אויך

צו דעם מסכים געווען.

אדר שני שנת תקצ"ז האָט דער חתם סופר אויפגענומען אלכסאַנדרזאָהן אין פּרעשבורג. דער חתם סופר האָט אים אויסגעהערט. אָבער נישט מער. ער האָט זיך מיט אים נישט גע'טענה'ט און נישט געפירט קיין וויכוחים. אין שו"ת חתם סופר חושן משפט ח"ב השמטות סי' ר"ז איז געדרוקט אַ תשובה וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו זיין תלמיד הג"ר אלעזר הורוויץ, בעמח"ס "יד אלעזר", אייניקל פון בעל הפלא"ה און רב אין וויען, אין וועלכן דער חתם סופר דערציילט וועגן דעם באַזוך:

"שלום וכ"ט לי"נ הרב המאה"ג המופלג שלשלת היחוס בנן של קדושים אילי תרשישים מופלא באנשים כש"ת מוהר"ר אלעזר סג"ל נ"י רב ומורה בוויען הבירה".

..."ואספרה למו, הי' פה בצל קורתי ר' יהונתן משוואַרין הידוע, ושאל שלשה דברי בורות, ואהי כמחריש, כי גדרתי שלא להשיב עוד לשום אדם בענין הנ"ל, לא להימין ולא להשמאיל. הוא שאל ע"ד שכ' לי זה שנתים שהעדים שהעידו עליו לא נשבעו. והשבתי לו עדים אינם צריכים שבועה בדין ישראל. אדרבא, עדים הצריכים שבועה פסולים. ועתה טען כי אי' בש"ע שהב"ד משביעים עדים, ולדעת כוונתו אמ"ש בש"ע ח"מ סי' כ"ח, וכתב סמ"ע שם סקט"ז כגון שרואים שהעם מקילין בעדות שקר ואינם מקילין בשבועת שקר עכ"ל, והבל יפצה פיהו שלזה היינו אם הב"ד מסופקים בהעדים, אבל הב"ד אינם מסופקים לא יכול הנטען לומר אינם נאמנים עלי עד שישבעו, ועיי' סי' צ"ב ובסמ"ע סקי"ט. וזה בדיני ממונות, ומכל שכן במי שמעידים עליו שחלל שבת וכדומה ויתחייב בב"ד עפ"י עדים, יטען זה אל תסקלוני עד שישבעו העדים? חוכא היא זו".

דער חתם סופר רעכנט אויס נאָך דריי טענות וואָס ער האָט געהאַט און ווייזט אויף ווי אַלע זענען נישט מער ווי בורות און עם הארצות. דער חתם סופר פירט אויס די תשובה צו זיין תלמיד רבי אלעזר הורוויץ, די לעצטע ווערטער אין שו"ת חת"ס חלק חושן משפט:

"וביום עש"ק נסע, לא ידעתי אנה פנה כי לא הרביתי דברים עמו. ולא באתי אלא להודיע למעלתו. וכופל אני לאמור שאינני משיב לשום אדם בזה ענין עוד יהי' מה שיהי', וה' עמנו. ואחתום בברכה א"נ דש"ת. פ"ב יום א' כ"ו אדר שני תקצ"ז לפ"ק. משה"ק סופר מפפד"מ".

דער חתם סופר שרייבט "ואהי כמחריש, כי גדרתי שלא להשיב עוד לשום אדם בענין הנ"ל, לא להימין ולא להשמאיל". פון דעם לשון איז משמע אַז ער האָט פוןביידע צדדים געקראָגן בריוו. ער האָט אָבער מער נישט געוואָלט זיין פאַרמישט, "לא להימין ולא להשמאיל".

דאָך האָט ער למען השלום מוותר געווען און אַ צווייט מאָל אויפגענומען אלכסאַנדרזאָהנען. מיט אַרום צוויי יאָר שפּעטער איז אלכסאַנדרזאָהן ווידעראַמאָל געקומען צום חתם סופר. אין "אגרות סופרים" ח"ב מכתב ל"ו איז געדרוקט אַ בריוו וואו דער חתם סופר דערציילט וועגן אַזאַ באַזוך. לכאורה איז דאָס געווען אַ צווייטער באַזוך, נישט דער זעלבער ווי דער פון וואָס ער דערציילט אין זיין תשובה צו רבי אלעזר הורוויץ פון וויען.

אין דעם בריוו אין אגרות סופרים דערציילט דער חתם סופר וויאַזוי ער האָט אלכסאַנדרזאָהנען געפּרואווט צו העלפן. ער האָט אים גע'עצה'ט ער זאָל זיצן איינגעלייגט אַ יאָר צוויי און זיך זעצן לערנען. אויב וועט ער דאָס טון און דער חתם סופר וועט זען אַז ער בעסערט זיך וועט ער אים זען צו העלפן. דעם בריוו אין אגרות סופרים האָט ער געשריבן צו די רבנים אין בערלין, וואָס מאיזה סיבה זענען זיי געווען די איינציגסטע וועמען ער האָט געענטפערט וועגן דעם ענין. מיר ציטירן פון דעם בריוו:

"שוכ"ט לכבוד הרה"ג המפורסם מ' יעקב יוסף אטטינגער רישא דעמי' מדברנא דאומתי' בק"ק בערלין ודעימי' הרה"ג המפו' מ' אלחנן נ"י".

"יקרת קדשם הגיענו בזו השעה נידון הרב ר' יונתן, תמהתי כי אני הייתי בעוזריו, והוא בעוכריו. אחר שנשלח לי פסק דין מדברי גאונים שפסלוהו לגמרי ה"ה הגאון בעל המחבר ספר "שמן רקח", והגאבד"ק אוהעל, והגאון מה"ר הירש העללער אבד"ק אובין ישן, והגאון מהר"מ א"ש שהי' אַז אבד"ק יאָרמאָט וכעת אבד"ק אונגוואַר, הפכתי בזכותיה כפי האפשרי ופסלתי רוב העדיות מאנשי קהלתו... מ"מ הם אסורים לסמוך על הוראתו עד שיחזרו בהם, והוא כעין תשובת מהרי"ק".

"... ואחר זמן בא הוא בעצמו למחיצתי ויעצתיו שישב השקט שנה או שנתיים ויעסוק בתורה עד שישקיט הריב. ואם אני בעצמי אראה שלכל הפחות שב מדרכו או שלא היה בו עוצב מעיקרא אראה להושיעו. אך הוא השקט לא יכול. ומן אז והלאה נוסע והולך מאונא לאונא. ומה שכתבו פאר רום מעלתם הגאונים נ"י שיש איזה מחלוקה ח"ו, הכל שלום אין פרץ ואין יוצא. ואם יכתוב מה שירצה או ידפיס מה שירצה לא ישיבהו אדם. יעשה מה שלבו חפץ. ותמהתי על שלא הראה למעלת כבוד גאונכם את הפסק שלי. והנה ר' יונתן הנ"ל כתב לי שכתבתי אגרת להאדון מיאטאוויטש. לא ידעתי מה הוא ומי הוא. ולדעתי אם עדיין ישקוט וינוח מנצחונו אז טוב לו. ולו הבחירה. וה' עמנו".

"הכ"ד החותם באהבה וחבה מרובה או"נ לכל עבדי ה' ושומרי תורתו. משה"ק סופר מפפד"מ".

די פּרשה פון יונתן אלכסאַנדרזאָהן האָט דעם חתם סופר פאַראורזאַכט אומגעהויערע עגמת נפש. זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש אַז דער חתם סופר האָט געזאָגט "אין לי כח לשאת את היסורים". ווידער אין אגרות סופרים שרייבט דער בערעגסאַזער רב אַז דער חתם סופר האָט געזאָגט "איך קאָן שאָן ניכט פאַרקאממין מיט דער וועלט".

## די משכילים - אלכסאַנדרזאָהן'ס פאַרטיידיגער

זיין קאַמף האָט אלכסנדרזאָהן געפירט אויף עטליכע פראָנטן. ווען ער איז דורכגעפאַלן אויף איין פראָנט איז ער געגאַנגען צום נעקסטן פראָנט.

ערשט האָט ער געפּרואווט געווינען לעגאַל דורך אָנקלאָגן די קהלה אין טשאַבע ביי דער רעגירונג. ווען די רעגירונג האָט געאורטיילט אַז זי וועט אָננעמען דעם פסק פון חתם סופר האָט ער געפּרואווט אויסאיבן דרוק אויפ'ן חתם סופר צו ענדערן זיין מיינונג. ווען דאָס איז אים אויך נישט געראָטן האָט ער געפּרואווט צו געווינען סימפּאַטיע אין דער רבני'שער וועלט. אין אַ געוויסן הינזיכט און אין אַ קליינעם פאַרנעם איז דאָס אים קודם געלונגען. געווען געוויסע רבנים וואָס אָדער מתוך תמימות אָדער אַדאַנק זיין געשליפן צינגל האָבן זיי זיך געלאָזט איבערצייגן אַז ער איז אַן אומשולדיגער קרבן פון אַן עיוות הדין. די געוויסע רבנים האָבן אים געגעבן גערעכט. די רבנים האָבן אָבער מודה געווען אַז בטלה דעתם קעגן דעם פסק פון חתם סופר און די אַנדערע גדולי הרבנים אין אונגאַרן. האָט אלכסאַנדרזאָהן געעפנט אַ נייעם פראָנט: דער דעת הקהל. די עפנטליכע מיינונג אין אונגאַרן, און נאָך מער איבער דער אידישער וועלט.

אלכסאַנדרזאָהן האָט פאַרעפנטליכט אַגיטאַציע אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט און קלערט אויף זיין פּאָזיציע און זיין ראָלע פון אַן אומשולדיגן קרבן. אָט דאָס מיינט דער חתם סופר אין זיין






די שטאָט האַלבערשטאַט, דייטשלאַנד, און דער אָרטיגער בית עלמין

אויבנדערמאַנטן בריוו אין אגרות סופרים: "ואם יכתוב מה שירצה או ידפיס מה שירצה לא ישיבהו אדם. יעשה מה שלבו חפץ".

אין שנת תקצ"ח איז אלכסאַנדרזאָהן אַרומגעפאָרן איבער שטעט אין גאַליציע צו נעמען חתימות אויף פעטיציעס אים צו פאַרטיידיגן.

ער האָט אויך גענומען שרייבן אַ ספר "תומך כבוד" אין וועלכן ער "דאָקומענטירט" זיין "קעיס". דעם "תומך כבוד" האָט ער באַוויזן צו דרוקן ערשט צען יאָר שפּעטער. דערוויל האָט ער געזאַמלט געלט פון פּערנומעראַנטן, וואָס איז פּאַקטיש געווען זיין עיקר הכנסה.

אין גאַליציע האָט ער אָנגעהויבן צו האָבן "הצלחה". ער איז געוואָרן דער העלד פון די משכילים וועלכע האָבן אים גענוצט ווי אַ מיטל אין זייער קאַמף קעגן קאָמפּראָמיסלאָזן יהדות החרדית, קעגן דעם פירער פון אונגאַרישן אידנטום, דער מנהיג און פוסק הדור דער חתם סופר.

אין לעמבערג, קראָקע, בראָד און טאַרנאָפּאָל האָט ער געקראָגן הונדערטער פּערנומעראַנטן פון משכילי'שע קרייזן. ער האָט אויך געקראָגן מכתבי המלצה פון די פירער פון די משכילים אין גאַליציע: שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט, באַקאַנט אַלס שי"ר, און נחמן קראָכמאַל; פון שמואל דוד לוצטו, באַקאַנט אַלס שד"ל, אין איטאַליע; און פון יום טוב ליפּמאַן צונץ און אַנדערע פירנדע משכילים אין דייטשלאַנד.

די נעמען פון די פּערנומעראַנטן צו זיין "תומך כבוד" באַשטייט בעיקר פון משכילים און רעפאָרמער אין גאַליציע, בעהמען מעהרן און דייטשלאַנד.

פון גאַליציע איז ער געפאָרן קיין ווין און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד. ער האָט געהאַט געפּלאַנט צו דרוקן זיין "תומך כבוד" אין בערלין. אָבער די דיינים צו וועמען דער חתם סופר האָט געשריבן דעם פריער געבראַכטן בריוו פון אגרות סופרים האָבן דאָס געשטערט.

דאָס מערסטע געלט האָט ער געשאַפן אין פראַנקפורט, וועלכעס איז דאַן, סוף ימיו פון חתם סופר, שוין געווען אינגאַנצן אונטער דער השפעה פון די משכילים.


תומך כבוד

זה הספר כולל מלחמות ה' מגאוני וגדולי הדור ומאנשי מדע הנקובים בשם. נגד אנשי ריבי אשר רדפוני חנם. על לא חמס בכפי.

יהונתן בן אלכסנדר הלוי.

פראנקפורט א־מ.

"תומך כבוד" פון יונתן אלכסאַנדרזאָהן

## זכרי' פרענקל

די גרעסטע הילף האָט אלכסאַנדרזאָהן גענאָסן ווען ער איז אָנגעקומען קיין דרעזדן, דייטשלאַנד. דער רב פון דרעזדן איז געווען הרב זכרי' פרענקל, אַ מלומד, פון די פירער פון דער "חכמת ישראל" באַוועגונג, און גרינדער און פירער פון דעם רבנים סעמינאַר אין ברעסלאַו.

זכרי' פרענקל אין דייטשלאַנד, אַזוי ווי שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט אין גאַליציע, איז געווען אַ שומר תורה ומצוות און אַ קעגנער פון די פרייע רעפאָרמער. ער האָט אָבער געוואָלט צופּאַסן אידישקייט צו דער מאָדערנער צייט און האָט געגרינדעט אַ רבנים סעמינאַר, אָדער ווי דאָס האָט געהייסן אין דייטש דער "טעאָלאָגישער סעמינאַר", וואו לימוד התורה איז געווען באַזירט אויף "שטודירן" תורה צוזאַמען מיט אַנדערע וועלטליכע לימודים. די גרינדער פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסערוואַטיווער שטראָם פון אידישקייט, וועלכער דאַרף זיין דער מיטעלער שטראָם צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען שוין היינט ליידער נישט קיין פולשטענדיגע שומרי תורה ומצוות, האַלטן בלויז געוויסע מצוות, רח"ל, האָבן זיך געהאַלטן אַלס די נאָכפאָלגער פון זכרי' פרענקל.

בשעתו איז פרענקל געווען אַ פּראָמינענטער רב אין דייטשלאַנד. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט יונתן אלכסאַנדרזאָהן איז ער פון אים געוואָרן באַצויבערט און האָט באַשלאָסן צו ווערן זיין הויפּט טשאַמפּיאָן און פאַרטיידיגער.

זכרי' פרענקל האָט אָנגעשריבן אַן "אָפענעם בריוו" צום חתם סופר אין וועלכן ער פאַרטיידיגט יונתן אלכסאַנדרזאָהן. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז זיין אינפאָרמאַציע האָט פרענקל גענומען אויסשליסליך פון אלכסאַנדרזאָהן. אין דעם אָפענעם בריוו פרעגט פרענקל פאַרוואָס ס'איז זיך אלכסאַנדרזאָהן געקומען צו ווערן באַזייטיגט פון זיין רבנות אַמט פאַר פאַרלעצן אַזעלכע מינדערוויכטיגע "מנהגים" ווי "אָפּגיסן נעגל

וואַסער" און "שלאָפן אין אַ יאַרמולקע".

ס'איז געווען סוף ימיו פון חתם סופר און אפילו די משכיל'ישע צייטונגען וואו פרענקל האָט געוואָלט פאַרעפנטליכן דעם "אָפענעם בריוו" פאַר גוט געלט וואָס אלכסאַנדרזאָהן האָט געשאַפן האָבן די צייטונגען אויס רעספעקט פאַר'ן חתם סופר נישט געוואָלט אָננעמען צו דרוקן.

חשוון שנת ת"ר, אַ חודש נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר, האָט די משכיל'ישע האַמבורגער צייטונג "אַלגעמיינע צייטונג דאַס יודענטום" אָנגענומען דעם באַצאָלטן "אָפענעם בריוו" און עס געדרוקט אַלס אַ ספּעציעלע ביילאַגע אין דער צייטונג.

פרענקל, אלכסאַנדרזאָהן און דער אַרויסגעבער פון דער אַלגעמיינער צייטונג, האָבן אָבער געמאַכט אַ טאַקטישן און פּאָליטישן טעות. די צייטונג איז געוואָרן פאַרפלייצט פון פּראָטעסט בריוו פון אירע לייענער פאַר האָבן די חוצפה צו דרוקן אַזאַ בריוו קעגן דעם גדול הדור, וועלכער איז נאָך זיין הסתלקות באַשריבן געוואָרן אין אַלע צייטונגען אַלס איינער פון די גרעסטע ריזן אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק.

דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג האָט זיך פאַרענטפערט אַז דער בריוו איז נישט געווען געדרוקט אין דער צייטונג גופא נאָר אין דער פאָרם פון אַ ספּעציעלער ביילאַגע, וואָס איז געוואָרן באַצאָלט דורך נישט קיין צווייטן ווי יונתן אלכסנדרזאָהן אַליין.

איז דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום נישט געבליבן שולדיג. אין דער שטאָט האַלבערשטאַט אין דייטשלאַנד האָט געוואוינט דער אָרטאָדאָקסישער מאַגנאַט ר' אהרן הירש. ער האָט פאַרמאָגט דעם גרעסטן מעטאַל פאַבריק אין דייטשלאַנד, און איז געווען אַ גרויסער לוחם קעגן די דייטשע רעפאָרמער. ער איז שפּעטער געווען דער שווער פון ר' עזריאל הילדעסהיימער פון די עמודי התווך פון דער דייטשער אָרטאָדאָקסי.

האָט ר' אהרן הירש געשריבן אַן אָפענעם בריוו צו זכרי' פרענקל און באַצאָלט פאַר דרוקן עס אין אַ ספּעציעלער ביילאַגע אין דער זעלבער "אַלגעמיינע צייטונג דאַס יודענטום". הירש האָט געשריבן צוויי אַזעלכע בריוו, אין לשון קודש, אין וועלכע ער פּראָטעסטירט במחאה נמרצת קעגן זכרי' פרענקל פאַר'ן וואַגן צו קריטיקירן דעם פּסק דין פון "איש אשר שבעים שנה רק באוהל התורה לן" אין דער צייט וואָס ער, פרענקל, איז בעיקר עוסק אין חכמות חיצוניות!

ר' אהרן הירש שרייבט צו פרענקל'ען ער זאָל וויסן אַז ער איז דער געשפּעדך און דער שפּאָט בפי הבריות פון האַמבורג ביז פּראַג.

זכרי' פרענקל האָט נישט מודה געווען און האָט נישט צוריקגעצויגן. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָבער מער נישט געהאָלפן און מער נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט אלכסנדרזאָהן.

## אלכסאַנדרזאָהן: סופו מעיד על תחילתו

נישט בלויז פרענקל האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אלכסאַנדרזאָהן נאָר אויך אַלע אַנדערע וואָס האָבן אים פריער געשטיצט האָבן אים מער נישט געוואָלט קענען. ווען ער האָט אין שנת תר"ז ענדליך געדרוקט, אין פראַנקפורט, זיין "תומך כבוד" איז די פרשה שוין כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן און קיינער האָט דעם "ספר" שוין נישט געוואָלט קויפן.

ר' שלמה ראַזענטאַל דער שתדלן פון פעסט, וועלכער איז געווען פון אלכסאַנדרזאָהן'ס ערשטע הויפּט שטיצער שרייבט אין אַ בריוו צו הרב געץ שווערין:

"מ"מ גמרתי הסכמה חזקה, אף שלא אתנגד ואצא לשטן לרב מטשאבי, לא אדבר עוד מאומה בדבר הזה, ולא אהי' לו לעזור כתומך וסומך לרצונו




"אלגעמיינע צייטונג דאס יודענטומס" אין דער דייטשער שפראך

לילך בערכאות לפרסם חילול ה' ברבים, ולזה האיש לרב מטשאבי הזהרתי כמה פעמים, לבלתי שפוך שיח וכעסו לדבר בוז וקלון בפרהסיא לחרף ולגדף רבני מדינותינו ולא יקל בכבודם או לקלל ולחרף אותם בנאצות וחרפות לפער פיו בלי חוק, ולא ישים מתג ורסן בפיו מלדבר עליהם סרה בושה וכלימה. ופיו הכשילו וגילה רוע לבו ומחשבתו המקולקל ונשחת, כי אמר בכעסו בחרי אפו, שהוא יגלה המקום לקבור דת היהדות, עד שהשיב לו הרב מאָסאַד (געמיינט רבי צבי הירשפעלד, דעמאָלטיגער רב אין אָסאַד), שאם יקבר דת יהדות לא ישאיר כי אם להעביר עליו מים הזדונים ויצא מכלל הדת כמבוקשו. על כן מהיום אשים מחסום לפי, כאשר ראיתי בעיני שעל כרחו שלא בטובתו יצא שאור שהחמיץ בלבו, מפיו. ובזה די למבין".

ווען יונתן אלכסאַנדרזאָהן האָט אין כעס געלאָזט פאַלן פון מויל אַז מ'דאַרף באַגראָבן דעם אידישן דת, עפרא לפומיה, האָט ר' שלמה ראָזענטאַל ענדליך איינגעזען וואָס רבי עקיבא איגר האָט געזען יאָרן פריער ווען ער האָט אים נישט געוואָלט מסמיך זיין להוראה, און וואָס עס האָבן געזען דער בעל שמן רוקח, דער ישמח משה, דער מהר"ם א"ש, דער בעל טיב גיטין און דער חתם סופר, וועלכער האָט נישט געקענט איבערטראָגן די פרשה.

יונתן אלכסאַנדרזאָהן האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוואַנדערט איינער אַליין, אַן עלנדער און פאַרלאָזענער קבצן. אין שנת תרכ"ט איז ער אַן איינזאַמער געשטאָרבן אין אַ אידישן שפּיטאָל אין אַלט-אויבן.

[המשך קומט אי"ה]

מג

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**גברא דקפדנא – די מעשה מיט'ן צעהלימער קינד – דער שידוך מיט "ביידע" – ברית כרותה לשפתיים און שגגה היוצא מלפני השליט – אַ הפלא'דיג וואָרט פון הפלא"ה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## גברא דקפדנא

אויף מערערע ערטער שרייבט דער חתם סופר אַז ער איז אַ "גברא דקפדנא". וואָס מיינט צו זאָגן, אַז ער איז פאָרזיכטיג פון זאָגן און אַרויסרעדן, אָדער אפילו בלויז הערן, נישט גוטע ווערטער און אויסדרוקן. עס מיינט אויך אַז ער לייגט גרויס געוויכט אויף סימנים וואָס קענען חלילה אָנדייטן נישט געוואונשענע אַנטוויקלונגען, אפילו אויב אַנדערע האָבן נישט קיין מורא דערפון. – פון לשון "מאן דקפיד קפדינן ליה".

פון די סאַמע באַקאַנטסטע איז וואָס ער שרייבט אין אַ תשובה צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר "כי גברא קפדנא אנא".

רבי עקיבא איגר האָט אים געהאַט געשריבן צוויי שאלות אין הלכות אבלות. שרייבט צו אים דער חתם סופר אַז ווען ער האָט באַקומען דעם בריוו איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן. ער האָט געזען דערין אַ שלעכטן סימן רח"ל.

אַזוי איז טאַקע געווען. קורץ דערנאָך האָט ער געקראָגן די בשורה פון זיין מאַמע'ס פטירה.

די תשובה צו רבי עקיבא איגר געפינט זיך אין שו"ת חתם סופר יורה דעה סי' שמ"ו. דער חתם סופר שרייבט:

"יקרת קדושתו הגיעני ובקראי בו ב' קושיות בהלכות שמחות נרתעתי לאחורי, כי גברא קפדנא אנא, ואמרתי, העבר חרפתי אשר יגורתי כי משפטיך טובים. ואמנם שגגה יצאה מלפני השליט, ונעשיתי אבל אם קודר שחותי, ובאה אלי שמועה מאמי הצדקת זצ"ל, תנצבה הכ"מ... ומו"ח דלא קפיד ולא קפדי בהדיה, יעביר עיונו עליו בשבוע שמחות, או יניח הדבר עד תשעה באב שחל להיות בשבת הבעל"ט, ואם אולי בין כך יהפך לששון ולשמחה, אם כן יבולע המות לנצח ופשיטא דליכא קפידא".

אין "קרית סופרים", – רבי יוסף נפתלי שטערן'ס הקדמה צו "דרשות חתם סופר" – ווייזט רבי יוסף נפתלי אָן דערויף וואָס ביים שרייבן די יאָרן פלעגט דער חתם סופר מקפיד זיין נישט צו שרייבן שנת תק"ץ, נאָר תקי"ף, אָדער תקצדי"ק. ביי שנת תקפ"ח האָט ער געשריבן פק"ח, וכדומה.

רבי יוסף נפתלי זאָגט אויך אַז אין די קונטרסים אין וועלכע דער חתם סופר פלעגט שרייבן זיינע חידושים פלעגט ער צום ביישפיל ביי דף לג שרייבן ג"ל עיני, פאַר אַ גוטן סימן, ביי דף לט האָט ער געשריבן ט"ל, דף פז האָט ער געשריבן "ראשו כתם פ"ז", קמד – קד"ם, קמו – עתה אקו"ם, אָדער: קו"ם בתולת ישראל, קיב – יב"ק, קלה – קה"ל, קלו – קו"ל ששון, קלח – חל"ק ה' עמו, קנח – ממנו נק"ח לעבוד את ה', קפח – פק"ח, קץ – ק"ץ משיח, קצד – צד"ק, קצה – הק"ץ, רב – ר"ב שלום.

זיינע נאָענטע האָט ער נישט ערלויבט אַרויסצוזאָגן פון מויל זאַכן אָדער ווערטער וואָס קענען זיין אַ רמז אויף אַ צרה אָדער אַן עונש חלילה. ער האָט נישט געלאָזט אַרויסזאָגן אַ פסוק אָדער אַ מאמר חז"ל אין וועלכע עס ווערט דערמאַנט דאָס וואָרט אָדער בכלל דער ענין פון מיתה חלילה. ער האָט נישט געזאָגט און האָט אויך נישט געלאָזט אַנדערע זאָגן "לחיים טובים", וואָס איז בגימטריה "קללה", נאָר לחיים טובים ולשלום. ביינאַכט האָט ער נישט געלאָזט זאָגן דאָס וואָרט "דין", נאָר "הלכה".

## דאָס קינד פון צעהלים

אין שו"ת חתם סופר חלק ו' סימן סד ברענגט ער אַ מעשה וואָס אַ מוהל פון דער שטאָט צעהלים האָט פאַרשריבן אין זיין מוהלות פנקס. אַ מעשה מיט אַ קינד וואָס איז געבוירן אין דער שטאָט צעהלים מיט געזונטהייטס פראָבלעמען און שאלות פון כרות שפכה.

דער רב פון דער שטאָט צעהלים, הגאון רבי יואב ראָזענבוים, דער בעל "שערי בינה", (שפּעטער רב אין אונסדאָרף און סאַנטאָוו), האָט נישט ערלויבט מל



בית עלמין אין דער שטאָט צעהלים




צו זיין דאָס קינד. שרייבט דער מוהל אין זיין פנקס, אַז אַ קורצע צייט דערנאָך איז ער געווען אין דער שטאָט פרויענקירכן וואו דער גרויסער גאון רבי דוד דייטש, דער בעל "אהל דוד", תלמיד פון נודע ביהודה און לאַנג יאָריגער ידיד פון חתם סופר, איז דאַן געווען רב. ווען דער מוהל האָט דאָס דערציילט פאַר רבי דוד דייטש האָט ער אים געזאָגט אַז ער האָט גוט געטאָן נישט מל צו זיין דאָס קינד ווייל ער געדענקט אַזאַ ענליכע מעשה אין פראַג, וואו דער נודע ביהודה האָט געהייסן נישט מל זיין אַזאַ קינד ווייל אין אַזאַ פאַל קען דאָס קינד נישט לעבן מער ווי דריי חדשים.

אין דער תשובה (חלק ו' סימן סד) געשריבן צו הגאון רבי דוד דייטש דער בעל "אהל דוד" ציטירט דער חתם סופר קודם דאָס לשון פון דעם מוהל פון זיין פנקס המוהלות: "ואחר זאת ימים לא כבירים" – שרייבט דער מוהל אין זיין פנקס – "הייתי בק"ק פ"ק אצל הרב הגאון אב"ד מו"ה דוד דייטש נ"י וספרתי לו את המעשה אשר נעשה והודה ואמר יפה קיימת את דבר יואב שר צבא. וא"ל שמעשה כזאת הי' בפראַג בהיותו שם בישיבה והרב הגאון דק"ק פראַג הורה הלכה למעשה שלא למול אותו הולד כי לא יכול לחיות יותר מג' חדשים, וכמו כן עשאו. ואח"כ ספרתי את המעשה מפראַג להרב מו"ה יואב בשם הגאון מו"ה דוד וציוה ג"כ להמתין לו עד כלות ג' חדשים. וכשהי' בן ט' שבועות מת אותו הולד, עכ"ל העתק כתב המוהל מצעהלים".

זאָגט דער חתם סופר, אַז צוליב די געזונטהייט פּראָבלעמען וואָלט דאָס קינד נאָך געקענט לעבן. פון די פּראָבלעמען אַליין וואָלט דאָס קינד נישט געשטאָרבן. דאָס קינד איז נאָר געשטאָרבן צוליב די ווערטער פון רבי דוד דייטש און די ווערטער פון דעם צעהלימער רב רבי יואב, ווערטער וואָס זענען געווען "כשגגה היוצא מלפני השליט". אָט איז דער לשון פון חתם סופר אין דער תשובה:

"הנה מיתת הילד מצעהלם לא נפלאת ולא רחוקה כי הי' ראוי למות, אם מפאת דברת ת"ח ה"ה ידידי פר"מ והרב הגאון מו"ה יואב אשר שפטוהו לבן מות, והוה כשגגה היוצא מהשליט, ולא נפיש זכותי' דההוא ינוקא ואבותיו מזכותו' דמר שמואל וינוקי' דשכיבא על דברת רב פנחס אחוהי במועד קטן י"ח ע"א".

"ואם מפאת דברת בני אדם כרותה לשפתיים, וחז"ל הזהירונו פ"ק דכתובות ח' ע"ב, וכבר רבים שתו לימא".

אינטערעסאַנט: נאָך דער לאַנגער תשובה צו הגאון רבי דוד דייטש איז אין שו"ת חתם סופר סי' ס"ד געדרוקט וואָס דער חתם סופר האָט שפּעטער צוגעשריבן צו דער תשובה. ער האָט צוגעשריבן אַז דערנאָך האָט ער ערהאַלטן אַן ענטפער פון רבי דוד דייטש אין וועלכן ער זאָגט, אַז וואָס דער מוהל האָט געשריבן אין זיין קונטרס המוהלות אין זיין, רבי דוד דייטש'ס נאָמען, איז לא היו דברים מעולם. ער האָט אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געזאָגט, נישט פון זיך און נישט אין נאָמען פון זיין רבי'ן דער נודע ביהודה. שרייבט דער חתם סופר:

"השיגני תשובת הרב, וזה לשונו: מה שהגיד המגיד בשמי הוא שקר וכזב, ומעולם לא אמרתי דבר זה. ובקשתי מכבוד רמעכ"ת נ"י שימחל לכתוב לאותו המגיד שימחוק דבר זה מספר זכרונות, כי חלילה לתלות בוקי סריקי באילן הגדול מ"ו מורינו רבי יחזקאל זלה"ה, פן ישתו דורות אחרונים מים המרים. ומרב טרדות אקצר. דברי העומד על משמרתו הקטן דוד דייטש. עכ"ל".

הגאון רבי יודא לייב לאַנדסבערג זצ"ל דערציילט אין "אלה תולדות", זיין ביאָגראַפיע פון חתם סופר, וועגן אַ חשוב'ן בחור וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ תלמיד פון חתם סופר אין פּרעשבורג. ווען דער חתם סופר האָט אים געפרעגט צי ער האָט שוין מסדר געווען וואו צו עסן טעג האָט דער בחור געענטפערט: "אדם כי ימות באהל, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עליה, לא באתי כאן לבקש תענוגות בני אדם אלא בכדי להמית עצמי באהלה של תורה".

די ווערטער האָבן דעם חתם סופר אויפגעטרייסלט, ווי רבי יודא לייב לאַנדסבערג שרייבט: "כשמוע רבינו את הדברים האלה ויתחלחל מאד. לבו סחרחר, עזבוהו כחו". ער האָט פון די ווערטער מרגיש געווען ברוח קדשו, שרייבט רבי יודא לייב לאַנדסבערג, אַז דער בחור וועט ל"ע נישט מאריך ימים זיין. ער האָט דעם בחור מדחה געווען און נישט געוואָלט אָננעמען אין דער ישיבה. דער בחור איז עטליכע טעג פאַרבליבן אין פּרעשבורג, "כי אמר אולי יעלה בידי להציע עוד הפעם נפשי בשאלתי, ויואל בקשתי. ולא עברו ג' ימים ונחלה הבחור מחלה כבידה ולא קם מחליו, כי נשמתו עלתה השמימה בטהרה".

## נישט זאָגן קומען "אַרונטער"

הרב אלכסנדר זושא קינסטליכער ז"ל ברענגט אין זיינע הערות ("תומר דבורה") אויף מנהגי החתם סופר (פ"ב, ב') אַז אין די הגהות בכתב יד פון הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אויף מנהגי החתם סופר שרייבט רבי יוסף נפתלי: "שמעתי מדודי הקדוש רבי אברהם פּאָלאַק זצ"ל, בשם זקני מוה"ר זעקל ששמע כשהרבנית מזיווג שלישי קראתה לאחד מילדיו שהיה בעליית הבית שיבוא למטה, הקפיד על לשון 'למטה'".

## "ביידע"

הגאון רבי יואב מסאַנטאָוו זצ"ל (פריער דערמאַנטער רב פון צעהלים און סאַנטאָוו) האָט געזוכט אַ שידוך פאַר זיין בת יחידה. דער חתם סופר איז דאַן געווען רב אין מאַטערסדאָרף. איז רבי יואב געפאָרן קיין מאַטערסדאָרף און געבעטן

דער חתם סופר זאָל אים מציע זיין דעם בעסטן בחור פון זיין ישיבה. האָט אים דער חתם סופר געזאָגט אַז ער קען אים זאָגן ווער עס זענען די צוויי בעסטע לומדים אין דער ישיבה: איציקל פרענקיל, שפּעטערדיגער רב אין קראָלע, און מאיר אייזענשטאַט, דער מהר"ם א"ש. זאָל ער זיי איטליכן פאַרהערן און אויסוויילן וועלכער פון זיי געפעלט אים בעסער.

רבי יואב האָט מיט זיי ביידע גערעדט אין לערנען במשך פון דער גאַנצער נאַכט. אויף צומאָרגנס איז ער צוריק צום חתם סופר און אים געזאָגט אַז ביידע געפעלן אים גאָר שטאַרק. בעט ער דער חתם סופר זאָל אים העלפן באַשליסן. זאָגט אים דער חתם סופר: ברענג דיין טאָכטער און זאָל זי אויסוועלן הטוב בעיניה.

רבי יואב האָט געברענגט זיין טאָכטער קיין מאַטערסדאָרף און האָט נאָכאַמאָל גערעדט מיט די צוויי בחורים אין לערנען אַזוי אַז זיין טאָכטער זאָל זיי ביידע קענען זען. רבי יואב האָט איר געפרעגט וועלכער פון די צוויי געפעלט איר. האָט זי געענטפערט אַז "ביידע געפעלן איר".

ווען רבי יואב האָט איבערגעזאָגט פאַר'ן חתם סופר אַז זיין טאָכטער זאָגט אַז ביידע, האָט ער געגעבן אַ ציטער. דער חתם סופר האָט געהייסן וואַרפן אַ גורל. אַזוי האָט מען געטאָן און ר' יצחק פרענקל'ס נאָמען איז אַרויסקומען אויפ'ן גורל.

זי האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט ר' יצחק פרענקל. ליידער האָט ר' יצחק פרענקל נישט מאריך ימים געווען. די אלמנה, די טאָכטער פון רבי יואב, האָט דאַן חתונה געהאַט בזיווג שני צו נישט קיין צווייטן ווי – רבי מאיר אייזענשטאַט, דער מהר"ם א"ש. ס'איז דאַן למפרע געוואָרן פאַרשטענדליך פאַרוואָס דער חתם סופר האָט געגעבן אַ ציטער ווען רבי יואב ראָזענבוים האָט אים געזאָגט די ווערטער פון זיין טאָכטער: ביידע.

אין שו"ת חת"ס חיו"ד איז דאָ אַ תשובה, תשובה שמ"ט, וואו דער חתם סופר איז מתיר פאַר הגה"ק רבי מאיר א"ש חתונה צו האָבן נאָך אין די צוועלף חדשים למיתת אשתו הראשונה. אויף דער אלמנה שרייבט דער חתם סופר: "בת ת"ח גדול, אלמנת ת"ח גדול".

און אַן אינטערעסאַנטער אגב: וואו איז דער מהר"ם א"ש געווען אַן איידעם בזיווג ראשון? בזיווג ראשון איז דער מהר"ם א"ש געווען אַן איידעם ביי הגאון רבי דוד דייטש בעל "אהל דוד". ביידע דעם מהר"ם א"ש'ס ערשטער שווער, רבי דוד דייטש, און זיין צווייטער שווער, רבי יואב, זענען עס די וואָס ווערן געברענגט אין דער אויבנדערמאַנטער תשובה אין חלק ו' סימן ס"ד, ביי דער מעשה מיט "הילד מצעהלים".

## "העכער", נישט "גרעסער"

ער פלעגט לערנען זיינע אַרומיגע צו זיין אָפּגעהיטן און פּאָרזיכטיג אין די ווערטער וואָס זיי נוצן.

הג"ר יצחק לייב שרייבער זצ"ל, זון פון דעת סופר זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט דער חתם סופר געפּרואווט נעמען אַ ספר וואָס איז געלעגן אויף אַ הויך פּלאַץ אין שראַנק. רופט זיך אָן דער הויז בחור: "דער רבי זאָל מיך עס לאָזן נעמען, איך בין גרעסער". האָט אים דער חתם סופר געזאָגט: "גרעסער? זאָג נישט גרעסער, זאָג העכער". (ארחות הסופר, פרק י"א עמוד קכ"ב, ד"ה קפיד בלישנא).

## ברית כרותה לשפתיים - ושגגה היוצא מלפני השליט

אין דער תשובה צו רבי דוד דייטש וועגן דעם קינד פון צעהלים, אַז דאָס קינד איז אַוועק צוליב די ווערטער פון די גדולי ישראל כשגגה היוצא מהשליט, "ולא נפיש זכותי' דההוא ינוקא ואבותיו מזכותי' דמר שמואל וינוקי' דשכיבא על דברת רב פנחס אחוהי במועד קטן י"ח ע"א". די גמרא דערציילט דאָרט אַז פנחס, אַ ברודער פון דעם אמורא שמואל, איז אַמאָל געזעסן שבעה ל"ע. ווען זיין ברודער שמואל איז אים געקומען מנחם אבל זיין האָט ער געזען ווי ער האָט לאַנגע נעגל. האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער שניידט נישט אָפּ זיינע נעגל, ווייל שמואל האָט געהאַלטן אַז אַן אבל מעג זיך שניידן די נעגל. האָט אים פנחס געזאָגט: "ווען דו וואָלסט געזעסן שבעה וואָלסטו געשניטן דיינע נעגל?". זאָגט די גמרא אַז פנחס' ווערטער זענען געווען כשגגה היוצא מפי השליט און קורץ דערנאָך איז אַ קרוב פון שמואל נפטר געוואָרן ל"ע און ער איז געזעסן שבעה. ווען פנחס איז אים געקומען מנחם אבל זיין האָט אים שמואל געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט נזהר געווען אין זיינע ווערטער, וואָרום ברית כרותה לשפתיים.

דאָס מיינט דער חתם סופר צו זאָגן מיט "ולא נפיש זכותי' דההוא ינוקא ואבותיו מזכותו' דמר שמואל וינוקי' דשכיבא על דברת רב פנחס אחוהי במועד קטן". דאָס קינד אין צעהלים און זיינע עלטערן האָבן נישט געהאַט מער זכותים ווי דער אמורא שמואל, ניצול צו ווערן פון ווערטער וואָס זענען כשגגה היוצא.

דעם ענין פון היטן דעם דיבור צוליב ברית כרותה לשפתיים אָדער צוליב כשגגה היוצא מלפני השליט געפינען מיר מערערע מאָל אין חז"ל.

"אמר רבי יוחנן מנין שברית כרותה לשפתיים שנאמר (בראשית כ"ב, ה) 'ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכה עד כה ונשתחוה ונשובה אליכם' ואיסתייעא מילתא דהדור תרווייהו" (מועד קטן י"ח.).

יעקב אבינו האָט געזאָגט צו לבן "עם אשר תמצא את אלוהיך לא יחיה נגד אחינו הכר לך מה עמדי וקח לך, ולא ידע יעקב כי רחל גנבתם". זאָגט דער מדרש, אַז ווייל יעקב האָט געזאָגט לא יחיה איז רחל געשטאָרבן אונטערוועגנס, כאָטש יעקב האָט נישט געוואוסט אַז רחל האָט גענומען די תרפים. "עם אשר תמצא את אלוהיך לא יחיה, והוה כן, (קהלת י, ה) כשגגה היוצאה מלפני השליט. (בראשית רבה פרשה עד סימן ט').

דער חינוך אין מצוה רל"א שרייבט: "כי בהיות הנפש המדברת שבאדם חלק עליוני, וכמו שכתוב (בראשית ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים' ותרגם אונקלוס לרוח ממללא, נתן בה כח רב לפעול אפי' במה שהוא חוץ ממנה, ועל כן ידענו ונראה תמיד כי לפי חשיבות נפש האדם ודבקותה בעליונים כנפש הצדיקים והחסידים, ימהרו דבריהם לפעול בכל מה שידברו עליו, וזה דבר ידוע ומפורסם בין יודעי דעת ומביני מדע".

אויב איז דאָס אַזוי ביי יעדן מענטש, אַז דער דיבור האָט אַ נאַטירליכן כח, – "עקימת שפתיים הוי מעשה" – איז דאָס פילפאַכיג מער אַזוי ביי אַ פה קדוש וטהור. הגאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל שרייבט אין "קובץ שיעורים (כתובות סב, ב, אות ר"ח): הדיבור של פה קדוש פועל בטבע אפילו בלי שום כונה, כמו שנאמר 'ואשים דברי בפיך לנטוע שמים ולחסד ארץ', והוא כמו הגרזן החוצב גם בלא כונה רק מטבעו, כן הוא גם דיבור האדם".

אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר ברענגט רבי יוסף נפתלי שטערן אין נאָמען פון זיין זיידן רבי זעקל פּאָלאַק אַז ווען מען האָט אין דער ישיבה געלערנט מסכת חולין האָט ער געהייסן לערנען שנעל "כי אין קץ להרפתקאות שעברו עליו מעת התחיל מס' זו, על כן ממהר לסיים".

אין זיין ספר הזכרון שרייבט דער חתם סופר אַז איידער מען האָט אָנגעהויבן מסכת חולין האָט ער גוזר תענית געווען "וגזרתי יום א' תענית קודם התחלת המסכת כמבואר בספר חסידים להתענות קודם לימוד חולין

ויבמות, גם יש בזה עוד הרגש למבין״״.

## ״אויף פרוידע״

דער חתם סופר האָט מקפיד געווען נישט צו וואונשן ״אויף שמחות״, נאָר צו זאָגן ״אויף פריידן״, – אָדער ווי ער פלעגט עס זאָגן אויף דויטשמעריש אידיש: ״אויף פרוידע״.

דאָס איז געווען דערפאַר ווייל הלכות אבילות רופט מען דאָך ״הלכות שמחות״, האָט ער נישט געוואָלט זאָגן אויף שמחות. (מנהגי רבותינו והליכותיהם פרק כ״ו הערה קנ״א).

דער חידוש איז: דער מנהג העולם צו זאָגן הלכות שמחות איז בכדי נישט צו זאָגן הלכות אבילות. דאָך האָט דער חתם סופר מקפיד געווען דערויף.

## די סוגיא פון ״מתוך״

זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב ברענגט אין חוט המשולש (עמ׳ רע״ז) אַז דעם חתם סופר׳ס תלמידים האָבן אים מפציר געווען ער זאָל מיט זיי לערנען מסכת ביצה. דער חתם סופר האָט נאָכגעגעבן זייער פאַרלאַנג. ער האָט זיי אָבער געזאָגט ״שזה לא לטובתם מה שבחרו להם מסכת זו. וכאשר הגיע החתם סופר לדף י״ב בסוגיא דמתוך פסק, כי עלתה נשמתו הקדושה השמימה. והיה שגור בפי כל מאמר חז״ל: אל יפטור אדם מחבירו אלא ״מתוך״ דבר הלכה״.

בנו ממלא מקומו דער כתב סופר האָט פאָרגעזעצט פאָרלערנען דאָרט וואו דער חתם סופר האָט פאַרענדיגט אין מסכת ביצה.

## אויך דער כתב סופר און רבי שמעון סופר

אין ״אהל לאה״, די פתיחה צו כתב סופר על התורה, שרייבן דעם כתב סופר׳ס קינדער, אַז אויך דער כתב סופר איז געווען אַ גברא דקפדנא. ער האָט צום ביישפיל מקפיד געווען מען זאָל נישט זאָגן אַז עמיצער איז קראַנק. נאָר ״נישט געזונט״. (ווי די גמרא זאָגט אין נדרים דף מ אויף רבא: ״יומא קדמאה דחלוש אמר לא תיגלו לאיניש, דלא לתרע מזליה״. זאָגט דאָרט דער מהרש״א: ״כענין שאמרו במועד קטן ברית כרותה לשפתיים ואל יפתח פה לשטן לומר שהוא חולה״).

אין טאָג פון דער הסתלקות פון כתב סופר האָט מען אין דער ישיבה געלערנט מסכת גיטין דף ס״ו. דער כתב סופר האָט געקווענקלט צי ער זאָל לערנען די משנה, צוליב דעם לשון פון דער משנה אויף דעם בלאַט. ער האָט אָבער באַשלאָסן גאָרנישט אויסצולאָזן נאָר לערנען אין דער ריי. יענעם טאָג איז געווען דער טאָג וואָס נשבה ארון אלוקים פון דעם רבן של ישראל דער כתב סופר.

אויך דעם חתם סופר׳ס זון רבי שמעון סופר איז געווען אַ גברא דקפדנא וואָס האָט מקפיד געווען אויף נישט גוטע סימנים.

אין חוט המשולש איז געדרוקט דער מכתב תנחומים וואָס רבי שמעון סופר האָט געשיקט צו די קינדער פון כתב סופר קיין פרעשבורג נאָך דער הסתלקות פון כתב סופר. שרייבט דער קראָקעווער רב, אַז זיין משפחה און זיינע מקורבים האָבן פון אים אויסבאַהאַלטן די ידיעה וועגן דער הסתלקות פון זיין ברודער דער כתב סופר. ״דעו נאמנה כי בני ביתי ואנשי עדתי בראותם רפיון כחי וחולשת מזגי מרוב צערי ויגוני מצום ובכי והשתטח על קברי צדיקים, ולא אני בלבד כי כל בני קהלתי ותינוקת של בית רבן אתי עמי, הסתירו ממני ולא רצו נתון אותי להלוך כי יראו לנפשי – ולא נודע לי מפטירת אחי הגאון זצ״ל עד יום ג׳ פ׳ שמות בבוקר אחר התפילה, כי גם אז לא הוגד לי אך מצאתי את חתני נ״י מעיין בהלכות אבילות והיה כמו שער בנפשי, מן אז עד היום עיני תדמע ולא תגרע, כשל בעוני כחי״.

ווייטער שרייבט ער אין דעם בריוו:

״השתוממתי על המראה, ומן השמים נגלה לי, כי בפסוקים האלו רמז גדול על אחי הגאון זצ״ל, הבט נא וראה, הפלא ופלא״.

## ״לסיים בדבר טוב״

טאַקע אַלס גברא דקפדנא האָט דער חתם סופר מקפיד געווען צו פאַרענדיגן יעדע דרשה, און אפילו יעדן שמועס, מיט אַ דבר טוב. אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר שרייבט רבי יוסף נפתלי שטערן: ״ברוב דרשות של מרן תמצא ׳לסיים בטוב׳, או ׳לסיים בדבר טוב׳. כן היה דרכו של רבינו״.

אין די הערות צו מנהגי חתם סופר שרייבט רבי יוסף נפתלי: ״כגברא דקפדנא סיים תמיד בדבר טוב בחידושי אגדה, תשובותיו, ואפילו בשיחת חולין״.

אינטערעסאַנט איז, אַז נישט בלויז נאָכ׳ן דערמאַנען ענינים פון חולה ומיתה חלילה שרייבט ער תמיד באַלד דערנאָך ״ולסיים בדבר טוב״ נאָר אויך נאָכ׳ן מעורר זיין אָדער זיך מתאונן זיין אויף פירצות הדת שרייבט ער באַלד דערנאָך ״ולסיים בדבר טוב״.

למשל: אין שאלות ותשובות חתם סופר ח״ו סי׳ ס״א איז ער מאריך איבער ״רעה חולי ראיתי בעו״ה לבי לחוקקי ישראל רבותי הקדושים בדור הזה התחילו לתת ידים במה שהנהיגו לדפוס ספרים בלי נטילת הסכמה״. שרייבט ער באַלד דערנאָך: ״ואסיים בדבר טוב עקבות משיחא אעורר על דברי רמב״ן בפ׳ בראשית״.

## דאָס וואָרט פון בעל הפלא״ה אויף פרק ״אף על פי״

ווען מיר ענדיגן דעם היינטיגן אַרטיקל מיט אַ דבר טוב, מיט אַ גוט וואָרט, פון חתם סופר׳ס רבי דער בעל הפלא״ה, איבער דעם עניין פון אָנפאַנגען מיט אַ דבר טוב.

דער פינפטער פרק אין מסכת כתובות איז פרק ״אף על פי״. פרעגט דער בעל הפלא״ה: וויאַזוי האָט רבינו הקדוש געקענט אָנפאַנגען דעם פרק מיט דעם וואָרט ״אף״, דער מדרש זאָגט דאָך (בראשית רבה י״ט ב׳) ״ארבעה הן שפתחו באף ונאבדו באף – נחש, שר האופים, קרח והמן״?

ענטפערט דער בעל הפלא״ה: די תורה איז דאָך אַ סם חיים. די תורה איז ממתיק די דינים און פאַרוואַנדלט זיי אין רחמים. מסכת כתובות האָט 13 פרקים קעגן די י״ג מדות שהתורה נדרשת בהם וואָס לויט ווי דער אר״י הקדוש זאָגט זענען זיי קעגן די י״ג מדות הרחמים. די פינפטע מדה איז דאָך ״ארך אפים״. האָט רבינו הקדוש אָנגעהויבן דעם פינפטן פרק מיט ״אף״, ווייל די תורה איז מהפך די מדת הדין פון ״אף״ און איז עס מהפך צו מדת הרחמים פון ארך אפים.

[פאָרזעצונג קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

מד

# דער הייליגער חתם סופר



**דן געווען לכף זכות דיינים און רבנים, אפילו ווען זיי מאַכן אַ טעות – תפלה למשה; זיין עבודת התפילה – האָט רבי עקיבא איגר באַזוכט אין שטוב פון חתם סופר? – רבי אברהם הלוי שישאַ ז"ל פון לאָנדאָן**

[פאָרזעצונג פון פריער]

אין עטליכע פאָלגנדע מאמרים וועלן מיר אי"ה אין יעדן אַרטיקל קאָנדענסירן מערערע ענינים: דרכים און הנהגות; תשובות און השקפות; מהלכים און פאַסירונגען אין לעבן און שאַפן פון הייליגן חתם סופר.

אין עטליכע פריערדיגע מאמרים האָבן מיר געברענגט ענינים פון רבנות, – און ביים סוף וועגן רבנים וואָס זענען נישט געווען ראוי לאותה איצטלא. וועלן מיר פאַרענדיגן די טעמע מיט זיין השקפה און שטעלונג כלפי ערליכע רבנים, וויאַזוי ער פלעגט זיי פאַרטיידיגן און שיצן אויף זייער כבוד. זיין שטעלונג אַז למען השלום איז וויכטיג צו פאַרקוקן אפילו אויב די ערליכע רבנים און דיינים האָבן געמאַכט אַמאָל אַ טעות.

## "יודיעהו בחשאי, ולא בקולי קולות"

אין שו"ת חת"ס חלק יו"ד סי' נ"ג רעדט ער וועגן אַ דיין וואָס האָט מתיר געווען אַ געוויסע שאלה. שרייבט ער: "ויען שב יעקב מתיר בהפ"מ, א"כ אין לנו להחמיר על הכלים האלו, ונחוס על כבוד המורה שהוא למדן עכ"פ, אע"ג דהשתא הכא לא טב הורה, יודיעהו בחשאי, ולא בקולי קולות. וגם הוא ישמע ויאזין ויקבל. ומה' ישמור רגליו מלכד ויברך אתכם בשלום".

אין דער שטאָט סאָבאָטיש האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה אַרום דער פראַגע פון יאָ אָדער נישט מאַכן אַן הוספה פון "אחרון" שבת ביים לייענען. שרייבט דער חתם סופר צום דאָרטיגן רב: "היות כי לקחה אזני שמץ מדברי ריבות בשעריו, והעיקר בינו ובין התורני מה' איצק ליב משם, אודות הוספות אחרון בכל שבת. ואם כי בעיקר הדין נ"ל שהדין עם מעלתו כאשר אבאר אי"ה, מ"מ אין שלום יוצא מתוך מריבה, וכל נתיבותיה שלום כתיב. ואחז"ל מפני דרכי שלום כהן קורא ראשון וכו' דלא ליתי לאנצויי. ואיך ח"ו נרבה בקוראים להרבות במחלוקת?... ע"כ מה טוב ומה נעים כי תשמעו בקולי וישמע אליכם אלקים והעז' שלום ביניכם שלוה בארמונותיכם יהי כן ה' עמכם וכו'. ופתחתי בשלום ובו אסיים, שעכ"פ יהי' כבוד הרב מחול ויהי' רך כקנה ולא קשה כארז ח"ו, ולא יאמרו הרב כמה קשה וכו'. וישבני על נכון משלום הקהל בכלל, ושלומו ושלום תורתו ישגא כאות נפשו ונפש אוהבו הטרוד מאוד". (חאו"ח סי' ק"ע).

אַ קהלה האָט אים אָנגעפרעגט אויף וועלכער זייט צו בויען די טיר פון דער שול. נאָכ'ן שרייבן זיין בירור הלכה פירט ער אויס, אַז אויב זיין פסק קען חלילה פירן צו מחלוקת בעט ער נישט אָנצונעמען זיין פסק – נאָר בויען אויף סיי וועלכער זייט:

"והנה הארכתי קצת ובארתי כל חלקי הסותר והבונה האפשרי לפי קט שכלי שיהי' שלום הכל שלום, ופתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים. אך אם חלילה יתעוררו מדנים עבור זה ויהי' פתח בית ה' ח"ו דומה לבידקי דמיא דרווח תיגרא בעשק ושיטנא ח"ו, לא תהי' כזאת בישראל, יפתחו פתח תקוה לאיזה צד שירצו ולא יתקוטטו ח"ו עבור זה כי גדול השלום. אמנם אקוה כי עם ה' ישמעו ויאזינו ולא יריבו עלי' ויקראו רחובות כי הרחיב וירחיב מקום אלקי ישראל וירום קרנם לרומם בית אלוקינו ותחזו עינינו בשובו לציון ברחמים ואתהלכה ברחבה בב"א". (שו"ת חאו"ח סי' כ"ז).

יעדן ערליכן רב אָדער דיין פלעגט ער דן זיין לכף זכות, – אפילו אויב יענער האָט געמאַכט אַמאָל אַ טעות: "וכל הדברים הללו פשוטים וחלילה לי לחשוד לדיין היושב על מדין שיטעה באלה, אלא מחמת כעס ומריבה באַ לכלל טעות, ומכאן ולהבא הוו מתונים בדין ויהי' ה' עמכם בדבר המשפט. הכ"ד החותם בברכה א"נ לת"ח הראוי לאהוב". (חלק אהע"ז סי ק"ה).

אין אַן אַנדערער תשובה שרייבט ער: "במותב תלתא כחדא הוינא כד אתא מכתבו הנעים והאיר על עבר פנינו, וראינו כי היטב חרה לו למעכ"ת על הרב המסדר הגט בק"ק פלונית שהשמיט לכתחילה אות יו"ד מן דהוית,

וגם שלא היתה שורה א' מעורה בתוך אותו הגט. והנה גם בעינינו יפלא מאוד מה ראה על ככה, והאמת כי היה מהראוי שלא לעיין בהא מילתא כלל ולהחזיר הגט ליד הרב המסדר ויתקן את אשר עיוות, אך גדול כבוד התורה ולא קטלי קני באגמא הוא הרב הנ"ל וירא ה' מרבים וזכות אבותיו מסייעו, וגם כי כתב מכ"ת שאפשר שיש קצת עיגון בזה, וחזינא לדעתיה דפר"מ נוטה להכשיר, ע"כ לא נטיתי מדרכיו וכו'" (חלק אהע"ז סי' מז).

## תפלה למשה - נאָטיצן וועגן זיין עבודת התפילה

- מיום עמדו על דעתו האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין מחשבה זרה ביים דאַווענען. (זיין אייניקל הגה"צ דער ערלויער רב זצ"ל אין דער הקדמה צו תורת משה וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן דער כתב סופר: "שלשה דברים סח לי מר אבי הגאון (החתם סופר) ז"ל. א: מיום עמדי על דעתי לא התפללתי תפלה במחשבה זרה. ב: מימי לא עלה על לבי שום מחשבת כבוד וגאוה בלמדי תורה ברבים. ג: ומימי אם כי התנהגתי את עצמי וביתי בכבוד ותפארת לא היתה כונתי להתגדל, – רק לשמה". (אויך "חוט המשולש" עמוד קכ"ג).
- ביי אַלע דריי תפילות פון טאָג האָט ער פאַרגאָסן טרערן ביים דאַווענען. (דער כתב סופר אין זיין הספד אויף זיין טאַטן: "תפלתו ג' פעמים בכל יום בדמעות שליש, אשר לשמע אוזן שמעתי מפיו הקדוש שגם בימי ילדותו בלב נשבר ונדכה ובכוונה רבה התפלל כמו לעת זקנותו". דרשות כתב סופר עמוד ק"נ. זע אויך רבי עקיבא יוסף שלעזינגער אין "לב העברי" דף פ"ה: "העידו לי תלמידיו שמעולם לא ראו אותו בתפלה בלא דמעות").
- אַלע תפילות האָט ער געדאַוונט שטייענדיג אויף די פיס, פון אָנהויב ביזן סוף. (זיין תלמיד הג"ר יעקב ליכטשטיין. ספר מנהגי רבותינו והליכותיהם אות פ"ג).
- זיין טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן ע"ה האָט דערציילט: "מיין טאַטע האָט געהאַט דריי טליתים אין וועלכע ער האָט געדאַוונט. כמעט יעדן חודש האָט מען געמוזט אויסוואַשן איין טלית צוליב די פילע טרערן וואָס ער האָט פאַרגאָסן ביים דאַווענען פון וואָס דער טלית איז געוואָרן שוואַרץ". (ארחות הסופר עמ' פה).
- טראָץ דעם וואָס ער האָט געדאַוונט נאָר נוסח אשכנז האָט ער געדאַוונט אין אַ סידור האריז"ל.
- דער ישמח משה האָט אַמאָל געזאָגט ברבים אַז ער האָט געזען ווי דער רמב"ם און דער רמב"ן שטייען איינער ביי דעם חתם סופר'ס רעכטער זייט און דער צווייטער ביי זיין לינקער זייט בשעת זיין דאַווענען, און רבבות תנאים און אמוראים שטייען אַרום זיי. (רבי יהודה גרינוואַלד אין דער הקדמה צו ספר שירת משה).
- פון קינדוווייז אָן האָט ער שטאַרק מאריך געווען ביים דאַווענען. זיינע חברים האָבן אים אַמאָל געטשעפּעט אַז אין דער צייט וואָס ער דאַוונט נאָך האָבן זיי שוין באַוויזן דורכצולערנען אַ סימן שולחן ערוך מיט מגן אברהם, האָט ער זיי געענטפערט: די חז"ל זאָגן דאָך אַז המאריך בתפילתו מאריכין לו ימיו ושנותיו, וועט ער נאָך האָבן גענוג צייט דורכצולערנען אַסאַך סימנים אין שולחן ערוך. (חוט המשולש עמוד כ"ו ד"ה בהיותו).
- דעם חתם סופר'ס תלמידים האָבן אַמאָל גערעדט וועגן זיין אריכות ביים דאַווענען. האָט ער זיי געזאָגט: "איך דאַווען לאַנג? וויסן זאָלט איר אַז ביי מיין רבי'ן רבי נתן אַדלער כאָטש מיר, זיינע תלמידים, האָבן אויך נישט געדאַוונט שנעל, אָבער ווען מיר האָבן פרייטאָג צונאַכטס פאַרענדיגט דאַווענען קבלת שבת זענען מיר געגאַנגען צו אונזערע אכסניות, האָבן געמאַכט קידוש און געגעסן די יויך. ווען מיר זענען צוריק אין בית המדרש איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען און געדאַוונט. (הג"ר אברהם סופר, אַרויסגעבער פון די מאירי'ס, זון פון ערלויער רב בעל התעוררת תשובה, אין דעם מבוא צו סידור חתם סופר).





**געמאָלן בילד פון הגה"צ רבי שמעון סופר זצ"ל בעל "מכתב סופר" און זיין מצבה אויפ'ן בית עלמין אין קראקא**

- ער איז אַמאָל געווען אויף אָפּרו אין דער שטאָט יערגן, ווען זיין תלמיד דער מהר"ם שיק איז דאָרט געווען רב. האָט ער געדאַוונט שמונה עשרה גאָר שנעל און אויסגעטרעטן פאַר'ן מהר"ם שיק. ווען דער בעל תפילה האָט געוואָלט אָנהייבן די הויכע שמונה עשרה האָט דער חתם סופר אים נישט געלאָזט. "דאָ איז דער מהר"ם שיק דער מרא דאתרא". (הג"ר אשר אנשיל קליין זצ"ל אין ספר מהר"ם שיק פרקי אבות, תשנ"ג, עמוד ק"נ, אין נאָמען פון רבי שמחה בונם סופר וואָס האָט דאָס געהערט פון זיין זיידן דער בעל דעת סופר. זע אויך הג"ר יצחק צבי בערנפעלד, אין מבוא צו סידור חתם סופר).
- ער האָט מתפלל געווען אויפ'ן דור יעדן טאָג פון זיין לעבן. (דער מהר"ם א"ש אין זיין הספד אויפ'ן חתם סופר אין זיין ספר "אמרי יושר").
- "לשם יחוד" פלעגט ער נישט זאָגן צוליב דעם וואָס דער נודע ביהודה איז קעגן זאָגן לשם יחוד אין שו"ת נודע ביהודה יו"ד סי' צ"ו. הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן אין "שער יוסף" אויף דרשת חתם סופר (ח"ג עמוד ע"ד) ברענגט פון אַ כתב יד פון חתם סופר אין וועלכן ער שרייבט: "שיש אומרים קודם עשיית המצות ולימוד התורה לשם יחוד דקוב"ה ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם בשם כל ישראל, וכבר העיד בעל חות יאיר ז"ל כי אינו יודע פירושו כי סודו רם ונשגב, ואני נמנע מלאומרו כלל".

פונדעסטוועגן, כאָטש ער האָט נישט געזאָגט לשם יחוד מחמת כבודו פון נודע ביהודה, האָט זיין זון רבי שמעון סופר זצ"ל דערציילט אַז ער האָט געזאָגט אַז ער איז מקנא די וואָס זאָגן עס יאָ. אַזוי שרייבט הגאון רבי מנחם קרענגיל זצ"ל אין שם הגדולים החדש.

ר' מנחם קערנגיל זצ"ל איז געווען דיין אין קראָקע און אַ תלמיד פון קראָקעווער רב רבי שמעון סופר זצ"ל. ר' מנחם קרענגיל האָט מחבר געווען אַסאַך ספרים. אַממערסטן איז ער אָבער באַקאַנט מיט דעם

"שם הגדולים" פון חיד"א וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַלס "שם הגדולים החדש", מיט פילע אייגענע הוספות. שרייבט ער אין זיין שם הגדולים: "עוד שמעתי מכאדמו"ר הגאון מה"ר שמעון סופר זצ"ל בעל מכתב סופר שאמר משמיה דאבוה בעל שו"ת חת"ס ז"ל, אף שהיה נוהג בעצמו שלא לומר לשם יחוד משום קפידת הגאון בעל נודע ביהודה ז"ל, עם כל זאת לפעמים היה מקנא באותן האומרים אותו".

אין זיין הקדמה צו רבי שמעון סופר'ס מכתב סופר (ח"א עמ' ה' באר רחובות) ברענגט הג"ר יוסף נפתלי שטערן פון אַ כתב יד פון חתם סופר (חידושים משנת תקנ"ד-תקנ"ט) וואו דער חתם סופר שרייבט אַז טראָץ דעם וואָס "ואני נמנע מלאמרו" זאָגט דער חתם סופר אָבער פשט אין לשם יחוד: "ע"ד מ"ש אומרים קודם עשיית המצוות ולימוד התורה לשם ייחוד וכו' וכבר העיד בכל חידושי הצל"ח ז"ל כי אינו יודע פירושו כי סודו רם ונשגב, ואני נמנע מלאמרו כלל, ועיין בסידור מהריעב"ץ בהקדמתו, מ"מ לפי פשוטו הכוונה וכו'".

- דער חתם סופר פלעגט זאָגן: "דער סידור איז דער באַראָמעטער מיט וואָס מען קען מעסטן יעדנ'ס אידישקייט". ("מנהגי רבותינו", פ"א הערב מג).

# האָט רבי עקיבא איגר באַזוכט אין שטוב פון חתם סופר?

אין קאַפּיטל ל"ט האָבן מיר געבראַכט די מעשה וואָס די וועלט דערציילט וועגן הגאון רבי עקיבא איגר'ס באַזוך אין שטוב פון חתם סופר נאָכדעם וואָס דער חתם סופר האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט מיט זיין זיווג שלישי. אַז אַזוי ווי מען האָט פון רבי עקיבא איגר געהאַט פאַרהוילן די ידיעה וועגן דער פטירה פון זיין טאָכטער, דעם חתם סופר'ס זיווג שני, האָט דער חתם סופר געבעטן פון זיין דריטע רעביצין אַז ווען ער וועט זיין פאַרטיפט מיט רבי עקיבא איגר אין אַ שמועס אין לערנען זאָל זי פרעגן "וואָס מאַכט דער טאַטע", אַזוי אַז רבי עקיבא איגר זאָל מיינען אַז דאָס איז זיין טאָכטער די זיווג שני. וכך הוה.

מיר האָבן געשריבן אַז טראָץ דעם וואָס די מעשה איז שטאַרק באַקאַנט האָט דאָס אָבער נישט קיין שום פאַרלעסליכן מקור און אַז פילע צווייפלען טאַקע אין דער קראַנטקייט פון דער מעשה.

מאַנכע האָבן אונז אַריינגעשיקט "דאָקומענטאַציע" פון בעלי מספרים וואָס פאַרציילן די מעשה, און אפילו פון געוויסע ליטווישע ראשי ישיבות וואָס האָבן דערציילט און געשריבן די מעשה.

ווען מיר ערשט ברענגען וואָס עס זאָגט וועגן דעם איינער פון די גרעסטע מומחים פון לעצטיגן דור אין די תולדות און תורות פון חתם סופר: זיין אייניקל דער ביבליאָגראַף הרבני מו"ה אברהם שישאַ ז"ל פון לאָנדאָן.

אָט איז וואָס רבי אברהם שישאַ שרייבט וועגן דעם (איבערגעזעצט אויף אידיש):

א. "רבי עקיבא איגר און דער חתם סופר שרייבן קיינמאָל נישט פון אַזאַ נסיעה פון רבי עקיבא איגר קיין פּרעשבורג. די תלמידים, קינדער און אייניקלעך פון חתם סופר שרייבן קיין איינער נישט פון אַזאַ באַזוך אָדער נסיעה. דער חתן סופר אין דער הקדמה צו זיין ספר חתן סופר שרייבט וועגן זיין זיידן רבי עקיבא איגר: "הוא לא נסע מעולם למרחקים בלעדי פעם אחת לארץ מולדתו לק"ק אייזענשטאַט, ופעמיים ושלוש לנישואי ילדיו אשר במרחקים". פרעגט רבי אברהם שישאַ: "האם לא ידע החתן סופר מביקור דנן?".

ב. "מיט דער רבנית בזיווג שליש האָט דער חתם סופר חתונה געהאַט ח"י אדר שנת תקצ"ה. רבי עקיבא איגר איז דאַן געווען 70 יאָר אַלט. רבי עקיבא איגר איז נפטר געוואָרן י"ג תשרי תקצ"ח. דער באַזוך האָט לויט דעם געמוזט פאָרקומען די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר פון זיין לעבן: צווישן ח"י אדר שנת תקצ"ה ביז סוף תקצ"ז. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן ווייסן מיר אָבער איז רבי עקיבא איגר געווען גאָר שוואַך און נישט געזונט. ס'איז פשוט אוממעגליך ער זאָל האָבן מיטגעמאַכט אַזאַ נסיעה פון פּאָזען קיין פּרעשבורג, אַ מרחק וואָס האָט יענע צייטן מיט פערד און וואָגן גענומען עטליכע וואָכן".

ג. "נאָך אַ נקודה", שרייבט רבי אברהם שישאַ. "פון דער מעשה קומט אויס אַז דער שר התורה און רב און מנהיג פון איינעם פון די גרעסטע און חשוב'סטע קהילות אין יענער צייט, איז געווען אַזאַ בטלן אַז מען האָט אים געקענט פאַרנאַרן אַז אַ פרעמדע איז זיין טאָכטער".

ד. די וואָס שרייבן און דערציילן די מעשה זאָגן אַז רבי עקיבא איגר האָט דאַן געוויילט במשך פון אַרום אַ וואָך אין שטוב פון חתם סופר. קומט אויס אַז שבת איז ער אויך געווען דאָרט. "וכידוע בבית מרן החתם סופר אכלו בש"ק את כל הסעודות יחד, אב ואם בנים ובנות". האָט מען אים אויך ביי דער סעודה געקענט פאַרפירן?

ה. רבי עקיבא איגר איז כסדר געשטאַנען בקשר מכתבים מיט זיין טאָכטער שרל, די צווייטע רעביצן פון חתם סופר. (טייל פון די אינטערעסאַנטע בריוו האָבן מיר ציטירט אין פריערדיגע אַרטיקלען). פרעגט רבי אברהם שישאַ: איז דאָס מעגליך אַז אַ טאָכטער פאַר וועמען ער האָט אַזויפיל געזאָרגט און צו וועמען ער איז געווען אַזוי טריי און איבערגעבן איז געווען גענוג אַ "וואָס מאַכט דער טאַטע", און מער נישט?

צום סוף ברענגט רבי אברהם שישאַ פון הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, וועלכער האָט געזאָגט אַז די מעשה איז נישט אמת. אויך אַנדערע ברענגען די עדות'שאַפט פון הגרי"צ דושינסקי. (אוצרות הסופר י"ב און ספר "סופרי המלך" עמוד קע"ז).

אין קובץ "תרעא חדתא", תשס"ח, ברענגט הרה"ג רבי שמעון הירשלער שליט"א פון לאָנדאָן, אין נאָמען פון הרה"צ אדמו"ר מהרי"ם מראַכמיסטריווקע זצ"ל, אַז די אייניקלעך פון חתם סופר זענען אַלע מכחיש די מעשה.

ווי מיר האָבן שוין געברענגט אין אַ פריערדיג אַרטיקל זאָגט דער חתם סופר אין זיין הספד אויף זיין שווער רבי עקיבא איגר אַז זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן אַזוי משתוקק געווען אים צו זען אָבער האָבן צום סוף נישט זוכה געווען דערצו: "כן אנחנו היום הזה פה בניו וחתניו ובני אחיו ואחיותיו של אדונינו הקדוש זצ"ל והמה כולם היו מיחלים ומצפים יום יום מתי נזכה לראות פניו – ולא זכיתם לראותו" (דרשות חת"ס ח"ב עמ' ש"צ). איז דאָך קלאָר אַז רבי עקיבא איגר האָט נישט באַזוכט ביים חתם סופר אין פּרעשבורג אין לויף פון די פריערדיגע צוויי יאָר.

# רבי אברהם הלוי שישאַ ז"ל

כיון שהזכירו: אין אַ ביאָגראַפישע סעריע וועגן חתם סופר איז פּאַקטיש נישט מער ווי ריכטיג און דוקא וויכטיג פאָרצושטעלן רבי אברהם הלוי שישאַ ז"ל.

רבי אברהם הלוי שישאַ ז"ל איז געווען אַן איש האשכולות, אַ חכם און אַ תלמיד חכם, אַ ידען מופלג און אַ טאַלאַנטפולער שרייבער.

אַ געבוירענער אין שאָפּראָן (אין שנת תרע"ה) איז ער אין עלטער פון 12 יאָר געפאָרן לערנען קיין גאַלאַנטע, וואו ער איז געוואָרן אַ תלמיד מובהק פון גאַלאַנטער רב הרה"ג רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל הי"ד. זיבן יאָר האָט ער געלערנט אין גאַלאַנטע. דער גאַלאַנטער רב שרייבט אויף אים: "אחד היה אברהם הבחור החרוץ והשנון בקי ומופלא בחדרי תורה ויראת ה' אוצרו".

כדי צו פאַרמיידן איינגערופן צו ווערן אין מיליטער איז ער אין שנת תרצ"ד אַנטלאָפן קיין וויען, עסטרייך, וואו ער האָט זיך מסתופף געווען ביי די גדולי ישראל וואָס האָבן זיך געפונען אין וויען, איינשליסנדיג דער ראָגאָטשאָווער גאון זצ"ל, וואָס רבי אברהם איז געווען פון דעם מנין ביי זיין יציאת נשמה אין וויענער שפּיטאָל. רבי אברהם האָט יאָרן שפּעטער דאָס ערשטע מאָל געדרוקט תשובות און בריוו פון ראָגאָטשאָווער גאון וואָס זענען נאָך געווען בכתב יד.

בשעת'ן דייטשן "אַנשלוס" אין שנת תרצ"ח, ווען די נאַציס האָבן איינגענומען און אָקופּירט עסטרייך, האָט ר' אברהם זיך געראַטעוועט קיין ענגלאַנד. דאָרט איז ער געווען צווישן די וויענער בחורים וואָס האָבן זיך געבעטן ביי הגאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד ער זאָל פאַרבלייבן אין ענגלאַנד און נישט צוריקפאָרן קיין ליטע, – וואָס רבי אלחנן האָט אָפּגעוואָרפן, זאָגנדיג אַז ער וויל טיילן דעם זעלבן גורל ווי די אידן אין אייראָפּע.

אין ענגלאַנד האָט ר' אברהם שישאַ קודם געאַרבעט ביי דעם ספרדי'שן גביר ר' דוד ששון ז"ל, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון כתב יד'ן און אַנטיק ספרים. זייענדיג אַ תלמיד חכם און אַ חקרן איז רבי אברהם געוואָרן אַ וועלטס באַרימטער ביבליאָגראַף, אַ מומחה אויף ספרים און אויף שאַפן רשימות פון ספרים און כתבי יד. אין שנת תשט"ו האָט ער דאָס ערשטע מאָל געדרוקט "דרשות הראב"ד לראש השנה" פון אַ כתב יד, און אַנדערע כתבי הראשונים.

זייענדיג אַן אייניקל פון חתם סופר איז ער דאָס גאַנצע לעבן געווען דבוק אין חתם סופר, און איז געוואָרן פון די גרעסטע און געניטסטע מומחים אויף די תורות, כתבים און תולדות פון חתם סופר.

די אַרויסגעבער פון די חידושי תורות, תשובות און מאַנוסקריפּטן פון חתם סופר, ווי הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן און הגאון רבי יששכר דוב גאָלדשטיין אב"ד חוג חתם סופר פון ירושלים, האָבן זיך כסדר געשריבן, דורכגערעדט און באַראָטן מיט אים.

במשך פון די יאָרן האָט ר' אברהם שישאַ געשריבן צענדליגער מאמרים אין תורה זשורנאַלן.


קובץ
סופרי המלך - זכור לאברהם
חלק ב'
והיא קובץ מכתבים ופנינים
מאת אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע
מלוקט ומקובץ מתוך אוסף הרבני החשוב
מו"ה רבי אברהם שישא סג"ל ז"ל
משאפראן - לונדון
נערך ונסדר על ידי
הרב יום טוב ליפמאן ראקאוו
רב ביהמ"ד היכל התורה

**ספר "סופרי המלך" קובץ מכתבים פון רבי אברהם הלוי שישאַ ז"ל – אַרויסגעגעבן דורך הגאון רבי יו"ט ליפּמאַן ראַקאָוו שליט"א**

ער האָט אויך פאַרעפנטליכט חידושים, הליכות והלכות, בריוו און הנהגות פון חתם סופר, און פון זיינע קינדער און אייניקלעך.

רבי אברהם איז געווען אַ ברודער פון די שישאַ ברידער, רבי בצלאל און רבי שמואל בנימין שישאַ, פון שאָפּראָן אין וויליאַמסבורג. רבי אברהם איז געשטאַנען בקשרי מכתבים מיטן שאָפּראָנער רב, הגה"צ רבי שמעון ישראל פּאָזען, בעל "תורת אל"ף זצ"ל.

מיר וועלן ציטירן פון אַ בריוו צו אים פון שאָפּראָנער רב אין וועלכן דער שאָפּראָנער רב איז אים מחזק מפרסם צו זיין די כתבי יד וואָס ער האָט פון חתם סופר:

"כבוד אהובי ידי"נ ורב חביבי הרבני היקר ירא ושלם כמו"ה אברהם סג"ל שישא שליט"א"

"כאשר היית במחיצתי, ובידך תכריך של שטרות מכתבי קודש, קצתם מקדושת זקינך מאור עינינו החתם סופר ז"ל, ורובם כי"ק של חותנו גאון יעקב רבי עקיבא איגר ז"ל, וראיתי שעדיין לא ברור לך אם הוא נחוץ להדפיסם, על כן באתי לזרזך, באשר לדידי מה דבעי לך פשיטא לי מאוד, שהוא לא לבד מצוה רבה, אלא אולי חיוב הוא ליתן אותם לדפוס, כדי לחלקם ביעקב, שיהנו מאור קדוש זה גם אחרים, כי המעט אשר ראיתי יעיד על הכלל כולו, האיך טובא גניז בדברים קדושים אלה, וכמה הילכתא גבירתא איכא למילף מינייהו".

"וגם איגרות אשר אינם נכתבים להלכה, אך רואים אנו בהם הנהגות טובות אשר נהגו בהם אבות העולם ז"ל, אשר כל רואה אותם ישמח להתחמם נגד אורם. וכבר אמרתי לך, הלא הוא ק"ו בן בנו של ק"ו, אם אומות העולם מדפיסים דברי הבל של חכמיהם אשר רובם אין תכלית בהם כלל, אנו, שיודעים אנו אפילו שיחת חולין של חכמי ישראל קדושים צריכים לימוד, בודאי כל מה שאנו מוצאים דברים שכתבו, ולבם דבוק במקור הקדושה, הוא לנו בכלל חביבים דברי סופרים. על כן בודאי הזמין לך הקב"ה מצוה רבה לזכות את הרבים...

**הק' שמעון ישראל פּאָזען.**

ז"ך מרחשון תשע"א איז רבי אברהם שישאַ נפטר געוואָרן אַ זקן ושבע ימים. מיט זעקס יאָר צוריק, אין תשע"ח, האָבן הרה"ג רבי יו"ט ליפּמאַן ראַקאָוו, רב פון ביהמ"ד היכל התורה אין לאָנדאָן, און רבי אברהם'ס זון, הרה"ג רבי יוסף שישאַ, מו"ץ בגאָלדערס גרין שליט"א, געדרוקט אַ ספר "סופרי המלך", אַן אוצר בלום מיט חידושי תורה, הליכות ומנהגים, עיונים ובירורים פון רבי אברהם שישאַ'ס כתבים.

חוץ די דברי תורה און מחקרים וואָס רבי אברהם האָט פאַרעפנטליכט האָט ער אויך געשריבן און פאַרעפנטליכט ערשט קלאַסיגע פּאָלעמישע מאמרים קעגן געוויסע פּראָפעסאָרן פון רעליגיעז ציוניסטישע קרייזן וועלכע האָבן געפּרואווט פעלשן און מסלף זיין דעם חתם סופר'ס השקפות בנוגע ארץ ישראל.

פאַראַן כתבים און מאמרים פון רבי אברהם שישא וואָס זענען נאָך אַלץ בכתב יד, איינשליסנדיג אַ ספר וואָס רבי אברהם האָט געשריבן קעגן יונתן אלכסנדרזאָהן'ס "תומך כבוד". האָפּנטליך וועלן די מאַנוסקריפּטן און מאמרים בקרוב געדרוקט און פאַרעפנטליכט ווערן אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**ר' יוסף חוטינער – הזהרו בגחלתן – דאָס ידידות צווישן חתם סופר און רבי ישראל שקלאָווער – די תלמידי בעל שם, די תלמידי הגר"א און די תלמידים פון חתם סופר, די גרינדער פונעם "ישוב הישן" – הינטערגרונט: "רבי יהודה חסיד" פון דער חורבה – די איבער 100 יאָר וואָס אשכנזי'שע אידן זענען געווען פאַרבאָטן פון וואוינען אין ירושלים**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "הזהרו בגחלתן" - דער שד"ר ר' יוסף חוטינער

אין שנת תקצ"ג האָט דער ישמח משה זיך געווענדעט צום חתם סופר בעטנדיג ער זאָל אָננעמען אַ דין תורה צווישן דעם שד"ר, דער משולח, פון דעם כולל פרושים, די ליטווישע תלמידי הגר"א אין ארץ ישראל, און דעם שד"ר פון דעם כולל חסידים. אין דעם בריוו שרייבט דער ישמח משה אַז אַזויווי ער איז אַ חסיד וועלן מענטשן מיינען אַז ער איז נוטה צו איין צד אין דעם קאָנפליקט. וויל ער נישט אָננעמען די דין תורה. דער חתם סופר דאַקעגן איז דאָך נייטראַל, וועלן אַלע האָבן צוטרוי צו זיין פסק.

דער ישמח משה שרייבט: "כי בעיני המון אני נוגע בדבר, באמרם שאני מכת החסידים, ולא אדון אנכי בדבר, רק תבואו לפני הרב הגאון דפרעשבורג נ"י לנצח, שהוא שווה לשני הצדדים וכפי אשר יצא מפיו הקדוש כן יקום".

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין אַ פריערדיג אַרטיקל אין וועלכן מיר האָבן געשילדערט די באַציאונגען צווישן חתם סופר און דעם ישמח משה באַקלאָגט זיך דער חתם סופר פאַרוואָס עס זענען בכלל פאַראַן צוויי באַזונדערע כוללים. אָבער אַזויווי די באַזונדערע כוללים עקזיסטירן שוין למעשה האָט דער חתם סופר מפשר געווען צווישן זיי. דער שד"ר – שלוחא דרבנן – פון די חסידים זאָל זאַמלען געלט אין אונטערלאַנד, דער חסידי'שער ראַיאָן פון אונגאַרן, בעת דער שד"ר פון די פרושים זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף אויבערלאַנד, דער נישט חסידי'שער טייל פון אונגאַרן.

וועלן מיר אַצינד שרייבן דעם אויספיר פון דער פרשה – דער אויפטרייסעלנדיגער אויספיר פון "הוי זהיר בגחלתן", וויאַזוי הקב"ה תובע ליקרייהו דצדיקיא.

דער שד"ר פון די חסידים האָט געהייסן ר' יוסף חוטינער און דער שד"ר פון די פרושים האָט געהייסן ר' צבי הירש. ר' יוסף חוטינער האָט זיך מתחצף געווען און נישט געוואָלט אָננעמען דעם פסק פון חתם סופר. לויט דעם חתם סופר'ס פסק האָט דער שד"ר פון די חסידים געמוזט געבן די געלטער וואָס ער זאַמלט יאָ אין אויבערלאַנד פאַר דעם כולל פרושים און דער שד"ר פון די פרושים האָט געמוזט געבן פאַר'ן כולל חסידים דאָס געלט וואָס ער זאַמלט אין אונטערלאַנד. ר' יוסף חוטינער האָט אָבער נישט אַזוי געטאָן. ער האָט געזאַמלט סיי אין אויבערלאַנד און סיי אין אונטערלאַנד און אַלעס גענומען פאַר'ן חסידי'שן כולל. גאָרנישט פאַר די פרושים.

לויט ווי דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש איז דער חתם סופר אַמאָל געזעסן ביי אַ מסיבה מיט תלמידי חכמים און ר' יוסף חוטינער האָט זיך דאָרט גענומען רעדן לשון הרע'ס אויף הגאון רבי ישראל שקלאָווער זצ"ל, דער בעל "פאת השולחן" ובעל "תקלין חדתין", דער מנהיג פון דער קהילה פון די פרושים אין ירושלים.

דער חתם סופר האָט אים דריי מאָל געבעטן ער זאָל אויפהערן רעדן די לשון הרע'ס. ער האָט אים געוואָרנט נישט צו רעדן אויף איינעם פון די גרעסטע גדולי ישראל. ווען ער האָט דריי מאָל איגנאָרירט דעם חתם סופר'ס נזיפות און ווייטער גערעדט האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן: "איך וואונדער מיך צי דער מענטש וועט זוכה זיין צו קומען צו קבורה אין ארץ ישראל, וואָרום עס שטייט דאָך 'איש לשון בל יכון בארץ' ".

מיט 26 יאָר צוריק איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אַ בריוו בכתב יד קדשו פון חתם סופר אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט אַז חוטינער האָט באַרעדט אים, דעם חתם סופר אַליין. ער איז אַרומגעפאָרן איבער אונגאַרן באַזידלען און שימפן דעם חתם סופר.

אין דעם באָרובער קובץ **"כרם שלמה"** פון אלול תשנ"ח איז געווען געדרוקט אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן כ"ב תמוז תקצ"ו צו זיין ידיד רבי הירש לעהרן פון אַמסטערדאַם. שרייבט דער חתם סופר: "מה שכתב פר"מ כבודו אולי שמעתי דברים מפי אחרים על החיטינער, אמת הוא

שכתבו לי כמה אגרות מגדולי תלמידי מקצה אונגאַרין שכתבו שלא יכול אזן לשמוע דברי חירופים וגדופיו עלי, אבל חלילה לי לעשות בי רושם אפילו כל שהו".

שרייבט ווייטער דער חתם סופר: "אך הוא בכתיבת ידו כתב אלי אגרת מאוהעל בקללות נמרצות, ולא די לו, אלא שכתב שבבואו אל ארץ הקודש יקבץ אנשים ונשים וטף יצעיקו עלי על קברי צדיקים, אשר סמר בשרי מדברים ההמה, ואם הוא עדיין בחיים יתן ה' בלבו שלא יעשה כאשר זמם, וממני הכל מחול הכל שרא לו".

"ואם הוא עדיין בחיים" שרייבט דער חתם סופר אין דעם בריוו. ער האָט מסופק געווען צי ער לעבט נאָך. איז פאַראַן אַ בריוו פון בלויז איין וואָך שפּעטער אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט אַז חוטינער האָט געצאָלט גאָר אַ טייערע פּרייז פאַר'ן מעליב זיין במלאכי אלוקים. ער האָט באַצאָלט מיט'ן לעבן. דער חתם סופר שרייבט:

"ר' יוסף חיטינער וכו' פוער פיו עלי לבלי חוק, ובעוה"ר נהרג בין קושטנטינא לארץ ישראל על ידי הספן ואיבד גופו וכל ממון המקובץ כמה אלפים". חוטינער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם שיפס-קאַפּיטאַן אויפ'ן וועג פון קאָנסטאַנטין קיין ארץ ישראל. זיין קערפּער און דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געזאַמלט זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

אויך אין אַ בריוו צום "מראה יחזקאל", רבי יחזקאל פּאַנעט זצ"ל אב"ד קאַרלסבורג, שרייבט דער חתם סופר:

"אשתקד היה במדינתנו שליח החסידים ר' יוסף חוטינער, וקיבץ הכל לחסידים, מבלי לתת לפרושים אפילו פרוטה אחת, והפר חוק, עד בלי חוק, ובעוה"ר נהרג בין קונסטאַנטינה לארץ ישראל על ידי הספן, ואיבד גופו וכל ממון המקובץ כמה אלפים. תנצב"ה. והנה רמכ"ת מתעסק במצוה רבה, ימחול עכ"פ לשלוח לידי, ומידי יבוא להם בעזהי"ת".

די קאָנקורענץ און מחלוקת'ן צווישן די שדרי"ם פון די כוללים אין ארץ ישראל האָט נישט אינגאַנצן נאָכגעלאָזט. ביז סוף ימיו האָט מען זיך אַלץ געווענדעט צום חתם סופר ער זאָל זיין דער מפשר. אין "חוט המשולש" עמוד קי"ז אין די הערות ווערט געברענגט אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן ממש סוף ימיו, אלול פון שנת תקצ"ט, אין וועלכן ער דערציילט וויאַזוי ער האָט מזהיר געווען אַ געוויסן שד"ר וואָס האָט אויך געוואַגט צו רעדן אויף רבי ישראל שקלאָווער. דער חתם סופר דערציילט וועגן צוויי שדרי"ם, ר' יוסף חוטינער און אַ געוויסער רבי מרדכי קלמן, וועלכע האָבן ביידע ל"ע געהאַט אַ מיאוס'ן סוף פאַר'ן רעדן אויף רבי ישראל שקלאָווער. דער חתם סופר דערציילט וועגן אַ געוויסן ר' שלמה וואָס איז אַ מספר אחר מטתו פון רבי ישראל שקלאָווער, אָן דעם וואָס ער זאָל וויסן אַז רבי ישראל איז לעצטנס נפטר געוואָרן. אויסצוגן פון דעם בריוו:

"תחל שנה וברכותיה לידידי הרב המופלג השד"ר כמה"ו אברהם נ"י, שליח ציון, יהי' ה' עמו... הלוטה פה קבלתי מטריעסט, וזה ר' שלמה הרחיב פיו וספר אחר מטתו של ת"ח כי הוא לא ידע כי נלקח ארון אלקים (הגאון רבי ישראל משקלאב) ביום ט' סיון בטבריה, ואני כתבתי לו שיהי' זהיר ברוחו ויקח מוסר מר"י חוטינער ור"מ קלמן ע"ה דתרווייהו שקלו למטרפסיהו".

# דאָס ידידות צווישן דעם חתם סופר און הגאון רבי ישראל שקלאָווער

שקלאָוו איז אַ שטעטל אין רייסין, ווייס-רוסלאַנד, די היינטיגע בעלאַרוס. אין דער תקופה פון וואָס מיר רעדן דאָ האָט שקלאָוו באַלאַנגט צו ליטע און פוילן.

די מערסטע תלמידי הגר"א אויסער ווילנע האָבן זיך געפונען אין שקלאָוו. שקלאָוו איז אין יענער צייט געווען אַן עיר מלאה חכמים וסופרים, וואו אויך די בעלי בתים און אפילו די בעלי עגלות זענען געווען תלמידי חכמים מופלגים.

הגאון רבי שמואל אויערבאַך פלעגט נאָכזאָגן וואָס זיין פאָטער הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך פלעגט אָפט דערציילן פאַר זיינע קינדער. אַ שקלאָווער בעל עגלה איז אַמאָל אַריין אין אַ קרעטשמע צו דערכאַפּן זיך מיט אַ גלעזל משקה. אין דער קרעטשמע האָבן זיך געפונען אַנדערע שקלאָווער בעלי עגלות וועלכע האָבן גערעדט אין לערנען. האָט דער בעל עגלה זיי געזאָגט אַ חידוש אויף דער סוגיא פון וואָס זיי האָבן גערעדט. האָבן אים די איבריגע בעלי עגלה באַפאַלן: ווי קענסטו זאָגן אַ זאַך וואָס איז אַ סתירה צו אַ בפירוש'ע משנה אין טהרות? דער בעל עגלה איז געוואָרן אַזוי דערשיטערט פון דעם פאַקט וואָס ער איז געווען אַ טועה בדבר משנה אַז ער האָט אָפּגעלאָזט זיין פרנסה, אויפגעגעבן די פערד און וואָגן, און אויף צוויי יאָר האָט ער זיך געזעצט אין בית המדרש לערנען יומם ולילה.

שקלאָוו איז אויך געווען אַ הויפּט פעסטונג פון מתנגדים. דער ערשטער חרם פון די מתנגדים קעגן חסידים איז אויסגערופן געוואָרן אין שקלאָוו, נאָך איידער ער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין ווילנע.

נאָך דער הסתלקות פון גר"א האָבן אַ גרופּע פון זיינע תלמידים עולה געווען קיין ארץ ישראל. די תלמידים פון שקלאָוו זענען עס געווען די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער קבוצה. הגאון רבי מענדל שקלאָווער, הגאון רבי ישראל שקלאָווער, רבי סעדיה שקלאָווער און רבי אברהם שלמה זלמן צורף. כאָטש אויך אין ארץ ישראל האָבן זיי געגרינדעט קהילות באַזונדער פון די חסידים וואָס האָבן זיך שוין געפונען דאָרט פון פריער, און באַזונדערע כוללים, און האָבן פאַר אַ צייט אפילו געוואוינט אין באַזונדערע שטעט ווי די חסידים, זענען אָבער די חרמים וקונמות אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. מיט דער צייט האָט עקזיסטירט אַ פרידליכע קאָ-עקזיסטענץ צווישן די קהילות.

אין ארץ ישראל האָבן די תלמידי הגר"א זיך מער נישט גערופן "מתנגדים", ווי זיי פלעגן זיך רופן אין דער ליטע, נאָר "פרושים", וואָס האָט בעיקר באַדייט אַז זיי האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל זיך פורש צו זיין פון הבלי עולם הזה. צו ווידמען די פאַרבליבענע יאָרן על התורה ועל העבודה, – וואָס איז פאַקטיש געווען דער ציל פון אַלע וואָס פלעגן עולה זיין קיין ארץ ישראל.

די באַציאונגען צווישן דעם חתם סופר און רבי ישראל שקלאָווער זענען מסתמא אָנגעקניפּט געוואָרן דורך די בריוו וואָס רבי ישראל, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דעם כולל פרושים אין טבריה און דערנאָך אין צפת, האָט געשיקט מיט זיינע שדרי"ם צום חתם סופר קיין פּרעשבורג.

דורך דעם בריוו אויסטויש, די חליפת מכתבים און שאלות ותשובות, האָט דער חתם סופר געזען די געוואַלדיגע גדלות בתורה פון רבי ישראל משקלאָוו. דער חתם סופר האָט אים באַטראַכט אַלס איינעם פון די גרעסטע גדולי הדור.

ווי שטאַרק דער חתם סופר האָט אים מעריך געווען איז צו זען פון אַ תשובה צו אים, געדרוקט אין שו"ת חת"ס, חושן משפט סי' י"ב, וואו דער חתם סופר שרייבט אויף אים די טיטלען: "וכבוד ה' קרן צדיק ירים.... הגאון הגדול המפורסם.... נר ישראל עמוד הימיני פ"ה כקש"ת מו"ה ישראל נ"י... פקיד נגיד אלוקים על כולל פרושים דק"ק צפת תובב"א".

אַזעלכע טיטלען ווי "נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק" געפינט מען צווישן די תשובות פון חתם סופר בלויז צו יחידים פון יענעם דור. בלויז צו

הגאון רבי עקיבא איגר און הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות.

אין דער תשובה שרייבט דער חתם סופר ווייטער: "פקודתו שמרה רוחי ועיינתי בדבריו הקדושים... וגם כי אינני כדאי שישלח לי... ולדבר מול גדולי ישראל.... וענות צדקו דמר נ"י גזר עלי לעיין בדבריו". דער חתם סופר פירט אויס די תשובה מיט: "וכפס"ד של בי"ד הגדול של הגאון מו"ה ישראל נ"י כה יהיה וכה יקום... וכל המערער על פס"ד של בד"צ הנ"ל ענש יענש..."

אין שנת תקצ"ז איז פאָרגעקומען דער שרעקליכער ערדציטערניש אין צפת. רבי ישראל שקלאָווער האָט דאַן געשריבן אַ לאַנגן בריוו צום חתם סופר אין וועלכן ער דערציילט אים וועגן די פילע הרוגים רח"ל, וועגן די גרויסע שאָדנס און איבער דעם נס ההצלה, וויאַזוי ער און זיין פאמיליע זענען ניצול געוואָרן. דער בריוו איז געדרוקט אין אגרות סופרים מכתב ס"ב. דעם בריוו האָט דער חתם סופר ערהאַלטן ב' אייר. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַ הספד אין דער גרויסער שול אין פרעשבורג "על מיתת צדיקים ועל חורבן ארץ הגליל". דער הספד איז געדרוקט אין תורת משה פ' אמור און אין דרשות חתם סופר דף ש"צ. (זע דאָרט די הערות פון הג"ר יוסף נפתלי שטערן).

אין דעם הספד שרייבט דער חתם סופר: "והיום הגיעני מכתב מירושלים הקדושה מקדוש ה' ידידנו גאון ישראל מהו' ישראל בעהמ"ח פאת השולחן, בריך רחמנא דיהביה לן ע"ד נתת ליראיך נס להתנוסס... והנה בלי ספק רוח ה' נתנוססה בו...".

## "רבי יהודה חסיד" פון דער חורבה שול

מענין לענין: דער ישוב אין ארץ ישראל וואָס איז באַקאַנט אַלס דער "ישוב הישן", איז געגרינדעט געוואָרן דורך דריי גרופעס עולים: תלמידי בעל שם, תלמידי הגר"א און תלמידים פון חתם סופר. די תלמידים פון די דריי גדולי ומאורי ישראל האָבן זיך פאַרמירט און געלאָזט זייער חותם אויף וואָס ס'איז שפעטער, און ביז היינט, באַקאַנט אַלס דער "ישוב הישן" פון ארץ ישראל און פון ירושלים.

אַלס אַן אַריינפיר איז וויכטיג צו שילדערן דעם הינטערגרונט.

אַביסל געשיכטע פון פריער.

אַ דור נאָך די גזירות פון ת"ח ות"ט, אין שנת תנ"ז, האָט אַ איד מיט'ן נאָמען רבי יהודה סג"ל, אַ דרשן אין דער שטאָט שעדליץ (אָדער שידלאָווצע) אין דער ליטע, אָרגאַניזירט אַ גרופע עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. ער איז נישט געפאָרן גלייך קיין ארץ ישראל נאָר אויפ'ן וועג איז ער במשך פון דריי יאָר אַרומגעפאָרן מיט זיין קבוצה – וואָס האָט פון אָנפאַנג געציילט 31 משפחות – איבער אַלע לענדער פון מזרח און צענטראַל אייראָפּע. במשך פון די דריי יאָר האָבן זיך אין זיי אָנגעשלאָסן אַלץ מער און מער מיטרייזנדע. צו דער זעלבער צייט זענען אַנדערע אַוועקגעפאַלן.

ראש חודש חשון שנת תס"א איז די גרופע וואָס האָט דאַן געציילט 1500 נפשות אָנגעקומען קיין ירושלים. דערמיט האָט זיך געטאָפּלט די אידישע באַפעלקערונג אין ירושלים, וועלכע האָט פאַר דעם געציילט אויף אַרום 1200 צו 1500 נפשות, ביז דאַן כמעט אויסשליסליך ספרדי'שע אידן. די אידישע באַפעלקערונג איבער דער גאַנצער וועלט האָט דאַן אגב געציילט אַ מיליאָן נפשות.

אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל האָבן זיך אין רבי יהודה חסיד'ס קבוצה אָנגעשלאָסן אַסאַך אָפענע און באַהאַלטענע שבתי צבי'ניקעס. אַ שעדליכן איינפלוס אויף דער גרופע האָט געהאַט אַ געוויסער חיים מלאך, אַ גיפטיגער שבתי צבי'ניק וועלכער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער גרופע.

רבי יהודה איז אָנגערופן געוואָרן "רבי יהודה חסיד" צוליב זיין אמת'ע



די חורבה שול מיט איבער 100 יאָר צוריק

אָדער געמאַכטע פרומקייט. צוליב דעם צונאָמען פאַרטוישן אים פילע מיט'ן רבי'ן פון די חסידי אשכנז וועלכער האָט געלעבט מיט 500 יאָר פריער, דער הייליגער רבי יהודה החסיד פון רעגנסבורג, בעל מחבר פון "ספר חסידים" און פון צוואות רבי יהודה החסיד, פון די בעלי התוספות.

אָנקומענדיג קיין ירושלים האָט רבי יהודה חסיד אָפּגעקויפט אַ ליידיגן חצר וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער רמב"ן שול און נעבן דער שול פון של"ה הקדוש, וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל מיט 100 יאָר פריער. דעם חצר האָט ער אָפּגעקויפט פון די אַראַבער, וועלכע האָבן דאָס אויף אַראַביש גערופן "דיר אל שכנאז", וואָס מיינט דער הויף פון די אשכנזים.

דער יעב"ץ, אין "תורת הקנאות" האַלט, אַז רבי יהודה החסיד גופא איז אויך געווען אַ שבתאי. אָט איז וואָס דער עמדין שרייבט צווישן אַנדערן אין זיין ספר "תורת הקנאות" וועגן זיין התנהגות נאָך אין חוץ לארץ:

"אח"כ עמד ר' יהודה חסיד בבתי כנסיות ודרש תוכחת בהתעוררות גדול ובכיה רבת, ועשה רושם אצל המון העם, אף על פי שבאמת לא היה למדן כמו ששמעתי מפה קדוש אמ"ה ז"ל (אבי מורי הרב זכרונו לברכה), ושח לנו: שפעם אחת החכם פו"מ ר' העענדלי ע"ה בן פ"נ החכם המושלם המפורסם ר' משה בר' ליבש זצ"ל (שהית עמוד הימני לק"ק אלטונא – ופאר קציני אשכנז בזמנו) שאל לאביו שיאמר לו איך ומהו בעיניו המוכיח הלז. והשיב אותו דבר כאשר עם לבבו ויאמר: מה אומר לך בני לא עם הארץ חסיד".

"וזה רי"ח – לא לבד עשה דרשות של תוכחות בין האנשים, כי גם לבית הנשים הלך, והוציא ס"ת והביא עמו בחיקו לבית כנסת של נשים, ודרש שם דברי תוכחה לנשים והיה הדבר זר ותמוה לרבים, רק הטעו את ההמון לחשוב הכל לקדושת יתירה.... דבר שלא נשמע בישראל עד כה, ואפי' בימי הנביאים מצינו ירמי' וצפני' היו נביאי ה' שלוחים לאנשים, וחולדה אל הנשים, ואפי' לעתיד לבוא אחר שחיטת יצר הרע נאמר: וספדו משפחות משפחות לבד.

לכן על דבר זה בלבד היו ראוי להתנדותו לדעת. אעפ"כ לא עצרו כח הרבנים ז"ל למחות בידו דבר זה, לפי שהיו המון העם האנשים והנשים כרוכים אחריו, ומחזיקים אותו לאיש אלקי. (תורת הקנאות מהר"י יעבץ עמ' נ').

זעקס טעג נאָכ'ן אָנקומען קיין ירושלים, ו' חשון, איז רבי יהודה חסיד נפטר געוואָרן אין עלטער פון 41 יאָר.

זיינע מענטשן האָבן געדונגען אַראַבישע אַרבייטער צו בויען אַ בית המדרש אין דעם חצר. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט די מעגליכקייט צו באַצאָלן פאַר די אַרבייטער. די לאָקאַלע אידישע באַפעלקערונג איז נישט געווען וויליג זיי צו העלפן, בפרט ווען עס איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן אַז אַ טייל פון זיי זענען שבתאים.

טייל פון דער גרופע האָט זיך אומגעקערט קיין חוץ לארץ, אַנדערע זענען ל"ע אומגעקומען אין אַ מגיפה און די וואָס זענען געבליבן זענען געווען צעשפליטערט צווישן ש"צ'ניקעס און די קעגנער פון ש"צ. (געוויסע פון זיי האָבן זיך רח"ל געטויפט צו איסלאַם און געוויסע צום קריסטנטום ל"ע).

די אַראַבער האָבן גערעכנט גרויסע פּראָצענטן פאַר די געלטער וואָס מען איז זיי געבליבן שולדיג פאַר'ן בויען די שול. במשך פון צוואָנציג יאָר זענען די חובות אומגעהויער געוואַקסן. שבת קודש פרשת לך לך, ח' חשון שנת תפ"א, האָבן די אַראַבער דורכגעפירט אַ פּאָגראָם. אָט איז וויאַזוי ר' יהוסף שוואַרץ באַשרייבט דאָס אין זיין ספר "תבואות הארץ":

"באו הישמעאלים יושבי העיר פתאום לבית הכנסת הגדול של האשכנזים ויבעירו אש וישרפו כל הספרים וכל מלאכת העץ אשר בה, וארבעה ספרי תורה... ויתפשו כל גדולי ומנהיגי הקהל ויניחום במשמר, ואחר כך החזיקו בכל בתי הדיר-אל-שכנאַז – ויגרשו האשכנזים משם ומהם הלכו לחו"ל". (תבואות הארץ, ירושלים תר"ס, עמ' תע"א).

די רבי יהודה חסיד שול האָבן די אַראַבער אינגאַנצן חרוב געמאַכט. זינט דאַן איז די חורבה אין אַלט-שטאָט באַקאַנט געוואָרן אַלס "חורבת רבי יהודה חסיד", אָדער די חורבה שול.

פון דעמאָלט אָן איז פאַר אשכנזי'שע אידן געווען פאַרבאָטן צו וואוינען אין ירושלים. די אַראַבער האָבן יעדן אשכנזי'שן איד געהאַלטן פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם חוב. במשך פון איבער הונדערט יאָר האָבן אשכנזי'שע אידן נישט געוואוינט אין ירושלים. די וואָס האָבן יאָ געוואוינט אין ירושלים, ווי הגה"ק רבי גרשון קיטעווער, דער שוואָגער פון בעל שם טוב, וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל אין שנת תק"ז און האָט געוואוינט אין ירושלים, זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ספרדי'שן לבוש.

אין שנת תקצ"ו האָט ר' אברהם שלמה זלמן צורף, פון די פירער פון די פרושים די תלמידי הגר"א, באַוויזן זיך אויסצוגלייכן מיט די אַראַבער דורך אויסצאָלן טייל פון די חובות און אָפּקויפן די חורבת רבי יהודה חסיד. ערשט דאַן זענען אשכנזים אָפיציעל צוריק ערלויבט געוואָרן צו וואוינען אין ירושלים.

פינף יאָר נאָך דער הסתלקות פון בעל שם הקדוש אין שנת תק"ך, זענען עטליכע פון זיינע תלמידים געפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין גליל, אין צפת און טבריה. די ערשטע זענען געווען רבי מנחם מענדל מפּרעמישלאַן און רבי נחמן האָראָדענקער אין שנת תקכ"ה. מיט עטליכע יאָר שפּעטער, אין שנת תקל"ז, נאָך דער הסתלקות פון מעזריטשער מגיד, האָבן עולה געווען רבי מענדלע וויטעבסקער, רבי אברהם קאַליסקער און רבי ישראל מפּאַלוצק.

מיט 32 יאָר שפּעטער, אין שנת תקס"ט, האָבן עולה געווען די ערשטע תלמידים פון גר"א, און שפּעטער תלמידים פון חתם סופר. איז אינטערעסאַנט: די תלמידי הבעש"ט און די תלמידי הגר"א האָבן עולה געווען אויף זייערע עלטערע יאָרן, ווען זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין קינדער אין שטוב און האָבן געוואָלט זיך אויסלעבן די עלטערע יאָרן אויסשליסליך על התורה ועל העבודה, אָן צו טראָגן אויף זיך דעם עול פון פרנסה און אַנדערע גשמיות'דיגע דאגות. דאַקעגן די תלמידים פון חתם סופר וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל זענען נאָך געווען גאָר יונג. טייל פון זיי, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זענען נאָך געווען בחורים.

רבי צבי הירש לעהרין, דער גביר און כלל טוער פון אַמסטערדאַם, וועלכער איז געווען אַ ידיד פון חתם סופר, האַלט אַז דאָס איז דערפאַר ווייל די תלמידים און תלמידי תלמידיו פון חתם סופר וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן דאָס געטאָן ווייל זיי זענען אַנטלאָפן פון די ווינטן פון רעפאָרם וואָס האָבן געבלאָזן אין פּרעשבורג און אין צענטראַל און מערב אייראָפּע.

הגאון רבי יונה לאַנדסדאָרפער, פון די גדולי ישראל אין די צייטן פון חכם צבי, בעל מחבר ספר "מעיל צדקה", איז געווען פון די אחרונים וואָס האָבן געהאַלטן ווי דער רמב"ן אַז מצוות ישוב ארץ ישראל איז נוהג בזמן הזה. ער איז אויך באַקאַנט מיט זיין פסק אַז די וואָס באַזעצן זיך אין ארץ ישראל מעגן דאָס נאָר טון אויב זיי זענען פאַרזיכערט מיט אַ מקור פאַר פרנסה.

כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע ברענגט דעם "מעיל צדקה" עטליכע מאָל אין ספה"ק ויואל משה. אין מאמר ישוב ארץ ישראל סי' מב עמוד רמ"ג שרייבט ער ווי פאָלגענד:

"ובתשובת מעיל צדקה סי' כ"ו אחר שהאריך בשיטתו כדעת הרמב"ן שהיא מ"ע וחיוב גדול לעלות לא"י מ"מ כתב אח"כ דצריך בתחילה תנאי אחד שיש לו מקום מוכן ומזומן שם להיות מצוי לו שם פרנסה בריוח, והביא כן מכמה פוסקים שכתבו דכל שאין לו שם פרנסה מוכנת עניות מעבירה על דעתו ועל דעת קונו ח"ו, וסיים לבסוף שכבר נהגו העם שאינם נוסעים עם בנים קטנים, והכל בשביל קושי השגת פרנסה שם שאינה מצוי' בקלות וחוב הוא לקטנים, וח"ו יש לחוש שיצאו לתרבות רעה עד לא יחזק שכלם עליהם לסבול חיי צער וכמה נשתקעו בזה, עכ"ל. והחתם סופר באהע"ז סי' קל"ב כתב על דבריו אלו שבמעיל צדקה שהם מתקו לחיך".

"ואפשר", שרייבט דער רבי ווייטער אין ויואל משה, "דבשביל טעם זה לא ציוה היעב"ץ ז"ל לבניו ליסע לארץ ישראל אלא אחר שישיאו את יוצ"ח, דאף שכתב שהארץ רחבת ידים גם במו"מ מכל מקום התנה תנאי שלא לרדוף אחר הבלי עולם. ונראה שהי' צורך למדת הסתפקות להסתפק במיעוט, וע"כ חשש להבנים שמא לא השלימו נפשם עדיין במדת הסתפקות וח"ו יזיק להם, גם בשאר מדות אם לא השלימו את נפשם חשש שלא יהיו ח"ו בכלל ותבואו ותטמאו את ארצי, כמ"ש היעב"ץ שם על רדיפה אחר הבלי העולם. וכבר הבאתי שגם על עצמו חש שעדיין לא הכין צידה לנפשו לעלות לא"י וזה פלא. גם הוא פלא שכל בניו של היעב"ץ ז"ל לא קיימו בזה צוואת אביהם ז"ל שלא נסעו לא"י אף שהיו כולם צדיקים וקדושים, ולהלן אדבר מזה. ועכ"פ זה וודאי ברור שלא אמרו מצוה זו של ישוב א"י אף לדעת הרמב"ן אלא להמקיימים כל התורה כולה, לא לעוברי עבירות ח"ו".

אויך הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעבסק נאָכ'ן עולה זיין קיין ארץ ישראל שרייבט אין אַ בריוו צו בני עליה פון זיינע חסידים וועלכע האָבן געוואָלט נאָכקומען זיך מסתופף צו זיין בצלו און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, שרייבט ער זיי: "ולרהוט לבוא אל אה"ק ממש הם רוצים לכבות האש בתבן, כי בכאן טירדת הפרנסה מטרידה עד למאוד ובפרט במילתא דתליי בי' טפלי, אם לא שיש ביכולת בידם להניח כמה מאות אדומים אצל בטוחים גדולים באיזה קהלה בכדי שישלחו להם הריווח מדי שנה בשנה תמידין כסדרן ולהתפרנס מן הריווח הי' טוב למאוד ואם אין יכולת בידם כנ"ל אזי עצתי לטובתם שיניחו מחשבה זאת ויחליטו בדעתם לישב במקומם והשי"ת יהי' בעזרם". (ליקוטי אמרים מכתב ב').

ווייטער וועגן די תלמידי הבעש"ט, תלמידי הגר"א און תלמידי החתם סופר וואָס האָבן געגרינדעט דעם ישוב הישן אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

מו

# דער הייליגער חתם סופר



**אונגאַרישע אידן און תלמידי החתם סופר פון די מייסדים פון ישוב הישן – אַנדערש ווי די תלמידי הבעש"ט און די תלמידי הגר"א האָבן די תלמידי החתם סופר זיך נישט באַזעצט אין גליל נאָר אויסשליסליך אין ירושלים – רבי עמרם חסידא וואָס האָט זיך באַזעצט אין צפת – דעם חתם סופר'ס הספד נאָך דער ערד-ציטערניש אין צפת**

[פאָרזעצונג פון פריער]

די תלמידי בעל שם וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל – אָנגעהויבן מיט רבי מענדעלע וויטעבסקער, רבי מנחם מענדל מפּרעמישלאַן און רבי נחמן האָראָדענקער אין שנת תקכ"ה, און דערנאָך רבי אברהם קאַליסקער אין שנת תקל"ז – האָבן זיך באַזעצט אין גליל: אין טבריה און אין צפת.

אויך די תלמידי הגר"א – אָנגעהויבן מיט רבי מענדל שקלאָווער אין שנת תקס"ח, דערנאָך דער תלמיד פון גר"א רבי סעדיה אין תקס"ט און רבי ישראל שקלאָווער אין תקס"ט – האָבן זיך אַלע באַזעצט אין גליל: אין טבריה און אין צפת.

## די ערי הקודש

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל האָט דאַן געציילט דריי הונדערט טויזנט נפשות. דערפון פינף טויזנט אידן. די אידן האָבן געוואוינט אין די פיר ערי הקודש: ירושלים, חברון, צפת און טבריה. דער טיטל "ערי הקודש" פאַר די פיר שטעט איז געווען רעלאַטיוו ניי. דעם טיטל פאַר די אַנדערע דריי שטעט אויסער ירושלים האָבן מיט עטליכע דורות פריער ערפינדן די שדרי"ם פון די כוללים וואָס זענען געפאָרן שאַפן געלט קיין חוץ לארץ.

כאָטש די טיטלען פון "עיר הקודש" פאַר די אַנדערע דריי שטעט אויסער ירושלים האָבן נישט קיין שום מקור אין נ"ך, אין חז"ל אָדער אין די ראשונים זענען זיי אָבער נישט אינגאַנצן אָן אַן אינהאַלט אָדער באַזע. יש להם על מה שיסמוכו.

ירושלים איז דאָך די עיר הקודש, צוליב קדושת המקדש און קדושת ירושלים. חברון איז די שטאָט וואו עס געפינט זיך די מערת המכפילה וואו עס ליגן די אבות ואמהות. אין טבריה געפינען זיך די קברים פון רבי מאיר בעל הנס, רבי עקיבא, דער רמב"ם, דער של"ה הקדוש און דער רמח"ל. טבריה ווערט אויך גערעכנט ווי אַן עיר המוקפת חומה מימות יהושע בן נון. אויך איז אין טבריה געווען דער לעצטער מושב הסנהדרין פאַר'ן חורבן בית שני. די פערטע פון די פיר ערי הקודש, צפת, איז דאָך די שטאָט פון אר"י הקדוש, פון בית יוסף, פון רבי משה קורדיווייראָ, פון אלשיך הקדוש, פון רבי שלמה אלקבץ און די גורי האר"י. און אַרום צפת געפינען זיך פילע קברי תנאים ואמוראים ווי אויך דער ציון הקדוש פון רבי שמעון בן יוחאי אויפ'ן נעבנדיגן הר מירון.

צוליב דעם פאַרבאָט אויף אשכנזי'שע אידן דאָרט צו וואוינען צוליב די חובות פון דער חורבת רבי יהודה חסיד האָבן אין ירושלים דאַן געוואוינט בלויז ספרדים. מיט זעכציג יאָר פריער איז רבי גרשון קיטובער געווען פון די געציילטע אשכנזים וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים. ער איז געווען דער איינציגער אשכנזי'שער צווישן די חכמי ישיבת המקובלים "בית א-ל".

די עטליכע אשכנזים וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים ווען די

תלמידי הגר"א, און פאַר דעם די תלמידי הבעש"ט, האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל זענען געווען קאַמופלאַזשירט אַלס ספרדים, גייענדיג אָנגעטאָן אין טערקיש-ספרדי'שע געשטרייפטע כאַלאַטן, וואָס איז דערנאָך געבליבן דער ירושלימער לבוש ביים שפעטערדיגן ישוב הישן. די עטליכע אשכנזים וואָס האָבן דאַן געוואוינט אין ירושלים האָבן אפילו נישט באַטראָפן אַ גאַנצער מנין.

## די ערשטע אידן פונעם ישוב הישן אין ירושלים

אין שנת תקע"ב האָט אין ארץ ישראל אויסגעבראָכן אַ שווערע מגיפה. די מגיפה האָט אָנגעהאַלטן צוויי יאָר און האָט הויפטזעכליך געבושעוועט אין גליל. טייל פון דער קהילה פון די פרושים, בראש מיט רבי מענדל שקלאָווער, זענען אַנטלאָפן פון צפת און האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים.

ווען די מגיפה האָט זיך געענדיגט זענען רוב צוריקגעפאָרן קיין צפת. געציילטע יחידים זענען געבליבן אין ירושלים, וואו זיי האָבן געגרינדעט אַן אשכנזי'שע קהילה. די קהילה איז באַשטאַנען פון 20 נפשות, בלויז 9 העכער בר מצוה. אינדערוואָכן האָבן זיי געדאַוונט מיט די ספרדים. שבת האָבן זיי געדאַוונט פאַר זיך. איין ספרדי האָט זיי געהאָלפן משלים זיין דעם מנין.

די ליטווישע פרושים וואָס זענען בעת דער מגיפה אין גליל אָנגעקומען קיין ירושלים זענען אָבער נישט געווען די ערשטע אשכנזים. צוויי אידן פון אונגאַרן האָבן שוין דאָרט געוואוינט, לכל הפחות איינער פון זיי אַ תלמיד פון חתם סופר.

אין שאלות ותשובות חתם סופר געפינען מיר אַ תשובה פון י"ב טבת תקס"ד אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט:

"וביום שמחת תורה העבר הגיע לידי מכתב מירושלים עה"ק מאחד מתלמידי היושבים שם, והאגרת נכתב ביום א' ט"ו אב העבר, ושם סיפר מגודל הדחק שיש להאשכנזים שמה וגודל שנאת הספרדים עליהם, ממש כמ"ש בפסקי מהרא"י הנ"ל (שו"ת ר' ישראל איסרלין, בעל תרומת הדשן, פסקים וכתבים סימן פ"ח). ושם נאמר שהרב הזה אשר אנו עוסקים בו היה שם לבז וכלימה, ואלמלא התלמיד הנ"ל הי' בעוזריו לא הכניסו אדם לביתו, ובסופו מסיים שראוי להכריז שאל יסע אדם לשם אם לא בכיס מלא מעות וכולי האי ואולי. (שו"ת חתם סופר אבן העזר ח"א סי' קל"ב).

די עטליכע תלמידי החתם סופר וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן דאָס געטאָן אָנגעהויבן אין שנת תק"ץ. אַנדערש ווי די תלמידי הבעש"ט און די תלמידי הגר"א וואָס האָבן עולה געווען נאָך דער הסתלקות פון בעל שם טוב און פון גר"א האָבן די תלמידים פון חתם סופר עולה געווען נאָך בחייו פון זייער רבי'ן.

נאָך אַ גרויסער אונטערשייד: בעת די חסידים און די פרושים האָבן זיך באַזעצט אין צפת און אין טבריה האָבן די תלמידים פון חתם סופר, אויפ'ן פאַרלאַנג און לויט דער הוראה פון חתם סופר, כמעט אַלע זיך באַזעצט אין ירושלים. דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז ס'איז אַ בזיון פאַר ירושלים עיר הקודש אויב אידן וואוינען אין פאַרשידענע אַנדערע שטעט און נאָר נישט אין ירושלים.



מצבה פון רבי עמרם חסידא אין צפת

## רבי עמרם חסידא (ראָזענבוים)

פון די געציילטע אויסנאַמען איז געווען אַן אונגאַרישער גאון וצדיק, נישט קיין תלמיד אָבער אַ ידיד פון חתם סופר, וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל און האָט זיך נישט באַזעצט אין ירושלים. אויף דער בקשה פון חתם סופר האָט ער געפלאַנט צו וואוינען אין ירושלים אָבער אַזויווי די שיף מיט וואָס ער איז געפאָרן איז צוליב די ווינטן און די כוואַליעס פון ים אָנגעקומען קיין עכו, אַנשטאַט אָנצוקומען קיין יפו, איז ער פון דאָרט געפאָרן קיין צפת וואָס איז נאָענטער צו עכו. ער איז דאָרט געוואָרן דער מנהיג דוקא פון דער חסידי'שער געמיינדע.

דער אונגאַרישער גדול איז געווען הגה"צ רבי עמרם ראָזענבוים, אַ בן דור און אַ ידיד פון חתם סופר, און אַ תלמיד פון רבי מרדכי בינעט. צוליב זיין צדקות, קדושה און פרישות האָט מען אים גערופן "רבי עמרם חסידא".

אין דער גמרא געפינען מיר מערערע אמוראים וואָס מען האָט זיי גערופן מיט דעם טיטל. א"ר שמעון חסידא (ברכות ג:), רב יוסף בריה דרב סלא חסידא (פסחים ע"ג:), און אין סוכה (יא.) געפינען מיר אַן אמורא טאַקע מיט'ן נאָמען רב עמרם חסידא.

הגאון רבי נתן געשטעטנער אין זיינע "שיחות מלוה מלכה" (חלק ד' עמ' קכט) זאָגט אַז דער נאָמען עמרם איז קיינמאָל נישט געווען בנמצא צווישן אשכנזים. דעם נאָמען עמרם געפינען מיר בלויז ביי ספרדים. די איינציגע אשכנזים וואָס הייסן עמרם זענען פון דער משפחה פון רבי עמרם חסידא אָדער נאָך די וואָס האָבן געהייסן נאָך אים. רבי עמרם גרינוואַלד, דער פאָטער פון ערוגת הבושם, איז געווען אַן אייניקל פון רבי נחום זאב, אַ ברודער פון רבי עמרם חסידא, און האָט געהייסן נאָך אים, נאָך זיין פעטער רבי עמרם חסידא. (רבי נתן געשטעטנער'ס פאָטער האָט אויך געהייסן עמרם נאָך זיין עלטער פעטער רבי עמרם גרינוואַלד, דער פאָטער פון ערוגת הבושם).

הגה"צ רבי עמרם חסידא איז געווען רב אין אירשע און דערנאָך אין מאַדע.

אין עלטער פון 36 יאָר האָט ער באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. איז ער פון מאַדע געפאָרן זיך געזעגענען פון זיין רבי'ן רבי מרדכי באַנעט און איז אויך געפאָרן אַ מהלך רב קיין פרעשבורג זיך געזעגענען פון חתם סופר.

דער חתם סופר האָט אים געבעטן און שטאַרק מפציר געווען ער זאָל




**סידור שערי גן עדן, וואס האט באלאנגט צו רבי עמרם חסידא**

זיך באַזעצן דוקא אין ירושלים און נישט אין די אַנדערע שטעט. "טרם הפרד הרב הגאון מה"ו עמרם מפה הייתי כופל ומשלש עמו שלא ידור אלא בירושלים" שרייבט דער חתם סופר צו רבי אפרים זלמן מרגליות אין יור"ד סי' רל"ד.

אַזוי צוליב די אומשטענדן איז רבי עמרם אָנגעקומען קיין צפת האָט ער געשריבן אַ בריוו צום חתם סופר פרעגנדיג וואָס צו טון. אין זיין תשובה צו אים ברענגט דער חתם סופר די גמרא אין יומא (כ"ב.) "שאני מיגנא ממיקם", וואָס מיינט, אַז זיך לייגן שלאָפן איז לייכטער ווי אויפשטיין. דהיינו: אויב רבי עמרם וואָלט גלייך אָנגעקומען קיין ירושלים וואָלט געווען גוט, אָבער אַזוי ווי ער געפינט זיך שוין אין צפת איז שווער זיך אויפצוהייבן און פאָרן קיין ירושלים.

פון חתם סופר'ס ענטפער און וואָס ער שרייבט דערוועגן אין שו"ת יו"ד סי' רל"ג-רל"ד איז אויך צו זען דעם חתם סופר'ס געוואַלדיגע גדלות אין מדות. טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר איז יענע יאָרן געווען שאַרף קעגן באַזעצן זיך אין צפת אַנשטאָט ירושלים, ער איז אפילו געווען קעגן די הילולא פון ל"ג בעומר אין מירון צווישן אַנדערן ווייל ער האָט געהאַלטן אַז דערפאַר באַזעצן זיך אידן אין צפת ווייל זיי ווילן זיין נאָענט צו מירון, דאָך האָט ער פאַרקוקט און מוותר געווען פון זיין שטעלונג כדי לייכטער צו מאַכן פאַר רבי עמרם חסידא.

"וכפי מכתבו נראה", שרייבט דער חתם סופר, "שקשה ישיבתה של ירושלים עליו, וחזיתי לדעתיה שלא רצה אלא לפייסני על שעבר על דעתי, על כן הנחתי הדבר על דעתו".

רבי עמרם חסידא איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין צפת און אַלס ראש פון דער עדה חסידים און פון דעם כולל חסידים אין צפת. נאָך פיר יאָר איז ער נפטר געוואָרן אין יונגן עלטער פון 40 יאָר ומנוחתו כבוד אויפ'ן אַלטן בית עולם אין צפת סמוך ונראה צום קבר האריז"ל.



**פנקס פון דער קהילה אין ווארפלאטע, מיט א רשימה פון די וואס פלעגן שיקן 'מעמדות' צו רבי עמרם חסידא** [יי"ש"כ פאר הרה"ג ר' יחיאל גאלדהאבער שליט"א פאר צושטעלן די היסטארישע דאקומענטן]

אין דרשות חתם סופר (ש"ל-של"ב) איז געדרוקט דעם חתם סופר'ס הספד אויף אים: "הספידא על הגאון מהו' עמרם חסידא שהי' מאז אב"ד דק"ק מאַדע ונסע לאה"ק ונתבקש בישיבה של מעלה בצפת תוב"ב... מרא דארעא דישראל אשר בצדקתו מילט אי נקי.... וכל מגמתו הי' לשוב לשבת בירושלים עיר הקודש ונתעכב ע"י סבות בצפת תוב"ב... ואחר שלמד וריבץ תורה בצפת ד' שנים נתבקש בישיבה של מעלה, וכ' עליו רבני א"י שממש המית עצמו מתוך צער גלות השכינה... נתבקש לישיבה של מעלה בן מ' שנה, איך אנחם".

## די ערד-ציטערניש אין צפת

כ"ד טבת שנת תקצ"ד איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכער ערד-ציטערניש אין צפת אין וועלכן הונדערטער אידן זענען ל"ע אומגעקומען און פילע אַנדערע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. דער חתם סופר האָט נאָך זיי געהאַלטן אַ הספד תמרורים געדרוקט אין דרשות חתם סופר עמ' ש"צ:

"על ההרים אשא נהי ועל נאות מדבר קינה, שמועה שמענו, אוי נא לנו, כי גבורה לוקה בעו"ה. ותתגעש ותרעש הארץ הקדושה, נפלו גבורי ישראל, תלמידי חכמים וצדיקים הרבה, וגם נחרבו בתי כנסיות ובתי מדרשות... מתו כמה מאות מישראל במפולת, ברעב ובצמא, ובהם כמה מאות של תינוקות של בית רבן, הבל פיהם שאין בהם חטא, וכמה חכמי ישראל ואלופי יהודה, גאונים השמים לילות כימים על התורה ועל העבודה... והנשארים כמתים בחייהם, מחמת חולי ודוחק, וערומים מבלי מלבוש ואין כסות בקרה, רעבים ללחם וצמאים למים".

אין דעם הספד וואונדערט זיך דער חתם סופר "מדוע עשה ה' ככה



778 חת"ם דרוש הספד על מיתת צדיקים בחורבן צפת וכו׳ פ׳ אמור תקצ״ז לפ״ל, סופר

דרוש הספד על מיתת צדיקים ועל חורבן ארץ הגליל בארץ הקדושה שהיה ביום כ"ד טבת העבר ונחרבו העיירות ונהרסו הבתים ונהרגו אלפים נפשות מישראל ובהם גאוני וחכמי ארץ לרוב בעו"ה, ונחרבו ג׳ עיירות צפת טברי׳ שכם ואש עלה מים טברי׳ והרעיש טברי׳ וחומותיה, ושלשים כפרים. ולדעתי מרומז בקרא [תהלים ס׳] הרעשת ארץ פצמתה רפה שבריה כי מטה, כי בארבעה תיבות פצמת שבריה כי מטה יש לצרף אותיות צפת ים טבריה שכם — דרשתי זאת בבה"כ הקדושה יום א׳ ב׳ אייר פ׳ אמור תקצ"ז לפ"ק — המו מעי לו זכו"ר אזכרנ"ו ע"ד לפ"ק.

לארץ הזאת ומדוע יגע בהרים ויעשנו״. ער ציטירט פון אַ בריוו וואָס ער האָט געקראָגן פון רבי ישראל שקלאָווער: ״והיום הגיעני מכתב מירושלים הקדושה מקדוש ה׳, ידידנו גאון ישראל מהו׳ ישראל בעל המחבר פאת השולחן, בריך רחמנא דיהביה לן, וההוא אמר ב׳ דברים, א׳ אמר שחרבן הגליל הזאת חז״ל נבאו עליה במשנה שילהי סוטה, בעיקבתא דמשיחא גליל יחרב, והנה בלי ספק רוח ה׳ נוססה בו, ויהיה זה נחמה גדולה, כי קרוב עת לעשות לה׳. עוד אחרת אמר הגאון, כי תולה חטא חרבן הלז כחטא חרבן בית שני, על שנאת חנם. הגם שבני ישראל יפים הם מכל מקום העניות והצער, הדוחק והעוני, מנוולתן, שאין ביניהם שלום כל כך״.

דער חתם סופר אין דעם הספד האַלט אָבער אַנדערש. ער זעט אין דעם שרעקליכן אומגליק אין גליל אַן עונש פאַר׳ן מבזה זיין ירושלים. ״נראה לי כי צדיק הוא אלוקינו וקנאת ירושלים עשתה זאת... והנה לגמרי זה קרוב למאה שנים שמו פניהם לצפת, כי שם קבר איש האלוקים, הרשב״י במירון והאר״י בצפת, וכל העולים לארץ ישראל לא שמו פניהם אלא לצפת וטבריה, וירושלים נשכחה לגמרי... ולא שם איש על לב אלא לעלות לצפת להילולא דרשב״י, אשר כבר היה לי ויכוח בזה עם הגאון מהר״ז מרגלית זצ״ל, היכן מצינו לעשות ביום מועד ביום סילוק צדיק... לא ידעתי מה מקום להילולא ולעזוב את ירושלים... וצדיק ה׳ המביט לארץ ותרעד״.

פאַרשידענע סברות זענען במשך פון די יאָרן געזאָגט געוואָרן אויף דעם חתם סופר׳ס התנגדות צו דער הילולא פון ל״ג בעומר אין מירון. פון די תשובות צו רבי אפרים זלמן מרגליות און פון זיינע בריוו צו רבי צבי הירש לעהרין איז משמע אַז ער האָט געזען אין דער הילולת ל״ג בעומר אין מירון אַ סיבה פאַר דער אַטראַקציע, פאַר דער צוציאונגס קראַפט, פון באַזעצן זיך אין צפת און טבריה אויפ׳ן חשבון פון ירושלים.

צו דער זעלבער צייט איז באַקאַנט די מליצה פון חתם סופר (אלף כתב אות קנח) וועגן דעם מנהג צו לערנען די 49 בלאַט פון מסכת שבועות אין די ימי הספירה. ל״ג בעומר קומט אויס צו לערנען דף ל״ד, וואו די גמרא זאָגט ״מחכו עליה במערבא״. דאָס איז אַ רמז, זאָגט דער חתם סופר, אַז יענעם טאָג, ל״ג בעומר, איז אַ יום טוב פאַר די בני ארץ ישראל.

תשובה רל״ה (שו״ת יור״ד) צו רבי אפרים זלמן מרגליות, וועגן הילולת ל״ג בעומר אין מירון, פירט דער חתם סופר אויס מיט די ווערטער ״בציפיתי צפיתי שישיבנו אדוני על מה שכתבתי בעניין ל״ג בעומר ומנהגיהם״. טראָץ זיין קעגנערשאַפט צו דער הילולא איז דער חתם סופר גרייט געווען צו הערן פון רבי אפרים זלמן מרגליות אַ הסבר פאַר יאָ פראַוועון די הילולת ל״ג בעומר אין מירון.

## קדושת ירושלים און קדושת מקום המקדש

רבי עמרם חסידא האָט געהאַט געשריבן צום חתם סופר אַז אין דער גמרא איז דאָך דאָ אַ מחלוקת צי ארץ ישראל און קדושת ירושלים איז קדשה לעתיד לבוא. שרייבט דער חתם סופר צו אים (תשובה רל״ג) און צו זיין ידיד רבי אפרים זלמן מרגליות קיין בראָד (תשובה רל״ד), אַז אפילו אויב ס׳איז לא קדשה לעתיד לבוא איז דאָך קדושת מקום המקדש זיכער לא בטלה. אפילו לויט׳ן ראב״ד וואָס האַלט (הלכות בית הבחירה פרק ז׳), אַז הנכנס למקום המקדש היינט צו טאָג איז נישט חייב כרת, וואָס די הלכה איז נישט ווי דער ראב״ד, ״מ״מ עכ״פ קדושת בית אלקינו וזה שער השמים לא בטל ולא יתבטל״. איז דערפאַר ״החונים סביב מקרוב, מקודשים טפי וקרובים אל אלוקינו״.

די תלמידים פון חתם סופר וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל, בחייו און לאחר הסתלקותו, האָבן זיך אַלע באַזעצט אין ירושלים חוץ איינער, ווועמענ׳ס מאַמע האָט געוואוינט אין טבריה, ווי מיר וועלן זען אין קומענדיגן אַרטיקל, וואָס האָט צוליב כיבוד אם געוואוינט אין טבריה.

כמעט אַלע תלמידי החתם סופר וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים האָבן אויך גענומען אויף זיך קיינמאָל נישט צו גיין אַרויס פון ירושלים. דער מנהג האָט אָנגעהאַלטן אויך ביי זייערע שפּעטערדיגע דורות און ביי טייל פון די בני ישוב הישן, אפילו ביי אָפּשטאַמיגע פון די פרושים, וואָס האָבן דאָס גענומען פון די תלמידי החתם סופר.



LATE EARTHQUAKE IN PALESTINE.

LETTER FROM MR. CHASSEBAUD, THE BRITISH CONSUL, DATED BEYROUT, JAN. 26, AND ADDRESSED TO MR. JUDAH BENOLIEL, OF GIBRALTAR.

"Dear Sir,—I have a most painful task to perform—that of announcing the deaths of our much esteemed friends, Mr. and Mrs. Joshua Levy, of Saffet, and the greater part of their family. I address myself to you on the occasion, instead of doing so to Mr. Joshua Levy's brother and the other near relatives he may have at your place, in order that you may convey the melancholy tidings to them after you have prepared them. This horrible catastrophe took place on Sunday, the 1st inst., late in the afternoon, though before sunset, when a most violent shock of earthquake destroyed the whole of Saffet, Tiberias, and many of the surrounding villages, to which our much-lamented friends, Mr. and Mrs. Levy, and the greater part of their family, fell victims, with about 500 other Israelites, and as many Christians and Mussulmans, at Saffet only, without including the great many persons mortally wounded or maimed, and those who were dug out of the ruins, eight or ten days after, alive, but starved, and in a dying state. Such an appalling scene is seldom to be met with in the annals of history, and my heart fails in attempting to give you further particulars. While I lament the loss of those friends who fell, I am happy to say that Mr. Moses Levy, the eldest son of our friend Mr. Joshua Levy (a lad about 14 years old), as well as Mr. Joshua Levy's sister, Mrs. Deborah Cohen, and two of her daughters, escaped unhurt, and they say they intend soon returning to Gibraltar. It was only the 5th instant (five days after the earthquake) that the few survivors of Saffet recovered from their stupor, and despatched messengers to this and other places for assistance to remove the ruins and bury the dead, and also for tents, coverings, provisions, surgical aid, &c., for the maimed and wounded, none of which they could obtain from the surrounding villages, which had shared the same fate. We immediately opened a subscription here, and sent them what we could."

Another account estimates the whole number of victims at 3,000.

In consequence of the above melancholy intelligence the Hebrew community of Gibraltar caused a funeral service to be performed at the principal synagogue there on the 15th instant, during which all their places of business were closed, and immediately after a subscription was opened at the counting-house of Mr. Judah Benoliel, to which the said community contributed very liberally, so as to enable that gentleman to forward a considerable sum of money by the packet about to depart for Malta for the relief of the surviving sufferers.—*Gibraltar Chronicle* of the 17th.

אויסשניט פון לאָנדאָנער ״טיימס״ וואו עס איז באַריכטעט דער שרעקליכער ערד־ציטערניש אין צפת

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין





# דער הייליגער חתם סופר

**די צונויפשמעלצונג צווישן די תלמידי הגר"א און די תלמידי החתם סופר וואָס האָט געשאַפן דעם טיפּ "ירושלימ'ער איד" – די "מנהגי ארץ ישראל" וואָס שטאַמען פון די תלמידי הגר"א און אויך פון די ספרדים – ברכת כהנים אַלע טאָג פון דער וואָך, שהחיינו ביי אַ ברית און נישט זאָגן ברוך ה' לעולם ביי מעריב – רבי צבי הירש לעהרין און זיין "פקידים ואמרכלים" פון אַמסטערדאַם**

[פאָרזעצונג פון פריער]

נאָך דער ערד-ציטערניש אין צפת האָבן אויך די פּרושים, פּונקט ווי די תלמידי החתם סופר, זיך באַזעצט אין ירושלים. דער ציבור איז געווען צעטיילט נישט לויט קהילות נאָר לויט כוללים. אַזוי ווי די אידן האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל צו זיצן און לערנען איז דער כולל געווען דער מוסד וואָס האָט אידענטיפיצירט און אַרום וואָס עס האָט זיך אָרגאַניזירט יעדע געמיינדע. פון אָנפאַנג בעיקר צוויי כוללים: אַ כולל חסידים און אַ כולל פּרושים. שפּעטער, ווי מיר וועלן זען, האָט זיך דאָס צעשפּליטערט אין מערערע כוללים.

דאָך איז דער ציבור אין ירושלים, אַדאַנק דער שכנות און די געמיינזאַמע חדרים און ישיבות, געוואָרן צונויפגעשמאָלצן און געוואָרן איין מהות. ס'איז אַנטשטאַנען אַ מיזוג, אַ סאָרט קולטורעלע סינטעז, צווישן די תלמידי הגר"א און די שפּעטערדיגע תלמידי החתם סופר, וואָס האָט געשאַפן דעם טיפּ "ירושלימ'ער איד".

געקומען צום אויסדרוק איז דאָס סיי אין די אינערליכע השקפות און סיי אין אויסערליכן לשון און מלבוש: די שפּראַך וואָס אַלע האָבן אַדאָפּטירט איז דער ליטווישער אידיש. אויך די אונגאַרישע אָפּשטאַמיגע האָבן גענומען רעדן, און רעדן עד היום, מיט דעם ליטווישן אַקצענט, וואָס איז געוואָרן דער ירושלימ'ער אידיש, און די עברי, דער לשון הקודש ביים דאַווענען און לערנען, איז מיט דער ליטווישער הבהרה. דער לבוש: דער געשטרייפטער כאַלאַט, איז געקומען פון די ספרדים, און דער "ירושלימ'ער קאַפּעלוש", איז דער אונגאַרישער פלאַטשיגער ביבער-הוט.

די פּרושים און די אָפּשטאַמיגע פון די פּרושים גייען עד היום שבת אין שטריימלעך. דאָס קומט נאָך פון דער ליטע. ביז מיט אַרום צוויי הונדערט יאָר צוריק זענען אַלע אין דער ליטע געגאַנגען מיט שטריימלעך. שפּעטער זענען זיי צוליב די גזירות פון צאַר געצוואונגען געוואָרן אין דער ליטע אויסצוטון די שטריימלעך. די ליטווישע פּרושים אין ירושלים זענען אָבער געבליבן אין שטריימלעך.

פילע פון די מנהגים וואָס זענען עד היום די דינים און מנהגים פאַר אַלע בני ארץ ישראל קומען פון אָט די תלמידי הגר"א און אָפּט אפילו פון די ספרדים וואָס האָבן פאַר דעם געוואוינט אין ירושלים און אין ארץ ישראל.

## ברכת כהנים: דוכנ'ען יעדן טאָג

צווישן די מנהגים וואָס אַדאַנק די תלמידי הגר"א זענען זיי געוואָרן די מנהגים פון אַלע אידן אין ארץ ישראל. איז ברכת כהנים: דוכנ'ען אַלע טאָג.

ברכת כהנים איז אַ מצוות עשה מן התורה. אָבער שוין מיט איבער זיבן הונדערט יאָר צוריק – רבי אפרים זלמן מרגליות אין שו"ת בית אפרים שרייבט "מנהג קדום הוא יותר מה' מאות שנה" – האָבן אידן אין חוץ לארץ אויפגעהערט צו דוכנ'ען אַלע טאָג פון דער וואָך און שבתים פון אַ גאַנץ יאָר. כהנים דוכנ'ען בלויז אין די ימים טובים.

דער רמ"א אין שולחן ערוך אורח חיים סימן קכח סעיף מ"ד שרייבט: "נהגו בכל מדינות אלו שאין נושאים כפיים אלא ביו"ט משום שאז שרויים בשמחת יו"ט וטוב לב הוא יברך מה שאין כן בשאר ימים אפילו בשבתות

השנה שטרודים בהרהורים על מחייתם ועל ביטול מלאכתם, ואפילו ביום טוב אין נושאין כפים אלא בתפלת מוסף שיוצאים אַז מבית הכנסת וישמחו בשמחת יום טוב".

דער מנהג איז בלויז ביי אשכנזים. צווישן די ספרדים זענען פאַראַן פאַרשידענע מנהגים. פאַראַן וואָס דוכנ'ען יעדן טאָג, אַנדערע נאָר שבתים אָדער בלויז ראש חודש.

פילע וואונדערן זיך אויפ'ן טעם פון רמ"א: ווייל מ'איז טרוד על המחיה ועל הכלכלה איז מען מבטל אַ מצות עשה דאורייתא?

געבן אחרונים פאַרשידענע אַנדערע טעמים: נישטאָ היינט קיין כהני חזקה; כהנים טובל'ען זיך פאַר'ן דוכנ'ען און אין דער פרעסט פון אייראָפּע איז נישט געווען לייכט צו טובל'ען זיך יעדן טאָג; וכו'.

געווען גדולי ישראל וואָס האָבן געשטרעבט צוריק איינצופירן דאָס דוכנ'ען יעדן טאָג. דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט די אָנהענגער פון ש"ץ שר"י וואָס האָבן געוואָלט איינפירן דוכנ'ען שבתים, וואָס גדולי ישראל האָבן באַקעמפט בלויז צוליב דעם וואָס די כת ש"ץ'ניקעס האָבן עס געוואָלט איינפירן. זע "על הגאולה ועל התמורה" סימן פ"ח.

סיי דער בעל התניא און סיי דער ווילנער גאון האָבן געוואָלט איינפירן דוכנ'ען יעדן טאָג פון דער וואָך און דאָס נישט באַוויזן, צוליב פאַרשידענע מניעות. דער גר"א האָט געזאָגט אַז ער וואָלט נישט געקוקט אויף ביטול תורה און וואָלט געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט מעורר זיין אידן איינצופירן דוכנ'ען יעדן טאָג.

איינמאָל האָבן דער גר"א מיט זיינע תלמידים באַשלאָסן אַז מאָרגן וועלן זיי דוכנ'ען ביים דאַווענען. דעם אַנדערן צופרי איז דער גר"א אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ בלבול און איז געפירט געוואָרן אין תפיסה. ווען ער איז געוואָרן באַפרייט האָט ער געזאָגט אַז ער זעט דערין אַן אות מן השמים נישט איינצופירן דוכנ'ען. די מעשה ווערט געבראַכט אין ספר "עליות אליהו", תולדות פון גר"א. דער נצי"ב ברענגט דאָס אויך אין זיין שאלות ותשובות "משיב דבר", ח"ב סי' ק"ד, אין נאָמען פון זיין שווער רבי איצעלע וואַלאָזשינער. דעם נצי"ב'ס שווער מזיווג שני, רבי יחיאל מיכל עפּשטיין, ברענגט דאָס אין ערוך השולחן סעי' ס"ד. אויך ווערט דאָס געברענגט אין ספר הלכות הגר"א ומנהגיו אין נאָמען פון זיין תלמיד הגאון רבי חיים וואַלאָזשינער.

רבי חיים וואַלאָזשינער גופא האָט אַמאָל אויך באַשלאָסן דעם אַנדערן טאָג איינצופירן דוכנ'ען. האָט יענעם טאָג אויסגעבראָכן אַ שריפה און די האַלבע שטאָט און אויך דער ביהמ"ד האָבן אָפּגעברענט רח"ל. אויך דאָס ווערט געבראַכט דאָרט אין "עליות אליהו" און אין "משיב דבר" פון נצי"ב. דער נצי"ב פירט אויס: "וראו והתבוננו שיש איזה דבר סוד בסתרי השפעות והברכות היורדת ע"י ברכת כהנים בחו"ל ואין אתנו יודע עד מה". אויך דער ערוך השולחן פירט אויס: "ואמרו (שני גדולי הדור הנ"ל) כי מן השמים נגזרה כן".

געווען איין איינציגער גדול וואָס פלעגט דוכנ'ען יעדן טאָג ביי זיך אין בית המדרש – דאָס איז געווען הגה"ק רבי נתן אַדלער זי"ע, דער רבי פון חתם סופר, ווי דאָס ווערט געברענגט אין ספר חוט המשולש עמ' כ'. ווי דער חתם סופר האָט מעיד געווען איז רבי נתן אַדלער געווען ממיוחסי כהונה, נישט מכהני חזקה. קיין איינער פון רבי נתן אַדלער'ס תלמידים האָבן נישט אָנגעהאַלטן דעם מנהג.

ווען די תלמידי הגר"א האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן זיי איינגעפירט דעם מנהג. רבי ישראל שקלאָווער, דער תלמיד פון גר"א און מנהיג פון די פרושים אין ארץ ישראל אין זיין ספר "פאת השולחן" וואָס איז אויף הלכות ארץ ישראל ציטירט דעם בית יוסף וועלכער איז משבח די ספרדים יושבי ארץ ישראל וואָס מאַכן ברכת כהנים יעדן טאָג. פירט



**הגאון רבי שמואל דוד הכהן מונק זצ"ל רב אין חיפה מיט הגה"צ רבי אהרן קצינעלנבויגן זצ"ל [לינקס]**

אויס רבי ישראל שקלאָווער, אַז ווען ער און די פרושים די תלמידי הגר"א האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן זיי איינגעפירט צו דוכנ'ען אַלע טאָג, און אַז אַזוי איז אויך געווען די מיינונג פון גר"א.

אַזוי איז דער מנהג פון גר"א און זיינע תלמידים די פרושים געוואָרן "מנהג ארץ ישראל", דער מנהג פון אַלע אשכנזי'שע אידן אין ארץ ישראל עד היום.

חוץ אין גליל, אין צפת און טבריה, וואו מען דוכנ'ט נישט אין די וואָכן טעג. דאָס איז דערפאַר ווייל די תלמידי הבעל שם, וועלכע האָבן עולה פאַר די תלמידי הגר"א, האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין צפת און טבריה. זענען די תלמידי הגר"א וואָס זענען שפּעטער געקומען נישט געווען ביכולת דאָס צו טוישן. ווייזט אויס אַז אַ שטיקל פשרה איז יאָ געמאַכט געוואָרן: צו דוכנ'ען יעדן שבת, נישט בלויז ימים טובים.

הגאון רבי שמואל דוד הכהן מונק, דער רב פון דער חרדי'שער קהילה אין חיפה, שרייבט אין זיין ספר "פאת שדך" אַז ווען ער איז אין תשכ"ב געוואָרן רב אין חיפה האָט ער געשיקט אַ שאלה צו כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זצ"ל צי ער זאָל דוכנ'ען יעדן טאָג אָדער נישט. ער שרייבט אָבער נישט וואָס דער רבי האָט אים געענטפערט.

געווען וואָס האָבן מיט עטליכע צענדליג יאָר צוריק געוואָלט איינפירן צו דוכנ'ען יעדן טאָג אויך אין צפת און טבריה, כדי דער גליל זאָלן נישט זיין אַנדערש ווי גאַנץ ארץ ישראל. פאַראַן תשובות פון לעצטערע פוסקים וועגן דעם. די איינוואוינער פון גליל האָבן למעשה אָנגענומען דעם פסק פון ירושלימ'ער רב הגאון רבי יצחק יעקב ווייס זצ"ל. די ערשטע תשובה אין "מנחת יצחק" חלק ח' איז וועגן דער שאלה.

מיר וועלן ציטירן פון די ערשטע שורות און פון די לעצטע שורות פון דער לאַנגער תשובה:

"ע"ד מנהג האשכנזים בחיפה ובכל הגליל משנים קדמוניות שכהנים נושאים כפיהם רק בשבת, יו"ט, חוה"מ, ור"ח – במוסף. והנה מקצת רבנים עומדים כעת לשנות המנהג ולהנהיג נשיאת כפים בכל יום, וגם בתפילת שחרית ביו"ט כמנהג ירושלים... והנה לא ידעתי מאן חשיב ומאן ספין לבטל מנהג קדמון וכמ"ש בדבריו".

נאָכ'ן ברענגען יעדן פרט פון יעדן ראשון און אחרון אויף דעם עניין פון ברכת כהנים, ווי אויך אַלצדינג וועגן שינויי מנהגים, און נאָכ'ן מברר

זיין אַלעס וואָס איז זיך מסתעף דערפון, – ווי אויך די געשיכטע פון נשיאת כפים אין ארץ ישראל – פירט אויס דער מנחת יצחק: "והנה כל הנ"ל כתבתי רק מה שנראה לענ"ד בטעם שינוי המנהגים מגליל לעיה"ק ירושלים ואגפי', אבל לדינא אין נפ"מ לנו מאיזה טעם שיהי', כיון שכבר נהגו כן והונהג כן עפ"י גדולי הדורות, אין רשות לשום אדם לשנות מכל הטעמים שכתבתי, ומזלזלין בגדולי הדור ודור מאז עד היום הזה, ואף תלמידי הגר"א ז"ל שעלו בשנת תק"ע ומהם הגאון בעל פאת השלחן ז"ל שדר בצפת משנת תק"ע עד אחרי תקצ"ז, ופקפק בהמנהג שם כנ"ל, מ"מ לא שינה המנהג שם, אף דאז לא היה המנהג נהוג רק כמה עשרות בשנים מעת עליית תלמידי הבעש"ט כנ"ל, ומכש"כ כהיום הזה שכבר עברו כב' מאות שנים שנהגו כך, והיו במשך הדורות כמה וכמה גדולי וצדיקי הדור וכולם קיימו וקבלו המנהג שם, וא"כ איך יהין מי שהוא בזמנינו לשנות המנהג, והמקיימים ומחזיקים במנהג יתברכו בברכת שמים מעל ובכל ברכות התורה".

אויך רבי ישראל שקלאָווער דער בעל פאת השולחן און די תלמידי הגר"א, זאָגט דער מנחת יצחק, וועלכע האָבן איינגעפירט צו דוכנ'ען יעדן טאָג אין ירושלים און אין גאַנץ ארץ ישראל, האָבן אָבער אין צפת און טבריה און גליל געלאָזט דעם מנהג וואָס עס האָבן איינגעפירט די תלמידי הבעש"ט וועלכע זענען געקומען 30 יאָר פאַר זיי נישט צו דוכנ'ען אין די וואָכן טעג. טאָר מען היינט אויך נישט משנה זיין אין גליל.

## ברוך ה' לעולם

די פסוקים פון ברוך ה' לעולם און יראו עינינו פאַר שמונה עשרה פון מעריב ווערט נישט דערמאַנט אין דער גמרא אָדער אין מדרשי חז"ל. דאָס ערשטע מאָל ווערט דאָס דערמאַנט אין דער תקופה פון די גאונים. ברוך ה' לעולם באַשטייט פון 18 פסוקים וואָס איז לכאורה נתחבר געוואָרן בשעת גזירת מלכות. אַזוויי תפלת ערבית רשות איז דאָס נתחבר געוואָרן ווי אַן אַלטערנאַטיווע צו שמונה עשרה. דערנאָך איז עס געוואָרן אַ חלק פון מעריב.

תוספות אין ברכות דף ד ע"ב פרעגט פאַרוואָס דאָס איז נישט קיין הפסק צווישן גאל ישראל און די שמונה עשרה, אַ הפסק בין גאולה לתפילה. תוספות ענטפערט "נראה הואיל ותקינו להו רבנן ה"ל כגאולה אריכתא", פונקט ווי השכיבנו.

דער רשב"א איז מחולק אויף תוספות און האַלט אַז בזמן הזה וואָס ס'איז נישטאָ קיין גזירה קענען דאַוונען מעריב איז ברוך ה' לעולם יאָ אַ הפסק. טראָץ דעם וואָס אשכנזי'שע אידן זאָגן יאָ ברוך ה' לעולם (ספרדים נעמען אָן ווי דער רשב"א און זאָגן עס נישט) האָט דער גר"א גע'פסק'עט דאָס נישט צו זאָגן.

ווען די תלמידי הגר"א האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן זיי איינגעפירט אויך דעם מנהג, נישט צו זאָגן ברוך ה' לעולם ביי מעריב, און אַזוי איז דאָס געוואָרן דער מנהג ביי אַלע בני ארץ ישראל.

## ברכת שהחיינו ביי אַ ברית מילה

אידן אין חוץ לארץ מאַכן נישט קיין ברכת שהחיינו ביי אַ ברית. די גמרא אין שבת (קל"ז:) רעכנט אויס די דריי ברכות וואָס ווערן געמאַכט ביי אַ ברית. שהחיינו איז נישט צווישן זיי. נאָר ביי אַ פדיון הבן רעכנט די גמרא אויס (פסחים קכ"א:) די ברכה פון שהחיינו.

דער רמב"ם פסק'עט אָבער אַז דער אבי הבן מאַכט אַ שהחיינו ביי אַ ברית ווייל עס איז אַ מצוה הבא מזמן לזמן. דער מחבר אין שולחן ערוך יורה דעה סי' רס"ה סעיף ז' שרייבט אַז אַ טאַטע וואָס איז אַליין מל זיין קינד מאַכט אַ שהחיינו. "ולהרמב"ם", זאָגט דער מחבר, "לעולם האב מברך שהחיינו על כל מילה ומילה, וכן נהגו בכל מלכות ארץ ישראל וסוריא וסביבותיה ומלכות מצרים". דער רמב"ם האַלט אַז אפילו ווען אַ מוהל איז מל דאָס קינד מאַכט דער טאַטע אויך אַ שהחיינו. די לענדער וואָס ער רעכנט אויס, ארץ ישראל, סיריע און מצרים, זענען די לענדער וואו די ספרדים פלעגן פסק'ען ווי דער רמב"ם.

זאָגט אָבער דער רמ"א: "ובמדינות אלו נוהגין שלא לברך שהחיינו אפילו כשהאב עצמו מל בנו, אם לא שמל בנו הבכור שחייב לפדותו מברך שהחיינו בשעת מילה ואינו מברך בשעת פדיון".

מיר אשכנזים אין חוץ לארץ פירן זיך ווי דער ש"ך וועלכער שרייבט (אין סעיף קטן י"ז) אויף דעם וואָס דער רמ"א זאָגט אַז ביי אַ בכור מאַכט דער טאַטע יאָ אַ שהחיינו ביים ברית: "ואין נוהגין כן מעולם, אלא אין מברכין שהחיינו כלל אפילו ישראל שמל בנו הבכור".

ווען די תלמידי הגר"א זענען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל האָבן זיי געזען דעם מנהג פון די ספרדים פון מאַכן אַ שהחיינו ביי אַ ברית. האָבן זיי אויך אָנגענומען דעם מנהג. זיי האָבן דאָס געטאָן ווייל אין ביאור הגר"א דאָרט אין שולחן ערוך הלכות מילה סי' רס"ה איז משמע אַז דער גר"א איז מער נוטה צו דער דעה פון רמב"ם יאָ צו מאַכן אַ שהחיינו.

ספרדים אין אַנדערע לענדער, חוץ ארץ ישראל, סיריע און מצרים, אפילו אין שפּאַניע, אין ספרד גופא, פלעגן אַמאָל אויך נישט מאַכן אַ שהחיינו ביי אַ ברית ווייל זי פלעגן פסק'ען ווי דער רשב"א און דער אבודרהם וועלכע זענען קעגן מאַכן אַ שהחיינו. היינט פירן זיך אָבער ספרדים אין דער גאַנצער וועלט יאָ צו מאַכן אַ שהחיינו.

אַדאַנק די תלמידי הגר"א איז דאָס געוואָרן דער "מנהג ארץ ישראל": אין ארץ ישראל מאַכן אַלע, סיי ספרדים און סיי אשכנזים, חוץ חב"ד, אַ שהחיינו ביי אַ ברית מילה, און אין חוץ לארץ מאַכן די ספרדים אַ שהחיינו און די אשכנזים נישט.

## דעם חתם סופר'ס ידיד רבי צבי הירש לעהרן, דער ראש הפקוא"ם – הפקידים והאמרכלים מאַמסטערדאַם

במשך פון דורות, נאָך פון די צייטן פון רמב"ן, האָבן די געציילטע איינוואוינער פון ארץ ישראל אַרויסגעשיקט שליחים קיין חוץ לארץ צו שאַפן שטיצע פון געלט פאַר די תושבי ארץ ישראל. די שליחים זענען שפּעטער אָנגערופן געוואָרן שד"ר, שלוחי דרחמנא. קיין בענק אַריבערצופירן געלט האָבן נאָך נישט עקזיסטירט, אין ארץ ישראל בכל אופן נישט, איז דער איינציגער וועג צו ברענגען געלט, געווען פיזיש, דורך אַ שליח.

פאַר אַסאַך יאָרן זענען די שדרי"ם געווען גדולי ישראל, וועמען סיי די אידן פון ארץ ישראל און סיי די אידן פון חוץ לארץ האָבן געקענט געטרויען די געלטער. דערצו האָבן די שדרים וואָס זענען געווען גדולי ישראל געמאַכט אַ גוטן רושם און זענען געווען בכבוד'יגע פאַרטרעטער פון די אידן אין ארץ ישראל. אַ גדול בישראל ווי דער חיד"א איז געווען איינער אַזאַ שד"ר. זיינע רייזעס איבער צפון אפריקע און אייראָפּע האָט דער חיד"א באַשריבן אין זיין ספר "מעגל טוב".

מיט די יאָרן האָבן זיך געיאַוועט שדרי"ם פון אַ שוואַכערן קאַליבער, ווי ס'איז צו זען פון די דין תורה'ס וואָס דער חתם סופר האָט געמוזט פירן צווישן זיי, פון וואָס מיר האָבן געשריבן אין אַ פריערדיגן אַרטיקל.

אין שנת תקע"ז איז אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך גערופן ארגון "הפקידים ואמרכלים מאַמסטערדאַם", וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע פון שאַפן די געלטער אין צענטראַל און מערב אייראָפּע און עס אַריבערפירן אויף אַ לעגיטימען אופן דורך בענק קיין ארץ ישראל.

"אמרכלים" איז אַ וואָרט וואָס איז נישט באַנוצט געוואָרן זייט דעם זמן הבית שני און זייט די חז"ל. די גמרא אין פסחים נז ע"א זאָגט "כהנים גדולים ובניהן גיזברין וחתניהם אמרכלין". רש"י דאָרט טייטשט דאָס וואָרט אמרכלים: "אמר כולו, על פיו נחתך כל צורך הקדש".

די אָרגאַניזאַציע פון פקידים ואמרכלים פון אַמסטערדאַם, האָלאַנד, זענען טאַקע געוואָרן "אמר כולו", די וואָס האָבן במשך צענדליגער יאָרן אָנגעפירט אויף אַ צענטראַלן און אָרגאַניזירטן אופן מיט דער געלט שטיצע און די פינאַנצן פון די כוללים אין ארץ ישראל.

אַמסטערדאַם, האָלאַנד, איז בשעתה געווען די רייכסטע אידישע קהילה אין אייראָפּע. האָלאַנד איז דאַן געווען פון די רייכסטע גרויסמאַכטן, (ניו יאָרק האָט פריער באַלאַנגט צו האָלאַנד און האָט געהייסן "ניו אַמסטערדאַם") און אַ צענטער פון פינאַנץ.

די לעהרן פאַמיליע איז געווען אַ משפחה פון חרדי'שע באַנקירער, אָפּשטאַמיגע פון דייטשלאַנד, וועלכע זענען אויך געווען די פרנסים און ראשי קהילה פון די אָרטאָדאָקסישע קהילות אין אַמסטערדאַם און אין האַג, האָלאַנד.

דער פאָטער ר' אברהם משה לעהרן איז געווען אַ דיין אין אַמסטערדאַם. זיינע דריי זין, רבי צבי הירש, רבי יעקב מאיר און רבי עקיבא, וועלכע האָבן געשמ'ט מיט זייער ערליכקייט און צדקות, האָבן אָנגעפירט מיט דער האָלענדישער באַנק פון דער משפחה. רבי צבי הירש, איינער פון די זון, איז געווען אַ תלמיד חכם עצום און אַ ידען מופלג ווי אויך אַן עובד השם וועלכער האָט עוסק געווען אין קבלה און אין סיגופים. נאָך דער חתונה האָט ער געלאָזט די געשעפטן פון דער באַנק צו די ברודער. ער אַליין האָט זיך פולשטענדיג אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע "הפקידים והאמרכלים" צו העלפן די לומדי תורה אין ארץ ישראל.

רבי צבי הירש לעהרין האָט געשריבן טויזנטער בריוו צו יחידים און קהילות איבער אייראָפּע און איבער דער וועלט אויף צו שאַפן פאָנדן וואָס ער האָט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן געשיקט און פאַרטיילט צווישן די כוללים אין ארץ ישראל. ער איז אויך געשטאַנען אין כסדר'דיגן שריפטליכן קאָנטאַקט מיט'ן חתם סופר מיט וועמען ער האָט איבערגעשמועסט אַלע ענינים וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן סדר היום פון כלל ישראל.

אין ארץ ישראל און אויך אין אייראָפּע זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט אונטערמינעווען ר' הירש לעהרין'ס כח. דער חתם סופר איז אָבער געווען זיין הויפט שטיצער, וויסנדיג זיין ערליכקייט, זיין גדלות בתורה ובמעשים טובים און זיין אויסערגעוועגליך אָרגאַניזאַטאָרישע קאָמפּעטענץ.

אין שאלות ותשובות חתם סופר זענען געדרוקט עטליכע תשובות פון חתם סופר צו אים, או"ח סימן ר"ד, און חו"מ סימן ח' ט. די לעצטערע יאָרן זענען אין פאַרשידענע קובצים געדרוקט געוואָרן פון די כתב יד'ן צענדליגער בריוו צווישן דעם חתם סופר און רבי צבי הירש לעהרין. פון אַלע איז בולט די נאָענטע ידידות צווישן זיי.

ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן האָט דעם חתם סופר זייער פאַרדראָסן פאַרוואָס עס איז נישטאָ קיין אחדות, און פאַרוואָס עס זענען פאַראַן באַזונדערע כוללים און באַזונדערע קהילות אין ארץ ישראל. מיר וועלן ציטירן פון אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט אים געשריבן סיון שנת תקפ"ח, וואָס איז געווען געדרוקט אין קובץ "אוצרות הסופר", קובץ תשעה עשר, תשרי תשס"ט. שרייבט אים דער חתם סופר:

"אהובי ידיד נפשי, רע ומר הדבר שיבואו לאה"ק ויתחברו ויתפלגו לחצאין, ויטילו שם חסידים ופרושים, הוי מי פרש ממי, ועוד בה שלישיי מחברון חב"ד, ובעו"ה עלו למלעיגים אלו על אלו, ואלו על אלו. למצוה רבה יחשב לכוף אותם לחבורה א' כמו שהי' אבותינו ואבות אבותינו מעולם, ולא כל הרוצה ליטול את השם יטול. וכמדומה לי שביד פר"מ נ"י לעמוד בפרץ הזה, כי רוב חייהם תלוי בנדבת הבאים על ידו. ויהי' חלקי עם הגודר פרצה זו כי רבה היא בעו"ה, וגדול השלום".

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט דער חתם סופר אין זיין הספד אויף די אומגעקומענע אין דער ערד-ציטערניש אין צפת (דרשות חת"ס ח"ב דף ש"צ) נאָכגעזאָגט פון רבי ישראל שקלאָווער אַז די ערד-ציטערניש איז געווען אַן עונש אויף די מחלוקת'ן אין ארץ ישראל, און דער חתם סופר גיט צו: "ובעו"ה יפה אמר כי שלשה עדרי צאן רבצו שם ס'פרדים פ'רושים ח'סידים, ובהם צדיקים ואנשי מעשה, אבל בני ישראל יפים הם והעניות מנוולתן, והיא המביאה שאין שלום ביניהם, כולו קטטות ומריבות שנאת חינם ומלשינות, ולא נשא הארץ לשבת אותם וכו'".

רבי צבי הירש לעהרין ענטפערט אים אין אַ בריוו אַז ער וואָלט גערן געוואָלט זיין דער פאַרמיטלער און אַז פאַקטיש באַמיט ער זיך אפילו צו מאַכן שלום צווישן זיי אָבער דאָס איז אַ געשעענער פאַקט וואָס קען שוין נישט געענדערט ווערן. ער שרייבט אַז די חסידים זענען געווען די ערשטע מיט 70 יאָר פריער צו מאַכן אַן אייגענעם כולל (ער מיינט מסתמא באַזונדער פון די ספרדים), דאַן זענען געקומען די פרושים און האָבן זיך געטיילט, דאַן חב"ד אין חברון, און דערנאָך די חסידים אין טבריא.

במשך פון די יאָרן האָבן אויך אָט די כוללים זיך צעשפּליטערט. די לאַנדסלייט פון יעדער געגנט האָבן באַשלאָסן אַז עס וועט זיין לייכטער צו שאַפן געלט אויב יעדער ראַיאָן אין חוץ לארץ וועט האָבן אַן אייגענעם כולל מיט אַ נאָמען פון דער געגנט. אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן צווישן די פרושים: די כוללים רייסין, מינסק, ווילנע, פּינסק, האָראָדנע, הו"ד (האָלאַנד-דייטשלאַנד), און צווישן די חסידים: אויך אַ כולל רייסין, חב"ד, פּוילן, וואָהלין, וואַרשע, און צום סוף אפילו אַ כולל אַמעריקע און אַ כולל שיקאַגאָ.

ווען די תלמידי חתם סופר האָבן נאָך זיין הסתלקות אויך געוואָלט גרינדן אַן אייגענעם כולל האָט דער כתב סופר פאַר אַ צייט דאָס נישט ערלויבט. ערשט ווען אַזעלכע גדולי ישראל וואָס האָבן עולה געווען קיין ירושלים דוקא פון פּוילן, ווי הגאון רבי משה לייב זילבערבערג דער בעל "זית רענן" און הגאון רבי מאיר אוירבאַך דער בעל אמרי בינה, האָבן זיך געווענדעט צום כתב סופר און אים געשריבן וועגן דאָס גרויסע נחיצות צו ערלויבן די תלמידי החתם סופר צו גרינדן אַן אונגאַרישן כולל האָט ער דאָס ערלויבט.

מער וועגן די תלמידי החתם סופר וועלכע זענען געווען די ערשטע צו בויען דירות פאַר לומדי הכולל, די "בתי מחסה" און די התייסדות פון אונגאַרישן כולל שומרי החומות, וועלכע איז געוואָרן דער גרעסטער און דער ערפאָלגרייכסטער כולל אין ירושלים, אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

מח

# דער הייליגער חתם סופר



**די כלל אַרבעט פון די תלמידי החתם סופר אין ירושלים – די שינויים לטובה נאָך דער "קרים מלחמה" אין אייראָפּע – די "בתי מחסה" – דער דירות פראָיעקט פון כולל הו"ד און פון אונגאַרישן כולל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

אַנדערש ווי די תלמידי הבעש"ט און די תלמידי הגר"א, וואָס זענען געקומען אין גרופּעס, זענען די תלמידי החתם סופר אַרויף קיין ארץ ישראל אַלס יחידים, יעדער איינער באַזונדער.

די געציילטע וואָס האָבן עולה געווען נאָך בחייו פון חתם סופר, פון שנת תק"צ און ווייטער, זענען בעיקר געווען בחורים. אויך די וואָס האָבן עולה געווען לאחר הסתלקותו זענען אַרויף יעדער פאַר זיך אָדער מיט דער בני בית. אין ירושלים, וואו אַלע האָבן זיך באַזעצט, האָבן זיי זיך קודם נישט אָרגאַניזירט אַלס אַ געמיינזאַמע קהילה.

ערשט נאָכדעם וואָס עס זענען אָנגעקומען אַזעלכע תלמידי החתם סופר ווי רבי אברהם שאַג-צוועבנער, רבי שמעון דייטש, און די אַנדערע וואָס מיר וועלן אויסרעכענען אין קומענדיגן אַרטיקל, און דערנאָך די תלמידי הכתב סופר ווי רבי יוסף חיים זאָנענפעלד, זענען די עולים פון אונגאַרן געוואָרן אַ געמיינזאַמע פאַראייניגטע, און אין פילע הינזיכטן דאָמינירנדע געמיינדע.

דעם חותם וואָס די תלמידי החתם סופר האָבן געלייגט אויפ'ן ישוב הישן איז געווען סיי די השקפה פון התבדלות מרשעים און פון חדש אסור מן התורה, – וואָס איז נאָר פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די ליטווישע פרושים ווען דער בריסקער רב הגה"ק רבי יושע לייב דיסקין האָט עולה געווען פון ליטע קיין ירושלים – און סיי אין מעשים און אַקטיוויטעטן: די אונגאַרישע תלמידי החתם סופר והכתב סופר זענען געווען די ערשטע צו זיין אַקטיוו און אינסטרומענטאַל אין פאַרבעסערן דעם גשמיות'דיגן שטאַנד און דעם פיזישן וואוילזיין פונעם ציבור אין ירושלים.

די ערשטע תלמידי החתם סופר וואָס האָבן עולה געווען נאָך בחייו זענען כמעט אַלע געווען בחורים וואָס האָבן חתונה געהאַט אין ירושלים. אין קעגנזאַץ צו די עולים פון די אַנדערע מזרח אייראָפּעאישע לענדער וואָס זענען אַלע געווען עלטערע אידן. די תלמידי החתם סופר זענען דערפאַר געווען מער ענערגיש און מער אַקטיוו לטובת הכלל. דערצו האָבן די תלמידי החתם סופר, און די תלמידי הכתב סופר וואָס זענען שפּעטער געקומען, געהאַט בעסערע פאַרבינדונגען מיט די אידישע קהילות אין אונגאַרן און אין דייטשלאַנד, פון וואו די מערסטע געלט שטיצע וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל איז געקומען. זייער עסטרייכישע בירגערשאַפט איז אויך אַסאַך צונוץ געקומען צוליב דעם וואָס עסטרייך-אונגאַרן איז געווען טייל פון דעם בלאָק פון מערב אייראָפּעאישע לענדער, וואָס ווי מיר וועלן שוין זען האָט דאָס געמיינט גאָר אַסאַך.

## די קרים מלחמה

במשך פון די דרייסיג יאָר צווישן שנת תקע"א ביז תר"א זענען אין ירושלים יערליך צוגעקומען אַרום 500 נפשות. – אידן פון רוסלאַנד, פוילן, עסטרייך, און ספרדים פון די ארצות המזרח. במשך פון די 30 יאָר האָט דאָס באַטראָפן 15,000 נפשות. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אָבער אומגעקומען פון מגפות און מחלות ל"ע. אַנדערע וואָס האָבן נישט געקענט אַריבערטראָגן די אָרימקייט און האָבן נישט דערהויבן די ענגשאַפט האָבן זיך אומגעקערט קיין חוץ לארץ.

במשך פון פילע הונדערטער יאָרן, זינט די צייטן פון די קרייצציגלער, האָבן די אייראָפּעאישע מדינות נישט אַרויסגעוויזן דאָס מינדעסטע אינטערעס אין ארץ ישראל. אין שנת ה' רע"ג האָט די אָטאָמאַנער מלוכה, טערקיי, איינגענומען ארץ ישראל. סולימאַן דער ערשטער, דער טערקישער סולטאַן, האָט געבויט די מויער אַרום ירושלים, די היינטיגע חומה אַרום אַלט-שטאָט, און פאַרראָכטן די וועגן און רענאָווירט די פּאָרט שטעט פון עכו און יפו. די הייזער אין ירושלים זענען אָבער געווען אַלט און פאַרלאָזט. די וואַסער ברונעמס זענען נישט געווען ריין און די היגיעניע איז געווען צוריק געשטאַנען און שעדליך. דאָס אַלעס האָט גורם געווען צו קרענק און צו מגיפות רח"ל.

טערקיי, וועלכע האָט געוועלטיגט איבער ארץ ישראל, איז געווען פאַרמישט אין כסדר'דיגע אינערליכע און אויסערליכע מלחמות איבער דער וועלט. איר כח איז אַלס רעזולטאַט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

צווישן די יאָרן תקצ"ג און תקצ"ט האָט איבראַהים פּאַשאַ דער הערשער פון מצרים איינגענומען און געוועלטיגט איבער ארץ ישראל. ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען געקומען טערקיי צו הילף און איר געהאָלפן צוריק







**בילדער פון דער קרים מלחמה, די ערשטע בילדער פון א מלחמה פראנט אין דער געשיכטע**

קריגן די שליטה איבער ארץ ישראל.

די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן האָבן דאַן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט טערקיי, אַז זייערע בירגער וואָס וואוינען אין ארץ ישראל זאָלן זיך געפינען אונטער זייער יורידיקציע. דאָס מיינט אַז טערקיי האָט נישט קיין רעכט צו משפט'ן אַדער געוועלטיגן איבער אַ בירגער פון ענגלאַנד, אָדער פון פראַנקרייך, צי פון האָלאַנד אָדער עסטרייך-אונגאַרן, אונטער וועמענ'ס שוץ דער בירגער געפינט זיך.

אין שנת תקצ"ח איז געעפנט געוואָרן די בריטישע קאָנסולאַט אין ירושלים, די ערשטע אויסלענדישע קאָנסולאַט אין ארץ ישראל. אין שנת תר"ב האָט פרייסין (דייטשלאַנד) געעפנט אַ קאָנסולאַט, אין תר"ד איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער אַמעריקאַנער קאָנסולאַט און אין תר"ט די ערשטע עסטרייכישע קאָנסולאַט.

רוסלאַנד האָט אויסגענוצט טערקיי'ס ירידה און איז באַפאַלן די באַלקאַן לענדער און אָקופּירט מאָלדאָווע און וואָלעכיי, די היינטיגע רומעניע, וואָס זענען אַלע געווען אונטער טערקיי'ס קאָנטראָל. די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן צווישן די יאָרן תרי"ג און תרט"ו. אָפיציעל האָט די מלחמה אויסגעבראָכן צוליב די תביעות פון דער רוסישער קירכע אויף די רעכטן איבער קריסטליכע קירכעס אין ירושלים. דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי האָט דאָס גענוצט אַלס אַן אויסרייד פאַר איבערפאַלן און אָקופּירן טיילן פון דער טערקישער אימפּעריע אין אייראָפּע. די מלחמה איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס די "קרים מלחמה" (The Crimean War) ווייל דאָרט, אין דער היינטיגער קרים אין דרום אוקראַינע, זענען צום סוף פאָרגעקומען די דעצידירנדע שלאַכטן.

רוסלאַנד האָט זיך נישט גערעכנט דערויף אַז די אייראָפּעאישע לענדער וועלן אינטערווענירן אויף דער זייט פון טערקיי. ענגלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך-אונגאַרן און די אַנדערע אייראָפּעאישע מערב לענדער זענען אָבער געקומען טערקיי צו הילף. זיי זענען געוואָרן טערקיי'ס אַליאירטע אין דער מלחמה קעגן רוסלאַנד און די רוסן האָבן געליטן אַ שענדליכע מפּלה. (רוסלאַנד האָט אגב פאַרלוירן כמעט יעדע מלחמה אין דער געשיכטע. צווישן די סאַמע באַקאַנטסטע: די מלחמה קעגן פינלאַנד; די מאַנטשוריע מלחמה קעגן יאַפּאַן; די קרים מלחמה פון וואָס מיר רעדן אַצינד; און די ערשטע וועלט מלחמה. די צווייטע וועלט מלחמה האָט אַמעריקע איר געראַטעוועט דורך שיקן טויזנטער מיליטערישע טראָקס און אַמוניציע).

די קרים מלחמה איז געווען אַ טעכנאָלאָגישער ווענד-פונקט אין דער געשיכטע. ס'איז געווען די ערשטע קריג נאָך דער ערפינדונג פון טעלעגראַם. די מיליטערישע קאָמאַנדירן האָבן זיך באַנוצט מיט'ן טעלעגראַם צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט די טרופּן אויפ'ן פראָנט און צייטונגען האָבן דאָס ערשטע מאָל געדרוקט טעלעגראַפישע קריגס-באַריכטן פון פראָנט. ס'איז געווען די ערשטע מלחמה אין וועלכער באַנען זענען באַנוצט געוואָרן צו טראַנספּאָרטירן סאָלדאַטן און ליפערן אַמוניציע און פּראָוויזיעס. אויך איז דאָס געווען די ערשטע מלחמה וואָס איז געוואָרן פאָטאָגראַפירט.

היסטאָריקער זאָגן אַז אין דער צייט וואָס מיר ווייסן פון אַן ערשטע וועלט מלחמה און אַ צווייטע וועלט מלחמה דאַרף די קרים מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַרום זעכציג יאָר פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, אָנגערופן ווערן די נול, אָדער זעראָ (0), וועלט מלחמה, ווייל אין דעם זענען אויך געווען פאַרמישט אַלע וועלטס גרויסמאַכטן.

יצב גבולות עמים למספר בני ישראל. די אומות העולם פירן מלחמות וואָס ענדערן די וועלטס מאַפּע, "יצב גבולות עמים". אָבער "למספר בני ישראל", הונטער די גלאָבאַלע אויפטרייסלונגען שטעקן טובות וואָס קומען דערפון אַרויס פאַר אידן.

אין אָנבליק פון רוסלאַנד'ס מפּלות בעת דער קרים מלחמה איז דער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער, דער איש צר ואויב, טרויעריג-באַרימט מיט זיינע גזירות אויף אידן, פּלוצים אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. זיין זון אלכסנדר דער צווייטער, וועלכער איז נאָך אים אַרויף אויפ'ן טראָן, איז געווען מער ליבעראַל און האָט אָפּגעשאַפן טייל פון די שווערסטע גזירות אויף אידן – בראשם די גזירה פון "קאַנטאָניסטן". אָט איז וויאַזוי דער ערליכער היסטאָריקער רבי יעקב ליפשיץ, דער סעקרעטאַר און יד ימינו פון קאָוונער רב הגאון רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר, באַשרייבט דאָס אין זיין "זכרון יעקב" חלק שני פרק ב':

"בחלק הראשון מזכרונותי אלה תארתי בארוכה הצרות והגזרות האיומות וקושי השעבוד שעבר על עמנו ר"ל בשנות ראינו רעה, משך שמונה ועשרים שנה של ממשלת הקיסר ניקאָלאי הראשון.... 'מלחמת קרים' שנמשכה משנת תרי"ג עד שנת תרט"ו ועלות הקיסר החדש אלכסנדר השני על כסאו בשנת תרט"ו הביאו תקופה חדשה להתפתחות תבל ומלואה בכלל ולבני עמינו ברוסיא בפרט.... ביחס לישראל הראה הקיסר חסדו בשעה שבטל את החוק האכזרי של הקאנטאניסטים, לגזול נערים קטנים מבית הוריהם ולחנכם לעבודת הצבא עד הגיעם לשנת השמונה עשרה, ואח"כ התחילו העשרים שנים של עבודת הצבא. החוק האכזרי הזה שכמעט אין דוגמתו גם בימי הביניים, בטל הקיסר".

דער ישוב הישן אין ירושלים האָט אויך גענאָסן פון דעם אויסגאַנג פון די קרים מלחמה. טערקיי האָט באַזיגט רוסלאַנד אויסשליסליך אַ דאַנק דער הילף פון די אייראָפּעאישע לענדער, איינשליסנדיג עסטרייך-אונגאַרן. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט עסטרייך געקראָגן אַלץ אַ גרעסערן איינפלוס איבער טערקיי לטובת די אידישע עסטרייכישע בירגער אין ארץ ישראל, וואָס די תלמידי החתם סופר אין ארץ ישראל און צוריק אין אונגאַרן האָבן אויסגענוצט לטובת דעם ישוב הישן.

## די "בתי מחסה"

דער כתב סופר האָט נאָך אין שנת תרי"ב – מיט דער שתדלנות פון דעם פּרעשבורגער גביר ר' יצחק דייטש וועלכער האָט געוואוינט אין וויען – געקראָגן אַן ערלויבעניש פון דער עסטרייכער רעגירונג לעגאַל צו קענען איבערפירן צדקה געלטער צו די אידישע איינוואוינער אין ארץ ישראל (חוט המשולש ע' רנה).

נאָך דער קרים מלחמה האָבן די תלמידים פון חתם סופר און פון כתב סופר אין ירושלים באַשלאָסן צו טון עפּעס אויף צו לינדערן דעם גרעסטן פּראָבלעם פון דעם ישוב אין ירושלים: דער פּראָבלעם פון דירות. וואָס

אין צוגאָב צו דעם דירות פּראָבלעם האָט עס אויך געפירט צו געזונטס-פּראָבלעמען און צו מגיפות רח"ל.

אידן זענען ביז דעמאָלט נישט ערלויבט געווען צו האָבן אייגענע דירות אין ירושלים. בלויז אַראַבער האָבן פאַרמאָגט הייזער און אידן האָבן געדונגען די דירות פון זיי. ווי געזאָגט זענען די הייזער געווען אַלט, ענג און נישט לופטיג, און האָבן גורם געווען צו פילע מחלות און אפילו צו מגיפות.

די תלמידי החתם סופר אין ירושלים האָבן מיט דער הילף פון דעם עסטרייכישן קאָנסול אָפּגעקויפט אַליידיגן שטח אין ירושלים, אַ שטח וואָס מ'האָט שפּעטער גערופן "דער דייטשער פּלאַץ", וואו מ'האָט דאָס ערשטע מאָל געקענט בויען דירות פאַר אידן. דער פּראָיעקט און די הייזער האָבן געהייסן די "בתי מחסה".

צווישן די הויפּט איניציאַטאָרן זענען געווען די תלמידים פון חתם סופר רבי משה זאַקס, וועלכער האָט עולה געווען אין שנת תק"ץ, און רבי יוחנן צבי שלאַנק, פון די גדולי תלמידי החתם סופר וועלכער האָט עולה געווען אין שנת תקצ"ט, צוזאַמען מיט זייערע חברי הכולל פון ירושלים, עולים פון אונגאַרן און פון דייטשלאַנד רבי מאיר שיינבוים און רבי עזריאל זעליג הויזדרויף.

דער פּראָיעקט איז געווען אַ געמיינזאַמע אונטערנעמונג צווישן דעם כולל הו"ד און דעם אונגאַרישן כולל. "כולל הו"ד", כולל האָלאַנד ודייטשלאַנד, איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן דורך טייל תלמידים פון חתם סופר און עולים פון האָלאַנד און פון דייטשלאַנד, טייל פון זיי אויך תלמידים פון חתם סופר. נאָכדעם וואָס דער כולל איז געגרינדעט געוואָרן האָט דער חתם סופר פאַראָרדנט פאַר זיינע תלמידים זיי זאָלן זיך אומקערן צו דעם כולל פרושים, וואו רוב האָבן פאַר דעם באַלאַנגט, אָדער צום כולל חסידים, וואו טייל האָבן באַלאַנגט. ער איז געווען קעגן גרינדן נייע כוללים, וואָס האָט דאַן געמיינט נייע קהילות, און דורכדעם צעשפּליטערן די עקזיסטירנדע קהילות און כוללים. זיינע תלמידים זענען טאַקע אַרויס פון "כולל הו"ד".

ווי מיר וועלן זען אין אַ קומענדיגן אַרטיקל האָבן גדולי ישראל אין ירושלים, דוקא גדולים פון פּוילן, שפּעטער געשריבן צום כתב סופר אַז אַזוי ווי די עולים פון יעדע מדינה און יעדע געגנט אין חוץ לארץ האָבן זיך געגרינדעט אייגענע כוללים איז וויכטיג אַז אויך די תלמידים פון חתם סופר און פון כתב סופר זאָלן גרינדן אַן אייגענעם כולל. ווי מיר וועלן זען איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דער אונגאַרישער כולל.

אפילו נאָכדעם וואָס די תלמיד החתם סופר זענען אַרויס פון כולל הו"ד און איידער דער אונגאַרישער כולל איז געגרינדעט געוואָרן אונטער דער רבנות פון כתב סופר אין פּרעשבורג, זענען די תלמידי החתם סופר געווען שותפים מיט דעם כולל האָלאַנד ודייטשלאַנד אין דעם פּראָיעקט פון די בתי מחסה.

די נגידים פון דער לעהרין משפּחה פון אַמסטערדאַם, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דעם "פקידים ואמרכלים" פון האָלאַנד וואָס האָט געשאַפן די געלטער און אויסגעהאַלטן אַלע כוללים אין ירושלים, דעם כולל פרושים, כולל חסידים און דעם כולל הו"ד, זענען לכתחילה געווען קעגן דעם פּלאַן פון בויען די בתי מחסה. זיי האָבן מורא געהאַט אַז די אונטערנעמונג איז אַ פינאַנציעלע ריזיקע, נישטאָ די פאָנדן דאָס צו פינאַנצירן, און אַז דאָס זאַמלען געלט פאַר דעם צוועק אין אייראָפּע וועט שאַטן פאַר די הכנסות פון פקוא"ם, די פקודים ואמרכלים פון אַמסטערדאַם, לטובת די כוללים. פאַראַן אַ בריוו פון פקוא"מ אין וועלכן זיי שרייבן: "אין תועלת בקנית נחלה לאנשים הצועקים ללחם". וואָס מיינט, נישטאָ קיין געלט פאַר ברויט פאַר די ירושלימער אידן. טאָ ווי קען מען אונטערנעמען אַ ריעל עסטעיט פּראָיעקט.





**די "בתי מחסה" אין אלט-שטאט ירושלים, געגרינדעט דורך תלמידי החתם סופר**

די אונגאַרישע און דייטשע עולים אין ירושלים האָבן געשיקט אַ שליח קיין האָלאַנד און באַוויזן צו איבערצייגן די לעהרין פאַמיליע אַז מקום יש בראש, ס'איז מעגליך צו שאַפן געלט פאַר די כוללים און אויך פאַר דעם פּראָיעקט פון די בתי מחסה. די לעהרין פאַמיליע און די קאָמיטע פון די "פקידים ואמרכלים" האָט דאַן גענומען אויך דעם פּראָיעקט טיילווייז אונטער זייערע פליגל. זיי האָבן געגרינדעט אַ קאָמיטע פון אונגאַרישע און דייטשע רבנים און עסקנים וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט דעם פּראָיעקט.

בראש פון דעם וועד פון דייטשע רבנים איז געשטאַנען רבי יעקב

עטלינגער, דער בעל "ערוך לנר", רב פון אַלטונאַ, און מצד די אונגאַרישע רבנים איז געשטעלט געוואַרט רבי עזריאל הילדעסהיימער, וועלכער איז באמת געווען אַ דייטשער געבוירענער, אָבער איז דאַן געווען רב אין אייזענשטאַט, אין עסטרייך-אונגאַרן.

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין אַ פריערדיגן אַרטיקל אין וועלכן מיר האָבן דערציילט די פרשה פון יונתן אלכסנדרזאָהן איז רבי עזריאל הילדעסהיימער געווען אַן איידעם ביי דעם אָרטאָדאָקסישן מעצענאַט און פילאַנטראָפּ ר' אהרן הירש פון האַלבערשטאַט אין דייטשלאַנד, וועלכער איז געווען פון די גרויסע קעמפער קעגן די רעפאָרמער אין דייטשלאַנד. ווען זכריה פרענקל האָט געשריבן אַ פּאַמפלעט קעגן דעם חתם סופר פאַרטיידיגנדיג יונתן אלכסנדזאָהן, וואָס אלכסנדרזאָהן האָט באַצאָלט צו דרוקן עס אַלס אַ ביילאַגע אין דער האַמבורגער "אַלגעמיינע צייטונג דאָס יודענטומס", איז עס געווען ר' אהרן הירש וואָס האָט געשריבן אַ פּאַמפלעט קעגן זכרי' פרענקל און באַצאָלט עס צו דרוקן אַלס אַ ביילאַגע אין דער זעלבער האַמבורגער צייטונג.

אַצינד האָט רבי עזריאל הילדעסהיימער געקראָגן אַ גרויסע סומע געלט פון זיינע שוואָגערס, די קינדער פון ר' אהרן הירש אין האַלבערשטאַט, פאַר דעם בוי פון די בתי מחסה. איינע פון די געביידעס אין די בתי מחסה איז גערופן געוואָרן בנין "נוה שלום", אין אָנדענק פון זייער ברודער שלום הירש, וועלכער איז אַוועק נישט איבערלאָזנדיג קיין קינדער ל"ע.

ווען רבי עזריאל הילדעסהיימער האָט זיך געצויגן צוריק קיין דייטשלאַנד ווערנדיג רב פון דער אָרטאָדאָקסישער קהילה אין בערלין האָט דער כתב סופר ממנה געווען דעם אונגוואַרער רב רבי חיים הערש מאַנהיימער, בעהמח"ס "עין הבדלוח", אַלס פאַרטרעטער פון די אונגאַרישע רבנים אויף דעם ועד בתי מחסה.

אין דער צייט וואָס די הייזער וואָס די אידן האָבן פאַר דעם געדונגען פון די אַראַבער אין ירושלים זענען געווען איין צימערדיגע דירות, שטיקעדיג, אָפט אָן פענסטער, זענען די "בתי מחסה" לויט יענע אומשטענדן און באַגריפן געווען "לוקסעריעז". לופטיגע דירות פון צוויי צימערן און אַ קיך. אָט איז וויאַזוי דאָס איז דאַן באַשריבן געוואָרן, איבערגעזעצט אויף אידיש:

"אַלע דירות זענען לופטיג און ליכטיג. זיי פאַרמאָגן אַלע באַקוועמליכקייטן. יעדע איינע באַשטייט פון צוויי צימערן און אַ קאָך. אַלע דירות זענען געבויט נאָענט צו אַ גרויסן הויף, טייל אָפן צום הר הזתים. די איינוואוינער פון די דירות ליידן פון פיל ווינציגער מחלות ווי אַלע אַנדערע אידישע איינוואוינער פון ירושלים".

רבי עזריאל הילדעסהיימער צוזאַמען מיט די תלמידי החתם סופר והכתב סופר האָבן ערלעדיגט ביים עסטרייכער אינערן מיניסטעריום צו מאַכן עפנטליכע אַפּיעלס לטובת די בתי מחסה איבער אַלע מדינות פון עסטרייך-אונגאַרן. נאָענט צו העלפט פון די געלטער לטובת די בתי מחסה זענען געשאַפן געוואָרן אין אונגאַרן.

די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיך אויסגענומען אַז די דירות דאַרפן געבויט ווערן בלויז פאַר די חברי הכולל פון אונגאַרישן כולל און פון דעם כולל הו"ד, וועלכע זענען געווען די שותפים אין דעם פראָיעקט. דער ועד הכולל אין ירושלים, ר' נתן יוסף גאָלדבערגער, ר' אהרן בער פון אונגוואַר, ר' עזריאל זעליג הויזדאָרף, ר' יוחנן צבי שלאַנק, ר' שלמה עלבאָ פון האַמבורג, און ר' מאיר שיינבוים, האָבן שפּעטער אַמענדירט די שטאַטוטן. לויט די נייע תקנות האָבן די דירות געדאַרפט צעטיילט ווערן אין דריי חלקים: אַ דריטל פאַר תלמידי חכמים פון כולל הו"ד, אַ דריטל פאַר תלמידי חכמים פון אונגאַרישן כולל און אַ דריטל פאַר תלמידי חכמים פון אַלע אַנדערע כוללים אין ירושלים. צוליב והייתם נקיים האָט איינע פון די תקנות געלויטעט אַז קיין איינער פון זיי, די חברי הועד, אָדער פון די עסקנים, איז נישט באַרעכטיגט צו אַ דירה אין די בתי מחסה.

טראָץ די העכסטע עטישע סטאַנדאַרטן פון די תלמידי החתם סופר און די גרינדער פון די בתי מחסה אין אַלט-שטאָט ירושלים האָט דאָס נישט צוריקגעהאַלטן די שפּעטערדיגע ציוניסטישע פירער צו קריטיקירן די יושר'דיגע קריטעריאָנען פון די מייסדים און בויער פון די בתי מחסה.

דוד יעלין איז געווען פון די פאָטער פון ציוניזם אין ארץ ישראל. ער איז פון די ערפינדער און שאַפער פון דער העברעאישער שפּראַך. יעלין, אַ ירושלימ'ער געבוירענער שנה ופירש'ניק, אַ זון פון אַ טאַטן וואָס איז געקומען פון פוילן און פון אַ ספרדי'שער מאַמע פון באַגדאַד, איראַק, איז געגאַנגען אין חדר און אין ישיבת עץ חיים אין ירושלים און איז געוואָרן אַן איידעם ביי יחיאל מיכל פינעס. ער האָט געלערנט אין דער משכילי'שער שולע "כל ישראל חברים" אין ירושלים וואו ער איז געוואָרן אַ שנה ופירוש'ניק. צוזאַמען מיט א. בן יהודא איז ער געווען פון די גרינדער און שאַפער פון דער העברעאישער שפּראַך, און געווען פון די גרינדער פון דעם "ועד הלשון העברית" וואָס איז שפּעטער געוואָרן די "אקדמיה ללשון העברית". (אַזעלכע ווערטער ווי: צילום, בדיחה, חקלאי, נדיר, תאריך, תעמולה, קומען אַלע פון אים).

אַלס איינער פון די שונאים פונעם ישוב הישן האָט יעלין געפּרוואווט צו באַשמוצן די גרינדער פון די בתי מחסה. ס'איז כדאי צו ברענגען אַן אויסצוג פון זיינע כלומר'שט סאַרקאַסטישע ווערטער, וואָס זענען אָן אַ באַזע און אויך אָן טעם. שרייבט יעלין:

"ויהי בהגיע תור חלוקת הבתים בין עניי תלמידי החכמים שבירושלים, ויקפצו בני אונגאַריע בראש... ובני הו"ד נגררו גם הם אחריהם. הן אמנם אין כמעט בכל בני אונגריה תלמידי חכמים עניים... ובבני הו"ד אין עניים; אך סוף סוף הנה מוצא הכסף היה בארצות מולדת בני שני הכוללים האלה, ובכן החליטו... לחלק את זכות הישיבה בבתים האלה לשלושה חלקים, והיה השליש לבני אונגריה, והשליש לבני הו"ד, והשליש השלישי – לכלל ישראל ועניהם ב א מ ת, אשר לא זכו להוולד בקדושה ובטהרה בארץ אונגריה או אשכנז. ובכלל ישראל אלה: האשכנזים והספרדים והמערביים [מרוקאים] והתימנים וכל עדות ישראל לארצות גלותו"

יעלין איגנאָרירט דעם פאַקט וואָס די בתי מחסה זענען ערמעגליכט געוואָרן דורך די עסטרייך-אונגאַרישער רעגירונג וועלכע האָט פאַרלאַנגט אַז דאָס זאָל געבויט ווערן פאַר אירע בירגער; די שטר מכירה און די לעגאַלע בעלות פון דעם באָדען, וואָס ווערט אויף ענגליש גערופן "דיעד" (Deed), איז געווען אויפ'ן נאָמען פון דער עסטרייכישער רעגירונג און דעם עסטרייכישן קאָנסול אין ירושלים, כדי צו באַשיצן די אייגנטום פון טערקישער אינטערוועניץ; דער חלק הארי פון די געלטער איז געקומען פון אָרטאָדאָקסישע אידן אין אונגאַרן און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געוואָלט העלפן זייערע ברודער די יוצאי אונגאַרן, דייטשלאַנד און האָלאַנד; די חברי הכולל פון אונגאַרישן כולל און פון כולל הו"ד זענען דוקא יאָ געווען עניים ואביונים. זיי האָבן נישט געטאָן עפּעס אַנדערש ווי געזעסן און געלערנט.

**אַ רשימה און מער פרטים וועגן די גדולי תלמידי החתם סופר אין ירושלים, ווי אויך די גרינדונג פון כולל שומרי החומות, וועלכע האָט קודם געהייסן "בית הסופר והמאירי", נאָך דעם חתם סופר און דעם מהר"ם איש, אין אַ קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.**

# דער הייליגער חתם סופר



**פאָרגעלערנט מסכת מגילה חודש אדר – "קבלתי מרבי הרב מו"ה מענדלי ליליג זצ"ל" – לערנען בין מגילה דלילה למגילה דיומא – דעם חתם סופר'ס אייגנאַרטיגע מגילה – שיטת הגר"א והחתם סופר – "שליחות" ביי משלוח מנות**

**ענינים און מנהגים, רעיונות און מושגים, פון הייליגן חתם סופר אויף פורים**

[פאָרזעצונג פון פריער]

אָנגעהויבן ראש חודש אדר האָט דער חתם סופר יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב געלערנט מיט זיינע תלמידים מסכת מגילה. זיין זון דער כתב סופר דערמאַנט דאָס עטליכע מאָל אין זיינע תשובות. אין חלק אורח חיים סימן ק"א שרייבט דער כתב סופר: "ומידי דברי בו זכור אזכור מה ששמעתי מפה קדשו של אבא מאוה"ג זצ"ל בלמדו ברבים מסכת מגילה בכל שנה סמוך לפורים".

דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי חזקיה פייבל פלויט, דער שוראַנער רב, שרייבט אין זיין ספר "לקוטי חבר בן חיים", אַז ביז פורים האָט מען געלערנט ביז דף כ"א ע"ב, ביז די ווערטער "מאי מברך". פורים האָט דער חתם סופר פאָרגעלערנט פון די ווערטער "מאי מברך". דער "ליקוטי חבר בן חיים" זאָגט נישט פאַרוואָס, אָבער לכאורה איז עס דערפאַר ווייל פון דאָרט און ווייטער איז די גמרא מער נישט עוסק אין ענינים פון פורים. איז געווען אויסגערעכנט פורים זאָל מען לערנען בענינו של יום, "מאי מברך.. הרב את ריבנו והדן את דיננו וכו'".

אויף ראש חודש ניסן האָט מען מסיים געווען די מסכתא.

## "קבלתי מרבי הרב מהו' מענדלי ליליג זצ"ל שהיה רב בביה"מ דק"ק פפד"מ"

באותו ענין פון לערנען פורים: ווי שוין געשריבן אין איינעם פון די ערשטע אַרטיקלען האָט דער חתם סופר אויסער זיינע רבי'ס רבי נתן אַדלער און דער בעל הפלאה אויך געהאַט אַנדערע רבי'ס פון וועמען ער האָט מקבל געווען. איינער פון זיי איז געווען הגה"צ רבי מענדילע ליליג, אַ תלמיד פון פני יהושע. דער חתם סופר דערמאַנט אים אין שו"ת או"ח סי' קנ"ו און אין סוף סי' ר"ה. ער שרייבט "וא' מרבותי הרב המופלג מו"ה מענדל ליליג זצ"ל דיין ורב בביהמ"ד בפפד"מ".

איז באַקאַנט וואָס דער חתם סופר שרייבט אין זיין נאָמען: "קבלתי מרבי הרב מוה' מענדלי ליליג זצ"ל שהיה רב בביה"מ דק"ק פפד"מ, שקבל מהגאון בעל שב יעקב זצ"ל, שכל העוסק בתורה בין מגילה דלילה למגילה דיומא, מובטח לו שהוא בן עולם הבא. כך קבלתי וטעמא לא ידענא. אבל אני אודין ואבין וכו'" ("דרושים ואגדות" דרוש לער"ח אדר תקנ"ח דף רמ"ה).

באַקאַנט וואָס ס'ווערט געברענגט אין ספר "אביר הרועים", (די תולדות פון אבני נזר), אין נאָמען פון קאָצקער רבי'ן הגה"ק רבי מנחם מענדל מקאָצק. דער קאָצקער האָט געזאָגט אַז דערפאַר האָט הגאון רבי זאב נחום מביאַלא, דער בעל "אגודת אזוב", זוכה געווען צו אַ זון ווי דער אבני נזר, ווייל "פעם אחת בפורים אירע בעולם דבר נורא. שכל הצדיקים והלומדים היו טרודים כולם בשעה אחת במצות היום של פורים ולא הי' נמצא בכל העולם שום א' שלימד אז בשעה ההוא, זולת הרב מביאַלא הנ"ל הי' יושב ולומד, ונשמע קולו במרום, והי' רעש בשמים מזה, כי אלמלא הוא הי' כל העולם כולו עומד בשעה ההוא בלי עסק התורה הקדושה למטה. על כן ניתן לו משמים מתנה זו שיהי' לו בן הזה שר התורה והיראה שיאיר את פני העולם כולו באור תורתו וקדושתו וטהרתו".

## פאַרוואָס איז פורים נישט איבעראַל איין און דעם זעלבן טאָג?

ווייטער באותו ענין. דער חתם סופר פרעגט: פאַרוואָס האָבן די אנשי כנסת הגדולה נישט קובע געווען פורים איין און דעם זעלבן טאָג איבעראַל, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ימים טובים? פאַרוואָס זענען באַשטימט געוואָרן צוויי טעג, איינס פאַר פרזים און איינס פאַר מוקפים?

זאָגט דער חתם סופר: מרדכי ואסתר האָבן נישט געוואָלט אַז אידן איבער דער גאַנצער וועלט זאָלן זיין "אוכלים ושמחים ומתבטלים מתורה ומצות. ע"כ קבעוה ליום מנוחה וזמנו של זה לא כזמנו של זה, ובכן בזמן שאלו שמחין ביום י"ד אלו עוסקין בתורה, ועי"ז לא יתבטל תורה מישראל".

## פורים מוצאי שבת

ווען פורים איז געפאַלן מוצאי שבת האָט דער חתם סופר געדאַווענט מנחה באַלד נאָך דער סעודה פון שבת בייטאָג און געגעסן די סעודה פון שלש סעודות פאַר שעה העשירית. (ליקוטי חבר בן חיים עמוד תי"ב). לכאורה כדי צו קענען לייענען די מגילה באַלד נאָך צאת הכוכבים.

## מגילה לייענען

פורים האָט ער געדאַווענט ביי זיך אין בית המדרש, אין שיעור שטוב, נישט אין דער שטאָטישער שול.

זיין אייניקל דער חתן סופר (אין שו"ת חתן סופר סימן ע"ד) וואונדערט זיך: דער מגן אברהם אין סימן תר"צ ס"ק כ"ג זאָגט דאָך אַז צוליב 'ברוב עם' זאָל מען גיין צו מגילה לייענען אין שול און נישט ביי זיך, אפילו אויב מען קען האָבן 100 מענטשן ביי זיך אין שטוב? זאָגט דער חתן סופר אַז מסתמא האָט ער דאָס געטאָן דערפאַר ווייל ער פלעגט טאָפּלען, איבערלייענען צוויי מאָל, געוויסע פסוקים, צוליב די פאַרשידענע גרסאות. האָט ער דאָס נישט געוואָלט טון אין דער שול. (מסתמא אויך צוליב דער מגילה וואָס ער האָט געהאַט וואָס איז געווען אַנדערש ווי דער מנהג העולם, ווי מיר וועלן שוין זען).

ווען ער פלעגט דאַווענען שבתים און ימים טובים אין דער שול האָט ער גאָרנישט משנה געווען פון די מנהגים וואָס עס זענען דאָרט געווען איינגעפירט פון פריער דורך רבי משולם איגרא און די פריערדיגע רבנים פון פרעשבורג.

דעם פסוק "אשר נתן המלך להשמיד להרג" (ח' י"א) האָט דער בעל קורא געלייענט צוויי מאָל. איינמאָל "להרג", און דאָס צווייטע מאָל "ולהרג", מיט אַ וי"ו החיבור. אויך דעם פסוק "נקהלו היהודים וגו' ואיש לא עמד בפניהם" (ט' ב): איינמאָל "בפניהם", און דאָס צווייטע מאָל "לפניהם". אויך איבעראַל וואו עס שטייט אין דער מגילה יהודיים האָט דער בעל קורא עס געלייענט צוויי מאָל: איינמאָל יהודים און דאָס צווייטע מאָל יהודיים.

## די אייגנאַרטיגע מגילה פון חתם סופר - שיטת הגר"א והחתם סופר

די מגילה פון חתם סופר איז געווען אייגנאַרטיג און אַנדערש ווי די מגילות פון דער גאַנצער וועלט. די עשרת בני המן זענען נישט געווען געשריבן אין גרעסערע אותיות. די אותיות פון די עשרת בני המן זענען געווען די זעלבע גרויס ווי אַלע אַנדערע אותיות פון דער מגילה.

די עשרת בני המן האָבן אויך נישט פאַרנומען אַ גאַנצן עמוד. זיי זענען טאַקע געווען געשריבן ווי אַ שירה, ווי די גמרא זאָגט אין מגילה (דף ט"ז ע"ב) "אריח על גבי אריח ולבינה על גבי לבינה", וואָס מיינט: די נעמען פון די עשרת בני המן אויף דער רעכטער זייט פון עמוד און "ואת" אויף דער לינקער זייט פון עמוד, מיט ליידיג פלאַץ אינצווישן. אין חתם סופר'ס מגילה האָבן אָבער די עשרת בני המן נישט פאַרנומען אַ גאַנצן עמוד. העכער זיי און אונטער זיי אויפ'ן עמוד זענען געווען געשריבן פולע גאַנצע שורות פון פריער און פון ווייטער.

דער יסוד פון דעם אייגנאַרטיגן מנהג איז געבויט אויף וואָס איז באַקאַנט אַלס דער מנהג הגר"א והחתם סופר.

דער מחבר אין שולחן ערוך סימן תרצ"א זאָגט: "וצריך לכתוב 'איש' בראש דפא 'ואת' בסופה". דער מקור איז אַ ירושלמי, געברענגט אין טור. דערפאַר פירט זיך די וועלט צו שרייבן "איש" ביים אָנפאַנג פון עמוד און "עשרת" ביים סוף. היות ווי דאָס זענען נישט מער ווי עלף שורות פירט מען זיך זיי צו שרייבן אין גרויסע אותיות.

שרייבט אָבער דער גר"א אין זיינע הגהות אויף שולחן ערוך אַז די וועלט מאַכט אַ טעות. נישטאָ אַזאַ מסורה צו שרייבן די עשרת בני המן אין גרעסערע אותיות. איי דער ירושלמי און שפעטער דער שולחן ערוך וואָס שרייבן "איש בראש דפא ואת בסופה"? דפא, זאָגט דער ווילנער גאון, מיינט נישט אַ גאַנצער בלאַט אָדער עמוד. דפא מיינט דאָ אַ שורה. "איש" זאָל זיין אָנפאַנג שורה און "ואת" סוף שורה. אַזוי די גאַנצע עשרת בני המן. נישט אָנפאַנג עמוד אָדער סוף עמוד. עשרת זאָגט אָבער דער גר"א זאָל יאָ זיין סוף עמוד.

בכדי די אותיות פון די עשרת בני המן זאָלן נישט זיין גרעסער ווי די אותיות פון דער גאַנצער מגילה זאָגט דער גר"א אַז די עשרת בני המן זאָלן זיך נישט אָנפאַנגען אויבן פונעם עמוד, נאָר 11 שורות אַרויף פון אונטן, אַזוי אַז "עשרת" זאָל זיין דאָס לעצטע וואָרט אויפ'ן עמוד. דער אויבערשטער טייל פונעם עמוד זאָל אָבער האָבן גאַנצע פולע שורות פון די פסוקים פון פריער, פון פאַר די עשרת בני המן.

דער חתם סופר אין שו"ת או"ח סימן קפ"ט און סימן ק"צ האַלט אויך אַזוי ווי דער גר"א. צווישן זיינע ראיות ברענגט דער חתם סופר דעם לשון "ואת בסוף דפא". דאָס וואָרט "ואת" איז דאָך זיכער נישט ביים סוף פונעם עמוד. איז דאָך משמע אַז דפא מיינט דאָ אַ שורה.

מעיקר הדין, שרייבט דער חתם סופר אין די תשובות, דאַרף אויך דאָס וואָרט "עשרת" נישט זיין ביים סוף פונעם עמוד. ס'מעגן זיין אַנדערע גאַנצע שורות דערנאָך, אויף דער אונטערשטער העלפט פון עמוד. דאָך האַלט ער מסברא מדיליה, פון זיין אייגענער סברא, אַז לכל הפחות ענדיגן זאָל זיך דער עמוד מיט די עשרת בני המן.

"שאעפ"י שהאמת דבריש דפא וסופא היינו שיטה, ולא הוזכר עמוד בירושלמי, מ"מ מסברא אמינא לכותבם בסוף עמוד שלא לכתוב שיטה למטה מהם, שלא תהיה תקומה למפלתן". (או"ח סי' ק"צ). דער חתם סופר פירט אויס: "זהו דעתי, ואין לי ראיה אחרת, אלא טוב למעט בטעות מנהג אבותינו שעכ"פ יפה נהגו לסיים בסוף עמוד, אלא הטעות במה שמתחילין בראש עמוד".

איז עס גאָר אינטערעסאַנט: כאָטש דער חתם סופר שרייבט יאָ אָנצוהאַלטן דעם מנהג פון שרייבן די עשרת בני המן ביים סוף פונעם עמוד "למעט טעות מנהג אבותינו", זאָגט זיין אייניקל דער פרעשבורגער רב הגאון רבי שמחה בונם סופר אין זיין שו"ת "שבט סופר" סימן כ"ז, אַז די מגילה אין וועלכער דער חתם סופר האָט געלייענט זענען די עשרת בני המן געווען געשריבן אינמיטן עמוד, מיט גאַנצע פולע שורות העכער זיי און אונטער זיי.

דער שבט סופר זאָגט אַז דער חתם סופר האָט בלי ספק אַזוי געהאַט בקבלה פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער "ולא רצה לשנות כאשר כתב הרבה

פעמים בחת"ס שלא שינה ממה שמצא אף שהיה נוטה לדעה אחרת".

דער "שבט סופר" און אויך זיין זון דער פרעשבורגער רב רבי עקיבא סופר, דער "דעת סופר", (אין או"ח סי' קכ"ז), שרייבן אַז די קינדער און תלמידים פון חתם סופר האָבן זיך נישט אַזוי געפירט, חוץ דעם חתם סופר'ס תלמיד דער יאַרמאָטער רב הגאון רבי דוד דייטש, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ מגילה ווי דער חתם סופר.

הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות אין שו"ת "בית אפרים" סימן ע' פאַרענטפערט באריכות דעם מנהג העולם צו שרייבן די עשרת בני המן בלויז אויף איין עמוד מיט גרעסערע אותיות טראָץ דעם וואָס די רעשט פון דער מגילה איז געשריבן מיט קלענערע אותיות. אויך דער "חיי אדם" אין "נשמת אדם" כלל קנ"ה איז מסביר דעם מנהג העולם. (ווי די וועלט פירט זיך שטייט למעשה אין לבוש).

פאַראַן אַזעלכע וואָס כדי יוצא צו זייןביידע שיטות, דעם מנהג העולם און די שיטות פון חתם סופר און פון גר"א, זענען זיי מהדר צו האָבן אַ מגילה פון י"א שיטין, אַלע עמודים פון די גאַנצע מגילה האָבן בלויז 11 שורות, אַזוי אַז די עשרת בני המן זענען אויף אַ גאַנצן עמוד פאַר זיך, און צו דער זעלבער צייט זענען זיי נישט גרעסער ווי די איבריגע אותיות פון דער גאַנצער מגילה.

דער מנהג העולם איז אָבער צו שרייבן מגילות פון כ"ב שורות, צי מ"ב שורות אָדער מ"ח שורות ווי אַ ספר תורה, און צו שרייבן די עשרת בני המן אויף אַ גאַנצן עמוד אין גרעסערע אותיות.

(דער משנה ברורה אין "שער הציון" שרייבט "ומכל מקום נראה לי דאם עשה כדעת הגר"א שהתחיל 'איש' באמצע העמוד, אף שהוא שלא כמנהג העולם בזה, אין להקפיד בזה בדיעבד ומותר לקרות ולברך עליה, אחרי שדעת הגר"א לעשות כן לכתחילה, ובפתחי עולם כתב שכן הוא גם כן דעת החתם סופר חלק אורח חיים סימן קפ"ט וסימן ק"צ").

ביי קריאת המגילה ביינאַכט און ביי טאָג זענען ביי די צוויי זייטן פון דער בימה געשטאַנען אנשים חשובים מיט פאַקלען, ברענענדיגע הבדלות, אין די הענט.

דעם חתם סופר'ס אייניקל דער בעל התעוררות תשובה אין ספר "שיר מעון" עה"ת חלק שמות עמוד ס"ג גיט דערויף אַ טעם בדרך רמז: "שמדליקין שתי אבוקות (הנקראים הבדלות) לקריאת המגילה ברבים, ומכבדים לשני חשובי הקהל בזה שכל אחד אוחז בידו אבוקה הלזו ועומדין אצל הקורא ומאירין לו כל זמן הקריאה וכו'".

הגאון רבי יצחק ווייס, ראב"ד ווערבוי, שרייבט, אַז דער בעל קורא ביים חתם סופר האָט מדגיש געווען יעדן וואָרט פון דער מגילה אויף אַן אופן אַז ס'זאָלן זיך דערהערן אַלע דרשות און מדרשי חז"ל וואָס זענען מרומז אין די פסוקים, ווי למשל: וי-הי בימי אחש-ורש. ("שיח יצחק" עה"ת עמוד ריי"ג).

ביי דער סעודה די ערשטע נאַכט פורים האָט דער חתם סופר געגעסן בונדלעך געקאָכט אין האָניג מקיים צו זיין וואָס דער רמ"א זאָגט (סימן תרצ"ב ס"ב) צו עסן מאכל זרעונים אום פורים אַלס אַ זכר צו די זרעונים וואָס דניאל וחביריו האָבן געגעסן אין בבל נישט נכשל צו ווערן אין מאכלות אסורות. דער מגן אברהם זאָגט דאָרט אַז דאָס מיינט די ערשטע נאַכט. (זכרון למשה סימן ח' אות ח'). אין נאָמען פון שבט סופר ברענגט ער דאָרט אין זכרון למשה אַז זרעונים מיינט רייז, אורז.

הגאון רבי יוסף לעווי ז"ל, יאָרצייט ט"ז אדר ב', ברענגט אין "מנהג ישראל תורה" סי' תרצ"ה אות ד', עטליכע מעגליכע טעמים פאַרוואָס די



הגאון רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ זצ"ל, צעהלימער רב, מגדולי תלמידי החתם סופר

וועלט פירט זיך היינט נישט צו עסן פורים זרעונים.

אינטערעסאַנט: נישט דער "מנהג ישראל תורה" און נישט אַנדערע דערמאַנען אַז די וואָס עסן פורים געפילט קרויט מיט רייז עסן דאָך יאָ זרעונים, לויט ווי דער זכרון למשה ברענגט אין נאָמען פון שבט סופר אַז זרעונים מיינט רייז.

די ערשטע נאַכט פורים זענען צום חתם סופר אין שטוב געקומען זיינע תלמידים און תלמידי חכמים פון דער שטאָט. זיי פלעגן זינגען אַלע ניגונים פון שמחת תורה.

סוף ימיו פון חתם סופר האָט מען צוגעלייגט אַ ניגון "אורה למרדכי". דער לקוטי חבר בן חיים שרייבט אַז דעם ניגון האָט געבראַכט פון ארץ ישראל רבי אברהם וואָלפזאָהן, דיין אין צפת בבית דינו פון זיין פעטער רבי ישראל שקלאָווער. אַרום שנת תקצ"ו איז ער געשיקט געוואָרן קיין אונגאַרן אַלס דער שד"ר פונעם כולל פרושים. אין שנת תקצ"ט איז ער געווען אין פרעשבורג. דער שיר "אורה למרדכי" איז געדרוקט אין ספר "שירת משה השלם" עמ' קמ"א.

איינער פון די תלמידי הישיבה פלעגט זיך אויפשטעלן זאָגן אַ דרוש אויפ'ן גראַם. געווענליך איז עס געווען געבויט אויף דעם וואָס מ'האָט געלערנט יענעם זמן. אָפט האָט דער תלמיד גענוצט אַ סברא וואָס דער חתם סופר האָט מחדש געווען ביים פאָרלערנען. (לקוטי חבר בן חיים עמוד תי"ד).

אין זכרון למשה ווערט געברענגט אַז געווענליך איז דער בחור וואָס האָט געהאַלטן די דרשה געווען דער גרעסטער חריף אין דער ישיבה. דער "פלפול" איז געווען גג על גג אָבער בדרך צחות לכבוד פורים. אין זכרון למשה פירט ער אויס: "ורבינו התענג מאוד מהדבר, וכמעט נשקו על מצחו, ואמר, אם הפלפול של צחות שלו הוא כפתור ופרח מכש"כ פלפול של אמת".

אַמאָל ביי דער סעודה פון פורים ביינאַכט איז אויסגעגאַנגען די וויין פון טיש. האָט דער חתם סופר געבעטן פון דעם בחור מנחם כץ פרוסטיץ, דער שפּעטערדיגער צעהלימער רב, מגדולי תלמידי החתם סופר, צו גיין אַרונטער אין קעלער און ברענגען דעם בעסטן וויין. ער האָט אַזוי געטאָן און טועם געווען פון יעדן פלעשל זיכער צו מאַכן אַז ער ברענגט דעם בעסטן וויין. היות ווי ער איז נישט געווען געוואוינט צו טרונקען וויין איז ער אַרויפקומענדיג פון קעלער שוין געווען בגילופין און האָט געמאַכט אַ רעש. דער חתם סופר פלעגט אים רופן בלשון חיבה "מנחם'ל". האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן, נוצנדיג אַ מליצה פון פסוק: "מנח"ל (מנחמ'ל) בדרך ישתה, על כן ירום ראָוש". "ראָוש" מיינט אַ רעש אויף אידיש-דייטש. ("תולדות וחידושי רבי מנחם כץ פרוסטיץ זצ"ל", עמוד ח').

## פורים רב

הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד האָט דערציילט: "היות ווי פורים האָבן די רבנים און מורי הוראות מקיים געווען די הלכה פון חייב איניש לבסומי בפוריא האָט מען אין פרעשבורג ביי מיין רבי'ן דער כתב סופר און פאַר דעם ביי זיין פאָטער דער חתם סופר באַשטימט אַ תלמיד חכם וואָס האָט יוצא געווען די מצוה פון עד דלא ידע נישט מיט טרינקען נאָר מיט שלאָפן ער זאָל זיין דער רב דחד יומא צו פסק'ען שאלות אום פורים. דאָס איז געווען דער פורים רב". (חכמת חיים עה"ת, עמ' רפ"ט).

## משלוח מנות

פורים צופרי נאָך שחרית האָט מען געזאָגט תהלים קאַפּיטל כ"ב און נאָכ'ן דאַווענען האָט דער חתם סופר פאָרגעלערנט, ווי פריער דערמאַנט, מס' מגילה דף כ"א ע"ב. ער האָט אַלע יאָר געזאָגט אויף דער גמרא אַ דרוש מענינא דיומא.

ווען ער איז אַהיימגעקומען אין שטוב האָט ער די ערשטע זאַך געשיקט משלוח מנות צו די חכמי העיר, נאָך איידער זיי האָבן אים געשיקט.

## איז ביי משלוח מנות פאַראַן אַ שאלה פון "שליחות ע"י קטן"?

אין זיינע חידושים אויף מסכת גיטין (כ"ב ע"ב) שרייבט דער חתם סופר, אַז טראָץ דעם וואָס אַ קטן קען נישט זיין קיין שליח, אין שליחות לקטן, דאָך איז נישטאָ קיין שום פּראָבלעם צו שיקן משלוח מנות מיט אַ קטן. פאַרוואָס נישט? ווייל שליחות איז נאָר שייך ביי אַ זאַך וואָס מ'איז אַליין מחויב צו טון. קען מען מאַכן אַ שליח וואָס זאָל עס טון אין זיין שליחות. די מצוה פון משלוח מנות איז דאָך אָבער לכתחילה צו שיקן. "משלוח" מנות. איז נישט קיין נפקא מינה וויאַזוי דאָס ווערט געשיקט. געשיקט מיט אַ קטן איז פונקט אַזוי געשיקט.

דער חתם סופר פירט אויס מיט די ווערטער: "והבן זה כי כבר טעו בו גדולים וטובים ממני".

ווער זענען דאָס די גדולים וטובים?

איז זיין גרויסער תלמיד רבי חזקי' פייבל פלויט, דער שוראַנער רב, מגלה דעם סוד.

אין ספר "ליקוטי חבר בן חיים" (ח"א דף ל"ו ע"ב) שרייבט ער אַז הגאון רבי עקיבא איגר איז עס געווען דער וואָס האָט געפרעגט די קשיא פון חתם סופר, וויאַזוי מ'קען יוצא זיין משלוח מנות דורך שיקן מיט אַ קטן ס'איז דאָך אין שליחות לקטן, און דער חתם סופר האָט אים געענטפערט אַז משלוח מנות איז נישט קיין מצוה פון נתינה, אָדער פון עשיה, וואו ס'איז גילטיג דער כלל פון שלוחו של אדם כמותו. משלוח מנות איז אַ מצוה פון שילוח, פון שיקן, דאָס קען געטאָן ווערן אויף סיי וועלכן אופן, אפילו דורך מעשה קוף בעלמא, כל זמן ס'ווערט געשיקט און ס'קומט אָן צו דעם צו וועמען דאָס ווערט געשיקט.

דער משנה ברורה (סי' תרצ"ה סקי"ח) ברענגט די שאלה פון שו"ת בנין ציון אויף פאַרקערט: צי מ'איז יוצא דורך טראָגן די משלוח מנות אַליין נישט דורך אַ שליח, וויבאַלד ס'שטייט דאָך ומשלוח מנות.

אַלע אחרונים זאָגן אָבער אַז משלוח איז לאו דוקא און מ'איז יוצא ביידע וועגן. פאַראַן אחרונים (שו"ת יהודה יעלה און כף החיים) וואָס האַלטן אַז דורך אַ שליח איז מער בדרך כבוד. אַנדערע, ווי דער בוטשאַטשער רב אין אשל אברהם, האַלטן אַז צו געבן אַליין מיד ליד איז מער חשיבות. זע אויך שו"ת דברי יואל סימן ס"ד.

## די קדושה פון פורים

אין אַ געוויסן זין, זאָגט דער חתם סופר, איז פורים אַ גרעסערער יום טוב ווי פסח און שבועות. שבועות האָט מען דאָך מקבל געווען די תורה בכפייה. פורים איז אָבער געווען הדר קבלוה בימי אחשורוש ברצון. פסח איז געווען אַ גאולה מעבדות לחירות. פורים דאַקעגן איז געווען ממיתה לחיים. (דרשות חת"ס ח"א דף קנ"ו ד"ה אלא).

## ימי הפורים לא נבטלים - לעתיד לבוא וועט פורים זיך אָנהויבן י"א אדר

ווען איז מגילה נקראת בי"א, בי"ב, בי"ג, בי"ד, בט"ו? זאָגט די גמרא (מגילה דף ב) בזמן שישראל שרויים על אדמתם, ווען מ'האָט מקדש געווען על פי ראיה און די שלוחים קומען אָן ביז פסח פון איין עק ארץ ישראל ביז צום צווייטן. אָבער בזמן הזה וואָס אידן זענען פאַרטריבן אין גלות "הואיל ומסתכלין בה", וויבאַלד אַלע קוקן אויף ווען ס'איז געווען פורים און לויט דעם האַלט מען פסח מיט 30 טעג שפּעטער "אין קורין אותה אלא בזמנה".

היינט, זאָגט דער חתם סופר, האַלט מען די אַנדערע ימים טובים מיט איין טאָג מער, צוליב ספיקא דיומא, און די מגילה לייענט מען מיט דריי טעג ווינציגער, ווייל י"א י"ב און י"ג איז בטל געוואָרן. לעתיד לבוא ווען דאָס בית דין וועט ווידעראַמאָל מקדש זיין ראש חודש על פי ראיה וועט דער צווייטער טאָג, יום טוב שני של גליות פון די אַנדערע ימים טובים בטל ווערן. דאַקעגן דער יום טוב פורים וועט ווערן גרעסער, ווייל עס וועלן צוקומען י"א, י"ב און י"ג. (דרשות חת"ס ח"א דף ר"ח ד"ה כל המועדים).

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**די ערשטע תלמידי החתם סופר אין ירושלים – רבי אהרן משה קרעזמיר, רבי יונה לייב לעבל, רבי יצחק אַפּלאַטקאָ, רבי משה נאָוואָמעסטאַ, רבי שמעון דייטש, רבי אברהם שאַג, און די אַנדערע תלמידים פון חתם סופר וואָס האָבן געלאָזט זייער חותם אויפ'ן ישוב הישן אין ירושלים**

[פאָרזעצונג פון פריער]

ווען אין ירושלים האָבן געוואוינט בלויז ספרדים, – אין די יאָרן וואָס אשכנזי'שע אידן זענען נישט ערלויבט געוואָרן דאָרט צו וואוינען – האָט אין ירושלים שוין געוואוינט אַ תלמיד פון חתם סופר. ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין אַ פריערדיגן אַרטיקל זעען מיר דאָס אין חתם סופר'ס אַ תשובה, אהע"ז חלק א' סי' קל"ב, געשריבן מיט 220 יאָר צוריק, י"ב טבת שנת תקס"ד.

דער חתם סופר שרייבט דאָרט: "וביום שמחת תורה העבר הגיע לידי מכתב מירושלים עה"ק מאחד מתלמידי היושבים שם, והאגרת נכתב ביום א' ט"ו אב העבר, ושם סיפר מגודל הדוחק שיש להאשכנזים שמה וגודל שנאת הספרדים עליהם, ממש כמ"ש בפסקי מהרא"י הנ"ל, ושם נאמר שהרב הזה אשר אנו עוסקים בו הי' שם לבז וכלימה ואלמלא התלמיד הנ"ל היה בעוזריו לא הכניסו אדם לביתו".

פאַראַן פאַרשידענע השערות בנוגע דער אידענטיטעט פון דעם תלמיד וואָס האָט שוין דאַן געוואוינט אין ירושלים. זיי זענען אָבער נישט מער ווי דאָס: השערות און נישט קראַנטע שפּעקולאַציעס.

די ערשטע באַקאַנטע תלמידי החתם סופר האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל ערשט פון שנת תק"ץ און ווייטער. וועלן מיר אין היינטיגן און אין קומענדיגן אַרטיקל אויסרעכענען אַ טיילווייזע רשימה פון די סאַמע אויסגערופנסטע צווישן זיי – באַרימטע תלמידים פון חתם סופר וואָס האָבן עולה געווען און האָבן געלאָזט זייער חותם אויפ'ן ישוב הישן אין ירושלים, – מיט קורצע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן יעדן איינעם פון זיי.

## רבי אהרן משה קרעזמיר (בוימגאַרטן)

רבי אהרן משה בוימגאַרטן איז געבוירן אין שנת תקע"ב אין קרעזמיר, מעהרין. פריער האָט ער געלערנט ביי רבי מרדכי בנעט, און ביים ברוך טעם אין לייפּניק. דאַן איז ער געפאָרן קיין פּרעשבורג וואו ער איז געוואָרן אַ תלמיד חביב פון חתם סופר. אין דער ישיבה אין פּרעשבורג האָט מען אים גערופן אהרן משה קרעזמיר, אויפ'ן נאָמען פון זיין געבורטסשטאָט.

אין שנת תקצ"ד האָט אין פּרעשבורג באַזוכט אַ שד"ר פון צפת. אהרן משה, וועלכער איז געווען 22 יאָר אַלט, האָט געזאָגט פאַר'ן חתם סופר, אַז ער האָט גרויס חשק צו פאָרן וואוינען און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, וואו ער וויל חתונה האָבן און בלייבן לערנען דאָס גאַנצע לעבן.

דער חתם סופר האָט מסכים געווען. אָט איז ווי זיין שוואָגער רבי יעקב ספיר שרייבט וועגן דעם: "ורבו הגאון הסכים על ידו, ונתן אותו על יד השד"ר, ואמר לו: הבחור הזה בחירי רצתה נפשו, ראיתיו מבני עליה אשר לו יאתה לעלות ולשכון כבוד באה"ק. קחנו עמך, ועיניך שים עליו. ויברך אותו: רכב והצלח. ועלה עמו לעה"ק צפת. הוא הראשון מבני הישיבה הזאת וממדינה ההיא אשר עלו ובאו לאה"ק".

פון צפת איז ער געפאָרן קיין ירושלים, ווי ס'איז געווען דער רצון פון זיין רבי'ן דער חתם סופר. ער האָט זיך באַזעצט אויף רחוב חברון אין ירושלים וואו ער האָט געגרינדעט אַ בית המדרש "אוהל משה", אויפ'ן נאָמען פון חתם סופר.

זיין זון רבי שמואל מנחם בוימגאַרטן פון ירושלים שרייבט: "אבי הרב הישיש המפורסם מוה' אהרן משה בוימגאַרטן נ"י, אשר הוא הראשון אשר בא ממדינת אונגאַרן מעהרען במצות רבו הגאון בעל חתם סופר זצ"ל להסתופף בנחלת ה' בעה"ק ירושלם ת"ו בשנת תקצ"ד – ומאז ועד עתה לא יצא מקיר העיר וחוצה לדפוק על פתחי נדיבים. הוא הקדיש מכבר אחד מחדריו בביתו לבית המדרש, וקרא שמו 'אוהל משה' על שם רבו הגאון בעל חתם סופר זצ"ל". (זכור לאברהם עמ' שכב).

אין ירושלים האָט ער בקדושה ובטהרה געלערנט תורה מתוך הדחק.

אין "אוצרות הסופר" קובץ ט' עמ' ח-ט איז געווען געדרוקט אַ בריוו פון חתם סופר צו אים און צו זיין חבר יונה לייב מענדעלזאָן, וועלכער האָט נאָך אים עולה געווען קיין ארץ ישראל. דער חתם סופר האָט זיי געשיקט געלט שטיצע קיין ירושלים. שרייבט דער חתם סופר: "שלום וכ"ט לאהו' תלמידי הרבני המופלג מו"ה משה נ"י מקרעזמיר... ואשר




**טאָוול ביים אָרט וואו עס שטייט די ישיבת "אהל משה" אין ירושלים געגרינדעט דורך הגאון רבי אהרן משה בוימגאַרטן זצ"ל**

אתו הבח׳ המופלא הר"ר יונה ליב יאָקא.... הנה בהסכ׳ נשלוח היום... סך מקובץ אשר מהם עשרה זהובים כסף מעות שלוח לר׳ משה נ"י מר׳ דוד אַדלער, ועוד ד׳ זהובים מחברת בחורים שלו, ועוד יקבל מעות הקדמה עשרים זהו׳... ד׳ יתן כל טוב לאחרית... האמת השלום אהבו וד׳ עמכם. משה"ק סופר מפפד"מ".

ווען מען האָט גענומען צוריק אויפבויען די חורבת רבי יהודה חסיד שול האָט ער, כדי צו ברענגען פרנסה, פאַר אַ צייט זיך פאַרדינגען אַלס אַ בוי אַרבייטער. ער האָט געאַרבעט בייטאָג און געזעסן און געלערנט כמעט אַ גאַנצע נאַכט.

רבי אהרן משה איז געווען פון די פירער פון דעם כולל פרושים אין ירושלים. ער האָט אָבער נישט געוואָלט געניסן פון די חלוקה געלטער.

צוזאַמען מיט זיינע חברים די תלמידי החתם סופר רבי יצחק אַפּלאַטקע און רבי יונה לייב מענדעלזאָן איז ער דערנאָך געווען פון די גרינדער פון אונגאַרישן כולל שומרי החומות.

ז׳ טבת תרל"ז איז רבי אהרן משה נפטר געוואָרן און איז נטמן געוואָרן אויפ'ן הר הזיתים.

## רבי יונה לייב מענדעלזאָן (לעבל)

דער פריער דערמאַנטער בריוו פון חתם סופר צו ר׳ אהרן משה בוימגאַרטן איז אויך אַדרעסירט צו "ואשר אתו הבח׳ המופלא הר"ר יונה לייב יאָקא". דאָס איז רבי יונה לייב מענדעלזאָן (לעבל).

רבי יונה לייב איז געבוירן אין שנת תקע"ו אין דער שטאָט יאָקא. דערפאַר רופט אים דער חתם סופר אין דעם בריוו "יונה לייב יאָקא".

אין חתם סופר'ס ישיבה אין פרעשבורג, און אין אַלע ישיבות אין אייראָפּע, פלעגט מען דאַן רופן די בחורים נישט לויט זייערע לעצטע פאַמיליע נעמען, נאָר לויט דעם נאָמען פון דער שטאָט פון וואו זיי זענען געקומען. יונה לייב יאָקא, נישט יונה לייב מענדעלזאָן. אהרן משה קרעזמיר, נישט אהרן משה בוימגאַרטן.

אינטערעסאַנט: אין יענע מדינות פלעגט מען דאַן נישט צולייגן דעם ׳ער. מ'האָט אים גערופן יאָקא, נישט יאָקער. קרעזמיר, נישט קרעזמירער. דאָס זעלבע קען מען זען ביי אַלע אַנדערע תלמידי החתם סופר. רבי יצחק (אַפּלאַטקאָ) פּראַג, נישט פּראַגער. רבי מרדכי שלאַנק און רבי יצחק שלאַנק, פון דער שטאָט שלאַנק אין דייטשלאַנד, נישט שלאַנקער. רבי משה (האַמבורגער) נאָוואָמעסטע, נישט נאָוואָמעסטער. רבי אברהם (צווייבנער) שאַג, פון דער שטאָט שאַג, נישט שאַגער. רבי משה (פשעהאָפער) קנישא, נישט קנישער. דאָס זעלבע מיט די נעמען פון אַנדערע גדולים פון אונגאַרן, ווי רבי יהודא אָסאַד, פון דער שטאָט אָסאַד, נישט אָסאַדער. – דעם ווילנער גאון, דעם גר"א, רופט דער חתם סופר (תשובות חת"ס או"ח סי׳ ק"א): "הגאון מוה"ר אלי׳ ווילנא זצ"ל".

רבי יונה לייב מענדעלזאָן איז געבוירן אין יאָקא אין שנת תקע"ו. לערנענדיג אַלס בחור ביים חתם סופר אין פּרעשבורג איז ער אַמאָל געוואָרן מסוכן קראַנק. דער חתם סופר האָט אים דאַן געהייסן עולה זיין קיין ארץ ישראל. אין שנת תקצ"ו האָט ער טראָץ זיין שווערע מחלה עולה געווען און זיך באַזעצט אין ירושלים, ווי אַלע אַנדערע תלמידי החתם סופר. אין ירושלים איז ער געוואָרן געזונט און האָט חתונה געהאַט. ער האָט אויפגעשטעלט די ברייט פאַרצווייגטע ירושלים'ער לעבעל פאַמיליע.

צוזאַמען מיט זיינע חברים איז רבי יונה לייב געווען פון די מייסדים פון אונגאַרישן כולל. זיין זון רבי משה יהושע מענדעלזאָן-לעבל איז געווען פון די גרינדער פון "מאה שערים".

רבי יונה לייב מענדעלזאָן-לעבל איז עטליכע מאָל אַרויסגעפאָרן קיין חוץ לארץ אין שליחות פון אונגאַרישן כולל שומרי החומות. ל׳ ניסן תרמ"ו איז ער נפטר געוואָרן, און נטמן געוואָרן אויפ'ן הר הזיתים.

## רבי יצחק אַפּלאַטקאָ (פּראַג)

רבי יצחק איז געבוירן אין פּראַג אין שנת תקע"ג. אין שנת תקצ"ח האָט ער אַלס בחור עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים.

ער איז געוואָרן אַן איידעם ביי רבי ברוך עייאַש, אַן אייניקל פון דעם ספרדי'שן ראשון לציון אין ירושלים רבי יעקב משה עייאַש. ער האָט אויף זיך גענומען געוויסע ספרדי'שע מנהגים און האָט זיך אפילו אונטערגעשריבן ס"ט.


הגאון רבי יצחק אַפּלאַטקאָ זצ"ל

צוזאַמען מיט זיינע חברים, די תלמידים פון חתם סופר, רבי יונה לייב מענדעלזאָן-לעבל און רבי אהרן משה בוימגאַרטן, האָט ער געגרינדעט אַ תלמוד תורה "דורש ציון", וואָס ער האָט אָנגעפירט.

ער איז אויך געווען פון די מייסדים פון כולל הו"ד און שפּעטער פון די גרינדער פון אונגאַרישן כולל. במשך עטליכע יאָר האָט ער געדינט אַלס דער ראש הכולל פון כולל שומרי החומות. ער פלעגט אויך פאָרלערנען אין דער ספרדי'שער




איבערגעפרישטע מצבה פון הגאון רבי יצחק אַפּלאַטקאָ זצ"ל אויפ'ן "הר הזיתים" אין ירושלים עיה"ק

ישיבה "כנסת יחזקאל" וואו אַסאַך פון די שפּעטערדיגע ספרדי'שע גדולים זענען געווען זיינע תלמידים.

אין אַ כרוז פאַר דער ישיבה "דורש ציון" שרייבט ער זיך אונטער: "הק' יצחק אַפּלאַטקאָ מתלמידי הרב הגאון רשכבה"ג מהו' משה סופר זיע"א ששלח אותי הנה זה ששה וחמישים שנה לטובה". אין אַ בריוו שרייבט ער: "ותלי"ת זכיתי לבוא לשערי עיה"ק תובב"א ולא הצגתי רגלי חוצה מיום שדרכתי על אדמת הקודש ויושב באהל התורה".

י"א שבט תר"ס איז ער נפטר געוואָרן. ער ליגט אין דער ספרדי'שער חלקה אויפ'ן הר הזתים.

## רבי משה הלוי נאָוואָמעסטאַ (האַמבורגער) - דער "הויז-בחור" און "שטוב-מענטש" פון חתם סופר

רבי משה הלוי נאָוואָמעסטאַ (האַמבורגער) איז געבוירן שנת תקס"א אין דער שטאָט נאָוואָמעסטאַ, אין אונגאַרן. נאָוואָמעסטאַ מיינט אויף אידיש ניי-שטאָט. אין דער ישיבה האָט מען אים גערופן משה נאָוואָמעסטאַ, צוליב זיין חשיבות האָט דער חתם סופר אים גערופן מיט דעם לשון הקודש'דיגן נאָמען "משה עיר חדש".

ווען ער איז געווען אַ יונגער בחור, אפשר נאָך אַ יונגל אונטער דער בר מצוה, איז ער אַוועק פון דער היים און געגאַנגען צופיס קיין פּרעשבורג לערנען אין דער ישיבה פון חתם סופר. זייענדיג אַזוי יונג האָט מען אים צוערשט נישט געוואָלט אָננעמען.

ער האָט אָבער נישט אָנגענומען דעם ניין. ער האָט נישט אויפגעגעבן. ער איז געבליבן אין בית המדרש וואו ער האָט זיך מייגע געווען אַליין אין לערנען, געשלאָפן אויף די בענק און כמעט נישט געהאַט וואָס צו עסן. צום סוף האָט דער חתם סופר אים אָנגענומען אין דער ישיבה וואו ער איז דאַן געווען דער יונגסטער תלמיד. ביז אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן פון די בעסטע תלמידים.

דער חתם סופר האָט אַזוי מחשיב געווען זיינע פעאיגקייטן, זיינע כשרונות אויף יעדן געביט און זיין ערליכקייט, אַז ער האָט אים באַשטימט אַלס דעם מכניס ומוציא, דעם הויז בחור ביי זיך אין שטוב און דעם גבאי אין דער ישיבה. ער פלעגט אַרויסהעלפן מיט געפינען חברותות פאַר די נייע בחורים און פלעגט צוטיילן די "טעג" וואו צו עסן ביי די בעלי בתים.

שבתים פלעגט ער עסן ביים חתם סופר. דער איינציגער אַנדערער בחור וואָס מיר געפינען אַז ער האָט געגעסן שבתים ביים חתם סופר איז געווען דער מהר"ם שיק.

נאָך זיין חתונה – ער איז געוואָרן אַן איידעם אין פּרעשבורג – האָט רבי משה נאָוואָמעסטאַ ווייטער געלערנט ביים חתם סופר אין דער ישיבה. ער איז געוואָרן מפורסם אַלס אַן איש צדיק מתנהג בחסידות. ביינאַכט פלעגט ער פאַרלערנען אין דער שול פאַר בעלי בתים און גלייכצייטיג ווייטער זיך אָפּגעגעבן מיט גבאות אין דער ישיבה און מיט זיכער מאַכן אַז פאַר די תלמידי הישיבה זאָל קיינעם גאָרנישט פעלן.



הגאון רבי משה הלוי האַמבורגער זצ"ל און זיין חתימה

אין שנת ת"ר ווען דער חתם סופר איז קראַנק געוואָרן מיט דער מחלה פון וואָס ער איז דערנאָך אַוועק האָט ר' משה נאָוואָמעסטאַ אָרגאַניזירט אַ רשימה פון בחורים און בעלי בתים וואָס האָבן יעדער אונטערגעשריבן אַז זיי זענען מנדב אַ יאָר פון זייער לעבן פאַר'ן חתם סופר'ס אריכות ימים. רבי משה נאָוואָמעסטאַ האָט דאָס אַריינגעטראָגן צום חתם סופר און אים געזאָגט: "דער רבי וועט זיכער מאריך ימים זיין".

ווען דער חתם סופר האָט דאָס געזען האָט ער אים געזאָגט: "משה, אין דעם זכות וועט עס זיין דו וואָס וועט נאָך מאריך ימים זיין און וועט האָבן אַ גוט, געזונט און זיס לעבן".

זיינע אייניקלעך שרייבן: "ברכתו של הרב נתקיימה, כי האריך הסבא ימים, ועד שמונים ושבע שנים חי חיים טובים, לא חלה אף פעם ואף לא סמוך למיתתו, ונפטר רק מאפיסת הכוחות. לא הלבינו שערותיו עד שהגיע לגבורות, והיה איש חזק ובריא". ("שלשה עולמות" ח"א עמ' ח'-יב).

רבי משה איז געווען אַן איידעם ביי רבי אברהם ארי' קונשטאַט פון פּרעשבורג. אין שנת תקצ"א איז אים געבוירן אַ זון. דער חתם סופר, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין דעם קור-אָרט פּישטיאַן, האָט אים געשריבן אַ קאַרטל, שרייבנדיג: "מזל טוב, כשם שהכניסו לברית כן יכנסהו לתורה ולחופה ולמעש"ט בירושלים עיה"ק אמן".

אין שנת תרי"ז האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים. דער כתב סופר האָט פאַר אים אָרגאַניזירט מעמדות פון




מצבה אויפ'ן הר הזיתים פון הגאון רבי משה האַמבורגער זצ"ל, פאָרנט פון דער מצבה פון הגאון רבי שמואל סאלאנט זצ"ל דער ירושלימער רב

נדבנים אין פרעשבורג.

רבי משה איז געווען פון די מייסדים פון אונגאַרישן כולל שומרי החומות. כל ימיו איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה. טייל פון די תלמידים ותלמידי תלמידיו פון חתם סופר וואָס זענען נאָך אים געקומען קיין ירושלים, ווי רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, רבי בנימין שטעמפער און רבי שמעון דייטש, זענען ערשט איינגעשטאַנען ביי אים, ביז זיי האָבן געפונען אייגענע דירות.

הגאון רבי שמעון סופר, דער קראָקעווער רב, דער מכתב סופר, שרייבט וועגן אים: "זה האיש משה ידענו מה היה לו. שכל עליותיו בהשכמה בבקר בימי עלומיו קדש לה' כל עתותיו יומו ולילו... הנה זה לו עשרים שנים רצופים ששמש בקודש את אאמ"ו מאוה"ג מוהרמ"ס זצ"ל, לא זזה ידו מתוך ידו, וחיבה יתירה נודעת לו".

פאַראַן אַסאַך מנהגים און מעשה'ס פון חתם סופר וואָס מיר ווייסן פון רבי משה נאָוואָמעסטאַ האַמבורגער. צום ביישפיל די הנהגה פון חתם סופר פון מקונן זיין ערב תשעה באב נאָכמיטאָג מיט טרערן וואָס גיסן זיך פון זיינע אויגן און פילן אָן אַ כוס, וואָס ער האָט שפעטער גענוצט ביי דער סעודת המפסקת לקיים מה שנאמר האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש. די מעשה שרייבט דער פרעשבורגער רב דער "שבט סופר" אין אַ בריו געדרוקט אין "זכרון למשה" דף ס"ו, שרייבנדיג אַז ער האָט דאָס געהערט פון הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד, וועלכער האָט דאָס געהערט פון רבי משה נאָוואָמעסטאַ, וועלכער האָט דאָס געזען דורך די שפאַלטן פון דער טיר.

אָט איז אַ בריוו פון מהר"ם שיק צו רבי משה נאָוואָמעסטאַ:

"שיל"ת חוסט יום ד' פ' שמיני תרכז"ל. החיים והשלום וכל טוב, לידידי מנוער הרב המופלג הצדיק מו"ה משה מעיר חדש נ"י בעיר הקודש בירושלים תוב"ב. אחרי דרישת שלומו הטוב, באתי להעיר הנה מאז נכספה וגם כלתה נפשי לחקור מנהגי ותהלוכי מרן הגאון רבן של כל בני הגולה בעל חת"ס זצ"ל. וידעתי שמעלתו נ"י שימש את מרן זצ"ל בזה יותר ממני, ולזאת אבקש מאת מעלתו נ"י שירשום כולם מראשית השנה ועד אחרית השנה, כל הדברים שראה ממנו וידע. ויכבדני לשלוח אותם לידי. ויהי עמו ה' ויעל, ויאושר כוחו וחילו לתורה ועבודה ויקבץ ה' את נדחי ישראל במהרה. דברי ידידו הד"ש, הק' משה שיק מברעזאווע".

אין דער צייט וואָס די תלמידי החתם סופר האָבן מקפיד געווען נישט אַרויסצופאָרן פון ארץ ישראל, און אַסאַך אויך נישט איבערצונעכטיגן אויסער ירושלים, סיידן די געציילטע וואָס זענען אַרויסגעפאָרן צו זאַמלען געלט פאַר'ן אונגאַרישן כולל אָדער פאַר די בתי מחסה און די בתי אונגאַרן, איז רבי משה נאָוואָמעסטאַ נישט בלויז אַליין נישט אַרויסגעפאָרן נאָר האָט געלאָזט צוואה פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך נישט אַרויסצופאָרן פון ארץ ישראל.

"זיכני ה'", שרייבט ער אין זיין צוואה, "להצליחני בהצלחה גדולה אשר אין למעלה הימנה בזה העולם לילך וליסע ולישב בירושלים עיר הקדושה תבנה ותכונן בב"א – אקדים לצוות את בני ובנותי בתורת צוואה גמורה ועצומה. הראש והראשון אני גוזר ומצוה בכל תוקף ועוז שלא יצאו לחוץ לארץ בשום אופן וענין אם לא לצורך רפואה ח"ו ועפ"י היתר ביד"ץ ומומחה בירושלים. וגם לנכדיי אני מצווה ואל יעברו על דברי, וד' ברחמיו יזונם ויפרנסם ויושיעם בתוך ירושלים".

דרייסיג יאָר האָט רבי משה נאָוואָמעסטאַ האַמבורגער געוואוינט אין ירושלים. ג' כסליו שנת תרמ"ח איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 87 יאָר. ער ליגט אויפ'ן הר הזיתים. טויזנטער פון די האַמבורגער און אַנדערע משפחות אין ארץ ישראל זענען זיינע אייניקלעך.

## רבי שמעון דייטש

נאָך אַ תלמיד וואָס איז געווען נאָענט צו זיין רבי'ן דער חתם סופר און האָט פאַרשריבן אַסאַך פון זיינע תורות און האָט אַלס בחור עולה געווען קיין ירושלים איז געווען רבי שמעון דייטש.

רבי שמעון דייטש איז געווען אַ ברודער פון דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי אהרן דוד דייטש, דיאָרמאָטער רב, דער בעל "גורן דוד". אָט איז וואָס רבי אהרן דוד דייטש שרייבט וועגן זיין ברודער רבי שמעון דייטש:

"אחי הגאון החסיד מו"ה שמעון דייטש נ"י, היושב בירושלים כשבע ועשרים שנה ולא יצא משם החוצה, והוא למד לפני רבינו הגדול בעל חתם סופר כשמונה שנים, רובם בתענית, וקיים פת במלח תאכל, כי לא אכל ארוחת ימים ויגע בתורה, והנה עתה משיא בתו הבתולה לבחור מופלג וצדיק מילידי ק"ק פרעסבורג יע"א... והנה לספר מקדושתו וגודל פרישתו ודקדוקו במצוות והתמדתו בתורה ובתפילה, ממש אינו שח שיחה בטילה..." (שו"ת גורן דוד ח"ב בסוה"ס עמ' רי"ד, תרכ"ח).



הגאון רבי שמעון דייטש זצ"ל

ווען ער איז געקומען לערנען צום חתם סופר קיין פרעשבורג איז אויך ער געווען גאָר יונג. במשך פון אַכט יאָר האָט ער געלערנט ביים חתם סופר און איז מיט זיין גאַנצן וועזן, בכל נימי נפשו, געווען דבוק אין אים. ווען ער פלעגט פרעגן דעם חתם סופר אַ שאלה אין הלכה האָט דער חתם סופר אים געענטפערט: "דיר וועל איך נישט ענטפערן ווייל דו דאַרפסט נישט אָנקומען צו מיר. דו קענסט אַלעס אַליין מברר זיין און פסק'ען ווי דיר קומט אויס". ("אמרי שפר", הקדמת נכד המחבר).

רבי שמעון דייטש פלעגט מעתיק זיין גאַנצע קונטרסים פון די חידושי תורות און דרשות פון די קונטרסים וואָס דער חתם סופר האָט פאַר זיך פאַרשריבן. דער מכון חתם סופר האָט זיך באַנוצט מיט טייל פון רבי שמעון דייטש'ס האַנט געשריבענע קונטרסים ביים דרוקן דעם חתם סופר השלם על הש"ס.




**מצבה פון הגאון רבי אברהם שאַג-צוועבנער זצ"ל, נעבן דער מצבה פון הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל דער ירושלימער רב**

נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר האָט ער צוויי יאָר געלערנט ביים כתב סופר. אין שנת תר"ב האָט ער, אַלס בחור, עולה געווען קיין ארץ ישראל, קיין ירושלים. זיין זיווג ראשון איז געווען מבנות עדת הספרדים. זיין זיווג שני איז אַוועק יונגערהייט. בזיווג שלישי האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פון רבי זלמן בהר"ן וועלכע איז אויפגעוואַקסן ביי איר שטיף פאָטער רבי נחום (לעווי) שאַדיקער. מיט איר האָט ער אויפגעשטעלט די ברייט פאַרצווייגטע ירושלימ'ער דייטש משפחות כ"י.

רבי שמעון דייטש איז געווען פון די גאוני ירושלים. צוזאַמען מיט די אַנדערע תלמידי החתם סופר איז ער געווען פון די מייסדים פון אונגאַרישן כולל שומרי החומות. ט' שבט שנת תרל"ח איז ער נפטר געוואָרן און ליגט אויפ'ן הר הזיתים.

זיינע דריי איידעמער זענען געווען מחכמי ירושלים: הגאון רבי משה נחום וואַלענשטיין, אַ תלמיד פון כתב סופר, וועלכער איז געווען ראב"ד אין ירושלים; רבי יוסף בנימין שימענאָוויטש, דער ראש השוחטים אין ירושלים; און רבי וואָלף פראַג, פאָטער פון רבי אהרן פראַג.

## רבי אברהם שאַג-צוועבנער

רבי אברהם שאַג איז געווען פון די לייבן, פון די אריות שבחבורה, פון די תלמידי החתם סופר. דער חתם סופר האָט געזאָגט אַז "צוואַנציג פרסאות אַרום פרעשבורג איז נישטאָ אַ תלמיד חכם ווי אברהם שאַג".

ווען רבי מרדכי בנעט האָט געבעטן פון חתם סופר ער זאָל אים אָנטראָגן דעם בעסטן בחור פאַר אַ יתומה, די טאָכטער פון הגאון רבי אהרן הלוי שפיטץ אב"ד האַליטש וועלכער איז יונגערהייט נסתלק געוואָרן און רבי מרדכי בנעט האָט אַריינגענומען די יתומים צו זיך און זיי ערצויגן, האָט דער חתם סופר אָנגעטראָגן זיין תלמיד אברהם שאַג. דער חתם סופר איז געשטאַנען מצד החתן און רבי מרדכי בנעט מצד הכלה.

אין שנת תרי"ב איז רבי אברהם שאַג געוואָרן רב אין קוּבערסדאָרף, איינע פון די שבע קהילות אין בורגענלאַנד, אין אונגאַרן. ער פלעגט פאַרלערנען זעקס שעה אַ טאָג פאַר זיינע תלמידים, שטייענדיג שטענדיג אויף די פיס, אפילו אויף די עלטערע יאָרן.

נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר איז ער געווען פון די ראשי המדברים ביי אַלע אסיפות פון רבנים אין אונגאַרן.

אין תרכ"ט האָבן דער כתב סופר און די מנהיגים פון חרדי'שן אידנטום פאַררופן אַן אסיפה פון איבער 300 פון די חשוב'סטע רבנים אין אונגאַרן קיין בודאַפעסט צו באַהאַנדלען די סכנה מצד די רעפאָרמער, וועלכע האָבן געוואָלט איבערנעמען די שליטה איבער די אונגאַרישע קהילות. הגאון רבי קאָפּל רייך, דער בודאַפעסטער רב, האָט שפּעטער דערציילט, און מיר ציטירן:

"טראָץ דעם וואָס די אסיפה איז געווען באַשיינט מיט די גרעסטע גאוני התורה ומנהיגי הקהילה פון איבער גאַנץ אונגאַרן האָבן אַלע פּה אחד אויסגעוועלט רבי אברהם שאַג אַלס דעם יושב ראש פון דער אסיפה. ווען רבי אברהם שאַג האָט גענומען רעדן האָט זיין שטימע אָפּגעהילכט איבער'ן גאַנצן זאַל און אַלע האָבן געפילט ווי שכינה מדברת מתוך גרונו. מיט זיין פּאַטריאַרכאַלער צורה און באַצויבערנדן געשטאַלט האָט דער קוּבערסדאָרפער רב הגאון רבי אברהם שאַג במשך פון עטליכע וואָכן אָנגעפירט מיט דער אסיפה. פון דער אסיפה איז אַרויסגעקומען דער ערשטער רוף צו מאַכן אַ טיילונג, זיך טיילן פון די רעפאָרמער. אַן אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען "שומרי משמרת הדת" איז געשאַפן געוואָרן, מיט אַ וועד הפועל פון פופציג רבנים, וועמענ'ס אויפגאַבע עס איז געווען צו גרינדן די אייגענע קהילות וואָס זענען שפּעטער געוואָרן גערופן די אָרטאָדאָקסיע".



**הגאון רבי אברהם שאַג-צוועבנער זצ"ל**

דריי יאָר נאָך דער אסיפה האָט רבי אברהם שאַג, נאָך 25 יאָר זיין רב אין קוּבערסדאָרף, באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. טראָץ די הפצרות פון טויזנטער אידן ער זאָל זיי נישט פאַרלאָזן און בלייבן אין אונגאַרן האָט רבי אברהם שאַג געזאָגט אַז ער פילט ווי זיינע כוחות פאַרלאָזן אים און ער איז מער נישט בכח און ביכולת לצאת ולבוא.

אין תרל"ג, אין עלטער פון 72 יאָר האָט ער מיט זיין רביצין עולה געווען און זיך באַזעצט אין ירושלים. זיין תלמיד חביב רבי חיים זאָנענפעלד, דער שפּעטערדיגער ירושלימער רב, וועלכער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, בלויז צוויי יאָר נאָך זיין חתונה, און זיין רביצין, האָבן אים באַגלייט און זיך באַזעצט מיט אים אין ירושלים.

כ"ט אדר תרל"ו איז ער אין עלטער פון 75 יאָר נפטר געוואָרן אין ירושלים. זיין ציון געפינט זיך אין דער חלקת הפרושים אויפ'ן הר הזיתים. רבי שמואל סאַלאַנטער, ירושלימ'ער רב, האָט פאַרבאָטן צו מאַכן אַ שמחה, אַ מסיבה אָדער אַן אסיפה אין ירושלים במשך פון די שלושים פון זיין פטירה.

**המשך פון דער רשימה פון תלמידים און דאָס התייסדות פון אונגאַרישן כולל אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה**

# דער הייליגער חתם סופר



**רבי יוחנן צבי שלאַנק, רבי מרדכי שלאַנק, רבי ישראל זאב הורוויץ אוהעלער דיין, רבי טובי' גדלי' פריינד, תלמידי החתם סופר אין ירושלים – רבי יהושע קראָלער, פאָטער פון רבי טובי' גדלי' פריינד – פאַרוואָס איז דער חתם סופר נישט געפאָרן צו די חתונות פון זיינע זין, דער כתב סופר און רבי שמעון סופר – "כולל שומרי החומות", אָדער ווי דאָס האָט ערשט געהייסן: "בית הסופר והמאירי"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## רבי יוחנן צבי שלאַנק

פון די דינאַמישע עוסקים בצרכי ציבור צווישן דעם חתם סופר'ס תלמידים אין ירושלים איז געווען רבי יוחנן צבי שלאַנק. געווען גבאי אין דער חורבת רבי יהודה חסיד שול; צוזאַמען מיט הגאון רבי שמואל סאַלאַנט איז ער געווען פון די גרינדער פון דער תלמוד תורה און ישיבה "עץ חיים"; איז געווען פון די פירער פון "כולל הו"ד"; און אַ מיטגליד אין דעם ועד פון די בתי מחסה.

רבי יוחנן צבי שלאַנק איז געווען אַ זון פון רבי מרדכי שלאַנק, וועלכער איז שוין אויך געווען אַ תלמיד פון חתם סופר. דער פאָטער, רבי מרדכי שלאַנק, איז געווען אַ תלמיד און אַ נאָענטער בן בית ביים חתם סופר. סוף ימיו האָט אויך דער פאָטער רבי מרדכי עולה געווען קיין ארץ ישראל, ווי מיר וועלן זען אין קומענדיגן שטיקל.

דער זון רבי יוחנן צבי, וועלכער האָט עולה געווען אַלס בחור קיין ארץ ישראל, איז געבוירן אין תקע"ה אין דער שטאָט שעהנלאַנקע, אין דייטשלאַנד, נעבן פויזן, וואו דער זיידע איז געווען רב. דערפאַר דער נאָמען שלאַנק. רבי יוחנן צבי איז געווען אַ תלמיד מובהק פון חתם סופר.

אין שנת תקצ"ח האָט הגאון רבי שלמה הירשל-בערלין, רב פון לאָנדאָן און הויפּט רב פון בריטאַניע, געזוכט אַ שידוך פאַר זיין אייניקל. רבי שלמה בערלין איז געווען אַ זון פון רבי צבי הירש בערלין, רב פון בערלין און אייניקל פון חכם צבי. אַלע זיינע זין האָט רבי שלמה בערלין, דער לאָנדאָנער רב, חתונה געמאַכט קיין פוילן. ער האָט נישט געוואָלט קיין איינער פון זיי זאָל בלייבן וואוינען אין לאָנדאָן. ווען ער האָט געזוכט אַ שידוך פאַר זיין אייניקל, די טאָכטער פון זיין איידעם רבי דוד טעבלי, וועלכער האָט אויך געוואוינט אין לאָנדאָן, האָט ער זיך געווענדעט צום חתם סופר ער זאָל אים אָנטראָגן איינעם פון די בעסטע בחורים פון זיין ישיבה. ער האָט אָבער געשטעלט איין באַדינג: דער בחור מוז זיין גרייט חתונה צו האָבן און בלייבן וואוינען אין ארץ ישראל. דער חתם סופר האָט אים אָנגעטראָגן דעם בחור יוחנן צבי, דער זון פון זיין בן בית רבי מרדכי שלאַנק.

די תנאים איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן. פון דאָרט איז דעם לאָנדאָנער רב'ס איידעם רבי דוד טעבלי מיט'ן חתן יוחנן שלאַנק און מיט דער גאַנצער משפחה געפאָרן קיין ארץ ישראל וואו ס'איז פאָרגעקומען די חתונה און וואו זיי זענען פאַרבליבן וואוינען דאָס גאַנצע לעבן.

רבי יוחנן צבי שלאַנק איז געווען פון די אַקטיוויסטע עוסקים בצרכי ציבור באמונה אין אַלע כלל ענינים אין ירושלים. ער איז אויך געווען פון די ערשטע זיך אַרויסצוציען פון וואָס איז שפּעטער גערופן געוואָרן "אַלט-שטאָט" דורך גיין וואוינען אין דער נייער געגנט "נחלת שבעה" – וואָס האָט געוויזן דעם וועג פאַר בויען די אונגאַרישע הייזער, מאה-שערים, און די אַנדערע געגנטן מחוץ לחומה.

ער איז אַוועק י"ב תמוז שנת תרמ"ד.

## רבי מרדכי שלאַנק

רבי יוחנן צבי שלאַנק'ס פאָטער איז געווען רבי מרדכי שלאַנק. ער איז שוין עטליכע מאָל דערמאַנט געוואָרן אין פריערדיגע אַרטיקלען וואו מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אָנהויב פונעם דרוקן די ספרים פון חתם סופר


ספר המקנה

שטר מכירה פאַר קרקע אין ארץ ישראל פון רבי יוחנן צבי שלאַנק זצ"ל פון יאָר תר"ל



רבי מרדכי שלאַנק זצ"ל אונטערגעשריבן אויף אַ בריוו מיט אנדערע חכמי ירושלים

און אויך ווען מיר האָבן געשריבן וועגן דעם חתם סופר'ס באַציאונגען מיט רבי צבי הירש חיות.

"הנה מימי לא עלה על לבי להדפיס ספר", שרייבט דער חתם סופר אין שנת תקצ"ח אין אַ בריוו צו רבי צבי הירש חיות, "אך זה איזה שנים יצאו איזה קונטרסים מתשובותי וחידושי ע"י רב אחד מהו' מרדכי שלאַנק, בהדפיסו ספר רמב"ן על קידושין ור"י בן מיגאַש על שבועות, היה בידו העתקות מחידושי והדפיסם סוף דבריהם, תחילתו באונס ולבסוף ברצוני, כי לא היה פה עמדי כי אם בפראַג.."

(געדרוקט אין רבי צבי הירש חיות'ס "תורת הנביאים").

רבי מרדכי שלאַנק איז געבוירן צו זיין פאָטער רבי שלמה אב"ד שלאַנק (שעהנלאַנקע). רבי מרדכי איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא איגר אין פויזן. נאָך זיין חתונה האָט ער געוואוינט אין פויזן און אויך אין שלאַנק. נאָכדעם וואָס ער איז ל"ע געוואָרן אַן אלמן, עטוואָס פאַר שנת תק"פ, איז ער געפאָרן קיין פרעשבורג וואו ער איז במשך פון 16 יאָר געוואָרן אַ תלמיד און אַ בן בית ביים חתם סופר.

אַ גאוני'שן קאָפּ האָט ער געהאַט. רבי מרדכי איז געווען אַן עילוי נפלא. דעם חתם סופר'ס קינדער און אייניקלעך שרייבן אַז ער האָט געהאַט וואָס מ'רופט היינט אַ פאָטאָגראַפישן זכרון. וואָס ער האָט נאָר געלערנט האָט ער געקענט איבערזאָגן גענוי אויפ'ן לשון. דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין חוט המשולש: "יישב בבית זקני ט"ז שנים וכל מחסוריו עליו. והי' בקי וזכרן גדול. אם רצה לפעמים זקני זצ"ל להזכיר את עצמו באיזה דבר תורה אשר חידש לפני הרבה שנים, יהי' מה שיהי', שאל את רבי מרדכי שלאַנק, והוא הגיד לו הדבר בלשונו ממש כאשר שמע יוצא מפיו הקדוש"

(חוט המשולש עמ' קא).

אַרום שנת תקצ"ב איז ער געפאָרן קיין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, צו די נגידים פון דער לעהרין משפחה, וואו ער האָט געלערנט מיט תלמידים. ער האָט דאָרט געלערנט מיט'ן חתם סופר'ס תלמיד און שפעטערדיגן איידעם רבי משה טובי' לעהמאַן. דער בערעגסאַזער רב, שרייבט וועגן דעם אין חוט המשולש:

"וכן סיפר לי דודי חתן זקיני, הרב הגדול הצדיק מהו' משה טובי' לעהמאַן זצ"ל מאַמסטערדאַם, בעל דודתי הצדקת הזקינה מרת שמחה תחי', כאשר בא רבי מרדכי ז"ל הנ"ל לעיר ההוא אשר שלחו זקיני ז"ל לישב על התורה בבית הגבירים הצדיקים לעהרן זצ"ל, ודודי הנ"ל הי' אז בחור רך בשנים, ולמד אצל הרב הנ"ל מס' נדרים, וכאשר למד עמוד גמרא עם הר"ן פעם א' והוא לא קיבל אותו עוד מחמת שינוי המבטא, ואמר לו שנית ושלישית, והי' פלא בעיניו כי אמר בכל פעם באותו לשון ודיבורים ממש כבראשונה, ושאלו תמיה זו, וענה לו שבאותו לשון ממש שמע מפי רבו הגאון בפ"ב בלמדו מס' זו, וחייב אדם לומר בלשון רבו כמאמר חז"ל".

(חוט המשולש עמ' קא-קב).

דעם לעצטן יום הקדוש פאַר דער הסתלקות פון חתם סופר האָט רבי מרדכי שלאַנק זיך געפונען אין אוהעל וואו ער איז געפאָרן פאַרקויפן די חידושי הר"י מיגאַש וואָס ער האָט געדרוקט צוזאַמען מיט עטליכע תשובות פון חתם סופר געדרוקט ביים סוף פונעם ספר, וואָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס תשובות אָדער חידושים פון חתם סופר זענען געדרוקט געוואָרן. יום הקדוש האָט ער געדאַווענט ביים ישמח משה.

האָט רבי מרדכי שלאַנק דערציילט אַז ווען דער ישמח משה האָט יום הקדוש עולה געווען האָט ער נאָכ'ן מאַכן די צווייטע ברכה אויסגעשריגן: "רבותי, דער פרעשבורגער צדיק ברויך רחמים". מוצאי יום הקדוש איז רבי מרדכי שלאַנק אַריין צום ישמח משה און אים געזאָגט אַז אַזוויי ער איז אַ תלמיד פון חתם סופר בעט ער דער ישמח משה זאָל אים זאָגן וואָס ער האָט געהערט פון פרעשבורג. דער ישמח משה האָט אים קודם געזאָגט "אפילו אויב איך וועל אייך זאָגן וועט איר נישט וויסן". נאָכדעם וואָס רבי מרדכי שלאַנק האָט אים שטאַרק מפציר געווען האָט אים דער ישמח משה געזאָגט: "כ'האָב געזען דעם פרעשבורגער צדיק ווי ער רייסט איין און איז מעורר רחמים. טויזנטער, צענדליגער טויזנטער נשמות פון תנאים און אמוראים באַגלייטן זיינע תפילות, און דער רמב"ם און דער רמב"ן שטייען ביי זיינע צווי זייטן, איינער פון רעכטס און איינער פון לינקס".

דער "שבט מיהודה", דער סאַטמאַרער רב רבי יהודא גרינוואַלד זצ"ל, שרייבט אין "שירת משה" גענוי וויאַזוי ער האָט דאָס אַליין געהערט פון חתם סופר'ס זון דער קראָקעווער רב רבי שמעון סופר זצ"ל:

"אספר מה ששמעתי מפה קדשו של הגאון רש"ס אבד"ק קראָקא ז"ל. כשנסע הרב הג' ר' מרדכי שלאַנק ז"ל... למכור חי' ר"י מיגאַש שנדפסו





**אַלטע און איבערגעמאַכטע מצבה פון רבי ישראל זאב הלוי הורוויץ ז"ל אויפ'ן בית עלמין אין טברי'**

בחיי חת"ס ז"ל עם איזה תשובות מחת"ס, בא לק' אוהעל, והי' שם על יוהכ"פ והתפלל בביהמ"ד של הגאון בעל ישמח משה. וכשקראו להג' ז"ל לעלות לתורה ובירך ברכת התורה לאחריה אמר בזה"ל, "רבותי, דער פּרעשבורגער צדיק ברויך רחמים". וכששמע הרב ר' מרדכי הנ"ל דבריו אחזתו פלצות, יען כי הוא הי' כמו תלמיד חבר לחת"ס ז"ל ולמד אצלו כמו ט"ו שנים. אמנם ביום הק' לא הי' בו כח לשאול את הגאון ישמח משה הנ"ל היאך ידע מזה שהחת"ס צריך לרחמים. והתאפק עד מוצאי יוהכ"פ, דחק ונכנס לפנים ממחיצה, ואמר להג' ישמח משה ז"ל יען כי שהוא תלמיד מובהק לחת"ס וצערו גדול ימחול להגיד לו מה שמע מפ"ב. והשיב הגאון ישמח משה גם אם אגיד לכם לא תדעו דבר. והפציר הרב ר' מרדכי בבקשתו ותחינתו. והשיב הגאון ישמח משה בזה"ל "ראיתי את הצ' מפ"ב מעורר רחמים למעלה ואלפים ורבבות נשמות של התנאים ואמוראים ליוו את תפלתו, והרמב"ם והרמב"ן ז"ל א' מימינו וא' משמאלו בתפלתו", עכלה"ק, ויותר מזה לא הגיד". (הגר"י גרינוואַלד, – שירת משה).

סוף ימיו האָט ער עולה געווען קיין ירושלים וואו ער איז נפטר געוואָרן כ"ט אב שנת תרכ"א. אין תשובות חתם סופר איז פאַראַן אַ תשובה צו אים, חאו"ח סי' ק"ג. ער ווערט אויך דערמאַנט אין תשובות חתם סופר חחו"מ סי' נ"א און סי' ק"נ.

## רבי ישראל זאב הלוי הורוויץ, אוהעלער דיין

רבי ישראל זאב הלוי הורוויץ איז געבוירן אין שנת תקל"ח אין קאַלעוו, אונגאַרן. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי יואב ב"ר ירמי' ראַזענבוים אין סאַנטוב און דאַן אַ תלמיד פון חתם סופר. אין שנת תקע"ו איז ער געוואָרן דיין אין אוהעל. במשך פון 40 יאָר איז ער געווען ראש בית דין אין אוהעל אונטערן ישמח משה און אונטער רבי ירמי' לעוו.

אין שנת תרי"ז האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל. ער האָט זיך באַזעצט אין טברי' וואו ער האָט געהאַט אַ בית המדרש און געלערנט מיט תלמידים. ער איז געווען דער איינציגער צווישן די תלמידים פון חתם סופר וואָס האָט זיך נישט באַזעצט אין ירושלים. פאַראַן וואָס ווילן זאָגן אַז אַזוויי ער איז געווען אַ חסיד, אַ חסיד פון ישמח משה, האָט ער געוואָלט וואוינען צווישן חסידים. טברי' איז געווען דער צענטער פון חסידים. אָבער די עיקר סיבה פאַרוואָס ער האָט זיך באַזעצט אין טברי' איז געווען צוליב כיבוד אם. זיין מוטער האָט נאָך פון פריער עולה געווען קיין ארץ ישראל און האָט געוואוינט אין טבריה.

י"ח סיון שנת תרכ"א איז ער נפטר געוואָרן. ער ליגט אין טבריה.

נאָך אַ גדול פון אונגאַרן וואָס האָט זיך יענע יאָרן באַזעצט אין ארץ ישראל און האָט זיך נישט באַזעצט אין ירושלים נאָר אין צפת איז געווען הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל דער טאָלטשעווער רב. ער איז נישט געווען קיין תלמיד פון חתם סופר, ער האָט זיך אָבער געשריבן מיט אים. (זע שו"ת חתם סופר אבן העזר ח"ב סי' כט).




**מצבה פון הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל דער טאָלטשעווער רב אויפ'ן בית עלמין אין טברי'**

דער טאָלטשעווער רב רבי משה דוד אשכנזי איז געווען דער שווער פון הגה"ק דער ייטב לב זצ"ל. אין שנת תר"ג ווען ער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר האָט ער זיך שואל עצה געווען מיט זיין איידעם דער סיגעטער רב, דער בעל ייטב לב, און אים געשריבן ווי פאָלגענד:

"תדע בני שהיום מלאו לי שבעים שנה תלי"ת, ומעולם קבלתי על עצמי אם יזכני ה' למלאת השבעים עלי לעשות מצוה אשר לא עשיתי עוד מעולם. ועתה הנני מסתפק אם להדפיס ספרי אשר יגעתי בהם או לנסוע לא"י".

דער ייטב לב האָט אים גע'עצה'ט פאָרן קיין ארץ ישראל, "כי קדושת המקום מסייע לעבודת ה', ושם יזכה גם להדפיס ספריו". אַזוי איז טאַקע געווען. זה וזה נתקיימו בידו. ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ ישראל און האָט געדרוקט זיינע ספרים.

נאָך יענעם יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין צפת וואו ער איז געוואָרן רב ביז צו זיין פטירה י"ח תמוז שנת תרט"ז.

# רבי טובי' גדלי' פריינד פון קראָלע

רבי טובי' גדלי' פריינד, אַ תלמיד פון חתם סופר, איז געווען אַ זון פון הרה"ק רבי יהושע פריינד זצ"ל, באַקאַנט אַלס "רבי יהושע קראָלער".

כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע פלעגט נאָכזאָגן פון רבי יהושע קראָלער וועלכער האָט געזאָגט: ווי איז דאָס מעגליך אַ איד זאָל נישט זען אליהו הנביא פסח ביים סדר. אויב מ'האָט דעם רבי'ן געשטערט פון זיין עבודת הקודש חודש ניסן האָט דער רבי געזאָגט: "רבי יהושע קראָלער האָט דאָך געזאָגט אַז ווער ס'האָט נישט קיין רוח הקודש פסח ביים סדר איז בכלל נישט קיין מענטש".

רבי יהושע פריינד-קראָלער איז געווען אַ גאון און אַן איש קדוש. בזיווג ראשון איז ער געווען אַן איידעם פון הגאון רבי משה ארי' עסטרייכער אבד"ק קראָלע. בזיווג ראשון זענען אים געבוירן דריי טעכטער. ווען זיין רעביצין איז אַוועק האָט ער בזיווג שני חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הרה"צ רבי רפאל בעטלהיים מיט וועמען ער האָט געהאַט זיינע זון. איין זון, הרה"ח רבי משה ארי' פריינד, סיגעטער ראש הקהל, האָט ער אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין שווער בזיווג ראשון רבי משה ארי' עסטרייכער אבד"ק קראָלע.

דעם חתם סופר'ס זון הגאון רבי שמעון סופר, דער קראָקעווער רב זצ"ל, איז געוואָרן אַן איידעם אין קראָלע. דער חתם סופר איז נישט געפאָרן צו דער חתונה. כדי נישט גורם צו זיין ביטול תורה פאַר די ישיבה דורך נישט פאַרלערנען זיינע שיעורים איז דער חתם סופר נישט געפאָרן צו די חתונות פון זיינע זין וואָס זענען פאָרגעקומען אין די מרחקים.

איידער רבי שמעון סופר איז געפאָרן קיין קראָלע צו דער חתונה האָט דער חתם סופר אים געזאָגט: "דו פאָרסט קיין קראָלע. אין קראָלע איז דאָ אַ גרויסער תלמיד חכם, ער הייסט רבי יהושע. זאָלסט אים באַזוכן. ווען דו וועסט אים זאָגן אַ חידוש זאָלסטו אים גלייך (שנעל) זאָגן, ווען ניקס, וועט גאָרנישט בלייבן דערפון". רבי שמעון סופר האָט דאָס יאָרן שפּעטער איבערדערציילט פאַר רבי יהושע קראָלער'ס אייניקל, הרה"ק מנאַסויד זצ"ל. ("מרא דעובדא" עמ' לב, פון זיין אייניקל הגה"צ רבי משה ארי' פריינד זצ"ל, גאב"ד ירושלים).



מצבה פון רבי טובי' גדלי' פריינד ז"ל, אין חלקת הרבנים אויפ'ן הר הזיתים

ווען זיין געוועזענער שווער הגאון רבי משה ארי' עסטרייכער איז נפטר געוואָרן האָט דער חתם סופר געבעטן פון רבי יהושע קראָלער ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות אין קראָלע. ער האָט אָבער געט'ענה'ט אהוב את המלאכה ושנא את הרבנית. ער וויל בלייבן אַ "סוחר". ער האָט געהאַט אַ לעדער געשעפט. דאָס געשעפט


ירושלם
כולל מערבי

רבי טובי' גדלי' פריינד אונטערגעשריבן אויף אַ בריוו פון אונגאַרישן כולל, צוזאמען מיט רבי אהרן משה בוימגארטן און רבי אברהם גוטמאן

איז אָפן געווען בלויז צוויי טאָג אַ וואָך. די איבעריגע טעג איז ער געזעסן און געלערנט. די צוויי טאָג וואָס דאָס געשעפט איז יאָ אָפן געווען האָט ער געלערנט אין געשעפט. ווען אַ קונה איז אַריינגעקומען און געפרעגט פרייזן האָט ער געענטפערט מיט אַ גמרא ניגון.

זיין זון טובי' גדלי' האָט רבי יהושע קראָלער געשיקט לערנען צום חתם סופר קיין פּרעשבורג. ביים חתם סופר האָט דאָן געלערנט הרה"ק רבי מנחם מענדל פּאַנעט, דער בעל מעגלי צדק מדעעש זצ"ל, זון פונעם "מראה יחזקאל" אב"ד קאַרלסבורג. האָט דער חתם סופר זיי געהייסן לערנען בחברותא, זאָגנדיג אַז זיי, די צוויי בחורים, זענען אייניג, און זייערע עלטערן, דאָס הייסט רבי יהושע פריינד און דער בעל מראה יחזקאל, זענען אויך אייניג.

ווען ס'איז מיט יאָרן שפּעטער פאָרגעקומען די טיילונג אין אונגאַרן איז אין קראָלע געווען רב איינער פון די גדולי המדינה וועלכער האָט אויך אונטערגעשריבן אויפ'ן טיילונג. אויפ'ן איסור קעגן די רעפאָרמער האָט דער גדול אפילו צוגעשריבן: "וכל הנוטה מדברי הרבנים הגאונים, על שמאל ועל ימין, הוא מין, ולא יראה בקיץ הימין".

פונדעסטוועגן, כאָטש ער האָט אונטערגעשריבן אויף דעם איסור קעגן די נעאָלאָגן, די רעפאָרמער, האָט ער אָבער נישט געוואָלט אונטערשרייבן אויף דעם איסור קעגן די "שטאַטוסקוואָ". די לטותא דרבנן פון די גדולי אונגאַרן האָט כידוע געשאַדט. זיינע קינדער זענען ליידער אַלע געוואָרן פולשטענדיגע רעפאָרמער און זענען אינגאַנצן אַרויס לתרבות רעה רחמנא ליצלן.

רבי טובי' גדלי' פריינד האָט אַלס רעזולטאַט נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין קראָלע און האָט עולה געווען קיין ירושלים, וואו ער איז געווען פון די רבנים און דיינים פון אונגאַרישן כולל. י"ט שבט שנת תרל"ט איז ער נפטר געוואָרן. ער ליגט אין חלקת הרבנים אויפ'ן הר הזיתים.

שנת תרמ"א האָבן אַרום זעכציג ערליכע משפחות אין קראָלע געגרינדעט אַ זעלבסטשטענדיגע אָרטאָדאָקסישע קהלה. זיי האָבן אויפגענומען הגאון רבי יעקב משה שוואַרץ אַלס רב און אב"ד. נאָך זיין הסתלקות אין שנת תרס"ח איז הגה"ק רבי שאול בראַך אויפגענומען געוואָרן אַלס רב. שנת תרפ"ה, ווען רבי שאול בראַך איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קאַשוי, איז מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קראָלע ביז שנת תרצ"ד ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סאַטמאַר.

# "כולל שומרי החומות" - אָדער ווי דאָס האָט ערשט געהייסן "בית הסופר והמאירי"

אין שנת תק"ע איז אַנטשטאַנען דער ערשטער שפּאַלט צווישן די אשכנזי'שע כוללים. רבי ישראל שקלאָווער האָט געגרינדעט אַ באַזונדערן "כולל הפרושים" וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם "כולל חסידים". שנת תקפ"ב איז אין חברון געגרינדעט געוואָרן אַ באַזונדערער "כולל חב"ד". במשך פון די פאָלגנדע דרייסיג יאָר זענען געגרינדעט געוואָרן צענדליגער באַזונדערע כוללים, "כולל וואַרשע ופוילין", "כולל וואָהלין", "כולל רייסין", און צענדליגער אַנדערע כוללים וואָס האָבן פאַרטרעטן יעדע מדינה, יעדן פּראָווינץ און יעדע געגנט אין אייראָפּע. די איינציגע וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן כולל זענען געווען די יוצאי אונגאַרן. דער חתם סופר האָט נישט געהאַט ערלויבט זיינע תלמידים צו גרינדן באַזונדערע כוללים וואָס וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט שפּאַלטן צווישן די תושבי ארץ ישראל.

נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר איז דער כתב סופר באַשטימט געוואָרן אַלס דער גבאי ראשי דורך וועמען עס זענען געשיקט געוואָרן די געלטער פאַר אַלע כוללים אין ארץ ישראל.

נאָך דער קרים מלחמה האָבן פון פוילן עולה געווען קיין ירושלים צוויי גדולי ישראל: הגאון רבי משה יהודא לייב זילבערבערג פון קוטנא, דער בעל "זית רענן", און הגאון רבי מאיר אויערבאַך פון קאַליש, דער בעל "אמרי בינה". די צוויי גאונים האָבן געהאָלפן גרינדן קהל'ישע מוסדות, ווי די שחיטה, אַ בית עלמין און דעם בית דין אין ירושלים. האָבן די צוויי גדולים געשריבן אַ בריוו צום כתב סופר אין וועלכן זיי קלערן אים אויף דאָס נחיצות פון שאַפן אַ באַזונדערן אונגאַרישן כולל פאַר די תלמידי החתם סופר והכתב סופר.

די גענויע פרטים זענען נישט באַקאַנט אָבער פון זייערע און פון אַנדערע בריוו איז קלאָר אַז די אונגאַרישע עולים האָבן געהאַט אויסצושטיין רדיפות מצד די עולים פון פוילן און פון רוסלאַנד צוליב דעם וואָס די גרעסטע סומעס וואָס די פקידים ואמרכלים האָבן געשיקט זענען געקומען פון נדבנים אין אונגאַרן. הגם דאָס געלט איז צעטיילט געוואָרן גלייך צווישן אַלע חברי הכולל פון די פרושים און די חסידים זענען פאָרגעקומען כסדר'דיגע סכסוכים. האָבן די צוויי גדולים, דער בעל "זית רענן" און דער "אמרי בינה", געשריבן צום כתב סופר אַז ס'מוז געגרינדעט ווערן אַ באַזונדערער אונגאַרישער כולל און דאָס געלט פון אונגאַרן זאָל געשיקט ווערן נאָר פאַר'ן אונגאַרישן כולל. (די בריוו פון בעל זית רענן און פון אמרי בינה זענען געדרוקט אין אַ קונטרס "דברי צדק" עמודים 7-4).

צוויי תלמידי חכמים, ר' יוסף בלאָך און ר' שמעי' גינצלער, זענען געשיקט געוואָרן פון ירושלים קיין אונגאַרן אַלס שלוחים צום כתב סופר וועגן דעם ענין.

אין שנת תקכ"ג האָבן די גדולי אונגאַרן, דער כתב סופר צוזאַמען מיט



אַ היסטאָרישער קול קורא וואָס פּראָקלאַמירט די עטאַבלירונג פון אונגאַרישן כולל, מיט'ן זיגל פון "שומרי החומות בית הסופר והמאיר". אונטערגעשריבן דורך שבעה טובי העיר, צווישן זיי די גדולי תלמידי החתם סופר אין ירושלים: רבי שמעון דייטש, זיין איידעם רבי משה נחום וואלענשטיין, רבי יצחק פראג, רבי יונה לייב מענדלזאהן, רבי שמעי' יוסף גינצלער, ז"ל

הגאון רבי מאיר א"ש, אונגוואַרער רב, זון פון מהר"ם א"ש, געגרינדעט דעם אונגאַרישן כולל מיט דער הסכמה פון אַלע רבנים אין אונגאַרן.

דער כתב סופר האָט פאַררופן אַן אסיפה אין פּישפּיק-לאָדאַני, די שטאָט וואָס איז געווען אַ נערוו-צענטער וואו אַלע באַן ליניעס פון איבער גאַנץ אונגאַרן זענען זיך צונויפגעקומען. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די גדולי הרבנים פון אונגאַרן וואו די צוויי שלוחים פון ארץ ישראל האָבן אויפגעטרעטן און וואו עס זענען געשריבן געוואָרן די ערשטע שטאַטוטן פאַר'ן כולל. אָט איז וויאַזוי הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער באַשרייבט דאָס אין זיינע זכרונות:

"כאשר אדוני מורי ורבי הכתב סופר זצ"ל יסד את הכולל קרא את גדולי הונגריה לעיר פישפיק-לאָדאַני לאסיפה, ולשם באו שני משולחים מיוחדים מא"י, הרב וכו' מה"ר יוסף בלאָך זצ"ל והרב מה"ו שמעי' זצ"ל, ושם עשו את התקנות, שטאַטוטן, כיצד יתנהג הכולל.... והתאספו באותה אסיפה גדולים זצ"ל... הגאון בעל דברי ירמי' (הגה"צ רבי ירמי' לעוו) זצ"ל, המהר"ם שיק, הגאון דאונגוואַר (הגה"צ רבי מנחם א"ש, זון פון בעל "אמרי אש"), דליסקא (הגה"צ רבי צבי הירש פרידמאַן, רבי הערשעלע ליסקער, דער בעל "אך פרי תבואה"), דטשענגער (הגה"צ רבי אשר אַנשיל יונגרייז), וכו' כל גדולי הדור ממדינתינו זצ"ל". (קונטרס "שמרו משפט", ירושלים תר"ס, דף לח).

דער כתב סופר און רבי מאיר א"ש זענען געווען די מייסדים און זענען געשטאַנען בראש פון דעם ניי געגרינדעטן אונגאַרישן כולל אין ארץ

ישראל. אָריגינעל האָט דער כולל געקראָגן דעם נאָמען: "בית הסופר והמאירי", אויף דעם נאָמען פון די עלטערן פון די צוויי מייסדים, דער חתם סופר און דער מהר"ם א"ש. ערשט מיט יאָרן שפּעטער ווען די משכילים און די ציוניסטן האָבן געוואָלט גרינדן פרייע שקאָלעס אין ירושלים און די תלמידי החתם סופר והכתב סופר פון אונגאַרישן כולל זענען געווען די הויפּט שומרי החומות פונעם ישוב הישן האָט דער כולל געענדערט דעם נאָמען צו "כולל שומרי החומות".

רבנים פון איבער גאַנץ אונגאַרן זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו ברענגען צו דער אסיפה אין פּישפּיק-לאָדאַני זייערע פאָרשלאַגן פאַר דעם סטרוקטור און תקנות פון דעם נייעם כולל. נאָכ'ן פאַרגלייכן אַלע הצעות איז אויסגעהאַמערט געוואָרן אַ געמיינזאַמער, איינהייטליכער נוסח. מיר וועלן אַראָפּברענגען די ערשטע צוויי סעיפים פון די תקנות:

א. "תכלית כל באי לאה"ק ליחד את עתם ולהקדיש את ימיהם לתורה ולעבודת ה', ולהתפלל על נפשם ועלינו אחיהם שבחוץ לארץ, ועל שלום המלכות ושריה ה' ירום הודם אשר אנו חוסים בצלם. כן הי' מן אז וכן יהי' גם עתה".

ב. "הנה ממלאים שאלת ורצון אחינו בני ישראל ילידי מדינתנו והנלוים עמהם להעשות כולל מיוחד. ובכולל זה יאחדו כל בני עסטרייך והונגארן, בעהמען, מעהרען, להיות כאחד מהכוללים האחרים וכל עניניהם והנהגותיהם על פיהם יהיו, ואין לכולל אחר התיחסות והצטרפות עמהם לעניני הכולל. תכלית הפרדם מכוללים אחרים להאחדם לכולל מיוחד הוא להשבית ריב ומדנים וכל רעה, ולמען יוכלו הממונים לשום עינם ביתר שאת ועוז על טובת אחיהם, בהיות אין עבודתם רבה וכבידה עליהם כל כך".

טראָץ דעם וואָס דאָס געלט פאַר'ן נייעם אונגאַרישן כולל איז געקומען פון אונגאַרן, בעהמען, מעהרן, האָלאַנד און דייטשלאַנד לויטעט סעיף ה' פון די תקנות אַז צוואָנציג פּראָצענט פון די הכנסות פון אונגאַרן מוז געטיילט ווערן פאַר די אַנדערע כוללים. "יהי' לחוק כי הכסף יחלק לחומשים, החמישית האחת יתנו להכוללים פרושים וחסידים... וארבע הידות יהי' לאנשי כולל הונגאַרן".

צו דער זעלבער צייט לויטעט סעיף ט': "כולל הונגאַרן והנלוים אין להם חלק במעות שאר הכוללים".

די אויפזעער איבער די געלטער פונעם כולל אין ארץ ישראל זענען די ערשטע יאָרן געווען די צוויי דרויסנדיגע גדולים: הגאון רבי מאיר אויערבאַך פון קאַליש, דער בעל "אמרי בינה", און רבי משה יודא לייב זילבערבערג, דער בעל "זית רענן".

נאָכ'ן גרינדן דעם אונגאַרישן כולל זענען די הכנסות פון כולל פּילפּאַכיג געשטיגן. אידן אין אונגאַרן האָבן מנדב געווען כסדר'דיגע צדקות פאַר'ן כולל שומרי החומות לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס, וואָס האָט געברענגט, און ברענגט עד היום, ישועות, ברכות און הצלחות. אַלס רעזולטאַט איז כולל שומרי החומות דאַן געוואָרן דער פאַרמעגליכסטער כולל אין ירושלים.

דער כולל האָט געגרינדעט און אַליין אויסגעהאַלטן מוסדות החינוך פאַר די בני הכולל, מיט ראשי ישיבות, רבנים און דיינים. דער כולל האָט געבויט אייגענע דירות און בניינים, די "אונגאַרישע הייזער" אויסער דער חומה פון אַלט-שטאָט. בעת דער ערשטער וועלט מלחמה איז דער אונגאַרישער כולל "שומרי החומות" געווען דער איינציגער כולל וואָס האָט געצאָלט פאַר זיינע חברי הכולל.

פאָרזעצונג קומט אי"ה






די באַקאַנטע "אונגאַרישע הייזער" אין מאה שערים, ירושלים



ביהמ"ד "כתב סופר" שע"י כולל שומרי החומות ביי די בתי אונגאַרן

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

**בחלום אדבר בו – די גילויים וואָס מ'האָט דעם חתם סופר אַנטפּלעקט אין חלום – געלאָזט מפנה זיין הגאון רבי מרדכי בנעט נאָכדעם וואָס ער האָט זיך באַוויזן צו אים אין חלום – דער חתם סופר באַווייזט זיך אין חלום צום ברעזשאַנער רב, דער מהרש"ם**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## ובחלום אדבר בו

**"דברי חלומות אין מעלין ואין מורידין" געפינען מיר מערערע מאָל אין חז"ל. "וחלומות השוא ידברו", זאָגט דער נביא.** (זכריה י, ב).

דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט אין אַלגעמיין. ביי פשוט'ע מענטשן. ביי צדיקים און יחידי סגולה געפינען מיר פאַרקערט. "אמר הקב"ה אע"פ שהסתרתי פני מהם, בחלום אדבר בו", זאָגט די גמרא אין חגיגה (ה' ע"ב).

גאַנצע ספרים וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אויף דער טעמע פון גילויים וואָס זענען געוויזן געוואָרן פאַר גדולים און צדיקים אין חלום. גילויים, און אפילו חידושי תורה און בירורי הלכה. גאַנצע ספרים פון תשובות און פסקי הלכות וואָס זענען פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן אין חלום זענען למעשה נתחבר געוואָרן דורך גדולי ישראל – פון דעם ספר "שאלות ותשובות מן השמים", פון איינעם פון די בעלי תוספות, ביז צו דעם ספר שאלות ותשובות "התעוררות תשובה", טאַקע פון חתם סופר'ס אייניקל הגה"ק רבי שמעון סופר, דער ערלויער רב זצ"ל הי"ד.

"ומי שמרגיל עצמו להיות כל מחשבותיו אמתיות גם יראה בלילה מראות אמת וידע העתידות כמו המלאכים" (ראשית חכמה, שער הקדושה, פרק י"ב).

"אנשי צדק", זאָגט דער חתם סופר, "חלומותיהם צודקים יותר, דאף על גב דאדם בעל בחירה, להרהר ביום מה שאיוותה נפשו, מכל מקום, אדם שכל מגמת מחשבותיו ורעיונותיו נתונים המה לה' ולתורתו הקב"ה מזמין לו הרהורים ביום באופן שיכול לגלות לו בלילה מה שנגזר למעלה, לטוב או למוטב". (חתם סופר על התורה, פרשת מקץ, עמ' רד).

## די הסתלקות פון רבי נתן אַדלער

אויף עטליכע ערטער דערציילט אונז דער חתם סופר וועגן אָפענע אַנטפּלעקונגען וואָס ער האָט געהאַט בהקיץ, און נאָך מער בחלום.

הגה"ק רבי נתן אַדלער, דעם חתם סופר'ס רבי, איז נסתלק געוואָרן ז"ך אלול שנת תק"ס. דעם חתם סופר האָט מען נישט געלאָזט וויסן ביז אַ חודש שפּעטער. דערציילט אָבער דער חתם סופר אין זיין הספד אויף אים פון ז"ך תשרי תקס"א וואָס מען האָט מן השמים אים גלייך מודיע געווען אין חלום:

"ואני בחלומי ראיתי מחומשת ספרים מלובשת שחורים. ושאלתי, 'מדוע שחורים לבושים?' והשיבוני, 'הלא ידעת מנהג עיר מולדתך פראַנקפורט ביום תענית ציבור מלבישים ספר תורה שחורים'. ואיקץ, והנה חלום. והנה האמת, כן מנהג פ"פ, אבל פתרון נודע לנו עתה, כי התורה היא מתאבלת על מות צדיק מורנ"א זצ"ל.... כי מי יגדור גדרה ומי יעמוד בפרצה, מי יתרץ שברים, מי יפרק הרים. אוי לנו שהחיינו לזמן הזה והגיענו הלילה לאכול בו מרורים". (דרשות חתם סופר ח"ב, דף שעב).

## אויף זיין מוטער: "דער רבונו של עולם האָט איר אַלעס מגלה געווען אין חלום"

אויף זיין מוטער די צדיקת רייזיל האָט דער חתם סופר געזאָגט: יעדע גרויסע געשעעניש האָט דער רבונו של עולם איר פון פאָראויס מגלה

געווען. אַזוי שרייבט זיין אייניקל אין "חוט המשולש". ער שרייבט אַז ער האָט דאָס געהערט פון הגאון רבי יודא גרינוואַלד אבדק"ק סאַטמאַר אין נאָמען פון רבי שמעון סופר און פון צוויי תלמידי חכמים וואָס האָבן דאָס אַליין געהערט פון חתם סופר.

"ואמר אח"כ אל בנו דודי זצ"ל: 'לא עשה ה' אלקים דבר גדול בעולם שלא גילה לאמי בחלום', כן הגיד לי מחו' חתן דודי הרב הגאון וצדיק מו"ה יודא גרינוואַלד נ"י אבדק"ק סאַטמאַר (וועלכער איז געווען אַן איידעם פון חתם סופר'ס זון רבי יוסף יוזפא) ששמע כן מפי דודי הגאון קדוש ה' מו"ה שמעון סופר זצ"ל אבדק"ק קראָקא. ואני הכותב שמעתי כזאת משני ת"ח מובהקים מתלמידי זקיני ז"ל שאמרו ששמעו כן מפי רבם הקדוש בעת שבאה השמועה שנפטרה אמו זצ"ל". (חוט המשולש עמ' יב).

די צדיקת רייזיל איז אַוועק י"ז אדר תקפ"ב. דער חתם סופר איז געוואויר געוואָרן דערפון ערשט אַ וואָך שפּעטער. אין אַ תשובה געשריבן ב' ניסן תקפ"ב צו הגאון רבי עקיבא איגר שרייבט דער חתם סופר (שו"ת יו"ד סימן שמ"ו): "ובאה אלי השמועה מאמי הצדיקת זצ"ל תנצב"ה הכ"מ, ובהתגולל בעפר קרני שבוע העברה עיינתי בדברי קדשו, ותמול קמתי, נתעוררתי היום להשיב ולצרף אליו כל מה שעיינתי בדברים אלו".

ווייטער אין חוט המשולש, אויף עמ' קל"ח, שרייבט דער בערעגסאַזער רב וואָס ער האָט געהערט פון צוויי עדים נאמנים, צוויי תלמידים פון חתם סופר וועלכע זענען אָנוועזנד געווען ווען עס איז צו אים אָנגעקומען די שמועה וועגן דער פטירה פון זיין מוטער. דער חתם סופר האָט זיך אָנגערופן: רבונו של עולם, אַלץ וואָס דו ווילסט טון ביסטו מיר פריער מגלה, נאָר דאָס האָסטו פון מיר פאַרהוילן. "רבונו של עולם, כל דבר שברצונך לעשות גילית לי מקודם, רק דבר זה הסתרת מפני". איינגערינגלט לייגט צו דער חוט המשולש, אַז אפשר מיינט ער ענינים וואָס זענען אים נוגע איז דער רבונו של עולם אים מגלה. "ואולי הי' כוונתו דברים המגיעים אליו גילה לו השי"ת".

## חלומות אין "ספר הזכרון" בעת דער נאַפּאָלעאָן מלחמה

ווי מיר האָבן שוין מער אויסשעפליך געשריבן אין קאַפּיטלען י"ט און כ' האָט דער חתם סופר פאַרפאַסט אַ ספר, "ספר זכרון", וואו ער פאַרשרייבט די געשעענישן פון די יאָרן תקס"ט-תק"ע, ווען נאַפּאָלעאָן'ס פראַנצויזישע אַרמייען האָבן באַלאַגערט און באַשאָסן די שטאָט פרעשבורג.

"והנה מראשית השנה כזאת נודע לנו ע"י חלומות מבהילים" שרייבט ער אין ספר הזכרון עמוד ג'.

אויף עטליכע ערטער אין די דרשות און אין די תורות שרייבט ער אַז די חלומות קומען אָפּט אַלס אַן אויפוואַכונג, מעורר צו זיין צו תשובה, לקדם פני הרעה דורך תשובה, תפילה און צדקה. זע צום ביישפּיל דרשות חתם סופר פון שנת תק"ס: "דוודאי כמה פעמים מודיעים לצדיק חלום רע כדי שיעמוד בפרץ" (דרשות חת"ס כרך א' דף ק"ל).

אָנהויב יאָר תקס"ט ווען ער האָט געהאַט די חלומות האָט ער נישט געוואָלט אָנוואַרפן אַ שרעק אויף דער אידישער באַפעלקערונג פון פרעשבורג. האָט ער געמאַכט אַ פדיון נפש פאַר דער גאַנצער קהלה אין געהיים, "וצרפתי עמי עשרה אנשים חשובים ורובם מתלמידי הנאמנים אשר לא יפרסמו הדבר" (עמוד ט"ו).

אַ ציטאַט פון ספר הזכרון: "הנה, בליל החותם הושענא רבה, אחרי ככלות אמירת תהלים כנהוג, ישנתי אז ינוח לי קצת, והראוני חלום מבהיל, וככה בליל שמיני עצרת. ולעת ערב, בהגיע תור שמחת תורה, ובית מדרשנו מלא מפה אל פה עם התלמידים, ששים ושמחים לעשות רצון קונם, ובהכנסי






הגה"ק רבי מרדכי בנעט זי"ע און זיין מצבה אין ניקלשבורג

אל תוך הפתח, והנה נפלה עששית דולקת מאליה, אשר היתה בשלשלאות וסגורה בתוכם, ונפל רק הזכוכית מלא שמן זית ונשתברה לפני רגלי, ויהי לפתע פתאום, ונבהלתי מראות, להיותי בלאו הכי עמוס מהחלומות שני הלילות, ולא גיליתי דבר ולא הראיתי פנים מעציבות".

## "דאָס הויז דאַרף שמירה"

נאָך דער פטירה פון חתם סופר'ס רעביצין הרבנית שרל ע"ה, די טאָכטער פון הגאון רבי עקיבא איגר, האָט זי זיך צו אים באַוויזן אין חלום און געזאָגט, "די שטוב דאַרף אַ שמירה". דער חתם סופר האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט ער זאָל נאָכאַמאָל חתונה האָבן.

"באתה אליו במראה ורמזה לו כי הבית צריך שמירה, לזאת נשא בשנת תקצ"ה אלמנת הגאון המובהק רבי צבי הירש העללער זצ"ל בעל טיב גיטין" (חוט המשולש).

## רבי מרדכי בנעט באַווייזט זיך נאָך זיין הסתלקות וועגן מפנה זיין אים פון ליכטענשטאַדט

הגאון רבי מרדכי בנעט, רב פון ניקלשבורג און הויפט רב פון מעהרן, איז געווען פון די גרעסטע גדולי הדור. אין זיין הספד אויף אים, געדרוקט אין דרשות חתם סופר, זאָגט דער חתם סופר: "גדול הדור, רבן של ישראל... ופרנס כל ישראל בתורה ויראת ה' וגדור גדריהם. מארי דכולא תלמודא לא הניח דבר גדול ודבר קטן... ובן יחיד לשכינתא".

הגאון רבי אברהם שאַג האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אַריין צו זיין רבי'ן דער חתם סופר און געזען ווי ער איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און באַמערקט אים אינגאַנצן נישט. פלוצים באַמערקט אים דער חתם סופר און זאָגט אים: "דו ווייסט פאַרוואָס איך בין אַזוי פאַרטראַכט? אין דריי וואָכן דאַרף איך זיך טרעפן מיט'ן גאון וצדיק הדור רבי מרדכי בנעט. ווען איך טראַכט אַריין כאַפּט מיך אָן אַ ציטער".

במשך פון 40 יאָר (תק"נ-תקפ"ט) איז רבי מרדכי בנעט געווען רב פון ניקלשבורג און הויפט רב פון מעהרין (טשעכיי). אין לויף פון די יאָרן האָבן הונדערטער, און אפשר טויזנטער, תלמידים געלערנט אין זיין ישיבה. ווען די רעפאָרמער האָבן אָנגעהויבן בושעווען איז ער געשטאַנען בראש פון אַלע מערכות פון יהדות החרדית. ער איז געווען פון די ערשטע צו

דעמאַסקירן דעם אמת'ן פרצוף פון אהרן חורין-חורינער און דעם זיוף פון דעם "בשמים ראש".

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געליטן אויף פאַרשידענע מיחושים. אין שנת תקפ"ט, אין עלטער פון 75 יאָר, האָבן דאָקטוירים אים געהייסן פאָרן קיין קאַרלסבאַד זיך היילן אין די בעדער און טרונקען די מינעראַל וואַסערן. דאָרט אין קאַרלסבאַד איז ער נסתלק געוואָרן י"ג אב תקפ"ט אין עלטער פון 75 יאָר.

דעם אַנדערן טאָג איז ער נקבר געוואָרן אין אַ קליין שטעטל ליכטענשטאַדט וואו עס האָט זיך געפונען דער נאָענטסטער אידישער בית עולם. ווען די איינוואוינער פון ניקלשבורג האָבן זיך דערוואוסט האָבן זיי פאַרלאַנגט מען זאָל אים מפנה זיין און אַריבערפירן קיין ניקלשבורג. ער האָט געהאַט פאַרלאַנגט, האָבן זיי געזאָגט, צו ליגן אָדער אין ניקלשבורג נעבן קברי אבותיו און נעבן דעם רבין רבי שמעלקא ניקלשבורגער, אָדער, אויב וועט זיין שווער אים צו פירן ביז ניקלשבורג, דאַן אין פּראַג נעבן דעם נודע ביהודה. רבי מרדכי בנעט איז געווען אַ תלמיד פון נודע ביהודה און פון רבי'ן רבי שמעלקא מניקלשבורג.

דערצו האָט רבי מרדכי בנעט'ס זון רבי נפתלי, וועלכער איז געווען מיט אים בעת דער הסתלקות אין קאַרלסבאַד, אויסגערופן קבל עם ועדה בשעת דער קבורה, אַז מען איז אים מטמין אין ליכטענשטאַדט בלויז על תנאי, און מען וועט אים שפּעטער מפנה זיין.

די איינוואוינער פון ליכטענשטאַדט האָבן אָבער געשריגן עלי ינוח צדיק את ראשו. זיי האָבן בשום אופן נישט ערלויבט אים מפנה צו זיין.

די דיינים פון ניקלשבורג און דער רב און די ראשי קהלה פון ליכטענשטאַדט האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דריי גדולי הדור: צו רבי עקיבא איגר, צום חתם סופר און צו רבי שמואל לאַנדאָ, פּראַגער רב, זון פון נודע ביהודה, און אָנצונעמען דעם פסק פון צוויי פון די דריי בתי דינים.

אין שאלות ותשובות חתם סופר ח"ו סי' ל"ז איז געדרוקט סיי די אינטערעסאַנטע שאלה צום חתם סופר מצד די דיינים פון ניקלשבורג און סיי די גאָר אינטערעסאַנטע תשובה פון חתם סופר צו זיי.

די ראַמען פון אַן אַרטיקל ערלויבן נישט אפילו אַ תמצית פון דעם משא ומתן. מיר וועלן בלויז ציטירן עטליכע פון די לשונות אין דער תשובה פון חתם סופר.

"והי' מדיינים אלו עם אלו ונתפשרו לקיים פסק דין מתרי מגו תלתא דייני ישראל, היינו מו"ח גאון פוזנא, וגאוני ק"ק פּראַג, ועשאוני סניף לאריות. ופר"מ כבודכם הציעו דעתם לפנינו חרות על הלוח בבקיאותם ועוצם ידם בתורת ה' בכח דהתירא ובקשו ממני לחוות דעתי העני' על כל האמור... הנה היתר דבר זה בנוי על ג' יסודות. א': שציוה קודם מותו בחליו וכן גילה דעתו בחייו שרצונו להקבר בק"ק נ"ש, והראה קבורתו ליום מועד אצל הגאון החסיד מו"ה שמעלקי זצ"ל, ומצוה לקיים דברי' ואין בזה משום נוול או בלבול עצמות. ב': שנקבר מבנו הרב המופלג מו"ה נפתלי על מנת לפנותו משם וכן התנה בשעת קבורתו שם. ג': גדולי משפחתו ואבות אבותיו קבורתם בק"ק נ"ש ונוח לאדם להקבר אצל אבותי'. ונבארם אחד לאחד".

נאָכ'ן מבאר זיין די הלכה'דיגע יסודות, און נאָכ'ן צונויפברענגען אַלע מקורות פון ש"ס ופוסקים ראשונים ואחרונים, ווייזט ער אויף וויאַזוי די ערשטע צוויי טענות זענען נישט גענוג מאַסגעבנד אויף מתיר זיין צו מפנה זיין. די עדות'שאַפט פון די ניקלשבורגער תושבים און אפילו פון די דיינים וועגן דער צוואה זענען נישט גענוג מוכרח וואָרום זיי זענען נוגעים בדבר. חוץ לזה: אויסדריקן אַ גרייטקייט צו ליגן אין פּראַג איז אַ גילוי דעת אַז ער איז גרייט געווען מוותר צו זיין אויף ליגן אין ניקלשבורג.



דער בית עלמין אין ליכטענשטאַדש

דאַקעגן די דריטע טענה, דער פאַקט אַז זיין זון האָט מכריז געווען ברבים אַז די קבורה אין ליכטענשטאַדט איז נאָר על תנאי, דאָס איז דוקא דער קלאָרסטער און שטאַרקסטער היתר אויף מעגן אים מפנה זיין.

נאָכ'ן פסק'ען להיתר שרייבט דער חתם סופר ווייטער: "איברא שבתי וראיתי במכתב הפשר ההוקם בין הקהלות דשם נאמר בטענת ק"ק ל"ש וז"ל, אונד מעהרערע מכשולים ח"ו לגבי עמינו ענטשטעהן קענען עכ"ל". די קהלה פון ליכטענשטאַדט שרייבט, זאָגט דער חתם סופר, אַז אויב מען וועט מתיר זיין מפנה צו זיין רבי מרדכי בנעט קענען אַנטשטיין מערערע מכשולות. וואָס עס זענען די מכשולות וואָס קענען אַרויסקומען שרייבן זיי נישט.

זאָגט דער חתם סופר: "והתבוננתי, כמדומה לי דאיכא למיחש לחטוטי שיכבי דרבתי בני עמינו. כידוע שברוב קהלות שבכמה מלכיות הוכרחו לחדש להם מקום קברות חוץ לעיר הרחק מאוד מאדם, וכל ישראל משתדלים בכל עוז להחזיק עכ"פ אדמת קודש הישנה לבל ישלטו בם ידי זרים ויעשה מהם מרעה או שדות בטענה שהוא נגד דת שלנו להוציא עצמות המתים מקבריהם, ויען כי מלכי חסד מגינים עלינו וחסים עלינו לבל יתבטל דת תה"ק, ועתה יאמרו התירו פרושים את הדבר ואם עצמות הגאון פינו מקבר לקבר מכ"ש עצמות משאר קברים, ואם אמת כן הוא בודאי אין זה כבודו של צדיק שיכשלו בו רבים, ואפשר שאר גאונים וצדיקים קבורים באים ויציאם מקברם ח"ו, ואם כן הוא אזי כבודו להיות במקומו מונח".

נאָכ'ן אויסדריקן אָט די רעזערוואַציע פירט דער חתם סופר אויס די תשובה, אַז נאָר אויב "אנשי חיל יראי ה' המבינים בדבר וישכילו על דבר טוב ואחר התבוננות האמיתי יאמרו שלא יארע מכשול ותקלה עי"ז, או אולי אפשר לעשות שום פעולה לזה בחצר המלך שיהי' הפירצה גדורה, אזי הדרן לקמיתא לפע"ד מצוה רבה עבדי, כן דעתי הפעוטה נוטה. ומ"מ אין לסמוך עלי בלי צירוף דעת אחרת ואז דרינא בהדייהו וחיים ושלום לכל ישראל ולרבנן עם הרמת קרני הצדיקים".

דער חתם סופר האָט קודם נישט געוואָלט אָפּשיקן די תשובה להתירא. איז ידוע די מעשה אַז רבי מרדכי בנעט האָט זיך באַוויזן צו אים אין חלום און אים געזאָגט, אַז היות ווי ער איז אַמאָל געווען אַ חתן אין ליכטענשטאַדט און האָט נאָך זיבן מאָנאַטן אָפּגעלאָזט דעם שידוך איז אויף אים נגזר געוואָרן צו ליגן זיבן מאָנאַטן אין ליכטענשטאַדט נעבן זיין געוועזענע כלה. מען זאָל נאָכקוקן וועט מען זען אַז ער ליגט נאָענט צו דער רביצין פון דעם רב פון ליכטענשטאַדט וועלכע איז געווען זיין געוועזענע כלה. נאָך די זיבן מאָנאַטן זאָל מען אָבער יאָ מפנה זיין גופו הטהור קיין ניקלשבורג.

די מעשה ווערט דערציילט אין חוט המשולש (דפו"ח דף קס"ו בהערה), הגם ער שרייבט נישט זיבן מאָנאַטן נאָר "כחצי שנה". די מעשה ווערט אויך געברענגט אין ספר "מרום הרי"ם", די תולדות פון הגה"ק רבי יחיאל מאיר מגאַסטינין. דער אַרויסגעבער פון דעם ספר, הג"ר יעקב חיים זעליג גאָלדשלאַג, שרייבט, אַז אין שנת תרל"ט האָט רבי יחיאל מאיר

מגאַסטינין אים דערציילט די מעשה לויט ווי רבי יחיאל מאיר האָט דאָס אַליין געהערט פון קראָקעווער רב הגאון רבי שמעון סופר, וועלכער האָט דאָס געהערט פון זיין טאַטן דער חתם סופר.

די מעשה ווערט אויך געברענגט אין ספר "יכבד אב" (אות רי"ט) אין נאָמען פון הג"ר ברוך בענדיט ליכטענשטיין זצ"ל, ווי ער האָט דאָס געהערט פון זיין טאַטן הרה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל.

אין דער הקדמה צום ספר "דרשות מהר"ם בנעט" ווערט די מעשה געברענגט אין נאָמען פון חתם סופר'ס תלמיד הג"ר אהרן דוד דייטש, דער בעל גורן דוד. רבי אהרן דוד האָט געהערט די מעשה פון בחורים אין דער ישיבה אין פרעשבורג וועלכע האָבן דאָס אַליין געהערט פון חתם סופר נאָכ'ן פאָרלערנען דעם שיעור. דער חתם סופר האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים אַז ער האָט קודם נישט געוואָלט מתיר זיין דאָס מפנה זיין רבי מרדכי בנעט. אָבער צום סוף האָט ער דאָס מתיר געווען ווייל רבי מרדכי בנעט האָט זיך צו אים באַוויזן. אַנדערע ווילן זאָגן אַז רבי אהרן דוד דייטש האָט נישט געזאָגט אַז ער האָט זיך באַוויזן בחלום נאָר בהקיץ. אויך רבי הלל קאָלאָמייער אין זיין ספר "מקרי דרדקי" (פ' חיי שרה) שרייבט "וקודם אור הבוקר בא אליו הגאון זצ"ל (רבי מרדכי בנעט) וראה אותו בהקיץ בפנים מאירות ומצהירות".

ביז מיט נישט לאַנג צוריק איז נישט געווען באַקאַנט וויאַזוי רבי עקיבא איגר און רבי שמואל לאַנדאָ האָבן גע'פסק'עט. אין קובץ "בית אהרן וישראל" איז אָבער געווען געדרוקט אַ תשובה פון רבי שמואל לאַנדאָ און זיין בית דין אין וועלכן זיי זענען נישט מתיר מפנה צו זיין רבי מרדכי בנעט פון ליכטענשטאַדט. מוז זיין אַז רבי עקיבא איגר האָט גע'פסק'עט אַזוי ווי זיין איידעם דער חתם סופר, ווייל למעשה האָט מען רבי מרדכי בנעט יאָ מפנה געווען קיין ניקלשבורג.

## זיך באַוויזן אין חלום צו זיינע קינדער, אייניקלעך, תלמידים און שפּעטערדיגע גדולי ישראל

זיינע קינדער און אייניקלעך, ווי אויך זיינע תלמידים און גדולי ישראל אין שפּעטערדיגע דורות, האָבן דערציילט און פאַרשריבן חלומות אין וועלכע דער חתם סופר האָט זיך צו זיי באַוויזן. די חלומות האָבן זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אמת און וואָר. אַלץ וואָס ער האָט זיי געזאָגט און מבשר געווען אין די חלומות איז מקוים געוואָרן.

מיר וועלן ברענגען איינע אַזאַ מעשה מיט אַן אייניקל און איינע פון אַ שפּעטערדיגן גדול בישראל.

ווען הגאון רבי יצחק יוחנן הכהן שטראַסער איז געווען אַנדערהאַלבן יאָר אַלט איז ער געווען מסוכן קראַנק ל"ע. די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפענונג. האָט זיין מוטער הרבנית שר'ל שטראַסער, די עלטסטע טאָכטער פון כתב סופר דערציילט, אַז ווען די דאָקטוירים האָבן זיך קאַטעגאָריש מייאש געווען האָט זי זיך גענומען מתפלל זיין און איינרייסן ביים רבונו של עולם, אַז אין זכות פון אירע הייליגע אבות, דער חתם סופר און דער כתב סופר, זאָל דאָס קינד ווערן אויסגעהיילט. האָט זי דערציילט אַז זי איז איינגעשלאָפן און דאָס געשטאַלט פון איר זיידן דער חתם סופר, וועמען זי האָט דערקענט פון ווען זי איז געווען אַ קליין קינד, האָט זיך צו איר באַוויזן און איר געגעבן אַ ברכה. דעם אַנדערן צופרי איז דאָס קינד אויפגעשטאַנען געזונט. (הקדמה צו ספר "דברי יצחק יוחנן").

## באַווייזט זיך אין חלום צום ברעזשאַנער רב, דער מהרש"ם

הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, דער בעל שבט הלוי, האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין ביי הגאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל איז אַמאָל אָנגעקומען קיין לובלין אַ חשוב'ער גאַסט אַ גרויסער גאון און אַן עלטערער איד הגאון רבי שלום שכנא טשאַרניאַק, וועלכער איז געהאַט געווען אַ נאָענטער תלמיד און מקורב פון דעם גרויסן גאון און פוסק הדור פון גאַליציע הגאון רבי שלום מרדכי הכהן שוואַדראָן, דער מהרש"ם מברעזשאַן זצ"ל.

רבי שמואל הלוי וואָזנער און אַנדערע בחורים פון חכמי לובלין זענען געגאַנגען צו אים הערן דברי תורה און עובדות און סיפּורים פון גדולי ישראל, ובפרט פון זיין רבי'ן דער מהרש"ם. האָט ער זיי דערציילט כהאי לישנא:

"אַמאָל האָב איך געדאַוונט שחרית מיט'ן מהרש"ם און געזען ווי ער ברענגט לעקיך און בראָנפן. ערשט האָב איך געמיינט אַז ער האָט יאָרצייט און ברענגט תיקון לעילוי נשמת פון אַ נפטר. ווען כ'האָב געזען אַז ער דאַוונט נישט פאַר'ן עמוד און זאָגט נישט קיין קדיש האָב איך פאַרשטאַנען אַז יאָרצייט האָט ער נישט. וואָס יאָ? פאַרוואָס האָט ער געברענגט אַ לחיים?"

"נאָכ'ן דאַווענען האָט דער מהרש"ם געגעבן לעקיך און בראָנפן. דער עולם איז דורכגעגאַנגען זאָגן לחיים. איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן, האָב איך געפרעגט פון ברעזשאַנער רב: לשמחה מה זו עושה? קודם האָט ער געפּרואווט מיך מדחה צו זיין און נישט געענטפערט. ווען ער האָט אָבער געזען ווי שטאַרק איך בין משתוקק צו פאַרשטיין, בבחינת תורה היא וללמוד אני צריך, האָט ער מיר געענטפערט: אַז דו ווילסט דוקא וויסן וועל איך דיר זאָגן. נעכטן האָב איך מתיר געווען אַן עגונה!".

"יעצט איז מיר די פלא געוואָרן נאָך גרעסער. 'אָבער רבי' האָב איך אים געפרעגט, 'דער רבי האָט דאָך שוין מתיר געווען טויזנטער עגונות. מה יום מיומיים? אויב דער רבי וועט געבן תיקון יעדעס מאָל וואָס ער איז מתיר אַן עגונה וועט ער מוזן געבן תיקון מדי יום ביומו".

"דער מהרש"ם האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ ליבשאַפט און מיר געזאָגט: 'כ'זע אַז דו ווילסט באמת וויסן – וועל איל דיר זאָגן. נעכטן האָב איך מתיר געווען אַן עגונה באַזירט אויף אַ געוויסן פשט אין אַ תוספות. ביינאַכט ווען כ'האָב מיך געלייגט שלאָפן איז געווען לבי נוקפי. ווער ווייסט צי דער פשט אין דעם תוספות איז אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זאָגן. אפשר האָב איך חלילה מתיר געווען אַן עגונה שלא כהלכה?"

"האָב איך אַזוי איינגעדרימלט. פלוצלינג זע איך אין חלום דעם גרויסן גאון רבי משה סופר, דער חתם סופר. ער באַווייזט זיך צו מיר און זאָגט: מען האָט מיך געשיקט פון הימל אייך צו לאָזן וויסן אַז דער פשט וואָס איר האָט געלערנט אין תוספות איז דער ריכטיגער פשט. איך האָב אויך אַזוי געלערנט דעם תוספות. איר דאַרפט גאָרנישט זאָרגן. דער היתר עגונה וואָס איר האָט געגעבן לויט דעם פשט אין תוספות איז אויסגעהאַלטן און ריכטיג. תנוח דעתך שכיונת לאמיתה של תורה".

"דערויף וואָס כ'האָב באַקומען אַ תשובה מן השמים וואָלט איך נאָך נישט געגעבן קיין לחיים. כ'האָב שוין מערערע מאָל געקראָגן תשובות מן השמים. אָבער דערויף וואָס דער חתם סופר האָט זיך בכבודו ובעצמו מטריח געווען מיך צו קומען מחזק זיין אויף דעם גיב איך לחיים". (אוצרות הסופר תשרי תשע"ב עמ' ק"ב; און הגאון רבי נפתלי גראָס שליט"א).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער
# חתם סופר

**חודש ניסן:** "כי גרשוני נשים צדקניות" – **ליל הסדר:** זיין געשטאַלט האָט געשיינט, זיין געזיכט האָט געלאָכטן, געשטראַלט מיט אַ געטליכער קדושה, אַז מען האָט אַזש נישט געקענט קוקן אין זיין הייליגע צורה – **מצה:** די איינציגע מצות עשה פון אכילה בזמן הזה – **די, און פיל אַנדערע, אינטערעסאַנטע ענינים פון חודש ניסן, יום טוב פסח און ליל התקדש החג**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## חודש ניסן

אָנגעהויבן שושן פורים האָט ער יעדן טאָג נאָך שחרית פאָרגעלערנט הלכות פסח, אין טלית און תפילין, פאַר זיינע תלמידים.

## "כי גרשוני נשים צדקניות"

אויף צוויי ערטער שרייבט דער חתם סופר אין זיינע תשובות אַז ער שרייבט די תשובות אָן דעם וואָס ער זאָל האָבן פאַר זיך ספרים אין וועלכע נאָכצוקוקן, ווייל די נשים צדקניות רייניגן אויף פסח און לאָזן אים נישט זיין אין ספרים צימער.

דאָס ערשטע מאָל שרייבט ער דאָס אין אַ תשובה וואָס האָט נישט קיין דאַטום. "והיותי חוץ לחדר לימודי, כי גרשוני נשים צדקניות המכבדות ליום טוב של פסח, על כן לא יכולתי להאריך ככל הצורך, ואתכם הברכה" (שו"ת חתם סופר או"ח קל"ו).

דאָס צווייטע מאָל שרייבט ער: "יום ד' ז' ניסן תק"פ... את חג המצות, יחוג בדיצות,... יקרת מכתבו הגיעני בימים האלו ימי טלטולא דגברא, דהני נשי דידן מפנים חפצים מזוית לזווית, אפי' ספרים אינם מוכנים לי לעיין..." (חת"ס, ליקוטי שו"ת, ח"ו סימן ל').

(ענליכס שרייבט דער נודע ביהודה, אין מהדורא תניינא, אורח חיים סימן נז: "הנה ביומי דניסן אני טרוד מאוד בטרדות הציבור העמוסים עלי, להורות לעם את הדרך אשר ילכו בה, ואת המעשים אשר יעשון בהלכות חג הפסח, אשר נפישין מיליה, ורבו השואלים, זה בא בכדו וזה בא בחביתו, ונוסף לזה אין לי מקום פנוי, ואני מטולטל מחדר לחדר ומזוית לזוית כי מגרדין הכתלים ומכבדין את הבית לכבוד החג, לכן אני בא בקצרה).

## שבת הגדול דרשה

שבת הגדול און שבת שובה האָט ער געדאַוונט גאַנץ פרי, ווי נאָר ס'איז געוואָרן טאָג, מיט אַ מנין ביי זיך אין בית המדרש אין שיעור שטוב. דערנאָך האָט ער געמאַכט קידוש. ביז דער שמש איז אים געקומען מודיע זיין אַז אין דער גרויסער שול פאַרענדיגט מען יעצט שחרית האָט ער זיך פאָרגעקוקט די דרשה.

דער ליקוטי חבר בן חיים שרייבט אַז דער חתם סופר פלעגט נעמען אַ חומש צום פענסטער און אַזוי זיך פאָרקוקן די דרשה. אַמאָל האָט פאַסירט אַז ער האָט איינגעדרימלט שטייענדיג אַזוי ביים פענסטער. דאָך, שרייבט דער ליקוטי חבר בן חיים, "לא חסר לו מזג הדרוש".

די דרשה האָט ער אין דער שול געהאַלטן פאַר קריאת התורה.

בשעת דער דרשה, שרייבט דער ליקוטי חבר בן חיים, פלעגט ער, פונקט ווי ביים פאָרלערנען דעם טעגליכן שיעור אין דער ישיבה, זיך אָפּשטעלן נאָך יעדן שטיקל און דער עולם פלעגט איבער'חזר'ן און איבערשמועסן צווישן זיך וואָס ער האָט געזאָגט: "כל סברא שאמר מנפשיה, וכל יישוב קושיא ושאר חידוש, מיד לאחר האמירה חזרו התלמידים דבריו בין כולם, ובמשך החזרה פלפלו התלמידים המופלגים עמו.... וכן היה אפילו בשעת הדרשה בבית הכנסת, הן באגדה הן בשמעתתא, כל דבר ודבר חזרו הקהל והתלמידים כמו בלימוד השיעור, ואשרי אוזן שמעה ואשרי עין ראתה אהבת התורה הזאת".

ס'איז דאַן נאָך נישט געווען איינגעפירט צו פאַרקויפן דעם חמץ ביים רב. פלעגט ער אין דער שבת הגדול דרשה פאָרלערנען און אָנווייזן וויאַזוי צו פאַרקויפן און וויאַזוי אויסצושטעלן דעם שטר מכירת חמץ.

אַזוי שרייבט ער אין שו"ת או"ח סוף סימן קי"א: "ומחוייב כל רב ומורה בכל שבת הגדול להורות העם איך יאמרו ואיך יעשו שטר קנינים המועילים כמו שאנו רגילים פה, וכל בני קהלתינו מוכרים בשטר המתוקן מתחת ידינו, ואפ"ה אני מזהירם ומלמדם בכל שנה, וכן נכון".

ביים אויספיר פון דער תשובה איז ער זיך מתרעם דערויף וואָס רבנים ווידמען נישט זייערע שבת הגדול דרשות הויפּטזעכליך צו הלכות פסח, אַז אַנשטאַט דעם זאָגן זיי פשט'לעך וועגן "שומר שמסר לשומר או קציצה".

אויך פלעגט ער אין דער שבת הגדול דרשה אָנווייזן וויאַזוי בודק צו זיין די סאַלאַטן פאַר מרור. ער פלעגט זאָגן, אַז ווער ס'קען דאָס נישט גוט בודק זיין זאָל נעמען כריין פאַר מרור.

"אמת נכון הדבר", שרייבט ער אין אַ תשובה, "מ"ש החכם צבי (סי' קי"ט) והכי נהגו כל רבותי זצ"ל ואנו נוהגים אחריהם. אך רגיל אני לדרוש בשבת הגדול מי שאין לו אנשים מיוחדים מסוימים בעלי יראה הבודקים ומנקים אותם מרחש תולעים קטנים הנמצאים מאוד מאוד בימי פסח ואינם ניכרים לחלושי ראות, ע"כ מי שאין לו בביתו מי שיבדקנו כראוי טוב ליקח התמכא שקורין קריי"ן, ואם הוא נמנה שלישי במשנה (פסחים ל"ט ע"א) והחסא הוא הראשון ומצוה מן המובחר, מ"מ חלילה להכשיל בלאו או בלאוין הרבה אפילו בספק משום קיום עשה דרבנן, דמרור בזה"ז דרבנן, ובפרט שאפשר לקיים שניהם ע"י תמכא שקורין קריי"ן, ואם יש רמז בחסא דחס רחמנא עלן, אנו נאמר דתמכא ר"ת תמיד מספרים כבוד א-ל".

די חסה וואָס איז געווען באַשטימט פאַר מרור פלעגן זיבן פון זיינע תלמידים בודק זיין. דערנאָך פלעגט ער עס אַליין בודק זיין. ("הליכות סופר" פרק א').

מענין לענין: אויף כרפס פלעגט ער נוצן צעלערי. אַזוי שרייבט ער אין שו"ת חת"ס, או"ח סי' קל"ב, סוף דיבור המתחיל ואודות: "באתי לעוררהו ע"ד שאר ירקות שהמציא מהרי"ל שיהי' כרפ"ס על רמז פרך ס', כמ"ש מג"א סימן תע"ג ס"ק ד', ומורי ורבי הגאון מו"ה נתן אדליר טרח ויגע לידע איזה נקרא כרפס הואיל ונפק מפומא דגברא רבא מהרי"ל, ומצא שנקרא ברוב לשונות אפי"א והוא הנקרא בלשון דייטש צעלי"ר, והוא נאכל כמות שהוא חי נטבל בחומץ, וכן אנו נוהגין אחריו. ונתתי סימנא מלתא, אפי"א ר"ת כמו א-ל פועל ישועות אתה".

דער מחצית השקל אין סי' תע"ג ס"ק ד' שרייבט: "ושמעתי מגברא רבה שהתוודע לו על פי החקירה בספרי הרפואות שכרפס הוא מה שאנו קורין צעללי"ר". ווער איז דאָס דער גברא רבא? איז אָנגענומען, אַז דאָס מיינט ער רבי נתן אַדלער וועלכער איז געווען רב אין באָסקאָוויץ אין די יאָרן תקמ"ג-תקמ"ד, ווען דער בעל מחצית השקל האָט דאָרט געוואוינט. דאָס ספר מחצית השקל איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין שנת תקס"ז.

ווי געזאָגט, שרייבט דער חתם סופר אַז מורו ורבו רבי נתן אַדלער האָט פעסטגעשטעלט אַז כרפס איז וואָס ווערט אויף אַסאַך שפּראַכן גערופן "אפי"א" און וואס ווערט אויף דייטש גערופן צעלי"ר. איז עס אינטערעסאַנט: אויף אַראַביש, און היינט איז דאָס לייכט פעסטצושטעלן, ווערט צעלערי (celery) גערופן "קאַראָפּסאַ", אָדער "קאַרפעס" (karfes), געוועהנדעט אין די דיאַלעקטן פון די פאַרשידענע אַראַבישע מדינות.

ווי דער חתם סופר שרייבט ווערט כרפס/צעלערי גערופן אפי"א אויף אַסאַך שפּראַכן. אַזוי הייסט עס טאַקע אין שפּאַניש: Opio. איז עס אינטערעסאַנט: אין עמדין סידור שטייט: "יקח אפי' פחות מכזית". אין אָריגינעלן ערשטן דרוק פון סידור בית יעקב עמדין איז געשטאַנען "אפיו". די שפּעטערדיגע אַרויסגעבער האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס וואָרט "אפיו" באַדייט האָבן זיי געמיינט אַז דאָס וואָרט איז "אפילו". אַז מען איז יוצא "אפילו" מיט ווייניגער ווי אַ כזית. האָבן זיי געשריבן אפי',

"אפילו" אין קורצן. וואָס האָט נישט קיין פשט. ווייל נעמען פחות מכזית איז דאָך לכתחילה, נישט אפילו.

## מצות

בלויז עטליכע אינטערעסאַנטע נאָטיצן וועגן מצות, אָן אַריינצוגיין אין די פּרטים, אין די הלכות און חומרות.

י"א ניסן פלעגט ער באַקן מצות פאַר זיך און דער משפחה. (אַזוי איז משמע אין שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב סי' ק"א פון יום ד' י"א ניסן תקפ"ח, וואו ער פירט אויס 'ויען נטרדתי היום באפיית מצות', דאָס זעלבע שרייבט ער אין חו"מ סי' קע"ז פון י"א ניסן תק"ץ, וואו ער שרייבט 'והנה יצאתי בחפזון להשיב בקיצור וביום אפיית מצה'). נעבן זיין פּריוואַטן בית המדרש האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלע מצה בעקעריי וואו נאָר דער חתם סופר פלעגט באַקן.

אַלע וואָס האָבן עוסק געווען אין באַקן זענען געווען לומדי תורה. דער חתם סופר האָט זיי גאָר גוט באַצאָלט, נישט וועלנדיג אויסנוצן חלילה קיין תלמידי חכמים. (חוט המשולש, ומנהגים פ"י אות ב').




די הגדה איז ספּעציעל געשריבן און געמאָלן געוואָרן פאַר'ן חתם סופר דורך ר' משה ב"ר נתן הכהן אין שנת תקע"ו. דער סופר און מאַלער שרייבט: "כתבתיה לשם הגאון הגדול מופת ויחיד הדור מופלא בכל מיני פליאות כש"ת משה סופר אב"ד ור"מ פרשבורג ויתנה לדורון לזוגתו הרבנית מרת שרל בת הגה"ג עקיבא איגר"

אויף עמוד קמ"ה שרייבט דער חוט המשולש וואָס דער חתם סופר האָט געזאָגט זיין (דעם בערעגסאַזער רב'ס) טאַטן, דער כתב סופר: זיינע הוצאות אויף די מצות באַטרעפן, האָט ער געזאָגט, "שני מאות זהובים". גאָר אַ גרויסע סומע בימים ההם. דעם חתם סופר'ס וועכנטליכער געהאַלט איז געווען 15 זהובים.

דער חתם סופר איז געווען דער אויפזעער און משגיח און פלעגט טיילן די טייגלעך פאַר די וועלגערער. (חוט המשולש עמ' קמה).

פון דעם אַריינגיסן וואַסער אין דער מעל ביז ווען די מצות זענען אַרויסגעקומען אָפּגעבאַקן פון אויוון האָט גענומען נישט מער ווי צווישן 2 און 3 מינוט. אַזוי שרייבט דער חתם סופר אין שו"ת חת"ס ח"ה השמטות סי' קצ"ו: "הנה אנחנו מקפידים שלא יהי' ולא ישהה מתחילת נתינת מים לקמח עד שתוציא המצה מהתנור אלא ב' או ג' מינוטין, אפילו ששיעור חימוץ הוא י"ח דקות".

אין יעדע מצה בעקעריי אין דער שטאָט פרעשבורג איז געווען געשטעלט אַ שטענדיגער משגיח אַ תלמיד חכם, און איבער די משגיחים זענען געווען געשטעלט משגיחים תלמידי חכמים וואָס פלעגן מאַכן פּלוצים'דיגע באַזוכן אין די בעקערייען עטליכע מאָל אַ טאָג. אַזוי שרייבט דער חתם סופר אין דער זעלבער תשובה: "בכל בית אפיית מצות עומד יומם ולילה משגיח אחד בן תורה המשגיח על העושים להישמר מכל מכשול, ועם כל זה תלמידי חכמים שבעירנו סובבים בכל יום פעמים פתאום בכל בתי אפיית מצות לראות מה ומי העושים והאופים, וכל דבר קשה אליהם יובילו והמה יורו יורו".

## בדיקת חמץ

זיין זון הגה"ק רבי שמעון סופר דערציילט וואָס ער האָט אַליין צוגעזען:

דער חתם סופר פלעגט אַליין בודק זיין יעדן צימער, יעדן שאַנק, יעדן שופלאָד און יעדן לעכל – אין הויז, אויפ'ן שטאָק, אין הויף און אין גאָרטן. ער האָט אַליין געזוכט און גענישטערט אפילו וואו ס'איז נישט געווען לפי כבודו, ווי צום ביישפּיל אין הינער שטייג, דער לול של תרנגולים, כאָטש ער האָט געהאַט זין און תלמידים וואָס זענען געווען גרייט דאָס צו טון.

## ערב פסח

דער חתם סופר איז געווען אַ בכור. האָט ער יעדן ערב פסח געפאַסט תענית בכורים. זיך נישט פאַרלאָזט אויף אַ סיום מסכת. נאָר אויף די עלטערע יאָרן, ווען ער איז געווען שוואַך, האָט ער מקיל געווען און געגעסן ביי אַ סעודת ברית אויב ער איז געווען מוהל. (שו"ת מהריא"ץ או"ח נב. זע אויך הג"ר יוסף נפתלי שטערן אין "שער יוסף" ריש דרשות חת"ס ח"ג לגבי די וואָס ווילן מפקפק זיין צי דער חתם סופר איז געווען אַ בכור).

ווי מיר האָבן שוין געשריבן ערב סוכות, אין קאַפּיטל ל"א, האָט דער חתם סופר יעדן ערב יום טוב געשאָכטן אַ בהמה לכבוד יום טוב אָפּצושיידן דערפון מתנות כהונה און ראשית הגז. "כי רגיל הייתי ליתן מתנות כהונה זרוע לחיים וקיבה לגיסי ז"ל בעל כהנת, וכן דרכי ממש בכל יום טוב לשחוט בהמה ולהפריש ממנה מתנות, וכן ראשית הגז, וכן עבד עובדא בפלתי". (שו"ת חת"ס יו"ד סי' ש"א).

## גרייטן דעם סדר טיש

ער פלעגט אַליין אָנרעכטן און צוגרייטן דעם סדר טיש, ווי ס'איז דער לשון פון שולחן ערוך: "יסדר שלחנו". זיין זון רבי שמעון סופר שרייבט אין מכתב סופר (ח"א, ק"י): "ודקדק להדרן בכל מיני הידור בזריזות נפלאה ובשמחה עצומה לקראת יום הקדוש". (פאַר דעם שרייבט דער מכתב סופר: "ראוי לכל ירא ה' לסדר שלחנו בע"פ אחר חצות ולדקדק בכוסות אשר ישים לפני כל א' מן המסובים שיהיו מכוונים בשיעורן ושלא יהי' פגומים").

אַלע כלים וואָס זענען געווען אויפ'ן סדר טיש זענען געווען פון זילבער. (חוט המשולש עמ' קמו). רוב זילבערוואַרג וואָס דער חתם סופר האָט פאַרמאָגט, זאָגט דער חוט המשולש (עמוד מא), זענען געווען בירושה פון זיין געוועזענעם שוואָגער רבי צבי הירש יערוויץ ז"ל, דער ברודער פון זיין רביצין בזיווג ראשון. אַ גאַנץ יאָר האָבן די זילבער זיך נישט געפונען אין שטוב ווייל ער פלעגט זיי פאַר'משכונ'ען פאַר צדקה. נאָר אויף פסח האָט ער זיי צוריקגענומען.

דער כוס של אליהו איז געווען העכער ווי אַלע בעכערס. קיינער האָט נישט געטרונקען דערפון. (לקוטי חבר בן חיים ח"ב). יום טוב ביינאַכט האָט ער קידוש געמאַכט אויפ'ן ווין פונעם כוס של אליהו, הואיל ואיתעבד ביה מצוה חדא ליתעביד ביה מצוה אחריתי.

דעם חתם סופר'ס אייגענער בעכער האָט געהאַט אַ באַזונדערס גרויסן

שיעור. די בעכערס פון זיינע קינדער, אפילו פון די ערוואַקסענע און פאַרהייראַטע, שוין נישט.

הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל דער בעל שבט הלוי, שרייבט: "שמעתי מהגאון הצדיק מוה"ר עקיבא סופר בעל דעת סופר זצוק"ל ששמע מזקנתו הרבנית הצדקנית של הכתב סופר שזכתה להיות כמה פעמים בליל הסדר אצל מרן החתם סופר וראתה שלפני החתם סופר היה כוס בשיעור גדול מאוד, כמין צנצנת, כשיטתו להחמיר בעניין השיעורים, אולם לכל המסובין ואף לבנו הכתב סופר היה כוס בשיעור הרגיל כמו שנוהגים העולם" (אוצרות הסופר טו, עמ' סד).

פאַר דער רעביצין, די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר, האָט ער געהייסן צוגרייטן אַ ספּעציעלן היסב בענקל. זי האָט זיך נוהג געווען בהסיבה. רבי שמעון סופר דער קראָקעווער רב שרייבט, אַז הגם בזמן הזה זאָגט דער רמ"א זענען נשים נישט נוהג בהסיבה איז אָבער מעגליך אַז אויך דער רמ"א איז מודה אַז אַן אשה חשובה ווי מיין מאַמע איז אַנדערש. "אולי גם הרמ"א ז"ל שכתב בסימן תע"ב ס"ד דבזמן הזה לא נהגו הנשים להסב, לא נתכוון אלא לסתם נשים. אבל באשה המפורסמת ונודעת בחשיבות כמו אמי מורתי ז"ל גם הרמ"א מודה".

## ליל התקדש חג

אַ גאַנץ יאָר האָט דער חתם סופר כידוע נישט אַרויסגעוויזן זיין אינערליך פלאַם-פייערדיגע התלהבות. זיין דרך אין עבודת ה' איז געווען בהצנע לכת עם ה' אלוקיך. באַהאַלטן, איינגעהאַלטן און רעזערווירט. ביים דאַווענען האָט ער אינערליך געקאָכט און געזידט ווי אַ קעסל. טייכן טרערן האָבן געפלאָסן פון זיינע אויגן. אָבער אַלץ שטיל און פאַרדעקט. לא ברעש ה'.

אַנדערש איז געווען פסח ביים סדר. אַלע הייליגע געפילן, די רגשות קודש וואָס זענען אַ גאַנץ יאָר כלפי חוץ געווען אונטערדריקט און פאַרדעקט, האָבן דאַן אויפגעריסן מיט אַ שטורעם און דראַנג פון פלאַם-פייערדיגער התלהבות.

זיין געזיכט האָט געשיינט. זיין געשטאַלט האָט געלאָכטן. געשטראַלט מיט געטליכער קדושה. עד כדי כך אַז מען האָט אַזש נישט געקענט אים קוקן אין פנים. אַלע אָנוועזנדע האָבן געזאָגט אַז ביים סדר האָט ער אויסגעזען ווי אַ מלאך אלוקים וואָס מען האָט ווירקליך נישט געקענט זיך איינקוקן אין דער הייליגער צורה.

ווען הרבנית הצדיקת חוה לאה, די טאָכטער פון רבי יצחק ווייס פון גאָרליץ, די רעביצין פון כתב סופר, איז געוואָרן אַ כלה, האָבן אירע צוקונפטיגע שוועגערינס, די טעכטער פון חתם סופר, איר געזאָגט, אַז ביים סדר לייכט און שיינט דאָס געזיכט פון חתם סופר אַזוי שטאַרק אַז עס איז ווירקליך אוממעגליך אים צו קוקן אין פנים. ווי זי האָט שפּעטער דערציילט האָט זי דאָס נישט געקענט גלויבן. זי האָט בײ זיך געטראַכט "די אונגאַרישע האָבן מסתמא ליב איבערצוטרייבן און מגזם צו זיין". דאָס קומענדיגע יאָר, נאָכ'ן חתונה האָבן און זיין דאָס ערשטע מאָל ביים סדר פון חתם סופר, האָט זי שפּעטער דערציילט, "האב איך טאַקע נישט געקענט אַ קוק טון אין זיינע אויגן, פונקט ווי איך קען נישט אין די זון אַריינקוקן". (הגה"ח רבי דוד מאיר ווייס ז"ל, מרשימות נכדו הרב יהושע העשיל קטינא שליט"א).

הגה"צ רבי אברהם יהושע פריינד דער נאַסוידער רב זצ"ל איז אַמאָל געגאַנגען באַזוכן דעם חתם סופר'ס טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן ע"ה צו הערן סיפּורים און הנהגות פון איר גרויסן פאָטער. האָט זי דערציילט, אַז אַ גאַנץ יאָר האָט זי געקענט קוקן אין דער צורה פון איר טאַטן – חוץ יום הקדוש ביינאַכט און ביים סדר נאַכט. "ער האָט געשטראַלט ווי איינע זאָנע". זיין פנים האָט געשטראַלט ווי די זון. (רבי בצלאל שטערן פון לאָנדאָן, אין ספר זכרון "באר מרים", ערלוי, עמ' נד. דאָס זעלבע האָט דערציילט הגאון רבי שמואל עהרנפעלד גאב"ד מאַטערסדאָרף זצ"ל. אויך אים האָט זיין מומע מרת שמחה לעהמאַן ע"ה דאָס דערציילט. גליון "בחצר הקודש" סקווירא, פר' ראה תשס"ה עמ' י').

## למען תספר באזני בנך

ביי די שבת'דיגע און יום טוב'דיגע סעודות פון אַ גאַנץ יאָר פלעגט דער חתם סופר שטאַרק מאריך זיין מיט דברי תורה און חידושים. אַנדערש איז געווען דער סדר נאַכט. ביים סדר האָט ער נישט געזאָגט קיין חידושי תורה. די חידושים האָט ער געלאָזט פאַר די סעודות פון חול המועד. ביים סדר האָט ער געזאָגט נאָר די הגדה. איבערגעטייטשט יעדעס וואָרט, עס מסביר געווען און דערציילט די ניסים פון יציאת מצרים פאַר די יונגערע קינדער און פאַר דער בני בית.

ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט נישט קיין חידושי תורה האָט ער געענטפערט אַז די מצוה פון פסח ביינאַכט איז צו דערציילן דעם סיפּור און די ניסים פון יציאת מצרים. וואָס מער מען פאַרציילט, וכל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח. איז ביים סדר נישט וויכטיג מחדש צו זיין חידושי תורה און דרשות נאָר צו דערציילן פאַר די קינדער און פאַר די בני בית פון יציאת מצרים.

פלעגט ער זיצן שעות ארוכות און רעדן צו די קינדער. טייטשן יעדעס וואָרט אין דער הגדה אין אַ לייכט פאַרשטענדליכער שפּראַך – ווי דער רמ"א זאָגט (סי' תע"ג ס"ו) "ויאמרו בלשון שמבינים הנשים והקטנים" – דערציילן און מסביר זיין די געשעענישן פון אידישן פאָלק אין מצרים און וויאַזוי זיי זענען געוואָרן אויסגעלייזט און אַרויס אויף דער פריי.

הלל און די פסוקים פון הודאה האָט ער געזאָגט בקול חוצב להבות אש. זיין שטימע האָט געדונערט און אָפּגעהילכט אויף דער גאַנצער גאַס. הגה"צ רבי יהודה גרינוואַלד זצ"ל שרייבט ("מנהגי החת"ס"): "שהגם שדרכו בקודש בפרט לעת זקנותו לומר הכל בחשאי בהתלהבות פנימי בדרך נפלא עד מאד", דאָך האָט ער חלקים פון דער הגדה געזאָגט מיט קולי קולות. זיין אייניקל אין הגדת חתן סופר עמוד קע"ב שרייבט: "שמעתי על קדוש זקיני החת"ס ז"ל דממרחק הרבה בשוקי בראי היה נשמע קולו בקודש מרוב רגשת רשפי אש שלהבת י-ה בעת אמירת הלל בלילה זה".

## מצה — די איינציגע מצוה פון אכילה בזמן הזה

די מצוה פון עסן מצה פסח ביינאַכט, זאָגט דער חתם סופר, איז די איינציגע מצות עשה פון אכילה וואָס איז פאַרבליבן בזמן הזה, היינט ווען מיר האָבן מער נישט די מצות פון עסן פסח, קדשים, תרומה און מעשר שני.

"מצות עשה של אכילת מצה משומרת בליל פסח הוא יחידה נשארת לנו מכל מצות שבכל התורה. אין לנו לא פסח ולא קדשים, לא תרומה ולא מעשר שני". (שו"ת חת"ס חו"מ סימן קצ"ו). דאָס זעלבע זאָגט ער אויך אין דרשות חת"ס ח"ב רנ"א.

וואָס דער חתם סופר מיינט צו זאָגן איז, אַז די מצוה פון עסן מצה איז

אַנדערש ווי די מצוה פון עסן אין דער סוכה די ערשטע נאַכט סוכות, אָדער די מצוה פון אכילת פת שבת און יום טוב לויט די וואָס האַלטן אַז ס'איז מן התורה, אָדער פון עסן ערב יום כיפור. ס'איז אַנדערש דערמיט וואָס די מצוה פון אכילת מצה איז די מצה גופא די "חפצא" פון דער מצוה, פונקט ווי קדשים. די ערשטע נאַכט סוכות איז אָבער נישט די פת די חפצא פון דער מצוה. די סוכה איז די מצוה. שבת און יום טוב און ערב יום הקדוש איז עס אַ חובת גברא צו עסן. דאַקעגן פסח איז די מצה די חפצה של מצוה. געגוי ווי קדשים בזמן הבית.

הגאון רבי שמעון סופר שרייבט אַז די מצה פלעגט ער עסן "בלב שמח ופנים צהובות בשמחה של מצוה" (מכתב סופר ח"א, ק"י).

## לחם עוני - די מצה רעדט און בעט זיך מען זאָל עס עסן

אויף דער דרשת חז"ל (פסחים לו ע"א): "לחם עוני, לחם שעונים עליו דברים הרבה" האָט דער חתם סופר געזאָגט: די מצה אַליין רעדט דברים הרבה. די מצה רעדט און בעט זיך מען זאָל עס עסן. (דרוש לפסח תקצ"ד, דרשות חתם סופר דף רע"ד).

דער גאַלאַנטער רב, הגה"צ רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל, האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: "פונוואַנען האָט דאָס אייגנטליך דער חתם סופר געוואוסט, אַ זאַך וואָס שטייט נישט אין ש"ס, נישט אין מדרש און נישט אין כתבי האריז"ל? ס'קען נישט זיין אַנדערש" – האָט דער גאַלאַנטער רב געזאָגט – "נאָר אַז דער חתם סופר האָט דאָס מרגיש געווען און געהערט ווי די מצה איז עונה די דברים הרבה און בעט ער זאָל עס עסן". (הקדמה לספר "אור פני יהושע", ירושלים תשכ"ה, עמוד ל').

## טעם פון עסן אייער ביים סדר: ט"ו ניסן איז געווען אַ טרויער טאָג אַלע יאָרן אין מצרים

נאָך אַ היסטאָרישן פאַקט וואָס דער חתם סופר איז מגלה, וואָס שטייט אויך נישט אין ערגעץ. ער האָט דאָס נאָר געקענט זאָגן מסוד ה' ליריאיו: דער חתם סופר זאָגט אַז אבות אבותינו, די פירער און גדולים פון אידישן פאָלק אין מצרים, ווי דער שבט לוי און אהרן הכהן, האָבן אַלע יאָרן געהאַט אַ מנהג אין מצרים צו עסן אַ ביצה, אַן איי, דעם פופצנטן טאָג פון ניסן. דער טאָג פון ט"ו ניסן איז ביי זיי געווען אַ טרויער טאָג, אַזוויי תשעה באב.

דאָס האָט זיך געגעומען דערפון וואָס אין דעם טאָג פון ט"ו ניסן איז אברהם אבינו נתבשר געוואָרן ביים ברית בין הבתרים די בשורה פון "כי גר יהי' זרעך" ווען אַן אימה חשיכה איז אים באַפאַלן; ט"ו ניסן איז שרה געגעומען געוואָרט צו פרעה; 15 טאָג אין ניסן האָט יעקב זיך געשטעלט פאַר פרעה ווען ער האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים, ווי דער חתם סופר ווייזט אויף דעם חשבון; דעם טאָג, 15 טאָג אין ניסן, האָבן זיך אָנגעהויבן די 86 יאָר פון קושי השיעבוד. אין דעם טאָג האָט פרעה געזאָגט תכבד העבודה על האנשים.

דער טאָג איז אָבער צום סוף נתהפך געוואָרן מאבל לשמחה, ווען אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן און אַרויס פון מצרים.

דאָס קען זיין דער טעם, זאָגט דער חתם סופר, פאַרוואָס מען עסט אַ ביצה פסח בייגאַכט ביים סדר. אַ זכר פאַר דער אבילות וואָס אידן האָבן דעם טאָג יאָרן לאַנג נוהג געווען אין מצרים. (דרשות לז' אב, דף שכ"ו. תורת משה רביעאי ט' באב, דף ק"ח).



הגדה של פסח "חתם סופר" דפוס לבוב תר"י

## די כזיתים

די צוויי כזיתים מצה האָט ער צוביסלעך צעקייט, און געלייגט אויף דער לינקער זייט פון מויל. ערשט ווען ער האָט געענדיגט צעקייען די גאַנצע צוויי כזיתים האָט ער אַלעס, די גאַנצע צוויי כזיתים, אויף איינמאָל אַראָפּגעשלונגען.

דאָס זעלבע האָט ער געטאָן ביים כזית מרור, ביי די צוויי כזיתים פון כורך און ביים אפיקומן. (ליקוטי חב"ח עמ' ש"צ, מנהגי חתם סופר פ"י אות י"ז).

אין זיינע חידושים אויף מסכת חולין (דף ק"ב ד"ה כי אתא) זאָגט דער חתם סופר אַז מצוה מן המובחר איז צו האָבן דעם גאַנצן שיעור אויפאיינמאָל אין מויל אָבער נישט אַראָפּשלינגען אויף איינמאָל: "באכילת מצה מצוה מן המובחר להכניסו בבת אחת לתוך פיו כפשטיה דקרא, דאכילה בבת אחת משמע, אבל אין צריך לבלוע בבת אחת וכו', אלא על כרחך אפילו מצוה מן המובחר ליכא בבליעה בבת אחת, אדרבה, משמע קצת בשמעתין דהויה שלא כדרך אכילה".

(הגרי"נ שטערן זאָגט אין זיינע הערות אַז מסתמא האָט דער חתם סופר געטאָן אַזוויי דער ליקוטי חבר בן חיים שרייבט און אַזוויי עס שטייט אין מנהגי חת"ס: בולע געווען אַלעס בבת אחת, ווי ס'איז משמע פון לשון פון מחבר אין סי' תע"ה "ביחד כזית מכל אחד").

(זע משנה ברורה דאָרט, סי' תע"ה ס"ק ט': "והסכימו האחרונים דצריך רק להכניס לפיהו את שני הזיתים בבת אחת ולרסקם, אבל אין מחויב לבלעם בבת אחת, אלא די שיבלע כזית בערך בבת אחת ואחר כך יבלע השאר, ובדיעבד אפילו בלע הכזית מעט מעט יצא, כל שלא שהה מתחילת אכילתו עד סופה יותר מכדי אכילת פרס").

## אַ טעם בשר אין אפיקומן

הגאון רבי שמעון סופר דער קראָקעווער רב זצ"ל האָט דערציילט, אַז ווען דער חתם סופר פלעגט אים געבן דעם אפיקומן האָט ער געשפּירט דערין אַ טעם פון פלייש, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען בשר פון קרבן פסח. (הגאון רבי חנוך העניך פּאַדווא אב"ד התאחה"ק לאָנדאָן זצ"ל וואָס האָט דאָס געהערט מזקן אחד אַ תלמיד פון רבי שמעון סופר, וועלכער האָט דאָס אַליין געהערט פון רבי שמעון סופר. "אוצרות הסופר" לאָנדאָן תשנ"ז).

נאָך אַ מקור איז דער ספר "אוצר ישראל" (ח"ב ער' קצ"ב) פון החסיד המפורסם רבי ישראל ראָזענצווייג, סופר סת"ם, מיקירי ירושלים. מיר ברענגען דאָס אין זיין אָריגינעלער לשון:

"בירושלים הי' אחד בשם ר' זלמן שידלאָווצער ז"ל, הוא היה חסיד מחסידי טריסק, למדן וחסיד בעל צורה ובעל קומה. בנסעו לארץ ישראל דרך קראָקא והתידד שם עם הרב רבי שמעון סופר זצ"ל, והתקשרו בקשר של אהבה, ושוחחו הרבה עניני חסידות, ובין הסיפורים סיפר לר' זלמן



**די האנט געשריבענע און באצירטע הגדה וואס דער חתם סופר האט געשענקט זיין רביצין הצדיקת שרל אלס מתנה**

ז"ל בזה"ל: ״יאמין לי כבודו, כי בליל סדר שחילק לנו האבא זצ"ל (החת"ס) כזיתים אפיקומן, הרגשנו טעם בשר ממש, ותפש בזקנו ואמר, הנני אומר, איך זאָג אייך ביי די באָרד, שכך היה. ר' זלמן ז"ל בעצמו סיפר זאת למו"ח ז"ל, זכותם יגן עלינו".

## דעם חתם סופר'ס קניידלעך

צוויי חסידים פון גאַליציע האָבן צוליב זייערע געשעפטן אַמאָל פסח זיך געפונען אין פרעשבורג. לויט טייל מקורות זענען דאָס געווען חסידים פון הייליגן צאַנזער רב, דער דברי חיים זצ"ל, און לויט אַנדערע מקורות זענען זיי געווען חסידים פון הייליגן שר שלום מבעלזא זי"ע.

זענען זיי געווען ביים סדר פון הייליגן חתם סופר, וועלכער האָט זיי געלאַדנט צו זיין זיינע אורחים אויף יום טוב. ווען ס'איז געקומען צו "שולחן עורך", האָט מען זיי, אַזוי ווי פאַר יעדן ביים טיש, געגעבן יויך מיט קניידלעך. היות ווי ביי חסידים עסט מען נישט קיין געבראָקטס זענען זיי געווען אין אַ פאַרלעגנהייט נישט וויסנדיג וואָס צו טון. האָט דער פון די צוויי וואָס איז געזעסן נאָענטער צום אויבן אָן, וואָס דער חתם סופר האָט אים געקענט זען, יאָ געגעסן. ווידער דער אַנדערער וואָס איז געזעסן ווייטער און דער חתם סופר האָט אים נישט געזען האָט באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון עסן די קניידלעך אָן דעם וואָס עמיצער זאָל דאָס באַמערקן.

ווען זיי זענען נאָך יום טוב אָנגעקומען קיין גאַליציע און זענען אַריין צו זייער רבי'ן האָט ער זיי אויסגעפרעגט אַלע פרטים פון יום טוב און פונעם סדר ביים חתם סופר. זיי האָבן אים אויך דערציילט וועגן די קניידלעך. האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו דעם וואָס האָט נישט געגעסן: "דו נאַר. האָסט דערלייגט אַ שטיקל קרבן פסח. אַז דער צדיק גיט, עסט מען!".

דער קול אריה איז אין עלטער פון 14 יאָר געווען אַ תלמיד פון חתם סופר און זוכה געווען צו זיין ביים סדר. ווען מען האָט געגעבן געבראָקטס ביים סדר איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט נישט וויסנדיג וואָס צו טון. ער איז געקומען פון אַ חסידי'שע שטוב אין דער צייט וואָס דער חתם סופר האָט זיך געפירט לויט דער מסורה פון אשכנז פון יאָ עסן געבראָקטס. זייענדיג אין אַ קלעם האָט ער זיך גענומען וויינען. דער חתם סופר האָט דאָס געזען האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט. האָט ער געזאָגט אַז ער ווייסט נישט וואָס צו טון וועגן אכילת שרויה, עסן געבראָקטס. האָט אים דער חתם סופר געזאָגט: "ביי מיר קענסטו עסן". אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. אָבער נאָר ביים חתם סופר. ווייל ער האָט אים געזאָגט "ביי מיר" קענסטו עסן.

## נרצה

נאָך דער ברכה אחרונה אויפ'ן פערטן כוס האָט ער געהייסן די נשים זאָלן גיין שלאָפן זיך אויסרוען פון זייער שווערער האָרעוואַניע לכבוד פסח. די קליינע מיידעלעך פון דער משפחה האָט ער אָבער געהייסן אויף-בלייבן, ווייל זיי פלעגן איבערזעצן אויף אידיש (דייטשמעריש אידיש) די דריי פיוטים פון "אדיר הוא יבנה ביתו", "אחד מי יודע", און "חד גדיא". (ליקוטי חבר בן חיים).

אויף חד גדיא פלעגט ער זאָגן וואָס זיין רבי, רבי נתן אַדלער, פלעגט דערציילן. די מעשה פון רבי'ן רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל וועלכער איז אַמאָל געווען אונטערוועגנס בעת דער מחלוקה מיט'ן עמדין און האָט געהערט ווי פּראָסטע מענטשן פחותי ערך רעדן אויף אים, נישט וויסנדיג אַז דאָס איז ער, דער רבי ר' יונתן.

האָט דער רבי ר' יונתן זיי געפרעגט זיי זאָלן אים מסביר זיין די מעשה פון חד גדיא. די שונרא, דער קאַץ, האָט פאַרציקט דעם גדי, די ציגעלע. קומט אויס אַז דער כלב האָט גוט געטאָן אַז ער האָט אים געביסן. ווידער דער שטעקן וואָס האָט אים געשלאָגן איז נישט געווען גערעכט, און דער פייער וואָס האָט פאַרברענט דעם שטעקן איז יאָ געווען גערעכט. דאָס וואַסער וואָס האָט פאַרלאָשן דאָס פייער איז ווידער נישט געווען גערעכט, דער אָקס וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער איז געווען גערעכט, דער שוחט וואָס האָט אים געשאָכטן איז נישט געווען גערעכט און דער מלאך המות וואָס האָט געטויט דעם שוחט איז יאָ געווען גערעכט. טאָ, לויט דעם חשבון פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם געשאָכטן דעם מלאך המות?

נו, וואָס איז דער ענטפער? האָבן אים די פאַרשוינען געפרעגט.

האָט דער רבי ר' יונתן זיי געענטפערט: אויב דער גדי מיט דער שונרא האָבן צווישן זיך אַ מחלוקה ווער בעט דעם כלב זיך אַריינצומישן? האָט דאָך דער הונט נישט גוט געטאָן. לויט דעם טויטש זיך דער גאַנצער חשבון. איז דער מלאך המות נישט געווען גערעכט, קומט זיך טאַקע אים צו שחט'ן, – וואָס דער רבונו של עולם וועט טון בקרוב און וועט שחט'ן דעם מלאך המות הוא יצר הרע.

האָט דער רבי רבי יונתן אויסגעפירט פון דעם קענט איר פאַרשטיין אַז אויב צוויי גדולים בתורה האָבן דיפערענצן און אַ שטרייט צווישן זיך דאַרפן פשוט'ע מענטשן זיך נישט אַריינמישן. ("תולדות והידושי רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ" ע' פב. ו"גדולת יהונתן" עמ' 262).

דעם סדר האָט ער געענדיגט צווישן 2:00 און 3:00 אַזייגער. דאַן זענען אָנגעקומען זיינע תלמידים און ער האָט מיט זיי און מיט זיינע קינדער געלערנט שיר השירים מיט פירוש רש"י. ער פלעגט זאָגן חידושים נפלאים וואָס זענען אים אויפ'ן אָרט איינגעפאַלן. כמעט ביז פאַרטאָגס האָט ער מיט זיי געלערנט. ווען די תלמידים האָבן געזען אַז ער הויבט אָן ווערן מיד און צו דרימלען זענען זיי זיך צעגאַנגען צו זייערע אכסניות. דער חתם סופר איז געבליבן דרימלען אויפ'ן היסב בעט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. (ליקוטי חבר בן חיים ריש ח"ג).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

נד

# דער הייליגער חתם סופר



"המערב דברי קבלה עם ההלכות הפסוקות חייב משום זורע כלאים... ולעומת זה המערב ספרי הגיון עם דברי תורה עובר על חורש שור וחמור יחדיו" – ווערטער פון חתם סופר וואָס האָבן ביי טייל אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג – מעגליך אַז זיי דרוקן אויס די קריטישע תקופה אין וועלכע ער האָט זיך געפונען – דער מיטל-פונקט אין דער אידישער געשיכטע צווישן צוויי היסטאָריש רוחניות'דיגע קריזיסן – דער סוף פון דעם כת ש"צ פאַלשן משיחיזם און דער אָנהויב פון מאָדערנעם היינטצייטיגן סעקולאַריזם

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "המערב דברי קבלה"

געוועזן גדולי ישראל פון לעצטיגן דור וואָס האָבן דעבאַטירט וואָס דער חתם סופר מיינט מיט אַ באַקאַנטע פראַזע וואָס ער נוצט אין איינעם פון זיינע תשובות.

אין איינעם פון זיינע תשובות נוצט ער אַ מליצה פון וואָס עס קען זיך דרינגען אַז מען טאָר נישט פסק'ען אַן הלכה אויב דער מקור שטאַמט פון זוהר, פון כתבי האר"י אָדער על פי קבלה.

אין שו"ת חתם סופר או"ח סימן נ"א שרייבט ער: "ויפה כתב פאר מעלתו על שכנגדו שהביא מכתבי האר"י, וכתב עליו פאר רום מעלתו 'עם נעלמים לא אבוא' יפה דיבר. וכן אני אומר, כל המערב דברי קבלה עם ההלכות הפסוקות חייב משום זורע כלאים, פן תקדש המלאה הזרע אשר תזרע, ולעומת זה המערב ספרי הגיון עם דברי תורה עובר על חורש שור וחמור יחדיו. ואם הוא מנהיג ישראל מנהיג בכלאים".

אויבן-אויף איז דער באַדייט אַז די הלכה קען נישט האָבן קיין שום שייכות מיט תורת הקבלה. די הלכה מוז זיין געבויט אויסשליסליך אויף ש"ס ופוסקים און טאָר בכלל נישט זיין פאַרבונדן מיט זוהר און קבלה.

האָבן זיך פילע געוואונדערט: דער שולחן ערוך און די נושאי כלים זענען דאָך פול מיט מנהגים און מקורות וואָס קומען פון זוהר, פון כתבי האריז"ל און פון די מקובלים?

דער חתם סופר איז דאָך געווען דער גדול הדור נישט בלויז בנגלה נאָר אויך בנסתר. הגם דער חלק הנסתר איז געווען באַהאַלטן, ווי ער שרייבט מערערע מאָל, ווי מיר וועלן באַלד זען, "אין לנו עסק בנסתרות".

נאָך מער: דער חתם סופר אַליין ברענגט עטליכע מאָל להלכה אין זיינע תשובות, פון זוהר הקדוש און פון כתבי האריז"ל. זע למשל ווי ער ברענגט פון זוהר אין שו"ת חתם סופר יורה דעה סי' רל"ג און סי' של"ז; אורח חיים סי' ל"ו. פון אר"י הקדוש אין שו"ת חת"ס ליקוטים סי' כ"ט; ח"ה השמטות סי' קצ"ב; ח"ז סי' ל"ד, נ"ד, און נאָך. פון עשרה מאמרות פון רמ"ע מפאַנו אין שו"ת חת"ס אבן העזר ב סי' י"ט; ח"ו ליקוטים סי' כ"ט; קובץ תשובות סי' מ'. פון מקובלים סתם אין שו"ת חת"ס או"ח סי' קע"ג קפ"ט; יורה דעה סי' שנ"ו; קובץ תשובות סי' פ"ה, און נאָך.

## הלכה און קבלה

דער שולחן ערוך און די נושאי כלים זענען דאָך פול מיט הלכות און מנהגים וואָס שטאַמען פון זוהר און פון קבלה. איז כדאי צו וויסן די כללים.

דער כלל, – ווען די פוסקים נעמען הלכות און הנהגות פון זוהר און פון קבלה – ווערט אַמבעסטן אַרויסגעברענגט אין מגן אברהם אין הלכות תפילין סימן כ"ה ס"ק כ'. מיר וועלן ציטירן דעם לשון פון משנה ברורה דאָרט אין ס"ק מ"ב וועלכער ברענגט דעם מגן אברהם:

"כתב הכנסת הגדולה בכללי הפוסקים, כל דבר שבעלי הקבלה והזוהר חולקים עם הגמרא והפוסקים הלך אחר הגמרא והפוסקים. מיהו, אם בעלי קבלה מחמירין, יש להחמיר ג"כ. ואם לא הוזכר בגמרא ובפוסקים, אף על פי שנזכר בקבלה, אין אנו יכולין לכוף לנהוג כך. ודין שאין מוזכר בהיפוך בש"ס ופסקים, יש לילך אחר דברי קבלה. וגם במקום שיש פלוגתא בין הפוסקים, דברי קבלה יכריע".

דער מגן אברהם, לויט ווי דער משנה ברורה איז מסביר, גיט פינף כללים:

א. אויב איז פאַראַן אַ סתירה צווישן ש"ס ופוסקים און צווישן דעם זוהר און די מקובלים: איז די הלכה ווי די גמרא און די פוסקים.

ב. טאָמער אָבער זענען די מקובלים מחמיר מעג מען חייש זיין לדבריהם און מחמיר זיין.

ג. צווינגען צו טון ווי די בעלי מקובלים קען מען אָבער נישט.

ד. אויב זאָגן דער זוהר און די מקובלים עפּעס וואָס ש"ס און פוסקים רעדן בכלל נישט דערפון זאָל מען טון ווי די בעלי מקובלים.

ה. אויב איז פאַראַן אַ מחלוקה צווישן די פוסקים זאָל מען מכריע זיין לויט דער דעה פון די בעלי מקובלים.

אָט איז דער לשון פון ערוך השולחן: "ודע שיש בענייני תפילין וכן בשארי מצוות מה שעושין ע"פ חכמת הקבלה, וכתבו הפוסקים כלל בזה דכשהגמרא והפוסקים מחולקים עם הזוהר הולכין אחרי הגמ' והפוסקים. ואם הזוהר מחמיר יכול מי שירצה להחמיר כהזוהר. ובדבר שלא נזכר בגמרא ודאי ראוי

לעשות כדברי הזוהר, אמנם אין כופין על זה" (ערוך השולחן סימן כ"ה סעיף כ"ט).

האָבן גדולי ישראל פון צוויי דורות צוריק און אויך פון לעצטיגן דור געפּרואווט מסביר זיין וואָס דער חתם סופר האָט געקענט מיינען מיט די ווערטער "כל המערב דברי קבלה עם ההלכות הפסיקות חייב משום זורע כלאים"

דער מונקאַטשער רב זצ"ל אין "מנחת אלעזר" (ח"ב סי' ע"ח אות ד') שרייבט, אַז דער חתם סופר האָט נישט געקענט מיינען נישט מערב צו זיין הלכה מיט קבלה. דער מגן אברהם איז דאָך פול מיט כתבי האריז"ל און דער בית יוסף און אַנדערע פוסקים ברענגען דאָך אַסאַך פון זוהר. וואָס דען, זאָגט דער מנחת אלעזר, דער חתם סופר שרייבט דאָס "בדרך צחות משום סיפיה דדבריו, שרצה להרעיש על המערבים דברי הגיון והשכלה, כמו שנראה שם, כן י"ל בע"כ. ובאמת לענין קבלה, ובפרט במקום שיש פלוגתא בין הפוסקים, בודאי הקבלה יכריע להלכה". דאָס הייסט אַז דער חתם סופר וויל בעיקר פאַרדאַמען די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פילאָזאָפיע און דברי הגיון, אויף וואָס ער נוצט די מליצה פון לא תחריש בשור וחמור. האָט ער ערשט גענוצט אַ מליצה פון כלאים אויף מישן הלכה מיט קבלה.

הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל אין שבט הלוי (ח"א סימן כ') איז חולק אויפ'ן מנחת אלעזר. הרב וואָזנער איז אָנגעפרעגט געוואָרן דורך הגאון רבי יששכר דוב גאָלדשטיין זצ"ל, בעל ליקוטי הערות על שו"ת חת"ס, וויאַזוי דער מונקאַטשער רב קען זאָגן אַז דער חתם סופר מיינט נאָר די סיפא, וועגן די ספרי הגיון, בעת די ערשטע העלפט, לגבי דברי קבלה, איז נאָר דרך אגב ומליצה. דער חתם סופר שרייבט דאָך די תשובה צו איינעם וואָס האָט געברענגט פון אריז"ל און אויף דעם באַציען זיך זיינע ווערטער. דוקא די צווייטע העלפט, דער "המערב ספרי הגיון עם דברי תורה עובר על חורש שור וחמור יחדיו", איז נאָר דרך אגב, משלים צו זיין די מליצה.

זאָגט הרב וואָזנער אַז דער חתם סופר מיינט טאַקע בעיקר דאָס מערב זיין קבלה מיט פסק הלכה. דער חתם סופר מיינט צו זאָגן אַז אויף דער אייגענער האַנט קען מען נישט מערב זיין נגלה מיט נסתר. דאָס האָבן נאָר געקענט טון די גדולי הפוסקים ווי דער בית יוסף, און אחרונים ווי דער מגן אברהם, וועלכע זענען געווען אַזוי גרויס סיי אין נגלה און סיי אין פנימיות התורה.

אַזויווי ע' פנים לתורה טראַכטן מיר לעניות דעתינו אַז פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיווע האָט דער חתם סופר בכוונה געמיינט טאַקעביידע: די רישא און די סיפא.

דער חתם סופר איז געווען דער מנהיג וגדול הדור, וגדול הדורות, אין אַ צייט ווען כלל ישראל האָט זיך געפונען אין אַ קריטישער עפּאָכע, אינמיטן דערינען צווישן די צוויי גרעסטע רוחניות'דיגע קריזיסן אין דער אידישער געשיכטע.

ס'איז געווען דער סוף פון אַ תקופה וואָס אַ גרויסער חלק פון אידישן פאָלק איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין דעם פאַלשן משיחיזם פון דער כת ש"צ, און דער אָנפאַנג פון דער תקופה פון רעפאָרם, ווען אַ גרויסער טייל פון אידישן פאָלק האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול תורה ומצוות און עווענטועל, ביז היינט צו טאָג, איז דאָס גרעסטע טייל פון אידישן פאָלק ליידער געוואָרן "פריי", אָדער ווי דאָס הייסט אין דער מערב וועלט "סעקולאַר", צי היינט אין ארץ ישראל וואו זיי רופן זיך "חילונים" ל"ע.

שבתי צבי און זיינע נביאי שקר שר"י האָבן פאַרפירט גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק דורך באַנוצן דעם זוהר און "קבלה" פאַר זייער שמד. דאַקעגן די ערשטע משכילים האָבן אָנגעהויבן זייערע "רעפאָרמען" מיט פילאָזאָפיע און דברי הגיון.

ס'איז געווען אַ שייד-וועג צווישן צוויי כפירה'דיגע באַוועגונגען. די ערשטע, די כת ש"ץ, באַזירט אויף מיסטיציזם און קבלה, און די צווייטע, רעפאָרם און השכלה, באַזירט אויף ראַציאָנאַליזם און וויסנשאַפט.

האָט דער חתם סופר זיך באַצויגן צו ביידע: "כל המערב דברי קבלה עם ההלכות הפסוקות חייב משום זורע כלאים, פן תקדש המלאה הזרע אשר תזרע, ולעומת זה המערב ספרי הגיון עם דברי תורה עובר על חורש שור וחמור יחדיו. ואם הוא מנהיג ישראל מנהיג בכלאים".

די תשובה אין אורח חיים נ"א, אין וועלכע ער שרייבט דעם "כל המערב דברי קבלה וכו' ולעומת זה המערב ספרי הגיון עם דברי תורה", איז פאַקטיש געשריבן געוואָרן צו אַ רב אין טריעסט, איטאַליע, וואָס איז ווי עס קוקט אויס געווען מער "אויפגעקלערט" און "ראַציאָנאַל", וועלכער האָט געהאַט אַ וויכוח מיט אַ צווייטן רב וואָס האָט זיך באַנוצט מיט ראיות פון קבלה. האָט דער חתם סופר צונישט געמאַכט די אויפפאַסונגען פון ביידע.

כלפי דעם מער "ראַציאָנאַלן" רב שרייבט ער: ""שלא ילעג עוד על מנהגי ישראל שנעלם טעמם ממנו, כי ממקור מים חיים הם נובעים, ורגיל אני לומר כל המפקפק על נימוסי' ומנהגנו צריך בדיקה אחריו. כי מי שתורתו אומנתו ויראת ה' חתולתו ובילדי נכרים לא יספיק, לא יתן לחטוא את בשרו", און לגבי דעם צווייטן שרייבט ער: "ויפה כתב פר"מ על שכנגדו שהביא מכתבי האר"י וכ' עליו פר"מ עם נעלמים לא אבוא".

## "אין לנו עסק בנסתרות"

אויף פופצן ערטער אין זיינע תשובות שרייבט דער חתם סופר "אין לנו עסק בנסתרות" זע אור"ח סי' נ"ה, קכ"ח, קמ"ה; קובץ תשובות סי' נ"ב נ"ח, און נאָך.

כאָטש ער נוצט די ווערטער אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, ווי למשל "סתרי תורה שאין לנו עסק בהם" (שו"ת או"ח סי' קכ"ב); "שאין לנו עסק בנסתרות בנפלא ממנו" (יו"ד סי' רפ"ז), און נאָך. דאָך ווייסן מיר, ווי מיר וועלן ברענגען אין אַ קומענדיגן אַרטיקל, אַז פּונקט ווי ער איז געווען דער גדול הדור אין נגלה איז ער דאָס אויך געווען אין נסתר. גענוג דאָ צו דערמאַנען וואָס הגאון רבי דניאל פרוסטיץ זצ"ל, דער פּרעשבורגער ראש בית דין, האָט געזאָגט ביי זיין הספד: "פעם א' אמר לנו בסוד כי אינו יודע בכל גאוני הזמן שהגיע והשיג כ"כ בחכמת הקבלה כמוהו"

## דער רבי ז"ע אין "דברי יואל" וועגן דעם זוהר וואָס דער חתם סופר ברענגט לגבי כיסוי ראש

אין שאלות ותשובות חתם סופר או"ח סי' ל"ו שרייבט דער חתם סופר: "והאמנם בארצותינו שהאומות יוצאות פרועות ראש ואמותינו לא יצאו, ונזהרו מאד, וחשו לדברי הזהר והקפידו ע"ז מאוד, אע"ג דאילו היינו עומדים למנין לקבוע הלכה היינו אומרים דאותה שורה מבוארת בש"ס להיתר, היינו ע"פ הערוך דלא כרשב"ם, ואין הלכה כהזוהר, מ"מ כיון שתפסו המנהג כהזוהר על זה כתב מהר"א שטיין מנהג עוקר הלכה, ונעשה הלכה קבוע דהיינו היכי דספרים חיצונים חולקים על הש"ס, וספרי חיצונים היינו מס' סופרים וכדומה או מדרש ופסיקתא והזוהר כא' מהם, אותו מנהג עוקר הלכה ונעשה הלכה רווחת בישראל ומייתי לי' מג"א סי' תר"ץ סקכ"ב ע"ש"

כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאַטמאַר ז"ע ברענגט אָט די תשובה פון חתם סופר אין "דברי יואל" פ' וישלח (עמ' קס"א) און זאָגט: "והחת"ס זלה"ה בתשובותיו בענין איסור שערות בפרוע ראש, סיים, ראוי לחוש להקללות הנכתבים בזה בזוה"ק, וידוע דאין מדרכו של רבינו בעל החת"ס להביא דברי הזוה"ק בתשובותיו, אלא ודאי המה דברים חמורים העומדים ברומו של עולם ואין לזוז מהם".

[פאָרזעצונג קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**חכם הרזים – איז ביי די 15 יאָר שוין געווען מער בקי אין קבלה ווי אַסאַך גרויסע בעלי מקובלים – בעלזער רב הגה"ק רבי ישׂשכר דוב זצ"ל: זיין יעדער פסק הלכה איז מכוון אויך על פי קבלה – כבוד אלוקים הסתר דבר – נישט געזאָגט די זמירות פון אריז"ל פאַר די סעודות שבת ווייל "עס איסט צופיל אַרויסגעזאָגט" – דער חתם סופר: "מי שכופר בנגלה על הנסתר, כופר בנסתר על הנגלה"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

**"ואתו החכמה והמדע בכל עוז ותושיה, הן בנגלה הן בנסתר, כל רז ממנו לא נעלם".** (דער ישמח משה אין אַ תשובה צום חת"ס. שו"ת השיב משה סימן ט"ז).

"כ'האָב געקענט אַ בחור פון נישט מער ווי 15 יאָר אַלט", האָט דער חתם סופר אַמאָל געזאָגט צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר, "וועלכער איז געווען מער בקי אין חכמת הקבלה ווי אַסאַך בעלי מקובלים".

נאָכדעם וואָס דער חתם סופר איז אַרויס פון צימער האָט רבי עקיבא איגר זיך אָנגערופן צו זיינע אַרומיגע, אַז ביי אים איז בלתי שום ספק אַז דער בחור איז געווען נישט קיין צווייטער ווי ער, דער חתם סופר אַליין. (חוט המשולש עמוד ל' בהערה).

זיין זון הגאון רבי שמעון סופר שרייבט: ווער ס'האָט פאַרשטאַנען האָט געקענט באַמערקן ווי זיין יעדער ריר און יעדע תנועה איז געווען מיט געוואַלדיגער דביקות בה' ובתורתו, על פי כתבי האר"י וזוהר הקדוש.

"וכן היתה מידתו של אאמ"ו זצ"ל זי"ע, כל מי שהיה מתבונן בדרכיו ראה כי תנועותיו בדביקות גדולה בה' ובתורתו עפ"י כתבי האר"י וזוה"ק, באופן שבני אדם הפשוטים לא הרגישו בו בשום השתנות ממנהג הציבור". (מכתב סופר יו"ד סימן כ"ח).

הג"ר יצחק לייב שרייבער זצ"ל פון לוגאַנאָ, זון פון הג"ר עקיבא סופר דער בעל דעת סופר, האָט דערציילט: "דער רבי (זיין פאָטער דער דעת סופר) האָט ערציילט וואָס דער חתם סופר האָט געזאָגט: קינדער איר זאָלט וויסן איך ווערדע נישט דעם טינטן פעסל אַוועקרוקן פון פלאַץ בלא סיבה וטעם". (ארחות הסופר פרק י"א).

ווי מיר האָבן געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט דער פרעשבורגער ראש בית דין הג"ר דניאל פרוסטיץ זצ"ל געזאָגט אין זיין הספד, אַז דער חתם סופר האָט אים אַמאָל מגלה געווען בסוד אַז ער קען נישט נאָך איינעם אין דעם דור וואָס איז בקי בחכמת הקבלה אַזוי ווי ער. (חוט המשולש עמ' קי"ב).

ובמקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו. אין אגרות סופרים (מכתב י"ד) איז פאַראַן אַ בריוו צו הגה"ק רבי יודא אָסאַד זצ"ל אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט צו אים "עתה בא לנסותי בדברים העומדים ברומו של עולם שאין לי יד ושם בהם", דאָך איז דער חתם סופר באַלד, אין דעם זעלבן בריוו, אים מגלה טפח פון זיינע געוואַלדיגע ידיעות בחכמת הנסתר.

אין ספר "זכרון למשה" איז פאַראַן אַ בריון פון פרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר דער בעל "דעת סופר" זצ"ל, וועלכער שרייבט אין נאָמען פון בעלזער רב, הגה"ק רבי ישכר דוב זצ"ל, אַז יעדע פסק הלכה פון חתם סופר איז מכוון אויך על פי קבלה. ענליכס שרייבט דער שימלויער רב זצ"ל אין "זכרון למשה".

## דער ספר "זכרון למשה"

אגב: דער ספר "זכרון למשה", וועלכער דינט ווי איינער פון די פילע פאַרלעסליכע מקורות פאַר אונזער סעריע, איז אַ ספר וואָס איז



הגאון רבי יוסף הכהן שוואַרץ זצ"ל הי"ד, בעל מחבר ספר "זכרון למשה"


ספר

זכרון למשה

משה סופר זצ"ל

יוסף הכהן שווארטץ

Tipografie VILHELM RUBINSTEIN Oradea

CENZURAT

שער בלאַט פון ספר "זכרון למשה" פון הגאון רבי יוסף הכהן שוואַרץ זצ"ל


ספר

דרך הנשר

ותורת אמת

נתן אדלר כהן צדק ז"ל

אברהם יהודה הכהן שווארץ

ספר "דרך הנשר", פון זיין ברודער הגאון רבי אברהם יהודה הכהן שוואַרץ זצ"ל

אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שנת תרח"ץ לרגל דער "יובל המאה", בעפאַר דער הונדערטסטער יאָרצייט צו דער הסתלקות פון חתם סופר.

דער אַרויסגעבער איז געווען הג"ר יוסף הכהן שוואַרץ זצ"ל הי"ד, ראב"ד גרויסוואַרדיין, זון פון מאַדער רב הגאון רבי נפתלי הכהן שוואַרץ זצ"ל, און אייניקל פון "קול אריה", הגאון רבי אברהם יהודא הכהן שוואַרץ זצ"ל אב"ד בערעגסאַז און מאַד.

די קינדער און אייניקלעך פון "קול אריה", די שוואַרץ משפחה המעטירה, זענען געווען, אין צוגאָב צו גדולים בתורה, אויך גרויסע קענערס און פּרוקטבאַרע שרייבער, מחברים און מוציאים לאור. די קינדער פון מאַדער רב הג"ר נפתלי הכהן שוואַרץ, רבי יוסף הכהן שוואַרץ און זיינע דריי ברודער, האָבן איטליכער, חוץ מחבר זיין ספרים בכל מקצועות התורה, אויך יעדער איינער פון די פיר ברודער אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערן תורה'דיגן ירחון אין אונגאַרן. "וילקט יוסף", "אור תורה", "לקט שושנה", און "הנשר". דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער איז געווען דער "וילקט יוסף", דער ירחון וואָס רבי יוסף הכהן שוואַרץ האָט אַרויסגעגעבן במשך פון צוואָנציג יאָר. די באַרימטסטע לומדים און גדולי התורה פון איבער אונגאַרן און אייראָפּע האָבן דאָרט פאַרעפנטליכט גאָר אינטערעסאַנטע תורה'דיגע מאמרים.

אין דעם ספר "זכרון למשה" האָט רבי יוסף הכהן שוואַרץ געדרוקט צענדליגער בריוו וואָס ער האָט צו דער געלעגנהייט געקראָגן פון גדולי הדור, קינדער און אייניקלעך, תלמידים און תלמידי תלמידיו, פון חתם סופר, וועלכע דערציילן עובדות און סיפורים, תורות און הנהגות פון הייליגן חתם סופר. דער ספר איז אַן אוצר בלום מיט רייכע ידיעות וואָס זענען דאָרט פאַרעפנטליכט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל.

רבי יוסף שוואַרץ, און אַ גרויסער טייל פון דער שוואַרץ משפחה – בראש מיט'ן שימלויער רב הגה"צ רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצ"ל, דער עלטסטער אייניקל פון קול אריה – זענען אומגעקומען אין אוישוויץ על קידוש השם, צוזאַמען מיט אַרום אַ האַלב מיליאָן אונגאַרישע אידן, גענוי מיט 80 יאָר צוריק, אין די ימי הספירה און חודש סיון פון שנת תש"ד. ה' ינקום דמם.

רבי יעקב הלוי הירש, אַ תלמיד פון חתם סופר (איבער וועמען מיר האָבן געשריבן אין דעם אַרטיקל וועגן הגה"ק רבי מאיר אַלמאַשער זצ"ל) שרייבט אין זיין ספר "המור דרור" וועגן זיין רבי'ן דער חתם סופר: "גם אחר שהאירה הארץ מכבודו ומלאה פני תבל מזיוו והודו, והאיש משה גדול מאוד, בכל זאת אפס קצהו ידעוהו וכולו לא ראו עוד, כי לא יאומן כי יסופר מגודל צדקתו תומתו וישרותו, ועל גביהן תורתו וחכמתו, סתרי תורתינו הקדושה היו גלויים לפניו באין דומה לו, ומעולם לא נשמע ממנו שהזכיר אף ספר אחד מספרי הקבלה. אך כאשר שמע מכתיבת הקמיעות אשר נכתבו וניתנו בזמנו, אמר כמצחק בעינינו שקטני תלמידי רבו מוהר"ן אַדלער זצ"ל אשר התאבקו תחת שולחן רבו היו גדולים בחכמה זו יותר מגדולי זמנינו אשר מתפארים בעינינו" (המור דרור בהקדמת ספרו).

## אין באָסקאָוויץ ביי הגה"ק רבי נתן אַדלער

אין שנת תקמ"ב איז הגה"ק רבי נתן אַדלער געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן פראַנקפורט און דייטשלאַנד. אין דער באַגלייטונג פון זיין תלמיד משה פראַנקפורטער, דער חתם סופר, וועלכער איז דאַן געווען 20 יאָר אַלט, האָט ער געוואַנדערט קיין באָסקאָוויטץ, אין מעהרין, וואו רבי נתן אַדלער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב.

דאָרט אין באָסקאָוויטץ האָט ער רבי נתן אַדלער אים איבערגעגעבן און מיט אים געלערנט סודות התורה, רזין דרזין, עמוקין וטמירין. אַזוי שרייבן זיין אייניקל דער חוט המשולש און אַנדערע.

"בבאָסקאָוויטץ שימש את רבו הן בנגלה והן בנסתר, כי היה צנוע ומעלי ורבו הקדוש מסר לו מסודות התורה. וכן נראה בעליל מפנקס הקמיעות אשר כתב ורשם לעצמו אשר הזכיר בו קבלתי ממורי". (חוט המשולש עמ' כט' ל').

## פנקס הקמיעות

וואָס איז דאָס דער "פנקס הקמיעות" וואָס דער חוט המשולש שרייבט "וכן נראה בעליל מפנקס הקמיעות אשר כתב"?

דער פנקס הקמיעות איז געווען אַ פנקס אין וועלכע דער חתם סופר האָט פאַר זיך פאַרצייכנט נוסחאות פון קמיעות און אויך אַנדערע ענינים וואָס האָבן צו טון מיט סתרי תורה.

איינער פון די ברודער פון דעם פריער דערמאַנטן הג"ר יוסף הכהן שוואַרץ אַרויסגעבער צווישן אַנדערן פונעם ירחון "וילקט יוסף" און פונעם ספר "זכרון למשה", האָט געהייסן הג"ר אברהם יהודה הכהן שוואַרץ, דער אַרויסגעבער פונעם תורה ירחון "פני הנשר", אָדער ווי מ'האָט דאָס אין קורצן גערופן "הנשר". רבי אברהם יודא האָט אויך פאַרפאַסט און אַרויסגעגעבן אַ ספר "דרך הנשר ותורת אמת", אַ ביאָגראַפיע און צונויפגענומענע חידושים, קורות והתנהגות פון דעם נשר הגדול הגה"ק רבי נתן אַדלער זצ"ל.

שרייבט רבי אברהם יהודה שוואַרץ אין "דרך הנשר" אַז ער האָט אַסאַך געהערט וועגן דעם ספר "פנקס הקמיעות" וואָס דער חתם סופר האָט געהאַט געשריבן אָבער האָט נישט באַוויזן צו זען דעם ספר: "הרבה מאמרים נאמרו לי על הפנקס הזה, יש אומרים שנכתבו בו חידושי תורה בנגלה ובנסתר ממרן רבי נתן אַדלער, וי"א שנכתב בו קבלה מעשיות מתהלוכותיו בקודש וקמיעות ממרנ"א, וצר לי מאוד כי לא יכולתי לבוא אליו" (דרך הנשר עמ' ל"ה).

הגאון רבי שמואל אליעזר שטערן שליט"א, רב, מו"צ ור"מ אין בני ברק, (מבית דינו פון בעל שבט הלוי זצ"ל), פון די גרויסע מומחים בימינו אויף די תולדות און תורות פון חתם סופר, שרייבט אַז אַן העתקה פונעם "פנקס הקמיעות" געפינט זיך היינט צו טאָג ביי איינעם פון די אייניקלעך פון חתם סופר. אין זיין ספר "סנה בוער באש", דף קל"ו הערה א', שרייבט הגרש"א שטערן שליט"א: "ראיתי העתק מפנקס הקמיעות ברשות אחד מיו"ח של מרן".

דער "פנקס הקמיעות" געפינט זיך פאַקטיש ביי אַ חשוב'ן אייניקל פון חתם סופר: הגאון רבי עקיבא לודמיר שליט"א, אבדק"ק חשב סופר פרעשבורג פון באָראָ פּאַרק, בעל מחבר פון די הערליכע ספרים "עקבי סופר" - פערלדיגע געדאַנקען, בירורים און ליקוטים בתורת מרן החתם סופר. אין "עקבי סופר" חלק ויקרא דף תע"ג דערמאַנט הגר"ע לודמיר שליט"א דעם פנקס הקמיעות און שרייבט אין הערה ב': "הפנקס הלז נמצא תחת ידי."

## אין מאַטערסדאָרף

זייענדיג רב אין מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר פיל עוסק געווען אין חכמת הקבלה. ער האָט דאָרט געהאַט כתבי יד אין תורת הנסתר וואָס זענען נאָך נישט געהאַט געדרוקט געוואָרן. צום ביישפיל אַ כתב יד אין קבלה פון הגאון רבי שמואל חיים ישעי'ס אבד"ק פראַנקפורט, ווי אויך כתבי יד'ן פון אַנדערע פריערדיגע מקובלים וואָס רבי שמואל חיים ישעי'ס האָט פאַרמאָגט.

הרב אברהם פייגעלשטאָק ז"ל פון ניו יאָרק, אַן איידעם פון אַן אייניקל פון חתם סופר, שרייבט אין זיין ספר "תולדות החתם סופר" אַז אין מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר געקויפט פאַר טייער געלט אַ קבלה ספר וואָס הייסט "אוצר החכמה", וואָס דער מחבר איז געווען המקובל האלוקי רבי יעקב ז"ל, בנו בכורו פון דעם שר וטפסר רבי יוסלמאַן פון רוסהיים.

אַן אייניקל פון חתם סופר וואָס האָט געהאַט כתב יד'ן וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן על דרך הקבלה האָט אַמאָל געברענגט די מאַנוסקריפּטן צו דעם גאון הגאונים פון פאַר דער קריג הגאון האדמו"ר רבי משה'ניו באָיאַנער זצ"ל הי"ד פון קראָקע. נאָכ'ן מעיין זיין אין זיי האָט רבי משה'ניו געזאָגט: "דער חתם סופר איז געווען נאָך גרעסער אין נסתר ווי אין נגלה". (קונטרס "עיר הגולה" ח"ב ע' ת"כ, געברענגט אויך אין "צנא מלא ספרא" פון הג"ר יודא הכהן שטראַסער שליט"א און הג"ר אהרן הכהן פערל שליט"א).

הגאון רבי זעקיל פּאָלאַק זצ"ל איז געווען פון די נאָענטסטע און באַליבסטע תלמידים פון חתם סופר. יעדע נאַכט נאָך חצות האָט דער חתם סופר געהאַט מיט אים אַ שיעור ביז פאַרטאָגס.

אַמאָל שמיני עצרת ביינאַכט ווען ער איז ווי זיין שטייגער געקומען אין ספרים שטוב פון חתם סופר באַלד נאָך חצות צו לערנען דעם שיעור האָט דער חתם סופר אים געזאָגט אַז היינט וועט ער לערנען עפּעס אַנדערש, נישט מיט אים דעם געהעריגן שיעור. ר' זעקיל האָט פאַרשטאַנען און האָט פאַרלאָזט דעם צימער.

רבי זעקיל איז געווען נייגעריג צו וויסן וואָס דער חתם סופר האָט געלערנט האָט ער צופרי ווען דער חתם סופר איז געגאַנגען אין שול דאַווענען שחרית זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם ספרים שטוב. האָט ער געזען אַז דער ספר אין וועלכע דער חתם סופר האָט געלערנט וואָס איז געלעגן אויפ'ן טיש איז דער ספר "ספרא דצניעותא" (הג"ר יוסף נפתלי שטערן זצ"ל, אַן אייניקל פון רבי זעקל פּאָלאַק, אין "רחובות קריה", די הקדמה צו דרשת חתם סופר).

## כבוד אלוקים הסתר דבר

טראָץ דעם וואָס זיין יעדער ריר איז געווען אויסגעהאַלטן על פי קבלה און טראָץ דעם וואָס כל ימיו האָט ער ווי געזאָגט עוסק געווען בקבלה, איז דאָס אַלץ געווען בסתר ובצנעה. חמוקי ירכיך בסתר. שטרענג מקפיד געווען נישט אַרויסצואווייזן און נישט עוסק צו זיין אין די זאַכן בפרהסיא. כבוד אלוקים הסתר דבר.

דעם דרך האָט ער ווייזט אויס מקבל געווען פון זיינע רבי'ס, דער בעל הפלאה, רבי נתן אַדלער, און זיינע אַנדערער רבי'ס.

באַקאַנט וואָס דער חתם סופר שרייבט אין אַ תשובה צום ישמח משה: "ולכן ראיתי רבותי הגאון הפלאה ז"ל ומורי החסיד שבכהונה מהו' נתן אדליר זצ"ל והגאון מהו' זלמן חסיד ז"ל שלא המשיכו עדה, מעיד אני עלי שמימי לא שמעתי מפי קדושי ישראל הנ"ל ספר הזוהר יוצא מפי קדשם בשום דרוש, ותלי"ת לא זזה ידי מתוך ידם ולא חסרתי פני מהם". (או"ח סימן קצ"ז).

אין שנת תקנ"א האָט דער חתם סופר געגעבן אַן הסכמה צו אַ מחזור הגדול וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין וויען. שרייבט ער אין זיין הסכמה אַז ער איז מסכים דאָס צו דרוקן נאָר מיט דעם באַדינג אַז אין דעם מחזור וועלן נישט געדרוקט ווערן קיין ענינים וואָס האָבן צו טון מיט קבלה און סתרי תורה. צווישן אַנדערן שרייבט ער: "ובתנאי שלא יבואו אל תוך המחזור שום דבר מסתרי תורה הנאמרים בחשאי ולא יראה החוצה".

## "עס איסט צופיל אַרויסגעזאָגט"

דער חתם סופר פלעגט נישט זאָגן די זמירות פון אר"י הקדוש וואָס מען



האדמו"ר רבי משה'ניו באיאנער זצ"ל הי"ד פון קראקא

זינגט פאַר די שבת'דיגע סעודות: "אזמר בשבחין", אסדר לסעודתא", און "בני היכלא". ווען זיין זון רבי שמעון סופר האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט דאָס נישט האָט ער אים געענטפערט: "עס איסט צופיל אַרויסגעזאָגט". דהיינו: ס'ווערן דאָרט אַנטפּלעקט צופיל ענינים וואָס דאַרפן זיין פאַרהוילן. (הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן אין דער הקדמה צו "מכתב סופר").

אין מנהגי חתם סופר (פ"ה ס"ו) ווערט געברענגט אַז ער פלעגט אויך נישט זאָגן "שלום עליכם" פרייטאָג צונאַכטס. אַזוי שרייבט אויך רבי פייבל פלויט אין לקוטי חבר בן חיים (ח"ג בהקדמה). דאָס צוליב דעם זעלבן טעם וואָס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (או"ח סי' ג' ס"א) אַז היינט זאָגן מיר נישט "התכבדו מכובדים", ווי דער בית יוסף ברענגט דאָרט פון אבודרהם ווייל ס'איז מיחזי כיוהרא, אָדער ווי דער טורי זהב זאָגט דאָרט (ס"ק א') אַז מיר האַלטן זיך נישט פאַר אַזעלכע יראי שמים אַז מלאכים באַגלייטן אונז.

אין זכרון למשה (מכתב ט' אות ה') צווייפלט ער אָבער אין דער ריכטיגקייט דערפון, אַז דער חתם סופר זאָל נישט האָבן געזונגען אָדער געזאָגט שלום עליכם פרייטאָג צונאַכטס, אַ מנהג וואָס איז אָנגענומען ביי גאַנץ כלל ישראל, אין דער צייט וואָס דער חתם סופר האָט לוחם געווען נישט מבטל צו זיין דעם מינדעסטן מנהג קטן וקל, אפילו אויב עס האָט נישט קיין שורש אין דער גמרא. (הגם דער מנהג פון שלום עליכם פרייטאָג צונאַכטס איז רעלאַטיוו נישט געווען אַלט. איז געוואָרן פאַרשפּרייט ערשט דורך די גורי האריז"ל).

הגאון רבי ישראל וועלץ זצ"ל ברענגט דאָרט אין זכרון למשה אין נאָמען פון מהר"ם שיק וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט זיכער אַז דער חתם סופר האָט יאָ געזאָגט דעם פיוט שלום עליכם פרייטאָג צונאַכטס. נאָר מחמת ענוותנותו פלעגט ער עס זאָגן שטיל בינו לבין עצמו, נישט הויך אויפ'ן קול.

## "ווער ס'איז אַ כופר בנגלה על הנסתר, איז אַ כופר בנסתר על הנגלה"

טראָץ זיינע באַמיאונגען אויסצובאַהאַלטן דעם חלק הנסתר אין דער עפנטליכקייט האָט ער שאַרף פאַרדאַמט די וואָס זענען מפקפק אין סתרי תורה. ווער ס'לייקנט אָפּן אין דעם חלק הנסתר פון דער תורה, פלעגט ער זאָגן, לייקנט בהסתר אין דעם חלק הנגלה פון דער תורה. אָט איז וויאַזוי זיין איינִיקל הג"ר שלמה סופר דער ברעגסאַזער רב דרוקט דאָס אויס:

"וכן היה רגיל לומר נגד אלו אשר מגנים את חכמת הקבלה הנסתרה, ואמר: מי שכופר בנגלה על הנסתר, כופר בנסתר על הנגלה" (חוט המשולש, עמוד קכ"ט).

דער חתם סופר אַליין שרייבט דאָס אין חידושי חת"ס אויף מסכת מגילה דף ל"ב. אויף דער מימרא פון רבי יוחנן פון כל האוחז ס"ת ערום נקבר ערום. שרייבט דער חתם סופר:

"אם אדם אומר שתורה הקדושה היא ערומה שלא נמצאים בה סודות, זה הוא אפיקורס גמור ר"ל, וכופר בעיקר ונקבר בלא מצוות... אלא ודאי הן סודות גדולות ונפלאות בכל קוץ וקוץ תלי תילים של הלכות גלויים ונסתרים, אשרי עין שזכה לראות מה שהוא בתורה ובמהרה יבוא משיחנו ויגלה עינינו בתורתנו ואז יראו עיניו וישמח לבנו ותגל נפשנו".

זע אויך דרשות חתם סופר דף קצ"ח.

דער הייליגער קאָמאַרנער זצ"ל שרייבט אין "שולחן הטהור" (סי' קכ"ח ס"ק ה'): "ועברין מקרי כל העובר על דברי הזוהר כמו כל דברי חז"ל, וכבר הסכימו בזה הרדב"ז, ומשאת בנימין, ובזמננו הצדיק מורנו הגאון רבי משה סופר מפרעשבורג".

דער אמת איז אַז כמעט יעדע פרשה אין חתם סופר על התורה איז פול מיט חידושים און רמזים על פי סוד. הגאון רבי יודא גרינוואַלד, דער סאַטמאַרער רב, בעל זכרון יהודה זצ"ל, שרייבט אין "שירת משה" (סאַטמאַר תרס"ח) אַז ביז שנת תקפ"ד פלעגט דער חתם סופר יעדן שבת פאַר שלש סעודות זאָגן דברי תורה על פי קבלה. ער האָט דאָס אויפגעהערט טון זעכצן יאָר פאַר זיין הסתלקות "כי היה חושש שאין העולם ראוי לכך".

דאָס זעלבע שרייבט אויך הגאון רבי יצחק ווייס ראב"ד ווערבוי זצ"ל אין "אלף כתב" (אות ש"פ). רבי יצחק ווייס האָט דאָס געהערט פון הגה"ק רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל, פּאַפּער דיין, אַ זון פון הגה"ק רבי מיכאל האָפמאַן זצ"ל, אַ תלמיד פון חתם סופר.

דער חתם סופר האָט געהאַט אַ תלמיד רבי נתן בנימין נטע וואָלף ליבער. ער איז שפּעטער, אין שנת תר"ז, געוואָרן דיין אין פרעשבורג, און אין שנת תרי"ח איז ער געוואָרן ראש בית דין. ער איז געווען גרויס אין קבלה. דער חתם סופר פלעגט שיקן דעם כתב סופר לערנען ביי אים קבלה. שרייבט רבי יצחק ווייס דאָרט אין אלף כתב אַז הגאון רבי משה יוסף האָפמאַן האָט אים געזאָגט אַז ווען דער חתם סופר האָט פאַר שלש סעודות געעונדן זאָגן תורה על פי קבלה און ס'איז שוין געווען טונקל האָט דער חתם סופר געפרעגט: "רבי נטע וואָלף איסט דאָ?"

ווי געזאָגט זענען זיינע חידושים על התורה פול מיט רמזים און חידושים פון קבלה. גאָר אָפט באַנוצט ער זיך מיט באַגריפן און רעיונות וואָס געפינען זיך נאָר אין ספרי קבלה. צום ביישפּיל:

"קבלתי ממ"ו הגה"ח נתן אדלער כץ זצ"ל, לפעמים הקב"ה מזמין לצדיק על ידי סיבות רבות שיעבור דרך פלוני כדי שיעבור לפני אילן פלוני או הר פלוני וכדומה, כדי לתקן בעברו שם ניצוצות המגולגלים שם, או כדומה. ובזה הבנתי טעם לטרוח טלטול המסעות של ישראל". (פרשת בהעלותך)

נאָך אויף דער טעמע פון קבלה און קבלה מעשית –
אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה